STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08368

LENIN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

די הײַנטיקע אויסגאַבע איז איבערגעזעצט פֿון דער ייִדישער אויסגאַבע פֿון מלוכה-פֿאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1945, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם
מאַרקס-ענגעלס-אינסטיטוט ביים צ. ק. אלקפּ(ב)

לענין

וולאדימיר איליטש

קורצע באשרייבונג פון זיין לעבן און טעטיקייט

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

LENIN WŁODZIMIERZ ILICZ

Krótki zarys życia i działalności

Okładkę projektował: I. REJZMAN

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa 1952 r.

Nr. zam. 433 Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w październiku Ark. druk 24,25
ark. wydaw. 20 papier dziełowy 61x86 V kl. 70 gr.
Druk. R S.W. „Prasa" W-wa, ul. Tarczyńska 8 3-B-32004

I

וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו (לענין) — דער גרינדער פונעם באָלשעוויזם און פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מלוכה, — איז געבוירן געוואָרן דעם 10־טן (22) אַפּריל 1870 יאָר אין דער שטאָט סימבירסק אויף דער וואָלגע (איצט אוליאַנאָווסק).

זיין פֿאָטער, איליאַ ניקאָלייעוויטש, האָט געשטאַמט פון מיעש־טשאַנעס פון דער שטאָט אַסטראַכאַן. נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און דעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט, איז ער אין משך פון פערצן יאָר געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין פּענזע און אין ניזשני־נאָווגאָראָד (איצט גאָרקי), פון 1869 יאָר אָן — אינספּעקטאָר און דערנאָך דירעקטאָר פון די פֿאָלקס־שולן אין סימבירסקער גובערניע. פאַר די לאַנגע יאָרן דינסט האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אַדל־שטאַנד. דאָס איז געווען אַ געבילדעטער, פּראָגרעסיווער רוסישער מענטש, וואָס האָט זיך מיט לייב־און־לעבן אָפּגעגעבן דער אויפקלערונג פון די פֿאָלקס־מאַסן. אַן אַרבעטזאַמער, ענערגישער, שטרענג ביי דער אַרבעט סיי צו זיך, סיי צו די אַרומיקע, אַ מענטש, וואָס האָט העכער פון אַלץ געשטעלט די אינטערעסן פון דער אַרבעט, האָט א. נ. אוליאַנאָוו געשטרעבט צו דערציען די דאָזיקע אייגנשאַפטן אויך ביי זיינע קינדער. ער איז געשטאָרבן דעם 12־טן יאַנואַר 1886 יאָר.

לענינס מוטער, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונע בלאַנק, איז געווען אַ דאָקטערס אַ טאָכטער. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע פרוי, אַ געבילדעטע, הויך קולטורעלע און קלוגע. זי האָט פאַרמאָגט גרויסע ווילנסקראַפט און אַ פעסטן כאַראַקטער. זי איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור סיי מיט דער רוסישער, סיי מיט דער אויסלענדישער, האָט גוט באַהערשט פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש, האָט זיך אַ סך פאַרנומען מיט מוזיק. אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן דער משפּחה, האָט זי אָנגענומען אַלע מיטלען צו דערציען

אירע קינדער אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין אָרנטלעכע, געבילדעטע, אידעיִשע מענטשן.

אַלע קינדער פון די אוליאַנאָווס זיינען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן: דער עלטערער זון אַלעקסאַנדער — אַ נאַראָדאָוואָלעץ; די איבעריקע, חוץ דער פרי־פאַרשטאָרבענער אָלגאַ, — אַננאַ, וולאַדימיר, דמיטרי, מאַריאַ — באָלשעוויקעס.

לענין איז געווען אַ לעבעדיק, זייער באַגאַבט קינד. צו פינף יאָר האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט לייענען. צו ניין יאָר איז ער אָנגעקומען אין ערשטן קלאַס פון דער סימבירסקער גימנאַזיע. אַדאַנק זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן און דער ערנסטער באַציִונג צו די לימודים האָט ער זיך געלערנט אויסגעצייכנט און פלעגט אַריבערגיין פון איין קלאַס אין אַנדערן מיט באַלוינונגען פון דער ערשטער מדרגה. ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע, האָט ער גוט געקענט לאַטיין, גריכיש, פראַנצויזיש און דייטש. וולאַדימיר איליטש האָט גוט געקענט אויך געשיכטע און ליטעראַטור. באַזונדערס האָט ער געהאַלטן פון יענע ליטעראַרישע ווערק, וואָס די העלדן זייערע האָבן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן, אייזנפעסטן כאַראַקטער.

זיין קינדהייט און יוגנט האָט לענין פאַרבראַכט אינעם וואָלגעקאַנט — אין סימבירסקער, קאַזאַנער און סאַמאַרער גובערניעס. דאָס זיינען געווען טיפיש פויערישע גובערניעס. דאָ האָט ער פון דער נאָענט געזען דאָס פויערישע לעבן, דעם דלות און די פינצטערניש, דעם אוממענטשלעכן יאָך און די רויבערישע עקספּלואַטאַציע, וואָס האָבן געהערשט אין דאָרף. ער פלעגט דאָ שטענדיק האָבן פאַרבינדונגען מיט אַרבעטס־מענטשן. ער האָט געזען, ווי באַגלייך מיט די רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן ווערן אונטערדריקט די פילצאָליקע נאַציאָנאַליטעטן — טשוואַשן, מאָרדווינער, טאָטערן און אַנד. שוין אין די יונגט־יאָרן האָט ער אָנגעהויבן האַסן די אונטערדריקונג, וואָס עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די אַרבעטנדיקע מאַסן, אָנגעהויבן האַסן דעם נאַציאָנאַלן יאָך.

לענינס לערן־ און יוגנט־יאָרן זיינען צונויפגעפאַלן מיט איינעם פון די פינצטערסטע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. די האָזיקע יאָרן האָט לענין שפּעטער אָנגערופן — פעריאָד פון „צעיושעטער, אומגעהייער זינלאָזער און חיהשער רעאַקציע".[1] דער

[1] לענין. ווערק, 4־טע אויפלאַגע, ב. 1, ז. 267.

צאַריזם האָט טריומפירט, ווען ער האָט צעגראַמירט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די 70־ער יאָרן. נאָך דעם, ווי די נאַראָדנאָוואָלצעס האָבן אין 1881 יאָר דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם II, האָט זיך די זעלבסטהערשערישע רעגירונג געאײַלט מאַכן צונישט אַפילו די נעבעכדיקע רעפאָרמעס פון די 60־ער יאָרן. די פולע מאַכט איבער די פויערים האָבן באַקומען די זיעמסקע נאַטשאַלניקעס, באַשטימט פון צווישן דעם אַדל. עס איז פאַרווערט געוואָרן נישט בלויז די דעמאָקראַטישע, נאָר כמעט די גאַנצע ליבעראַלע פרעסע. די רעאַקציע האָט געבושעוועט אויך אין די שולן; דאָס מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג, אָדער, ווי לענין פלעגט עס שפעטער אָנרופן, „מיניסטעריום פאַר פאָלקס־פאַרפינצטערונג", האָט געשטרעבט אויסצובילדן פון דער שטודירנדיקער יוגנט טרייע משרתים פון דער זעלבסטהערשונג. דער גרענעצלאָזער ווילקיר פון דער צאַרישער רעגירונג, די אַבסאָלוטע רעכטלאָזיקייט און די אומדערהערטע אונטערדריקונג פון די אַרבעטער און פויערים, דער ווילדער נאַציאָנאַלער יאָך, די פחדנות פון די ליבעראַלן און זייער עקלהאַפט קריכן אויף אַלע פיר פאַר די רעאַקציאָנערן — אָט דאָס איז דאָס בילד פון דעם דעמאָלטיקן רוסישן לעבן.

לענין האָט פרי אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם אַרומיקן לעבן, אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו די פּאָליטישע שמועסן פון די דערוואַקסענע. ער האָט אַ סך געלייענט און האָט שוין אין דער פריער יוגנט געהאַט איבערגעלייענט דאָס בעסטע, וואָס עס האָט געגעבן די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע פובליציסטיק אין רוסלאַנד. אין עלטער פון 14—15 יאָר האָט זיך לענין באַקענט מיט טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס דאַרף מען טאָן?", וועלכער האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. ער האָט אויך געלייענט דאָבראָליובאָווס און פּיסאַרעווס ווערק און אַנדערע ביכער, וועלכע מע האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר „פאַרווערטע". ער האָט גוט געקענט די פּאָעטן דעמאָקראַטן פון נעקראַסאָווס פּעריאָד.

אַ גרויסע ווירקונג אויפן יונגן לענין האָט געהאַט דער עלטערער ברודער אַלעקסאַנדער, מיט וועלכן ער האָט זיך שטאַרק געחברט. אַלעקסאַנדער איז געווען אַן ערנסטער בחור, וואָס האָט זיך שטרענג באַצויגן צו זיך און צו זײַנע פליכטן. ווען אַלעקסאַנדער איז זומערצייט אין די יאָרן 1885 און 1886, געקומען אויף די זומערפעריען אַהיים פון פעטערבורג, וווּ ער האָט זיך געלערנט אין אוני־

ווערסיטעט אויפן פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, האָט ער גע־בראַכט מיט זיך מאַרקס „קאַפּיטאַל". שוין דעמלט האָט זיך לענין אָנגעהויבן באַקענען מיט דעם דאָזיקן ווערק.

ביי לענינען האָט זיך פרי אָנגעהויבן אויסבילדן אַ פיינטלעכע באַציונג צו דער גאַנצער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אָרדענונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד. שוין אין די עלטערע קלאַסן גימנאַזיע איז ער געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. די דאָזיקע שטימונגען האָבן זיך געלאָזט פילן אין זיינע שול־אַרבעטן. אָפּגעבנדיק אים איינמאָל זיינע אַ שריפטלעכע אַרבעט, האָט אים דער גימנאַזיע־דירעקטאָר געזאָגט מיט אַן אומצופרידענעם טאָן: „וועגן וועלכע אונטערדריקטע קלאַסן שרייבט איר עס דאָ, וואָס פאַראַ שייכות האָט עס אַהער?"

אַן איבערברוך אין לענינס לעבן איז פאָרגעקומען אינעם יאָר 1887, ווען ער האָט זיך ענדגילטיק געשטעלט אויפן רעוואָלוציאָ־נערן וועג.

אָנהייב יאָר 1887 האָט די משפּחה אוליאַנאָווס געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. פאַר אָנטיילנעמען אין צוגרייטן דעם אַטענטאַט אויפן לעבן פונעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם III איז דעם 1־טן מערץ אַרעסטירט געוואָרן אין פּעטערבורג וולאַדימיר איליטשס ברודער — אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו. גלייכצייטיק איז אַרעסטירט געוואָרן אויך די עלטערע שוועסטער אַננאַ, וואָס האָט זיך אויך געלערנט אין פּעטערבורג.

אַ נאָענטער פריינד פון דער משפּחה אוליאַנאָווס — וו. וו. קאַשקאַדאַמאָוואַ דערציילט אין אירע דערינערונגען, וויאַזוי זי האָט, באַקומענדיק פון פּעטערבורג די ידיעה וועגן אַלעקסאַנדערס אַרעסט, אַרויסגערופן לענינען פון גימנאַזיע (ער האָט זיך דעמלט געלערנט אין לעצטן קלאַס — אין אַכטן), כדי זיך מיט אים אַן עצה צו האַלטן, וויאַזוי צוצוגרייטן מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ צו אָט דער שווערער ידיעה. דורכגעלייענט דעם בריוו, האָט לענין לאַנג געשוויגן, די ברעמען זיינען ביי אים צונויפגעצויגן געוואָרן. „ס'איז אָנטקעגן מיר געזעסן, — שרייבט זי אין אירע דערינערונגען, — שוין נישט דאָס פריערדיקע זאָרגלאָזע, לעבנסלוסטיקע יינגל, נאָר אַ דערוואַק־סענער מענטש, וואָס האָט זיך טיף פאַרטראַכט איבער אַ וויכטיקער פראַגע.

„דער ענין איז דאָך טאַקע אַן ערנסטער — האָט ער געזאָגט:— עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן פאַר סאַשען".

מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַס אַלע פּרוּוון צו ראַטעווען דעם עלטערן זון פון טויט האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט. ער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין דער שליסעלבורגער פעסטונג דעם 8־טן מאַי 1887 יאָר.

ווי נאָר עס איז באַוווּסט געוואָרן וועגן אַלעקסאַנדער אוליאַנאָווס אַרעסט, האָט זיך די גאַנצע סימבירסקער ליבעראַלע „געזעלשאַפט" אָפּגעטרייסלט פון דער משפחה אוליאַנאָוו; צו זיי האָבן אויפגעהערט צו קומען אַפילו די נאָענטסטע באַקאַנטע. אָט די אַלגעמיינע פּחדנות האָט געמאַכט אויפן יונגן לענין זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט דערקענט דעם אמתן ווערט פון דער ליבעראַלער פּלוידעריי.

דעם ברודערס טויט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף לענינס באַשלוס צו גיין מיטן רעוואָלוציאָנערן וועג. נאָר ווי גרויס עס איז נישט געווען די פּיעטעט צו דעם ברודערס העלדישקייט, האָט לענין שוין דעמלט געהאַלטן, אַז טעראָר איז נישט דער ריכטיקער וועג פון קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, ער דערגרייכט נישט דעם ציל. ווען לענין האָט זיך געהאַט דערוווּסט, אַז אַלעקסאַנדער נעמט אָנטייל אין אַ טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער געזאָגט: „ניין, מיר וועלן גיין נישט מיט אַזאַ וועג. נישט מיט אַזאַ וועג דאַרף מען גיין".

געענדיקט די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, איז לענין דעם 13־טן אויגוסט 1887 יאָר אָנגעקומען אויפן יורידישן פאַקולטעט פונעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט.

לענין האָט אינגיכן אָנגעקניפּט אין קאַזאַן פאַרבינדונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן און האָט אָנטיילגענומען אין אַ סטודענטיש קרייזל פון אַ „העכסט שעדלעכער ריכטונג", לויט דער אָפּשאַצונג פון דער צאַרישער אָכראַנקע. צווישן די סטודענטן האָט זיך לענין אויסגעטיילט אין אַלע הינזיכטן. ער איז געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט, ענערגיש, אָנגעלייענט, פלעגט מיט איבערצייגטקייט פאַרטיידיקן זיינע אָנשויונגען. אין אוניווערסיטעט איז לענין געווען אונטער אַ ספּעציעלער אויפזיכט פון דער זשאַנדאַרמעריע און פון דער אוניווערסיטעט־אַדמיניסטראַציע.

די צאַרישע רעגירונג האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אוניווערסי־

טעט-קאַטעדרעס זאָלן פֿאַרנעמען בלויז פּראָפֿעסאָרן רעאַקציאָנערן. זי האָט פֿאַרפֿאָלגט אַלע סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערס שטרענגע אויפֿזיכט איבער די סטודענטן; אַלע קרייזלעך און געזעלשאַפֿטן, אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו געבן מאַטעריעלע הילף, האָט מען חושד געווען אין אַנטירעגירונגס-צילן. פֿאַר אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונגען פֿלעגט מען די סטודענטן אַריינזעצן אין קאַרצער. די פּאָליטיק פֿון פּאָליציייִשע פֿאַרפֿאָלגונגען האָט אַרויסגערופֿן צווישן די סטודענטן שאַרפֿע פּראָטעסטן. די דירעקטע סיבה, וואָס האָט פֿאַרשטאַרקט די סטודענטישע אומרוען אין 1887 יאָר, איז געווען דאָס, וואָס מע האָט גענומען דורכפֿירן דעם רעאַקציאָנערן אַזוי גערופֿענעם „אוניווערסיטעט-סטאַטוט פֿון 1884 יאָר". סוף נאָוועמבער האָבן זיך אָנגעהויבן סטודענטישע אומרוען אין מאָסקווע, און זיי האָבן זיך זייער שנעל אַריבערגעוואָרפֿן אין דער פּראָווינץ. דעם 4-טן דעצעמבער 1887 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען אויך אינעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט. לענין האָט גענומען דעם סאַמע טעטיקן אָנטייל סיי אין די באַראַטונגען, וואָס האָבן צוגעגרייט די אַרויסטרעטונגען פֿון די סטודענטן, סיי אין די אַרויסטרעטונגען גופֿא. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט לאַנג נישט געטראַכט — אויף די סטודענטן האָט זיך תּיכּף אַ שאָט געטאָן אַ האָגל רעפּרעסיעס. אין דער נאַכט פֿון 4-טן אויפֿן 5-טן דעצעמבער איז לענין אַרעסטירט געוואָרן אין זיין וווינונג; גלייכצייטיק זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויך אַ ריי אַנדערע אַקטיווע אָנטיילנעמער און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטישער באַוועגונג.

— „וואָס בונטעוועט איר, יונגערמאַן? עס שטייט דאָך אַ וואַנט פֿאַר אייך", — האָט געזאָגט צו לענינען דער פּריסטאַוו, וואָס האָט אים באַגלייט צו דער טורמע.

— „אַ וואַנט, אָבער אַ פֿוילע, גיב זי אַ שטויס — און זי פֿאַלט זיך פֿאַנאַנדער", — האָט געענטפֿערט לענין.

אין טורמע זיצנדיק, האָבן די סטודענטן זיך איינמאָל צונויפֿגעקליבן און אָנגעהויבן פֿרעגן איינער ביים צווייטן, וואָס וועלן זיי טאָן, ווען מע וועט זיי באַפֿרייען. ווען די ריי איז דערגאַנגען צו לענינען און מע האָט געפֿרעגט ביי אים: „נו, און דו, אוליאַנאָוו, וואָס טראַכסטו צו טאָן דערנאָך?" — האָט ער געענטפֿערט, אַז פֿאַר אים איז דאָ נאָר איין וועג — דער וועג פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דעם 5־טן דעצעמבער איז לענין אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון אוניווערסיטעט, און אין צוויי טעג אַרום, דעם 7־טן דעצעמבער 1887 יאָר, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דאָרף קאָקושקינאָ, קאַזאַנער גובערניע, אונטער געהיימער פּאָליציי־אויפֿזיכט. דאָרט האָט זיך אויך באַזעצט זיין שוועסטער אַננאַ איליניטשנאַ — די פֿאַרשיקונג קיין סיביר האָט מען איר פֿאַרביטן אויף אָפֿענער פּאָליציי־אויפֿזיכט.

אַזוי האָט דער זיבעצניאָריקער לענין אין דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשונג אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערן וועג. פֿון דעמלט אָן האָט לענין זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, צו באַפֿרייען די אַרבעטנדיקע פֿון יאָך און עקספּלואַטאַציע.

די צאַרישע אָכראַנקע האָט אויף איר שטייגער אָפּגעמערקט דעם אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פֿונעם זיבעצניאָריקן לענין. די זשאַנדאַרמען האָבן מיטגעטיילט דעם קאַזאַנער גובערנאַטאָר, אַז לענין, וואָס איז אַרויסגעשיקט אין דאָרף קאָקושקינאָ, האָט „גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין אָרגאַניזירן רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך צווישן דער קאַזאַנער שטודירנדיקער יוגנט”. דעם 27־טן דעצעמבער 1887 יאָר איז איבער אים איינגעשטעלט געוואָרן אַ כסדרדיקע געהיימע אויפֿזיכט מצד די פּאָליציייִשע שפּיקן. פֿון דעמלט אָן האָט די זשאַנדאַרמעריע נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון לענינען און פֿון דער גאַנצער משפּחה אוליאַנאָוום. וועגן יעדן טראָט לענינס זיינען געפֿלויגן פּאָליציייִשע מיטטיילונגען אינעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

ביי אַ יאָר צייט האָט לענין פֿאַרבראַכט אינעם קליינעם, פֿאַרוואָרפֿענעם דערפֿל. ער האָט אַ סך געלייענט און האָט זיך פֿלייסיק פֿאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. שוין דעמלט האָט לענין אַרויסגעוויזן די פֿעיִקייט סיסטעמאַטיש צו אַרבעטן לויט אַ שטרענג דורכגעטראַכטן פּלאַן. פֿון די פֿריִע יוגנט־יאָרן אָן האָט ער עקשנותדיק אַנטוויקלט אין זיך אַ קאָלאָסאַלע אַרבעטס־פֿעיִקייט.

אָנהייב אָקטאָבער 1888 יאָר איז לענינען דערלויבט געוואָרן אַריבערצופֿאָרן קיין קאַזאַן, וווּ עס האָט געוווינט זיין מוטער מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט די ייִנגערע קינדער. אָנקומען אין אוניווערסיטעט האָט מען אים אָבער נישט דערלויבט. ווען לענין האָט זיך

געוועגדעט מיט אַ ביטע, מע זאָל אים דערלויבן אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד, כדי דאָרט פֿאָרזעצן זיין בילדונג, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פֿאָרגעלייגט דעם גובערנאַטאָר: „קיין אויסלענדישן פּאַס נישט אַרויסגעבן אים".

אין קאַזאַן האָט זיך לענין באַקענט מיט אָנטיילנעמער פֿון פֿאַרשידענע אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. מאַרקס ווערק, אין אָריגינאַל און איבערזעצונג, פּלעכאַנאָווס ביכער, וואָס זיינען געווען געווענדעט קעגן דעם פּאָלקיזם, — באַזונדערס „אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן", — פֿלעגט מען אין אָט די קרייזלעך לייענען און היים באַהאַנדלען זיי. אין די פּאָליצייאישע ראַפּאָרטן איז אויפֿן גרונט פֿון דער געהיימער אויפֿזיכט איבער לענינען, געזאָגט געוואָרן, אַז ער „האָט אַ שעדלעכע ריכטונג", פֿירט „באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿאַרדעכטיקע פּערזאָנען".

האַרבסט 1888 יאָר האָט לענין אָנגעהויבן ערנסט צו שטודירן קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל". דאָס דאָזיקע בוך האָט געמאַכט אויף אים אַן אומגעהייער שטאַרקן איינדרוק. „מיט גרויס היץ און באַגייסטערונג — שרייבט א. אי. אוליאַנאָווא־יעליזאַראָווא אין אירע דערינערונגען, — האָט ער מיר דערציילט וועגן די יסודות פֿון מאַרקס טעאָריע און וועגן יענע נייע האָריזאָנטן, וועלכע זי אַנטפּלעקט... פֿון אים האָט ממש געאָטעמט מיט מונטערן גלויבן, און דער גלויבן פֿלעגט זיך איבערגעבן אויך די מיטשמועסער. ער האָט שוין דעמלט געקאָנט איבערצייגן און מיטרייסן מיט זיין וואָרט. שוין דעמלט האָט ער, בעתן שטודירן עפּעס, בעתן אויסגעפֿינען נייע וועגן, נישט געקאָנט נישט טיילן זיך דערמיט מיט אַנדערע, נישט ווערבירן זיך קיין אָנהענגער. אַזוינע אָנהענגער, יונגע מענטשן, וואָס האָבן אויך שטודירט מאַרקסיזם און זיינען געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט, האָט ער אינגיכן געפֿונען אין קאַזאַן".[1]

צו יענער צייט טאַקע איז לענין אַריינגעטראָטן אין איינעם פֿון די קאַזאַנער מאַרקסיסטישע קרייזלעך, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט נ. יע. פֿעדאָסייעוו, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין סיבירער פֿאַרשיקונג אין 1898 יאָר. די חדשים, וואָס לענין האָט

---

[1] א. אי. אוליאַנאָווא־יעליזאַראָווא. דערינערונגען וועגן איליטשן, 1934, ז. 31.

אַנטיילגענומען אין פּעדאַסייעווס קרייזל, האָט ער נישט אויפגע־הערט עקשנותדיק צו אַרבעטן איבער זיך, צו אַרבעטן איבערן באַ־הערשן די טעאָריע פון מאַרקסיזם.

דעם מאַרקסיזם איז דעמלט אומגעהויער שווער געווען זיך דורכצושלאָגן אַ וועג אין רוסלאַנד. דער פאָלקיזם האָט נאָך אַלץ פעסט געהאַלטן אונטער זיין איינפלוס די רעוואָלוציאָנער געשטימ־טע אינטעליגענץ און האָט מער פון אַלץ געשטערט דער פאַרשפּריי־טונג פונעם מאַרקסיזם. כאַראַקטעריזירנדיק דעם דור רעוואָלוציאָ־נערן פון די 80־ער יאָרן, האָט לענין געשריבן: „פיל פון זיי האָבן אָנגעהויבן רעוואָלוציאָנער צו דענקען אַלס נאַראָדאָוואָלצעס. כמעט אַלע האָבן אין דער פריער יוגנט התלהבותדיק פאַרהערלעכט די העלדן פון טעראָר. דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם באַצויבערנדיקן איינ־דרוק פון דער דאָזיקער העראָיען־טראַדיציע האָט געקאָסט קאַמף, פלעגט ברענגען צו אַן איינרייס מיט די מענטשן, וועלכע האָבן אומבאַדינגט געוואָלט בלייבן טריי דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און וועמען די יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן שטאַרק געאַכט. דער קאַמף האָט געצוווּנגען צו לערנען זיך, צו לייענען אומלעגאַלע ווערק פון אַלערליי ריכטונגען..."[1].

די צאָל אָנהענגער פון דער מאַרקסיסטישער לערע איז דעמלט אין רוסלאַנד געווען ביז גאָר אומבאַדייטנדיק. וולאַדימיר איליטש איז געווען איינער פון די ערשטע רוסישע מאַרקסיסטן. פרי, נאָך אַלס גאָר יונגער בחור, האָט ער שוין פאַרשטאַנען די פעלערהאַפטי־קייט פונעם פאָלקיסטישן וועג, פאַרשטאַנען די צוועקלאָזיקייט און שעדלעכקייט פון די טעראָריסטישע מעטאָדן פון קאַמף קעגן צאַריזם. אין דער טעאָריע פון מאַרקסיזם האָט זיין פאַרשנדיקער, שאַרפער און ניכטערער אינטעלעקט דערזען אַ מעכטיק געווער, וואָס זיכערט דעם זיג אינעם קאַמף קעגן דער אָרדענונג פון פאָלי־טישער רעכטלאָזיקייט און רויבערישער עקספּלואַטאַציע פון די פאָלקס־מאַסן.

די אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין קאַזאַן האָט באַאומרואיקט די זשאַנדאַרמען. אין יולי 1889 יאָר איז אַרעס־טירט געוואָרן פעדאָסייעוו. עס איז צעגראַמירט געוואָרן אויך דאָס קרייזל, אין וועלכן עס האָט אָנטיילגענומען לענין. דאָס מאָל אָבער

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 499.

האָט לענינען אָפּגעגליקט — ער האָט אויסגעמיטן אַ נייעם אַרעסט, וואָס וואָלט געהאַט פֿאַר אים ערנסטערע פֿאָלגן, איידער דער ערשטער. געשען איז עס דערפֿאַר, ווייל מיט צוויי חדשים פֿאַר די מאַסן-אַרעסטן פֿון די מיטגלידער פֿון פֿעדאָסייעווס קרייזלעך, דעם 3-טן מאַי 1889 יאָר, איז די גאַנצע משפּחה אוליאַנאָווס אַריבערגעפֿאָרן וווינען אין סאַמאַרער גובערניע. צוערשט האָט לענין געוווינט מיט דער משפּחה אין אַ כוטאָר לעבן דעם דאָרף אַלאַקייעווקע, 50 ווייאָרסט פֿון סאַמאַרע, און זייט האַרבסט 1889 יאָר — אין סאַמאַרע. אויך דאָ האָבן די זשאַנדאַרמען און דער קוראַטאָר פֿונעם קאַזאַנער בילדונגס-קרייז אָרגאַניזירט אַ כסדרדיקע אויפֿזיכט איבער לענינען און איבער זיין גאַנצער משפּחה.

לענין איז געקומען צו פֿאָרן קיין סאַמאַרע אַלס איבערצייגטער מאַרקסיסט.

סאַמאַרע איז דעמאָלט געווען אַ פֿעסטונג פֿונעם פֿאָלקיזם. צווישן די, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער אויפֿזיכט, און צווישן די פֿאַרשיקטע (פֿון די פּאָליצייאישע מאַטעריאַלן איז צו זען, אַז אַזוינע איז דאָרט געווען אַ מאַן 40) האָבן לחלוטין געהערשט די אָנהענגער פֿון דער פֿאָלקיסטישער ריכטונג — שונאים פֿונעם מאַרקסיזם, וועלכע האָבן נישט פֿאַרשטאַנען די געזעצן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. די פֿאָלקיסטן האָבן געהאַלטן, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד איז אַ „צופֿעליקע" דערשיינונג, און האָבן געלייקנט אין דער מעגלעכקייט פֿון זיין אַנטוויקלונג. זיי האָבן געלייקנט די אַוואַנגאַרד-ראָל פֿונעם אַרבעטער-קלאַס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן געגלייבט, אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען דורך דער פּויערישער געמיינדע.

צו דער צייט, ווען לענין איז געקומען צו פֿאָרן קיין סאַמאַרע, זיינען דאָרט געווען עטלעכע קרייזלעך פֿון דער רעוואָלוציאָנער געשטימטער שטודירנדיקער יוגנט. איינס פֿון די אָנגעזעענסטע איז געווען א. פּ. סקליאַרענקאָס קרייזל. אינעם קרייזל האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן, מע האָט שטודירט די פּויערים-פֿראַגע. די אַלגעמיינע ריכטונג פֿון אָט דעם קרייזל איז געווען אַ פֿאָלקיסטישע. סקליאַרענקאָ האָט אויך געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט אַרבעטער, באַזונדערס מיט אייזנבאַן-אַרבעטער. אונטער דעם איינפֿלוס פֿון לענינען, וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט די אָנטיילנעמער פֿונעם קרייזל מיט דער מאַרק-

סיסטעמאטישער לערע, האָט זיך סקליאַרענקאָ אינגיכן צעשיידט מיט זיינע פאָלקיסטישע אַנשויונגען און איז געוואָרן אַ מאַרקסיסט.

אין סקליאַרענקאָס קרייזל און אין אַנדערע אומלעגאַלע קרייזלעך פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט פלעגט לענין אַרויסטרעטן מיט חער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסיזם און מיט דער קריטיק פון פאָלקיזם. ער האָט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן דעם בוך פון דעם באַוווסטן פאָלקיסט וו. וו. (וו. פ. וואָראָנצעוו) „דער גורל פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד”, וועגן די אַרבעטן פון די פאָלקיסטן מיכיילאָווסקי און יוזשאַקאָוו, וועגן די „עטיודן וועגן אונדזער געזעלשאַפטלעכער נאָכרעפאָרם-ווירטשאַפט” פונעם פאָלקיסט ניקאָליי — אָן (נ. פ. דאַניעלסאָן). ער האָט אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ק. מאַרקס בוך „דער דלות פון פילאָזאָפיע”. אין אָט די רעפעראַטן, שטרייטן און שמועסן פלעגט לענין שוין דעמלט אַלעמען איבעראַשן מיט זיין טיפן קענען דעם מאַרקסיזם. די אָנטיילנעמער פון די סאַמאַרער קרייזלעך האָבן מיטגעטיילט אין זייערע בריוו, אַז אין סאַמאַרע געפינט זיך דער סטודענט אוליאַנאָוו, וואָס איז אונטער פאָליצייאישער אויפזיכט און וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין אינטעלעקט און געבילדעטקייט.

אין סאַמאַרע האָט לענין נישט אויפגעהערט פלייסיק צו שטודירן מאַרקס’ און ענגעלסעס ווערק, דער עיקר אויף דייטש און פראַנצויזיש, ווייל זייער ווייניק אַרבעטן זייערע זיינען דערשינען אויף רוסיש. לענין גופא האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש מאַרקס און ענגעלסעס „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי”. דעם מאַנוסקריפט פון דער איבערזעצונג האָט מען געלייענט אין די סאַמאַרער קרייזלעך; ער איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת די פאָליצייאישע אונטערזוכונגען.

לענין האָט זיך באַקענט מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט געשמועסט אויף די דאָזיקע טעמעס מיט די אָנגעזעענסטע נאַראָדאָוואָלצעס, וואָס האָבן זיך נאָך דער פאַרשיקונג באַזעצט אין סאַמאַרע.

לענינען איז פרעמד געווען דאָס סכאָלאַסטישע, אַבסטראַקטע אויפפאַסן די מאַרקסיסטישע טעאָריע. פאַר אים איז דער מאַרקסיזם שטענדיק געווען נישט קיין טויטע דאָגמע, נאָר אַ לעבעדיקע ריכטליניע אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. פּראָפּאַגאַנדירנדיק די לערע פון מאַרקס-ענגעלס, איז דער צוואַנציקיאָריקער לענין צו-

געטראָטן צום טיפן דערלערנען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנט־וויקלונג פון רוסלאַנד.

לענין האָט גרינטלעך שטודירט די עקאָנאָמישע פאָרשונגען פון די פאָלקיסטן. ער האָט קאָנטראָלירט און זעלבשטענדיק איבערגעאַרבעט דעם גאַנצן פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס אויף זיין גרונט האָבן די פאָלקיסטן געבויט זייערע פאַלשע אויספירן. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט סטאַטיסטיק, האָט דערלערנט אַ קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון רוס־לאַנד, באַזונדערס די אָנגאַבן פון דער זיעמסקער סטאַטיסטיק וועגן דער פּויערים־ווירטשאַפט. „די זיעמסקע סטאַטיסטיק, — האָט דעמלט געשריבן לענין — גיט אַ קאָלאָסאַלן און ביז גאָר דעטאַלן מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם פּויערטום"[1].

טעאָרעטיש דערלערנדיק די פּויערים־ווירטשאַפט, פלעגט לענין די אויספירן זיינע קאָנטראָלירן אין דער פּראַקטיק, דירעקט זיך באַקענענדיק מיטן לעבן פונעם פּויערטום. אין משך פון די פינף זומער־סעזאָנען (1889—1893), וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַלאַקייעווקע, פלעגט לענין אָפט שמועסן מיט די פּויערים, אויפ־מערקזאַם צוקוקן זיך צו זייער שטייגער. לויט לענינס ביטע האָט סקליאַרענקאָ דורכגעפירט אַ סטאַטיסטישע אויספאָרשונג פון דריי גמינעס פונעם סאַמאַרער פּאָוויאַט. דאָס קאַרטל פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג פון יעדן הויף האָט לענין אַליין צונויפגעשטעלט.

זיינע אויספירן, וואָס זיינען אַרויסגעדרונגען פון טיפן און זאָרג־זאַמען דערלערנען די רוסישע עקאָנאָמיק, האָט לענין פאָרמולירט אין דעם אויסגעצייכנטן אַרטיקל „די נייע ווירטשאַפטלעכע באַוועג־גונגען אינעם פּויערים־לעבן" (אָנגעשריבן פרילינג 1893 יאָר) — די ערשטע פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען. אין אָט דעם אַרטיקל האָט ער געגעבן אַ קריטישן אַנאַ־ליז פון וו. פּאָסטניקאָווס בוך „די דרום־רוסישע פּויערים־ווירט־שאַפט", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויפן סמך פון זיעמסקע סטאַ־טיסטישע ידיעות און דעם אויטאָרס פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען אין יעקאַטערינאָסלאַווער, כערסאָנער און טאַווּרישער גובערניעס. לענין האָט הויך געשעצט דעם טייל פון בוך, וווּ פּאָסטניקאָוו האָט אויף אַ רייכן פאַקטישן מאַטעריאַל באַוויזן, אַז צווישן דעם רוסישן

---

[1] לענין. ווערק, 4־טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 3.

פויערטום עקזיסטירט אַ דיפערענציאַציע. לענין האָט אָבער אָפּגע־וואָרפן זיינע ליבעראַל־פּאָלקיסטישע אויספירן און פאָרשלאָגן. דאָס אַרטיקל באַווייזט, מיט וואָס פאַר אַ טיפקייט און זעלבשטענדי־קייט דער יונגער לענין האָט אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון מאַרק־סיזם ביים אַנאַליזירן די קאָמפּליצירטסטע פראַגן פונעם רוסישן לעבן.

אין זיין קאָרעספּאָנדענץ פון יענעם פּעריאָד האָט לענין אויף אַזאַ אופן פאָרמולירט די אויספירן, וואָס זיינען אַרויסגעדרונגען פון אַט דעם אַרטיקל זיינעם:

"די הנחות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אין אים, זיינען פאַר מיר אַ יסוד פאַר פיל מער וויכטיקע און אַ סך ווייטער גייענ־דיקע אויספירן, איידער דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם אַרטיקל גופא. די צעלייגונג פון אונדזערע קליין־פּראָדוצירער (פּויערים און קוסטאַרן) האַלט איך פאַרן גרונט־ און הויפּט־פאַקט, וואָס מאַכט קלאָר די פראַגע וועגן אונדזער שטאָטישן קאַפּיטאַליזם און גרויס־קאַפּיטאַליזם, אַ פאַקט, וואָס צעשטערט דעם מיטאָס וועגן דער ספּע־ציעלער סטרוקטור פון דער פויערים־ווירטשאַפט (דאָס איז פונקט אַזאַ בורזשואַזע סטרוקטור מיט דעם אונטערשיד בלויז, וואָס זי איז פיל מער נאָך אַרומגעוויקלט מיט פעאָדאַלע פּענטעס) און וואָס צווינגט צו זען אין די אַזוי גערופענע „אַרבעטער" נישט קיין קליין הייפל באַזונדער אָוועקגעשטעלטע פּערזאָנען, נאָר בלויז די אויבער־שיכטן פון יענער קאָלאָסאַלער מאַסע פויערטום, וואָס זי לעבט שוין איצט מער פון פאַרקויפן איר אַרבעטס־קראַפט, איידער פון דער אייגענער ווירטשאַפט".[1]

לענין האָט גערעכנט אָפּצודרוקן זיין אַרטיקל אין איינעם פון לעגאַלן ליבעראַל־פּאָלקיסטישן זשורנאַל. די רעדאַקציע פונעם זשור־נאַל האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַן אַרבעט, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דעם פּאָלקיזם. לענינס אַרטיקל איז אָפּגעלעגן אין די אַרכיוון 30 יאָר און ערשט אין 1923 יאָר האָט מען עס געפונען און פאַרעפנטלעכט.

האַרבסט 1889 יאָר פרווט לענין באַקומען אַ דערלויבעניש צו האַלטן אַלס עקסטערן עקזאַמען פאַרן יורידישן פאַקולטעט אין אַ וועלכער־נישט־איז הויכשול. אויף איינער אַ בקשה לענינס האָט

---

[1] לענין־זאַמלונג XXXIII, ז. 15—16.

דער בילדונגס־מיניסטער דעליאַנאָוו אָנגעשריבן: „פרעגן וועגן אים דעם קוראַטאָר און דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט". אויף דער דאָזיקער אָנפראַגע האָט דער דירעקטאָר פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דורנאָוואָ געענטפערט: „בעת אוליאַנאָוו האָט געוווינט אין קאַזאַן, איז באַמערקט געוואָרן, אַז ער האָט באַציונגען מיט מענטשן פּאָליטיש נישט כשרע, דערביי זיינען אייניקע פון זיי איצט צוגעצויגן געוואָרן צו אויספאָרשונג אַלס באַשולדיקטע אין מלוכה־פאַרברעכן". און לענין האָט באַקומען אַן אָפּזאָג. די צאַרישע רעגירונג האָט באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן אים אין אוניווערסיטעט אַלס „פּאָליטיש נישט כשרן". ערשט פרילינג 1890 האָט לענין, ענדלעך, באַקומען די דערלויבעניש צו האַלטן אַלס עקסטערן עקזאַמען פאַרן יורידישן פאַקולטעט ביים פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.

סוף אויגוסט 1890 פאָרט לענין קיין פּעטערבורג קלאָר צו מאַכן די באַדינגונגען פון אָפּגעבן די פאַרשטייענדיקע עקזאַמענס. אומגעקערט זיך קיין סאַמאַרע, הייבט לענין אָן, באַגלייך מיט דער טיפער אַרבעט איבער מאַרקסן, עקשנותדיק שטודירן די יורידישע דיסציפּלינען, ערנסט צוגרייטנדיק זיך צו די עקזאַמענס.

דעם צוואַנציקיאָריקן לענין איז פאַרגעשטאַנען אין אַ קורצן טערמין, אין משך פון איין יאָר, זעלבשטענדיק דורכשטודירן דעם גאַנצן פיריאָריקן אוניווערסיטעט־קורס. חוץ דעם האָט מען צו דער בקשה אין דער עקזאַמען־קאָמיסיע געדאַרפט ביילייגן אַ שריפטלעכע שטוב־אַרבעט איבער קרימינאַל־רעכט. אין דער עקזאַמען־קאָמיסיע האָט זיך געפאָדערט אָנצושרייבן אַ שריפטלעכן ענטפער אויף אַ פאַרגעבענער טעמע, און דערנאָך אָפּגעבן עקזאַמענס אויף דאָגמע און געשיכטע פון רוימישן רעכט, ציוויל־רעכט און ציוויל־פּראָצעס, האַנדלס־רעכט און האַנדלס־פּראָצעס, קרימינאַל־רעכט און קרימינאַל־פּראָצעס, געשיכטע פון רוסישן רעכט, קירכן־רעכט, מלוכה־רעכט, צווישנפעלקערלעכן רעכט, פּאָליציי־רעכט, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סטאַטיסטיק, פינאַנץ־רעכט, רעכט־ענציקלאָפּעדיע און געשיכטע פון דער רעכט־פילאָזאָפיע. כדי דאָס אַלץ אָפּצוגעבן, האָט מען געדאַרפט ערנסט דורכשטודירן אַ קאָלאָסאַלע מאַסע ספּעציעלע ליטעראַטור.

אַננאַ איליניטשנאַ אוליאַנאָוואַ־יעליזאַראָוואַ דערציילט, ווי אַזוי לענין האָט געאַרבעט, בעת ער האָט זיך געגרייט צו די עקזאַמענס. „דעמלט האָבן זיך פיל געוווּנדערט, — שרייבט זי, — וואָס,

זייענדיק אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, האָט ער פאַר אַ וואָסער־נישט־איז יאָר, אָן קיין שום זייטיקער הילף, נישט אָפּגעבנדיק קיין קורס־ און סעמעסטער־עקזאַמענס, זיך צוגעגרייט אַזוי גוט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן די עקזאַמענס צוזאַמען מיט זיין קורס. חוץ די אויסגעצייכנטע פעיקייטן האָט וולאַדימיר איליטש דערין געהאָלפן זיין גרויסע אַרבעטספעיקייט".[1]

ווינטער־צייט אין סאַמאַרע און זומער־צייט אין כוטאָר אַלאַקייעווקע האָט לענין געאַרבעט אָן איבעררייס. אין אַלאַקייעווקע, דערציילט אַננאַ איליניטשנאַ, „האָט ער זיך איינגעאָרדנט אַן אָפּגעזונדערטן קאַבינעט אין אַ געדיכטער לינדן־אַלייע... אַהין פלעגט ער אַוועקגיין, אָנגעלאָדן מיט ביכער, נאָכן פרימאָרגן־טיי, מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, פונקט ווי אויף אים זאָל געווען וואַרטן אַ שטרענגער לערער. און דאָרט, אין פולער אָפּגעזונדערטקייט, פלעגט ער פאַרברענגען די גאַנצע צייט ביז מיטאָג, ביז 3 אַזייגער.

קיינער פון אונדז פלעגט נישט גיין אין יענער אַלייע, כדי אים נישט צו שטערן.

געענדיקט מיטן לערנען אין די אינדערפריאיקע שעהן, פלעגט ער נאָך מיטאָג אַוועקגיין אין דעם זעלבן ווינקל מיט אַ בוך איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן — אַזוי, אַשטייגער, געדענק איך, האָט ער געלייענט אויף דייטש ענגעלסעס „די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד". און דערנאָך פלעגט ער זיך דורכגיין, אויסבאָדן זיך, און נאָכן אָוונטיקן טיי... איז ווידעראַמאָל וואָלאָדיעס קאָפּ געבויגן איבער אַ בוך".[2]

אין צווייטן מאָל — פרילינג און האַרבסט 1891 יאָר — האָט לענין גלענצנדיק אָפּגעגעבן די עקזאַמענס ביים פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. פון די 33 עקזאַמענירטע האָט ער דער איינציקער באַקומען די העכסטע אָפּשאַצונג אויף אַלע דיסציפּלינען. די יורידישע עקזאַמען־קאָמיסיע האָט אָנערקענט, אַז ער פאַרדינט אַ דיפּלאָם פון דער ערשטער מדרגה.

בעתן אָפּגעבן די עקזאַמענס אין דער פרילינג־סעסיע האָט לענינען געטראָפן אַ נייער גרויסער פערזענלעכער אומגליק: פון בויך־טיפוס איז געשטאָרבן זיין ייִנגערע שוועסטער אָלגאַ, וואָס

[1] אַ. אי. אוליאַנאָוואַ־יעליזאַראָוואַ. דעריבערונגען וועגן איליטשן, ז. 36.

[2] דאָרטן, ז. 36.

האָט זיך געהאַט געלערנט אין פּעטערבורג אויף די העכערע פרויען-קורסן. וולאַדימיר איליטש האָט זיך שטאַרק געחברט מיט אָלגען, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט אַנדערהאַלבן יאָר. נישט לאַנג פאַר דער שוועסטערס טויט האָט לענין אַרויסגערופן קיין פּעטערבורג די מוטער. נאָך אָלגאַ איליניטשנאַס טויט איז ער צוזאַמען מיט דער מוטער אַוועקגעפאָרן קיין סאַמאַרע.

אין פּעטערבורג בעת די עקזאַמענס פלעגט זיך לענין טרעפן מיט אייניקע מאַרקסיסטן. ביי זיי האָט ער באַקומען מאַרקסיסטישע ליטעראַטור אויף רוסיש און דייטש, — ער האָט זי מיטגענומען מיט זיך קיין סאַמאַרע.

אין יאַנואַר 1892 יאָר איז לענין פאַררעכנט געוואָרן אין די רשימות פון די געהילפן פון געשוווירענע אַדוואָקאַטן. באַגלייך מיט דער אָנגעשטרענגטער טעאָרעטישער אַרבעט, באַגלייך מיטן אָנפירן מיט די מאַרקסיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קרייזלעך, מיטן צונויפשטעלן און האַלטן רעפעראַטן, הייבט אָן לענין זייט מערץ 1892 יאָר אַרויסטרעטן אַלס אַדוואָקאַט אין סאַמאַרער קרייז-געריכט. פאַרטיידיקט האָט ער דער עיקר אָרעמע פויערים, רוסן און טאַטערן, וועלכע האָבן געליטן אין וואָלגער קאַנט אַ שרעקלעך הונגער-יאָר. דעם ערשטן פויער, וועלכן ער האָט פאַרטיידיקט, האָט מען באַשולדיקט דערין, אַז ער האָט „געזידלט גאָט, גאָטס מוטער, די הייליקע „טראָיצע", דעם האַר, דעם אימפּעראַטאָר און זיין טראָנפאָלגער, זאָגנדיק, אַז דער אימפּעראַטאָר טוט נישט ריכטיק".

איבער פיר יאָר האָט לענין אָפּגעלעבט אין סאַמאַרע. דאָ האָט ער ענדגילטיק אויסגעאַרבעט זיינע מאַרקסיסטישע אָנשויונגען און האָט דורכגעפירט די ערשטע שלאַכטן קעגן די פאָלקיסטן. זיין אַרבעט אין געביט פון דערלערנען די רוסלענדישע עקאָנאָמיק און געשיכטע, די רעפעראַטן, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין די סאַמאַרער קרייזלעך, זיינען שפּעטער געלייגט געוואָרן אין יסוד פון אייניקע ווערק זיינע, דערונטער פונעם באַוווּסטן בוך „וואָס זיינען אַזוינס די „פריינד פונעם פאָלק" און ווי אַזוי זיי האַלטן מלחמה קעגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן?". אַרום לענינען האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס ערשטע קרייזל פון די סאַמאַרער מאַרקסיסטן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. לענין האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די מאַרקסיסטן אין ניזשני-נאָווגאָראָד, וולאַדימיר, פּעטערבורג, האָט קאָרעספּאָנדירט מיט פּע-

דאסייעוון, וואס איז געזעסן אין דער וולאדימירער טורמע. אין יענע ווייטע יארן, ווען די מארקסיסטישע באוועגונג אין רוסלאנד האט ערשט געמאכט אירע ערשטע שריט, איז דער וואלגער קאנט אדאנק לענינען און פעדאסייעוון געווארן איינער פון די גרונט-ראיאנען פון דער פארשפרייטונג פון מארקסיזם.

די פראפאגאנדע פון די מארקסיסטישע אידעען אין די סאמאַרער קרייזלעך, די שטרייטן מיט די פאלקיסטן האבן אבער נישט געקאנט באפרידיקן לענינען. דאס לעבן אין דער פראווינציאנעלער סאמארע, ווייט פון די צענטערס פון דער פראלעטארישער באוועגונג און פאליטישן קאמף, איז אים געווען צו לאסט. ער האט געשטרעבט צו זיין אין דער געדיכטעניש פונעם אינדוסטריעלן פראלעטאריאט. לענינס דעמלטיקע שטימונג ווערט גוט איבערגעגעבן אין א. אי. אוליאנאווא-יעליזאראוואס נאטיצן וועגן דעם איינדריק, וואס עס האט געמאכט אויף לענינען טשעכאווס דערציילונג „פאלאטע נר. 6”, וועלכע ער האט איבערגעלייענט ווינטער-צייט אין יאר 1892—1893: „ווען איך האב נעכטן אינאוונט געענדיקט לייענען די דאזיקע דערציילונג, איז מיר פשוט א שוידער אריבער, איך האב נישט געקאנט בלייבן אין מיין צימער, איך האב זיך אויפגעשטעלט און בין ארויסגעגאנגען, ביי מיר איז געווען אזא געפיל, פונקט ווי איך וואלט אויך געווען פארשפארט אין דער פאלאטע נר. 6”.[1]

לענין האט זיך געריסן צו דער ארענע פון ברייטן רעוואלוציאנערן קאמף.

אינמיטן אויגוסט 1893 יאר איז לענין ארויסגעפארן פון סאמארע קיין פעטערבורג. אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט אין ניזשני-נאווגאראד, ווו ער האט אין א מארקסיסטיש קרייזל געהאלטן א רעפעראט קעגן פאלקיזם.

דעם 31-טן אויגוסט 1893 יאר איז לענין געקומען צו פארן קיין פעטערבורג — דעם פאליטישן צענטער פון רוסלאנד.

---

[1] א. אי. אוליאנאווא-יעליזאראווא. דערינערונגען וועגן איליטשן, ז. 45.

II

לענין איז געקומען צו פֿאָרן קיין פּעטערבורג ערב דעם אויפֿשטייג פֿון דער מאַסעווער אַרבעטער־באַוועגונג.

צען יאָר איז אַריבער זינט די גרופּע „באַפֿרייונג פֿון דער אַרבעט" מיט פּלעכאַנאָוון בראש האָט אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פֿונעם מאַרקסיזם אין רוסלאַנד, האָבנדיק געמאַכט דעם ערשטן טראָט דער אַרבעטער־באַוועגונג אַנטקעגן. אויפֿן באָדן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם איז אין רוסלאַנד פֿאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד אויסגעוואַקסן דער אַרבעטער־קלאַס, האָט זיך גענומען פֿאַרשטאַרקן די אַרבעטער־באַוועגונג. די מאַרקסיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי קליין זי איז דעמלט נישט געווען, האָט געבראַכט אירע רעזולטאַטן: אין רוסלאַנד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אַרבעטער מאַרקסיסטן. די מאַרקסיסטישע קרייזלעך זיינען אָבער געווען זייער שוואַך פֿאַרבונדן מיט דער מאַסעווער אַרבעטער־באַוועגונג. שפּעטער האָט לענין געשריבן וועגן דעם סוף 80־ער — אָנהייב 90־ער יאָרן, אַז דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פֿון „שווערן וווקס" פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. נישט יעדער איינער האָט געקאָנט זען, אַז עס זיינען רייף געוואָרן די באַדינגונגען פֿאַרן צווייטן גרויסן טראָט פֿאָרויס — פֿאַרן פֿאַראייניקן דעם סאָציאַליזם מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט יעדער איינער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין טאָג־סדר האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿאַראייניקן די אָפּגעזונדערטע מאַרקסיסטישע קרייזלעך אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין צונויפֿגעשמאָלצן דורך דער איינהייט פֿון ציל און קאַמפּס־מיטלען, די אויפֿגאַבע צו באַוואָפֿענען זי מיט אַ מאַרקסיסטישער פּראָגראַם און צו מאַכן זי פֿאַרן פּאָליטישן אָנפֿירער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

תיכּף נאָך דעם, ווי לענין איז געקומען צו פֿאָרן קיין פּעטערבורג, האָט ער זיך גענומען פֿאַרן לייזן די דאָזיקע היסטאָרישע אויפֿ־

גאַבע. ער איז חעמלט אַלט געווען סך־הכל 23 יאָר, ער איז שוין אָבער געווען אַ פּולקאָם אויסגעפֿורעמטער, אויסגעצייכנט געבילדעטער, דעם אַרבעטער־קלאַס מסירת־נפשדיק איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסט.

אין פּעטערבורג האָבן דעמלט געאַרבעט עטלעכע קרייזלעך פֿון דער רעוואָלוציאָנערער און אָפּאָזיציאָנעל געשטימטער יוגנט. לענין האָט זיך תיכף פֿאַרבונדן מיט איינעם פֿון זיי. דאָס דאָזיקע קרייזל — אַ שפּליטער פֿון ברוסנעוום סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכעס איז גאַנץ געבליבן נאָך דעם, ווי די פּאָליציי האָט עס צעגראָמירט אין 1892 יאָר, האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אָפּגעזונדערטע גרופּע מאַרקסיסטן. די אָנטיילנעמער פֿון קרייזל זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט איינצלנע פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער און האָבן געפֿירט צווישן זיי אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט, די מאַרקסיסטישע לערע פֿלעגן זיי אָבער איבערגעבן אַבסטראַקט, אָפּגעריסן פֿונעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. פּונקט אַזוי אַבסטראַקט, אָן אַ שייכות מיט דער לעבעדיקערווירקלעכקייט, איז שטודירט געוואָרן דער מאַרקסיזם אויך אינעם עצם קרייזל פֿון די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. לענינס באַווייזן זיך אין האַרבסט 1893 יאָר אין פּעטערבורג האָבן די מיטגלידער פֿונעם קרייזל מיט רעכט פֿאַרגליכן צו „אַ באַלעבנדיקן — לויט די פּאָלגן זיינע — שטורעם־אויסברוך". לענין האָט געשטעלט פֿאַר זיך דעם ציל אַ קער צו טאָן די פּעטערבורגער גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויפֿן וועג פֿון פּראַקטישער, פּאָליטישער אַרבעט אין די מאַסן. אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט געשפּילט דער באַרימטער רעפֿעראַט „מכוח דער אַזוי־גערופֿענער פֿראַגע וועגן מערק", מיט וועלכן לענין איז אַרויסגעטרעטן האַרבסט 1893 יאָר קעגן הערמאַן קראַסין, אַ מיטגליד פֿון דער פּעטערבורגער גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מע האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער רעפֿעראַט איז אינגאַנצן פֿאַרלוירן געגאַנגען. ערשט אין 44 יאָר אַרום — אין 1937 יאָר — האָט מען אים געפֿונען און פֿאַרעפֿנטלעכט.

פֿאַרוואָס האָט מען אין די מאַרקסיסטישע קרייזלעך אָפּגעגעבן אַזוי־פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דער פֿראַגע וועגן מערק? די מעשה איז דאָס, וואָס די פּאָלקיסטן האָבן געטענהט, אַז, רואינירנדיק דאָס דאָרף, פֿאַרקירצט כלומרשט דער קאַפּיטאַליזם דעם אינערלעכן מאַרק. דערפֿון האָבן זיי געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז אין רוסלאַנד

האט נישט דער קאפיטאליזם און וועט נישט האבן קיין מארק. הייסט עס, דער קאפיטאליזם אין רוסלאנד קאן זיך נישט אנטוויקלען, זיין אויפקום איז א צופעליקע זאך, דעריבער דארף מען אויך דעם אויפקום פונעם פראלעטאריאט האלטן פאר א צופעליקער דערשיי־נונג.

די שטרייטן וועגן די מערק זיינען אויפן ענגסטן אופן געווען פארבונדן מיט דער פראגע וועגן דעם גורל פונעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד. דאס באהאנדלען די דאזיקע פראגע אין די מארקסיסטישע קרייזלעך האט געהאט קודם־כל דעם ציל צוצוגרייטן די מארקסיסטן צום קאמף קעגן די פאלקיסטן.

לענין האט אינעם רעפעראט פאנאנדערגעארבעט זיין בארימטע סכעמע פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. זי האט אפגע־שפיגלט דעם היסטארישן פראצעס פון דער פארוואנדלונג פון דער נאטורעלער ווירטשאפט אין א סחורה־ווירטשאפט, דעם פראצעס פון דער פאנאנדערלייגונג פון דער איינפאכער סחורה־ווירטשאפט און פון איר פארוואנדלונג אין א ווירטשאפט א קאפיטאליסטישער.

לענין האט הארב קריטיקירט קראסינען פאר דעם, וואס ער האט אין זיין פארטראג וועגן די מערק זיך באגרענעצט מיט סכע־מאטישע חקירות וועגן דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם „בכלל", אן א שייכות מיט די קאנקרעטע פארמען און מיטן כאראק־טער פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד. לענין האט קריטיקירט קראסינען אויך פאר דעם, וואס ער האט אונטער־געשטראכן בלויז דעם פראגרעסיוון כאראקטער פונעם קאפיטאליזם, איגנארירנדיק די קאפיטאליסטישע ווידערשפרוכן, דעם וווקס פונעם דלות און פון דער רואינירונג פון די ארבעטנדיקע מאסן ביים קאפי־טאליזם, די קלאסן־אינטערעסן פונעם פראלעטאריאט. לענין האט אנגעוויזן, אז די מארקסיסטן דארפן זארגן נישט וועגן מערק פאר דער בורזשואזיע, נאר וועגן ארגאניזירן דעם ארבעטער־קלאס, וועגן אנטוויקלען און פארפעסטיקן די מאסנווע ארבעטער־באוועגונג אין רוסלאנד. אין קראסינס אנשויונגען האט לענין גלייך באמערקט דעם עמבריאן פונעם „לעגאלן מארקסיזם", וואס האט זיך דעמלט ערשט געהאלטן אין פארמירן, ד״ה. דעם פרווו פון דער בורזשואזער אינ־טעליגענץ אויסצונוצן דעם מארקסיזם אין קאמף קעגן דעם פאלקיזם אויף צו לויבן און איינצופונדעווען דעם קאפיטאליזם.

אַ תל מאַכנדיק פון די פאָלקיסטישע טעאָריעס וועגן דעם, אַז די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד איז אוממעגלעך מחמת דעם, כלומרשט, ווייל עס זיינען נישטאָ קיין מערק, האָט לענין געפאָדערט אַריבערפירן די פראַגע וועגן מערק „פון דער ספּע־רע פון פּרוכטלאָזע ספּעקולאַציעס וועגן „מעגלעכן" און „נויטווענ־דיקן" אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט". ער האָט געגעבן אַ מאַרק־סיסטישע דערקלערונג פון דעם, „ווי אַזוי עס בילדן זיך אויס די רוסישע ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען און פאַרוואָס זיי בילדן זיך אויס גראָד אַזוי און נישט אַנדערש". אויפן גרונט פון קאָנקרעטע פאַקטן און פאַרשידנאַרטיקע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פון אַ סך רוסישע גובערניעס האָט לענין באַוויזן, אַז דאָס פויערטום, סיי דאָס רייכע, סיי דאָס פאַראָרעמטע, קומט בילעכווייז אָן צום מאַרק. דערפון האָט לענין געמאַכט דעם אויספיר, אַז „מיר האָבן פאַר זיך אַ לעבעדיקן אָרגאַנישן פּראָצעס, דעם פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער סחורה־ווירטשאַפט און פונעם וווּקס פון קאַפּיטאַליזם". לענין האָט באַוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז שוין געוואָרן „דער גרונט־פאָן פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין רוסלאַנד".[1]

לענינס אַרויסטרעטונג האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף די פּעטערבורגער מאַרקסיסטן. לענין האָט געגעבן אַן עכט געווער אין קאַמף קעגן פאָלקיזם, — ער האָט באַוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף קעמפן קעגן די פאָלקיסטן.

נ. ק. קרופּסקאַיאַ דערציילט, ווי איבערראַשט עס זיינען געווען די דעמאָלטיקע מאַרקסיסטן פון לענינס מערקווירדיקער אַרויסטרע־טונג. די פראַגע וועגן מערק האָט דער „אַנגעקומענער מאַרקסיסט" געשטעלט זייער קאָנקרעט, „פאַרבונדן זי מיט די אינטערעסן פון די מאַסן. אין דעם גאַנצן צוגאַנג האָט זיך געפילט גראָד דער לעבע־דיקער מאַרקסיזם, וואָס נעמט די דערשיינונגען אין זייער קאָנ־קרעטער סיטואַציע און אין זייער אַנטוויקלונג".[2] די מיטגלידער פון דעם קרייזל, ווי לענין איז אַרויסגעטרעטן, פלעגן זיך שפּעטער דער־מאָנען, ווי לענין האָט איבערראַשט מיט זיין קענען אָנווענדן דעם מאַרקסיזם צו די דעמאָלט אַקטועלע פראַגן פון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט.

---

[1] לענין. ווערק, 4־טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 94, 107, 93.
[2] נ. ק. קרופּסקאַיאַ. דערינערונגען וועגן לענינען, 1933, ז. 12.

לענין איז געוואָרן דער אָנפירער פון די פעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. „דאָס אויסערגעוויינלעך טיפע קענען מאַרקסן, דאָס קענען אָנווענדן דעם מאַרקסיזם צו די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון דעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד, דער הייסער, אייזנפעסטער גלויבן אינעם זיג פון דער אַרבעטער־זאַך, דער מערקווירדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער טאַלאַנט — דאָס אַלץ האָט געמאַכט לענינען פאַרן אָנערקענטן אָנפירער פון די פעטערבורגער מאַרקסיסטן".[1]

אויפן וועג צום שאַפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער פאָלקיזם. פּלעכאַנאָוו און זיין גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט" האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פונעם מאַרקסיזם, האָבן דערלאַנגט אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ איבער די פעלערהאַפטע אָנשויונגען פונעם פאָלקיזם דערמיט וואָס זיי האָבן אַרונטערגעריסן זיין איינפלוס צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. אידעיש אָבער איז נאָך דער פאָלקיזם ווייט נישט ביזן סוף צעקלאַפּט געווען. די דאָזיקע אויפגאַבע — דערשלאָגן ביזן סוף דעם פאָלקיזם אַלס שונא פונעם מאַרקסיזם — איז אויסגעפאַלן אויף לענינס גורל.

אין יאַנואַר 1894 יאָר איז לענין געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע צו זיינע קרובים, וווּ ער האָט פאַרבראַכט צוויי־דריי וואָכן. אין דער צייט איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דאָקטוירים, אויף וועלכן עס איז בייגעווען אַ גרויסע צאָל ליבעראַלע און ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. די פאָלקיסטן האָבן אויסגענוצט דעם צוזאַמענפאָר און האָבן אָנהייב יאַנואַר 1894 יאָר אָרגאַניזירט אַן אומלעגאַלן אָוונט, אויף וועלכן דער דעמאָלט באַוווסטער ליבעראַל־פאָלקיסטישער שרייבער וו. וו. (וואָראָנצאָוו) האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג. לענין איז צופעליק געקומען אויף אָט דער פאַרזאַמלונג און איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דאָזיקן פאָלקיסט, — ער האָט אויף אַזאַ פאַרניכטנדיקן אופן קריטיקירט זיין פאָרטראַג, אַז פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר: דער זיג געהערט דעם יונגן מאַרקסיסט.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן לענינס אַרויסטרעטונג זיין שוועסטער א. אי. אוליאַנאָווא־יעליזאַראָוואַ, וואָס איז בייגעווען אויפן

[1] געשיכטע פון אלקפ(ב). קורצער קורס, ז. 21, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

אָוונט: „דרייסט און אַנטשידן, מיטן גאַנצן יוגנט-ברען און איבערציינגונגס-קראַפט, אָבער באַוואָפנט אויך מיט קענטעניש, האָט ער גענומען צעקלאַפּן די דאָקטרינע פון די פּאָלקיסטן, מאַכן פון איר טיל-טעל. און די פיינטלעכע באַציונג צו אַזאַ „יונגאַטשישער העזה" האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרביטן ווערן אויב נישט מיט קיין ווייניקער פיינטלעכער, איז אָבער מיט אַ מער אַכטונגספולער באַציונג. די מערהייט האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים, ווי אויף אַן ערנסטן קעגנער... די גרינגשעצנדיקע באַציונג, די וויסנשאַפטלעכע דערווידערונגען... האָבן נישט צעטומלט דעם ברודער. ער האָט אָנגעהויבן אַרגומענטירן זיינע מיינונגען אויך מיט וויסנשאַפטלעכע באַווייזן, סטאַטיסטישע ציפער און האָט זיך מיט נאָך מער סאַרקאַזם און קראַפט אַרויפגעוואָרפן אויף זיין קעגנער... מיט אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס האָבן נאָכגעשפּירט נאָך אים אַלע, באַזונדערס די יוגנט. דער פּאָלקיסט האָט אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן דעם טאָן, זייען די ווערטער אַליין לאַנגזאַמער און סוף-כל-סוף זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

דער מאַרקסיסטישער טייל פון דער יוגנט האָט טריומפירט".[1]

אויף דעם אָוונט האָט זיך דורכגעשמוגלט אַ פּאָליציייאישער שפּיק, וואָס האָט מיטגעטיילט דער נאַטשאַלסטווע וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון דער דיסקוסיע. פון דער פּאָליציייאישער מיטטיילונג איז צו זען, אַז פריער פאַר לענינען איז אַרויסגעטרעטן איינער פון די אָרטיקע מאַרקסיסטן. אויפן גרונט פון דער דאָזיקער שפּיאָנישער „רעלאַציע" האָט דער מאָסקווער אָבער-פּאָליציי מייסטער מיטגעטיילט אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַז וואָראָנצאָוו „האָט מיט זיין אַרגומענטאַציע געצוווּנגען דעם דאָזיקן מאַרקסיסט אַנטשווייגן צו ווערן, אַזוי אַז פאַרטיידיקן די אָנשויונגען פון אָט דעם מאַרקסיסט האָט זיך אונטערגענומען איינער אַן אוליאַנאָוו (מעגלעך — אַ ברודער פון דעם אויפגעהאָנגענעם), וועלכער האָט טאַקע דורכגעפירט די דאָזיקע פאַרטיידיקונג מיט פולער פאַכקענטעניש".

אין לענינס פערזאָן האָט די נייע, די מאַרקסיסטישע ריכטונג אונטערגענומען אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער אַלטער, אָפּגעלעבטער פּאָלקיסטישער שטרעמונג. פון דעם דאָזיקן קאַמף איז דער

[1] א. אי. יעליזאַראָוואַ. אַ בלעטל דערינערונגען. „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ", נום. 2 (14), ז. 58—59.

מאַרקסיזם אַרויס אַלס זיגער. וועגן לענינס אַרויסטרעטונג האָט מען גענומען רעדן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך.

בלויז מינדלעכע אַרויסטרעטונגען און רעפעראַטן קעגן איינצל־נע פּאָלקיסטן איז אָבער נישט גענוג געווען. מע האָט געדאַרפט אידעיש צעקלאַפּן ביזן סוף דעם פּאָלקיזם אַלס ריכטונג. די דאָזיקע אויפגאַבע איז געווען נאָך מער דרינגענדיק דערפאַר, וואָס די פּאָל־קיסטן, באַזונדערס אַזאַ צו יענער צייט איינפלוסרייכער שרייבער ווי נ. ק. מיכיילאָווסקי, האָבן סוף 1893 יאָר אין זייער זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" פאַרגענומען אַ מאַרש קעגן דעם מאַרקסיזם.

פרילינג און זומער 1894 יאָר שרייבט לענין זיין באַרימטן בוך „וואָס זיינען אַזוינס „די פריינד פון פאָלק" און ווי אַזוי זיי האַלטן מלחמה קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן?".

אין דעם דאָזיקן בוך האָט לענין אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון די ליבעראַלע פּאָלקיסטן, האָט אַנטבלויזט דעם אמתן פּרצוף פון די דאָזיקע פאַלשע „פריינד פון פאָלק", וואָס אינדערעמתן גייען זיי קעגן פאָלק. האָבן זיך שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט פון רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף און האָבן געפּריידיקט, אַז מע דאַרף שלום מאַכן מיט דער צאַרישער רעגירונג. לענין האָט דערוויזן די גרונטזעצלעכע־קייט פון דער דעגענעראַציע פונעם פּאָלקיזם און האָט אויפגעדעקט דעם קלאַסן־מהות פון די ליבעראַלע פּאָלקיסטן אַלס אויסדריקער פון די אינטערעסן פונעם בעל־גופניטום. ער האָט אויפגעדעקט די רעאַקציאָנערקייט פון די טעאָרעטישע אָנשויונגען פון די פּאָלקיסטן און דעם אַנטירעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון זייער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם.

לענין האָט באַוויזן, אַז די אמתע פריינד פון פאָלק זיינען די מאַרקסיסטן, וואָס זיי שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו פאַרניכטן דעם פריצישן און קאַפּיטאַליסטישן יאָך, צו פאַרניכטן דעם צאַריזם.

די באַדייטונג פון לענינס בוך "וואָס זיינען אַזוינס די פריינד פון פאָלק" ווערט ווייט נישט אויסגעשעפּט מיט דער קריטיק פונעם פּאָלקיזם. דאָס איז אַ ן עכטער מאַניפעסט פון דער אויפקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אין אָט דער אַרבעט זיינער האָט לענין פאָרמולירט די יסודות פון דער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג. מיט מערקווירדיקער קלאָרקייט

האָט לענין באַגרינדעט דעם היסטאָרישן וועג פונעם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד און האָט דעפינירט די גרונט־אויפגאַבע פון די רוסישע מאַרקסיסטן.

דער אַרבעטער־קלאַס, ווייזט אָן לענין, טרעט אַרויס צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם אַלס דער איינציקער פאָרשטייער פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער און עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד. זיין נאָענטסטע אויפגאַבע אויפן וועג צום ענד־ציל — אויפן וועג צום אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג און שאַפן די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט — איז אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג. אין קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג קאָן דער פּראָלעטאַריאַט נישט אויסרעכענען אויף דער בורזשואַזיע, וועלכע וועט אומפאַרמיידלעך שליסן אַ בונד מיט דער רעאַקציע קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פאַרבינדעטער פונעם אַרבעטער־קלאַס וועט זיין דאָס פּויערטום. אַזוי אַרום האָט לענין שוין אין די 90־ער יאָרן אין איינער פון זיינע ערשטע אַרבעטן אַרויסגערוקט די אידעע פון רעוואָלוציאָנערן בונד פון די אַרבעטער און פּויערים אַלס הויפּט־מיטל אויף אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַריזם, די פּריצים, די בורזשואַזיע.

דער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, אין בונד מיטן פּויערטום קאָן זיין דערפאָלגרייך בלויז אין דעם פאַל, האָט געזאָגט לענין, ווען עס וועט געלייזט ווערן איינע פון די גרונט־אויפגאַבן פון די רוסישע מאַרקסיסטן — אָרגאַניזירן פון די צעשפּליטערטע מאַרקסיסטישע קרייזלעך אַן איינהייטלעכע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. מיר דאַרפן, האָט לענין געשריבן, „אויסאַרבעטן די פאַר אונדזערע באַדינגונגען אַמערסטן פּאַסיקע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע אויף צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און אויף צו באַהעפטן דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַ פּאָליטישער קראַפט".[1]

לענינס בוך פאַרענדיקט זיך מיטן גביאישן אָנצייכענען דעם היסטאָרישן וועג פונעם אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד:

„אויפן אַרבעטער־קלאַס ווענדן טאַקע די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זייער גאַנצע טעטיקייט. ווען די פאָרגעשריטענע פאָרשטייער זיינע וועלן באַנעמען די אידעען

---

[1] לענין. ווערק, 4־טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 302.

פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, די אידעע וועגן דער היסטאָרי־שער ראָל פונעם רוסישן אַרבעטער, ווען די דאָזיקע אידעען וועלן באַקומען אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג און צווישן די אַרבעטער וועלן געשאַפן ווערן פעסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן פאַרוואַנדלען דעם איצטיקן צעשפּליטערטן עקאָנאָמישן קריג פון די אַרבעטער אין אַ באַוווסטזיניקן קלאַסנקאַמף, — דעמלט וועט דער רוסישער אַרבעטער, האָבנדיק זיך אויפגעהויבן בראָש פון אַלע דעמאָ־קראַטישע עלעמענטן, אומוואַרפן דעם אַבסאָלוטיזם און וועט פירן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט (האַנט ביי האַנט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער) מיטן גלייכן וועג פון אָפענעם פּאָליטישן קאַמף צו דער זיגריי־כער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע".[1]

די דאָזיקע נביאישע ווערטער האָבן זיך פולשטענדיק באַרעכ־טיקט נאָך ביי לענינס לעבן.

די היסטאָרישע באַדייטונג פונעם בוך „וואָס זיינען אַזוינס די פריינד פון פאָלק" באַשטייט דערין, וואָס האָבנדיק צעקלאַפּט ביזן סוף דעם פאָלקיזם און אָנגעמערקט די אויפגאַבע פון די רוסישע מאַרקסיסטן, האָט אין אים לענין „ריכטיק אָנגעוויזן דעם וועג פון קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָט באַשטימט די ראָל פונעם אַרבע־טער־קלאַס אַלס אַוואַנגאַרדישע רעוואָלוציאָנערע קראַפט פון דער געזעלשאַפט, האָט באַשטימט די ראָל פונעם פּויערטום אַלס פאַר־בינדעטן פונעם אַרבעטער־קלאַס".[2]

לענינס גענויאַלע אַרבעט איז געהיים אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף סך־הכל אין עטלעכע צענדליק עקזעמפּלאַרן. און דאָך איז זי באַוווסט געוואָרן דער מערהייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן דעמלט געאַרבעט אין רוסלאַנד. עס האָט זי געלייענט אין טיפליס אויך דער יונגער סטאַלין, וואָס איז אַקאָרשט אַריינגע־טרעטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

האַלטנדיק מלחמה קעגן דעם פאָלקיזם, איז לענין גלייכצייטיק אַרויסגעטרעטן אויך קעגן די צייטווייליקע „מיטלויפער", וואָס האָבן זיך צוגעשאַרט צום מאַרקסיזם, — קעגן די אַזויגערופענע „לעגאַלע

---

[1] לענין. ווערק, 4-טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 282.

[2] „געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב). קורצער קורס", ז. 26, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

מאַרקסיסטן", די דאָזיקע, אין תוך גענומען, בורזשואַזע ליבעראַלן. דעם קאַמף קעגן פאָלקיזם האָבן זיי געפּרוווט אויסנוצן אויף אונטערצווואַרפן די אַרבעטער-באַוועגונג די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע; זיי האָבן געפּרוווט אויסהוילן דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פונעם מאַרקסיזם, פאַרוואַנדלען דעם מאַרקסיזם אין אַ בורזשואַזן רעפאָרמיזם. פיל פון די דאָזיקע „מיטלויפער" זיינען שפּעטער געוואָרן קאַדעטן, און אין דער צייט פונעם בירגערקריג — ווייסגוואַרדייער.

מע האָט געדאַרפט פאַרמאָגן לענינס מערקווירדיקע ווייטזיכטיקייט, כדי מע זאָל שוין ביי דער סאַמע אַנטשטייונג פונעם „לעגאַלן מאַרקסיזם" דערקענען אין זיינע פאַרשטייער בורזשואַזע ליבעראַלן. דעם קאַמף קעגן די „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָט לענין אָנגעהויבן מיט אַרויסטרעטן קעגן זייער הויפּט-פאַרשטייער — קעגן פּיאָטר סטרווע, וועלכער האָט פאַרגעלייגט „אָנערקענען אונדזער אומקולטורעלקייט און גיין זיך לערנען ביים קאַפּיטאַליזם". האַרבסט 1894 יאָר האָט לענין אויף אַן ענגער פאַרזאַמלונג פון פּעטערבורגער מאַרקסיסטן, אויף וועלכער עס זיינען ביינעוועזן פאַרשטייער פון דעם אַזויגערופענעם „לעגאַלן מאַרקסיזם", געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער סטרוועס בוך. אין דעם דאָזיקן רעפעראַט, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „די אָפּשפּיגלונג פונעם מאַרקסיזם אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור", האָט לענין שאַרף און אַנטשיידנדיק דעמאַסקירט סטרוועס אָנשויונגען, דעמאַסקירט דעם ליבעראַל-בורזשואַזן תוך פון די „לעגאַלע מאַרקסיסטן".

לענין האָט געזאָגט וועגן די „לעגאַלע מאַרקסיסטן", אַז דאָס זיינען בורזשואַזע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן איינגעריסן מיטן פאָלקיזם און פרינדיק אַ קאַמף קעגן אים, זיינען זיי אַריבער פונעם פאָלקיסטישן, קליינבירגערלעכן (אָדער פויערישן) סאָציאַליזם נישט צום פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, נאָר צום בורזשואַזן ליבעראַליזם.

לענין האָט אָבער דעמאָלט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַ צייטווייליקע פאַרשטענדיקונג (אַ בלאָק) מיט די „לעגאַלע-מאַרקסיסטן", כדי אויסצונוצן זיי קעגן די פאָלקיסטן. אין אַט דעם בלאָק האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן די גרונט-שטריכן פון דער לענינישער ליניע אין אַלערליי פּאָליטישע בלאָקן און פאַרשטענדיקונגען: פולשטענדיקע אידעישע, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט, פולע פרייהייט צו קריטיקירן דעם צייטווייי-

ליקן און נישט־זיכערן פֿאַרבינדעטן זייַנעם. אַלס רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשטענדיקונג האָט זיך פֿרילינג 1895 יאָר באַוויזן דאָס לעגאַלע זאַמלבוך „מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון אונדזער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג" מיט אַרטיקלען פֿון לענין, פּלעכאַנאָוו, סטרוווע און אַנדערע. די צאַרישע צענזור האָט לכתחילה געהאַט דערלויבט די דאָזיקע זאַמלונג מיט אַזאַ „אומשולדיקן" נאָמען, און דאָס בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אָבער גאָר אינגיכן געכאַפּט, און די דאָזיקע זאַמלונג איז לויט אַ ספּעציעלער באַשטימונג פֿונעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט קאָנפֿיסקירט און פֿאַרברענט געוואָרן (דאָס איז דעמלט געווען אַ זעלטן און אויסערגעוויינטלעך מיטל). בלויז הונדערט עקזעמפּלאַרן האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען און פֿאַרשפּרייטן צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך און גרופּעס. עס האָט זיך באַקענט מיט אָט דער זאַמלונג אויך דער חבר סטאַלין, און לענינס אַרטיקל מיט דער אונטערשריפֿט ק. טולין — „דער עקאָנאָמישער אינהאַלט פֿונעם פּאָלקיזם און זיין קריטיק אין ה' סטרוועס בוך" האָט געמאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

„איך מוז אים אומבאַדינגט זען" — האָט געזאָגט סטאַלין, ווען ער האָט איבערגעלייענט טולינס (לענינס) אַרבעט, — דערמאָנט זיך איינער פֿון די חברים, וואָס האָט נאָענט געקענט סטאַלינען אין יענער צייט.

לענינס אַרטיקל איז געווען די צענטראַלע אַרבעט אין דער זאַמלונג. אין דעם אַרטיקל האָט לענין קודם־כּל געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע קריטיק פֿונעם פּאָלקיזם, פֿון די סאָציאַלאָגישע און עקאָנאָמישע אָנשוויונגען זייַנע, און האָט פֿאָרמולירט זיין אייגענעם קוק אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנד. די דאָזיקע אַרבעט איז אין אַ סך הינזיכטן אַ קאָנספּעקט פֿון לענינס שפּעטערדיקע עקאָנאָמישע אַרבעטן, באַזונדערס פֿון זיין בוך „די אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". קריטיקירנדיק דעם פּאָלקיזם, האָט לענין אין דער זעלבער צייט אָנגעוויזן אויף די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע דאָס פּאָלקיסטישע פּראָגראַם אַנטהאַלט און וועלכע דריקן אויס די אינטערעסן פֿונעם קליינבירגערטום פֿון שטאָט און דאָרף אין דער עפּאָכע פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. אין אָט דער לענינישער אָנווייזונג איז שוין געלייגט דער יסוד פֿאַר דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿון דער באָלשעוויסטי־

שער טאַקטיק בנוגע די דעמאָקראַטישע שיכטן און פּאַרטייען אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

לענין האָט אין זיין אַרבעט געגעבן אַ פּאַנאַנדערגעוויקלטע קריטיק פונעם „לעגאַלן מאַרקסיזם", באַזונדערס האָט ער אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס סטרוווע זאָגט זיך אָפּ פון דער וויכטיקסטער הנחה פונעם מאַרקסיזם — פון דער לערע וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דעם גרונט-פעלער פון סטרוווען און פון אַנדערע „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָט לענין געזען אינעם בורזשואַזן אָביעקטיוויזם, וואָס ברענגט צום באַרעכטיקן און לויבן דעם קאַפּיטאַליזם, צום פאַרווישן די קלאַסן-ווידערשפּרוכן, בעת דער אמתער מאַרקסיסט-מאַטעריאַליסט דעקט דרייסט אויף די דאָזיקע ווידערשפּרוכן און שטעלט זיך אויפן צד פונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס — פונעם פּראָלעטאַריאַט. „דער מאַטעריאַליזם, — האָט געשריבן לענין, — אַנטהאַלט אין זיך, אַזוי צו זאָגן, פּאַרטייאישקייט, פאַרפּליכטנדיק ביי יעטוועדן מין אָפּשאַצן אַ געשעעניש דירעקט און אָפן צו שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער גרופּע"[1].

אַט אַזוי האָט לענין, מיט עטלעכע יאָר פאַר דער אָפענער אַרויסטרעטונג פון די רעוויזיאָניסטן אין מערב, אײדער נאָך ס׳האָט זיך באַוויזן די „בערנשטייניאַדע", געגעבן אַן אַנטשיידנדיקן ווידערשטאַנד די ערשטע פּרוּוון צו פאַרקריפּלען דעם מאַרקסיזם אין רוסלאַנד. אין קאַמף קעגן די פאָלקיסטן און קעגן די „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָט לענין דערצויגן די מאַרקסיסטישע קאַדרען אין רוסלאַנד, אויסגעאַרבעט די טראַדיציעס פון אידעישער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט צום מינדסטן פאַרקריפּלען דעם מאַרקסיזם.

באַגלייך מיטן פאַנאַנדעראַרבעטן דאָס רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם פון די רוסישע מאַרקסיסטן און מיטן קאַמף קעגן דעם פאָלקיזם און „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָט לענין פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אויפן געביט פון בויען די פּאַרטיי. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די פאָרגעשריטענע פּעטערבורגער אַרבעטער. לענין האָט געשטרעבט צו שאַפן פון זיי קאַדרען אָרגאַניזאַטאָרן פון דער צוקונפטיקער פּאַרטיי. ער האָט געפירט שמועסן מיט אַרבעטער, געלייענט מיט אייניקע פון זיי דעם „קאַפּיטאַל".

[1] לענין, ווערק, 4-טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 380—381.

פון הארבסט 1894 יאר אן האט ער אנגעהויבן פירן א פראפאגאנדע אין די ארבעטער-קרייזלעך הינטער נעווסקאיא זאסטאווע, ווו עס האט זיך געפונען א ריי גרעסטע זאוואדן און פאבריקן. צו דער זעל־בער צייט האט לענין אנגעהויבן ארבעטן אין אן ארבעטער-קרייזל אויף פעטערבורגסקאיא סטאראנא, און שפעטער — אין א קרייזל אין האפן אויף וואסיליעווסקי אסטראוו.

ווינטער 1894 יאר האט זיך לענין באקענט מיט נאדיעזשדא קאנסטאנטינאוונא קרופסקאיא, א לערערין פון דער זונטיקדיקער אוונטשול הינטער דער נעווסקאיא זאסטאווע. פון דעמלט אן ווערט נ. ק. קרופסקאיא ביזן סוף פון לענינס לעבן זיין נאענטסטער פריינד און חבר אין דער רעוואלוציאנערער ארבעט.

דער צענטער פונעם קרייזל פון די ארבעטער פון סעמיאניקאוום זאוואד (איצט זאוואד אויפן נאמען פון וו. אי. לענין) איז געווען אי. וו. באבושקין, א טרייער לענינים, אן אנגעזעענער טוער פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי, וועלכן ס'האט אין 1906 יאר בעסטיאליש דערשאסן אין סיביר א שטראף-עקספעדיציע. בא־בושקין איז געווען זייער נאענט מיט לענינען, וועלכער האט אים געהאלטן פארן „שטאלץ פון דער פארטיי", פאר איינעם פון אירע בעסטע זין, וואס זיינען איר מסירת-נפשדיק איבערגעגעבן און ביזן סוף שטאנהאפטיק.

אט ווי באבושקין באשרייבט די פראפאגאנדע פון מארקסיזם, וואס לענין האט געפירט אין זיין קרייזל:

„דער לעקטאר פלעגט אונדז דערקלערן די האזיקע וויסנשאפט מינדלעך, אן א וועלכן-נישט איז העפט, ער האט אפט געזוכט ארויס־צורופן ביי אונדז אדער דערווידערונגען אדער א פארלאנג זיך ארייג־צולאזן אין א שטרייט, און דעמלט פלעגט ער אויף א שפאסיקן אופן צווינגען איינעם דערווייזן דעם אנדערן די ריכטיקייט פון זיין שטאנדפונקט אין דער געגעבענער פראגע. אזוי ארום האבן אונדזערע לעקציעס געטראגן זייער א לעבעדיקן, אינטערעסאנטן כאראקטער... מיר פלעגן אלע זיין זייער צופרידן מיט אט די לעקציעס און זיינען שטענדיק געווען אנטציקט פון דער קלוגשאפט פון אונדזער לעקטאר".[1]

---

[1] אי. וו. באבושקינס דערינערונגען (1893—1900), 1925, ז. 51.

די פּאַרגעשריטענע אַרבעטער, מיט וועלכע לענין האָט געלערנט אין די קרייזלעך, האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. אַלע אַרבעטער, מיט וועלכע לענינען איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן אין פּעטערבורג, פלעגן אין איין קול אָנווייזן, אַז ער איז געווען פאַר זיי אַן „אייגענער מענטש". ער פלעגט רעדן זייער פּשוט און פאַרשטענדלעך וועגן די סאַמע ערנסטע זאַכן — וועגן מאַרקס טעאָריע, וועגן די יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, וועגן דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער לאַגע פון רוסלאַנד. דאָס, וואָס פלעגט זיך געוויינלעך אויסדוכטן פאַר אומפאַרשטענדלעך, פלעגן די אַרבעטער, הערנדיק לענינען, באַנעמען לייכט און פריי, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין פון לאַנג באַקאַנט, וואָס זיי האָבן גוט געפילט, נאָר האָבן עס פריער נישט געקאָנט אויסדריקן מיט ווערטער.

דאָס קאָנען רעדן קלאָר און פּשוט וועגן די סאַמע קאָמפּליצירטע טעאָרעטישע פראַגן איז געווען לענינס אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך.

לענין האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעט פון די קרייזלעך אַ נייעם אינהאַלט. ער האָט פאַרבונדן די פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסיזם מיטן דערלערנען די רוסלענדישע ווירקלעכקייט. „דער לעקטאָר — דערציילט באַבושקין, — פלעגט אונדז אַרויסגעבן בלעטלעך מיט פאַנאַנדערגעאַרבעטע פראַגן, וועלכע האָבן געפאָדערט פון אונדז אויפמערקזאַם צו באַקענען און צוצוקוקן זיך צום זאַוואָד און פאַבריקס-לעבן"[1]. הערנדיק די פּאַרגעשריטענע אַרבעטער, האָט לענין גלייכצייטיק געזען צו דערלערנען די לאַגע פון די אַרבעטער אין זאַוואָד, די סיסטעם פון אַרבעטסלוין און שטראָפן, די טאַריפן-טעכניק, פלעגט אויספרעגן וועגן די פּאַזשאַנדקעס אין די אונטערנעמונגען, קלאָר מאַכן, מיט וואָס די אַרבעטער זיינען אומצופרידן. „וולאַדימיר איליטש, — דערציילט נ. ק. קרופּסקאַיאַ, — האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט, וואָס פלעגט כאַראַקטעריזירן דעם שטייגער, דאָס לעבן פון די אַרבעטער; לויט באַזונדערע קליינע שטריכן פלעגט ער זיך באַמיען אַרומצוכאַפּן דאָס לעבן פונעם אַרבעטער אינגאַנצן גענומען, געפינען דאָס, אין וואָס מע קאָן זיך אָנ-

[1] א. ו. באַבושקינס דערינערונגען (1893—1900 י.), ז. 51.

כאַפּן, כדי בעסער צוגיין צום אַרבעטער מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע".[1]

שוין פון די ערשטע טריט פון זיין אַרבעט אין פּעטערבורג האָט לענין געהאַלטן, אַז מע טאָר זיך נישט באַגרענעצן בלויז מיט פּראָפּאַגאַנדע אין קרייזלעך צווישן אַ דינעם שיכט פאָרגעשריטענע אַרבעטער, אַז מע מוז פירן אַן אַגיטאַציע־אַרבעט צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. ער האָט שאַרף אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פראַגע גלייך ביי די ערשטע באַגעגענישן מיט די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די דערפאַרונג פון זיין אייגענער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט אין די קרייזלעך האָט נאָך מער איבערצייגט לענינען אין דער נייטיקייט אַריבערצוגיין פון פּראָפּאַגאַנדע אין קרייזלעך צו אַ ברייטער אַקטועלער פּאָליטישער אַגיטאַציע אויפן באָדן פון פאַרטיידיקן די דירעקטע באַדערפענישן פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז צום ערשטן מאָל פאַרווירקלעכט געוואָרן בעת די אומרוען אויף סעמיאַניקאָווס זאַוואָד סוף 1894 יאָר. דאָס סיסטעמאַטישע פאַרשפּעטיקן מיטן אויסצאָלן דעם אַרבעטסלוין האָט אַרויסגערופן ביי די אַרבעטער אַן אויפרייס פון צאָרן. די אַבסאָלוט גערעכטע פאָדערונג פון די אַרבעטער איז באַפרידיקט געוואָרן, אַ טייל אַרבעטער האָט מען אָבער אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג.

לענין האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אומבאַדינגט נייטיק תיכף אָפּצורופן זיך אויף די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף סעמיאַניקאָווס זאַוואָד. ער האָט אָנגעשריבן אַ פלוגבלעטל, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אינעם אַרבעטער־קרייזל, מע האָט עס איבערגעשריבן מיט דער האַנט אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן און פאַרשפּרייט אויפן זאַוואָד. אַ טעטיקן אָנטייל אין צונויפשטעלן און פאַרשפּרייטן דאָס פלוגבלעטל האָט גענומען באַבושקין. דאָס פלוגבלעטל האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. אָט דאָס ערשטע אַגיטאַציאָנעלע פלוגבלעטל פון די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז געווען דער אָנהייב פון אַ קער אין זייער גאַנצער טעטיקייט.

דער קער צו פּאָליטישער מאַסן־אַגיטאַציע האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג נישט בלויז פאַר פּעטערבורג, נאָר אויך

---

[1] נ. ק. קרופּסקאַיאַ. דעריננערונגען וועגן לענינען, ז. 16.

פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

אין פעברואַר 1895 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווירונג צווישן די אַרבעטער פון „נאָווי פּאָרט". די פעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָנגעפירט פון לענינען, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פלוגבלעטל „וואָס דאַרפן זיך באַמיען צו דערגרייכן די פּאָרט־אַרבעטער?", וווּ עס זיינען געווען פאָרמולירט זייערע פאָדערונגען. דאָס פלוגבלעטל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַרבעטער. די אַדמיניסטראַציע איז געווען געצווונגען צו גיין אויף הנחות. אָט דער זיג פון די אַרבעטער האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. דער אויטאָריטעט און דער איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז נאָך דעם שטאַרק אויסגעוואַקסן. די בלעטלעך האָבן באַקומען גרויס פּאָפּולערקייט, מע האָט אויף זיי געוואַרט, זיך מיט זיי גערעכנט.

נישט קיין קלענערע פּאָפּולערקייט האָט באַקומען לענינס בראָשור „די דערקלערונג פונעם געזעץ וועגן שטראָפן, וואָס ווערן גענומען ביי די אַרבעטער אין די פאַבריקן און זאַוואָדן". די בראָשור איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, אויסערלעך האָט זי אָבער אויסגעזען ווי אַ לעגאַלע. לענין האָט מיט גרויס אינטערעס געאַרבעט איבער דער האַזיקער בראָשור, וואָס זי איז באַשטימט געווען פאַרן מאַסעווען אַרבעטער־לייענער.

„איך וואָלט קיין זאַך אַזוי נישט געוואָלט, וועגן קיין זאַך אַזוי פיל נישט געטרוימט, ווי וועגן דער מעגלעכקייט צו שרייבן פאַר אַרבעטער"[1]. — האָט ער שפּעטער געשריבן פון פאַרשיקונג. אין אַ פאַרשטענדלעכער פאַר די אַרבעטער פאָרם האָט די בראָשור באַוויזן, ווי אַזוי די צאַרישע רעגירונג און די פאַבריקאַנטן עקספּלואַטירן די אַרבעטער און אויף וואָס פאַראַ אופן די פּראָלעטאַריער דאַרפן, אונטער דער אָנפירונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, קעמפן קעגן די אונטערדריקער.

אַזוי איז אונטער לענינס אָנפירונג געמאַכט געוואָרן דער היסטאָרישער קער פון פּראָפּאַגאַנדע פונעם מאַרקסיזם אין קליינע קרייזלעך פון פאָרגעשריטענע אַרבעטער צו פּאָליטישער אַגיטאַציע צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. אין רעזולטאַט פון דער אַגיטאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס אָנגעפירט מיט זיי

[1] לענין. ווערק, ב. XXVIII, ז. 17.

האָט לענין, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די באַוועגונג פון די פּעטער-בורגער אַרבעטער, וועלכע האָט געעפנט אַ נייעם פּעריאָד אין דער געשיכטע פונעם אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד.

זינט דעם באַרימטן מאָראָזאָווער שטרייק פון 1885 יאָר, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער אַרבע-טער-באַוועגונג, זיינען אַריבער סך-הכל 10 יאָר. די באַוועגונג פון די אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּעטערבורג, און באַזונדערס די באַרימטע שטרייקן פון 1896 יאָר, מיט וועלכע עס האָבן אָנגע-פירט די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, האָבן „געעפנט די ערע פון דער דערנאָך כסדר שטייגנדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, — דעם דאָ-זיקן מעכטיקסטן פאַקטאָר פון אונדזער גאַנצער רעוואָלוציע".[1]

אין דעם דאָזיקן איבערברוך-מאָמענט איז לענין גלייך אַרויס-געטרעטן קעגן די, וועלכע האָבן געפּרוווט צו באַגרענעצן די אַגיטאַ-ציע בלויז צו עקאָנאָמישע פראַגן, קעגן די, וועלכע האָבן געוואָלט באַגרענעצן דעם קאַמף פון די אַרבעטער בלויז מיטן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים. לענינען איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף קעגן די ערשטע אַנטפּלעקונגען פון „עקאָנאָמיזם" נאָך אין אָנהייב 1895 יאָר, אויף דער באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע גרופּעס פון פאַרשידענע שטעט און רוס-לאַנד (פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, ווילנע). די באַראַטונג איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג, אויף איר איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַריבערגיין צו אַגיטאַציע און וועגן איינשטעלן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט דער גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט". אויף אָט דער באַראַטונג האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי ליניעס — אַ רעוואָ-לוציאָנערע און אַן אָפּאָרטוניסטישע. אין רעזולטאַט האָט זיך איינ-געגעבן צונויפצורעדן זיך וועגן שיקן קיין אויסלאַנד אַ געמיינזאַמען פאָרשטייער פון אַלע גרופּעס אויף איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דער גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט". קיין אויסלאַנד זיינען אָוועקגעפאָרן צוויי מענטשן. די פּעטערבורגער סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן באַשלאָסן צו שיקן לענינען.

לענינס נסיעה האָט זיך פאַרהאַלטן מער ווי אויף אַ חודש. ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגן-אָנצינדונג. נאָך נישט אינגאַנצן

[1] לענין. ווערק, ב. XII, ז. 57.

געקומען צו זיך נאָך דער קרענק, הייבט ער אָן שטודירן דעם דריטן באַנד „קאַפּיטאַל", וואָס איז אָקאָרשט דערשינען אויף דייטש.

דעם 25 אַפּריל 1895 יאָר איז לענין אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אין דער שווייץ האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פּלעכאַנאָוון. לענין האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט אים און מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער גרופּע „באַפֿרייונג פֿון דער אַרבעט" וועגן געמיינזאַמער אַרבעט, האָט באַהאַנדלט מיט זיי אַ ריי פּרינציפּיעלע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן. די גרופּע „באַפֿרייונג פֿון דער אַרבעט" האָט אָנגענומען לענינס פֿאָרשלאַג וועגן אַרויסלאָזן פּאָפּולערע זאַמלביכער פֿאַר אַרבעטער. עס איז געשאַפֿן געוואָרן דאָס נישט-פּעריאָדישע זאַמלבוך „ראַבאָטניק". לענין האָט אָרגאַניזירט דאָס שיקן פֿון רוסלאַנד אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן פֿאַרן זאַמלבוך.

בעת די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אויפֿגעדעקט מיינונגס-פֿאַרשידנהייטן צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון אין אייניקע פּרינציפּיעלע פֿראַגן. האָבנדיק זיך באַקענט מיט לענינס אַרטיקל קעגן סטרוווען, האָט פּלעכאַנאָוו זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער לענינישער טאַקטיק בנוגע די ליבעראַלן, באַמערקנדיק: „איר דרייט זיך אויס צו די ליבעראַלן מיטן רוקן, און מיר — מיטן פּנים". פּלעכאַנאָוו האָט נישט דערשאַצט די ראָל און באַדייטונג פֿונעם פּויערטום אַלס פֿאַרבינדעטן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און האָט געהאַלטן די ליבעראַלע בורזשואַזיע פֿאַר דער טרייבקראַפֿט אין דער פֿאָרשטייענדיקער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט טעאָרעטישע מיינונגס-פֿאַרשידנהייטן אויך אין אַ ריי פֿראַגן פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

אין דער שווייץ איז לענין אָפּגעווען אָן ערך אַנדערטהאַלבן חדשים, און מער ווי צוויי חדשים אין פּאַריז און אין בערלין, וווּ ער האָט אויפֿמערקזאַם שטודירט די אַרבעטער-באַוועגונג, באַזוכט אַרבעטער-פֿאַרזאַמלונגען, זיך באַקענט מיטן לעבן און מיטן שטייגער פֿונעם מערב-אייראָפּעיִשן אַרבעטער. „די בערלינער Sehenswürdigkeiten[1] — האָט ער געשריבן צו דער מוטער, — באַזוך איך זייער פֿויל: בכלל בין איך צו זיי גאַנץ גלייכגילטיק און קום אַהין מערסטנטייל צופֿעליק. און בכלל געפֿעלט מיר מער אַרומשלעפּן זיך

[1] — מערקווירדיקטן. (רעד.)

איבער פֿאַרשידענע פֿאָלקס־אוניווערסיטעטן און פּראָווינצן, איידער באַזוכן מוזייען, טעאַטערס, פּאַסאַזשן אדג."[1]

ווען לענין איז געקומען צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד, איז ענגעלס געווען שווער קראַנק, און לענין האָט זיך נישט געקאָנט מיט אים זען. אין פּאַריז האָט זיך לענין באַקענט מיטן אָנגעזעענעם פֿראַנצויזישן סאָציאַליסט — מיט מאַרקס איידעם — פּאָל לאַפֿאַרג.

ווען לענין האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקפֿאָרן, אין אויגוסט 1895 יאָר, איז געשטאָרבן ענגעלס. לענין האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל — אַ נעקראָלאָג „פֿרידריך ענגעלס", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן אַן אונטערשריפֿט אין נומער 2-1 פֿונעם זאַמלבוך „ראַבאָטניק". דאָס דאָזיקע קליינע אַרטיקל איז דאָס בעסטע, וואָס ס'איז פֿאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור וועגן דעם לעבן און דער טעטיקייט פֿון מאַרקס מיטקעמפֿער, איינעם פֿון די גרונטלייגער פֿונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם — פֿרידריך ענגעלס.

די צייט, וואָס ער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט לענין אויסגענוצט אויך אויף צו שטודירן יענע מאַרקס און ענגעלס ווערק, וועלכע מע האָט נישט געקאָנט קריגן אין רוסלאַנד. אין אויסלאַנד האָט לענין אַ סך און פֿלייסיק געאַרבעט אין די ביבליאָטעקן.

קיין רוסלאַנד האָט ער זיך אומגעקערט דעם 7 סעפּטעמבער 1895 יאָר. די זשאַנדאַרמען אויף דער גרענעץ האָבן געהאַט אַ שטרענגן אָנווייזונג זאָרגזאַם דורכצוקוקן לענינס באַגאַזש. די דאָזיקע רעוויזיע האָט אָבער גאָרנישט געגעבן. אין אַ טשעמאָדאַן מיט אַ דאָפּלטן דעק האָט לענין בשלום דורכגעפֿירט מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. זייער קונציק האָט ער זיך אויסגעדרייט פֿון פּאָליציייִשער אויפֿזיכט און, איידער ער איז געקומען קיין פּעטערבורג, איז ער 22 טעג אַרומגעפֿאָרן איבער רוסלאַנד: ער איז געווען אין ווילנע, ווו ער האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען וועגן טראַנספּאָרטירן מאַרקסיסטישע ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד; דערנאָך האָט ער באַזוכט מאָסקווע, אָרעכאָוואָ־זויעוואָ, ווו ער האָט איינגעשטעלט פֿאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

לענינען האָט זייער שטאַרק געקרענקט דאָס, וואָס די צעשפּליטערטקייט, די קוסטאַרעריי פֿון די דעמאָלטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אַנטשפּרעכן נישט דער גראַנדיעזקייט פֿון די

---

[1] לענין. בריוו צו קרובים, 1934, ז. 9.

היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד. קיין מאַרקסיסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. שפּעטער, אין 1902 יאָר, אינעם בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" האָט ער געשריבן וועגן זיינע שטימונגען פון יענער צייט: „איך האָב געאַרבעט אין אַ קרייזל, וואָס האָט געשטעלט פאַר זיך זייער ברייטע, אוניווערסאַלע אויפגאַבן, — און אונדז אַלעמען, די מיטגלידער פונעם דאָזיקן קרייזל, איז אויסגעקומען פיינלעך, ביז ווייטיק ליידן פונעם באַוווּסטזיין, אַז מיר ווייזן זיך אַרויס פאַר קוסטאַרן אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט, ווען מע וואָלט, איבעראַנדערשנדיק דעם באַוווּסטן אַפאָריזם, געקאָנט זאָגן: גיט אונדז אַן אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן — וועלן מיר איבערקערן רוסלאַנד!"[1].

צום לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע איז לענין צוגעטרעטן נאָך ביי די ערשטע טריט פון זיין אַרבעט אין פּעטערבורג. אומגעקערט זיך פון זיין רייזע קיין אויסלאַנד, האָט ער מיט נייער, פאַרצענפאַכטער ענערגיע זיך גענומען צום פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. ער קומט כמעט יעדן טאָג אין די אַרבעטער־ראַיאָנען, פירט דורך פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען, שמועסט מיט אַרבעטער, גיט אָנווייזונגען די מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. לענין האָט פאַראייניקט אַלע מאַרקסיסטישע אַרבעטער־קרייזלעך, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פּעטערבורג (ביי 20), אין איין אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם אַרבעטער־קלאַס". דערמיט גופא האָט ער צוגעגרייט די אויסבילדונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

לענין האָט געבויט די אַרבעט פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" אויף די פּרינציפּן פון צענטראַליזם און שטרענגער דיסציפּלין. בראש פונעם „פאַרבאַנד" איז געשטאַנען אַ צענטראַלע גרופּע, דירעקט מיט דער גאַנצער אַרבעט האָבן אָנגעפירט פינף מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע בראש מיט לענינען, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער רעדאַקטאָר פון די אויסגאַבן פונעם „פאַרבאַנד". די אָרגאַניזאַ־

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 458, (וו. אי. לענין. אויסגעוויילטע ווערק אין 2 בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 272, 1941 י., מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס").

ציע איז געווען איינגעטיילט אין ראַיאָנען. אין די ראַיאָן־גרופּעס זיינען אריינגעגאַנגען אָרגאַניזאַטאָרן פון צווישן די פאָרגעשריטענע, צוזאַמערסטן באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע פלעגן פאַרבינדן די ראַיאָן־גרופּעס מיט די זאַוואָדן. אין די זאַוואָדן זיינען אויך געווען אָרגאַניזאַטאָרן פאַר אינפאָרמאַציע און פאַר פאַרשפּרייטן ליטעראַטור. אויף אַלע גרעסטע זאַוואָדן זיינען געשאַפן געוואָרן אַרבעטער־קרייזלעך, ווו באַגלייך מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פלעגן באַהאַנדלט ווערן אויך די לויפנדיקע פראַגן פונעם פּאָליטישן לעבן. פאַקטיש האָבן די דאָזיקע קרייזלעך פאַרגעשטעלט מיט זיך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קעמערלעך אין די אונטערנעמונגען.

דער „פאַרבאַנד פון קאַמף", וואָס אָנגעפירט מיט אים האָט לענין, איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער מאַסעווער אַרבעטער־באַוועגונג. לענין האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דער לאַגע אין די זאַוואָדן און פאַבריקן, איז געווען אין קורס פון די שטימונגען פון די אַרבעטער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יווירונג אין טאָרנטאָנס פאַבריק, האָט לענין זאָרגזאַם צונויפגעזאַמלט אַלע מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער, וועגן די שטראָפן, ער האָט דעטאַל גערווסט אַלע טאַריפן, ער האָט דערלערנט אפילו די נאָמענקלאַטור פון די סחורות. אַזאַ מין גרינטלעך קענען די לאַגע און די שטימונגען פון די אַרבעטער האָט געגעבן די מעגלעכקייט קאָנקרעט אָנצופירן מיטן שטרייק־קאַמף.

דער „פאַרבאַנד פון קאַמף" האָט גוט אָרגאַניזירט דעם שטרייק אין טאָרנטאָנס פאַבריק. דעם 5 נאָוועמבער האָט דער „פאַרבאַנד פון קאַמף" אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט דאָס פלוגבלעטל „וואָס פאָדערן די וועבער?". דאָס פלוגבלעטל האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף די אַרבעטער; גלייך אויף מאָרגן האָבן די וועבער פאַרשטרייקט. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ צווייט פלוגבלעטל צו די שטרייקנדיקע אַרבעטער און אַרבעטערינס פון טאָרנטאָנס פאַבריק; אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע בלעטל האָט לענין. אינעם פלוגבלעטל איז דעמאַסקירט געוואָרן די פּאָליטיק פון טאָרנטאָנען, וועלכער האָט אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטסלוין נישט אַלע אַרבעטער מיט אַמאָל, נאָר בהדרגהדיק. דאָס פלוגבלעטל האָט אויפגעקלערט, אַז פאַרבעסערן זייער לאַגע קאָנען די אַרבעטער בלויז דורך געמיינזאַמע סאָלידאַרע אָנשטרענגונגען. דער שטרייק

האָט זיך געענדיקט דערפאָלגרייך פאַר די אַרבעטער. ער האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון אַ נייעם אויפשטייג פון דער שטרייק־באַוועגונג אין פעטערבורג.

יעדעם בלעטל אַזאַ, וואָס האָט פאַרבונדן די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די אַרבעטער מיט די אַנטשפרעכיקע פאָליטישע פאָדערונגען, האָט געהויבן דעם גייסט פון די אַרבעטער. דער אויטאָריטעט פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" אין די אַרבעטער־מאַסן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. אונטער דער אָנפירונג פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" זיינען פאַרגעקומען אויך אַנדערע שטרייקן. די אַרבעט פונעם לענינישן „פאַרבאַנד פון קאַמף" האָט זיך געלאָזט פילן מיט אַ באַזונדערער קראַפט זומער 1896 יאָר, ווען עס איז פאַרגעקומען דער באַרימטער שטרייק פון די פעטערבורגער טעקסטיל־אַרבעטער.

אונטער לענינס אָנפירונג האָט דער פעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם אַרבעטער־קלאַס" צום ערשטן מאָל אין רוסלאַנד אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די *פאַראייניקונג פונעם סאָציאַליזם מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג*, פאַרבינדנדיק דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר עקאָנאָמישע פאָדערונגען מיטן פאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם. לענין האָט שפעטער געשריבן: „בלויז די אַגיטאַציע פון די יאָרן 1894 — 1895 און די שטרייקן פון די יאָרן 1895—1896 האָבן געשאַפן די פעסטע כסדרדיקע פאַרבינדונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט דער מאַסעווער אַרבעטער־באַוועגונג"[1]. דער פעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף" האָט געגעבן אַ מעכטיקן שטופ דערצו, אַז אויך אין אַנדערע שטעט און געגנטן פון רוסלאַנד זאָלן זיך די אַרבעטער־קרייזלעך פאַראייניקן אין אַט אַזוינע פאַרבאַנדן.

לענין האָט געהאַלטן, אַז די טעטיקייט פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" אין די גרענעצן פון פעטערבורג אַליין איז ווייט נישט גענוגנדיק. ער האָט געשטעלט פאַר זיך ברייטערע אויפגאַבן: „דער פאַרבאַנד פון קאַמף" האָט געדאַרפט ווערן דער יסוד פאַר שאַפן די פאַרטיי. לענין האָט געהאַלטן, אַז אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט דאָס איינשטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון פאַרשידענע שטעט. פאַר צוויי יאָר איז אויפגעטאָן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע אַרבעט אין פרט פון איינשטעלן אַזוינע פאַרבינדונגען. דער

[1] לענין. ווערק, ב. XVII, ז. 353.

„פאַרבאַנד" איז שוין געווען פאַרבונדן מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַ-טישע אָרגאַניזאַציעס אין מאָסקווע, קיעוו, וולאַדימיר, יאַראָסלאַוול, איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק; אָרעכאָוואָ-זויעווא, ניזשני-נאָווגאָראָד, סאַמאַרע, סאַראַטאָוו, אָריאָל, טווער, מינסק, ווילנע. עס איז געווען אומבאַדינגט נייטיק צו פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די דאָזיקע פאַרבינדונגען. אַט די אויפגאַבע האָט געדאַרפט אויספילן אַ צייטונג, וואָס זאָל פאָרמולירן די נאָענטסטע אויפגאַבן און די ענדצילן פונעם קאַמף פון דעם אַרבעטער-קלאַס. דער ערשטער נומער פון אַזאַ צייטונג אונטערן נאָמען „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" איז שוין געווען צוגעגרייט צום דרוק.

לענין האָט פאַרן ערשטן נומער אָנגעשריבן דריי אַרטיקלען: דעם לייט-אַרטיקל „צו די רוסישע אַרבעטער", דעם אַרטיקל וועגן פרידריך ענגעלס אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין טויט און „וועגן וואָס טראַכטן אונדזערע מיניסטאָרן?". אינעם לייט-אַרטיקל האָט זיך גערעדט וועגן די היסטאָרישע אויפגאַבן פונעם אַרבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד און קודם-כל וועגן דעם קאַמף פאַר פאָליטישער פרייהייט. חוץ די אַרטיקלען זיינען נאָך צוגעגרייט געווען קאָרעספּאָנדענצן פון יאַראָסלאַוול, איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַ סך-הכל-באַריכט וועגן דער שטרייק-באַוועגונג אין פּעטערבורג.

לענינס פּלאַן האָט זיך אָבער דעמלט נישט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן. די צאַרישע רעגירונג האָט טראַט נאָך טראַט נאָכגעשפּירט נאָך לענינס רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אין זיין פּערזאָן האָט זי געזען זייער אַ געפערלעכן שונא. אין דער נאַכט אויפן 9 דעצעמבער 1895 יאָר האָבן די זשאַנדאַרמען צעגראַמירט דעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" — זיי האָבן אַרעסטירט אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיינע מיטגלידער, דערונטער אויך דעם אָרגאַניזאַטאָר און פירער פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" — וו. אי. לענינען.

אַלס ענטפער אויפן אַרעסט פון לענינען און פון אַנדערע טוער פונעם „פאַרבאַנד" האָבן די אַרבעטער אַליין אָנגעשריבן אַ פלוגבלעטל מיט שאַרף אויסגעשפּראָכענע פאָליטישע פאָדערונגען. דאָס דאָזיקע פלוגבלעטל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן און מע האָט עס פאַרשפּרייט אין די זאַוואָדן און פאַבריקן.

דער פּעטערבורגער פעריאָד האָט אַ ביז גאָר גרויסע באַדייטונג אינעם לעבן און אין דער טעטיקייט פון וו. אי. לענינען. מער ווי צוויי יאָר האָט לענין פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, צווישן די פּעטער-

בורגער אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ שול פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, אַ שול פון רעוואָלוציאָנערער מייסטערשאַפט. דאָ האָט לענין דער ערשטער אין רוסלאַנד אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די פאַראייניקונג פונעם סאָציאַליזם מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט געשאַפן דעם „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם אַרבעטער-קלאַס" — דעם ערשטן ערנסטן עמבריאָן פון אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, וואָס שטיצט זיך אויף דער אַרבעטער-באַוועגונג. אויף דער רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג פונעם פעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף" האָט זיך לענין געשטיצט אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט פון שאַפן אַ מאַרקסיסטישע פאַרטיי אין רוסלאַנד. אין פעטערבורג האָט לענין אָנגעפירט מיט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען פונעם פראָלעטאַריאַט מיט זיינע קלאַסן-שונאים, האָט דערצויגן דעם אַרבעטער-קלאַס, גרייטנדיק אים צו דער אַנטשיידנדיקער אַטאַקע קעגן דער זעלבסטהערשונג און דער בורזשואַזיע. דאָ האָט לענין פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אַנטשיידנדיקן און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דעם פאָלקיזם, קעגן „לעגאַלן מאַרקסיזם" און קעגן די ערשטע אַנטפּלעקונגען פונעם „עקאָנאָמיזם". אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט לענין דערצויגן און באַהעפט אַן ענגע גרופּע מיינונגס-חברים און מיטקעמפער זיינע, בוייער פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

סוף XIX יאָרהונדערט זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אינעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געהאַלטן אין אַריינטרעטן אין אַ נייער עפּאָכע — אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם. אויף אַ נייעם אופן האָבן זיך געשטעלט די פראַגן פון אָרגאַניזירן די פּראָלעטאַרישע פאַרטיי, די פראַגן פון סטראַטעגיע און טאַקטיק פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס. דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַריבערררוקן קיין רוסלאַנד. דאָ האָט געזומען רייף ווערן די גרעסטע פאָלקס-רעוואָלוציע.

אין אָט דעם היסטאָרישן מאָמענט איז אַרויסגעטרעטן וולאַדימיר איליטש לענין, וואָס האָט הויך אויפגעהויבן און געטראָגן ווייטער די קאַמפּס-פאָן פון מאַרקסן און ענגעלסן, די פאָן פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

III

לענין איז 14 חדשים אָפּגעזעסן אין טורמע. זיין ברויזנדיקע טעטיקייט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט אויך דאָ. דער טאָג איז ביי אים געווען שטרענג פּלאַנירט און פֿאַרפֿולט מיט אַרבעט. לענין האָט געפֿונען וועגן און מיטלען, ווי אַזוי פֿון אונטער די טורמע־קראַטעס אָנצופֿירן מיט דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט געשאַפֿן: ער פֿלעגט שיקן אויף דער פֿריי בריוו, פֿלוגבלעטלעך און האָט אַפֿילו אָנגעשריבן אַ בראָשור „וועגן שטרייקן" און דעם „פּראָיעקט און דערקלערונג פֿון דעם פּראָגראַם פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי". אין אַט דעם ערשטן עסקיז פֿון דעם פּראָגראַם פֿאָרמולירט לענין די גרונט־צילן און גרונט־אויפֿגאַבן פֿונעם קלאַסן־קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט: אַראָפּוואַרפֿן די זעלבסטהערשונג, דעראָבערן פּאָליטישע פֿרייהייט, פֿאַרכאַפּן די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע. גרויס אויפֿמערקזאַמקייט האָט לענין אָפּגעגעבן אין דעם פּראָגראַם אויך דער אַגראַר־פֿראַגע.

פֿון קאָנספּיראַציע וועגן פֿלעגט לענין שרייבן זיינע בריוו און בראָשורן מיט מילך צווישן די שורות פֿון אַ וועלכן נישט־איז בוך. כדי די טורמע־אויפֿזעער זאָלן אים נישט כאַפּן, פֿלעגט וולאַדימיר איליטש אויסקנעטן פֿון ברויט קליינע טינטערלעך, וועלכע ער פֿלעגט, בעת אַ געפֿאַר, שנעל איינשלינגען. „היינט האָב איך אויפֿגעגעסן זעקס טינטערם", — האָט ער אין אַ וויץ מיטגעטיילט אין איינעם אַ בריוו.

די בראָשור „וועגן שטרייק" האָבן די זשאַנדאַרמען פֿאַרכאַפּט ביים אַרעסטירן די אומלעגאַלע טיפּאָגראַפֿיע, וווּ מען האָט זי געדרוקט. ביזן היינטיקן טאָג האָט מען זי נישט געפֿונען. „פּראָיעקט און דערקלערונג פֿון דעם פּראָגראַם פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־

שער פארטיי" איז צום ערשטן מאל אפגעדרוקט געווארן ערשט אין 1924 יאר.

לענין איז נישט נאר געווען פארבונדן מיט דער פריי, ער האט קארעספאנדירט אויך מיט די ארעסטירטע. זיינע בריוו האבן געאטעמט מיט מונטערקייט, זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט זארג וועגן די ארעסטירטע חברים.

אין דריי וואכן ארום נאכן ארעסט האט לענין געשריבן פון טורמע: „איך האב א פלאן, וואס באהערשט מיך שטארק זינט מיין ארעסט, און וואס ווייטער, אלץ שטארקער. איך האב זיך שוין פון לאנג פארנומען מיט איינער אן עקאנאמישער פראגע (וועגן דעם אפזאץ פון סחורות פון דער באארבעטנדיקער אינדוסטריע אינעווייניק אין לאנד), כ'האב צוגעקליבן א געוויסע ליטעראטור, צונויפגעשטעלט א פלאן, ווי אזוי צו באארבעטן די פראגע, אפילו שוין עפעס וואס אנגעשריבן, — איך האב בדעה ארויסצוגעבן מיין ארבעט אין א באזונדערן בוך, אויב זי וועט פארנעמען מער ווי א זשורנאל־ארטיקל. ווארפן די דאזיקע ארבעט וואלט זיך זייער נישט וועלן, און איצט, זעט אויס, שטייט פאר אן אלטערנאטיוו אדער אנשרייבן זי דא, אדער זיך אינגאנצן אפזאגן"[1].

אין די בריוו צו די קרובים רעכנט לענין אויס די ביכער, זאמלונגען, מאטעריאלן, וועלכע ער דארף צו דער ארבעט. דאס צושטעלן די ביכער אין טורמע האט ארגאניזירט לענינס שוועסטער, אננא איליניטשנא. וולאדימיר איליטש שטודירט מיט גרויס אינטערעס א שלל מאטעריאלן, מאכט אן א שיעור אויסצוגן. אזוי האט זיך אנגעהויבן די ארבעט איבער דעם גענ‍יאלן בוך „די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד".

זומער 1896 יאר האט זיך לענין מיט פרייד דערוווסט, אז די ארבעט פונעם „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייונג פונעם ארבעטער־קלאס", וואס ער האט אים געשאפן, האט געגעבן אירע רעזולטאטן: אין פעטערבורג האבן געשטרייקט 30 טויזנט ארבעטער וועבער. דאס איז געווען, ווי לענין האט געשריבן אין 1905 יאר, „א מאסן־באוועגונג מיט אן אנהייב פון גאס־אגיטאציע, ביים אנטייל שוין פון א גאנצער סאציאל־דעמאקראטישער ארגאניזאציע"[2].

---

[1] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 14.

[2] לענין. ווערק, ב. VII, ז. 105.

דעם 29 יאַנואַר 1897 יאָר איז דערקלערט געוואָרן דער אורטייל איבער די באַשולדיקטע אינעם ענין פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף". לענינען האָט מען אויף דריי יאָר פאַרשיקט קיין מזרח־סיביר.

איידער ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סיביר, האָט זיך לענינען, ווי אויך אַנדערע פאַרמשפּטע אינעם פּראָצעס פונעם „פאַר־באַנד פון קאַמף" איינגעגעבן זיך צו פאַרהאַלטן אויף דריי טעג אין פּעטערבורג אויף איינצואָרדענען די פּערזענלעכע ענינים. פאַר אָט דער צייט האָט ער באַוויזן דורכצופירן אַ ריי באַראַטונגען פון די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" דערציילט לענין, אַז אים און אַנדערע „אַלטע" איז, „איידער זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן, אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין איינער אַ פּריוואַטער פאַרזאַמלונג, וווּ עס זיינען זיך צונויפגעקומען די „אַלטע" און די „יונגע" מיטגלידער פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם אַרבעטער־קלאַס", אַז „צווישן די אַלטע" (די „דעקאַבריסטן", ווי עס האָבן זיי דעמלט אין שפּאַס גערופן די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן) און איניקע פון די „יונגע"... האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן אַ שאַרפע מיינונגס־פאַר־שידנהייט, און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ הייסע פּאָלעמיק".[1]

צום אונטערשיד פון די „אַלטע" האָבן די „יונגע" געהאַלטן פאַר זייער גרונט־אויפגאַבע — אָרגאַניזירן „אַרבעטער־קאַסעס" אויף צו העלפן די שטרייקער און פאַר קולטור־צוועקן. אַנשטאָט קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַליזם, אַנשטאָט דער אויפגאַבע צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס זאָל אָנפירן מיטן אַרבעטער־קלאַס, האָבן די „יונגע" אַרויסגערוקט די אידעע פון אַ ריין פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער. לענין האָט שוין דעמלט גלייך געגעבן אַן אַנטשידענעם ווידערשטאַנד די דאָזיקע טענדענצן, — ער האָט דערפילט אין זיי די שפּראָצן פונעם צוקונפ־טיקן „עקאָנאָמיזם".

דעם 17 פעברואַר 1897 יאָר איז לענין אַוועקגעפאָרן אין דער ווייטער סיבירער פאַרשיקונג. לויט דער מוטערס שתדלנות איז אים דערלויבט געוואָרן צו פאָרן אינדיווידועל, אויפן אייגענעם חשבון.

---

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 387. (וו. אי. לענין, אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 190—191, 1941 י., מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס").

דעם 4 מערץ איז לענין אָנגעקומען קיין קראַסנאָיאַרסק. דאָ איז אים אויסגעקומען כמעט צוויי חדשים צו וואַרטן, מע זאָל אים באַשטימען אַ באַשטענדיקן פאַרשיקונגס־אָרט. אָט די צייט האָט ער ברייט אויסגענוצט — יעדן טאָג האָט ער געאַרבעט אין דער זייער רייכער ביבליאָטעק פונעם קראַסנאָיאַרסקער סוחר דעם ביבליאָפיל ג. וו. יודין און געמאַכט די נייטיקע אויסצוגן פאַרן בוך „די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". אין קראַסנאָיאַרסק האָט ער אויך געאַרבעט איבערן אַרטיקל „צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם עקאָנאָמישן ראָמאַנטיזם", וווּ ער האָט באַוויזן, אַז די עקאָנאָמישע אָנשויונגען פון די ליבעראַלע פאָלקיסטן, וואָס האָבן אַזוי פיל געטענהט וועגן די „אייגנאַרטיקע וועגן" פון רוסלאַנדס אַנטוויקלונג, זיינען אינדעראמתן אַ רוסישער וואַריאַנט פון די רעאַקציאָנער־אוטאָפּישע קליינבירגערלעכע אָנשויונגען פונעם שווייצער עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי, וועלכער האָט געשריבן אָנהייב XIX יאָרהונדערט. די צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קראַסנאָיאַרסק, האָט לענין אויסגענוצט אויך אויף צו טרעפן זיך מיט די פאַרשיקטע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. אים האָט זיך איינגעגעבן, פאַרשטעלט פאַר אַ פורמאַן, וואָס האָט געבראַכט די זאַכן פון די אַרעסטאַנטן, אַריינצוכאַפּן זיך אין טורמע און דורכצושמועסן זיך מיט פעדאָסייעוון, וועלכער איז דאָרט געזעסן.

אין דער צייט, ווען לענין האָט פאַרגעזעצט זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין דער ביבליאָטעק און האָט געפירט אַ העפטיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט אייגענע און פריינד, איז אין פּאָליציי־אַמט פאָרגעקומען אַן אמתע מהומה. דער יעניסייסקער גובערניאַלער טורמע־אינספּעקטאָר האָט צווישן די אָנגעקומענע פאַרטיעס פאַרשיקטע נישט געזען דעם „מלוכה־פאַרברעכער וו. אי. אוליאַנאָוו", האָט ער געמאַכט אַ טומל. מע האָט גענומען טעלעגראַפירן אין אַלע זייטן. אינעם ענין האָבן זיך אַריינגעמישט די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די טורמעס, דער פּאָליציימייסטער און דער אירקוטסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר. לענינען האָט מען ענדלעך „געפונען" אין זיין דירה, אין פּאַפּאָווס הויז, וווּ ער האָט זיך געהאַט באַזעצט, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין קראַסנאָיאַרסק.

אַלס פאַרשיקונגס־אָרט איז פאַר לענינען באַשטימט געוואָרן דאָס דאָרף שושענסקאָיע, מינוסינסקער קרייז, יעניסייסקער גובערניע, מער ווי 500 וויאָרסט פון דער אייזנבאַן. דעם 8 מאַי איז ער

געקומען צו פאָרן אינעם דאָזיקן דאָרף, וווּ עס איז אים פאָרגעשטאַנען צו לעבן ביי דריי יאָר.

„דאָס דאָרף איז גרויס, עטלעכע גאַסן, גאַנץ שמוציקע, שטויביקע — אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, — האָט לענין געשריבן צו זיין שוועסטער. — עס שטייט אין סטעפּ — קיין גערטנער און בכלל קיין גרינס איז נישטאָ. דאָס דאָרף איז אַרומגערינגלט מיט... מיסט, וואָס מע פירט דאָ נישט אַרויס אין פעלד, נאָר מע וואַרפט עס גלייך הינטערן דאָרף, אַזוי, אַז כדי אַרויסצוגיין פון דאָרף, דאַרף מען כמעט אַלעמאָל דורכגיין איבער אַ געוויסן סכום מיסט"[1].

נישט לייכט איז געווען צו לעבן אין פאַרשיקונג. זיין אָפּגעריסן פון דירעקטער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. „יאָ, איך בין דיר מקנא, — האָט לענין סוף 1898 יאָר געשריבן צו די שוועסטער מאַריאַ איליניטשנאַ, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין בעלגיע. — אין דער ערשטער צייט פון מיין פאַרשיקונג האָב איך באַשלאָסן אפילו נישט צו נעמען אין האַנט אַריין די קאַרטע פון אייראָפּייאישן רוסלאַנד און פון אייראָפּע: אַזוי ביטער ווערט אויפן האַרצן, ווען דו צעלייגסט די דאָזיקע קאַרטעס און הייבסט אָן צו באַטראַכטן אויף זיי די פאַרשידענע שוואַרצע פּונקטן. נו, און איצט — נשקשה, כ'האָב זיך צוגעוווינט און איך באַטראַכט די קאַרטעס רואיקער; מיר הייבן אפילו אָן נישט זעלטן צו טרוימען, אין וועלכן פון די דאָזיקע „פּונקטן" ס'וואָלט שפּעטער אינטערעסאַנט געווען צו קומען. אין דער ערשטער העלפט פאַרשיקונג האָט זיך אונדז, ווייזט אויס, מער געקוקט אויף אַהינטער, און איצט — פאַרויס. נו, qui vivra, — verra (מיר וועלן לעבן, — וועלן מיר זען. רעד.)"[2]

קיין זאַך האָט אָבער נישט געקאָנט איינברעכן לענינס מונטערקייט און לעבנסלוסטיקייט. אין דעם דאָזיקן ווילדן העק האָט לענין אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע טעאָרעטישע טעטיקייט, שטרענג איינטיילנדיק זיין צייט פאַר אַ ריי ליטעראַרישע אַרבעטן, — קודם-כל האָט ער געזען צו ענדיקן דאָס בוך „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". ער לייענט איבער נאָכאַמאָל מאַרקס און ענגעלסעס ווערק, באַקענט זיך מיט די נייע ביכער פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור אויף אויסלענדישע שפּראַכן, וועלכע ס'גיט זיך אים איין

[1] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 56.
[2] דאָרטן, ז. 144—145.

צו באַקומען, לייענט אַ סך ביכער אויף פאַרשידענע וויסנשאַפט־געביטן, רוסישע און אויסלענדישע צייטונגען און זשורנאַלן, פאַרפולקאָמט זיינע קענטעניש אין אויסלענדישע שפּראַכן, פאַרנעמט זיך מיט איבערזעצונגען. אָנהייב מאַי 1898 יאָר איז קיין שושענסקאָיע געקומען צו פאָרן נ. ק. קרופּסקאַיאַ, וואָס איז אויך געווען אַרעסטירט, זייענדיק צוגעצויגן צום ענין פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף", — זי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אָפּצוזיין די פאַרשיקונג צוזאַמען מיט לענינען. צוזאַמען מיט קרופּסקאַיאַ האָט לענין איבערגעזעצט פון ענגליש דאָס צווייבענדיקע ווערק פון ס. און ב. וועב „די טעאָריע און די פּראַקטיק פונעם ענגלישן טרעד־יוניאָניזם".

לענין האָט אָנגעשטרענגט געאַרבעט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען אויך צו רוען. ער האָט ליב געהאַט לאַנגע שפּאַצירגענג, איז געווען אַ לײדנשאַפטלעכער יעגער, מיט גרויס אינטערעס פלעגט ער שפּילן אין שאַך און זיך גליטשן אויף גליטשערס. ער פלעגט לייענען פּושקינען, לערמאָנטאָװן, נעקראַסאָװן און אַנדערע קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אויסגעצייכנט געקענט און זייער ליב געהאַט.

לענין האָט אויפמערקזאַם דערלערנט דאָס סיבירער דאָרף, זיין שטייגער, די לאַגע פונעם פויערטום. עס איז צונויף געקומען אויך די יורידישע בילדונג, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען. לענין האָט שנעל דעראַבערט אויטאָריטעט צווישן די פויערים, העלפנדיק זיי פאַרטיידיקן זייערע רעכט קעגן דעם ווילקיר פון דער אָרטיקער מאַכט און פון די בעלי־גופים.

אין יענע יאָרן האָט זיך אין סיבירער פאַרשיקונג געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין שושענסקאָיע גופא האָבן חוץ לענינען געוווינט בלויז צוויי פאַרשיקטע, אָבער אינעם גאַנצן מינוסינסקער קרייז האָבן געוווינט פאַרשיקטע לענינס חברים לויטן פּראָצעס און לויט דער פּעטערבורגער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. מע פלעגט געפונען אַ גוטן תירוץ און ווען־נישט־ווען איינאָרדענען אַלגעמיינע באַגעגענישן און באַראַטונגען, וואָס פלעגן דורכגיין זייער לעבהאַפט. לענין האָט איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט די פאַרשיקטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אין פאַרשידענע העקן אין צפון און אין סיביר.

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, האָט זיך לענינען איינגעגעבן צו פאַרבינדן זיך מיט דער אויסלענדישער גרופּע „באַפרייונג

פון דער ארבעט" און מיט די צענטערס פונעם רעוואָלוציאָנערן לעבן אין רוסלאַנד, צו באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור. ער שרייבט אַליין אַרטיקלען און בראָשורן פאַר דער אומלעגאַלער פּרעסע.

איינמאָל זיינען צו לענינען פּלוצלינג געקומען זשאַנדאַרמען און דורכגעפירט אַן אונטערזוכונג. אַדאַנק לענינס וויטזיכטיקייט און דערפינדערישקייט האָט די אונטערזוכונג נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן.

וולאַדימיר איליטש האָט געפירט אַ גאַנץ גרויסע קאָרעספּאָנ־דענץ מיט די קרובים, מיט פאַרשיקטע חברים, מיט דער גרופּע „באַפרייונג פון דער ארבעט", מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוס־לאַנד. בריוו זיינען געווען פאַר אים דאָס וויכטיקסטע מיטל פון פאַר־בינדונג, אינפאָרמאַציע, אָנפירונג. די דאָזיקע בריוו האָבן זיך בלויז טיילוויז איינגעהיט. אין זיי פלעגן באַהאַנדלט ווערן די פאַרשידנאַר־טיקסטע פראַגן: מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע און פּאָליטיק, פּאַרטיי־ארבעט, נייע דערשיינונגען אין דער ארבעטער־באַוועגונג, נייע ביכער, פּלענער אויף דער צוקונפט אאוו.

אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר לענינס קאָרעס־פּאָנדענץ מיט לענגניקן איבער די פראַגן פון פילאָזאָפיע. לענגניק, וואָס איז אַלס באַשולדיקטער אינעם ענין פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף" געווען פאַרשיקט אינעם דאָרף קאַזאַטשענסקאַיע, יעניסיי־סקער גובערניע, האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט קאַנטן און יומען. לענין האָט זיך דערוווסט וועגן דעם, און צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ (לענינס בריוו זיינען דערווייל נאָך נישט געפונען געוואָרן). „אין זיינע ענטפער־בריוו איז וולאַדימיר איליטש, — טיילט מיט לענגניק, — זייער דעליקאַט, נאָר גאַנץ קאַטעגאָריש אַרויסגעטרעטן אַלס אַנטשיידענער קעגנער סיי פון יומס סקעפּטיציזם סיי פון קאַנטס אידעאַליזם, קעגנשטעלנדיק זיי די לעבנסלוסטיקע פילאָזאָפיע פון מאַרקסן און ענגעלסן. ער האָט מיט ברען דערוויזן, אַז דאָס מענטשלעכע וויסן קאָן נישט האָבן קיין שום גרענעצן, עס דאַרף פאַראַגרעסירן און באַפרייען זיך פון דער אידעאַליסטישער, בורזשואַזער שאָלעכץ צוזאַמען מיטן וווקס פון דער רעוואָלוציאָ־נערער ארבעטער־באַוועגונג, עס דאַרף באַשטימען נישט בלויז די אויפפירונג און וועלט־אויפפאַסונג פונעם ארבעטער־

קלאַס גופא — אַ וועלט־אויפפאַסונג אַ דורכויס קלאָרע, לעבנסלוס־טיקע און פאַרכאַפּנדיקע מיט איר פשוטער שיינקייט, — נאָר עס וועט אויפן פּינקטלעכסטן אופן באַשטימען אויך די אויפפירונג און וועלט־אויפפאַסונג פון זיינע קלאַסן־קעגנער און וועט זיי צווינגען אָנשטאָט נעפּלהאַפטע, יענעוועלטיקע טעאָריעס און טרוימען צו רעדן מיט דער שפּראַך פון פאַקטן און מיטן פייער פון באַריקאַדן"[1].

ווי די שווערע באַדינגונגען פון פאַרשיקונג האָבן נישט געהאַט געשטערט לענינס טעאָרעטישער און ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט זי זיך דאָך געוואַלדיק צעבליט. אין משך פון דריי יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פאַרשיקונג, האָט ער אָנגעשריבן איבער דרייסיק אַרבעטן, דערונטער: „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד", „די אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", „צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם עקאָנאָמישן ראָמאַנטיזם", „פון וואָסער ירושה זאָגן מיר זיך אָפּ?", „דער קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנד־ווירטשאַפט", „דער פּראָטעסט פון די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", „פּראָיעקט פון דעם פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי". אין אַט די אַרבעטן שטעלט לענין אויף לייזט די גרונט־פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג: ער אַרבעט פאַנאַנדער דעם פּראָגראַם און די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, זעצט פאָר דעם אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם פּאָלקיזם, טרעט אַרויס קעגן די „לעגאַלע מאַרקסיסטן", הייבט אויף די פאָן פון קאַמף קעגן דעם „עקאָנאָמיזם".

לענינס ערשטע אויפגאַבע אין פאַרשיקונג איז געווען אונטער־ציִען די סך־הכלען פון דער דורכגעפירטער אַרבעט, כדי אויף דעם דאָזיקן יסוד אָנצומערקן די ווייטערדיקע אויפגאַבן. דאָס איז געווען נאָך מער נייטיק דערפאַר, וואָס אינגיכן האָט געזאָלט צונויפגערופן ווערן דער ערשטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

מיט אָט דעם ציל שרייבט לענין סוף 1897 יאָר זיין היסטאָרישע בראָשור „די אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן". אין איר האָט לענין פאַראַלגעמיינערט די דערפאַרונג פונעם פּעטער־בורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף" און באַגרינדעט דעם פּאָליטישן פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. לענין האָט אָנגעוויזן אויף דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער טעטי־

---

[1] לענין־זאַמלונג, 1, ז. 204—205.

קייט פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי, האָט קלאָר געמאַכט די באַציונג פונעם אַרבעטער-קלאַס צו די אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט באַוויזן די אַוואַנגאַרד-ראָל פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער ראַזיקער רעוואָלוציע, האָט אויפגעשטעלט די פראַגע וועגן באַוואָפנטן אויפשטאַנד אַלס מיטל אַראָפּצוּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, האָט אונטערגעשטראָכן די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג, וואָס די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט פאַר דער אַרבעטער-פּאַרטיי. אין אָט דער אַרבעט טאַקע איז צום ערשטן מאָל געגעבן די באַוווּסטע לעניניסטישע פאָרמולירונג, אַז „אָן רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קאָן אויך נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג". די בראָשור איז געווען די טאַקטישע פּלאַטפאָרם פאַר אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס זיינען דעמאָלט טעטיק געווען אין רוסלאַנד.

אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן וועגן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָט לענין שוין דעמאָלט, אויפן יסוד פון דערלערנען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פונעם לאַנד, פאָרויסגעזען די אומפאַרמיידלעכקייט פון קריזיס, וועלכער מוז קומען נאָכן „אויפבלי" פון דער אינדוסטריע. ער האָט געשריבן:

„די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן דאַרפן זאָרגן וועגן דעם, אַז דער ראַזיקער קראַך זאָל טרעפן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט אַ מער באַוווּסטזיניקן, אַ מער פאַראייניקטן, אַזאַ, וואָס זאָל פאַרשטיין די אויפגאַבן פונעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס, זאָל זיין פעיק צו געבן אַ ווידערשטאַנד דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, וועלכע מאַכן איצט גיגאַנטישע רווחים און וועלכע שטרעבן אַלעמאָל אַרויפצוּוואַרפן די היזקות אויף די אַרבעטער, — אַזאַ, וואָס זאָל זיין פעיק אַריינצוטרעטן בראש פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע אין דעם אַנטשיידנעם קאַמף קעגן דעם פּאָליציייִשן אַבסאָלוטיזם, וועלכער פעסלט די הענט און פיס די רוסישע אַרבעטער און דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק".[1]

לענין ווענדט זיך אין אָט דער בראָשור צו אַלע איבער רוסלאַנד צעוואָרפענע אַרבעטער-קרייזלעך און סאָציאַל-דעמאָקראַטישע גרו-

---

[1] לענין. ווערק, 4-טע אויפלאַגע, ב. II, ז. 322.

פּעם מיט אַ פּלאַמיקן רוף צו פֿאַראייניקן זיך אין אַן איינהייטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

די בראָשור האָט אַרויסגעגעבן די גרופּע „באַפֿרייונג פֿון דער אַרבעט“ אין זשענעווע 1898 יאָר, צום 1־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר האָט זי אָבער פֿאַרזאַמט. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז אויך נישט געווען פֿאָרגעשטעלט דער פּראָיעקט פֿון דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן נאָך אין טורמע.

די ערשטע צוויי יאָר פֿאַרשיקונג האָט לענין אָפּגעגעבן אויף פֿאַרענדיקן זיין אויסערסט וויכטיקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט „די אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד“, וועלכע האָט פֿאַרענדיקט דאָס אידעישע צעשמעטערן דעם פֿאָלקיזם.

מיט קאָלאָסאַלער וויסנשאַפֿטלעכער געוויסנהאַפֿטיקייט און אויספֿירלעכקייט, וואָס שיינט אוממעגלעך צו זיין אין די באַדינגונגען פֿון טורמע און פֿאַרשיקונג, האָט לענין שטודירט די גאַנצע ליטעראַטור איבער דער עקאָנאָמיק פֿון רוסלאַנד, אויפֿן שטרענגסטן אופֿן דורכקאָנטראָלירט, קריטיש איבערגעאַרבעט און אויף אַ נייעם אופֿן איבערגרופּירט אַ גיגאַנטישן מאַטעריאַל פֿון אָפֿיציעלער און זעמסקער סטאַטיסטיק. אין די ערשטע טעג אויגוסט 1898 יאָר איז דער מאַנוסקריפּט געווען אויף שוואַרץ פּאַרטיק. דעמלט האָט זיך לענין גענומען צום ענדגילטיקן באַאַרבעטן די קאַפּיטלען און האָט זיי איינעם נאָכן צווייטן געשיקט אין דרוק. דעם 30 יאַנואַר 1899 יאָר איז דאָס היסטאָרישע בוך געווען פֿאַרענדיקט, און סוף מערץ איז עס אַרויס פֿון דרוק מיט דער אונטערשריפֿט „וולאַדימיר אילין“.

טראָץ נאָך טראָט פֿאַרפֿאָלגט לענין אין זיין בוך דעם קעגנער, דערלאַנגט אים צעשמעטערנדיקע קלעפּ, ביז ער מאַכט פֿון אים נישט ענדגילטיק טיל־טעל. צוערשט דעקט לענין אויף דעם באַנקראָט פֿון די טעאָרעטישע אָנשויונגען פֿון די פֿאָלקיסטן אין דער פֿראַגע וועגן מערק און גיט גלייך אַ געפּרעסטן און גלענצנדיקן עטיוד פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פֿון רעפּראָדוקציע. דערנאָך גייט איבער צום צענטראַלן פּונקט — צו דער פּויערים־ווירטשאַפֿט, און דערווייזט מיט דער גאַנצער אומבאַשטרייטבאַרקייט די אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין דער פּויערים־געמיינדע. נישט באַגרענעצנדיק זיך דערמיט, אַנאַליזירט לענין ווייטער דאָס אַריינדרינגען פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין דער פּריצישער ווירטשאַפֿט

און שפּירט נאָך דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער אינדוסטריע (קליינע פּויערישע געווערבן, מאַנופאַקטור, גרויסע מאַשין־אינדוסטריע). דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט אַן עטיוד וועגן דער אויסבילדונג פונעם אינערלעכן מאַרק אין רוסלאַנד.

„די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" — דאָס איז די באַקרוינונג פון אַ קאָלאָסאַלער פּיליאַריקער אַרבעט אויפן געביט פון דערלערנען די רוסלענדישע עקאָנאָמיק, אַן אַרבעט, וואָס לענין האָט אָנגעהויבן נאָך אין סאַמאַרע. אין 1894 יאָר האָט לענין אינעם בוך „וואָס זיינען אַזוינס די פריינד פון פאָלק" אַוועקגעשטעלט פאַר די רוסישע מאַרקסיסטן די טעאָרעטישע אויפגאַבע צו געבן אַ פאַרגאַנצט בילד פון אונדזער ווירקלעכקייט אַלס באַשטימטער סיסטעם פון פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, באַווייזן די נויטווענדיקייט פון עקספּלואַטאַציע און עקספּראָפּריאַציע פון די אַרבעטנדיקע ביי דעם דאָזיקן סיסטעם, באַווייזן דעם אויסוועג פון די דאָזיקע פאַזשאַנדקעס, אויף וועלכן עס ווייזט אָן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג".[1] די דאָזיקע אויפגאַבע האָט לענין אויסגעפילט אין דער „אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד".

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט לענינס איז צעשמעטערט געוואָרן די גרונט־באַזע, דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האָבן זיך געבויט די פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע פאָלקיסטישע אָנשויונגען. לענין האָט דערוויזן אין זיין בוך, אַז „די אַנטוויקלונג פון אַגראַר־פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד גייט אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן אופן סיי אין דער פריצישער ווירטשאַפט, סיי אין דער פּויערישער, סיי אויסער, סיי אין דער „געמיינדע". דאָס איז איין מאָל אַוועק. אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט שוין איינמאָל פאַר אַלע־מאָל באַשטימט נישט קיין אַנדער אַנטוויקלונגס־וועג, נאָר דעם קאַפּיטאַליסטישן, נישט קיין אַנדער קלאַסן־גרופּירונג, נאָר די קאַפּיטאַליסטישע, דאָס איז צוויי אַמאָל אַוועק.

[1] לענין. ווערק, 4־טע אויפלאַגע, ב. I, ז. 278.

איבער דעם איז געווען דער שטרייט מיט די פאָלקיסטן. דאָס האָט מען געדאַרפט דערוויזן. דאָס איז דערוויזן געוואָרן".[1]

דערמיט אָבער ווערט נישט אויסגעשעפּט די באַדייטונג פונעם בוך. אין אים האָט לענין קלאָר געמאַכט די לאַגע און די ראָל פון פאַרשידענע קלאַסן אין רוסלאַנד סוף XIX יאָרהונדערט, באַזונדערס די לאַגע און די ראָל פונעם פּראָלעטאַריאַט און פונעם פויערטום.

אין 1907 יאָר, אינעם פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון דער „אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד", האָט לענין געשריבן: „יענער אַנאַליז פון דער געזעלשאַפטלעך-ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג און, הייסט עס, פון דער קלאַסן-סטרוקטור פון רוסלאַנד, וועלכער איז געגעבן געוואָרן אין דעם דאָזיקן ווערק אויפן גרונט פון עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען און קריטישן אַנאַליז פון סטאַטיסטישע ידיעות, ווערט איצט באַשטעטיקט אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע. עס האָט זיך אין דער פולער מאָס אַנטפּלעקט די אָנפירנדיקע ראָל פונעם פּראָלעטאַריאַט. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אויך דאָס, אַז זיין קראַפט אין דער היסטאָרישער באַוועגונג איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער, איידער זיין חלק אין דער אַלגעמיינער מאַסע באַפעלקערונג. דער עקאָנאָמישער יסוד פון דער און פון יענער דערשיינונג ווערט דערוויזן אין דער פאָרגעלייגטער אַרבעט".[2]

ווייטער האָט לענין אָנגעוויזן, אַז די רעוואָלוציע האָט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט באַוויזן די צווייענדיקע לאַגע און צווייענדיקע ראָל פונעם פויערטום. עס האָבן זיך אַנטבלויזט סיי די וואַקלונגען פונעם פויערטום צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, סיי אויך די טיפע וואָרצלען פון דער רעוואָלוציאָנערקייט פונעם פויערטום אַלס מאַסע. „דער עקאָנאָמישער יסוד פון די ביידע שטרעמונגען אינעם פויערטום ווערט דערוויזן אין דער פאָרגעלייגטער אַרבעט"[3] — האָט געשריבן לענין.

אויפן יסוד פון אָט דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז האָט זיך געבויט די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס אין דער רעוואָלוציע פון די יאָרן 1905—1907.

---

1 לענין. ווערק, ב. XIV, ז. 213.

2 לענין. ווערק, 4-טע אויפלאַגע, ב. III, ז. 9.

3 לענין. ווערק, 4-טע אויפלאַגע, ב. III, ז. 10.

געענדיקט זיין בוך, האָט לענין פֿאַרגעזעצט פֿאַנאַנדערצואַרבעטן איינצלנע עקאָנאָמישע טעמעס: ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל „דער קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפֿט", עטלעכע רעצענזיעס, וועלכע זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַלן, וואָס די „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָבן אַרויסגעגעבן. צו זומער 1899 יאָר הערט ער אויף מיטצואַרבעטן אין די דאָזיקע זשורנאַלן. לענין איז איינגאַנצן אַריינגעטאָן אינעם קאַמף קעגן דעם רעוויזיאָניזם, אין אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פֿון דער ווייטערדיקער אַרבעט.

עס איז געגאַנגען דאָס לעצטע יאָר פֿון פֿאַרשיקונג. צו אָט דער צייט זיינען אין דער צווישנפֿעלקערלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג אויפֿגעקומען נייע דערשיינונגען, — אויף דער סצענע איז אַפֿן און אַגרעסיוו אַרויסגעטראָטן דער רעוויזיאָניזם. אָנהייב 1899 יאָר האָט זיך אין דייטשלאַנד באַוויזן בערנשטיינס טרויעריק-באַרימטער בוך „די פֿאָראויסזעצונגען פֿון סאָציאַליזם", אין וועלכן עס ווערט רעווידירט די מאַרקסיסטישע טעאָריע; אין יענער איז דער פֿראַנצויזישער „סאָציאַליסט" מילעראַן אַריינגעטרעטן אין דער בורזשואַזער רעגירונג.

געפֿינענדיק זיך טויזנטער קילאָמעטער ווייט פֿון די צענטערס פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג, קוקט זיך לענין וואַכזאַם צו צו די פּראָצעסן, וואָס קומען אין איר פֿאָר. לענין זעט, אַז די בערנשטייניאַנער, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטן אין דייטשלאַנד, באַקומען נישט קיין ענערגישן ווידערשטאַנד, אַז די אַרויסטרעטונגען פֿון די אָפּאָרטוניסטן האָבן באַקומען אַ צווישנפֿעלקערלעכן כאַראַקטער. לענין זעט, אַז די רוסישע „לעגאַלע מאַרקסיסטן", וואָס האָבן געהאַט אָנגעהויבן פֿון כלומרשט נישט קיין גרויסע „אויסבעסערונגען" צו מאַרקסן, זיינען שוין געקומען צום פֿולשטענדיקן בורזשואַזן פֿאַרקריפּלען דעם מאַרקסיזם. אין די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן פֿון דער פֿאַרשיקונג, האָט ער אָנגעוויזן, אַז אים באַאומרואיקט, וואָס פּלעכאַנאָוו טרעט נישט אַרויס אָנטשיידן קעגן דער רעוויזיע פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע פֿונעם מאַרקסיזם מצד בערנשטיינען, סטרוווען און אַנד.. ער האָט גערעדט וועגן דער נייטיקייט צו צערייסן דעם בונד צווישן די רעוואָלוציאָנערע און „לעגאַלע" מאַרקסיסטן. מיר וועלן דאַרפֿן דערקלערן אַן אמתע, אַן ערנסטע מלחמה מאַרקס קריטיקער, — האָט געשריבן לענין.

די אָנפאַלן פון די רעוויזיאָניסטן אויף דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע האָבן באַוויגן לענינען צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפיע. „וואָלאָדיע לייענט אינטענסיוו פאַרשידענערליי פילאָזאָפיע (דאָס איז איצט זיין אָפיציעלע באַשעפטיקונג), האָלבאַך, העלוועציאַד״גל.

איך שפּאַס, אַז מיט אים וועט אייננגיכן זיין שרעקלעך צו רעדן, אַזוי דורכגעזאָפּט וועט ער ווערן מיט דער דאָזיקער פילאָזאָפיע״.[1] — האָט געשריבן קרופּסקאַיאַ צו זיין מוטער זומער 1899 יאָר. לענין, אין דער העכסטער מאָס שטרענג צו זיך, האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט די קענטעניש, וועלכע ער האָט שוין געהאַט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען פילאָזאָפישע ליטעראַטור. „איך ווייס זייער גוט מיין פילאָזאָפישע אומגעבילדעטקייט און כ'האָב נישט בדעה צו שרייבן אויף די דאָזיקע טעמעס, ביז איך וועל זיך נישט צולערנען, — האָט ער געשריבן אין יוני 1899 יאָר. — איצט פאַרנעם איך זיך טאַקע דערמיט. כ'האָב אָנגעהויבן פון האָלבאַכן און קלייב זיך אריבערצוגיין צו קאַנטן״.[2]

לענין האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף בערנשטיינס בוך. ענדלעך האָט ער אים באַקומען. נאָך נישט האָבנדיק געענדיקט דאָס לייענען, איבערלייענענדיק בלויז אַ העלפט, האָט לענין, מיט פיל אויפרעגונג און כעס, געשריבן: „זיין אינהאַלט איבערראַשט אומגלויבלעך. טעאָרעטיש — אויסערגעוויינלעך שוואַך; איבערחזרונגען פון פרעמדע געדאַנקען. פראַזן וועגן קריטיק, און ס'איז אַפילו נישטאָ קיין פּרווו פון ערנסטער זעלבשטענדיקער קריטיק. פּראַקטיש — אָפּאָרטוניזם (פאַביאַניזם, ריכטיקער געזאָגט: דער אָריגינאַל פון אַ מאַסע באַהויפּטונגען און אידעען בערנשטיינס געפינט זיך ביי די ס'Webb אין זייערע לעצטע ביכער), גרענעצלאָזער אָפּאָרטוניזם און פּאָסיביליזם, און דערביי פונדעסטוועגן פּ ח ד נ י ש ע ר אָפּאָרטוניזם, ווייל דעם פּראָגראַם וויל בערנשטיין דירעקט נישט טשעפּען״.[3]

באַזונדערס האָבן לענינען באַאומרואיקט די ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די „עקאָנאָמיסטן״. קעגן די ערשטע אַנטפּלעקונגען

---

[1] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 217.

[2] לענין. ווערק, ב. XVIII, ז. 40.

[3] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 230.

פונעם „עקאָנאָמיזם" איז לעניז אַרויסגעטרעטן שאַרף און ענערגיש נאָך איינעם פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער-קלאַס". פאַר די האָזיקע יאָרן האָט זיך דער „עקאָנאָמיזם" פאַרשפּרייט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַזונדערער אָפּאָרטוניסטישער ריכטונג, אונטער זיין איינפלוס איז אַרונטערגעפאַלן איין אַרטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע נאָך דער צווייטער.

אין מערץ 1898 יאָר איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ז-טער צוזאַמענפאָר פון דער רסדאפ. דער צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט די אויסבילדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דעם צוזאַמענפאָר האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן צו פאַראייניקן די צעשפּליטערטע מאַרקסיסטישע קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס אין איין פּאַרטיי. ווי פריער האָט געהערשט קוסטאַרעריי. דער אידעישער מישמאַש אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך נאָכן צוזאַמענפאָר געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, דערמיט גופא זיינען געשאַפן געוואָרן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער פאַרשטאַרקונג פונעם „עקאָנאָמיזם" אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

לעניז האָט פאַרשטאַנען בעסער ווי ווער-עס-איז אַנדערש, אַז די „עקאָנאָמיסטן" זיינען די גרונטיקע אָפּאָרטוניסטישע גרופּע אין דער רוסלענדישער אַרבעטער-באַוועגונג. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן ערנסטע געפאַר עס וועלן פאַרשטעלן מיט זיך די „עקאָנאָמיסטן", אויב מע זאָל נישט פאַנאַנדערוויקלען קעגן זיי קיין ענערגישן און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף. און ווי נאָר לעניז האָט אין 1899 יאָר באַקומען דעם מאַניפעסט פון די „עקאָנאָמיסטן" — דעם אַזוי גערופענעם „קרעדאָ" („אַני-מאַמין", פּראָגראַם), האָט ער תיכף אָרגאַניזירט אַן אַנטשיידנדיקן ווידערשטאַנד, איז אַרויסגעטרעטן אַלס איניציאַטאָר פון קאַמף קעגן זיי. מיט דעם ציל האָט לעניז צונויפגעשטעלט דעם „פּראָטעסט פון די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן", וועלכער איז לויט זיין איניציאַטיוו זומער 1899 יאָר באַהאַנדלט און אָנגענומען געוואָרן אויף דער באַראַטונג פון די פאַרשיקטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון מינוסינסקער קרייז. לעניז גראָמירט די „עקאָנאָמיסטן" פאַר זייער אָפּטריניקייט פונעם מאַרקסיזם, פאַרן אָפּלייקענען די נייטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס, פאַרן פּרווו צו פאַרוואַנדלען דעם אַרבעטער-קלאַס אין אַ פּאָליטישן צוגאָב צו דער בורזשואַזיע.

„מיר זיינען זיכער — האָט געשריבן לענין, — אַז יעטוועדער מין פּרווו אַריבערצוטראָגן די אָפּאָרטוניסטישע אַנשווינגען קיין רוס־לאַנד וועלן באַגעגענען פונקט אַזאַ אַנטשידענעם ווידערשטאַנד מצד דער קאָלאָסאַלער מערהייט רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״.[1]

דער „פּראַטעסט״ האָט גערופן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו קאָנ־צענטרירן אַלע זייערע כוחות אויף אָרגאַניזירן די פּאַרטיי. ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס איבער גאַנץ רוסלאַנד און אין די קאָלאָניעס פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע מאַרקסיסטן. דער „פּראָטעסט״ האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אינעם קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן״ און אין דער אָרגאַניזאַציא־נעלער באַהעפטונג פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער האָט געהאַט „אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם מאַרקסיסטישן געדאַנק און פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד״.[2]

די רוסישע „עקאָנאָמיסטן״ האָבן געפּריידיקט די זעלבע אָנ־שווינגען, וואָס די קעגנער פונעם מאַרקסיזם אין די אויסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, די אַזוי גערופענע בערנשטייניאַ־נער. דעריבער איז לענינס קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן״ גלייכ־צייטיק געווען אַ קאַמף קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן אָפּאָרטוניזם.

וואָס נענטער עס איז געווען צום סוף פונעם טערמין פון דער פאַרשיקונג, אַלץ מער האָט לענין קאָנצענטרירט זיין אויפמערק־זאַמקייט אויף די אויפגאַבן פון דער ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעט. אין פאַרשיקונג האָט לענין דורכגעטראַכט און אָנגע־מערקט אַ פּלאַן פון שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַר־טיי. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער פאָרמולירט אין זיינע גלענצנדיקע אַרטיקלען „אונדזער פּראָגראַם״, „אונדזער נאָענטסטע אויפגאַבע״, „אַ לעבנס־פראַגע״, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר דער „ראַבאָ־טשאַיאַ גאַזעטאַ״ (אַרבעטער־צייטונג״), וועלכע איז אויפן ז־טן צו־זאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ דערקלערט געוואָרן פאַרן צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן.

---

[1] לענין. ווערק, ב. II, ז. 481.

[2] „געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב). קורצער קורס״, ז. 29, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, 1940 י.

אלס וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער רעוואלוציאנערער סאציאל-דעמאקראטיע רוקט לענין ארויס דעם אנרחמנותדיקן קאמף קעגן די „קריטיקער” פון מארקסיזם, דאס קאנסעקווענטע פארטיידיקן די ריינקייט פון דער רעוואלוציאנערער טעאריע: און אין דער זעלבער צייט האט לענין מיט דער גאנצער קראפט פארטיידיקט די נויטווענדיקייט שעפעריש פאנאנדערצוארבעטן ווייטער דעם מארקסיזם, צו באררייכערן די מארקסיסטישע טעאריע מיט דער פראקטישער דערפארונג פון דער ארבעטער-באוועגונג.

„מיר קוקן כלל נישט אויף מארקס טעאריע, — האט לענין געשריבן אינעם ארטיקל „אונדזער פראגראם”, — ווי אויף עפעס פארענדיקטס און אומבארירלעכס; מיר זיינען איבערצייגט, פארקערט, אז זי האט געלייגט בלויז די ווינקלשטיינער פון יענער וויסנשאפט, וועלכע די סאציאליסטן דארפן באוועגן ווייטער אין אלע ריכטונגען, אויב זיי ווילן נישט אפשטיין פונעם לעבן: מיר האלטן, אז פאר די רוסישע סאציאליסטן איז באזונדערס נייטיק זעלבשטענדיק פאנאנדערצוארבעטן מארקס טעאריע”.[1]

לענין ווייזט אן, אז כדי דער רוסישער ארבעטער-קלאס זאל אויספילן זיינע היסטארישע אויפגאבן, איז נייטיק צו ליקווידירן די קוסטארעריי און שאפן א רעוואלוציאנערע פראלעטארישע פארטיי. אין דער זעלבער צייט, שטרייכט לענין אונטער, טארן נישט די רוסישע מארקסיסטן מעכאניש קאפירן די מערב-אייראפעישע ארבעטער-פארטייען, זיי דארפן קריטיש איבערארבעטן די דערפארונג פון דער צווישנפעלקערלעכער און רוסלענדישער ארבעטער-באוועגונג און ביים בויען זייער פארטיי גיין מיט זייערע אייגענע, זעלבשטענדיקע וועגן.

„די געשיכטע פון סאציאליזם און דעמאקראטיע אין מערב-אייראפע — האט לענין געשריבן אין ארטיקל „אונדזער נאענטסטע אויפגאבע”, — די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג, די דערפארונג פון אונדזער ארבעטער-באוועגונג, — אט דאס איז יענער מאטעריאל, וועלכן מיר דארפן באהערשן, כדי אויסצוארבעטן א צוועקמעסיקע ארגאניזאציע און טאקטיק פון אונדזער פארטיי. „באארבעטן” דאס דאזיקע מאטעריאל דארף מען

---

[1] לענין. ווערק, ב. II, ז. 492.

אָבער זעלבשטענדיק, ווייל קיין גרייטע מוסטערן האָבן מיר נישט וווּ צו זוכן".[1]

דאָס וויכטיקסטע געצייג פון אידעישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן באַהעפטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאָס געצייג פון שאַפן די פּאַרטיי איז, לויט לענינס מיינונג, אַן אַלגעמיין־רוסישע פּאָליטישע צייטונג. „מיר האַלטן, — האָט געשריבן לענין אין דעם זעלבן אַרטיקל, — אַז היינט צו טאָג באַשטייט די סאַמע וועזנטלעכע אויפגאַבע אין נעמען זיך פאַרן לייזן די דאָזיקע פראַגן און אַז צוליב דעם דאַרפן מיר פאַר זיך שטעלן אַלס נאָענטסטן ציל — אָרגאַניזירן אַ רעגלמעסיק דערשיינענדיקן און מיט אַלע אָרטיקע גרופּעס ענג פאַרבונדענעם פּאַר־טיי־אָרגאַן. מיר האַלטן, אַז אויף אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן ענין דאַרף געווענדט ווערן אין משך פון דער גאַנצער נאָענטסטער צוקונפט די גאַנצע טעטיקייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן".[2]

איינע פון לענינס לעצטע אַרבעטן אין דער פאַרשיקונג איז געווען דער „פּראָיעקט פון דעם פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי" (1899 יאָר). לענין האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַריינצוטראָגן אין דעם פּראָיעקט פון דעם פּראָגראַם פון דער גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט" (1887 יאָר) וועזנטלעכע אויסבעסערונגען און צוגאָבן.

לענין שטרייכט אונטער אין זיין אַרבעט „פּראָיעקט פון דעם פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי" די גרונט־טענדענצן פונעם קאַפּי־טאַליזם: די שפּאַלטונג פונעם פאָלק אויף בורזשואַזיע און פּראָלע־טאַריאַט. „דער וווּקס פונעם דלות, פון דער אונטערדריקונג, פאַר־שקלאַפונג, דערנידעריקונג, עקספּלואַטאַציע"[3] — די דאָזיקע באַ־רימטע ווערטער מאַרקס, — האָט געזאָגט לענין — איז אומבאַ־דינגט נייטיק אַריינפירן אין פּראָיעקט פון דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם באַזונדערס איצט, ווען די בערנשטייניאַנער און די איבעריקע „רע־וויזיאָניסטן" און „קריטיקער" פון מאַרקסן דערווידערן קעגן מאַרקס טעאָריע פון פאַראָרעמונג. לענין האָט אויך פאַרגעלייגט צו געבן אַ גענויערע כאַראַקטעריסטיק פונעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַ־ריאַט, אָנווייזן די צילן פונעם דאָזיקן קאַמף, דעם צווישנפעלקערלעכן

---

[1] לענין. ווערק, ב. II, ז. 497.

[2] לענין. ווערק, ב. II, ז. 448.

[3] דאָרטן, ז. 513.

כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן אין דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם דעם פּאָליטישן זין פונעם קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און די נאָענטסטע אויפגאַבע פון אָט דעם קאַמף — דערגרייכן פּאָלי־טישע פרייהייט.

לענין האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נייטיק צו געבן אַ גע־נויערע כאַראַקטעריסטיק פון דער קלאַסן־נאַטור פון דעם רוסישן אַבסאָלוטיזם און צו דערווייזן די נויטווענדיקייט אַראָפּצוּוואַרפן אים מיט געוואַלד אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אינגאַנצן גענומען. לענין האָט געפאָדערט אַנווייזן אין דעם פּראָגראַם אויף דער באַזונדערקייט פון דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און אויף די דערפון אַרויסדרינגענדיקע ספּעציפישע פּאָליטישע אויפגאַבן און מיטלען פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס. לענין האָט פאָרמולירט די פּרינציפּן פון דעם אַג־ראַר־פּראָגראַם פון די רוסישע מאַרקסיסטן, אַנטוויקלענדיק דעם געדאַנק, אַז די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דאַרף שטיצן דאָס פּויערטום, וואָס שטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און צו ליקווי־דירן אַלע רעשטלעך פונעם לייבאייגנטום.

דער טערמין פון לענינס פאַרשיקונג האָט זיך געהאַלטן בייַם פאַרענדיקן. „וולאַדימיר איליטש, — דערמאָנט זיך קרופּסקאַיאַ וועגן די לעצטע חדשים פון דער פאַרשיקונג, — האָט אויפגעהערט שלאָפן, איז שרעקלעך דאַר געוואָרן. אין די שלאָפלאָזע נעכט פלעגט ער באַקלערן זיין פּלאַן מיט אַלע דעטאַלן... וואָס ווייטער, אַלץ מער אומגעדולדיק איז וולאַדימיר איליטש געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך געריסן צו דער אַרבעט“.[1]

דעם 29 יאַנואַר 1900 יאָר האָט זיך געענדיקט לענינס פאַר־שיקונג. דעם זעלבן טאָג האָט ער פאַרלאָזן דאָס דאָרף שושענסקאָיע, כדי תיכף צוצוטרעטן צום רעאַליזירן זיין פּלאַן פון קאַמף פאַר אויפ־בויען די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, צום שאַפן אַן אַלגעמיין־רוסישע מאַרקסיסטישע צייטונג. אַזאַ צייטונג איז געווען די „איסקראַ“, וואָס איר ערשטער נומער איז דערשינען אין דעצעמבער 1900 יאָר.

דאָס גאַנצע יאָר 1900 האָט לענין אָפּגעגעבן דער קאָלאָסאַלער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די צייטונג. די צייטונג האָט מע געדאַרפט

---

[1] נ. ק. קרופּסקאַיאַ. דערינערונגען וועגן לענינען, ז. 35.

אַרויסגעבן אין אויסלאַנד, דאָרט, וווּהין די צאַרישע פּאָליציי האָט נישט געקאָנט גרייכן. אָבער צוערשט האָט מע געדאַרפט איינשטעלן פֿאַרבינדונגען מיט אַ ריי סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד, זיין זיכער אין זייער שטיצע, אָנמערקן די צוקונפטיקע אַגענטן פון דער „איסקראַ", צונויפרעדן זיך וועגן זייער אַרבעט, אויסגעפינען מיטלען פאַר דער צייטונג.

לענינען איז געווען פאַרבאָטן צו וווינען אין די הויפּטשטעט און אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערס. דעריבער האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיין וווין־אָרט פּסקאָוו, וואָס נעענטער צו פּעטערבורג. אונטערוועגנס, בעתן אומקערן זיך צוריק פון פאַרשיקונג, איז ער פאַרפאָרן קיין אופאַ, מאָסקווע, פּעטערבורג, וווּ ער האָט געהאַט באַגעגענישן און געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דעם 26 פעברואַר איז לענין געקומען צו פאָרן קיין פּסקאָוו, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון דער טעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זייער שטאַב־קוואַרטיר. דאָ איז אין אַפּריל פאָרגעקומען אַ באַראַטונג, אויף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם־דערקלערונג פון דער רעדאַקציע פון דער צוקונפטיקער צייטונג, וועלכן ס׳האָט אָנגעשריבן לענין. אַהער פלעגט צו וולאַדימיר איליטשן קומען צו פאָרן פּאַרטיי־טוער פון פאַרשידענע ערטער, פלעגן קומען נאָך אַן עצה, נאָך אַן אָנווייזונג, צו פירן אונטערהאַנדלונגען. פונדאַנען פלעגט לענין מאַכן זיינע נסיעות אין אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד. פאַר אָט דער צייט איז ער געווען אין ריגע, פּאָדאָלסק, ניזשני־נאָווגאָראָד, אופאַ, קאַזאַן און סאַמאַרע, אומעטום פלעגט ער איינשטעלן פאַרבינדונגען און ווערבירן אָנהענגער פון זיין פּלאַן צו שאַפן אַן אַלגעמיין־רוסישע פּאָליטישע צייטונג. צוויי מאָל איז לענין אומלעגאַל געפאָרן קיין פּעטערבורג. זיין צווייטער מאָל קומען האָט שיעור נישט געבראַכט צום דורכפאַל פונעם פּלאַן צו שאַפן די צייטונג. וולאַדימיר איליטש איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער גאַס.

לענין האָט שפּעטער דערציילט וועגן דעם דאָזיקן אַרעסט: „מע האָט מיך אָנגעכאַפּט פּשוט פאַרביידע עלענבויגנס, אַזוי אַז ס׳איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט וואָס־נישט־איז אַרויסצוּוואַרפן פון קעשענע. אויך אויף דער דראָזשקע האָבן צוויי מיך דעם

גאנצן וועג פאר בײדע עלנבויגנס געהאלטן".[1] ער האט געהאט בײ זיך א רשימה פארבינדונגען מיט אויסלאנד, וואס איז געווען אנגעשריבן מיט כעמישן טינט אויף עפעס א חשבון. צום גליק האבן די זשאנדארמען נישט געלײגט קײן אכט אויף דעם דאזיקן חשבון; אפגעהאלטן לענינען 10 טעג ארעסטירט, האבן זײ אים ארויסגעלאזן. זוען די שפיקעס וואלטן געפאקט די דאזיקע רשימה וואלט אים די צארישע רעגירונג נישט ארויסגעלאזן פון אירע לאפעס.

דער צאריזם האט געפילט, אז אין לענינס פערזאן האט ער ביז גאר א געפערלעכן שונא. דער צארישער אכראניק, דער זשאנדארמעריע-פאלקאווניק זובאטאוו, האט אין 1900 יאר אנגעוויזן אין זײן געהײמער קארעספאנדענץ מיט דער נאטשאלסטווע, אז „גרעסער פון אוליאנאוון איז אין דער רעוואלוציע איצט קײנער נישטא", און האט דעריבער געפאדערט תיכף ארגאניזירן לענינס דערמארדונג. מע דארף „אפשנײדן דעם דאזיקן קאפ פונעם רעוואלוציאנערן גוף" — האט געשריבן דער דאזיקער הענקער.

באקענענדיק זיך דירעקט מיט דער לאגע אויף די ערטער, מיטן אידעישן מישמאש און ארגאניזאציאנעלער צעשפליטערטקײט, האט לענין זיך נאך מער איבערצײגט דערין, אז דער וועג פון בויען די פארטײ, וועלכן ער האט אויסגעקליבן, איז א ריכטיקער. לענין האט זיך דערוווסט וועגן דעם פרווו פון אײניקע קאמיטעטן תיכף צונויפצורופן א צוזאמענפאר אויף אויסצובילדן די פארטײ. ער האט געהאלטן, אז אזא פרווו איז א פעלערהאפטער. לויט זײן מײנונג האט מען פריער באדארפט שאפן די אידעישע און ארגאניזאציאנעלע אײנהײט פון דער פארטײ; דער צוזאמענפאר דארף זײן נישט דער אנהײב, נאר די באקרוינונג פון דער ארבעט פון בויען די פארטײ.

לענין איז ארויסגעטרעטן אלס פאקטישער שעפער פון דער פארטײ, אלס איר ווירקלעכער פירער. ארום אים האבן זיך אנגעהויבן זאמלען די בעסטע עלעמענטן פונעם ארבעטער-קלאס.

צוגעגרײט די באזע פאר דער צײטונג אין רוסלאנד, איז לענין דעם 16-טן יולי 1900 יאר ארויסגעפארן קײן אויסלאנד.

עס האט זיך אנגעהויבן לענינס ערשטע עמיגראציע, וואס האט געדויערט איבער פינף יאר.

---

[1] א. אי. אוליאנאווא-יעליזאראווא. דערינערונגען וועגן איליטשן, ז. 99.

IV

לענין איז אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, האָבנדיק אַ קלאָרן, דורכגעטראַכטן פּלאַן פֿון קאַמף פֿאַר אויפֿבויען אַ מאַרקסיסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד. קיינער האָט נישט געוווּסט אַזוי טיף, ווי לענין, דעם צושטאַנד פֿון דער פּאַרטיי, אירע באַדערפֿענישן און דרינגנדיקע נויטן. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַזוי קלאָר און דייטלעך, ווי לענין, די גאַנצע דרינגנדיקע נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

לענין האָט ביים סאַמע באַגין פֿונעם אימפּעריאַליזם אויפֿגעכאַפּט די פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אין די טיפֿענישן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט און פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג. לענין האָט דער ערשטער דערזען, אַז אַנשטאָט דער עפּאָכע פֿון דער „פֿרידלעכער“ אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם איז געקומען די עפּאָכע פֿון רעוואָלוציאָנערע שטורעמס און דערשיטערונגען. פֿאַרגלייכנדיק די צווייטע העלפֿט XIX יאָרהונדערט מיט אָנהייב XX יאָרהונדערט, האָט לענין מיט דער גאַנצער קראַפֿט אונטערגעשטראָכן דעם טיפֿן אונטערשיד צווישן די דאָזיקע צוויי עפּאָכעס. „דער דעמאָלט און דער איצט, — האָט ער געשריבן אין „איסקראַ“, — די עפּאָכע פֿון די לעצטע בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און די עפּאָכע פֿון דער ווילדער רעאַקציע, פֿון אויסערסטער אָנשטרענגונג פֿון אַלע קרעפֿטן ערב דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אונטערשיידן זיך צווישן זיך אויפֿן בולטסטן אופֿן“.[1]

נאָך אין זיינע ערשטע אַרבעטן האָט לענין געניאַל פֿאָרויסגעזען, אַז רוסלאַנד איז דאָס ערשטע לאַנד, וועמען עס איז פֿאַרגעשטאַנען אָנצוהייבן אַ נייע רעוואָלוציעס פֿון דער נייער היסטאָרישער עפּאָכע. לענין האָט געזען, אַז דער גאַנצער גאַנג פֿון דער געשיכטע

[1] לענין. ווערק, ב. V, ז. 340.

דרוקט ארויס דעם רוסישן ארבעטער־קלאס אויף די פאדערשטע פאזיציעס פון דער צווישנפעלקערלעכער ארבעטער־באוועגונג, אז דער צענטער פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג האט זיך אריבערגעטראגן קיין רוסלאנד. ער האט נביאיש געשריבן: „די געשיכטע האט איצט געשטעלט פאר אונדז די נאענטסטע אויפגאבע, וואס איז די סאמע *רעוואלוציאנערע* פון אלע *נאענטסטע* אויפגאבן פונעם פראלעטאריאט אין א וועלכן־עס־איז אנדערן לאנד. דאס פארווירקלעכן די דאזיקע אויפגאבע, דאס צעשטערן די מעכטיקסטע פעסטונג נישט נאר פון דער אייראפעישער, נאר אויך (קאנען מיר איצט זאגן) פון דער אזיאטישער רעאקציע וואלט געמאכט דעם רוסישן פראלעטאריאט פארן אוואנגארד פונעם אינטערנאציאנאלן רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט”.[1]

אט דאס פארשטיין די נייע עפאכע און די דערפון ארויסדרינגענדיקע ספעציפישע אויפגאבן פונעם רוסלענדישן ארבעטער־קלאס איז געלעגן אין יסוד פון דעם לענינישן פלאן פון אויפבויען די פארטיי.

געקומען קיין אויסלאנד, האט זיך לענין ענערגיש גענומען פארן רעאליזירן דעם דאזיקן פלאן, פארן ארגאניזירן די אלגעמיין־רוסישע פאליטישע צייטונג „איסקרא”. ביים ארגאניזירן די „איסקרא” איז אים אויסגעקומען אנצושטויסן זיך אויף א ריי שוועריקייטן. איינע פון זיי איז געווען דער שארפער צוזאמענשטויס מיט פלעכאנאוון.

אין אויגוסט 1900 יאר האבן זיך לענין, פאטרעסאוו, פלעכאנאוו, אקסעלראד און זאסוליטש באראטן אין קארסיע (לעבן זשענעווע) וועגן דער ארגאניזאציע און דעם פראגראם פון דער „איסקרא”. די אונטערהאנדלונגען זיינען צוגעגאנגען זייער שטורמיש. די באראטונג האט זיך שיעור נישט געענדיקט מיט א פולשטענדיקן איינריים צווישן לענינען מיט פלעכאנאוון און מיטן אפזאגן זיך תיכף ארויסצוגעבן די „איסקרא”. „ווי אזוי די „איסקרא” איז שיעור נישט פארלאשן געווארן?” — אזוי האט לענין אנגערופן זיינע נאטיצן וועגן דער דאזיקער בארעטונג.

לענין האט זייער שווער איבערגעלעבט די מעגלעכקייט, אז דער פלאן פון ארויסגעבן די צייטונג זאלליידן א קראך. „דאס איז

---

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 382. (וו. אי. לענין. אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 185, 1941 י., מלוכה־פארלאג „דער עמעס”).

געווען אַן אמתע דראַמע, — האָט ער געשריבן, — אַ פולער איינ־ריים דערמיט, מיט וואָס כ'האָב זיך אַרומגעטראָגן, ווי מיט אַ באַליבט קינד, לאַנגע יאָרן, מיט וואָס איך האָב געקניפּט און געבונדן מיין גאַנצע לעבנס־אַרבעט".[1]

מיט גרויס מי האָט זיך איינגעגעבן קומען צו אַ פאַרשטענדי־קונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די „איסקראַ" נישט אין דער שווייץ (ווי עס האָבן פאָרגעלייגט פּלעכאַנאָוו און אַקסעל־ראָד), נאָר אין דייטשלאַנד. לענין איז אַרויסגעפאָרן קיין מינכען, ווו עס האָט זיך באַזעצט דער קערן פון דער רעדאַקציע. באַגלייך מיט דער „איסקראַ" איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן דעם וויסנ־שאַפטלעך־פּאָליטישן זשורנאַל „זאַריאַ".

לענינס אומדערמידלעכע טעטיקייט, זיין אייזערנער ווילן, וואָס ברעכט אַלע שטערונגען אויפן וועג צום אָנגעמערקטן ציל, האָבן געזיכערט דאָס אַרויסלאָזן אַן אַלגעמיין־רוסישע פּאָליטישע צייטונג. אין אָקטאָבער 1900 יאָר איז דערשינען די „מעלדונג פון דער רע־דאַקציע „איסקראַ" וועגן די אויפגאַבן פון דער צייטונג; אָנגעשריבן האָט זי לענין. אויסשמידן די אידעישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע איינ־הייט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, שאַפן אַ פאַר־טיי — אָט דאָס זיינען געווען די אויפגאַבן. זיי האָבן געקאָנט פאַר־ווירקלעכט ווערן בלויז אין אַנטשידענעם קאַמף קעגן דער אידעי־שער צעפאָרנקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלער קוסטאַרעריי, אין קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן", בערנשטייניאַנער און אַנדערע אָפּאָרטו־ניסטן.

„פריער, איידער מע פאַראייניקט זיך, און כדי זיך צו פאַראייניקן, איז צוערשט נייטיק אַנטשידן און באַשטימט פונאַנדערצוגרענעצן זיך".[2] — האָט לענין געשריבן אין דעם דאָזיקן ערשטן פּראָגראַם־דאָקומענט פון דער „איסקראַ".

דעם 11 דעצעמבער 1900 יאָר איז אַרויסגעגאַנגען דער ערש־טער נומער פון דער „איסקראַ". דאָס לייט־אַרטיקל „די לעבנס־וויכ־טיקע אויפגאַבן פון אונדזער באַוועגונג" האָט אָנגעשריבן לענין. פּשוט, קלאָר, מיט אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט אַנטוויקלט לענין

---

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 25.

[2] דאָרטן, ז. 378.

אינעם דאָזיקן ערשטן איסקרישן אַרטיקל דעם גרונט־ציל פון דער „איסקראַ" — שאַפן אַ פעסטע, אָרגאַניזירטע פּאַרטיי, אָן וועלכע־דער אַרבעטער־קלאַס וועט נישט קאָנען פאַרווירקלעכן זיין גרויסע היסטאָרישע מיסיע: באַפרייען זיך און דאָס גאַנצע פאָלק פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט.

די „איסקראַ" האָט פאַנאַנדערגעוויקלט איר אַרבעט אין אַ סיטואַציע, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואַקסן אינעם גאַנצן לאַנד. אין די באַדינגונגען פון דעם ביז גאָר האַרבן עקאָנאָמישן קריזיס פון אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט דער אַרבעטער־קלאַס אָנגעהויבן איבערצוגיין פון עקאָנאָמישע שטרייקן צו פּאָליטישע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס, אויפהייבנדיק זיך צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג.

פרילינג 1901 יאָר זיינען פאָרגעקומען פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס אין פיל גרויסע שטעט. אין 1902 יאָר האָבן די שטרייקן אָנגעהויבן פאַראייניקן זיך מיט דעמאָנסטראַציעס. אַזוינע צוממערסטן באַדייטנדיקע שטרייק־דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען: דער באַטומער, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער סטאַלינס אָנפירונג, און דער ראָסטאָווער. אין 1903 יאָר האָט זיך איבער גאַנץ דרום־רוסלאַנד — אין טראַנסקאַווקאַז און אין אוקראַינע — דורכגעקייקלט אַ מעכטיקע כוואַליע פון פּאָליטישע מאַסן־שטרייקן. אונטער דער ווירקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך אויפגעהויבן צום קאַמף אויך די פּויערים, וואָס האָבן פרילינג און זומער 1902 יאָר גראָמירט די פּריצישע גיטער אין אוקראַינע, וואָלגער קאַנט און גרוזיע.

די בפירושע נאָענטקייט פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט ענערגיש געפאָדערט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל זיין פעיק אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס זאָל קאָנען פירן די אַרבעטער און פּויערים שטורעמען דעם צאַריזם. די אויפגאַבע פון שאַפן אַזאַ פּאַרטיי איז אָבער געווען אַן אומגעהויער שווערע. די פּאַרטיי איז אויסגעקומען צו בויען אונטערן פייער פון די אַכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען מצד דעם צאַריזם. באַגלייך דערמיט האָט מען געמוזט בייקומען די אָפּגעשטאַנענקייט, איגערטקייט און ענגן פּראַקטיציזם פון די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. מע האָט געדאַרפט צעגראָמירן די „עקאָנאָ־

מיסטן", וואָס האָבן זיך מיט אַלע כוחות קעגנגעשטעלט דעם שאַפֿן די פּאַרטיי. שילדערנדיק די דעמאָלטיקע סיטואַציע אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, האָט חבר סטאַלין געשריבן, אַז „די קוסטאַרעריי און קרייזלעריי האָבן געפֿרעסן די פּאַרטיי פֿון אויבן ביז אַראָפּ", און די „אידעישע צעפּאַרנקייט איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿאַרן אינערלעכן לעבן פֿון דער פּאַרטיי".[1]

לענין האָט זיך גענומען צום אויספֿילן די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון שאַפֿן די פּאַרטיי און האָט דערפֿירט די אַרבעט ביזן סוף. אין זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" האָט ער געגעבן אַן אָנשוילעך בילד פֿון דער סיטואַציע, אין וועלכער עס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט די טעטיקייט פֿון די איסקראַוועצעס: „אַן ענג הייפֿל גייען מיר מיט אַ שווערן וועג, פֿאַרביי אָפּגרונטן, פֿעסט האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט. מיר זיינען פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שונאים, און אונדז קומט כמעט שטענדיק אויס צו גיין אונטער זייער פֿייער".[2]

לענין איז געווען דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער „איסקראַ", איר אידעישער באַגייסטערער און פּראַקטישער אָנפֿירער. די „איסקראַ" איז ווירקלעך געווען לענינס אַ קינד. ער האָט זאָרגזאַם רעדאַגירט יעדן נומער פֿון אָנהייב ביזן סוף, האָט אַליין אַ סך געשריבן, פֿלעגט אָנמערקן טעמעס פֿאַר די אַרטיקלען, געפֿונען אויטאָרן, זיך פֿאַרבינדן מיט קאָרעספּאָנדענטן, פֿלעגט געוויסנהאַפֿט מאַכן די קאָרעקטור, דערפֿינדן מעטאָדן ווי אַזוי צו ליפֿערן אומלעגאַל די צייטונג קיין רוסלאַנד, אויסגעפֿינען געלט-מיטלען. לענין האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז די „איסקראַ" האָט אָנגעהויבן דערשיינען רעגולער, וואָס דאָס איז אין די דעמאָלטיקע רוסלענדישע, אומלעגאַלע באַדינגונגען געווען אַן אומגעזעענע דערשיינונג.

די לענינישע „איסקראַ" איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטער רעוואָלוציאָנער-מאַרקסיסטישער אָרגאַן. דאָס איז געווען אַן עכט באָלשעוויסטישע צייטונג, אַ צייטונג פֿון אַ נייעם טיפּ, וואָס אַזאַ איז נאָך נישט געווען אין דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג. די „איסקראַ" האָט געגרייט די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

---

[1] י. סטאַלין. פֿראַגן פֿון לעניניזם, מלוכה-פֿאַרלאַג „דער עמעס", ז. 66, 1941 י.

[2] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 368. (וו. אי. לענין. אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 169, 1941 י., מלוכה-פֿאַרלאַג „דער עמעס").

די איסקראָווצעס האָבן געטראָגן אירע לאָזונגען אין די אַרבעטער־מאַסן, אָרגאַניזירט און געריכטעט זייער קאַמף. די לענינישע „איס־קרא" האָט הויך אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר דער רעוואָלו־ציאָנערער טעאָריע פון מאַרקסיזם. לענין האָט דערצויגן די פאָרגע־שריטענע פּראָלעטאַריער אין גייסט פון טרייהייט צו דער רעוואָלו־ציאָנערער טעאָריע, ער האָט זאָרגעוודיק געכאָוועט די טראַדיציעס פון אידעישער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט צום מינדסטן פאַרקריפּלען דעם מאַרקסיזם. אין איר קאַמף קעגן די פּילצאָליקע שונאים פונעם מאַרקסיזם האָט די „איסקראַ" נישט געוווסט פון קיין רחמנות. נישט אומזיסט האָט לענין געשריבן, אַז די „אַלטע „איסקראַ" האָט פאַר־דינט די ערנפולע אומליבע סיי פון די רוסישע, סיי פון די מערב־אייראָפּעישע אָפּאָרטוניסטן".[1]

זעלטן ווען אַ נומער פון דער „איסקראַ" פלעגט זיך באַווייזן אָן לענינס אַן אַרטיקל. ער האָט אָנגעשריבן די מערהייט גרונט־אַרטיקלען פון דער „איסקראַ". עס איז נישט געווען קיין איין מער אָדער ווייניקער גרויסע פראַגע אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי און פונעם אַרבעטער־קלאַס, אינעם געביט פון דער צווישנפעלקערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק, וואָס זאָל נישט זיין באַלויכטן אין לענינס אַרטיקלען.

לענינס אַרטיקלען — דאָס זיינען קלאַסישע מוסטערן פון רע־וואָלוציאָנערער פּובליציסטיק. איינע פון זיי זיינען גלענצנדיקע פּאָלי־טישע דעמאַסקירונגען פונעם צאַריזם, פון זיין פּאָליטיק פון רוצחישע פאַרכאַפּונגען און רויבערישע מלחמות אויסערן לאַנד, פון ווילדער עקספּלואַטאַציע פון די פעלקער־מאַסן און אכזריותדיקן דערשטיקן אַלדאָס לעבעדיקע אינעווייניק אין לאַנד. די אַנדערע — אַנטהאַלטן אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פון די „עקאָנאָמיסטן", דעקן אויף דעם אָוואַנטוריזם פון די עסערן, דערלאַנגען טרעפלעכע קלעפּ איבער דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם, דעמאַסקירן די זובאַטאָווטשינע, מאַכן טיל־טעל פונעם ליבעראַליזם. אין לענינס אַרטיקלען פלעגן די פאָר־געשריטענע פּראָלעטאַריער, די פּאַרטיי־טוער באַקומען אַ קלאָרן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן זיי באַאומרואיקט, פּינקטלעכע אָנווייזונגען — וואָס און ווי אַזוי צו טאָן.

---

[1] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 327.

לענינס גאנצע טעטיקייט אין אָט די יאָרן איז געווען געוויד־מעט איין זאַך — שאַפן די פּאַרטיי. עס האָט געדאַרפט געלייזט ווערן די פראַגע וועגן דעם וועג, מיט וועלכן עס וועט גיין די אַרבעטער־באַוועגונג. מע האָט געדאַרפט אָפּרוימען די גרונט־שטערונג אויף דעם דאָזיקן וועג — דעם „עקאָנאָמיזם". מע האָט געדאַרפט לייזן די פראַגן וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן דער ספּיכישער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, וועגן דער ראָל פון באַוווסטזיניקייט, טעאָריע, פּאַרטיי אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דעם כאַראַקטער, צילן און אויפגאַבן פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי, וועגן די וועגן און אופנים זי צו שאַפן.

אין מאַי 1901 יאָר האָט זיך אין 4־טן נומער „איסקראַ" באַוויזן לענינס באַרימטער אַרטיקל „פון וואָס דאַרף מען אָנהייבן?". אין אים איז געגעבן געוואָרן אַן עסקיז פון לענינס פּלאַן פון אויפבויען די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי.

אַלע, וואָס האָבן אויפריכטיק געזאָרגט פאַרן צושטאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס האָבן געזוכט אַן אויס־וועג פון דער אידעישער צעפּאַרנקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלן מיש־מאַש, האָבן באַקומען אַן ענטפער, אַ געניאַלן לויט זיין פּשוטקייט. מע דאַרף אָנהייבן פון אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיין־רוסישע פּאָליטישע צייטונג, האָט אָנגעוויזן לענין. דורך דער צייטונג וועלן אידעיש צעקלאַפּט ווערן ביזן סוף די שונאים אינעווייניק אין דער אַרבע־טער־באַוועגונג, די צייטונג וועט פאַרטיידיקן די ריינקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע: זי וועט איינשטעלן דאָס איינהייטלעכע פאַרשטיין די פּראָגראַם־צילן און טאַקטישע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, פון די מעטאָדן פון איר פּראַקטישער טעטיקייט. די צייטונג וועט אויסשמידן די אידעישע איינהייט פון דער פּאַרטיי. די צייטונג וועט אויך זיין אַ מעכטיק געצייג אָרגאַניזאַציאָנעל צו פאַראייניקן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין אַ פּאַרטיי. אַרום דער צייטונג וועט זיך אויסבילדן אַן אָרגאַניזאַציע פון אָנהענגער אירע, אַ נעץ פון אירע אַגענטן און קאָרעספּאָנדענטן, וואָס וועלן זי באַזאָרגן מיט מאַטע־ריאַלן, וועלן זי פאַרשפּרייטן, פאַרבינדן זי מיט די אַרבעטער. ווייל, האָט לענין געזאָגט, „אַ צייטונג איז נישט בלויז אַ קאָלעקטיווער פּראָפּאַגאַנדיסט און קאָלעקטיווער אַגיטאַטאָר, נאָר אויך אַ קאָלעק־טיווער אָרגאַניזאַטאָר". די דאָזיקע נעץ אַגענטן, פאַרבונדן מיט דער

ציטונג און איינער מיטן אנדערן, וועט זיין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער רוקנביין פון דער פּאַרטיי. די צעשפּליטערטקייט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס וועט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער באַהעפטונג זייערער אויפן באָדן פון אַלגעמיין־פּאַרטייאישער אַרבעט. אַזוי וועט זיך שאַפן אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט פון דער פּאַרטיי.

לענינס אַרטיקל האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער. איינער אַ פּעטערבורגער אַרבעטער האָט געשריבן אין „איסקראַ": „דעם פאַבריקן זונטיק האָב איך צונויפגענומען עלף מאַן און געלייענט: „פון וואָס דאַרף מען אָנהייבן?", זיינען מיר ביז נאַכט זיך נישט פונאַנדערגעגאַנגען. ווי ריכטיק עס ווערט דאָ אַלץ געזאָגט, ווי אַלץ ווערט דאָ אַרומגעקלערט".[1]

אינעם אַרטיקל „פון וואָס דאַרף מען אָנהייבן?" האָט לענין אָנגעוויזן, אַז ער גיט בלויז אַן עסקיז פונעם פּלאַן, וואָס גענויער ווערט ער אַנטוויקלט אין דער בראָשור, וועלכע ער גרייט צום דרוק. זייענדיק אָבער פאַרנומען מיט רעדאַקציאָנעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, האָט לענין געקאָנט צוטרעטן צו דער אַרבעט איבער דער בראָשור ערשט הארבסט 1901 יאָר. אין מערץ 1902 יאָר איז זי אַרויס פון דרוק. דאָס איז געווען די געניאַלע לענינישע אַרבעט „וואָס דאַרף מען טאָן?"

לענין האָט אין איר באַוויזן, אַז אין יסוד פונעם „עקאָנאָמיזם" ליגט דאָס בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און דאָס פאַרמינערן די ראָל פונעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס פאַרמינערן די אָנפירנדיקע ראָל פון אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, פון זיין פּאַרטיי. די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע קאָן נישט אַנטשטיין פון דער סטיכישער באַוועגונג, ווי עס האָבן באַהויפּטן די „עקאָנאָמיסטן", זי אַנטשטייט פון דער וויסנשאַפט. אָפּלייקענענדיק די נויטווענדיקייט אַריינצוברענגען אינעם אַרבעטער־קלאַס דעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין, האָבן די „עקאָנאָמיסטן" דערמיט גופא אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט האָט באַדייט אָפּזאָגן זיך פון דער פּאַרטיי אַלס אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט, און יעטוועדער מין לייקענען אָדער פּאַרטיי־

[1] „איסקראַ" נומ. 7, אויגוסט 1901.

נערן די ראָל פון דער פּאַרטיי ברענגט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע אויף די אַרבעטער. עס איז דעריבער נייטיק אַ כסדרדיקער, סיסטעמאַטישער און עקשנותדיקער קאַמף קעגן די בורזשואַזע ווירקונגען, וואָס דרינגען אַריין אינעם אַרבעטער-קלאַס, עס איז נייטיק אַריינצוברענגען אין דער אַרבעטער-באַוועגונג דעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין.

לענין האָט ווייטער אונטערגעשטראָכן, אַז פאַרמינערן די ראָל פון דער באַוווסטזיניקייט הייסט צונישט מאַכן אין די אויגן פון דער פּאַרטיי די באַדייטונג פון טעאָריע. דערמיט גופא ווערט ביי דער פּאַרטיי צוגענומען דאָס וויכטיקסטע געווער, וואָס אָן דעם איז אוממעגלעך צו זיגן אין קאַמף. „אָן אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, — האָט געשריבן לענין, — קאָן נישט זיין אויך קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג... **די ראָל פון אַ פאָרגעשריטענעם קעמפער קאָן אויספילן נאָר די פּאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַ פאָרגעשריטענער טעאָריע**.[1]

לענין האָט באַוויזן, אַז מיט דער „טעאָריע" פון סטיכישקייט איז ביי די „עקאָנאָמיסטן" ענג פאַרבונדן דער „עקיזם" („כוואָסטיזם") אין דער פּאָליטיק. לויבנדיק אין הימל אַריין דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, פאַראורטיילן די „עקאָנאָמיסטן" די פּאַרטיי אויף נאָכצושלעפּן זיך שטענדיק אין עק פון דער דאָזיקער באַוועגונג, פאַרוואַנדלען זיי די פּאַרטיי אין אַ פּאַסיווער קראַפט, און דאָס באַדייט פּאַקטיש — פאַרניכטן די פּאַרטיי. דערמיט לאָזן זיי איבער דעם אַרבעטער-קלאַס אומבאַוואָפנט, זיי גיבן אים אָפּ מיט געבונדענע הענט און פיס אויפן בּאַראָט פון דעם פּראָלעטאַריאַטס ביטערסטע שונאים — דעם צאַריזם און דער בורזשואַזיע.

לענין פאַראורטיילט שאַרף און בייסיק די „עקאָנאָמיסטן" פאַר זייער אָפּאָרטוניסטישן צופּאַסן זיך צו דער ווירקלעכקייט. דער מאַרקסיזם, האָט געזאָגט לענין, לערנט פונקט פאַרקערט: ער רופט צום רעוואָלוציאָנערן ענדערן די ווירקלעכקייט, ער באַווייזט די אַנט-

---

[1] לענין. ווערק, ב. IV, ז. 380. (וו. אי. לענין. אויסגעווילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 183, 1941 י., מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס").

שידנדיקע ראָל פון דער פאַרטיי אין קאַמפ פון אַרבעטער־קלאַס, באַווייזט די גיגאַנטישע באַדייטונג פון באַוווסטזיניקער און דורכ־געטראַכטער טאַקטיק, פון איניציאַטיוו און ענערגיע פון די באַ־וווסטזיניקע אַרבעטער.

לענין האָט באַוויזן, אַז די „עקאָנאָמיסטן" פאַרמינערן די פּאָלי־טישע אויפגאַבן פון דער פאַרטיי און פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווענדן אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן קאַמפ קעגן דעם צאַריזם, באַגרענעצן זייַנע אויפגאַבן מיטן „עקאָנאָמישן קאַמפ קעגן די באַלעבאַטים און קעגן דער רעגירונג", — דערמיט גופאָ פאַראורטיילן זיי די אַרבעטער צו אייביקער קנעכטשאַפט. די אַרבעטער ווילן קעמפן נישט נאָר פאַר אַן אומבאַדייטנדיקער פאַר־בעסערונג פון זייער לאַגע אויפן באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, זיי שטרעבן צו פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און עקספּלואַטאַציע. די אַרבעטער קאָנען אָבער נישט פאַנאַנדער־וויקלען דעם קאַמפ קעגן קאַפּיטאַליזם, כל־זמן דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין וועג שטייט דער צאַריזם. דעריבער דאַרפ דער אַרבע־טער־קלאַס צוערשט אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם און דערמיט גופאָ דורכשלאָגן זיך אַ וועג צום סאָציאַליזם. דער אַרבעטער־קלאַס דאַרפ אַרויסטרעטן אַלס אַוואַנגאַרד־קעמפער אינעם קאַמפ קעגן דעם צאַריזם.

לענין האָט באַוויזן, אַז מיטן בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט, מיטן פאַרקלענערן די ראָל פון דער פאַרטיי, מיטן פאַרמינערן די פּאָליטישע אויפגאַבע פונעם פּראָלעטאַריאַט איז ביי די עקאָנאָמיסטן ענג פאַרבונדן דאָס פאַרמינערן אויכ די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די „עקאָנאָמיסטן" באַרעכטיקן די קוסטאַרעריי, דעם קליינלעכן פּראַקטיציזם און די צעשפּליטערטקייט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. כדי צו לייזן די היסטאָרישע אויפ־גאָבן פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז נייטיק אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ־ניזאַציע, אַ פאַרטיי.

לויט לענינס פּלאַן דאַרפ די פאַרטיי באַשטיין פון צוויי טיילן, פון אַן ענגן קרייז קאַדרעווע אָנפירנדיקע טוער, הויפּטזעכלעכ פּראָ־פעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, און פון אַ ברייטער נעץ־פאַרטיי־אָרגאַ־ניזאַציעס אין דער פעריפעריע, פון אַ פילצאָליקער מיטגלידער־מאַסע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט סימפּאַטיע און שטיצע פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטנדיקע.

לענין האָט באַוויזן, אַז גיין מיט דעם וועג, וועלכן עס פּרעדיקן די „עקאָנאָמיסטן", הייסט שאַפן נישט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס פירט דעם אַרבעטער־קלאַס שטורעמען דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ פּאַרטיי פון „סאָציאַלע רעפאָרמעס", וואָס העלפט פאַראייביקן די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן. דערפון איז געדרונגען, אַז די „עקאָנאָמיסטן" זיינען רעפאָרמיסטן, וואָס פאַראַטן די גרונט־אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

לענין האָט באַוויזן, אַז דער „עקאָנאָמיזם" איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג אין רוסלאַנד, אַז די „עקאָנאָמיסטן" זיינען דורכפירער פונעם בורזשואַזן איינפלוס אויפן אַרבעטער־קלאַס, אַז זיי זיינען אַ רוסישער וואַריאַנט פונעם צווישנפעלקערלעכן אָפּאָרטוניזם, וועלכער טרעט אַרויס קעגן מאַרקסיזם, רעוואָלוציע, סאָציאַליזם, קעגן דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דער איינפלוס פון לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" איז געווען קאָלאָסאַל. „אומעטום אַפּעריר איך, — האָט געשריבן איינער פון די „איסקראַ"־אַגענטן, — מיטן לענינישן אַקער, ווי מיטן סאַמע בעסטן, פּראָדוקטיווסטן באָדן־קולטיוואַטאָר. ער רייסט אויסגעצייכנט אַראָפּ די קאָרע פון רוטינע, מאַכט ווייך דעם באָדן, וואָס זאָגט צו אַ גערעטעניש. טאָמער באַווייזן זיך אויפן וועג מיסט־גראָזן, וואָס פאַרפּלאָנצט האָט זיי „ראַבאָטשעיע דיעלאָ", פאַרניכטעט ער זיי שטענדיק מיטן וואָרצל"[1].

אין זיין מעלדונג וועגן פאַראייניקן זיך צו דער „איסקראַ" ווייזט אָן דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, אַז ער „איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מע דאַרף פאַרענדיקן, אויסדריקנדיק זיך מיט די ווערטער פון דעם אויטאָר פון דער בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?", דאָס ליקווידירן דעם פּעריאָד פון קוסטאַרעריי, דעם פּעריאָד פון אָרטיקער צעברעקלטקייט, פון אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַאָס און פּראָגראַם־מישמאַש"[2]. דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אויסצודריקן דאַנקבאַרקייט דעם אויטאָר פון „וואָס דאַרף מען טאָן?". דער טולער קאָמיטעט האָט מיטגעטיילט, אַז ערשט נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען לענינס בוך, „האָבן דער קאָמיטעט און די צוזאַמערסטן באַוווסטזיניקע אַרבעטער פאַרשטאַנען די ווירקלעכע

---

[1] אַרכיוו פון מאַרקס־ענגעלס־לענין־אינסטיטוט.

[2] „איסקראַ" נום. 26, 15 אָקטאָבער 1902 י.

פּאָזיציע און דעם ציל פון דער „איסקראַ". דער סיבירער פאַרבאַנד האָט געשריבן: „לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַקטיווע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אין הינזיכט פון אָרגאַניזאַציאָנעלע און טאַקטישע פראַגן פאַרענדיקט ער דעם זיג פון די „איסקראַ" אָנשווינגען. „די „איסקראַ"-אָרגאַניזאַציע האָט אין איר באַריכט פון דעם II צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ אויף פאָלגנדיקן אופן כאַראַקטעריזירט דעם איינפלוס פון לענינס בוך: „וואָס דאַרף מען טאָן" האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די רוסישע טוער, אַ גאַנצע ריי פּערזאָנען ווערן, לויט זייער אייגענער אָנערקענונג אַנהענגער פון דער „איסקראַ" אַדאַנק דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן בוך".

דער „עקאָנאָמיזם" איז אידעיש פולשטענדיק צעקלאַפּט געוואָרן.

„די היסטאָרישע באַדייטונג פון „וואָס דאַרף מען טאָן?" באַשטייט דערין, וואָס לענין האָט אין דעם דאָזיקן באַרימטן בוך זיינעם:

1) דער ערשטער אין דער געשיכטע פונעם מאַרקסיסטישן געדאַנק אַנטבלויזט ביז צו די וואָרצלען די אידעישע קוואַלן פונעם אָפּאָרטוניזם און באַוויזן, אַז זיי באַשטייען פריער פאַר אַלץ אין בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און אי'ן פאַרמינערן די ראָל פונעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין אין דער אַרבעטער-באַוועגונג;

2) אויפגעהויבן אויף אַ הויכן ניוואָ די באַדייטונג פון טעאָריע, פון באַוווסטזיניקייט, פון דער פּאַרטיי, אַלס רעוואָלוציאָניזירנדיקע און אָנפירנדיקע קראַפט פון דער סטיכישער אַרבעטער-באַוועגונג;

3) גלענצנד באַגרינדעט די מאַרקסיסטישע גרונט-הנחה, וואָס זאָגט, אַז די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי איז די פאַראייניקונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג מיטן סאָציאַליזם;

4) געניאַל פאַנאַנדערגעאַרבעט די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי"[1].

מיט ליבע און אויפמערקזאַמקייט, געדולדיק און עקשנותדיק פלעגט לענין אָפּקלייבן און אויסשמידן די אָנפירנדיקע קאַדרען פון

[1] „געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב), קורצער קורס", ז. 46, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

דער פּאַרטיי, כאָוועץ און דערציען פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געווידמעט דער רעוואָלוציע זייער גאַנץ לעבן. ער האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געזוכט זיך צו דערשלאָגן, אַז אַלע קרעפטן, מיטלען און אויפמערקזאַמקייט פון די איסקראַוועצעס זאָלן זיין קאָנצענטרירט אויף דער „איסקראַ", ווי אויף אַן אַלגעמיין־פּאַרטייאישן ענין. לענין האָט געלערנט די איסקראַוועצעס, קיינמאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון קליינע זאַכן אין דער אַרבעט, ווייל פון קליינע זאַכן ווערן געבויט גרויסע זאַכן.

אָרגאַניזירן אין רוסלאַנד אין די באַדינגונגען פון פּאָליצייאישן רעזשים די פאַרשפּרייטונג פון דער „איסקראַ" איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער און שווערער ענין. מיטן איבערשיקן די צייטונג איבער דער גרענעץ און מיטן פאַרשפּרייטן זי אין רוסלאַנד גופא האָבן זיך פאַרנומען געניטע און מסירת־נפשדיקע אַגענטן, וואָס אין פאַל פון אַ דורכפאַל האָט זיי געדראָט פאַרשיקט צו ווערן, פאַרשפּאַרט ווערן אין טורמע אָדער גיין אויף קאַטאָרגע. זייער טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט פאַרשפּרייטן די צייטונג, נאָר האָט אויך געהאַט דעם ציל צו באַהעפטן די אָרטיקע קאָמיטעטן אַרום דער „איסקראַ".

לענין האָט געהאַלטן, אַז די אַרבעט פון די „איסקראַ"־אַגענטן האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, ער האָט כסדר געריכטעט און אָרגאַניזירט זייער טעטיקייט. ער האָט אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיטן שאַפן די „איסקראַ"־אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד.

די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פון דער „איסקראַ" מיט די אַגענטן און אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד האָט זיך געפונען ביי לענינען אין די הענט. אין אָט דעם ענין האָט אים אַקטיוו מיטגעהאָלפן נ. ק. קרופּסקאַיאַ, וואָס איז פרילינג 1901 יאָר געקומען צו פאָרן קיין אויסלאַנד און איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער „איסקראַ"־רעדאַקציע. „מיר האָבן געוווּסט זייער גענוי, — דערציילט קרופּסקאַיאַ, — ווער פון די „איסקראַ"־אַגענטן וואָס עס טוט, און פלעגן באַהאַנדלען מיט זיי זייער גאַנצער אַרבעט; ווען צווישן זיי פלעגן צעריסן ווערן די פאַרבינדונגען, פלעגן מיר זיי פאַרבינדן צווישן זיך, פלעגן מיטטיילן וועגן די דורכפאַלן אאַוו.[1]

---

[1] נ. ק. קרופּסקאַיאַ. דעריבערונגען וועגן לענינען, ז. 59—60.

לעניז האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דער פּעטערבורגער, מאָס־קווער, באַקווער, סאַמאַרער, כאַרקאָווער, ניזשני־נאָווגאָראָדער אָדע־סער, קיעווער, אָרעכאָווא־זויעווער און אַ ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

שוין אין דעם דאָזיקן פּעריאָד ווערט איינגעשטעלט אַ פעסטע פאַרבינדונג צווישן לענינען און דער טראַנסקאַווקאַזער „איסקרא"־אָרגאַניזאַציע, וואָס געשאַפן האָט זי חבר סטאַלין. פון סאַמע אָנהייב אָן, ווי עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען די לענינישע „איסקרא", האָט זיך סטאַלין פולשטענדיק געשטעלט אויף אירע פּאָזיציעס, זעענדיק אין לענינען דעם פירער און גרינדער פון דער פּאַרטיי.

„די באַקאַנטשאַפט מיט לענינס רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט, — זאָגט חבר סטאַלין, — פונעם סוף 90־ער יאָרן אָן און באַ־זונדערס נאָכן 1901 יאָר, נאָכן אַרויסגעבן די „איסקרא", האָט מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז אין לענינס פּערזאָן האָבן מיר אַ מענטשן אַן אויסערגעוויינלעכן. ביי מיר אין די אויגן איז ער נישט געווען דאָן אַ פּשוטער אָנפירער פון דער פּאַרטיי, ער איז געווען איר פּאַקטישער באַשאַפער, ווייל ער איינער האָט פאַרשטאַנען דעם אינערלעכן מהות און די דרינגענדיקע באַדערפענישן פון אונדזער פּאַרטיי. ווען איך פלעג אים פאַרגלייכן מיט די איבעריקע אָנפירער פון אונדזער פּאַרטיי, פלעגט זיך מיר די גאַנצע צייט דוכטן, אַז די מיטקעמפער לענינס — פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו, אַקסעלראָד און אַנ־דערע — שטייען מיט אַ גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון לענינען, אַז לענין איז אין פאַרגלייך מיט זיי נישט פּשוט איינער פון די אָנפי־רער, נאָר אַן אָנפירער פון אַ העכערן טיפּ, אַ באַרג־אָדלער, וואָס ווייסט נישט פון קיין שרעק אין קאַמף און וואָס פירט די פּאַרטיי דרייסט פאָרויס איבער די נישט־אויסגעפאָרשטע וועגן פון דער רו־סישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".[1]

חבר סטאַלין האָט זיך מיט ברען גענומען צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן, וואָס די „איסקרא" האָט געשטעלט פאַר די רוסישע מאַרקסיסטן. אונטער זיין אָנפירונג און דער אָנפירונג פונעם חבר קעצכאָוועלי, איז אין דער באַקווער אומלעגאַלער טיפּאָגראַפיע אָר־גאַניזירט געוואָרן דאָס דרוקן אַ טייל „איסקרא"־נומערן פון מאַט־ריצן, וועלכע פלעגן אומלעגאַל צוגעשטעלט ווערן פון אויסלאַנד. דער בעסטער אָרגאַן פון די איסקראָווצעס אין רוסלאַנד איז געווען

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 25—26. מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

די צייטונג „ברדזאָלאַ" („קאַמף"), געשאַפֿן אין באַקו לויט דער איניציאַטיוו פֿון די חברים סטאַלין און קעצכאָוועלי. „ברדזאָלאַ" האָט דורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אין פּרט פֿון צעשמעטערן די טראַנסקאַווקאַזער „עקאָנאָמיסטן" און נאַציאָנאַליסטן, פֿון פּראָפּאַגאַנדירן די מאַרקסיסטישע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, פֿון באַהעפֿטן די טראַנסקאַווקאַזער מאַרקסיסטן אַרום לענינען און דער לענינישער „איסקראַ".

לענין האָט אָפּגעגעבן פֿיל כּוחות אויף צו זיכערן אַ באַשטענדיקע און רעגולערע פֿאַרבינדונג מיט די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, האָט אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טראַט אין דער טעטיקייט פֿון די איסקראָוצעס, ער פֿלעגט אָפֿט נישט שלאָפֿן קיין נעכט, ווען ער פֿלעגט באַקומען ידיעות וועגן דעם, אַז דער, אָדער יענער טוער איז אַרעסטירט געוואָרן, אַז אַ קאָמיטעט אָדער אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור זיינען דורכגעפֿאַלן, אַז די מיט אַזוי פֿיל מי איינגעשטעלטע פֿאַרבינדונגען מיט אַ וועלכער-נישט-איז אָרגאַניזאַציע האָט זיך איבערגעריסן. אויפֿמערקזאַם פֿלעגט לענין שמועסן מיט די חברים, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד; ווי קיינער נישט, האָט ער געקאָנט, אויספֿרעגנדיק זיין מיטשמועסער, אויסקלאָרן די לאַגע אויף די ערטער, דעם ווירקלעכן צושטאַנד פֿון דער אַרבעט פֿון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע.

לענין האָט אָנגעפֿירט מיט דער גאַנצער טעטיקייט פֿון די איסקראָוצעס, מיט יעדן שריט פֿון זייער קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן". באַזונדערס פֿיל אַכט האָט ער אָפּגעגעבן דעם קאַמף פֿון די איסקראָוצעס אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע: קיין פּעטערבורג, ווו עס האָבן זיך סוף 1902 יאָר אַקטיוויזירט די „עקאָנאָמיסטן", האָט ער געשיקט דעם אָנגעזעענעם פּאַרטיי-טוער אי. באַבושקין, קיין מאָסקווע — איינעם פֿון די הויפּט-אַגענטן פֿון דער „איסקראַ" — נ. באַומאַן.

לענינס בריוו זיינען אַ מוסטער פֿון קאָנקרעטער אָנפֿירונג. דער באַוווסטער „בריוו צו אַ חבר וועגן אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפֿגאַבן" (1902 יאָר), געשיקט צו דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע, איז אַרויסגעגעבן און ברייט פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען אַ פּראַקטישער פּראָגראַם פֿון איבערבויען די גאַנצע פּאַרטיי-אַרבעט אויף איסקריסטישע יסודות. דער דאָזיקער בריוו איז אין תוך גענומען געווען אַן

עסקיז פון אַ סטאַטוט פון דער פּאַרטיי. אין דעם בריוו האָט לענין גערופן צו פּאַרוואַנדלען יעדן זאַוואָד אין אַ פעסטונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי.

לענינס עצות, אָנווייזונגען, דירעקטיוון האָבן זיך באַזירט אויף דעם, וואָס ער פלעגט זיך ביז גאָר אויפמערקזאַם באַקענען מיט דער לאַגע אויף די ערטער, האָט טיף געקענט די פּאַרטיי־קאַדרען. לענין איז געווען געצוווּנגען צו לעבן אין עמיגראַציע, קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט אַזוי גוט די לאַגע אין רוסלאַנד, אינעם אַרבעטער־קלאַס, אין דער פּאַרטיי, ווי ער.

„זייער ווייניקע פון די, וואָס פלעגן פאַרבלייבן אין רוסלאַנד, — דערמאָנט זיך חבר סטאַלין — זיינען געווען אַזוי ענג פאַרבינדן מיט דער רוסישערווירקלעכקייט, מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אינעווייניק אין לאַנד, ווי לענין, כאָטש ער האָט זיך געפונען לאַנג אין אויסלאַנד. שטענדיק, ווען איך פלעג צו אים קומען צו פאָרן קיין אויסלאַנד, — אין די יאָרן 1907, 1908, 1912, פלעג איך ביי אים זען בערג בריוו פון פּראַקטיקער פון רוסלאַנד, און שטענדיק פלעגט לענין וויסן מער, ווי יענע, וואָס פלעגן פאַרבלייבן אין רוסלאַנד"[1].

לענינען איז אָבער נישט גרינג געווען צו לעבן אין עמיגראַציע, אָפּגעריסן מיטן דירעקטן פאַרקער מיטן אַרבעטער־קלאַס, מיט די פאָלקס־מאַסן. „זיין געפינען זיך אין אויסלאַנד האָט ער שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ יאָך אויף זיך,[2] — האָט געזאָגט חבר סטאַלין. לענין האָט זיך דערשלאָגן צו אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער, ער פלעגט באַשטיין דערויף, אַז די אַרבעטער אַליין זאָלן שרייבן וועגן זיך, וועגן זייער לעבן, וועגן די פּאַרטיי־ענינים, פלעגט בעטן מיטטיילן די מיינונגען פון די אַרבעטער וועגן זיינע ווערק. אינעם בריוו צום מאָסקווער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין סאָלידאַרקייט מיטן אויטאָר פון „וואָס דאַרף מען טאָן?", האָט לענין געשריבן:

„פאַר אָן אומלעגאַלן שרייבער האָט עס נאָך אַ באַזונדערן ווערט, ווייל אים קומט אוים צו אַרבעטן אין באַדינגונגען פון נישט־געוויינלעכער אָפּגעפרעמדקייט בנוגע דעם לייענער. יעטוועדער מיינונגס־אויסטויש, יעטוועדע מיטטיילונג וועגן דעם איינדרוק,

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 45, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.
[2] דאָרטן.

וועלכע עם מאַכט דער, אָדער יענער אַרטיקל, די אָדער יענע בראָשור אויף פאַרשידענע שיכטן לייענער, האָט פאַר אונדז אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג. און מיר וועלן זיין זייער דאַנקבאַר, אויב מע וועט אונדז שרייבן נישט בלויז וועגן די ענינים אין ענגן זין פון וואָרט, נישט בלויז אויף צו דרוקן, נאָר אויך צוליב דעם, אַז דער שרייבער זאָל זיך נישט פילן אָפּגעריסן פונעם לייענער".[1]

אַנדערהאַלבן יאָר האָט לענין פאַרבראַכט אין מינכען. פאַר אַלע דריי יאָר עקזיסטענץ פון דער „איסקראַ" איז דאָס געווען דער רייכסטער פעריאָד אין לענינס ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָ האָט ער אָנגעשריבן דעם גרעסטן טייל אַרטיקלען פאַר דער „איסקראַ", אַזוינע אַרבעטן, ווי „די פאַרפאָלגער פון דער זעמסטווע און די קאַניבאַלן פונעם ליבעראַליזם", „די אַגראַר-פראַגע און די „קריטיקער" פון מאַרקסן", „דער אַגראַר-פּראָגראַם פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט איבער דעם פּאַרטיי-פּראָגראַם, איז געשאַפן געוואָרן דאָס היסטאָרישע בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?".

אין אָט דער צייט האָט וולאַדימיר איליטש צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן אונטערצושרייבן אייניקע פון זיינע אַרבעטן מיטן נאָמען לענין. אונטער אָט דעם נאָמען איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעצעמבער 1901 יאָר אינעם זשורנאַל „זאַריאַ" דער אָנהייב פונעם אַרטיקל „די אַגראַר-פראַגע און די „קריטיקער" פון מאַרקסן", און פרילינג 1902 יאָר דאָס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?". דער נאָמען לענין איז געוואָרן די פאָן פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

צום אָנהייב 1902 יאָר האָבן סיי די דייטשישע, סיי די צאַרישע פּאָליצייאישע שפּיר-הינט דערשמעקט די „איסקראַ". ווייטער פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד איז געווען אוממעגלעך.

מע האָט געדאַרפט באַשליסן וווהין איבערצוטראָגן די „איסקראַ". פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד זיינען געווען פאַר זשענעווע, לענין — פאַר לאָנדאָן. די לאַגע אינעווייניק אין דער רעדאַקציע איז געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענגטער.

לענינען איז כמעט די גאַנצע צייט אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטישע וואַקלונגען אינעווייניק אין דער

[1] לענין. ווערק, ב. V, ז. 167.

רעדאקציע גופא פון דער „איסקרא". די צוזאמענשטויסן צווישן לענינען און פלעכאנאוון האבן זיך אנגעהויבן נאך אין דעם מאמענט, ווען די „איסקרא" האט געהאלטן אין ארגאניזירן זיך. אין צוזאמענהאנג מיט לענינס ארטיקל „די פארפאלגער פון דער זעמסטווע און די קאניבאלן פונעם ליבעראליזם" האבן זיך זומער 1901 יאר ווידער אנטפלעקט (פונקט ווי אין 1895 יאר, בעת לענינס נסיעה קיין אויסלאנד) ערנסטע מיינונגס-פארשידנהייטן אין איינער פון די גרונטיקע טאקטיק-פראגן — וועגן דער באציונג צו דער ליבעראלער בורזשואזיע. אין דעם דאזיקן ארטיקל איז לענין ענערגיש ארויסגעטרעטן קעגן די ליבעראלן, האט קריטיקירט זייער פאליטישע צעקראכנקייט און פחדנות. פלעכאנאוו, אונטערגעשטיצט פון די אנדערע מיטגלידער פון דער גרופע „באפרייונג פון דער ארבעט", איז ארויסגעטרעטן קעגן דער דאזיקער אפשאצונג פון די ליבעראלן, פארלייגנדיק „נישט רייצן איצט" דעם ליבעראליזם.

אין דעצעמבער 1901 יאר האט זיך לענינס ארטיקל באוויזן אין זשורנאל „זאריא"; און אין יאנואר 1902 יאר האבן זיך אנגעהויבן נאך גרעסערע מיינונגס-פארשידנהייטן איבער די פראגן פון דעם פארטיי-פראגראם.

לענין האט דער ערשטער אויפגעשטעלט אינעווייניק אין דער רעדאקציע „איסקרא" די פראגע וועגן דעם פארטיי-פראגראם. נאך אין יולי 1901 יאר האט ער געשריבן צו אקסעלראדן:

„פון רוסלאנד האט מען אונדז געשריבן, אז מע שמועסט אלץ מער און מער וועגן א צוזאמענפאר. דאס צווינגט אונדז ווידער און ווידעראמאל א טראכט צו טאן וועגן דעם פראגראם. פארעפנטלעכן דעם פראיעקט פון דעם פראגראם איז אויסערסט נייטיק, און דאס וואלט געהאט א קאלאסאלע באדייטונג".[1]

נאך איינעם פעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף", אין טורמע און פארשיקונג האט לענין געארבעט איבערן צונויפשטעלן דעם פארטיי-פראגראם. די אנטשיידנדיקע ארטיקלען, די פראגראם-ארטיקלען אין „איסקרא" האט אנגעשריבן לענין. לענינס ארבעטן זיינען געווען דער גרונט, דער פעסטער פונדאמענט אויף אויסצוארבעטן דעם פארטיי-פראגראם. פארנומען אבער ביז איבערן האלדז מיט ארגאניזאציאנעלע ענינים און מיטן רעדאגירן די „איסקרא",

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVIII, ז. 238.

האָט זיך לענין נישט געקאָנט אַליין נעמען צום צונויפשטעלן דעם פּראָגראַם. דעם פּראָיעקט אירן האָט פּאַנאַנדערגעאַרבעט פּלע־כאַנאָוו.

לענין האָט שאַרף קריטיקירט דעם דאָזיקן פּראָיעקט. לענינס גרונט־באַמערקונגען זיינען באַשטאַנען אָט אין וואָס: דאָס איז אַ לערנבוך וועגן קאַפּיטאַליזם בכלל, און נישט קיין פּראָגראַם פון דערקלערן אַ מלחמה דעם רוסישן קאַפּיטאַליזם; אויסערסט אומ־קלאָר, צעפלאָסן ווערט געגעבן די כאַראַקטעריסטיק פון דעם פאַקט, וואָס די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע שטויסט אַרויס און רואינירט די מיליאָניקע מאַסן קליין־פּראָדוצירער; עס איז נישטאָ די וויכטיקסטע אידעע, די גרונט־אידעע פון מאַרקסיזם — וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט; עס זיינען נישט נאָר נישט אונטערגעשטראָכן די אָנפירנדיקע ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער פּראָלעטאַרישער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, נאָר פאַרקערט, דער אַרבעטער־קלאַס ווערט צעפלאָסן אין דער אַלגעמיינער מאַסע אַרבעטנדיקע. אין זיין „רעצענזיע וועגן פּלעכאַנאָווס צווייטן פּראָ־יעקט" האָט לענין געשריבן, אַז ביי פּלעכאַנאָוון האָט דאָס „אָרט פון דער „דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט" פאַרנומען די „רעוואָלוציע, וואָס מאַכן זי שטיצט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, געשטיצט דורך אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע ליידט פון דער קאַפּי־טאַליסטישער עקספּלואַטאַציע", און אפילו אַנשטאָט קלאַסנקאַמף פו־נעם פּראָלעטאַריאַט איז אַוועקגעשטעלט דער „קאַמף פון די אַר־בעטנדיקע און עקספּלואַטירטער מאַסע".[1]

די ערנסטע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען ביים אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט אינעווייניק אין דער רעדאַקציע „איסקרא", האָבן שיעור נישט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקן איינ־ריים צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון. לענין האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז אינעם פּראָיעקט פון דעם פּראָגראַם איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דער וויכטיקסטער פּונקט — וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און עס איז דייטלעך אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער אָנפירנדיקער ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעוואָלוציע. לענין איז באַשטאַנען דערויף, אַז אינעם פּראָיעקט זאָל פּינקטלעך פאָרמולירט ווערן די אַוואַנגאַרד־ראָל, די אָנפירנדיקע ראָל פון דער

---

[1] לענין. ווערק, ב. V, ז. 36.

פּאַרטיי אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. אַדאַנק לענינען איז דער איסקרישער פּראָגראַם געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, פונעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכער האָט זיך שאַרף אונטערשיידט פון די האַלב-אָפּאָרטוניסטישע פּראָגראַמען פון די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל.

אין ברען פון די שטרייטן וועגן דעם פּאַרטיי-פּראָגראַם איז באַשלאָסן געוואָרן די פראַגע וועגן איבערפאָרן קיין לאָנדאָן. אָנהייב אַפּריל 1902 יאָר האָט זיך די רעדאַקציע פאַרזאַמלט אין צוריך, כדי ענדגילטיק צו באַהאַנדלען דעם פּראָגראַם-פּראָיעקט. לענין האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין אָט דער באַראַטונג. דעם 30 מערץ 1902 יאָר איז ער אַרויסגעפאָרן פון מינכען קיין לאָנדאָן.

לענין האָט אויפמערקזאַם דערלערנט לאָנדאָן, — די דאָזיקע ציטאַדעל פון דעם היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם. ער באַקענט זיך מיט דער ענגלישער אַרבעטער-באַוועגונג, דערלערנט דאָס לעבן פונעם אַרבעטער, זיין שטייגער, זיין פּסיכאָלאָגיע, באַזוכט די אַרבעטער-ראַיאָנען, פאַרזאַמלונגען, מיטינגען. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפּזיצן אין בריטישן מוזיי, וווּ עס האָט זיינער צייט געאַרבעט אויך מאַרקס, שאַפנדיק זיין געניאַל ווערק — דעם „קאַפּיטאַל“.

דער קאַמף אינעווייניק אין דער רעדאַקציע „איסקראַ“ האָט אין די ערשטע חדשים פונעם לאָנדאָנער לעבן באַקומען נאָך אַ מער שאַרפן כאַראַקטער, ער האָט צוגענומען ביי לענינען אַ סך כוחות און צייט. דאָס מאָל האָט זיך שוין געהאַנדלט נישט וועגן פלעכאַנאָווס פּראָגראַם-פּראָיעקט, נאָר וועגן לענינס אַרטיקל „דער אַגראַר-פּראָגראַם פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“.

אַרויסגייענדיק פון מאַרקס און ענגעלסעס אָנווייזונגען, האָט לענין, דער ערשטער צווישן די מאַרקסיסטן, פאַנאַנדערגעאַרבעט און באַגרינדעט די פּאָליטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעם פּויערטום. נאָך אין די 90-ער יאָרן האָט לענין צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט די אידעע וועגן רעוואָלוציאָנערן בונד פון די אַרבעטער און פּויערטום אַלס הויפּט-מיטל אָראָפּצוואַרפן דעם צאַריזם, די פּריצים, די בורזשואַזיע. אויך איצט, אין אויסלאַנד, האָט ער אָפּגעגעבן פיל אַכט דער פאַנאַנדעראַרבעטונג פון די טעאָרעטישע אָנשווינגען און דער פּראַקטישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער פּויערים-פראַגע. מיט דער פּאַר אים כאַראַקטעריסטישער זאָרגפעליקייט און

געוויסנהאַפטיקייט האָט ער אויפמערקזאַם שטודירט אַלץ דאָס וויפל-נישט-איז באַדייטנדיקע אין דער וועלט-ליטעראַטור איבער דער אַגראַר-פראַגע.

לענין איז געווען דער אויטאָר פון דעם אַגראַר-פראָגראַם פון דער „איסקראַ". אין אַפּריל 1901 יאָר האָט זיך אין דער „איסקראַ" באַוויזן זיין אַרטיקל „די אַרבעטער-פּאַרטיי און דאָס פּויערטום". דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דעם דאָזיקן אַרטיקל איז — דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַרויסטרעטן אַלס אַוואַנגאַרד-קעמפער פאַר דער פרייהייט, ער דאַרף צוציען אויף זיין זייט דאָס פּויערטום. אין דאַרף קומען פאָר צוויי סאָציאַלע מלחמות: איינע צווישן די לאַנדווירט-שאַפטלעכע אַרבעטער און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער בורזשואַזיע, די צווייטע — צווישן דעם גאַנצן פּויערטום און דעם פּריצים-שטאַנד. מע דאַרף פאַנאַנדערפלאַקערן אין דעם דאַרף דעם קלאַסנ-קאַמף, אויפהייבן דאָס פּויערטום קעגן די רעשטלעך לייבאייגנטום. צוליב דעם טאַקע דאַרפן אַרויסגעשטעלט ווערן די פאָדערונגען צו אָרגאַניזירן פּויערים-קאָמיטעטן און אומקערן די פּויערים די ערד, וועלכע די פּריצים האָבן ביי זיי צוגענומען, — די „אָפּשניטן" („אָטרעזקי"). די דאָזיקע אידעען לענינס זיינען געלייגט געוואָרן אין גרונט פונעם אַגראַרן טייל פונעם איסקריש פּראָגראַם-פּראָיעקט.

לענין האָט געהאַלטן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם מאַרקסיס-טישן פּראָגראַם צווישן די פּויערים-מאַסן האָט אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג. פרילינג 1903 יאָר האָט ער אָנגעשריבן די בראָשור „צו דער דאָרפישער אָרעמשאַפט", אין וועלכער ער האָט די ברייטסטע און וויניק באַוואָסטזיניקע שיכטן פונעם פּויערטום מייסטערהאַפט דערקלערט דעם פּאַרטיי-פּראָגראַם.

גראָד אין צוזאַמענהאַנג מיט לענינס באַגרינדן דעם אַגראַר-פּראָגראַם האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפע פּאָלעמיק אינעווייניק אין דער רעדאַקציע „איסקראַ". אין מערץ 1902 יאָר האָט לענין פאַר-ענדיקט דאָס אַרטיקל „דער אַגראַר-פּראָגראַם פון דער רוסישער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטיע". דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז אַ קלאַסישער קאָ-מענטאַר צו דעם אַגראַר-פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אַ גלענצנדיקע באַגרינדונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק בנוגע דעם פּויער-טום. לענין האָט אין אים אָנגעוויזן, אַז אויב די פּויערים-רעוואָלו-ציע וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן, דאַרף מען זיך נישט באַגרענעצן מיט

דער פּאָדערונג צוריק אומצוקערן די פּויערים די „אָפּשניטן", נאָר עס וועט נייטיק זיין אָפּצונעמען ביי די פּריצים די גאַנצע ערד און אַרויסשטעלן דעם לאָזונג — נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע ערד.

קעגן דעם דאָזיקן אַרטיקל, און באַזונדערס קעגן לענינישן לאָזונג פון נאַציאָנאַליזאַציע, איז אַרויסגעטרעטן פּלעכאַנאָוו, אונטערשטיצט פון די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט". דער צוזאַמענשטויס צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון איז געווען אַזוי שאַרף, אַז עס האָט זיך געדוכט — אַ שפּאַלטונג אין דער רעדאַקציע „איסקראַ" איז אומפאַרמיידלעך. צו קיין איינריים אָבער איז נאָך אויך דעמלט נישט דערגאַנגען.

אין לאָנדאָן איז לענינען, באַגלייך מיטן רעדאַגירן די „איסקראַ" אַ סך צייט אויסגעקומען אָפּצוגעבן דירעקט אויף צוגרייטן דעם II פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דאָס צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר איז צוגעגאַנגען אין באַדינגונגען פון אָנגעשטרענגטן אידעישן קאַמף.

די פּאָליטישע סיטואַציע אין רוסלאַנד האָט זיך דערווייל פאַרשאַרפט. אַלע קלאַסן האָבן זיך געגרייט צו דער זיך דערנענטערנדיקער רעוואָלוציע. אָנהייב 1902 יאָר האָט זיך אויסגעבילדעט די קליינבירגערלעכע פּאַרטיי עסערן. דאָס זעלבע יאָר האָט זיך אָרגאַניזירט די בורזשואַזע גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע" („באַפרייונג"), דער קערן פון דער צוקונפטיקער הויפּט-פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע — פון דער פּאַרטיי קאַדעטן. די לענינישע „איסקראַ" האָט ענערגיש געבויט די פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד. זומער 1902 יאָר האָט לענין געשריבן, אַז „דער קאַמף, וועלכער איז אין דער ערשטער העלפט 90-ער יאָרן פאַריקן יאָרהונדערט געווען אַ קאַמף צווישן קליינע קרייזלעך רעוואָלוציאָנערער יוגנט, הייבט זיך איצט פונדאַסניי אָן אַלס אַנטשידענער קאַמף פון רייפע פּאָליטישע ריכטונגען און ווירקלעכע פּאָליטישע פּאַרטייען".[1] די קלאַסן האָבן געשמידט זייער אידעיש-פּאָליטיש געווער פאַר די קומענדיקע רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן.

לענינס אָנגעשטרענגטע און אומדערמידלעכע טעטיקייט אויפן געביט פון בויען די פּאַרטיי, דער אַנטשידענער און קאָנסעקווענטער קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן" ברענגען זייערע רעזולטאַטן. דער „עקאָנאָמיזם" איז אידעיש צעקלאַפּט. זומער 1902 יאָר ענדיקט זיך

[1] לענין. ווערק, ב. V, ז. 165.

דער פּעריאָד פון „צעפּאַרנקייט, צעפּאַלונג, וואַקלונגען". איין קאָמיטעט נאָכן צווייטן זאָגט זיך אָפּ אין גאַנצן פאַר דעם פּראָגראַם, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן פון דער „איסקראַ" — איר זיג איז אָן שום צווייפל געזיכערט.

לענין שטעלט די פראַגע וועגן דעם, אַז ס'איז רעכטצייטיק און נייטיק צונויפצורופן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. מיט דער גרעסטער זאָרגפעליקייט און פּאָרזיכטיקייט האָט זיך לענין געגרייט צום צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרפעסטיקן די רעזולטאַטן פון דער כמעט דריי־יאָריקער טעטיקייט פון דער „איסקראַ", באַקרוינען איר זיג מיטן שאַפן די פּאַרטיי. די גאַנצע אַרבעט פון דער רעדאַקציע „איסקראַ" אין פּרט פון צוגרייטן דעם II צוזאַמענפאָר איז פּאַקטיש געלעגן אויף לענינען. ביי זיין דירעקטן אָנפירנדיקן אָנטייל איז געשאַפן געוואָרן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיטעט אויף צונויפצורופן דעם II צוזאַמענפאָר. אין זיינע בריוו צו די אָרגאַניזאַציעס און אַגענטן פון „איסקראַ" אין רוסלאַנד האָט לענין געגרייט די איסקראָווצעס צו די שלאַכטן, וואָס זיינען פאָרגעשטאַנען אויפן צוזאַמענפאָר, ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט צו שיקן אויפן צוזאַמענפאָר מענטשן זיכערע, דורכגעקאָנטראָלירטע, פעסטע.

אין אַפּריל 1903 יאָר איז לענין אַריבערגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין זשענעווע, וווהין עס איז איבערגעטראָגן געוואָרן דאָס דרוקן די „איסקראַ". אין זשענעווע איז לענין פאַרן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטרעטן מיט צוויי אַרטיקלען: דאָס ערשטע — „אַן ענטפער אויף דער קריטיק פון אונדזער פּראָגראַם־פּראָיעקט — איז געווען געווידמעט דער פּאַרטיידיקונג פון דער איסקרישער אַגראַר־פּראָגראַם; דאָס צווייטע — „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אונדזער פּראָגראַם" — האָט געגעבן אַ באַגרינדונג פונעם פּראָגראַם־לאָזונג — רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג. באַגלייך מיטן רעדאַגירן די „איסקראַ" איז לענין געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר. אַלע פראַגן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן צוזאַמענפאָר, האָט ער זאָרגפעליק דורכגעטראַכט. לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם פּראָיעקט פון פּאַרטיי־סטאַטוט, האָט צוגעגרייט דעם רעגולאַמין, דעם טאָג־סדר און די באַשלוסן אין אַ ריי פראַגן, וואָס זיינען אָנגעמערקט געווען צום באַהאַנדלען אויפן צוזאַמענפאָר.

די דעלעגאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופאָרן קיין זשענעווע מיט אַ חודש־צוויי פאַרן צוזאַמענפאָר. לענין פלעגט אָפט און אויפמערקזאַם שמועסן מיט זיי, איבערראַשנדיק אַלעמען מיט זיין פשוטקייט און באַשיידנקייט. ער פלעגט זיך אויספרעגן ביי די דעלעגאַטן וועגן דער לאַגע אויף די ערטער, פלעגט צוזאַמען מיט זיי פאָרלויפיק באַהאַנדלען אַ סך צוזאַמענפאָר־פראַגן. נאָך איידער דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט, האָט לענין געוווסט די פאָליטישע פאָזיציע פון יעטוועדן דעלעגאַט, עס איז אים קלאָר געווען, ווי יעדער איינער פון זיי וועט זיך אויפפירן אויפן צוזאַמענפאָר.

דעם 17־טן יולי 1903 יאָר האָט זיך געעפנט דער II צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ. צוערשט זיינען די זיצונגען זיינע פאָרגעקומען אין בריסעל, דערנאָך אָבער איז ער, איבער די פאַרפאָלגונגען מצד דער בעלגישער פאָליציי, אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט זיך אויפן צוזאַמענפאָר אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. הייסע שלאַכטן פלעגן זיך צעפלאַקערן ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט.

לענין האָט אַוועקגעלייגט אַ סך כוחות אויף צו זיכערן דעם זיג פון דער איסקרישער ריכטונג. ער איז אויסגעווילט געוואָרן אינעם ביוראָ פונעם צוזאַמענפאָר און איז געווען אַ מיטגליד פון דער הויפּטקאָמיסיע פונעם צוזאַמענפאָר: פון דער פראָגראַם־, סטאַטוט־ און מאַנדאַט־קאָמיסיע. לענין האָט געפירט אַ גענויעם טאָג־בוך פון די זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר, ער איז אַרויסגעטרעטן כמעט איבער אַלע פראַגן פונעם טאָג־סדר. אינגאַנצן האָט לענין געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדויערט איבער דריי וואָכן, מער ווי הונדערט און צוואָנציק אַרויסטרעטונגען, באַמערקונגען און רעפּליקעס.

לענין און די פעסטע איסקראָווצעס, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אים, האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אויפן צוזאַמענפאָר אַן ענערגישן קאַמף פאַרן זיג פון די אידעישע, טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פרינציפּן פון דער „איסקראַ", קעגן די אָפּאָרטוניסטן פון אַלערליי קאָלירן און שאַטירונגען. לענין האָט אַנטשידן פאַרטיידיקט דעם פאַרטיי־פראָגראַם, די אידעע פון דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט, די נייטיקייט אונטערצוהאַלטן די פאָדערונגען פון די פויערים, דאָס רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג. לענין האָט דערלאַנגט די אָפּאָרטוניסטן אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ, האָט פאַר־

טיידיקט דעם רעוואלוציאנערן איסקרישן פראגראם און האט זיך דערשלאגן, אז דער צוזאמענפאר זאל אים באשטעטיקן.

שארף און אומקאמפראמיסלעך איז לענין ארויסגעטרעטן אויף צו פארטיידיקן די רעוואלוציאנערע מארקסיסטישע פארטיי. זיינע ארויסטרעטונגען זיינען געווען געווענדט קעגן די פרווון אנשטאט א מאנאליטער, שטרענג ארגאניזירטער קאמפס-פארטיי צו שאפן א פארשידנפארביקע צעשוואומענע פארטיי, קעגן דער טענדענץ צו שטעלן די אינטערעסן פון אן איינצלנעם קרייזל העכער פון די אינטערעסן פון דער פארטיי, קעגן די פרווון צו צעטיילן די ארבעטער און די פארטיי-ארגאניזאציעס לויטן נאציאנאלן סימן און אפצוזאגן זיך פון איינהייטלעכע טעריטאריעלע קלאסן-ארגאניזאציעס פונעם ארבעטער-קלאס.

וואס ווייטער, אלץ מער איז אנגעגליט געווארן די אטמאספער אויפן צוזאמענפאר. אלץ שארפער האט זיך געלאזט פילן, אז אויך צווישן די איסקראווצעס זיינען פאראן וואקלדיקע עלעמענטן, זומפ-עלעמענטן. דאס האט זיך באזונדערס שטארק ארויסגעוויזן ביים באהאנדלען דעם פארטיי-סטאטוט, וועלכער האט ארויסגערופן פארבימערטע שטרייטן. די שארפסטע מיינונגס-פארשידנהייטן האבן זיך פאנאנדערגעוויקלט איבער דער פארמולירונג פונעם ערשטן פאראגראף פונעם סטאטוט — וועגן מיטגלידערשאפט אין דער פארטיי.

די אפארטוניסטן, די זומפ-עלעמענטן האבן זיך געפילט נישט פויגלדיק אין דער דאזיקער פארשארפטער סיטואציע. „איך קאן נישט נישט דערמאנען, — האט געשריבן לענין אינעם בוך „א טראט פאראויס, צוויי טריט צוריק”, — ...איינעם א שמועס מיינעם אויפן צוזאמענפאר מיט איינעם א דעלעגאט פון „צענטער”. „ס'ארא שווערע אטמאספער עס הערשט ביי אונדז אויפן צוזאמענפאר!” — האט ער זיך באקלאגט פאר מיר. — „אט דער פארביטערטער קאמף, אט די אגיטאציע פון איינעם קעגן דעם אנדערן, אט די שארפע פאלעמיק, אט די נישט-חברישע באציונג!....” „ס'ארא אויסגעצייכנטע זאך עס איז אונדזער צוזאמענפאר!” — האב איך אים געענטפערט. — „אן אפענער, פרייער קאמף. די מיינונגען זיינען ארויסגעזאגט. די שאטירונגען זיינען קלאר געווארן. די גרופעס האבן זיך אנגעמערקט. די הענט זיינען אויפגעהויבן געווארן. א באשלוס איז אנגענומען. אן עטאפ איז דורכגעמאכט. פאראויס! — אט דאס פארשטיי

איך. אט דאס הייסט לעבן. דאס זיינען נישט יענע אומענדלעכע, נודנע אינטעליגענטישע אמפערנישן, וואס ענדיקן זיי זיך נישט דערפאר, ווייל מענטשן האבן געלייזט א פראגע, נאר פשוט דערפאר, ווייל מע איז פארמאטערט געווארן רעדנדיק...״ דער חבר פון „צענטער״ האט געקוקט אויף מיר מיט שטוינענדיקע אויגן און געקוועטשט מיט די פלייצעס. מיר האבן גערעדט אויף פארשידענע שפראכן״ [1].

דעם פארטראג וועגן סטאטוט האט געמאכט לענין. אין דעם סטאטוט-פראיעקט, וועלכן ער האט פארגעלייגט, האבן באקומען א בולטן אויסדרוק די ארגאניזאציאנעלע פרינציפן פון א צענטראליזירטער, דיסציפלינירטער קאמפס-פארטיי פונעם פראלעטאריאט. לענינס פארמולירונג פונעם ערשטן סטאטוט-פאראגראף האט געזאגט, אז א מיטגליד פון דער פארטיי קאן זיין יעדער איינער, וועלכער עס אנערקענט דעם פראגראם פון דער פארטיי, שטיצט די פארטיי אין מאטעריעלער הינזיכט און איז א מיטגליד פון איינער פון אירע ארגאניזאציעס. לענינס פארמולירונג האט גערעדט וועגן דער פארטיי, ווי וועגן אן ארגאניזירט גאנצעס, האט גאראנטירט דעם אויסגעהאלטענעם פראלעטארישן כאראקטער פון דער פארטיי און די אייזערנע דיסציפלין אין אירע רייען. לענינס פארמולירונג איז געווען אויסגערעכנט אויף אויפצוהייבן די אקטיווקייט, דיסציפלינירטקייט און באוווסטזיניקייט פון יעדן פארטיי-מיטגליד, אויף אפצוהיטן די ריינקייט פון דער פארטיי און פארשווערן די נישט-פראלעטארישע עלעמענטן דעם צוטריט צו איר. „אונדזער אויפגאבע — האט געזאגט לענין אויפן צוזאמענפאר, — איז אפהיטן די פעסטקייט, אויסגעהאלטנקייט, ריינקייט פון אונדזער פארטיי. מיר דארפן זיך סטארען אויפהייבן דעם נאמען און די באדייטונג פון א פארטיי-מיטגליד העכער און העכער״ [2].

לענין האט געוואלט שאפן אזא פארטיי, אזוי ארגאניזירן די אינערלעכע ארדענונג אין איר, אז זי זאל נישט זיין ענלעך אויף די מערב-אייראפעישע ארבעטער-פארטייען, ווו עס האבן פרידלעך

---

[1] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 274—275. (וו. אי. לענין. אויסגעווילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 460, מלוכה-פארלאג „דער עמעס״ 1941 י.)

[2] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 33.

געהויזט רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָרטוניסטן, וווּ עס האָט זיך אַלץ מער און מער צעבליט די אָפּאָרטוניסטישע פּראַקטיק. לענינס ער-שטער סטאַטוט-פּאַראַגראַף איז מיט זיין שאַרף געווען געווענדט קעגן די אָפּאָרטוניסטן. געשטיצט פון אַקסעלראָדן, זאַסוליטשן, טראָצקין, פון די נישט-שטאַנדהאַפטיקע איסקראָווצעס, פון דעם גאַנצן אָפּן-אָפּאָרטוניסטישן טייל פון צוזאַמענפאָר, איז מאַרטאָוו אַרויסגעטרעטן קעגן לענינס ליניע. אָנערקענען דעם פּראָגראַם און מאַטעריעל שטיצן די פּאַרטיי — זיינען, לויט מאַרטאָווס פאָרמולירונג, נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר אַ פּאַרטיי-מיטגליד; די דאָזיקע פאָרמולירונג האָט אָבער נישט געהאַלטן פאַר אָבליגאַטאָריש דאָס אָנטיילנעמען אין איינער פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, זי האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז אַ פּאַרטיי-מיטגליד קאָן זיין אַפילו אַזעלכער, וואָס איז נישט קיין מיטגליד פון איינעם פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. אַט אַזוי אויסטייטשן פּאַרטיי-מיטגלידערשאַפט האָט באַדייט, אַז די פּאַרטיי איז עפּעס צעשוומענס און נישט אויסגעפורעמטס, אַז יעטוועדער איינער קאָן זיך אַליין פאַררעכענען אין דער פּאַרטיי און איז נישט מחויב זיך אונטערצוואַרפן דער פּאַרטיי-דיסציפּלין. די דאָזיקע פאָרמולירונג האָט ברייט געעפנט די טירן פון דער פּאַרטיי פאַר נישט שטאַנדהאַפטיקע נישט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. מיט אַן אומבאַדייטנדיקער מערהייט האָבן די אָפּאָרטוניסטן דורכגעפירט מאַרטאָווס פאָרמולירונג.

די אָפּאָרטוניסטן האָבן טריומפירט. זיי האָבן שוין געחלומט וועגן אַ פולשטענדיקן זיג אויפן צוזאַמענפאָר. די געפאַר האָט פאַרצענפאַכט לענינס כוחות. קעגן די אָפּאָרטוניסטן „זיינען מיר געווען געצוווּנגען, — האָט שפּעטער, נאָכן צוזאַמענפאָר, אָנגעוויזן לענין, — אָנצולאָדן אונדזערע ביקסן מיט אַ דאָפּלטער אָנלאָדונג“[1].

באַזונדערס שאַרף און אומבשלומדיק איז געווען דער קאַמף אויף די לעצטע זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר, וואָס זיינען געווען געווידמעט די וואַלן פון די פּאַרטיי צענטערס. די פראַגע וועגן דעם באַשטאַנד פון די צענטראַלע פּאַרטיי-אינסטיטוציעס איז פון סאַמע אָנהייב אָן געשטאַנען אין צענטער פון לענינס אויפמערקזאַמקייט. לענין האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נייטיק דורכצופירן אין צענטראַל-קאָמיטעט פעסטע און אויסגעהאַלטענע רעוואָלוציאָנערן.

[1] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 97.

די אָפּאָרטוניסטן האָבן אַנגעווענדט אַבסאָלוט אומדערהערטע און אומדערלאָזבאַרע מעטאָדן פון קאַמף. מאַרטאָווס רעדע איז געווען פול מיט רכילותדיקע אַנפאַלן אויף לענינען. לענינס ענטפער־רעדע איז איינע פון זיינע שטאַרקסטע רעדעס אויפן צוזאַמענפאָר.

„מיך שרעקן לחלוטין נישט די שרעקלעכע ווערטער וועגן „באַלאַגערונג־צושטאַנד אין דער פּאַרטיי", וועגן „אויסנאַם־געזעצן קעגן באַזונדערע פּערזאָנען און גרופּעס" אדגל., — האָט געענטפערט לענין. — בנוגע די נישט שטאַנדהאַפטיקע און וואַקלדיקע עלעמענטן איז נישט נאָר מיר קאָנען, מיר זיינען מחויב צו שאַפן אַ „באַלאַגערונג־צושטאַנד", און אונדזער גאַנצער פּאַרטיי־סטאַטוט, דער גאַנצער צענטראַליזם אונדזערער, וואָס איז פון איצט אָן באַשטעטיקט פונעם צוזאַמענפאָר, איז נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי „באַלאַגערונג־צושטאַנד" פאַר דעם שלל קוואַלן פון פּאָליטישער צעשוומענקייט. טאַקע קעגן דער צעשוומענקייט זיינען נייטיק ספּעציעלע געזעצן, זאָל זיין אַפילו אויסנאַם־געזעצן, און דער שריט, וועלכן דער צוזאַמענפאָר האָט געמאַכט, האָט ריכטיק אָנגעמערקט די פּאָליטישע ריכטונג, האָבנדיק געשאַפן אַ פעסטע באַזע פאַר אַזוינע געזעצן און אַזוינע מאַסמיטלען"[1].

בלויז אַדאַנק דער אַנטשידנקייט און הויכער פּרינציפּיעלקייט פון לענינען, וואָס האָט דעמאַסקירט און געקלאַפּט די אָפּאָרטוניסטן, באַהעפט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, האָבן סוף־כל־סוף געזיגט די פעסטע איסקראָווצעס, לענינס אָנהענגער. דער זיג האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס די מערהייט פונעם צוזאַמענפאָר איז בעת די וואַלן פון די פּאַרטיי־צענטערס געגאַנגען מיט לענינען. די רעדאַקציע פונעם צענטראַל־אָרגאַן און דער צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אויסגעווילט געוואָרן לויט די באָלשעוויסטישע ליסטעס.

לענינס אָנהענגער, וואָס האָבן באַקומען די מערהייט שטימען בעת די וואַלן, האָט מען גענומען רופן די באָלשעוויקעס (פונעם רוסישן וואָרט „באָלשינסטוואָ" — מערהייט). לענינס קעגנער, וואָס זיינען געבליבן אין דער מינדערהייט — מענשעוויקעס (פונעם רוסישן וואָרט „מענשינסטוואָ" — מינדערהייט).

נאָכן צוזאַמענפאָר האָט זיך דער קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי נאָך מער פאַרשאַרפט. די מענשעוויקעס האָבן זיך מיט אַלע

---

[1] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 36.

כוחות געסמאַרעט אַראָפּצוּרייסן די באַשלוסן פונעם II פּאַרטיי־צו־זאַמענפאָר און צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט די פּאַרטיי־צענטערס. לענינען איז געווען אַבסאָלוט קלאָר, אַז דאָס אָרט פון די אַלטע, שוין צעקלאַפּטע אָפּאָרטוניסטן, דאָס אָרט פון די „עקאָנאָמיסטן" האָבן אין דער פּאַרטיי אַנגעהויבן פאַרנעמען נייע אָפּאָרטוניסטן — די מענשעוויקעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס שטייט נאָך פאַר אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן זיי, אַז איצט דאַרף מען פאַרענדיקן דאָס, וואָס עס האָט נישט געקאָנט טאָן דער II צוזאַמענפאָר, — דע־מאַסקירן און איזאָלירן די מענשעוויקעס.

א שווערע לאַגע האָט זיך געשאַפן נאָכן II צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד. לענינען איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן נישט בלויז מיט די מענשעוויקעס, נאָר אויך מיט כלערליי שלום־מאַכערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן קאַפּיטולירט פאַר דער צעיושעטער דעזאָר־גאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון די מענשעוויקעס. צונויפגעשטיקע־וועט אַ מערהייט אין דער „אויסלענדישער ליגע" פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זיינען די מענשעוויקעס (מאַרטאָוו, טראָצקי, אַקסעלראָד אאַ.) אויפן II צוזאַמענפאָר פון דער ליגע (אָקטאָבער 1903 יאָר) אַרויסגעטרעטן קעגן לענינען מיט אַ ריי אומדערהערטע רכילותדיקע אָנפאַלן. זיי האָבן פאַרוואַנדלט די ליגע אין אַ געצייג פון זייערע אַנטיפּאַרטייאישע מאַכינאַציעס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוואַרפן די באַשלוסן פון II צוזאַמענפאָר. לענין, די באָל־שעוויקעס, זיינען אַוועק פונעם צוזאַמענפאָר פון דער ליגע. דער פאָרשטייער פון צק האָט דערקלערט די ווייטערדיקע זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר פאַר נישט־געזעצלעכע.

צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָט זיך צעפלאַ־קערט אַן אַלץ מער פאַרביטערטער קאַמף. אין אָט דעם קאַמף האָט מען געדאַרפט ביזן סוף אַרויסווייזן פעסטקייט און אומקאָמפּראָמיס־לעכקייט. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט אין דער פולער מאָס פאַר־מאָגט לענין. עס האָט זיי אָבער נישט פאַרמאָגט דער צווייטער מיט־גליד פון דער רעדאַקציע „איסקראַ" — פּלעכאַנאָוו, וועלכן עס האָט געצויגן צו די מענשעוויקעס די לאַסט פון זיינע פריערדיקע אָפּאָר־טוניסטישע פעלערן.

דעם 18 אָקטאָבער אינאָוונט, דעם טאָג, ווען עס האָט זיך פאַר־ענדיקט דער צוזאַמענפאָר פון דער ליגע, איז פאָרגעקומען אַ שמועס פון צוויי מיטגלידער פון דער רעדאַקציע „איסקראַ" — לענין און

פּלעכאַנאָוו, אַ שמועס, וואָס איז געווען איינער פֿון די איבערברוך־פּונקטן אינעם קאַמף נאָכן צוזאַמענפֿאָר. פּלעכאַנאָוו, וועלכער איז אויפֿן II צוזאַמענפֿאָר געגאַנגען צוזאַמען מיט לענינען, האָט אַ קער געטאָן צו די מענשעוויקעס; ער האָט דערקלערט, אַז ער איז נישט בכוח „צו שיסן צו אייגענע", האָט אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג איינצושליסן אין באַשטאַנד פֿון דער רעדאַקציע „איסקראַ" אַלע אַלטע רעדאַקטאָרן — די מענשעוויקעס, וועלכע דער צוזאַמענפֿאָר האָט געהאַט אָפּגעוואָרפֿן, אין קעגנפֿאַל, האָט ער געדראָט, וועט ער אַוועקגיין פֿון דער „איסקראַ". לענין האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט אַזאַ גראָבן ברעכן דעם ווילן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, ער האָט נישט געקאָנט נעמען אויף זיך די אחריות פֿאַר אַזאַ פֿאַלשן גאַנג. האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוגיין פֿון דער „איסקראַ", כּדי זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן אין צק פֿון דער פּאַרטיי און פֿון אָט דער פּאָזיציע קלאַפּן די אָפּאָרטוניסטן. פּלעכאַנאָוו האָט איינער אַליין קאָאָפּטירט דאָס גאַנצע מענשעוויסטישע פֿירלינג (מאַרטאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש, פּאָטרעסאָוו) אין דער רעדאַקציע פֿון „איסקראַ". פֿון דעם נומער 52 „איסקראַ" אָן איז שוין לענין מער נישט אין באַשטאַנד פֿון דער רעדאַקציע פֿון דער צייטונג. אַנשטאָט דער אַלטער, לענינישער, באָלשעוויסטישער „איסקראַ", האָט זיך באַוויזן די נייע, מענשעוויסטישע.

מער ווי אַ יאָר צייט האָט לענין נישט געהאַט אין זיין רשות אַזאַ מעכטיק געצייג פֿון פֿאַרבינדונג, פֿאַרקער, איינפֿלוס אויף דער פּאַרטיי און אויף די מאַסן, ווי אַ צייטונג. דאָס הויפּט־מיטל פֿון פֿאַרקער מיט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, פֿון דער פֿאַרבינדונג און אָנפֿירונג מיט זיי איז פֿאַר לענינען געוואָרן די פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ. אינגיכן איז זי דערגאַנגען ביז אַ ציפֿער, אַ קאָלאָסאַלע ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען — דורכשניטלעך 300 בריוו אַ חודש. דורך די בריוו פֿלעגט לענין איבערגעבן די באָלשעוויקעס זיין אויסערגעוויינלעכע ענערגיע אין קאַמף, זיין האַס צו די דעזאָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער פּאַרטיי, זיין פֿעסטע זיכערקייט אין זיג. די ענטפֿער־בריוו פֿון די אָרטיקע טוער האָבן זייער פֿיל געגעבן אויך לענינען: זיי האָבן אים באַקענט מיט דער לאַגע אויף די ערטער, מיט די שטימונגען פֿון די פּאַרטיי־מיטגלידער און פֿון די אַרבעטער. אין זיי האָט לענין געשעפּט קרעפֿטן צום קאַמף.

אַ טיפֿן איינדרוק האָט געמאַכט אויף לענינען דער בריוו, וועלכן ער האָט באַקומען פֿון סטאַלינען דורך זיינע פֿריינד. סטאַלין האָט

פולשטענדיק אונטערגעהאלטן לענינען, זעענדיק אין אים דעם גרינ־
דער און פירער פון דער פארטיי. לענין האט געענטפערט סטאלינען
מיט א בריוו.

„לענינס בריוול, — דערמאנט זיך חבר סטאלין וועגן דעם בריוו,
וועלכן ער האט באקומען אין דער סיבירער פארשיקונג, — איז גע־
ווען פארהעלטנישמעסיק נישט גרויס, נאר עס האט געגעבן א
דרייסטע, שרעקלאזע קריטיק פון דער פראקטיק פון אונדזער פארטיי
און האט מערקווירדיק קלאר און געפרעסט פארמולירט דעם גאנצן
פלאן פון דער ארבעט פון דער פארטיי אויפן נאענטסטן פעריאד.
בלויז לענין האט געקאנט שרייבן וועגן די סאמע פארפלאנטערטע
זאכן אזוי פשוט און קלאר, געפרעסט און דרייסט — ווען יעדע פרא־
זע נישט זי רעדט, נאר זי שיסט. אט דאס פשוטע און דרייסטע בריוול
האט מיך נאך מער פארפעסטיקט דערין, אז אין לענינס פערזאן האבן
מיר א בארג-אדלער פון אונדזער פארטיי".[1]

פארכאפט די „איסקרא" האבן די מענשעוויקעס אנגעהויבן א
פרעכע קאמפאניע קעגן לענינען, קעגן די באלשעוויקעס. גלייך נאך
דער „איסקרא" איז פאקטיש געווארן א געצייג ביי די מענשעוויקעס
אין די הענט אויך דער פארטיי-ראט. איינגיכן האבן זיך אויך אין צק
אנגעהויבן אלץ שטארקער פילן שלום-מאכערישע שטימונגען. די
דעזארגאניזאטארישע טעטיקייט פון די מענשעוויקעס, זייער צעזיר־
שטע פראפאגאנדע פון ארגאניזאציאנעלער צעלאזנקייט, פון ארונ־
טעררייסן די פארטייאישקייט און די פארטיי-דיסציפלין, זייער לויבן
אין הימל אריין דעם אינטעליגענטישן אינדיווידואליזם, דאס בא־
רעכטיקן אנארכיסטישע אומדיסציפלינירטקייט — דאס אלץ האט
געצומען באדראען די עצם עקזיסטענץ פון דער פארטיי.

מען האט זיך געמוזט אפפארטיקן מיט די מענשעוויקעס לויט
דער גאנצער ליניע, דעמאסקירן דעם אפארטוניזם פון די מענשעווי־
קעס אין די ארגאניזאציאנעלע פראגן, געבן א פולע און אלזייטיקע
פארמולירונג און באגרינדונג פון די ארגאניזאציאנעלע אידעען
פונעם באלשעוויזם. אט די אויפגאבע האבן נישט געקאנט אויס־
שעפן יענע בריוו, וועלכע לענין פלעגט שיקן די קאמיטעטן און די
פראקטיקער קיין רוסלאנד נאכן II צוזאמענפאר. אין יאנואר
1904 יאר איז לענין צוגעטרעטן צו דער ארבעט איבער זיין היס־

---

[1] י. סטאלין, וועגן לענינען, ז. 26, מלוכה-פארלאג „דער עמעס", 1944 י.

טאַרישן בוך: „אַ טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק". דעם 6 מאַי 1904 יאָר איז דאָס בוך דערשינען.

אין אָט דער אַרבעט האָט לענין געגעבן אַ מייסטערהאַפטן אַנאַליז פונעם קאַמף אויפן II צוזאַמענפאָר און נאָך אים. טראָט נאָך טראָט שפּירט לענין נאָך דעם, ווי עס וויקלען זיך פאַנאַנדער די דעבאַטן און די אָפּשטימונגען. לענין האָט באַוויזן, אַז דער קאַמף אויפן II צוזאַמענפאָר איז אַ פּרינציפּיעלער קאַמף, אַ קאַמף פון צוויי ריכטונגען — פון דער רעוואָלוציאָנערער און פון דער אָפּאָרטוניסטישער, אַ קאַמף צווישן פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן און קליינבירגערלעכע רעפאָרמיסטן.

לענין דעקט שאַרף אויף די גרונט-שטריכן פונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס: די שנאה צום צענטראַליזם, דעם האַס צו דיסציפּלין, דאָס פאַרטיידיקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּגעשטאַנענקייט, דאָס עפענען ברייט די טירן פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי פאַר די קליינבירגערלעכע, אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. לענין באַווייזט, אַז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס באַדייט דאָס אָפּלייקענען די קאָלאָסאַלע ראָל פון אָרגאַניזאַציע אינעם קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אין זיין בוך שמידט לענין אויס דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע געווער פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַרבעט פאַנאַנדער די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי. מאַרקס און ענגעלס האָבן געגעבן גרונט-עסקיזן וועגן דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט. אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע עסקיזן, האָט לענין פאַנאַנדערגעאַרבעט די פאַרגאַנצטע און פאַרענדיקטע לערע וועגן דער צענטראַליזירטער און דיסציפּלינירטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס.

די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, האָט געשריבן לענין, איז אַ טייל פונעם אַרבעטער-קלאַס, דער אַוואַנגאַרד, דער באַוווסטזיניקער אָטריאַד זיינער, וואָס איז באַוואָפנט מיטן וויסן פון די אַנטוויקלונגס-געזעצן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיטן וויסן פון די געזעצן פונעם קלאַסנקאַמף און וואָס איז דעריבער אימשטאַנד צו פירן דעם אַרבעטער-קלאַס, אָנצופירן מיט זיין קאַמף.

די פּאַרטיי — דאָס איז באַגלייך דערמיט אַן אָרגאַניזירטער אָטריאַד, וואָס האָט זיין דיסציפּלין, וועלכע איז אָבליגאַטאָריש פאַר זיינע מיטגלידער. בלויז אַזאַ פּאַרטיי, וואָס איז אָרגאַניזירט אין אַן איינהייטלעכן אַלגעמיינעם אָטריאַד, באַהעפּט דורך דער איינהייט פון ווילן, דורך דער איינהייט פון טאַט, דורך דער איינהייט פון דיסציפּלין, — בלויז אַזאַ פּאַרטיי וועט פּראַקטיש קאָנען אָנפירן מיטן קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס און ריכטן אים צו איין ציל.

די פּאַרטיי — דאָס איז די העכסטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע צווישן אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער-קלאַס, ווייל זי איז באַוואָפנט מיט אַ פאָרגעשריטענער טעאָריע, מיט דער דערפאַרונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איז באַרופן אָנצופירן מיט אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער-קלאַס.

די פּאַרטיי — דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון דער פאַרבינדונג צווישן דעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער-קלאַס מיט די מיליאָניקע מאַסן פונעם אַרבעטער-קלאַס. וואָס פאַר אַ גוטער אַוואַנגאַרד די פּאַרטיי זאָל נישט זיין און ווי גוט זי זאָל נישט זיין אָרגאַניזירט, קאָן זי דאָך נישט לעבן און אַנטוויקלען זיך, נישט האָבנדיק קיין פאַרבינדונג מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, נישט פאַרגרעסערנדיק און נישט פאַרפעסטיקנדיק די דאָזיקע פאַרבינדונגען.

כדי ריכטיק צו פונקציאָנירן און פּלאַנמעסיק אָנצופירן מיט די מאַסן, דאַרף די פּאַרטיי זיין אָרגאַניזירט אויף די יסודות פון צענטראַליזם, מיט אַן איינהייטלעכן סטאַטוט, מיט אַן איינהייטלעכער דיסציפּלין, מיט אַן איינהייטלעכן אָנפירנדיקן אָרגאַן אין דער שפּיץ. דערביי דאַרף די מינדערהייט זיך אונטערוואַרפן דער מערהייט, די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס — דעם צענטער, די נידעריקערע אָרגאַניזאַציעס — די העכערע.

אויב די פּאַרטיי וויל איינהיטן די איינהייט פון אירע רייען, דאַרף זי אין איר פּראַקטיק דורכפירן אַן איינהייטלעכע פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין, וואָס איז אַלציינס אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער, סיי פאַר די לידערס, סיי פאַר די געוויינלעכע מיטגלידער.

זיין בוך האָט לענין פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע נביאישע ווערטער:

„דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין אַנדער געווער אינעם קאַמף פאַר דער מאַכט, חוץ אָרגאַניזאַציע. צעשפּליטערט דורך די

הערשאַפט פון דער אַנאַרכישער קאָנקורענץ אין דער בורזשואַזער וועלט, צוגעדריקט דורך דער געצוווּנגענער אַרבעט פאַרן קאַפּיטאַל, אָפּגעוואָרפן כסדר „אויפן דעק" פון פולשטענדיקן דלות, פאַרוויל־דעוועטקייט און דעגענערירונג, קאָן דער פּראָלעטאַריאַט ווערן און וועט אומפאַרמיידלעך ווערן אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט נאָר אַדאַנק דעם, וואָס די אידעישע פאַראייניקונג זיינע דורך די פּרינציפּן פונעם מאַרקסיזם ווערט פאַרפעסטיקט דורך דער מאַטעריעלער איינהייט פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַהעפט די מיליאָנען אַרבעטנדיקע אין אַן אַרמיי פונעם אַרבעטער־קלאַס. קעגן דער דאָזיקער אַרמיי וועט נישט קאָנען ביישטיין נישט קיין זקניש־אָפּגעשוואַכטע מאַכט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וואָס ווערט זקניש אָפּגעשוואַכט"[1].

די פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אָפּאָר־טוניזם פון די מענשעוויקעס, וואָס איז געגעבן אין לענינס בוך, איז באַגלייך דערמיט געוועזן די קריטיק פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע אידעען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע עס האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט לענין, זיינען געוועזן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון אַ פּאַרטיי פון אַ נייעם טיפּ, וואָס שיידט זיך ראַדיקאַל אונטער פון די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

גאָר גרויס איז די היסטאָרישע באַדייטונג פון לענינס בוך „אַ טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק".

„די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן בוך באַשטייט פריער פאַר אַלץ דערין, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט די פּאַרטייאישקייט קעגן דער קרייזלעריי און די פּאַרטיי קעגן די דעזאָרגאַניזאַטאָרן, האָט צעשמעט־טערט דעם מענשעוויסטישן אָפּאָרטוניזם אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און האָט געלייגט די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי.

דערמיט שעפּט זיך נישט אויס זיין באַדייטונג. זיין היסטאָרישע באַדייטונג באַשטייט דערין, וואָס אין אים האָט לענין דער ערשטער אין דער געשיכטע פונעם מאַרקסיזם פאַנאַנדערגעאַרבעט די לערע וועגן דער פּאַרטיי, אַלס אָנפירנדיקער אָר־גאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס גרונט־געווער

[1] לענין. ווערק, ב. VI, ז. 328, (וו. אי. לענין. אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער, ב. I, ערשטער טייל, ז. 521—522, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1941 י.).

אין די הענט פונעם פראלעטאריאט, וואס אין דעם דאזיקן געוועד איז נישט מעגלעך צו זיגן אינעם קאמף פאר דער פראלעטארישער דיקטאטור"[1].

אין לעבינס בוך האבן די באלשעוויקעס געפונען און ענטפער אויף די פראגן, וואס האבן זיי באמרואיקט, האבן געפונען א גע־ניאלע פאראלגעמיינערונג פון זייער פראקטישער דערפארונג. באוואפנט מיט די לעניניסטישע אידעען, זיינען די באלשעוויקעס דרייסט געגאנגען פארויס מיט די נייע וועגן פון דער ארבעטער־באוועגונג.

זומער 1904 יאר איז די לאגע אינעווייניק אין דער פארטיי געווען א שווערע. מיט דער הילף פון די שלום־מאכער האבן די מענשעוויקעס פארכאפט אויך דעם צ.ק. איצט האבן זיי געהאט אין זייערע הענט אלע פארטיי־צענטערס. די פארטיי איז געבליבן אן אן אייגענעם פרעסע־ארגאן, און א צענטראל־קאמיטעט.

חוץ דעם אלעם האט די מענשעוויקעס אונטערגעהאלטן דער II אינטערנאציאנאל. די אנפירער פונעם II אינטערנאציאנאל איז פרעמד געווען די ליניע פון לענינען, וועלכער האט דערצויגן די פארטיי־קאדרען אין אנטשידענעם און אומקאמפראמיסלעכן קאמף קעגן די אפארטוניסטן. די אפארטוניסטן האבן זיך ארויפגעווארפן אויף די באלשעוויקעס. אפילו די בעסטע מענטשן פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג, אזוינע ווי ראזע לוקסעמבורג, האבן נישט געקאנט פארשטיין דאס נייע, וואס לענין האט געגעבן דעם ארבעטער־קלאס.

דער II אינטערנאציאנאל האט נישט געוואלט אנערקענען די באלשעוויקעס. לענין האט זיך אבער דערשלאגן דערצו, אז די באלשעוויקעס האבן באקומען אן אייגענע פארשטייערשאפט אויפן אמסטערדאמער קאנגרעס פונעם II אינטערנאציאנאל, וועלכער איז פארגעקומען אין אויגוסט 1904 יאר. צווישן די דעלעגאטן איז צעטיילט געווארן דער פארטראג פון די באלשעוויקעס, וואס רעדאגירט האט אים לענין. אינעם פארטראג איז דירעקט געווען געמאלדן, אז פארטיידיקנדיק זיין ערשטן סטאטוט־פראגראם, האט לענין געהאט אין זינען אויך די טרויעריקע דערפארונג פון די דייטשישע סאציאלדעמאקראטן, ווייל „די דעזארגאניזירנדיקע עלע־

---

[1] „געשיכטע פון דער אלקפ(ב). קורצער קורס", ז. 62, מלוכה־פארלאג „דער עמעס", 1940 י.

מענטשן האָבן ברייט אויסגענוצט די פאָרמולע פונעם ערשטן פּאַראַגראַף פון דעם דייטשישן סטאַטוט, וועלכע האָט נישט געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי־מיטגלידער זאָלן געהערן צו דער אָדער יענער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע".

די נייטיקייט וואָס גיכער צו ליקווידירן די דעזאָרגאַניזאַציע און די צעוואַלגערונג פון דער פּאַרטיי־אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט אויף מחמת דעם, וואָס די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1904 יאָר, האָט פאַרשאַרפט די סיטואַציע אין לאַנד. די פּאַרטיי האָט געדאַרפט אין פולער קאַמפּס־גרייטקייט באַגעגענען די זיך דערנעענטערנדיקע רעוואָלוציע. מע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ נייעם, דעם III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, צעקלאַפּן די מענשעוויקעס. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך גענומען לענין, האָבן זיך גענומען די באָלשעוויקעס.

אַנטשידן און ענערגיש זאַמלט לענין די קאַדרען מענטשן, טרייע דער פּאַרטיי. אין די לעצטע טעג יולי 1904 יאָר קומט פאָר אין דער שווייץ אונטער זיין אָנפירונג אַ באַראַטונג פון 22 דעלעגאַטן באָלשעוויקעס. די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ פּלאַמיקע ווענדונג „צו דער פּאַרטיי", וואָס אָנגעשריבן האָט זי לענין, — זי איז געוואָרן פאַר די באָלשעוויקעס אַ פּראָגראַם פון קאַמף פאַר צונויפרופן דעם III צוזאַמענפאָר. די מערהייט פון דער פּאַרטיי איז אַרויסגעטרעטן קעגן די צענטערס, וועלכע עס האָבן פאַרכאַפּט די מענשעוויקעס. זי האָט געשאַפן נייע, ווירקלעך פּאַרטייאישע צענטערס. אויף דריי געגנטלעכע קאָנפערענצן (אויף דער דרומדיקער, קאַווקאַזער און צפונדיקער) ווערט אויסגעוויילט דאָס ביוראָ פון די קאָמיטעטן פון דער מערהייט. אונטער לענינס אָנפירונג האָט דאָס ביוראָ פאַנאַנדערגעוויקלט די פּראַקטישע צוגרייטונג צום III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין קאַמף פאַרן III צוזאַמענפאָר האָט געשפּילט דער טראַנסקאַווקאַזער אָטריאַד באָלשעוויקעס, וואָס אָנגעפירט מיט אים האָט חבר סטאַלין, וועלכער איז אין יאַנואַר 1904 יאָר אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג.

בייקומענדיק אַלע שוועריקייטן, אָרגאַניזירט לענין אַ באָלשעוויסטישן פאַרלאַג. אַ באַזונדערע באַדייטונג, האָט ער געהאַלטן, האָט דאָס שאַפן אַ צייטונג. ער האָט געשריבן צו די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד: „אָט דער אָרגאַן איז איצט דער עיקר". און לענין האָט זיך זיינס דערשלאָגן — עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ באָלשעוויסטישע

ציימונג. פון סוף דעצעמבער 1904 יאָר האָט אונטער לענינס רעדאַק־ציע אָנגעהויבן דערשיינען די צייטונג „וופּעריאָד". דער באָלשע־וויסטישער „וופּעריאָד" האָט גערעדט אויף דער שפּראַך פון דער אַלטער, לענינישער „איסקרא". לענין שרייבט מיט פרייד צו די חברים אין רוסלאַנד: „די גאַנצע מערהייט טריומפירט און איז דער־מונטערט ווי נאָך קיינמאָל. ענדלעך האָבן מיר אַ סוף געמאַכט צו אָט די מיאוסע רייסערייען און מירן אָנהייבן אַרבעטן סאָלידאַריש צוזאַמען מיט די, וואָס ווילן אַרבעטן, און נישט מאַכן קיין סקאַנ־דאַלן!... הוראַ! פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, איצט לעבן מיר אַלע אויף און וועלן אויפלעבן".[1]

דער פּעריאָד נאָכן II צוזאַמענפאָר איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע און אַנטשידנדיקע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

„לענינס גרעסטער פאַרדינסט פאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט און פאַר זיין פּאַרטיי באַשטייט דערין, — האָט געשריבן חבר סטאַלין,— וואָס ער האָט אויפגעדעקט די גאַנצע געפערלעכקייט פון דעם מענ־שעוויסטישן אָרגאַניזאַציאָנעלן „פּלאַן" נאָך אין יענעם מאָמענט, ווען דער „פּלאַן" איז נאָך געווען ערשט אין אַן עמבריאָנעלן צו־שטאַנד, ווען די אויטאָרן גופא פון דעם „פּלאַן" האָבן זיך קוים פאַר־געשטעלט קלאָר זיינע קאָנטורן, און וואָס נאָך דעם, ווי ער, לענין, האָט אים אויפגעדעקט, האָט ער גענומען פירן אַ פאַרביטערטע אַטאַקע קעגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעלאָזנקייט פון די מענשע־וויקעס און האָט קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די פּראַקטיקער אויף דער דאָזיקער פראַגע. מחמת ס'האָט זיך גע־האַנדלט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, וועגן לעבן און טויט פון דער פּאַרטיי".

לענין האָט באַהעפט די פּאַרטיי — פון דעם קאַמף איז ער אַרויס אַלס זיגער. דער זיג פון לענינס פּלאַן „האָט פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פון יענער באַהעפטער און פאַרהאַרטעוועטער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, וואָס קיין גלייכע צו איר ווייסט נישט די וועלט".[2]

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVIII, ז. 389, 398.

[2] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 10, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

עס זיינען פֿאַרגאַנגען יאָרן פֿון עקשנותדיקן און פֿאַרביטערטן קאַמף פֿאַר דער פּאַרטיי קעגן די „עקאָנאָמיסטן" און מענשעוויקעס. אין פֿייער פֿון דעם דאָזיקן קאַמף האָט לענין אויסגעאַרבעט די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט אויסגעכאָוועט אירע קאַדרען. לענין און די פּאַרטיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ פּעריאָד פֿון שאַרפֿן קריזיס. „יעטוועדער קריזיס איז איינע צעברעכט ער, אַנדערע פֿאַרהאַרטעוועט ער" — האָט געזאָגט לענין. אינעם דאָזיקן קריזיס האָבן זיך די באָלשעוויקעס פֿאַרהאַרטעוועט.

פֿאַרויס זיינען געווען נייע שוועריקייטן, נייע נסיונות, נייער קאַמף. ביים שוועל איז געשטאַנען דאָס יאָר 1905.

V

דעם 9 יאַנואַר 1905 יאָר האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די רעוואָלוציע.

נאָך אַ סך פריער פאַר די פּעטערבורגער געשעענישן האָט לענין געזען, אַז עס דערנעענטערט זיך דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם. נאָך אין 1904 יאָר, ווען עס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, האָט לענין אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע מלחמה האָט אויפגעדעקט די גאַנצע צעפּוילטקייט פּון דער זעלבסטהערשונג, האָט אַרונטערגעריסן די יסודות פּון איר הערשאַפט און וועט דעריבער פּאַרשנעלערן די רעוואָלוציע. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מפּלה פּון דער צאַרישער רעגירונג אין דער דאָזיקער רויבערישער מלחמה וועט אָפּשוואַכן דעם צאַריזם און פּאַרשטאַרקן די רעוואָלוציע. דער גאַנג פּון די ווייטערדיקע געשעענישן האָט אינגאַנצן באַשטעטיקט לענינס פּאָרויסזאָגונגען. אינעם אַרטיקל „די זעלבסטהערשונג און דער פּראָלעטאַריאַט", אָפּגעדרוקט אין נומער 1 „וופּעריאָד" דעם 22 דעצעמבער 1904 יאָר, האָט לענין דירעקט גערעדט נישט בלויז וועגן דער פּאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע, נאָר אויך וועגן דער „רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז אין רוסלאַנד". באַקומען די ידיעה וועגן דעם, אַז די יאַפּאַנער האָבן פּאַרנומען פּאָרט־אַרטור, האָט לענין געשריבן מיט עטלעכע טעג ערב דעם „בלוטיקן זונטיק": „די קאַפּיטולאַציע פּון פּאָרט־אַרטור איז אַ פּראָלאָג צו דער קאַפּיטולאַציע פּונעם צאַריזם".[1]

די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן, איז געווען די ערשטע רעוואָלוציע נאָך לאַנגע יאָרן פּאָליטישער רעאַקציע, וועלכע האָט געהערשט אין אייראָפּע פּון דעם מאָמענט אָן, זינט עס איז געפּאַלן די פּאַריזער קאָמונע. דער אָנהייב פּון דער

[1] לענין. ווערק, ב. VII, ז. 49.

דאָזיקער רעוואָלוציע איז געווען אַן אָנזאָג אויף איר גיגאַנטישן שוווּנג, אויף איר עכט אַלפאָלקישן כאַראַקטער. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אַזוי טיף ווי לענין, אַז די רעוואָלוציע לערנט און קלערט אויף מיט אַ קאָלאָסאַלער שנעלקייט, אַז איין טאָג רעוואָלוציע קאָנצענטרירט אין זיך פיל יאָרן „פרידלעכע" אַנטוויקלונג. לענין האָט נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז די רעוואָלוציע איז די גרעסטע שול, אַ שול נישט בלויז פאַר די מאַסן, נאָר אויך פאַר דער פּאַרטיי, פאַר די אָנפירער. די אויפגאַבע אָבער, האָט געשריבן לענין, באַשטייט נישט בלויז אין לערנען זיך ביי דער רעוואָלוציע, נאָר אין דעם, צי וועלן מיר קאָנען עפּעס-וואָס אויסלערנען די רעוואָלוציע, אַרויפלייגן אויף איר אַ פּראָלעטאַרישן שטעמפּל, כדי צו זיכערן דעם ווירקלעכן זיג אירן?

די געשעענישן האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַ קאָפּשווינדלדיקער שנעלקייט. לענין האָט שווער איבערגעלעבט דאָס, וואָס אין אַזעלכע טעג געפינט ער זיך אין עמיגראַציע. „פאַרשטענדלעך, — האָט געשריבן לענין אין איינעם פון זיינע אָפּרופן אויף די געשעענישן פונעם 9 יאַנואַר, — אַז אונדז דאָ, אין זשענעווע, פון אונדזער פאַרשאָלטענער ווייט ווערט אומפאַרגלייכלעך שווערער נאָכצופאָלגן נאָך די געשעענישן. כל-זמן אָבער מיר זיינען פאַראורטיילט צו שמאַכטן אין אָט דער פאַרשאָלטענער ווייט, דאַרפן מיר זיך באַמיען נאָכצופאָלגן נאָך זיי, אונטערציִען סך-הכלען, מאַכן אויספירן, שעפּן פון דער דערפאַרונג פון דער היינטיקער געשיכטע די לערע, וועלכע וועט צונוצקומען מאָרגן, אין אַן אַנדער אָרט, ווו היינט „שטומט נאָך דאָס פאָלק" און ווו אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועט אין דער אָדער יענער פאָרם אויסברעכן די רעוואָלוציאָנערע שריפה.[1]

און לענין גרייט זיך אַקטיוו צו די צוקונפטיקע רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן. זשעדנע דערלערנט ער די היסטאָרישע שאַפונג פון די מאַסן, די נייע פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַנטשטייען אין מאַסעווען רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ווידער און ווידעראַמאָל „עצהט" ער זיך מיט מאַרקסן און ענגעלסן, — לייענט נאָכאַמאָל איבער זייערע אַרטיקלען וועגן דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר, באַזונדערס וועגן באַוואָפנטן אויפשטאַנד, שטודירט ענגעלסעם

[1] לענין, ווערק, ב. VII, ז. 82—83.

זוערק וועגן קריג און די ליטעראַטור וועגן גאַסן־שלאַכטן און באַרי־קאַדן־קאַמף, בפרט אינעם פּעריאָד פון דער פּאַריזער קאָמונע. עס איז נישט געווען קיין איין גרויסע צייטונג אויף רוסיש, ענגליש, דייטש און פראַנצויזיש, וואָס לענין זאָל נישט האָבן נאָכגעפאָלגט נאָך איר: אַפילו פון דער אינפאָרמאַציע פון די בורזשואַזע צייטונגען האָט ער, ווי קיינער נישט, געקענט זיך שאַפן אַ ריכטיקע פאָר־שטעלונג וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

לענין שטעלט אַרויס אַלס גרונט־אויפגאַבע — באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום, צוגרייטן און אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, איינשטעלן אין לאַנד די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון די אַרבעטער און פּויערים.

לענין דאַגהט וועגן דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל נישט אָפּשטיין פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און זאָל זיין אימשטאַנד אַרומ־צוכאַפּן מיט איר ווירקונג און אָנפירונג נייע שיכטן אַרבעטער, האָבנדיק געזיכערט די פולע קלאַסן־זעלבשטענדיקייט פונעם פּראָ־לעטאַריאַט.

אין פעברואַר 1905 יאָר דערשיינט זיין אַרטיקל „נייע אויפ־גאַבן און נייע כוחות", וווּ עס ווערט צום ערשטן מאָל פאָרמולירט דער סטראַטעגישער גרונט־לאָזונג פונעם באָלשעוויזם אין דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע: רעוואָלוציאָנערע דעמאָ־קראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. לענין קלערט אויף, אַז די רעוואָלוציע שאַפט נייע באַדינגונגען פאַרן פּאַר־טיי־לעבן און פאַר נייע מעטאָדן פון דערציען די מאַסן. ער פאַראור־טיילט שאַרף די אינערטקייט און דעם קאָנסערוואַטיזם פון יענע פּאַר־טיי־טוער, וועלכע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אויף די אַלטע קלייזל־מעטאָדן פון אַרבעט און ווילן נישט, אָדער קאָנען נישט אַריבערגיין צו נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע. ער רופט צום פאַנאַנדערוויקלען מיט אַלע מעגלעכקייטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, צו רעוואָלו־ציאָנערער זעלבסטעטיקייט און איניציאַטיוו, צום דרייסטן אַרויס־רוקן נייע יונגע קרעפטן, ביי וועלכע די ענערגיע קאָן קאָמפּענסירן דעם מאַנגל אין פּאָליטישער דערפאַרונג. בלויז דעמלט וועט די פּאַרטיי קאָנען אויספילן איר ראָל אַלס אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַ־ריאַט. „די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע איז פאַר דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע דאָס זעלבע, וואָס די מלחמה־צייט פאַר דער אַרמיי, — האָט געשריבן לענין. — מע דאַרף פאַרברייטערן די קאַדרען פון

אונדזער אַרמיי, אַריבערפירן זי פון פרידלעכע קאַנטינגענטן אויף קריגס-קאַנטינגענטן, מאָביליזירן די זאַפּאַס- און רעזערוו-קאַנטינגענטן, רופן אונטער די פענער די, וועלכע האָבן באַקומען אורלויב, איינאָרדענען נייע הילפס-קאָרפּוסן, אַטריאַדן און אַמטן. מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אויף מלחמה איז אומפאַרמיידלעך און נויטווענדיק צו קאָמפּלעטירן די רייען מיט ווייניקער צוגעגרייטע רעקרוטן, צו פאַרבייטן זייער אָפט אָפיצירן מיט פּשוטע סאָלדאַטן, פאַרשנעלערן און פאַראיינפאַכן דאָס באַשטימען סאָלדאַטן פאַר אָפיצירן".[1]

לענין איילט צו מיטן צונויפרופן דעם III צוזאַמענפאָר. אַצינד איז ער דאָפּלט נייטיק. פריער — ביז דער רעוואָלוציע — איז די הויפּט-אויפגאַבע פונעם צוזאַמענפאָר געווען — מאַכן אַ סוף צו דער צעפאַלונג און דעזאָרגאַניזאַציע, וועלכע די מענשעוויקעס האָבן אַריינגעטראָגן אין דער פּאַרטיי-אַרבעט, ליקווידירן דעם פּאַרטיי-קריזיס. איצט רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין דער רעוואָלוציע. לענין האָט ענערגיש געגרייט דעם צוזאַמענפאָר: ער האָט אָנגעשריבן די פּראָיעקטן פון די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס, האָט צונויפגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער אַרבעט פונעם צוזאַמענפאָר און האָט אין אַ ריי אַרטיקלען („די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג", „די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום" און אַנד.) פאַנאַנדערגעאַרבעט די טאַקטישע גרונט-פראַגן פונעם צוזאַמענפאָר.

אין אַפּריל 1905 יאָר האָט זיך אין לאָנדאָן געעפנט דער III צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ, פאַקטיש אַ באָלשעוויסטישער צוזאַמענפאָר. די מענשעוויקעס זיינען אויפן צוזאַמענפאָר נישט געקומען, זיי האָבן איינגעאָרדנט אין זשענעווע זייערע אַן אייגענע קאָנפערענץ. לענין פירט דירעקט אָן מיטן גאַנצן גאַנג פון דער אַרבעט פונעם צוזאַמענפאָר: ער איז פאָרזיצער פונעם צוזאַמענפאָר; באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די קאָמיסיעס (אין דער קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן די רעזאָלוציעס, אין דער מאַנדאַט-קאָמיסיע, אין דער פּראָטאָקאָל-קאָמיסיע), פירט אַ גענויעם טאָג-בוך פון די זיצונגען. לענין איז אַרויסגעטרעטן כמעט אין אַלע פראַגן פונעם טאָג-

[1] לענין, ווערק, ב. VII, ז. 148.

סדר: די אַלגעמיינע צאָל פון לענינס פּאַרטראַגן, אַרויסטרעטונגען, רעפּליקעס, פאָרשלאָגן מאַכט אויס איבער הונדערט. אַלע גרונט־רעזאָלוציעס, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען — וועגן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועגן דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועגן דער באַציונג צו דער פּויערים־באַוועגונג — האָט אָנגעשריבן לענין.

דער צוזאַמענפאָר, אָנגעפירט פון לענינען האָט באַשטעטיקט דעם ערשטן סטאַטוט־פּאַראַגראַף וועגן פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אין דער לענינישער רעדאַקציע, האָט אויסגעאַרבעט די טאַקטישע ליניע פון די באָלשעוויקעס, וועלכע איז געווען אויסגערעכנט אויפן פולשטענדיקן זיג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע און אויף איר אַריבערגעוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אין די לענינישע רעזאָלוציעס, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, איז געווען אונטערגעשטראָכן, אַז ס׳איז נויטווענדיק דער פּראָלעטאַריאַט זאָל נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע, ער זאָל דעראָבערן די אָנפירנדיקע ראָל אין דער רעוואָלוציע, עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ בונד מיטן פּויערטום, און די ליבעראַלע בורזשואַזיע זאָל איזאָלירט ווערן. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז צוגרייטן, אָרגאַניזירן און דורכפירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד און אַז אין דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן אין רעזולטאַט פון אַ זיגרייכן אויפשטאַנד און וועט זיין זיין אָרגאַן, וועט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ביי געוויסע באַדינגונגען זיך באַטייליקן, כדי צו שלאָגן די קאָנטררעוואָלוציע נישט נאָר „פון אונטן“, פון אויסן, נאָר אויך „פון אויבן“, פון אינעווייניק פון דער רעגירונג. דער צוזאַמענפאָר האָט דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז — אויפן ענערגישסטן אופן שטיצן דאָס פּויערטום, איינגעשלאָסן די קאָנפיסקאַציע פון דער פּריצישער ערד, און האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג — תיכף אָרגאַניזירן רעוואָלוציאָנערע פּויערים־קאָמיטעטן.

די ליניע פון דעם באָלשעוויסטישן צוזאַמענפאָר האָט פּאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער מענשעוויסטישער טאַקטיק פון שטיצן די ליבעראַלע בורזשואַזיע אַלס פירער פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע.

אין די טאַקטישע באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר האָט לענין פאַראַלגעמיינערט די רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג פון די מאַסן. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום קאַמף פון די אַרבעטער און פויערים, בפרט אויף קאַווקאַז. דאָ האָט דער קאַמף פון די מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס באַקומען אַ באַזונדערס ברייטן מאַסשטאַב.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס לענין האָט פאָרגעלייגט, „מכוח די געשעענישן אויף קאַווקאַז". דאָרט ווערט אָנגעוויזן, אַז די באַוועגונג אויף קאַווקאַז איז שוין דערגאַנגען ביז צו אַן אַלפאָלקישן אויפשטאַנד קעגן דער זעלבסטהערשונג, און עס ווערט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג די קאַווקאַזער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַלס די צומערסטן קעמפערישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר האָט באַאויפטראַגט דעם צ. ק. און די אָרטיקע קאָמיטעטן אָנצונעמען די סאַמע ענערגישע מאָסמיטלען אויפן ברייטסטן אופן צו פאַרשפרייטן די ידיעות וועגן דער לאַגע אויף קאַווקאַז, און אויך רעכטצייטיק אונטערצוהאַלטן קאַווקאַז מיט אַלע מיטלען, וואָס זיי האָבן אין זייער רשות.

דעמאַסקירנדיק די דעמאַגאָגיע פון די מענשעוויקעס, וואָס האָבן פונקט ווי די „עקאָנאָמיסטן" געפּרוווט אַרויסרופן שנאה און אומצוטרוי צווישן די פאַרטיי־מיטגלידער — צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענטן, האָט לענין אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די וויכטיקסטע אויפגאַבע: „פאַרפעסטיקן מיט אַלע קרעפטן די פאַרבינדונג פון דער פאַרטיי מיט דער מאַסע פונעם אַרבעטער־קלאַס, אויפהייבנדיק אַלץ ברייטערע שיכטן פראָלעטאַריער און האַלב־פראָלעטאַריער צו פולער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוווּסטזיני־קייט, אַנטוויקלענדיק זייער רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע זעלבסטטעטיקייט, זאָרגנדיק וועגן דעם, אַז די אַרבעטער־מאַסע זאָל אויסטיילן אַ ווי ווייט מעגלעך גרעסערע צאָל אַרבעטער, פעיקע אָנצופירן מיט דער באַוועגונג און מיט די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אַלס מיטגלידער פון די אָרטיקע צענטערס און פון דעם אַלגעמיין־פאַרטייאישן צענטער".[1]

לענין איז מיט צאָרן אַרויסגעטרעטן קעגן דער אינערטקייט, קעגן נישט וועלן אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן. „איך האָב

---

[1] לענין, ווערק, ב. VII, ז. 283.

נישט געקאָנט רואיק זיצן, ווען מע האָט געזאָגט, אַז ס'זיינען נישטאָ קיין אַרבעטער, וואָס זאָלן טויגן פאַר מיטגלידער פון קאָמיטעט".[1] — האָט מיט אויפגעבראַכטקייט דערקלערט לענין. ער באַשטייט דערויף, אַז אין די קאָמיטעטן זאָלן זיין וואָס מער אַרבעטער. „אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן, — האָט ער געזאָגט אויפן צוזאַמענפאָר, — איז נישט נאָר אַ פּעדאַגאָגישע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע אויפגאַבע. ביי די אַרבעטער איז פאַראַן אַ קלאַסן־אינסטינקט, און ביי נישט קיין גרויסער פּאָליטישער דערפאַרונג ווערן די אַרבעטער גאַנץ שנעל אויסגעהאַלטענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. עס וואָלט מיר געווען זייער צום האַרצן, ווען אין באַשטאַנד פון אונדזערע קאָמיטעטן זאָלן אויף יעדע צוויי אינטעליגענטן זיין אַכט אַרבעטער".[2] אָט די אָנווייזונגען זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאָליטיק פונעם באָלשעוויזם.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט אַ צענטראַל־קאָמיטעט בראָש מיט לענינען. גלייך אויפן ערשטן פּלענום פונעם צ. ק. איז לענין באַשטעטיקט געוואָרן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פונעם „פּראָלעטאַרי" — דעם צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן, וואָס דער ערשטער נומער זיינער, מיט לענינס אַרטיקלען, געווידמעט דעם III צוזאַמענפאָר, איז אַרויס דעם 14־טן מאַי 1905 יאָר.

נאָך דעם, ווי דער צוזאַמענפאָר האָט געענדיקט זיין אַרבעט, האָבן לענין און די דעלעגאַטן, פּונקט ווי נאָכן II צוזאַמענפאָר, באַזוכט מאַרקס קבר. גלייך נאָך דעם האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאָרן פון לאָנדאָן. לענין האָט זיך אומגעקערט קיין זשענעווע.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן נאָכן צוזאַמענפאָר, האָט לענין געהאַלטן, איז פּראָפּאַגאַנדירן די טאַקטישע ליניע פונעם צוזאַמענפאָר און קריטיקירן די באַשלוסן פון דער זשענעווער קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס. ער האָט אָנגעשריבן די „מיטטיילונג וועגן דעם III צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ", איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ ריי אַרטיקלען און פאָרטראַגן וועגן דעם צוזאַמענפאָר. כדי די מערב־אייראָפּעישע אַרבעטער זאָלן באַקומען אַ ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס, האָט לענין

[1] לענין, ווערק, ב. VII, ז. 284.

[2] דאָרטן, ז. 282.

אָרגאַניזירט דעם אַרויסלאָז פון דער „מיטטיילונג" און דאָס אַרויסגעבן די וויכטיקסטע באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר אויף דייטש און פראַנצויזיש.

אַ געניאַלע באַגרינדונג פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק און אַ גלענצנדיקע קריטיק פון דער טאַקטיק פון די מענשעוויקעס האָט לענין געגעבן אין זיין היסטאָרישן בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע" (דערשינען אין יולי 1905 יאָר). אין דעם דאָזיקן בוך האָט לענין באַוויזן, אַז די באָלשעוויסטישע און די מענשעוויסטישע אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציע — פון איר כאַראַקטער, פון אירע טרייבקרעפטן, פון אירע פערספּעקטיוון, פון דער ראָל און פון די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע — גייען זיך ראַדיקאַל פאַנאַנדער. אין יסוד פון דער מענשעוויסטישער טאַקטיק ליגט די מורא פאַרן מעגלעכן זיג פון דער רעוואָלוציע, די שטרעבונג אונטערצוּוואַרפן דעם פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון דער בורזשואַזיע: דאָס איז די טאַקטיק פון פאַראַטן די רעוואָלוציע. „אַז מיר גייען קעמפן, — האָט געשריבן לענין, — מוזן מיר וועלן זיגן און קאָנען אָנווייזן דעםווירקלעכן וועג צום זיג"[1].

„לענינס גרעסטער פאַרדינסט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, — זאָגט חבר סטאַלין, — וואָס ער האָט אויפגעדעקט ביז די וואָרצלען די פוסטקייט פון די היסטאָרישע פּאַראַלעלן פון די מענשעוויקעס און די גאַנצע געפערלעכקייט פון דער מענשעוויסטישער „סכעמע פון דער רעוואָלוציע", וועלכע גיט אָפּ די אַרבעטער־זאַך דער בורזשואַזיע צו פאַרצוקן"[2]. די פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דער טאַקטיק פון די רוסישע מענשעוויקעס, וואָס איז געגעבן אין לענינס בוך, איז געווען באַגלייך דערמיט אויך אַ קריטיק פון דער טאַקטיק פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם.

אַלס דער עכטער אויסדריקער פונעם שעפערישן מאַרקסיזם ברעכט לענין דורכט די אַלטע, שאַבלאָנע פאָרשטעלונגען וועגן דער בורזשואַזער רעוואָלוציע און וועגן דער טאַקטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבן געהערשט אין די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. אַרויסגייענדיק פונעם תוך פונעם מאַרקסיזם, פאַראַלגעמיינערנדיק די דערפאַרונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער

---

[1] לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 63.

[2] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 13, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

אַרבעטער-באַוועגונג און פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט לענין אויסגעשמידט אַ נייע טעאָריע פֿון רעוואָלוציע, אַ נייע טאַקטיק פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געגעבן די גרונט-עסקיזן פֿון דער אידעע וועגן דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. אַרויסגייענדיק פֿון די דאָזיקע עסקיזן, האָט לענין פֿאַנאַנדערגעאַרבעט אַ האַרמאָנישע לערע וועגן דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע, האָט אַנטוויקלט די טאַקטישע גרונט-הנחה וועגן פּראָלעטאַריאַט אַלס פֿירער פֿון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע.

אין זיין בוך „צוויי טאַקטיקעס" האָט לענין אַלזייטיק באַגרינדעט די מעגלעכקייט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט צו ווערן דער אָנפֿירער פֿון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט איז דער סאַמע פֿאַרגעשריטענער און דער איינציקער קאָנסעקווענט-רעוואָלוציאָנערער קלאַס, האָט זיין אייגענע, פֿון דער בורזשואַזיע נישט אָפּהענגיקע, פּאָליטישע פּאַרטיי און אין זיין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם איז ער פֿאַראינטערעסירט צו דערפֿירן די דאָזיקע רעוואָלוציע ביזן סוף, ביזן אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם. כּדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פֿאַקטיש ווערן דער פֿירער פֿון דער רעוואָלוציע, דאַרף ער געווינען אויף זיין זייט דאָס פּויערטום און איזאָלירן די ליבעראַלע בורזשואַזיע. האָבנדיק אַרויסגערוקט און באַגרינדעט די אידעע וועגן דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט לענין דערמיט גופֿא געגעבן אַ נייע טאַקטישע איינשטעלונג דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין דער דאָזיקער רעוואָלוציע, אַן איינשטעלונג, וואָס האָט זיך טיף אונטערשיידט פֿון די איינשטעלונגען, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט עקזיסטירט אין דעם מאַרקסיסטישן אַרסענאַל.

לענין האָט זאָרגפֿעליק פֿאַנאַנדערגעאַרבעט די פֿראַגע וועגן די מיטלען, וואָס זיכערן דעם זיג פֿון דער רעוואָלוציע. ער האָט דערוויזן, אַז דאָס וויכטיקסטע מיטל פֿאַרן אַנטשיידענעם זיג פֿון דער רעוואָלוציע איז אַ באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד פֿונעם פֿאָלק. ער האָט געגעבן לאָזונגען, וואָס וועקן די רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו פֿון די מאַסן, לאָזונגען, וואָס אָרגאַניזירן די מאַסן צום אויפֿשטאַנד: די לאָזונגען פֿון פּאָליטישן מאַסן-שטרייק, פֿון תּיכּפֿדיקן פֿאַרווירקלעכן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופֿן דעם 8-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג אין

שטאָט און די דעמאָקראַטישע איבערגעשטאַלטונגען אין דאָרף, פון תּיכּפֿדיקן אָרגאַניזירן רעוואָלוציאָנערע פּויערים־קאָמיטעטן, פון באַוואָפֿענען די ארבעטער. ער האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט איינצושטעלן אין רעזולטאַט פון אַ זיגרייכן אויפשטאַנד פונעם פאָלק אַ צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און האָט אָנגעוויזן, אַז כדי די רעוואָלוציע זאָל אָפּהאַלטן אַן אַנטשידענעם זיג איבערן צאַריזם, דאַרף די דאָזיקע רעגירונג זיין נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. לענין האָט אויסגעשמידט אַ נייע טאַקטיש געווער פונעם פּראָלעטאַריאַט, נייע מיטלען פון רעוואָלוציאָנערער מאָביליזאַציע פון די מאַסן, מיטלען, וואָס זיינען פריער נישט געווען באַוווּסט די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען.

רופנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט צום סאַמע אַנטשידענעם און מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַרן זיג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט לענין אונטערגעשטראָכן, אַז דערמיט ווערן די אויפגאַבן פונעם ארבעטער־קלאַס נישט אויסגעשעפּט. ער האָט געגעבן אַ בילד פון דעם מעכטיקן שוווּנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אָנגעוויזן, אַז די דעמאָקראַטישע און די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע זיינען צוויי רינגען פון איין קייט; אַז גלייך נאָך דעם, ווי עס וועלן אויסגעפילט ווערן די דעמאָקראַטישע אויפגאַבן, וועט זיך דאַרפן אָנהייבן דער קאַמף שוין פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט די לערע וועגן אריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער האָט אויפגעשטעלט מאַרקס געניאַלע געדאַנקען וועגן דער כסדרדיקער רעוואָלוציע און וועגן צונויפפאָרן די רעוואָלוציאָנערע פּויערים־באַוועגונג מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, — געדאַנקען, וועלכע די אָפּאָרטוניסטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל האָבן באַמיט זיך אויסצומעקן פון זכרון. די דאָזיקע געדאַנקען מאַרקס האָט לענין אַנטוויקלט ווייטער, — ער האָט געשאַפן אַ נייע האַרמאָנישע טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. לויט אַט דער טעאָריע האָט די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעוואָלוציע ביים בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום געדאַרפט אריבערוואַקסן אין דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע ביים בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די איבעריקע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן, און די דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלע־

טאריאט און פויערטום האט געדארפט צוגרייטן דעם באדן פאר דער סאציאליסטישער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט.

די נייע רעוואלוציאנערע טעאריע, וועלכע לענין האט געשאפן, האט שוין אנטהאלטן אין זיך די גרונט-עלעמענטן פון דער לערע וועגן דער מעגלעכקייט פון דעם זיג פונעם סאציאליזם אין איין, באזונדער גענומען, לאנד.

די באדייטונג פון די „צוויי טאקטיקעס" איז נישט אפצושאצן.

„די היסטארישע באדייטונג פון דעם דאזיקן ווערק לענינס באשטייט פריער פאר אלץ דערין, וואס עס האט אידעיש אינגאנצן צעקלאפט די קליינבירגערלעכע טאקטישע איינשטעלונג פון די מענשעוויקעס. עס האט באוואפנט דעם ארבעטער-קלאס פון רוסלאנד צום ווייטערדיקן פאנאנדערוויקלען די בורזשואז-דעמאקראטישע רעוואלוציע, צו א נייעם אנגריף קעגן דעם צאריזם און עס האט געגעבן די רוסישע סאציאל-דעמאקראטן א קלארע פערספעקטיוו פון דער נייטיקייט, אז די בורזשואזע רעוואלוציע זאל אריבערוואקסן אין א סאציאליסטישער רעוואלוציע.

דאס שעפט אבער נישט אוים די באדייטונג פון לענינס בוך. די געוואלדיקע באדייטונג פון דעם דאזיקן ווערק באשטייט דערין, וואס עס האט בארייכערט דעם מארקסיזם מיט א נייער טעאריע פון רעוואלוציע און האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר יענער רעוואלוציאנערע טאקטיק פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, וואס מיט איר הילף האט דער פראלעטאריאט פון אונדזער לאנד אין 1917 יאר אפגעהאלטן דעם זיג איבערן קאפיטאליזם"[1].

אין אלע זיינע ארויסטרעטונגען האט לענין קאנסעקווענט פארטיידיקט און אויפגעקלערט דעם באלשעוויסטישן און סטראטעגישן פלאן. אינעם ארטיקל „די באציונג פון דער סאציאל-דעמאקראטיע צו דער פויערים-באוועגונג" האט ער געשריבן: „פון דער דעמאקראטישער רעוואלוציע וועלן מיר תיכף אנהייבן אריבערגיין און פונקט לויט אונדזערע כוחות נאך, לויט די כוחות פונעם באוווסטזיניקן און ארגאניזירטן פראלעטאריאט, וועלן מיר אנהייבן אריבערגיין צו דער סאציאליסטישער רעוואלוציע. מיר זיינען פאר א כסדרדיקער רעוואלוציע, מיר וועלן זיך נישט אפשטעלן אויפן האלבן וועג"[2].

---

[1] „געשיכטע פון דער אלקפ(ב), קורצער קורס", ז. 91—92, מלוכה-פארלאג „דער עמעס", 1940 י.

[2] לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 186.

דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די אַרבעטער האָט אַלץ מער אָנגענומען אַ שאַרפערן, אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. פון עקאָנאָמישע שטרייקן און סאָלידאַריטעט-שטרייקן האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן אַריבערגיין צו פּאָליטישע שטרייקן, צו דעמאָנסטראַציעס. עס זיינען פאָרגעקומען אַלץ מער באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם פאָלק מיט דער פּאָליציי און מיטן מיליטער. אַ באַזונדערס עקשנות־דיקן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער שטרייק פון די איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער אַרבעטער, וואָס איז פאָרגעקומען זומער-צייט און האָט געדויערט כמעט דריטהאַלבן חדשים. אינעם פאַריאָד פון אָט דעם שטרייק האָבן די איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסקער אַרבעטער גע־שאַפן אַ ראַט פון באַפולמעכטיקטע — פאַקטיש איינעם פון די ערשטע ראַטן (סאָוויעטן) פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן.

די פּאָליטישע שטרייקן פון די אַרבעטער האָבן אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. גלייך נאָך דער שטאָט האָט זיך גענומען אויפ־הייבן דאָס דאָרף. פרילינג-צייט האָבן זיך אָנגעהויבן פויערים-אומ־רוען, וואָס האָבן זיך ברייט פאַרשפּרייט אין צענטער רוסלאַנד, אין וואָלגער קאַנט, אויף טראַנסקאַווקאַז, באַזונדערס אין גרוזיע.

די אַרבעטער- און פויערים-באַוועגונג און אַ ריי מפּלות פון דעם רוסישן מיליטער אין דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויף דער אַרמיי. דער זייל פונעם צאַריזם האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אין יוני 1905 יאָר איז אויסגעבראָכן דער אויפ־שטאַנד אין שוואַרץ-ימיקן פלאָט, אויף דער פאַנצער-שיף „פּאָטיאָמ־קין". דאָס איז געווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע מאַסן-אַרויסטרע־טונג אין דער אַרמיי און אין פלאָט, דער ערשטער אַריבערגאַנג פון אַ גרויסן טייל צאַרישן מיליטער אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע.

אונטער דער ווירקונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָט זיך אַ ריר געטאָן אויך די בורזשואַזיע. זי האָט מורא געהאַט פאַרן רעוואָלוציאָנערן פאָלק, האָט געזוכט אַן אויסגלייך מיטן קייסער קעגן דער רעוואָלוציע און האָט געפאָדערט קליינע רעפאָרמען „פאַרן פאָלק", כדי צו „באַרואיקן" דאָס פאָלק, צו צעשפּאַלטן די כוחות פון דער רעוואָלוציע און זי איינצוצוימען.

די צאַרישע רעגירונג האָט נישט אויפגעהערט צו אונטערדריקן די אַרבעטער און פויערים מיט גרויזאַמער אכזריות. צוגלייך מיט רעפּרעסיעס האָט זי אָבער גענומען אָנווענדן די פּאָליטיק פון לאַ־ווירן: פון איין זייט, האָט זי גענומען אָנהעצן איינס אויף דאָס אַנ־דערע די פעלקער פון רוסלאַנד, פון דער צווייטער זייט — האָט זי

צוגעזאָגט צונויפרופן אַ „פאַרטרעטונגס-אינסטיטוציע" אין דער פאָרם פון אַ זעמסקי סאָבאָר אָדער פון אַ מלוכה-דומע.

אין לענינס אַרטיקלען, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „פּראָלעטאַרי", באַקומט די פּאַרטיי אַ וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיסטישן אַנאַליז פונעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, גלענצנדיקע פאָרויסזאָגונגען פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, פּינקטלעכע און קלאָרע לאָזונגען, אויסשעפּנדיקע דירעקטיוון און אָנווייזונגען. פון זיין „זשענעווער ווייט" פאָלגט לענין אויפמערקזאַם נאָך, וויאַזוי אַלע קלאַסן פירן זיך אויף אין דער רעוואָלוציע.

לענין באַווייזט די נישט-קאָנסעקווענטקייט, אייגננוציקייט, פּחדנות פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, איר פאַרעטערישע האַלטונג; קיין איין שריט פון די ליבעראַלן בלייבט נישט פאַרהוילן פון זיין שאַרף אויג. לענינס אַרטיקלען קעגן די קאַדעטן זיינען אַ שאַרפער באַשולדיקונגס-אורטייל קעגן די דאָזיקע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, וואָס פלעגן זיך פאַרמאַסקירן מיט פאַלשן דעמאָקראַטיזם. „דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט, די בורזשואַזיע גנבעט זיך צו דער מאַכט". — אַזוי כאַראַקטעריזירט ער די טאַקטיק פונעם אַרבעטערקלאַס און די טאַקטיק פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אין דער רעוואָלוציע.

לענין שטעמפּלט צאָרנדיק די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פאַרן שוווּנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַרן זיג פונעם פאָלק. „אין עק ביי דער מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע אָדער בראָש פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום?" — אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון זיין אַרטיקל פאָרמולירט לענין דעם פּרינציפּיעלן גרונט-קעגנזאַץ צווישן דער מענשעוויסטישער און באָלשעוויסטישער טאַקטיק. לענין פאָדערט פון די פּאַרטיי-טוער אויף די ערטער צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די מענשעוויקעס. די טרעפלעכע קלעפּ, וואָס סטאַלין דערלאַנגט דעם מענשעוויזם, רופן אַרויס ביי לענינען די גרעסטע באַווייליקונג. ער בעט וואָס גיכער צושיקן אים סטאַלינס בראָשור „דורך אַגב וועגן די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן אין דער פּאַרטיי", וועלכע איז אַרויס זומער 1905 יאָר אויף קאַווקאַז. ער מערקט אָפּ „דאָס אויסגעצייכנטע אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דעם באַרימטן „אַריינטראָגן דעם באַוווּסטזיין פון אויסן" אין סטאַלינס אַרטיקל „אָן ענטפער דעם „סאָציאַל-דעמאָקראַט"".

לענין האָט געריכטעט מיט דער גאַנצער טעטיקייט פון די באָל-

שעוויקעס. אין זיינע לאָזונגען פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד, פון שאַפן א רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, א צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט די פּאַרטיי באַקומען אַ געפּרעסטע און קלאָרע פאָרמולירונג פון די צילן און מיטלען פון קאַמף.

עקשנותדיק און סיסטעמאַטיש האָט לענין געגרייט דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד: ער נעמט אָן ענערגישע מיטלען אויף איינצוקויפן געווער און אָפּצושיקן עס קיין רוסלאַנד, שיקט מענטשן איינצושטעלן אָן ענגע פאַרבינדונג מיט דער אויפגעשטאַנענער פּאַנצערשיף „פּאָטיאָמקין", לערנט די פּאַרטיי צו מאַכן אויספירן פון דעם דאָזיקן אויפשטאַנד, אָנווייזנדיק, אַז דער אויפשטאַנד האָט פּראַקטיש אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי. „אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, — האָט געשריבן לענין, — איז נויטווענדיק דערפאַר, ווייל בלויז מיט דער הילף פון קראַפט קאָנען געלייזט ווערן גרויסע היסטאָרישע פראַגן, און די אָרגאַניזאַציע פון קראַפט אינעם היינטצייטיקן קאַמף איז די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע" [1].

לענין האָט עקשנותדיק געפאָדערט פון די פאַרטיי-טוער, זיי זאָלן אויפן ענערגישסטן אופן זען אויסבילדן הונדערטער און טויזנטער קאַמפס-אָטריאַדן. אין זיין בריוו צום קאַמפס-קאָמיטעט ביים פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער רסדאפּ אין אָקטאָבער 1905 יאָר האָט ער שאַרף קריטיקירט די אַרבעט פונעם קאַמפס-קאָמיטעט און אָנגעמערקט א קאָנקרעטן פּלאַן פון זיין טעטיקייט. „גייט צו דער יוגנט... — האָט געלערנט לענין — גרינדעט תיכף קאַמפס-דרוזשינעס אומעטום און איבעראַל אי ביי די סטודענטן, אי באַזונדערס ביי די אַרבעטער, אאַוו. אאַוו. זאָלן תיכף אָרגאַניזירט ווערן אָטריאַדן פון 3 ביז 10, ביז 30 אאַוו. מאַן. זאָלן זיי זיך תיכף אַליין באַוואָפענען, ווי ווער עס קאָן, ווער מיט א רעוואָלווער, ווער מיט א מעסער, ווער מיט א שמאַטע מיט נאַפט אויף אונטערצוצינדן אאַוו. זאָלן די דאָזיקע אָטריאַדן תיכף אויסקלייבן זיך אָנפירער און זיך פאַרבינדן, ווי ווייט מעגלעך, מיטן קאַמפס-קאָמיטעט ביים פּעטערבורגער קאָמיטעט... זאָלן 5—10 מאַן אין אַ וואָך צייט באַזוכן הונדערטער קרייזלעך פון אַרבעטער און סטודענטן, זאָלן זיי אַריינקריכן אומעטום, וווּהין עס וועט זיך נאָר לאָזן, און זאָלן איבעראַל פאָרלייגן אַ קלאָרן, קורצן, גלייכן און פּשוטן פּלאַן: בילדעט

---

[1] לענין. ווערק, ב. VII, ז. 383.

תיכף אָן אַטריאַד, באַוואָפנט זיך מיט וואָס איר קאָנט, אַרבעט מיט אַלע כוחות, מיר וועלן אייך העלפן, מיט וואָס מיר וועלן קאָנען, נאָר וואַרט נישט אויף אונדז, אַרבעט אַליין... די אַטריאַדן דאַרפן גלייך אָנהייבן די קריגס-לער אין תיכפדיקע אָפּעראַציעס. גלייך"[1].

לענין האָט געאײלט מיט דער צוגרייטונג צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ווייל ער האָט געזען, אַז דער אויפשטאַנד דערנענטערט זיך מיט אַן אַלץ שטייגנדיקער שנעלקייט. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזען זיך צו דערשלאָגן, אַז דער אויפשטאַנד זאָל נישט זיין פאַר דער פּאַרטיי קיין אומגעריכטע זאַך.

מיט גענ־אַלער וואַכזאַמקייט האָט לענין פאָרויסגעזען דעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דער רעוואָלוציע. מיט דריי טעג פאַר דעם, ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס צאַרישע געזעץ פון 6 אויגוסט וועגן דער דומע, טרעט לענין אַרויס מיט אַן אַרטיקל „דער באָיקאָט פון דער בוליגאַנישער דומע און דער אויפשטאַנד", וו ער גיט אַ קלאָרן פּלאַן פון דער פּאָליטישער קאַמפּאַניע: אַקטיווער באָיקאָט פון דער מלוכה-דומע אונטערן לאָזונג פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די דאָזיקע קאָלאָסאַלע פּאָליטישע קאַמפּאַניע, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן דורכגעפירט אונטער לענינס אָנפירונג, האָט זיך געענדיקט מיט אַ היסטאָרישן זיג. דער רעוואָלוציאָנערער ווינטער האָט אַראָפּגעטראָגן די בוליגאַנישע דומע. אין אָקטאָבער 1905 יאָר איז אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק, אין פייער פון קאַמף זיינען אויפגעקומען די סאָוויעטן. לענין האָט פאָרויסגעזען, אַז דער צאַריזם וועט גיין אויף הנחות, וועט מאַנעווריִרן, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. מיט עטלעכע שעה פאַר דעם, ווי ס'איז באַקומען געוואָרן אין זשענעווע די ידיעה וועגן צאַרישן מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער, האָט לענין געשריבן: „דער צאַריזם איז שוין נישט בכוח, — די רעוואָלוציע איז נאָך נישט בכוח צו זיגן"[2] דער צאַריזם וועט זיכער איינגיין אויף אַ קאָנסטיטוציע, כדי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק; די אויפגאַבע פונעם פּראָלעטאַריאַט — איז דערשלאָגן זיך, אַז די רעוואָלוציע זאָל אַריבערשפּרינגען איבער דער דאָזיקער פונעם קייסער געשענקטער קאָנסטיטוציע, זאָל זיך אויפהייבן אויף אַ שטאַפּל

[1] לענין. ווערק. ב. VIII, ז. 325, 326.
[2] דאָרטן, ז. 351.

העכער, — ביזן אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג מיט דער הילף פון א באוואָפנטן אויפשטאַנד.

די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער. אַלץ קאָמפּליצירטער איז געוואָרן פונדערוויטנס נאָכצופאָלגן נאָכן וויכער פון די געשעענישן, אָנצופירן מיט דער פּאַרטיי. לענין האָט זיך געריסן קיין רוסלאַנד. נאָך פרילינג 1905 יאָר האָט ער אין זיינע אַרטיקלען געטרוימט וועגן דער צייט, ווען ער וועט קאָנען רעדן מיט די ארבעטער און פּויערים אויף טויזנטקעפּיקע פאָלקספאַרזאַמלונגען. אין ברען פון דעם אַלגעמיינעם אָקטאָבער-שטרייק האָט לענין געשריבן: „אַ גוטע רעוואָלוציע איז ביי אונדז אין רוסלאַנד, ערנוואָרט! מיר האָפן אינגיכן זיך אומקערן — דערצו גייט עס מיט מערקווירדיקער שנעלקייט".[1] ער גרייט זיך ענערגיש אומצוקערן זיך אַהיים. ביי דער מיטווירקונג פון גאָרקין אָרגאַניזירט ער דעם אַרויסלאָז פון אַ לעגאַלער באָלשעוויסטישער צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן" אין פּעטערבורג. און, ענדלעך, סוף אָקטאָבער 1905 יאָר פאָרט ער אָפּ פון זשענעווע קיין רוסלאַנד.

אין שטאָקהאָלם, וווּ עס איז אויסגעקומען זיך צו פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג, האָט לענין אָנגעשריבן דעם אַרטיקל „אונדזערע אויפגאַבן און דער סאָוויעט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן". דאָס דאָזיקע פּראָגראַם-אַרטיקל לענינס איז זיינערצייט נישט דערשינען, מע האָט אים געפונען און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט ערשט אין 35 יאָר אַרום, אין 1940 יאָר. אין סאָוויעט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן, וואָס איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דער רעוואָלוציאָנערער שעפערישקייט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, האָט לענין תיכף דערזען אַ שפּראָצלינג פון די אָרגאַנען פון אַ נייער מאַכט, פון די אָרגאַנען פון דער דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס-עלעמענטן. ער האָט אָפּגעשאַצט די סאָוויעטן, אַלס עמבריאָן פון דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אַלס אָרגאַן פון דעם וואַקסנדיקן און רייפווערנדיקן אויפשטאַנד. קלאָר פאָרמולירט די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן צווישן דער פּאַרטיי און די סאָוויעטן, צווישן די סאָוויעטן פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן און די ברייטע פאָלקס-מאַסן, האָט לענין אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן געמיינזאַמע סאָוויעטן פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן, די אויפגאַבע צו באַהעפטן דאָס גאַנצע פאָלק אַרום די סאָוויעטן, אַלס דעם פּאָליטיש-אָנפירנדיקן רעוואָלו-

---

[1] לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 319.

ציאַנערן צענטער. לענין האָט גערופן תיכּף אויסצובילדן אַ ציטוויי־ליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וואָס איר פּראָגראַם דאַרף זיין: פול־שטענדיק פאַרוויכקלעכן אין טאַט די פּאָליטישע פרייהייט, צונויפ־רופן אַ ווירקלעך אַלפאָלקישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, באַוואָפענען דאָס פאָלק, תיכּף געבן ווירקלעכע און פולע פרייהייט די אונטערגע־דריקטע פעלקער, זיכערן דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, איבער־געבן די גאַנצע ערד די פּויערים. די דאָזיקע רעגירונג דאַרף רופן דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד.

דאָס איז געווען אַ קאָנקרעטער טאַט־פּראָגראַם פון דער פּראָלע־טאַרישער פּאַרטיי, אַ פּראָגראַם, וואָס לענין האָט פאַנאַנדערגע־וויקלט ערב זיין אָנקומען קיין רוסלאַנד.

אָנהייב נאָוועמבער 1905 יאָר האָט זיך לענין נאָך עטלעכע יאָר עמיגראַציע אומגעקערט קיין פּעטערבורג. נישט געקוקט אויף די „פרייהייטן", וואָס דער קייסער האָט געשאָנקען, איז לענין געצוווּנ־גען געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער פּאָליציי. לענינס פּרווו צו באַזעצן זיך לעגאַל האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין דירה איז תיכּף אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ טשאַטע שפּיאָנען. איז ער אַריבער אויף אַן אומלעגאַלער לאַגע, האָט אָפט געביטן די פּעסער, די דירות, איז איינינקע מאָל אַריבערגעפאָרן פון פּעטערבורג קיין פינלאַנד, וווּ עס איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק זיכערער.

תיכּף נאָך זיין אָנקומען קיין פּעטערבורג האָט לענין אָנטיילגע־נומען אין אַ זיצונג פון דעם באָלשעוויסטישן טייל פון דער רעדאַק־ציע פון דער טעגלעכער ציטונג „נאָוואַיאַ זשיזן". אויף אָט דער זי־צונג איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע און ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַרבעטס־פּלאַן. באַלד נאָך דעם איז מיט לענינס אָנטייל פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי, וווּ עס איז באַשטעטיקט געוואָרן אַ ווענ־דונג צו די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי־ צוזאַ־מענפאָר. אין עטלעכע טעג אַרום איז לענין אַרויסגעטרעטן אויף אַ זיצונג פונעם סאָוויעט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן איבער דער פראַגע וועגן דעם לאָקאַוט, וועלכן עס האָבן געהאַט דערקלערט די קאַפּיטאַ־ליסטן אַלס ענטפער דערויף, וואָס די אַרבעטער האָבן אויף זייער אייגענער אחריות איינגעפירט אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. דער אויספיר־קאָמיטעט פונעם סאָוויעט האָט אָנגענומען לענינס רעזאָלוציע.

עס זיינען אוועק טעג פון אנגעשטרענגטער ארבעט אין דירעקטן טאגטעגלעכן פארקער מיט די פארטיי־ארגאניזאציעס: באטייליקונג אין זיצונגען פונעם צענטראל־קאמיטעט און פונעם פעטערבורגער קאמיטעט, ארויסטרעטונגען אויף פארטיי־פארזאמלונגען און באראטונגען, באגעגענישן און שמועסן מיט די פארטיי־טוער, וואס פלעגן קומען צו פארן פון אלע עקן רוסלאנד. לענין האט גענומען א דירעקטן אנטייל אין צוגרייטן דעם באוואפנטן אויפשטאנד. סוף נאוועמבער איז פארגעקומען א זיצונג פון צ. ק. אויף וועלכער עס איז געווען איינגעלאדן גארקי. גארקי האט אינפארמירט וועגן די שטימונגען פון די מאסקווער ארבעטער. דאס איז געווען לענינס ערשטע באגעגעניש מיט גארקין.

לענין האט גלייך גענומען צו זיך אין די הענט די אנפירונג מיט דער „נאוואיא זשיזן". דעם 10 נאוועמבער באווייזט זיך זיין ערשטער ארטיקל — „וועגן דער רעארגאניזאציע פון דער פארטיי". לענין רופט צו אן אנטשידענער און דרייסטער איבערבויונג פון דער פארטיי־ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די געענדערטע באדינגונגען: איינהיטנדיק דעם קאנספיראטיוון אפאראט פון דער פארטיי, איז נייטיק אויפן ברייטסטן אופן אויסצונוצן די לעגאלע מעגלעכקייטן, וועלכע דער ארבעטער־קלאס האט דעראבערט. אין די באדינגונגען פון אונטערערד האט מען נישט געקאנט בויען די פארטיי־ארגאניזאציעס אויפן גרונט פון געוויילטקייט, איצט דארף מען איינפירן אין זיי דעם פרינציפ פון געוויילטקייט, בויען זיי אויף די יסודות פון דעמאקראטישן צענטראליזם.

אין א טאג ארום, דעם 12 נאוועמבער, באווייזט זיך א צווייטער ארטיקל — „דער פראלעטאריאט און דאס פויערטום". אין דעם ארטיקל מערקט לענין אן די אויפגאבן פונעם ארבעטער־קלאס און פונעם פויערטום אין דער רעוואלוציע, די פארפעסטיקונג פון זייער קאמפס־בונד. דאס פויערטום וויל ערד און פרייהייט. דער ארבעטער־קלאס דארף מיט אלע כוחות שטיצן דאס רעוואלוציאנערע פויערטום. דערויף וועט זיך אבער דער קאמף נישט פארענדיקן. מע דארף דירעקט זאגן די פויערים, אז דער איבערגאנג פון דער ערד צו זיי אין די הענט און די פאליטישע פרייהייט וועלן נישט פארניכטן נישט די הערשאפט פונעם קאפיטאל, נישט דעם דלות פון די מאסן. „אזוי ארום, — האט געשריבן לענין, — באדייט די רויטע פאן פון די באוווסטזיניקע ארבעטער, ערשטנס, אז מיר

שטיצן מיט אַלע קרעפטן דעם פּויערים-קאַמף פאַר דער גאַנצער פרייהייט און פאַר דער גאַנצער ערד; צווייטנס, באַדייט זי, אַז מיר שטעלן זיך נישט אָפּ דערויף, נאָר מיר גייען ווייטער. מיר פירן, הוץ דעם קאַמף פאַר פרייהייט און פאַר ערד, אַ קאַמף פאַרן סאָציאַליזם".[1]

לענינס אַרטיקלען אין „נאָוואַיאַ זשיזן" האָבן געדינט אַלס אָנווייזונג אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי.

די טעטיקייט פון די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די אַרבעטער-מאַסן האָט באַקומען אַן אַלץ ברייטערן מאַסשטאַב. די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן אַלץ טיפער אַריינדרינגען אין דאָרף אַריין, האָבן אָנגעהויבן שאַפן שטיץ-פונקטן אין דער אַרמיי און אין פלאָט.

אָנהייב דעצעמבער 1905 יאָר איז לענין אַרויסגעפאָרן קיין טאַמערפאָרס (פינלאַנד) אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס. דאָ האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט לענין און סטאַלין. זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין דער קאָמיסיע, אויף אויסאַרבעטן די רעזאָלוציע וועגן דער מלוכה-דומע.

לענין איז אַרויסגעטרעטן מיט צוויי פאָרטראַגן — וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט און וועגן דער אַגראַר-פראַגע. „דאָס זיינען געווען באַגייסטערטע רעדעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן שטורמישע אַנטציקונג ביי דער גאַנצער קאָנפערענץ, — דערמאָנט זיך חבר סטאַלין. — די אויסערגעוויינלעכע איבערצייגונגס-קראַפט, די פּשוטקייט און קלאָרקייט פון דער אַרגומענטאַציע, די קורצע און פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעכע פראַזעס, אָן פּאָזע, אָן קאָפּשווינדלדיקע זשעסטן און עפעקטפולע פראַזעס, וועלכע זיינען אויסן צו מאַכן אַן איינדרוק, — דאָס אַלץ האָט צום גוטן אונטערשיידט לענינס רעדעס פון די רעדעס פון געוויינלעכע „פּאַרלאַמענטאַרישע" רעדנער.

מיך האָט אָבער דאַן באַצויבערט נישט די דאָזיקע זייט פון לענינס רעדעס, מיך האָט באַצויבערט יענע אייזנפעסטע קראַפט פון דער לאָגיק אין לענינס רעדעס, וואָס באַהערשט די אוידיטאָריע עטוואָס טרוקן, דערפאַר אָבער גרינטלעך, וואָס עלעקטריזירט זי

[1] לענין, ווערק. ב. VIII, ז. 833.

בהדרגהדיק און נעמט זי דערנאָך אין געפאַנגענשאַפט, ווי מע זאָגט, עס, ביזן סוף".[1]

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד אין מאָסקווע. לויט לעניננס עצה האָט זי אויף גיך פאַרענדיקט איר ארבעט, און די דעלע־גאַטן זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אויף די ערטער, כדי פערזענלעך אָנטיילצונעמען אינעם אויפשטאַנד.

די ערשטע האָבן אָנגעהויבן דעם באַוואָפנטן קאַמף די מאָס־קווער ארבעטער, אָנגעפירט פון מאָסקווער סאָוועט פון ארבעטער־דעפּוטאַטן בראש מיט די באָלשעוויקעס. דעם זיבעטן אָקטאָבער האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעהויבן א פּאָליטישער שטרייק, דעם נײַנטן האָבן זיך באַוויזן די ערשטע באַריקאַדן. אין משך פון 9 טעג האָבן עטלעכע טויזנט באַוואָפנטע ארבעטער געפירט א העלדישן קאַמף. ערשט נאָכן אריבערוואַרפן פאָלקן פון פּעטערבורג, פון טווער און פונעם מערב-קאַנט איז דער צאַריזם אימשטאַנד געווען צו דער־שטיקן דעם אויפשטאַנד. די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פונעם אויפ־שטאַנד זיינען סאַמע ערב דער שלאַכט טיילווייז ארעסטירט געוואָרן, טיילווייז איזאָלירט געוואָרן. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויפשטאַנד פון איינצלנע ראַיאָנען, וואָס זיינען געווען אָפּגעריסן איינער פונעם אנדערן און האָבן זיך באַ־גרענעצט דער עיקר מיט פאַרטיידיקן זיך.

באַוואָפנטע אויפשטאַנדן זיינען פאָרגעקומען אויך אין א ריי אַנדערע שטעט און ראַיאָנען. אויפשטאַנדן זיינען געווען אין קראַס־נאָיאַרסק, מאָטאָווילִיכא (פּערם), נאָוואָראָסיסק, סאָרמאָוואָ, סע־וואַסטאָפּאָל, קראָנשטאַדט. צום באַוואָפנטן קאַמף האָבן זיך אויפ־געהויבן אויך די אונטערדריקטע פעלקער פון רוסלאַנד. כמעט גאַנץ גרוזיע איז געווען ארומגעכאַפּט מיט אַן אויפשטאַנד. א גרויסער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אין אוקראַינע — אין דאָנבאַס. אַן עקשנותדיקן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער קאַמף אין לעטלאַנד. פּונקט ווי דער מאָסקווער אויפשטאַנד, זיינען אָבער אויך די דאָזיקע אַלע אויפשטאַנדן דערשטיקט געוואָרן דורכן צאַריזם מיט אומ־מענטשלעכער אכזריות.

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 27—28, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

דער באַוואָפּנטער דעצעמבער־אויפשטאַנד האָט געליטן אַ מפּלה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קער צו אַ בהדרגהדיקן צוריק־טריט פון דער רעוואָלוציע.

דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָט זיך צעפלאַקערט מיט נייער קראַפט. די מענשעוויקעס האָבן אָנגע־הויבן רופן די אַרבעטער, זיי זאָלן אויפהערן דעם קאַמף; וויבאַלד עס איז דערשטיקט געוואָרן דער אויפשטאַנד — האָבן זיי געטענהט, — האָט זיך די רעוואָלוציע געענדיקט. ניין, האָט זיי געענטפערט לענין, די רעוואָלוציע האָט זיך נישט געענדיקט, זי ווערט פאַרגע־זעצט: נישט אָפּזאָגן זיך דאַרפן מיר פון געווער, נאָר אַנטשידענער און ענערגישער זיך נעמען צו דעם! מע דאַרף פירן אַן אַנטשידענעם קאַמף קעגן די „קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס”, וועלכע עס קולטי־ווירן די קאַדעטן, עסערן און מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט אַן אַקטיוון באָיקאָט דער 1 מלוכה־דומע.

נאָך דעם, ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן דער אויפשטאַנד, האָט דער מענשעוויק פּלעכאַנאָוו דערקלערט: „מע האָט זיך נישט געדאַרפט נעמען צום געווער”. ער האָט פאַרגליכן זיין פּאָזיציע מיט דער פּאָזיציע פון מאַרקסן אין 1871 יאָר. לענין איז אָנגעפאַלן אויף פּלעכאַנאָוון. נו, ווי זאָל זיך טאַקע פּלעכאַנאָוו נישט פאַרגלייכן מיט מאַרקסן, — האָט ער איראָניזירט. פּלעכאַנאָוו האָט דאָך קליינמוטיק און רענעגאַטיש זיך אָפּגעזאָגט פונעם העלדישן אויפשטאַנד פון די מאָסקווער אַרבעטער, און מאַרקס האָט מיט התפּעלות באַגריסט די היסטאָרישע איניציאַטיוו פון די פּאַריזער אַרבעטער, וואָס זיינען גרייט געווען צו „שטורעמען דעם הימל”. פּלעכאַנאָוו האָט דאָך געווידמעט דעם „דעצעמבער־אויפשטאַנד אַ „ווערק”, וואָס איז גע־וואָרן כמעט די עוואַנגעליע פון די קאַדעטן, און מאַרקס האָט אָנ־געשריבן אַ ווערק, וואָס דינט ביזן היינטיקן טאָג אַלס בעסטע ריכט־ליניע אין קאַמף פאַרן „הימל”. „דער אַרבעטערקלאַס פון רוסלאַנד, — האָט געשריבן לענין, — האָט שוין איין מאָל דערוויזן און וועט דער־וויזן נאָך נישט איין מאָל, אַז ער איז פעיק צום „שטורעמען דעם הימל”.[1]

לענין האָט אַרויסגערוקט פאַר דער פּאַרטיי די אויפגאַבע: אונ־טערזוציען די סך־הכלען פון דעם ערשטן יאָר רעוואָלוציע, דער־לערנען די דערפאַרונג פון די אָקטאָבער־ און דעצעמבער־שלאַכטן.

[1] לענין, ווערק, ב. X, ז. 367.

מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און קאָנצענטרירטקייט איז ער צוגעטרעטן צום דערלערנען די דאָזיקע סך־הכלען. לענין האָט געשריבן אין פיל פון זיינע אַרטיקלען: דער פּעריאָד אָקטאָבער־דעצעמבער האָט באַוויזן, וואָסערע קאָלאָסאַלע רעזערוון רעוואָלוציאָנערע ענערגיע עס זיינען פאַרבאָרגן אינעם אַרבעטער־קלאַס; די לעקציעס פון דעצעמבער־אויפשטאַנד האָבן נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן דעם, אַז אויפשטאַנד — דאָס איז קונסט, און דער הויפּט־כּלל פון דער דאָזיקער קונסט איז — אומגעהייער דרייסטער, לחלוטין אַנטשידענער אָנגריף.

די דערפאַרונג פון די אָקטאָבער־ און דעצעמבער־שלאַכטן האָט לענין פאַראַלגעמיינערט אין זיין באַוווּסטער אַרבעט „דער זיג פון די קאַדעטן און די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי" (אָנגעשריבן אין מערץ 1906 יאָר). לענין האָט זיין שאַרפן קלאַפּ געווענדעט קעגן די קאַדעטן, די דאָזיקע „קבר־ווערעם פון דער רעוואָלוציע" און קעגן זייערע אונטערבאַמקער — די מענשעוויקעס. פאַרטיידיקנדיק מאַרקס אידעע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָט לענין זי באַרייכערט מיט דער דערפאַרונג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. דער מענשעוויסטישער אָפּאָרטוניסטישער אָפּשאַצונג פון די סאָוויעטן אַלס אָרגאַנען פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט ער קעגנגעשטעלט זיין אָפּשאַצונג פון די סאָוויעטן אַלס אָרגאַנען פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אַלס עמבריאָנעלע אָרגאַנען פון אַ נייער, רעוואָלוציאָנערער מאַכט. אין 1920 יאָר האָט לענין אָנגעוויזן, אַז „די שטרייטן וועגן דער באַדייטונג פון די סאָוויעטן זיינען שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דיקטאַטור".[1]

אינעם בוך „דער זיג פון די קאַדעטן און די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי" האָט לענין געשריבן: „די דאָזיקע אָרגאַנען זיינען געשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך דורך די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זיי זיינען געשאַפן געוואָרן אויסער יעטוועדע געזעצן און נאָרמעס אויף אַ דורכויס רעוואָלוציאָנערן אופן, אַלס פּראָדוקט פון אָריגינעלער פאָלקס־שאַפונג, אַלס אַנטפּלעקונג פון דער זעלבסטטעטיקייט פונעם פאָלק, וואָס האָט זיך באַפרייט אָדער וואָס באַפרייט זיך פון די אַלטע פּאָליציייאישע פּענטעס. דאָס זיינען, ענדלעך געווען טאַקע מאַכט־אָרגאַנען, נישט גע־

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 433

קוקט אויף זייער גאַנצער עמבריאָנעלקייט, סטיכישקייט, נישט־אויסגעפֿורעמטקייט, צעשוומענקייט אינעם באַשטאַנד און אויך אין פֿונקציאָנירן... דאָס זיינען אָן צווייפֿל געווען עמבריאָנען פֿון אַ נייער, אַ פֿאָלקישער, אָדער, אויב איר ווילט, אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. לויט איר סאָציאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער, איז עס געווען אין עמבריאָן, די דיקטאַטור פֿון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פֿונעם פֿאָלק".[1]

די נייטיקייט אונטערצוציען די סך־הכלען פֿון דעם ערשטן יאָר רעוואָלוציע האָט דיקטירט אויך דער אומשטאַנד, וואָס עס איז פֿאַרגעשטאַנען דער פֿאַראייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר מיט די מענשעוויקעס. נעמענדיק אין אַכט די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער וועגן איינשטעלן אַן איינהייטלעכע אָנפֿירונג מיטן קאַמף פֿון די מאַסן, האָבן די באָלשעוויקעס נאָך אויף דער טאַמערפֿאָרסער קאָנפֿערענץ אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אויפֿשטעלן צוריק די איינהייט פֿון דער פּאַרטיי. די באָלשעוויקעס האָבן פֿאָרגעלייגט די מענשעוויקעס צונויפֿצורופֿן אַ פֿאַראייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר. אונטערן דרוק פֿון די מאַסן זיינען די מענשעוויקעס געצוווּנגען געווען איינצוגיין דערויף. פֿאַרטיידיקנדיק די נויטווענדיקייט פֿון אַ פֿאַראייניקונג, איז לענין אין דער זעלבער צייט געווען קעגן פֿאַרהיילן די מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. קריטיקירנדיק די שלום־מאַכער, האָט לענין נאָך אין אָקטאָבער 1905 יאָר געשריבן צו די מיטגלידער פֿון צ. ק.: „מיר טאָרן נישט צונויפֿמישן די פּאָליטיק פֿון פֿאַראייניקן צוויי טיילן מיט צ ו נ ו י פֿ פּ לאָ נ ט ע ר ן ביידע טיילן. פֿאַראייניקן צוויי טיילן — זיינען מיר מסכּים. צונויפֿפּלאָנטערן די צוויי טיילן — קיינמאָל נישט".[2] לענין האָט געפֿאָדערט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן קומען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר מיט זייער אייגענער פּלאַטפֿאָרם איבער אַלע פֿראַגן פֿון דער רעוואָלוציע, כּדי די אַרבעטער זאָלן קלאָר זען דעם פּרינציפּיעלן אונטערשיד צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס און זאָלן קאָנען מאַכן אַ באַוווּסטזיניקן אויסוואַל צווישן זיי.

מיט דעם ציל האָט לענין פֿאַנאַנדערגעאַרבעט צום צוזאַמענפֿאָר די טאַקטישע פּלאַטפֿאָרם פֿון די באָלשעוויקעס. אין פֿעברואַר־מערץ 1906 יאָר איז אָט די פּלאַטפֿאָרם באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ ריי

---

[1] לענין. ווערק, ב. IX, ז. 116, 117.

[2] לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 217.

פּאַרטיי־באַראַטונגען אונטער לענינס אָנפירונג: צוערשט אין קואָקאַ־לאַ (פינלאַנד), אויף דער זומער־ווינונג „וואזא", וווהין לענין איז דעמלט געווען געצוווּנגען אריבערצופאָרן פון פעטערבורג; דערנאָך אין מאָסקווע, ווו לענין האָט בעת איינער אַזאַ באַראַטונג בלויז צופעליק אויסגעמיטן אַן אַרעסט; און, לסוף, אין פעטערבורג. לענין האָט גענומען אַ הייסן אָנטייל אין דער שאַרפער פּאַרצוזאַמענפאָר־דיסקוסיע, אַרויסטרעטנדיק קעגן די מענשעוויסטישע לידערס אויף אַ סך פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אין פעטערבורג.

גרייטנדיק זיך צום צוזאַמענפאָר, האָט לענין אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דער אַגראַר־פראַגע. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער אַגראַר־קאָמיסיע, האָט אָנגעשריבן די בראָשור „דאָס איבערקוקן דעם אַגראַר־פּראָגראַם פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי", ווו ער האָט פאַרטיידיקט און באַגרינדעט די באָלשעוויסטישע טעזע וועגן קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד און נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע ערד אין פאַל ווען די רעוואָלוציע וועט זיגן.

פאַרן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד אויפן צוזאַמענפאָר האָט לענין דורכגעפירט אין פעטערבורג אַ באַראַטונג פון די דעלעגאַטן באָלשעוויקעס. חבר וואָראָשילאָוו וואָס איז געווען דעלעגאַט פון דער לוגאַנסקער אָרגאַניזאַציע און האָט דעמלט צום ערשטן מאָל דערזען לענינען, דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ טיפן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף זיי דער דאָזיקער שמועס לענינס. נאָך די פּאָרטראַגן פון די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג וועגן דער פּאַרטיי־אַרבעט אויף די ערטער האָט וולאַדימיר איליטש קורץ פאָרמולירט די אַלגעמיינע לאַגע און גלייך נאָך דעם גענומען שמועסן מיט די דעלעגאַטן.

„אין די שמועסן האָט וולאַדימיר איליטש אַ סך געוויצלט זיך און צווישן די שפּאַסן האָט ער געשמעלט דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן אַ שלל פאַרשידענע, אָפּט אומגעריכטע פראַגן. אים האָט אינטערעסירט בוכשטעבלעך אַלץ. ער האָט מיט דעם זעלבן אינטערעס אויסגעהערט אי וועגן דעם, ווי עס זיינען דורכגעגאַנגען די וואַלן צו דער מלוכה־דומע, אי וועגן די אינטריגעס פון די מענשעוויקעס, אי וועגן די קאַדעטן, אי וועגן אונדזערע קאַמפּס־דרוזשינעס, וועגן זייער לערע און באַוואָפענונג, וועגן די קאָזאַקן פון די סטאַניצעס, וואָס ביי לוגאַנסק, און וועגן די פויערים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די ערד ביי די פּריצים, אאוו. אאוו.

איך געדענק ווי איצט, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג וולאַדימיר איליטש פלעגט אונטערכאַפּן די אָדער יענע מיטטיילונג, וואָס

האָט אַנטשפּראָכן זײַנע געדאַנקען, האָט באַשטעטיקט זײַנע השערות... סאַמע פּאַרן אַוועקגיין האָט וולאַדימיר איליטש געגומען רעדן וועגן דעם צוזאַמענפאָר און וועגן אונדזערע (באָלשעוויסטישע) פּערספּעקטיוון... איצט האָבן מיר מיט אונדזערע אייגענע אויגן געזען און געהערט דעם, וואָס איז געווען דער ווירקלעכער בויער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און איר אומדערמידלעכער באַוואָכער און פירער.

מיר האָבן געפילט, אַז אונדזער לענין ווייסט גענוי די וועגן און מיטלען צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע און די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן אָנצופירן מיט דער גרויסער באַפרייונגס-באַוועגונג אין רוסלאַנד"[1].

אין אַפּריל 1906 יאָר איז אין שטאָקהאָלם (שוועדן) זיך צונויפגעקומען דער IV, דער „פאַראייניקונגס"-צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ. אויפן צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען בלויז אַ פאָרמעלע פאַראייניקונג. אין תוך גענומען זײַנען די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס געבליבן ביי זייערע אָנשויונגען, מיט זייערע אייגענע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס. אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שאַרפער קאַמף. לענין איז אַרויסגעטרעטן וועגן אַלע גרונט-פראַגן פונעם צוזאַמענפאָר: וועגן דעם אַגראַר-פּראָגראַם, וועגן דער אָפּשאַצונג פונעם מאָמענט און פון די קלאַסן-אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. וועגן דער באַציונג צו דער מלוכה-דומע, וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. אונטער לענינס אָנפירונג האָבן אַלס צוזאַמענבאַהעפטער אַטריאַד געקעמפט זײַנע קאַמפס-חברים און טרייע שילער: סטאַלין, קאַלינין, וואָראָשילאָוו, פרונזע, שאַומיאַן און אַנדערע. די מענשעוויקעס האָבן געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר אַן אומבאַדייטנדיקע קרעפטן-איבערוואָג. די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס זײַנען שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן נאָכן דעצעמבער-אויפשטאַנד, און נישט אַלע האָבן געקאָנט שיקן דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר. די מענשעוויקעס האָבן דורכגעפירט זייערע באַשלוסן אין אַ ריי פראַגן.

לענין איז אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך; ער איז געווען פעסט איבערצייגט אין קינפטיקן זיג איבער די מענשעוויקעס. „איך

---

[1] ק. וואָראָשילאָוו. לענין-סטאַלין און די רויטע אַרמיי, 1934 י. ז. 103—104.

האָב דעמלט דאָס ערשטע מאָל געזען לענינען אין דער ראָל פון אַ באַזיגטן, — דערמאָנט זיך חבר סטאַלין, — ער איז אויף קיין האָר נישט ענלעך געווען אויף יענע פירער, וואָס כניקען און פאַלן אַראָפּ ביי זיך נאָך אַ מפּלה. פאַרקערט, די מפּלה האָט פאַרוואַנדלט לענינען אין אַ קנויל ענערגיע, וואָס דערמוטיקט זיינע אָנהענגער צו נייע שלאַכטן, צום קינפטיקן זיג. איך רעד וועגן לענינס מפּלה. וואָס איז דאָס אָבער געווען פאַראַ מפּלה? ס'איז כדאַי געווען אַ קוק צו טאָן אויף לענינס קעגנער, די זיגער פון שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר — אויף פלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן, מאַרטאָוון און די אַנדערע: זיי זיינען זייער קנאַפּ ענלעך געווען אויף ווירקלעכע זיגער, ווייל לענין האָט אין זיין אָנרחמנותדיקער קריטיק פונעם מענשעוויזם קיין גאַנצן אבר, ווי מע זאָגט עס, אין זיי נישט איבערגעלאָזט. איך געדענק, ווי מיר, די דעלעגאַטן באָלשעוויקעס, האָבן זיך צונויפגענומען אין אַ בינטל און געקוקט אויף לענינען, פרעגנדיק ביי אים אַן עצה. אין די רייד פון אייניקע דעלעגאַטן האָט זיך געלאָזט פילן מידקייט, געפאַלנקייט. עס געדענקט זיך ווי לענין האָט, ענטפערנדיק אויף אַזוינע רייד, בייסיק דורכגעזייט צווישן די ציין „כניקעט נישט, חברים, מיר וועלן זיכער זיגן, ווייל מיר זיינען גערעכט". האָס צו כניקענדיקע אינטעליגענטן, גלייבן אין די אייגענע כוחות, גלייבן אינעם זיג — אָט וועגן וואָס לענין האָט מיט אונדז דאָן גערעדט. ס'האָט זיך געפילט, אַז די מפּלה פון די באָלשעוויקעס איז אַ צייטווייליקע, אַז די באָלשעוויקעס מוזן זיגן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

„נישט כניקען אין פאַל פון אַ מפּלה" — דאָס איז יענע באַזונדערקייט אין לענינס טעטיקייט, וואָס האָט אים געהאָלפן צו באַהעפטן אַרום זיך אַן אַרמיי, וואָס איז איבערגעגעבן ביזן סוף און וואָס גלייבט אין אירע כוחות".[1]

לענין האָט גערופן די באָלשעוויקעס צום אַנטשידענעם, אָפענעם און אָנרחמנותדיקן קאַמף קעגן די מענשעוויקעס, קעגן די אָפּאָרטוניסטישע באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר, קעגן דעם מענשעוויסטישן צ. ק. תיכף נאָכן צוזאַמענפאָר האָט לענין דורכגעפירט אַ באַראַטונג פון די באָלשעוויקעס — די דעלעגאַטן פונעם צוזאַמענפאָר. די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ ווענדונג צו דער פאַרטיי, וואָס לענין האָט פאַרגעלייגט. אין דער ווענדונג איז געגעבן געוואָרן אַ באָלשע-

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 28—29, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

וויסטישע אָפּשאַצונג פון די סך־הכלען פונעם צוזאַמענפאַר, זיינען אויפגעדעקט געוואָרן זיינע גרונט־טעותים (דאָס אָננעמען דעם מענ־שעוויסטישן פּראָגראַם פון מוניציפּאַליזירונג פון דער ערד, דאָס אָפּ־זאָגן זיך פונעם קאַמף קעגן די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס און כאַראַקטעריזירן די מלוכה־דומע אַלס דאָס בעסטע מיטל צו באַ־פרייען דאָס פאָלק פונעם צאַריזם, דאָס פעלן פון אַן אָפּשאַצונג פון דער דערפאַרונג פון די אָקטאָבער־ און דעצעמבער־שלאַכטן פון 1905 יאָר).

נאָכן צוזאַמענפאָר האָט לענין זיך אומגעקערט קיין פּעטער־בורג. דאָ האָט ער געוווינט ביז יאַנואַר 1907 יאָר, ער האָט זיך ווידער באַזעצט אין קואָקאַלאַ אויף דער זומער־וווינונג „וואַזאַ", כדי זיך צו באַהאַלטן פון די פּאָליצייאישע שפּירהינט. אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען, אין אַן אומלעגאַלער לאַגע, אַריבערגייענדיק פון איין דירה אין א צווייטער, נעכטיקנדיק דאָ ביי קרובים, דאָ ביי פריינד און באַקאַנטע, האָט לענין אומדערמידלעך געפירט אַ קאָלאָ־סאַלע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט. ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, האָט געשריבן אַרטיקלען און בראָשורן, האָט דירעקט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי־פּרעסע און מיט דער אַרבעט פון די באָלשעוויקעס צו אָרגאַניזירן די מאַסן. פאַר אָט דער צייט האָט לענין אָנגעשריבן מער ווי הונדערט אַרטיקלען און בראָשורן.

נישט רעכענענדיק זיך מיט דער געפאַר, איז לענין דעם 9 מאַי 1906 יאָר אונטער דעם פאַמיליע־נאָמען קאַרפּאָוו אַרויסגעטרעטן אויף אַ קאָלאָסאַלן מיטינג אין פּאַנינאַס פאָלקס־הויז. דאָרט זיינען בייגעווען אַרבעטער פון אַלע ראַיאָנען פון פּעטערבורג. עס זיינען אַרויסגעטרעטן פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען. דער לעצטער האָט גענומען אַ וואָרט לענין. ער האָט דעמאַסקירט די קאַדעטישע פּאָלי־טיק פון אַן אויסגלייך מיטן צאַריזם אויפן חשבון פון פאָלק. די אונ־טערהאַנדלונגען — האָט אָנגעוויזן לענין, אין זינען האָבנדיק די אונטערהאַנדלונגען, וואָס די קאַדעטן האָבן געפירט מיט די צאַרישע מיניסטאָרן, — זיינען אַ צוגרייטונג צו אַן אויסגלייך; אַן אויסגלייך איז דער פּראַקטישער רעזולטאַט פון אונטערהאַנדלונגען. דער כוח פון דער רעוואָלוציע איז אין דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוווסטזיין פונעם פּראָלעטאַריאַט, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פּאָליטישן באַ־וווסטזיין פונעם פּויערטום. ווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט קריטיקירט

די קאַדעטישע פּאָליטיק, אַנטוויקלט ער דעם דאָזיקן באַוווסטזיין, פאַרשטאַרקט ער די רעוואָלוציע. ווען אַ קאַדעט דרייט דעם פּאָלק דעם קאָפּ מיט זיינע דרשות, פאַרטונקלט ער דעם דאָזיקן באַוווסט־זיין, שוואַכט ער אָפּ די רעוואָלוציע. דעריבער איז אונדזער אויפ־גאַבע, האָט לענין דערקלערט, דעמאַסקירן די קאַדעטן, צעשטערן זייער ווירקונג אויף די מאַסן. מע דאַרף אָנווענדן אַלע כוחות, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויך ביים נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָ־לוציע שפּילן די ראָל פון אַ פירער פון דער זיגרייכער רעוואָלוציאָנע־רער אַרמיי.

לענינס רעדע האָט געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. „נאָכן קאַדעט אָגאָראָדניקאָוו, — דערמאָנט זיך קרופּסקאַיאַ, — האָט דער פאָרזיצער געגעבן אַ וואָרט קאַרפּאָוון. איך בין געשטאַנען צווישן עולם. איליטש איז געווען מוראדיק אויפגערעגט. אַ מינוט צייט איז ער געשטאַנען, שווייגנדיק, אַ שרעקלעך בלאַסער. דאָס גאַנצע בלוט איז אים אָפּ צום האַרצן. און ס'האָט זיך גלייך געלאָזט פילן, ווי די אויפרעגונג פונעם רעדנער גיט זיך איבער דער אוידי־טאָריע. און פּלוצים איז דער זאַל פאַרהילכט געוואָרן מיט אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן — דאָס האָבן די פּאַרטייער דערקענט איליטשן. עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דאָס שטוינענדיקע, אויפגערודערטע פּנים פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר. ער האָט גע־פרעגט: ווער, ווער איז עס? קיינער האָט אים נישט געענטפערט. די אוידיטאָריע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַן אויסערגעוויינלעך ענטוזיאַסטישע שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָנוועזנדיקע נאָך איליטשס רעדע, אין דער דאָזיקער מינוט האָבן אַלע געטראַכט וועגן דעם פאַרשטייענדיקן קאַמף ביזן סוף".[1] אָנגענומען די רעזאָלוציע, וואָס לענין האָט פאָרגעלייגט, זיינען די אַרבעטער, זינגענדיק רע־וואָלוציאָנערע לידער, אַרויס אין גאַס.

די אַרבעטער און די רעוואָלוציאָנערע פּויערים האָבן נאָכן דעצעמבער־אויפשטאַנד גענומען אָפּטרעטן לאַנגזאַם, מיט שלאַכטן. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף האָט זיך זומער און האַרבסט 1906 יאָר ווידער פאַרשטאַרקט. עס האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ כוואַ־ליע פּאָליטישע שטרייקן. עס האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף

[1] נ. ק. קרופּסקאַיאַ. דעריבערונגען וועגן לענינען. ז. 116—117.

פונעם פּויערטום קעגן די פּריצים. אין קראָנשטאַט און אין סוועאַבאָרג זיינען אויפגעשטאַנען די מאַטראָסן.

די באָלשעוויקעס האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרויסלאָזן זייער לעגאַלע צייטונג (נאָך דעם, ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אין דעצעמבער 1906 יאָר פאַרמאַכט די „נאָוואַיאַ זשיזן”). זי איז דערשינען אונטער פאַרשידענע נעמען: „וואָלנאַ”, „וופּעריאָד”, „עכאָ”. לענין האָט רעדאַגירט די דאָזיקע צייטונגען. אויסנוצנדיק די פאַקטן פון דער אַרבעט פון דער I מלוכה־דומע, האָט ער אין זיינע אַרטיקלען דעמאַסקירט די צאַרישע רעגירונג און די קאַדעטן, באַוויזן די פּויערים, אַז זיי האָבן נישט וואָס צו דערוואַרטן פון דער דומע נישט קיין ערד, נישט קיין פרייהייט. ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז דער קייסער וועט צעטרייבן די מלוכה־דומע, האָט שאַרף קריטיקירט די מענשעוויקעס פאַרן שטיצן די קאַדעטן אין דער מלוכה־דומע. אַ שאַרפער קאַמף איז אויסגעבראָכן אַרום דעם קאַדעטישן לאָזונג פון אַ „דומע־מיניסטעריום” (ד. ה. אַ מיניסטעריום, וואָס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דומע) — אַ לאָזונג, וואָס די מענשעוויקעס האָבן אים אונטערגעהאַלטן. קעגן דעם מענשעוויסטישן צ. ק. איז אַרויסגעטרעטן דער באָלשעוויסטישער פּעטערבורגער קאָמיטעט, וואָס אָנגעפירט מיט אים האָט לענין. לענין האָט שאַרף קריטיקירט די אָפּאָרטוניסטישע לאָזונגען, וועלכע דער מענשעוויסטישער צ. ק. האָט אַרויסגערוקט נאָך דעם, ווי אין יולי 1906 יאָר איז צעטריבן געוואָרן די I מלוכה־דומע. אין דער מענשעוויסטישער פּאָליטיק פון וואַקלונגען און אומאַנטשלאָסנקייט האָט לענין אויפגעדעקט דעם עמבריאָן פון דער צוקונפטיקער ליקווידאַטאָריי, דאָס געמיינע אָפּזאָגן זיך פון דעם העלדישן אָקטאָבער־ און דעצעמבער־קאַמף פון די אַרבעטער.

די וואַלן צו דער II מלוכה־דומע האָבן ווידעראַמאָל אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער באַציונג צו דער דומע. אַלס עכטער דיאַלעקטיקער לייזט לענין די דאָזיקע פראַגע, אַרויסגייענדיק נישט פון קיין אַבסטראַקטע מאָטיוון, נאָר פונעם קאָנקרעטן אַנאַליז פון דער סיטואַציע. דער באָיקאָט פון דער ערשטער דומע האָט, אמת, היפּש אַרונטערגעריסן איר אויטאָריטעט, ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַראָפּרייסן זי, ווייל ער איז דורכגעפירט געוואָרן שוין אין אַ סיטואַציע ווען די רעוואָלוציע איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. די וואַלן צו דער II דומע זיינען פאָרגעקומען אין באַדינגונגען פון דעם

נאך אלץ דויערנדיקן אפפלוס פון דער רעוואלוציאנערער כוואליע. אין דער דאזיקער סיטואציע איז נויטווענדיק געווען אויסצונוצן די מלוכה־דומע און די וואלן צו איר פאר רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע. אין 1905 יאר האט לענין געלערנט די פארטיי די קונסט פון רעוואלוציאנערן אנגריף, איצט לערנט ער די פארטיי, ווי אזוי ריכטיק און ארגאניזירטערהייט אפצוטרעטן, אפטרעטן די לעצטע, כדי אנזאמלען כוחות און ווידער אריבערגיין אין א נאך מעכטיקערן אנגריף קעגן שונא.

די מענשעוויקעס זיינען ארויסגעטרעטן פאר א וואל־פארשטענדיקונג מיט די קאדעטן, פאר שטיצן די קאדעטן אין דער דומע. די באלשעוויקעס האבן פארטיידיקט די פולע זעלבשטענדיקייט פון דער פארטיי אין דער וואל־קאמפאניע און די טאקטיק פון א „לינקן בלאק” בעת די וואלן און אין דער דומע גופא, דאס הייסט די טאקטיק פון א פארשטענדיקונג מיט די אזוי גערופענע ארבעטס־פארטייען אלס פארשטייער פון דער דעמאקראטישער קליין־בורזשואזיע פון שטאט און דארף.

א באזונדערס שארפן כאראקטער האט באקומען דער קאמף קעגן די מענשעוויקעס אין פעטערבורג. די קאנפערענץ פון דער פעטערבורגער ארגאניזאציע פון דער רסדאפ האט אין יאנואר 1907 יאר אנגענומען לענינס פארשלאגן אויפן סמך פון זיין פארטראג. געליטן דא א גרויסע מפלה, האבן די מענשעוויקעס, אונטערגעשטיצט פון צ. ק., ווו די מענשעוויקעס האבן געהאט אן איבערוואג, גענומען זיך פאר דעזארגאניזאטארישע, שפאלטערישע מעשים. לענין האט באוויזן, ווי אזוי די מענשעוויקעס פארקויפן די קאדעטן הינטערן רוקן פון די ארבעטער־מאסן די שטימען פון די ארבעטער. לענינס בראשור „די וואלן אין פעטערבורג און די צביעות פון די 31 מענשעוויקעס” און אנדערע זיינע ארויסטרעטונגען האבן פולשטענדיק דעמאסקירט די מענשעוויקעס. דער מענשעוויסטישער צ. ק. האט צוגעצויגן לענינען צום פארטיי־געריכט. דער דאזיקער באשלוס פון צ. ק. האט ארויסגערופן א געוואלדיקע אויפרעגונג אין די פארטיי־ארגאניזאציעס. לענין איז ארויסגעטרעטן אויפן געריכט מיט א שארפער דעמאסקירונגס־רעדע: דעם געריכט איבער זיך האט לענין פארוואנדלט אין א געריכט איבער די מענשעוויקעס, איבער דעם מענשעוויסטישן צ. ק. לענין האט קלאר און אפן דערקלערט, אז מיט זיינע שארפע ארויסטרעטונגען קעגן די מענשע-

וויקעם האט ער געשטרעבט „ארויסצורופן אין דער מאסע האס, עקל, פאראכטונג צו די דאזיקע מענטשן, וועלכע *האבן אויפ־געהערט* צו זיין מיטגלידער פון אן איינהייטלעכער פארטיי, וועלכע זיינען געווארן פאליטישע שונאים, וואס שטעלן אונטער א פיסל אונדזער ס.־ד.־ארגאניזאציע אין איר וואל־קאמפאניע. בנוגע *אזוינע* פאליטישע שונאים האב איך געפירט דעמלט — און אויב עס וועט זיך איבערחזרן און אנטוויקלען די שפאלטונג, *וועל איך שטענדיק פירן א קאמף א פארניכטנ־דיקן*".[1] פארויספילנדיק זיין פולע מפלה, האט דער מענשעוויסטי־שער צ. ק. ליקווידירט דעם ענין.

דער אנגריף פון דער רעאקציע האט זיך אלץ פארשטארקט. לענין פארפעסטיקט ענערגיש דעם אומלעגאלן פארטיי־אפאראט. עס ווערט אלץ שווערער רעגולער ארויסצולאזן א לעגאלע צייטונג. אין יולי 1906 יאר האט די צארישע רעגירונג פארמאכט די לעגאלע באלשעוויסטישע צייטונג „עכא"; פון אויגוסט אן האבן די באל־שעוויקעס ווידער אנגעהויבן ארויסלאזן דעם אומלעגאלן „פראלע־טארי" אונטער לענינס רעדאקציע. אין יעדן נומער פלעגן דער־שיינען זיינע ארטיקלען.

אין פעברואר 1907 יאר האט זיך געעפנט די II מלוכה־דומע. אפעלירנדיק מיט די קאנקרעטע פאקטן פון איר טעטיקייט, פלעגט לענין אויף די שפאלטן פון „פראלעטארי" און פונעם פאפולערן אר־גאן „וופעריאד", ווי אויך פון די באלשעוויסטישע לעגאלע צייטונגען „נאווי לוטש" און „נאשע עכא" דעמאסקירן די מאנעוורען פון דער צארישער רעגירונג; ער האט באוויזן, ווי אזוי די קאדעטן גייען אויף אן אײנגלייך מיט דער מאנארכיע, ווי אזוי זיי פאראטן און פארקויפן די אינטערעסן פונעם פאלק. לענין האט פארויסגעזאגט, אז די זעלבסטהערשונג וועט אינגיכן צעטרייבן אויך די II מלוכה־דומע, אז די שווארצמאהניקעס גרייטן א מלוכה־איבערקערעניש. דער אפארטוניסטישער טאקטיק פון די מענשעוויקעס, וועלכע האבן איבערגעחזרט די קאדעטישע לאזונגען, האט לענין קעגנגעשטעלט די באלשעוויסטישע טאקטיק, וואס איז געווען אויסגערעכנט אויף אפרייסן פון די קאדעטן די קליינבירגערלעך־דעמאקראטישע, אין דער ערשטער ריי — די פויערישע עלעמענטן. געדולדיק און גענייט

[1] לענין. ווערק, ב. XI, ז. 221.

האָט לענין געלערנט מיט די אַרבעטער־דעפּוטאַטן די קונסט פון רעוואָלוציאָנערן אויסנוצן די צאַרישע דומע.

דערשלאָגן זיך אין עקשנותדיקן קאַמף די באַהעפטונג פון דער מערהייט פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַרום די באָלשעוויקעס, באַמיט לענין זיך, אַז ס'זאָל צונויפגערופן ווערן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. ער הייבט זיך אָן אַקטיוו גרייטן צו אים. ער דעמאַסקירט און וואַרפט אָפּ דעם מענשעוויסטישן לאָזונג פון אַן „אַרבעטער־צוזאַמענפאָר" אַלס פּרווו צו ליקווידירן די פּאַרטיי און לאָזן זי צעשווומען ווערן אין דער קליינבירגערלעכער מאַסע.

אין אַפּריל—מאַי 1907 יאָר קומט פאָר אין לאָנדאָן דער 5 צו־זאַמענפאָר פון דער רסדאפּ. לענין האָט צוזאַמען מיט אַנדערע לעני־ניסטן געפירט אויפן צוזאַמענפאָר אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן די מענשעוויקעס און קעגן טראָצקין, וועלכער האָט געפּרוווט צונויפשטיקעווען אַן אייגענע צענטריסטישע גרופּע. אין דער רעזאָ־לוציע איבער לענינס פּאַרטראַג וועגן דער באַציונג צו די בורזשואַזיע פּאַרטייען, האָט דער צוזאַמענפאָר געגעבן אַ באָלשעוויסטישע אָפּ־שאַצונג וועגן די אַלע פּאַרטייען און האָט פאָרמולירט די באָלשע־וויסטישע טאַקטיק בנוגע זיי: פירן אַן אומרחמנותדיקן קאַמף קעגן די שוואַרצמאַהניקעס און אָקטיאָבריסטן; אַנטשיידן דעמאַסקירן די קאַדעטן און פירן אַ קאַמף קעגן זייערע פּרווון צו שטעלן זיך בראש פונעם פּויערטום; דעמאַסקירן די פּרווון פון די אַזוי גערופענע פאָלקיסטישע אָדער אַרבעטס־פּאַרטייען (פאָלקס־סאָציאַליסטן, אַר־בעטס־גרופּע, עסערן) צוצודעקן זיך מיט אַ סאָציאַליסטישער מאַסקע, האַלטן פאַר דערלאָזבאַר צו שליסן מיט זיי באַזונדערע פאַרשטענ־דיקונגען אין קאַמף קעגן דעם צאַריזם און קעגן די קאַדעטן, אויף וויפל די דאָזיקע פּאַרטייען האָבן דעמלט אויסגעדריקט די אינטע־רעסן פון דער קליין־בורזשואַזיע אין שטאָט און דאָרף.

דער 5־טער צוזאַמענפאָר האָט באַדייט אַ גרויסן זיג פון די באָל־שעוויקעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער זיג האָט אָבער נישט אַרויסגערופן ביי לענינען קיין קאָפּשווינדל. „איך האָב דאָן דאָס ערשטע מאָל געזען לענינען אין דער ראָל פון אַ זיגער, — דערמאָנט זיך חבר סטאַלין. — אַנדערע פירער קריגן געוויינלעך קאָפּשווינדל פון אַ נצחון, זיי פאַררייסן די נאָז און בלאָזן פון זיך. אָפטער פון אַלץ הייבט מען אָן אין אַזעלכע פאַלן טריומפירן, רוען אויף די לאָר־בער־קרענץ. נאָר לענין איז אויף קיין האָר נישט ענלעך געווען אויף

אַזעלכע פירער. פאַרקערט, דווקא נאָך אַ נצחון פלעגט ער ווערן באַזונדערס וואַכזאַם און פאָרזיכטיק. עס געדענקט זיך, ווי לענין האָט דאַן עקשנותדיק איינגעטענהט מיט די דעלעגאַטן: צום אַלעם-ערשטן — נישט פאַרבלינעט ווערן פונעם זיג און נישט איבערנע-מען זיך; צווייטנס — פאַרפעסטיקן פאַר זיך דעם זיג; דריטנס — צעקלאַפּן ביזן סוף דעם קעגנער, ווייל ער האָט בלויז געכאַפּט קלעפּ, ער איז נאָך אָבער ווייט נישט צעקלאַפּט ביזן סוף". ער האָט ביי-סיק אויסגעלאַכט יענע דעלעגאַטן, וואָס האָבן לייכטזיניק פאַרזי-כערט, אַז „פון היינט אָן איז אַ סוף צו די מענשעוויקעס". ס'איז אים נישט שווער געווען צו דערווייזן, אַז די מענשעוויקעס האָבן נאָך אַלץ וואָרצלען אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַז מע דאַרף קעגן זיי קעמפן געניט, אויסמיידנדיק מיט אַלע מיטלען דאָס איבערשאַצן די אייגענע קרעפטן און, איבערהויפּט, דאָס נישט דערשאַצן די קרעפטן פונעם קעגנער.

„נישט איבערנעמען זיך מיטן זיג" — דאָס איז יענע באַזונדער-קייט אין לענינס כאַראַקטער, וואָס פלעגט אים העלפן ניכטער אָפּ-צוּוועגן דעם קעגנערס קרעפטן און אָפּהיטן די פּאַרטיי פון מעגלעכע אומגעריכטקייטן".[1]

לענינס פאָרויסזאָגונגען זיינען מקוים געוואָרן: די צאַרישע רעגירונג האָט צעטריבן די II מלוכה-דומע, אַרעסטירט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דומע-פראַקציע און געענדערט דעם וואַל-געזעץ, — דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע איבערקערעניש פון דריטן יוני. דער צאַריזם האָט פאַרגעזעצט זיין אָנגריף. די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה.

לענין מערקט אָן די נייע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אין צוזאַ-מענהאַנג מיט דער נייער סיטואַציע. ער מאַכט טיל-טעל פון די מענ-שעוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יעטווועדער רעוואָלו-ציאָנערער אַרבעט און האָבן גערופן די פּאַרטיי צום אָרגאַנישן אָנ-טייל אין דער דומע אין בלאָק מיט די קאַדעטן. גלייכצייטיק ווענדט ער דעם שאַרפן שווערד פון זיין קריטיק קעגן די באָיקאָטיסטן (קאַמעניעוו, באָגדאַנאָוו און אַנד.), וועלכע האָבן פאַרגעלייגט צו באָיקאָטירן די דומע און האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן דעם, אַז

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 29, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

די פּאַרטיי זאָל אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן אויסנוצן די דומע־טריבונע.

אין יולי 1907 יאָר איז לענין אַרויסגעטרעטן אויף דער קאָנפֿע־רענץ פֿון דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע פֿון דער רסדאַפּ. „כ׳בין געווען אין טעריאָקי אויף דער פּיטערער קאָנפֿערענץ, ווו עס האָט זיך געלייזט די פֿראַגע וועגן דער באַציונג צו דער מלוכה־דומע, — האָט געשריבן איינע אַ דעלעגאַטקע צו אירע חברים. — כ׳האָב געהערט לענינען און בין אַנטציקט געוואָרן. לענין איז פֿאַר אַנטייל־נעמען אין די וואַלן... הערן די לידערס איז אונדז אויסגעקומען אין שווידערלעכע באַדינגונגען: צוערשט האָט מען זיך פֿאַרזאַמלט ביי אַ שענקער אין אַ דירה, — איז ווי נאָר לענין האָט אָנגעהויבן, איז געקומען דער באַלעבאָס און האָט געזאָגט, אַז די פּאָליציי סטראַ־שעט אים מיט פֿאַרמאַכן די שענק. איז מען אַוועק אין וואַלד. פֿון קאָנספּיראַציע וועגן איז מען געגאַנגען איינציקווייז, און אַ רעגן האָט געגאָסן ווי פֿון אַ צעבער, ער האָט אָפּילו נישט געלאָזט אַ רע־זאָלוציע אָננעמען״.[1] אויף דער פּעטערבורגער קאָנפֿערענץ האָט לענין אין רעזולטאַט פֿון אַן עקשנותדיקן קאַמף געזיגט. גלייך נאָך דעם האָט לענין אויך אויף דער III און אויף דער IV קאָנפֿערענץ פֿון דער רסדאַפּ אין יולי און אין נאָוועמבער 1907 יאָר זיך דער־שלאָגן דערצו, אַז עס האָט געזיגט זיין ליניע.

אין אויגוסט 1907 יאָר איז לענין אַרויסגעפֿאָרן קיין שטוטגאַרט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. דאָ באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אינעם קאַמף, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט צווישן די רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. צוזאַ־מען מיט ראָזע לוקסעמבורג האָט לענין אַריינגעטראָגן די היסטאָ־רישע „אויסבעסערונגען״ אין דער רעזאָלוציע וועגן דעם קאַמף קעגן מיליטאַריזם, ווו ער האָט קלאָר און בולט אָנגעוויזן, אַז די אויפֿגאַבע פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען איז נישט בלויז קעמפֿן קעגן דער אַנטשטייונג פֿון מלחמה, נאָר אויך אויסנוצן פֿאַר דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע דעם קריזיס, וואָס די מלחמה שאַפֿט.

בעתן קאָנגרעס האָט לענין צונויפֿגערופֿן אַ באַראַטונג פֿון די לינקע, כדי צו באַהעפֿטן זיי אין קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן און צענטריסטן פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

---

[1] „רויטער אַרכיוו״, 1934, ב. I. (62), ז. 209—210.

פון שטוטגאַרט האָט זיך לענין אומגעקערט קיין פינלאַנד. נאָר זיין דאָ איז געוואָרן אַלץ געפערלעכער. לענין פאָרט אַריבער פון קואָקאָלאַ קיין אַגלבין (אַ קליינע סטאַציע ביי העלסינפאָרס), ווו מע האָט אויך נישט געקאָנט לאַנג בלייבן. די צאַרישע שפּיאָנען האָבן געזוכט לענינען; דער צאַריזם האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיטן פירער פון דער רעוואָלוציע. דער באָלשעוויסטישער צענטער האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, אַז לענין זאָל אַריבערפאָרן קיין אויסלאַנד.

אַרויסקלייבן זיך פון פינלאַנד איז געווען נישט לייכט. זעצן זיך אין פּאָרט אויף אַ דאַמפער איז געווען ריזיקאַליש: מע האָט אים געקאָנט אַרעסטירן. האָט זיך דאַן לענין אַוועקגעלאָזט ביינאַכט איבערן אייז צו איינעם פון די אינדזלען, כדי דאָרטן זיך זעצן אויפן דאַמפער. דאָס אייז איז נישט געווען קיין פעסט, אין איין אָרט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון אונטער די פיס. שפּעטער פלעגט לענין זיך דערמאָנען, אַז אין דעם מאָמענט האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „עך, ווי נאַריש עס קומט אוים אומצוקומען". אָט אַזוי האָט זיך לענינען אין דעצעמבער 1907 יאָר מיט גרוים געפאַר פאַרן לעבן איינגעגעבן אַריבערקלייבן זיך קיין אויסלאַנד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן לענינס צווייטע, לענגערע עמיגראַציע.

VI

דעם 25 דעצעמבער 1907 יאָר איז לענין געקומען צו פאָרן קיין זשענעווע. שווער איז געווען ווידער אומצוקערן זיך פון רוסלאַנד צוריק אין דער דאָזיקער פאַרשלאָפענער קליינבירגערלעכער שטאָט. „ביי מיר איז אַזאַ געפיל, פונקט ווי איך וואָלט געקומען אַהערצו זיך לייגן אין קבר אריין", האָט געזאָגט לענין שוין דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען קיין זשענעווע. — ס'איז טרויעריק, דער טייוול זאָל עס נעמען, ווידער זיך אומצוקערן צוריק אין דער פאַרשאָלטענער זשענעווע, — האָט ער געשריבן אין יאַנואַר 1908 יאָר, — נאָר גאָרנישט צו מאַכן!".[1]

די צווייטע עמיגראַציע איז געווען פיל שווערער פון דער ערשטער. דעמלט, אָנהייב XX יאָרהונדערט, איז אויסגעקומען צו לעבן און אַרבעטן אין אַ סיטואַציע, ווען די רעוואָלוציע האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן. די ידיעות פון רוסלאַנד פלעגן רעדן וועגן דעם וווּקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועגן דער דערפאָלגרייכער בויונג פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי, וועגן דעם זיג פון דער „איסקראַ" אין קאַמף פאַר דער פּאַרטיי. גאָר אַן אַנדערע איז געווען די סיטואַציע אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער עמיגראַציע. די רעוואָלוציע האָט געליטן אַ מפּלה, די רעאַקציע האָט זיך גענומען ברוטאַל אָפּרעכענען זיך מיט די רעוואָלוציאָנערן, די פּאָליציי גראָמירט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, אין די מאַסן האָט זיך געלאָזט פילן אַ מידקייט, ביי די מיטלויפער פון דער רעוואָלוציע, באַזונדערס צווישן דער אינטעליגענץ, זיינען געווען אַ סך פאַלן פון פאַראַט, רענעגאַטישקייט, נידערטרעכטיקן אָפּזאָגן זיך פון דער רעוואָלוציע, פון דער פּאַרטיי.

---

[1] לענין-זאַמלונג, XXVI, ז. 34.

די יאָרן פון רעאַקציע האָבן אָבער נישט נאָר נישט איינגע־בראָכן לענינען, נאָר פאַרקערט, נאָך פעסטער איז געוואָרן זיין ווילן, נאָך עקשנותדיקער און אומקאָמפּראָמיסלעכער איז געוואָרן זיין קאַמף קעגן די שונאים פון דער פּאַרטיי. לענין איז געווען פול מיט גלויבן אין די קרעפטן פונעם אַרבעטער־קלאַס, אין דער אומפאַר־מיידלעכקייט פון אַ נייער רעוואָלוציע. שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל נאָכן קומען קיין זשענעווע האָט לענין געשריבן: „מיר האָבן גע־קאָנט לאַנגע יאָרן אַרבעטן ביז דער רעוואָלוציע. נישט אומזיסט האָט מען אונדז אָנגערופן מויערפעסטע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אויסגעבויט אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וועלכע וועט נישט פאַרלירן דעם מוט דערפון, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן דער ערשטער קריגס־אָנגריף, וועט נישט פאַרלירן דעם קאָפּ, וועט זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין אַוואַנטורעס. די דאָזיקע פּאַרטיי גייט צום סאָציאַליזם, נישט פאַרבינדנדיק זיך און דעם אייגענעם גורל מיטן רעזולטאַט פון דעם אָדער יענעם פּעריאָד פון בורזשואַזע רעוואָלו־ציעס. טאַקע דעריבער איז זי פריי אויך פון די שוואַכע זייטן פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס. און די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי גייט צום זיג".[1]

לענין האָט זיך תיכף גענומען צום אָרגאַניזירן דאָס אַרויסלאָזן אין אויסלאַנד דעם באָלשעוויסטישן פּאַרטיי־אָרגאַן „פּראָלעטאַרי". אין די באַדינגונגען פון גרויזאַמער רעאַקציע האָט לענין געהאַלטן די צייטונג פאַרן וויכטיקסטן מיטל צו זאַמלען, באַהעפטן און דער־ציען די באָלשעוויסטישע קאַדרען, ער האָט דערזען אין איר דאָס וויכטיקסטע געצייג אידעיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צוצוגרייטן די פּאַרטיי צו אַ נייעם אויפשטאַנד פון דער רעוואָלוציע. שוין אין אַ חודש אַרום האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצולאָזן דעם „פּראָלעטאַרי". אָבער גאָר אינגיכן האָבן זיך אין דער רעדאַקציע, וואָס אין איר זיינען אַריין לענין, דובראָווינסקי און באָגדאַנאָוו, צעפּלאַקערט ערנסטע מיינונגס־פאַרשידנהייטן.

אין די באַדינגונגען פונעם זיג פון דער רעאַקציע האָבן זיך פאַר־שטאַרקט די פּרוּוון פון די „קריטיקער" פונעם מאַרקסיזם צו פאַר־קריפּלען, פאַרדרייען די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע. די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אָנגעגריפן אויך אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט. פון

[1] לענין. ווערק, ב. XII, ז. 126.

די שפּאַלטן פון דער בורזשואַזער פּרעסע האָבן זיך געגאָסן מוטנע
שטראָמען מיסטיציזם, פּאָרנאָגראַפיע, ירידה-שטימונגען, רעליגיע.
אַ שלל בורזשואַזע שרייבערלעך האָבן אָנגעהויבן אַ מאַרש קעגן
דעם מאַרקסיזם. די אַגענטור פון דער בורזשואַזיע אין דער אַרבע-
טער-באַוועגונג האָט זיך איינגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן מאַרש פון
דער רעאַקציע.

אייניקע ליטעראַטאָרן, וועלכע האָבן זיך פריער געהאַט אָנגע-
שלאָסן אין די באָלשעוויקעס (באָגדאַנאָוו און אַנד.), און אויך אַ ריי
מענשעוויסטישע שרייבער האָבן פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ „קריטיק"
פון מאַרקסיזם, פון זיינע פילאָזאָפיש-טעאָרעטישע און וויסנשאַפט-
לעך-היסטאָרישע יסודות. אָנשטאָט דעם מאַרקסיסטישן פילאָזאָ-
פישן מאַטעריאַליזם האָבן זיי געוואָלט אונטערדרוקן אַ ראַפינירטן
אידעאַליזם, אייניקע פון זיי (די אַזוי גערופענע „גאָטזוכער" און
„גאָטבויער") האָבן אָנגעהויבן פּריידיקן די נייטיקייט פון אַ נייער
רעליגיע, פאַרטונקלענדיק דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטער-מאַסן
מיט רעליגיעזן נאַרקאָז. זייער פּאַראַט בנוגע דעם מאַרקסיזם האָבן
זיי צביעותדיק צוגעדעקט מיטן פּלאַן פון „פאַרטיידיקן" דעם מאַרק-
סיזם. זייער „קריטיק" האָט זיך צונויפגעשלאָסן מיטן מאַרש פון
דער רעאַקציע קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער רעוואָלוציע, מיטן
אָנגריף פון די מערב-אייראָפּעישע רעוויזיאָניסטן קעגן דעם מאַרק-
סיזם.

אין אָט די באַדינגונגען איז די נייטיקייט צו דעמאַסקירן און
צו צעקלאַפּן די שונאים פון מאַרקסיזם געוואָרן באַזונדערס אַקטועל.
דער קאַמף פון דער פּאַרטיי אויפן טעאָרעטישן פראָנט איז געוואָרן
די גרונט-אויפגאַבע. די רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט, אויפגע-
הויבן צום פּאָליטישן לעבן נייע פלאַסטן, אין דער פּאַרטיי זיינען
געקומען אַ סך נייע טוער. קיין אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטישע
וועלט-אָנשויונג האָבן זיי נישט געהאַט, און בכלל האָט זי זיך ביי
זיי נישט געקאָנט מיטאַמאָל אויסבילדן. לענין האָט אין 1908 יאָר
געשריבן: „ווען די מאַסן האַלטן אין איבערקאָכן די נייע און אומ-
געהייער רייכע דערפאַרונג פון אוממיטלבאַר-רעוואָלוציאָנערן
קאַמף, דעמלט ווערט דער טעאָרעטישער קאַמף פאַר אַ רעוואָלו-

ציאָנערער וועלט־אָנשויונג, דאָס הייסט, פאַרן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, דער לאָזונג פון טאָג״.[1]

אָנהייב 1908 יאָר איז אַרויס אַ זאַמלבוך פון די מאַכיסטן (אָנ־הענגער פונעם עסטרייכישן פיזיקער און פילאָזאָף אידעאַליסט מאַך) אונטערן נאָמען „עטיודן וועגן דער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם״. אין זאַמלבוך זיינען געווען צונויפגעקליבן איינינעם אַלע פאַרגרייזונגען און פאַרקריפּלונגען פונעם מאַרקסיזם, וועלכע די מאַכיסטן האָבן אונטערגעטראָגן אונטער דעם פאָן פון „פאַרטיידיקן״ דעם מאַרקסיזם. לענין האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז געקומען דער מאָמענט אָנצוהייבן אַן אָפענעם קאַמף אויף צו צעקלאַפּן ביזן סוף די דאָזיקע אַנטימאַרקסיסטישע שטרעמונג.

„איצט זיינען אַרויס „עטיודן וועגן דער פילאָזאָפיע פונעם מאַרקסיזם״, — האָט ער געשריבן צו גאָרקין דעם 25 פעברואַר 1908 יאָר. — איך האָב איבערגעלייענט אַלע אַרטיקלען אַחוץ סוואָראָווס (אים לייען איך) און וואָס אַן אַרטיקל מער, בין איך געוואָרן פשוט אויסער זיך פון צאָרן. ניין, דאָס איז נישט מאַרקסיזם! און עמ־קריכן עם אונדזערע עמפּיריאָקריטיקער, עמפּיריאָמאָניסטן און עמ־פּיראָסימבאָליסטן אין בלאָטע אַריין. איינרעדן דעם לייענער, אַז „גלייבן״ אין דער רעאַלקייט פון דער אויסערלעכער וועלט איז „מיס־טיק״ (באַזאַראָוו), צונויפפּלאָנטערן אויפן סאַמע מיאוסטן אופן דעם מאַטעריאַליזם מיט דער קאַנטיאַנערײ (באַזאַראָוו און באָגדאַנאָוו), פּריידיקן אַ וואַריאַנט פון אַגנאָסטיציזם (עמפּיריאָקריטיציזם) און פון אידעאַליזם (עמפּיריאָמאָניזם), — לערנען די אַרבעטער „רעלי־גיעזן אַטעיזם״ און „פאַרגעטערונג״ פון די העכסטע מענטשלעכע פּאָטענצן (לונאַטשאַרסקי), — דערקלערן אַלס מיסטיק ענגעלסעס לערע וועגן דיאַלעקטיק (בערמאַן), — שעפּן פון דעם עיפּושדיקן קוואַל פון עפּעס פראַנצויזישע „פּאָזיטיוויסטן״ — אַגנאָסטיקער אָדער מעטאַפיזיקער, דער רוח ווייסט זיי, מיט דער „סימבאָלישער טעאָריע פון דערקענטעניש״ (יושקעוויטש)! ניין, דאָס איז שוין צופיל. פאַרשטייט זיך, מיר, פּשוטע מאַרקסיסטן, זיינען אין פילאָ־זאָפיע נישט קיין באַלעזענע, — וואָס־זשע אָבער דאַרף מען אונדז שוין אַזוי באַליידיקן, אַז מע זאָל אַזאַ זאַך אונדז דערלאַנגען אַלס פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם! איך וועל זיך גיכער לאָזן צערייסן אויף

---

[1] לענין. ווערק, ב. XII, ז. 393.

שטיקער, איידער איך וועל מסכים זיין אַנטייל צו נעמען אין אַן אָרגאַן אָדער אין אַ קאָלעגיע, וואָס פּריידיקט אַזוינע זאַכן".[1]

אין צוזאַמענהאַנג מיט מאַרקס פינף-און-צוואַנציקסטן יאָרצייט איז אין אַפּריל 1908 יאָר דערשינען לענינס אַרטיקל „מאַרקסיזם און רעוויזיאָניזם". אין דעם אַרטיקל האָט לענין באַוויזן, וויאַזוי די שונאים פון מאַרקסיזם האָבן נאָכן זיג פונעם מאַרקסיזם אין דער אַרבעטער-באַוועגונג געענדערט זייערע קאַמפּס-מעטאָדן און האָבן אונטערן שלייער פון אויסבעסערונגען צו מאַרקסן, פון איבער-קוקן מאַרקסן, פון „רעווידירן" דעם מאַרקסיזם אָנגעהויבן אַרונ-טערצורייסן דעם מאַרקסיזם. לענין האָט אויפגעדעקט דעם אידעישן אינהאַלט פונעם רעוויזיאָניזם אין געביט פון פילאָזאָפיע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, האָט אַנטבלויזט זיינע קלאַסן-וואָרצלען, האָט באַוויזן, אַז דער קאַמף קעגן רעוויזיאָניזם איז אַ קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

„דאָס, וואָס איצט לעבן מיר איבער אָפטמאָל בלויז אידעיש: — האָט געביאיש געשריבן לענין אין דעם דאָזיקן אַרטיקל — די שטרייטן קעגן די טעאָרעטישע אויסבעסערונגען צו מאַרקסן, — דאָס, וואָס איצט רייסט זיך עם דורך אין דער פּראַקטיק בלויז אין איינצלנע פּרט-פראַגן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס טאַקטישע מיינונגס-פאַרשידנהייטן מיט די רעוויזיאָניסטן און שפּאַלטונגען אויף דעם דאָזיקן באָדן, — דאָס וועט נאָך זיכער אויסקומען איבערצולעבן דעם אַרבעטער-קלאַס אין אומפאַרגלייכלעך גרעסערע מאַסשטאַבן, ווען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט פאַרשאַרפן אַלע שטרייט-פראַגן, וועט קאָנצענטרירן אַלע מיינונגס-פאַרשידנהייטן אויף די פונקטן, וואָס האָבן די סאַמע אוממיטלבאַרע באַדייטונג ביים באַ-שטימען די אויפפירונג פון די מאַסן, וועט צווינגען אין ברען פון קאַמף אָפּטיילן די שונאים פון די פריינד, אַרויסוואַרפן די שלעכטע פאַרבינדעטע, כדי צו דערלאַנגען אַנטשיידענע קלעפּ דעם שונא.

דער אידעישער קאַמף פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם קעגן דעם רעוויזיאָניזם סוף XIX יאָרהונדערט איז בלויז אַ פאַרשפּיל צו די גרויסע רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVIII, ז. 528—529.

נייט פאַרויס צום פּולן נצחון פון זיין זאַך טראָץ אַלע וואַקלונגען און שוואַכקייטן פונעם קליינבירגערטום".[1]

דאָס אַרטיקל האָט באַדייט, אַז ס'איז אָפן דערקלערט געוואָרן מלחמה דעם רעוויזיאָניזם, אַלע און אַלערליי איבערגעבוירענע לייט אויפן געביט פון דער טעאָריע פונעם מאַרקסיזם. לענינען האָט טיף אויפגעבראַכט די פּאָזיציע, וועלכע קאַוטסקי האָט פאַרנומען בנוגע דעם פילאָזאָפישן רעוויזיאָניזם, אַ פּאָזיציע פון „נישט אַריינמישן זיך", און אין תוך גענומען — פון געבן אַ הכשר; אים האָט טיף אויפגעבראַכט אויך דאָס, וואָס אויך פּלעכאַנאָוו האָט זיך אָפּגע־פּטרט מיט עטלעכע אומבאַדייטנדיקע אַרטיקלען קעגן דעם מאַכיזם. לענין האָט געשריבן, אַז פּלעכאַנאָוו וויל נישט, אָדער קאָן נישט אַרויסטרעטן פעסט און אַנטשידן קעגן באָגדאַנאָווס פילאָזאָפיע און אַז ער, לענין, וועט „פאַר יעדן פּרייז" זאָגן עס „אויף זיין שטי־גער".

לענין האָט זיך מיט דער גרעסטער ענערגיע גענומען צום שטו־דירן די ווערק פון די רוסישע מאַכיסטן. עס איז אים אויסגעקומען אַפילו דעם „פּראָלעטאַרי" אָפּגעבן ווייניק אויפמערקזאַמקייט. „די צייטונג פאַרוואַרף איך, ווייל איך בין ביז איבערן קאָפּ אַריינגע־טאָן און פילאָזאָפיע"[2] — האָט ער געשריבן צו גאָרקין אין מערץ 1908 יאָר. ער שטודירט די שרייבערייען פון די פילאָזאָפישע לערער פון די רוסישע מאַכיסטן — מאַך, אַווענאַריוס, יום, בערקלי און פון זייערע נאָכפאָלגער. לענין באַגנוגנט זיך אָבער נישט דערמיט, — ער שטודירט זאָרגפעליק די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור, באַזונדערס איבער די פראַגן פון טעאָרעטישער פיזיק. אין דער צווייטער העלפט מאַי פאָרט ער אַרויס קיין לאָנדאָן, וווּ ער אַרבעט ביי אַ חודש צייט אין בריטישן מוזיי.

סוף יוני האָט לענין געשריבן צו די קרובים: „די קרענק מיינע האָט שטאַרק פאַרהאַלטן מיין אַרבעט איבער פילאָזאָפיע. איצט אָבער בין איך כמעט אינגאַנצן געזונט און כ'וועל דעם בוך אָנ־שרייבן אומבאַדינגט. איך האָב אַ סך געאַרבעט איבער די מאַכיסטן און איך מיין, אַז איך האָב אַלע זייערע אומבאַשרייבלעכע באַנאַל־

[1] לענין. ווערק, ב. XII, ז. 189.

[2] לענין. ווערק, ב. XXVIII, ז. 534.

קייטן (פונעם „עמפיריאָמאָניזם אויך) צעקייט".[1] צוגעטרעטן צו דער אַרבעט איבערן בוך אין פעברואַר, האָט אים לענין אין אָקטאָבער 1908 יאָר פאַרענדיקט.

האָט מען אָנגעהויבן ענערגיש זוכן אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל מסכים זיין לעגאַל אַרויסלאָזן דאָס בוך אין רוסלאַנד. ענדלעך איז שוין אַ פאַרלעגער פאַראַן. דאָס בוך איז אין זאַץ. „וועגן איינס און בלויז וועגן איינס טרוים איך איצט אין בעט, — האָט ער געשריבן צו דער שוועסטער אין פעברואַר 1909 יאָר: — וועגן פ אַ ר ש נ ע ל ע ר ן אַרויסלאָזן דאָס בוך".[2] אין אַ חודש אַרום, אין מערץ, האָט ער ווידער אָנגעוויזן: „און פאַר מיר איז באמת ג ע וו אַ ל ד י ק וויכטיק, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסגיין גיכער. מיט זיין דערשיינען זיינען ביי מיר פאַרבינדן נישט בלויז ליטעראַרישע, נאָר אויך ערנסטע פּאָליטישע התחייבותן".[3]

לענין האָט געאיילט מיטן אַרויסלאָזן דאָס בוך דערפאַר, ווייל אין יוני 1909 יאָר איז פאָרגעשטאַנען אַ באַראַטונג פון דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע פון „פראָלעטאַרי" (פאַקטיש — פון באָלשעוויסטישן צענטער), וווּ עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַן אַנטשיידענע שלאַכט מיט באָגדאַנאָוון און זיינע אָנהענגער.

אין מאַי 1909 יאָר איז דאָס בוך אַרויס פון דרוק. דאָס איז געווען לענינס גאָניאַל ווערק „מאַטעריאַליזם און עמפיריאָקריטיציזם".

אין זיין בוך האָט לענין אַלזייטיק קריטיקירט די נייעסטע קונצשטיק פון דער בורזשואַזער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, האָט געגעבן אַ מערקווירדיק טיפע פאָרמולירונג פון דער דערקענטעניש־טעאָריע פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, האָט פילאָזאָפיש פאַראַלגעמיינערט פונעם שטאַנדפונקט פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם די נייע דערשיינונגען אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, באַזונדערס אין פיזיק.

די מאַכיסטן האָבן געפרוווט „אָפלייקענען" דעם מאַטעריאַליזם, פאַררופנדיק זיך אויפן „נייעסטן פאָזיטיוויזם", אויף דער „פילאָזאָפיע פון דער מאָדערנער נאַטורוויסנשאַפט" אדג. באַטראַכטנדיק די וועלט, די זאַכן אַלס „עמפינדונגס־קאָמפּלעקסן", האָבן זיי אין

---

1 לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 315.

2 דאָרטן, ז. 336.

3 דאָרטן, ז. 342.

תוך גענומען איבערגעחזרט די אַלטע סוביעקטיוו-אידעאַליסטישע אַנשויונגען.

לענין האָט באַוויזן, אַז אונטער דער מאַסקע פון דער „פילאָזאָפיע פון דער נאַטורוויסנשאַפט פון XX יאָרהונדערט" שטעלן אויף באַגדאַנאָוו און די אַנדערע דעם סוביעקטיוון אידעאַליזם פונעם ענגלישן פילאָזאָף פון XVIII יאָרהונדערט בערקלי. וויסנשאַפטלעך לייזן די פראַגן פון דער דערקענטעניש, האָט אָנגעוויזן לענין, איז מעגלעך נאָר פון מאַטעריאַליסטישע פּאָזיציעס. די וועלט — דאָס איז זיך באַוועגנדיקע מאַטעריע. די נאַטור האָט עקזיסטירט פריער פאַרן מענטשן. דעם מענטשנס באַוווסטזיין — דאָס איז אַ פּראָדוקט פון הויך-אָרגאַניזירטער מאַטעריע. די זאַכן עקזיסטירן אויסער אונדזער באַוווסטזיין און אומאָפּהענגיק פון אים. „אונדזערע אויפפאַסונגען און פאָרשטעלונגען — זיינען זייער בילד. קאָנטראָלירן די דאָזיקע בילדער, אָפּטיילן די ווירקלעכע פון די פאַלשע גיט אַ מעגלעכקייט די פּראַקטיק",[1] — דאָס איז, לויט לענינס מיינונג, דער תוך פון דער מאַטעריאַליסטישער דערקענטעניש-טעאָריע.

לענין האָט אַרויסגערוקט דריי גרונט-הנחות פון דער מאַרקסיסטישער דערקענטעניש-טעאָריע:

„1) די זאַכן עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אונדזער באַוווסטזיין, אומאָפּהענגיק פון אונדזער עמפּינדונג, אויסער אונדז...

2) אַבסאָלוט קיין שום פּרינציפּיעלער אונטערשיד צווישן דער דערשיינונג און דער זאַך אין זיך איז נישטאָ און קאָן נישט זיין. אַן אונטערשיד איז בלויז פאַראַן צווישן דעם, וואָס איז שוין דערקענט, און דעם, וואָס איז נאָך נישט דערקענט...

3) אין דער דערקענטעניש-טעאָריע, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע וויסנשאַפט-געביטן, דאַרף מען דענקען דיאַלעקטיש, ד. ה. נישט האַלטן פאַר פאַרטיק און אומפאַרענדערלעך אונדזער דערקענטעניש, נאָר אַנאַליזירן, וויאַזוי פון נ י ט וו י ס ן קומט אַרויס וו י ס ן, וויאַזוי דאָס נישט פולע, נישט פּינקטלעכע וויסן ווערט פולער און פּינקטלעכער".[2]

אָפּשפּיגלנדיק די אויסערלעכע וועלט, קאָן נישט די מענטשלעכע דערקענטעניש מיטאַמאָל אַרומכאַפּן גאָר די אומענדלעכע פילאַרטי-

[1] לענין. ווערק, ב. XIII, ז. 89.
[2] דאָרטן, ז. 84.

קייט פון די דערשיינונגען פון דער נאַטור און פונעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן. די דערקענטעניש איז אַ פּראָצעס, וואָס בילדעט זיך אויס פון פיל זייטן און שטופעס, וואָס יעדער פון זיי באַזונדער גענומען האָט אַ רעלאַטיוון כאַראַקטער, אָבער אַנטהאַלט אין זיך אויך אַ קערנדל אַבסאָלוטן אמת. „דאָס מענטשלעכע דענקען איז לויט דער נאַטור זייער פעיק צו געבן און גיט אונדז דעם אַבסאָלוטן אמת, וועל־כער ווערט צונויפגעשטעלט פון אַ סומע רעלאַטיווע אמתן. יעדע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט גיט צו נייע קערנדלעך צו דער דאָזיקער סומע אַבסאָלוטן אמת, אָבער די גרענעץ פונעם אמת פון יעטוועדער וויסנשאַפטלעכער הנחה זיינען רעלאַ־טיוו, ווייל זיי ווערן אָט פאַרברייטערט, אָט פאַרשמעלערט דורכן ווייטערדיקן וווקס פונעם וויסן"[1]. אַזוי, אַשטייגער האָט די מער־הייט געלערנטע ביזן XX יאָרהונדערט געהאַלטן דעם אַטאָם פאַרן קלענסטן אומטיילבאַרן טיילכל שטאָף. די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט באַוויזן, אַז אויך דער אַטאָם באַשטייט פון אַ ריי טיילעכלעך און האָט אַ קאָמפּליצירטע סטרוקטור. „ד י ג ר ע נ ע צ ן פון דער דערנענטערונג פון אונדזער וויסן צום אָביעקטיוון, אַבסאָלוטן אמת זיינען היסטאָריש באַדינגלעך, א ו מ ב א ד י נ ג ט איז אָבער די עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן אמת, אומבאַדינגט איז דאָס, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אים"[2].

די דערקענטעניש אַנטוויקלט זיך אין דער ענגסטער פאַרבינ־דונג מיט דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די מענטשן. די פראַגע וועגן דעם, צי איז די אָפּשפּיגלונג פון די אָביעקטיווע פאַקטן און גע־זעצן אין די מענטשלעכע באַגריפן אַ ריכטיקע, ווערט אויך געלייזט דורך דער פּראַקטיק.

די גרעסטע אַנטדעקונג פון סוף XIX יאָרהונדערט — דאָס אַנט־דעקן די ראַדיאָאַקטיווקייט, דעם עלעקטראָן, די פאַרענדערלעכקייט פון זיין מאַסע א. א. — האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, האָבן אַרויסגערופן אַ ראַדיקאַלן איבערברוך פון די אַלטע, אַלגעמיין אָנערקענטע באַגריפן אין דער וויסנשאַפט. אַ סך נאַטורפאָרשער זיינען נישט אימשטאַנד געווען אַריבערצוגיין פון דעם אַלטן מעטאַפיזישן מאַטעריאַליזם צום דיאַלעקטישן און האָבן

[1] לענין. ווערק, ב. XIII, ז. 110.
[2] דאָרטן. ז. 111.

זיך אראפגעקייקלט צו רעאקציאנערער פילאזאפיע, צו אידעאליסטי־
שע אויספירן וועגן דער פארשווינדונג פון מאטעריע, וועגן דער
סוביעקטיווקייט פון רוים, צייט א.ד. גל. האבנדיק טיף דורכאנאלי־
זירט די רעוואלוציע אין דער נאטורוויסנשאפט און באזונדערס אין
דער פיזיק, האט לענין באוויזן, אז די דאזיקע וויסנשאפטלעכע אנט־
דעקונגען לייקענען נישט אפ די ריכטיקייט פונעם דיאלעקטישן מא־
טעריאליזם, נאר, פארקערט, זיי באשטעטיקן זי. לענין האט ארויס־
געשטעלט די הנחה וועגן דעם, אז „דער עלעקטראן איז פונקט אזוי
א ו מ ד ע ר ש ע פ ל ע ך, ווי דער אטאם"[1]. לענין האט איינגעזען,
אז די נאטורוויסנשאפט, באזונדערס די פיזיק, האט איין אויסוועג
פון קריזיס, דער דאזיקער אויסוועג איז — אריבערגיין „צום איינ־
ציק ריכטיקן מעטאד און צו דער איינציק ריכטיקער פילאזאפיע" —
צום דיאלעקטישן מאטעריאליזם. „די מאדערנע פיזיק ליגט אין קימ־
פעט. זי געבוירט דעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם"[2].

לענין האט דעמאסקירט אויך דעם פרווו פון די פילאזאפישע
רעוויזיאניסטן צו אידענטיפיצירן דאס געזעלשאפטלעכע זיין מיטן
געזעלשאפטלעכן באוווסטזיין. „דער מאטעריאליזם בכלל, — האט
געשריבן לענין, — אנערקענט, אז דאס אביעקטיוו רעאלע זיין (די
מאטעריע) איז אומאפהענגיק פונעם באוווסטזיין, פון דער עמפינ־
דונג, פון דער דערפארונג א. א. וו. פון דער מענטשהייט. דער היס־
טארישער מאטעריאליזם אנערקענט, אז דאס געזעלשאפטלעכע זיין
איז אומאפהענגיק פון דעם געזעלשאפטלעכן באוווסטזיין פון דער
מענטשהייט. סיי דא סיי דארט איז דאס באוווסטזיין בלויז אן אפ־
שפיגלונג פון דעם זיין, אין בעסטן פאל א בערעכטיק ריכטיקע
(אדעקוואטע, אידעאל-פינקטלעכע) אפשפיגלונג זיינע. אין אט דער
פילאזאפיע פונעם מארקסיזם, וועלכע איז אויסגעגאסן פון איין שטיק
שטאל, קאן מען נישט ארויסנעמען קיין איין גרונט-הנחה, קיין איין
וועזנטלעכן טייל, נישט אפגייענדיק פונעם אביעקטיוון אמת, נישט
פאלנדיק אין די ארעמס פונעם בורזשואז-רעאקציאנערן שקר"[3].

לענין האט ביזן סוף אויפגעדעקט דעם אידעאליסטישן, צום
פראלעטאריאט פיינטלעכן מהות פון דער פילאזאפיע פון באגדא־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIII, ז. 215.
[2] דארטן. ז. 266.
[3] דארטן. ז. 266—267.

גאָוון, באַזאָראָוון און די אַנדערע איבערגעבוירענע לייט און האָט באַוויזן איר קלאַסן-ראָל. די נייעסטע פילאָזאָפיע איז פונקט אַזוי פּאַרטייאיש, ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. הינטער דער גנאָסעאָלאָגישער סכאָלאַסטיק שטעקט דער קאַמף און די אידעאָלאָגיע פון די קלאַסן. די אָביעקטיווע ראָל פון די מאַכיסטן איז — זיין לאָקייען ביי דער רעאַקציע און ביי דער מיסטיק. די אויפגאַבע פון די מאַרקסיסטן, האָט לענין אָנגעוויזן, איז — צואייגענען און קריטיש איבערארבעטן די דעראָבערונגען פון דער וויסנשאַפט, דערונטער אויך די מאַטעריאַלן פון די געלערנטע משרתים פון דער בורזשואַזיע, ווי אַ שטייגער, די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, „און *קאָנען* באַזייטיקן זייער רעאַקציאָנערע טענדענץ, קאָנען פירן אַן *אייגענע* ליניע און קעמפן *קעגן דער גאַנצער ליניע* פון די אונדז פיינטלעכע קרעפטן און קלאַסן. אָט דאָס-אָ זיינען עס נישט מסוגל געווען אונדזערע מאַכיסטן, וואָס *גייען קנעכטיש* נאָך דער רעאַקציאָנערער פּראָפעסאָרישער פילאָזאָפיע".[1]

לענינס בוך האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין באַהעפטן די באָלשעוויסטישע רייען אין די יאָרן, ווען עס האָט טריומפירט די רעאַקציע. חבר סטאַלין האָט שוין דעמלט, אין 1909 יאָר, ווי נאָר ער האָט זיך באַקענט מיטן „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם", געשריבן, אַז „איליטשס בוך איז דער איינציקער אין זיין מין רעזומע פון די הנחות פון דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע (גנאָסעאָלאָגיע)" אַז „איליטשס מאַטעריאַליזם אונטערשיידט זיך אין אַ סך פּרטים פון פּלעכאַנאָווס מאַטעריאַליזם".

לענינס בוך האָט באַטייט די פולשטענדיקע צעשמעטערונג פונעם פילאָזאָפישן רעוויזיאָניזם. באַגלייך דערמיט איז דאָס בוך געווען אַ קאָלאָסאַלער טריט פאָרויס אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פילאָזאָפישע יסודות פונעם מאַרקסיזם, *אַ נייער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם*. „נישט קיין אַנדערער, נאָר גראָד לענין, האָט זיך גענומען אויספילן די ביז גאָר ערנסטע אויפגאַבע צו פאַראַלגעמיינערן אויפן געביט פון מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע דאָס וויכטיקסטע פון דעם, וואָס די וויסנשאַפט האָט געגעבן אין דעם פּעריאָד פון ענגעלסן ביז לענינען, ווי אויך אַלזייטיק צו קריטי-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIII, ז. 280.

קעגן די אַנטימאַטעריאַליסטישע שטרעמונגען צווישן די מאַרקסיסטן. ענגעלס האָט געזאָגט, אַז „דעם מאַטעריאַליזם קומט אויס אָנצונעמען אַ נייעם אויסזען מיט יעדער נייער גרויסער אַנטדעקונג". עס איז באַוווסט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע האָט פאַר זיין צייט אויסגעפילט נישט קיין אַנדערער, נאָר גראָד לענין, אין זיין אויסגעצייכנטן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם".[1] דאָס דאָזיקע בוך איז געווען אַ טעאָרעטישע צוגרייטונג פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי פון נייעם טיפּ.

לענין האָט געהאַלטן, אַז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי איז אונטערציען די סך־הכלען פון דער ערשטער רעוואָלוציע, שטודירן און פּראָפּאַגאַנדירן אירע אַרבעטער־קלאַס און אין די פאָלקס־מאַסן אירע לעקציעס. דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט לענין אָפּגעגעבן אויסשליסלעך פיל אַכט און האָט איר געווידמעט אַ באַדייטנדיקע צאָל פון זיינע אַרבעטן. ער האַלט מלחמה קעגן די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ליבעראַלן און מענשעוויסטישע רענעגאַטן, וועלכע באַמיען זיך אויסצוואָרצלען פונעם באַוווסטזיין פון פאָלק די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. ער שטעמפּלט די ליבעראַלע רבילות אויף דער רעוואָלוציע, דאָס מענשעוויסטישע פאַרקריפּלען איר געשיכטע. פעסט און קאָנסעקווענט פּאַרטיידיקט ער די העלדישע טראַדיציע פון דעם אוממיטלבאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן, די ביז גאָר רייכע דערפאַרונג פון דעם דאָזיקן קאַמף.

„די פראַגע וועגן אָפּשאַצן אונדזער רעוואָלוציע — האָט געשריבן לענין אין 1908 יאָר, — האָט כלל נישט נאָר קיין טעאָרעטישע, נאָר אויך די סאַמע דירעקטע, פּראַקטיש־אַקטועלע באַדייטונג. אונדזער גאַנצער אַרבעט פון פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע איז ביי היינטיקן מאָמענט אויפן ערנסטן אופן פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון צואייגענען מצד די סאַמע ברייטע מאַסן פון אַרבעטער־קלאַס און האַלב פּראָלעטאַרישער באַפעלקערונג די לעקציעס פון די גרויסע דריי יאָר... אָפן און הויך אויף אַ קול, אַלס מוסר פאַר די, וואָס קווענקלען זיך און פאַלן ביי זיך אַראָפּ, צו שאַנד די, וואָס רענעגירן און גייען אָפּ פון סאָציאַליזם, דאַרפן מיר דערקלערן, אַז

[1] י. סטאַלין. פראַגן פון לעניניזם, ז. 15, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1941 י.

אינעם אוממיטלבאַר-רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאסן, אינעם אָקטאָבער-קאַמף פון 1905 יאָר זעט די ארבעטער-פּאַרטיי די גרעסטע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט נאָך דער קאָמונע, אז נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון אַזוינע קאַמפּס-פאָרמען ליגט די גאַראַנטיע פון די צוקונפטיקע דערפאָלגן פון דער רעוואָלוציע, אז די דאָזיקע מוסטערן פון קאַמף דאַרפן אונדז דינען אלס לייכט-טורעם ביים דערציען נייע דורות קעמפער". [1]

לענין באַווייזט, אז מיט זיין העלדישן קאַמף אין משך פון די דריי יאָר רעוואָלוציע האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט דעראָ-בערט דאָס, אויף וואָס אַנדערע פעלקער האָבן געפּטרט צענדליקער יאָרן. דער עיקר איז דאָס, וואָס די ארבעטער-מאַסן האָבן זיך באַ-פרייט פון דעם איינפלוס פונעם פארעטערישן און פּחדנישן ליבע-ראַליזם, דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעקעמפט די ראָל פונעם העגעמאָן אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, די אונטערדריקטע מאַסן האָבן זיך אויסגעלערנט צו פירן א רעוואָלוציאָנערן מאַסן-קאַמף. לענין קלערט אויף יעדן באַוווסטזיניקן ארבעטער די דריי וויכטיקסטע לעקציעס פון דער רעוואָלוציע, נעמלעך: דערשלאָגן זיך אָן ערנסטע פאַרבעסערונג פון זייערע לאַגע קאָנען די פאָלקס-מאַסן אין עקשנותדיקן און שטאַנדהאַפטיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף; עס איז נישט גענוג בלויז אונטערגראָבן די צאַרישע מאַכט, מע דאַרף זי אַרויסרייסן מיטן וואָרצל, פאַרניכטן; די מאַסן האָבן דערזען, ווי עס זיינען טעטיק אין דער רעוואָלוציע די פאַרשידענע קלאַסן — וואָס זיינען זייערעווירקלעכע שטרעמונגען, פאַר וואָס זיי קעמפן, אויף וויפל שטאַרק, עקשנותדיק, ענערגיש זיי קאָנען קעמפן.

לענין האָט אויפגעדעקט די הויפּט-סיבות פון דער מפלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. איינע פון די גרונט-סיבות האָט ער געזען דערין, וואָס אין דער רעוואָלוציע איז נאָך נישט געווען קיין פעסטער בונד פון די אַרבעטער און פּויערים, וואָס די פּויערים זיינען ארויסגעטראָטן „צו צעשטויבט, נישט אָרגאַניזירט, נישט גע-נוג אָנגרייפעריש". ער האָט אָנגעוויזן, אז דער אָנגריף פונעם אר-בעטער-קלאַס קעגן צאַריזם האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוג שטאַרק, ווייל דער ארבעטער-קלאַס האָט נאָך נישט געהאַט קיין איינהייט פון זיינע אייגענע רייען און האָט נאָך נישט געקאָנט ווערן

[1] לענין. ווערק. ב. XII, ז. 212—213.

דער ווירקלעכער פירער פון דער רעוואָלוציע. לענין האָט געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען, אַז אין דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע זאָל דער פּראָלעטאַריאַט קאָנען שפּילן זיין היסטאָרישע ראָל פון אַ ווירקלעכן פירער פון דער רעוואָלוציע און זאָל קאָנען פירן נאָך זיך צענדליקער מיליאָנען אַרבעטנדיקע.

לענין דערלערנט אויפמערקזאַם דעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעוואָלוציע, אַנאַליזירט זאָרגפעליק דעם גאַנג פון דער שטרייק־באַוועגונג. ער דערווייזט, אַז די קראַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג באַשטייט אין דער פאַראייניקונג פונעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן שטרייק: אַז דער אַלגעמיינער שטרייק דאַרף אַריבערוואַקסן אין אַן אויפשטאַנד. ער באַווייזט, וואָס פאַרא גיגאַנטישע רעזערוון, רעוואָלוציאָנערע ענערגיע עס האָט אַנטפּלעקט דער קאַמף פון די אַרבעטער אין דער רעוואָלוציע. „מיט פינף יאָר צוריק, — האָט געשריבן לענין אין 1910 יאָר אינעם אַרטיקל „די לעקציעס פון דער רעוואָלוציע”, — האָט דער פּראָלעטאַריאַט געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. פאַרן רוסישן פאָלק האָבן אַ שיין געטאָן די ערשטע שטראַלן פון פרייהייט. איצט איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די צאַרישע זעלבסטהערשונג, ווידער קיניגן און רעגירן די לייבאייגנטימער, ווידער קומען פאָר אומעטום געוואַלדטאַטן איבער די אַרבעטער און פויערים, אומעטום הערשט דער אַזיאַטישער ווילדער ווילקיר פון מאַכטהאָבער, דאָס נידערטרעכטיקע איזדיעקעווען זיך איבערן פאָלק. די שווערע לעקציעס וועלן אָבער נישט גיין לאיבוד. דאָס רוסישע פאָלק איז נישט דאָס, וואָס עס איז געווען ביזן 1905 יאָר. דער פּראָלעטאַריאַט האָט דאָס פאָלק אויסגעלערנט צו קעמפן. דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָס פאָלק ברענגען צום נצחון” [1].

באַזונדערס פיל אַכט גיט לענין אָף דעם דערלערנען די אַגראַר־פראַגע אין דער רעוואָלוציע. אין זיינע אַרבעטן איז געגעבן אַ מאַרקסיסטישע כאַראַקטעריסטיק פון דער רוסישער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, איז אויפגעדעקט איר עקאָנאָמישער יסוד: די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט פון אונדזער רעוואָלוציע, איר צענטראַלער פונקט איז די אַגראַר־פראַגע. לענין האָט געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע קריטיק פון די אַגראַר־פּראָגראַמען פון אַלע קלאַסן און פּאַרטייען אין

[1] לענין. ווערק, ב. XIV, ז. 373.

רוסלאַנד; אָפּערירנדיק מיט קאָנקרעטע פֿאַקטן פֿון דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע, בפֿרט — מיט פֿאַקטן וועגן דער טעטיקייט פֿון דער I און II מלוכה־דומע, האָט ער דעמאַסקירט די פֿיינטלעכקייט פֿון די קאַדעטן צום פּויערטום. שטיצנדיק זיך אויף דער ביז גאָר רייכער דערפֿאַרונג פֿון דער רעוואָלוציע, האָט לענין אַלזייטיק באַלויכטן די באָלשעוויסטישע אגראַר־פּראָגראַם — די פּראָגראַם פֿון פֿאַרניכטן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופֿן דאָס לייבאייגנטום אין אָפּרייניקן אין דאָרף דעם וועג פֿאַרן קאַמף פֿאַר דעם סאָציאַליזם.

וויט נישט אַלץ, וואָס לענין האָט געהאַט אָנגעשריבן איבער דער אַגראַר־פֿראַגע, איז דערמלט דערשינען. זיינע גרונט־אויספֿירן האָט ער פֿאַרמולירט אין עטלעכע קליינע, נאָר אויסשליסלעך טיפֿע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין אומלעגאַלע אויסגאַבעס (דער אויטאָרעפֿעראַט „די אַגראַר־פּראָגראַם פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער רוסישער רעוואָלוציע" א. א.) זיינע גרעסערע אַרבעטן האָבן בעת דער זעלבסטהערשונג נישט געקאָנט אַרויסגעגעבן ווערן: דאָס קאַפּיטאַלע ווערק „די אַגראַר־פּראָגראַם פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פֿון די יאָרן 1905 — 1907„ האָט די צאַרישע פּאָליציי פֿאַרניכטעט נאָך אין דער דרוקעריי, דאָס אַרטיקל „די אַגראַר־פֿראַגע אין רוסלאַנד צום סוף XIX יאָרהונדערט" האָט אויך נישט געקאָנט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין דער פּרעסע. ערשט נאָך דעם, ווי די זעלבסטהערשונג איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, זיינען די דאָזיקע אַרבעטן געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון מיליאָנען.

אַ באמת גיגאַנטישע אַרבעט האָט לענין דורכגעפֿירט אויף טעאָרעטיש צו פֿאַראַלגעמיינערן און אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן די דערפֿאַרונג פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. די אָנפֿירער פֿון די פּאַרטייען פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָפּשאַצן די גאַנצע באַדייטונג פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון די יאָרן 1905 — 1907 אַלס ערשטע רעוואָלוציע אין דער עפּאָכע פֿון אימפּעריאַליזם, זיי האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט מאַכן פֿון איר די נייטיקע אויספֿירן. זיי אַלע האָבן „אַרויסגעוויזן די אַבסאָלוטע אומפֿעיקייט צו פֿאַרשטיין די באַדייטונג פֿון דער דאָזיקער דערפֿאַרונג און אויספֿילן זייער חוב אַלס רעוואָלוציאָנערן, ד. ה. נעמען זיך צום דערלערנען און פּראָפּאַגאַנדירן די לעק-

ציעס פון אַ דער דערפאַרונג"[1]. לענין האָט פאַרטיידיקט די העל־דישע טראַדיציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ער האָט נישט גע־לאָזט אויסוואָרצלען זיי פונעם באַוווסטזיין פון די מאַסן. האָבנדיק געניאַל פאַראַלגעמיינערט די דערפאַרונג פון דער רעוואָלוציע, האָט ער זי געמאַכט פאַרן אייגנם פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַ־ריאַט.

אין דער צייט פון אידעיש־פּאָליטישער צעפּאָרנקייט און שווערן קריזיס, וואָס די פּאַרטיי האָט איבערגעלעבט, האָט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַרן גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער פּאַרטיי געהאַט — ריכטיק צו באַשטימען דעם וועג, מיט וועלכן עס דאַרף גיין די פּאַרטיי. לענינס גרעסטער פאַרדינסט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט אין דעם דאָזיקן אויסשליסלעך שווערן, קריטישן פּע־ריאָד אינעם לעבן פון דער פּאַרטיי מיט גענאַלער ווייטזיכטיקייט אָנגעוויזן איר דעם וועג פון דער ווייטערדיקער באַוועגונג און האָט געקומען פירן אַ פּאַרביסענעם קאַמף קעגן די, וואָס האָבן גע־פּרוווט צווינגען זי אָפּצוקערעווען פון דעם דאָזיקן וועג, אַרויסרופן אַ פּאַניק אין אירע רייען אָדער שטויסן זי צו אַ פּאָליטישער אוואַנ־טורע.

לענין האָט זיך באַזירט אויפן סאַמע פּינקטלעכן, אַלזייטיקן, שטרענג וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון רוסלאַנדס אַנטוויקלונגס־וועגן, אויפן אַנאַליז פון דער סיטואַציע און פון די פּאָזיציעס פון פאַרשידע־נע קלאַסן, פון זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען, פון זייער פּאָליטיק. די אָביעקטיווע אויפגאַבן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט געזאָגט לענין, זיינען נישט געלייזט; עס זיינען נישט באַזייטיקט די טיפע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די ערשטע רעוואָלוציע און וואָס שטויסן די מאַסן ווידעראַמאָל צום רע־וואָלוציאָנערן קאַמף; — אַ נייע רעוואָלוציע איז אומפאַרמיידלעך. עס וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק, האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט, ווען מע זאָל צומאַכן די אויגן אויף דאָס נייע, וואָס האָט זיך באַ־וויזן נאָך דער רעוואָלוציע און איז איינער פון אירע רעזולטאַטן. דאָס נייע — דאָס איז די סטאָליפּינשטשינע.

אַכזריותדיק אָפּרעכענענדיק זיך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים, האָט די צאַרישע רעגירונג

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 432.

גלייכצייטיק אנגעווענדט א גרויסן מאנעוור. דעם 9-טן נאוועמבער 1906 יאר האט דער צארישער מיניסטער סטאליפין ארויסגעגעבן א נייעם אגראר-געזעץ וועגן אויסטיילן די פויערים פון דער געמיינדע אויף כוטארן. דאס דאזיקע געזעץ האט אויף א צוואנג-אופן צעשטערט דעם געמיינדישן ערד-באנוץ. יעדן פויער איז פארגעלייגט געווארן צו נעמען זיין ערד-חלק אין פערזענלעכן באזיץ, אויסטיילן זיך פון דער געמיינדע; ער האט באקומען דאס רעכט צו פארקויפן זיין ערד-חלק. פאר די פויערים, וואס גייען ארויס פון דער געמיינדע, איז די דארף-געמיינדע מחויב געווען אויסצוטיילן ערד אין איין ארט (א כוטאר, אן אטרוב). די רייכע פויערים — בעלי-גופים האבן באקומען א מעגלעכקייט פאר א ביליקן פרייז אויפצוקויפן ביי די ווירטשאפטלעך שוואכע פויערים זייער ערד. אין משך פון עטלעכע יאר נאך דעם, ווי דאס דאזיקע געזעץ איז ארויסגעגעבן געווארן, איז מער ווי א מיליאן ווירטשאפטלעך שוואכע פויערים געבליבן אינגאנצן אן ערד און איז רואינירט געווארן. אויף זייער חשבון איז אויסגעוואקסן די צאל בעלי-גופישע כוטארן און אטרובן. די צארישע רעגירונג פלעגט צווינגען די פויערים אויסצוטיילן פון דער געמיינדע פאר די בעלי-גופים די בעסטע ערד, פלעגט די בעלי-גופים ארויסגעבן באדייטנדיקע הלוואות. פון די בעלי-גופים האט סטאליפין געוואלט מאכן קליינינקע גוטבאזיצער, טרייע פארטיידיקער פון דער צארישער זעלבסטהערשונג.

מע האט זיך געדארפט פאנאנדערקלייבן, וואס באטייט די סטאליפינשטשינע, כדי צו פארשטיין, ווי עס בילדן זיך אויס די פערספעקטיוון פון דער רעוואלוציע. לענין קריטיקירט שארף דעם דאקטרינערישן, שאבלאנעם צוגאנג צו דער סטאליפינשטשינע מצד די ליקווידאטארן און אטזאוויסטן. ער פאראורטיילט שארף דעם דאזיקן צוגאנג אלס אבסאלוטן איינריים מיט די פאדערונגען פונעם מארקסיסטישן מעטאד. אין א ריי ארטיקלען און פארטראגן פארמולירט לענין און פארטיידיקט די באלשעוויסטישע אפשאצונג פון דער סטאליפינשטשינע.

לענינס כאראקטעריסטיק פון דער סטאליפינשטשינע איז א קלאסישער מוסטער פון אנווענדן דעם מארקסיסטישן דיאלעקטישן מעטאד צום אנאליז פון געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען. טיף פאלש איז די באהויפטונג פון די ליקווידאטארן, אז עס איז מער נישטא וואס אויסצורעכענען אויף א נייער רעוואלוציע. ניין! — דערקלערט

לענין, די סטאָליפּינשטשינע — דאָס איז אַ טראָט פאָרויס אויפן וועג צום פאַרוואַנדלען די לייבאייגנטימערישע זעלבסטהערשונג אין אַ בורזשואַזער מאָנאַרכיע, דאָס איז אַ פּרווו פון די לייבאייגנטימער די גוטבאַזיצער צו לייזן פון אויבן, מיט זייערע אייגענע מעטאָדן די אויפגאַבן פון דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, די דאָזיקע פּאָליטיק איז אָבער פאַראורטיילט צו אַ פולשטענדיקן דורכפאַל און באַנקראָט. מיט זיין אַגראַר־פּאָליטיק, מיט דער פּאָליטיק פון קולטיווירן און שטיצן דעם בעל־גוף פאַרשאַרפט סטאָליפּין די לאַגע אין דאָרף, פאַרשאַרפט די קלאַסן־ווידערשפּרוכן אינעם פויערטום. אַ רעוואָלוציאָנערער אויפרייס איז ווידער אומפאַרמיידלעך, מיר גייען אָבער צו אים אויף אַ נייעם אופן. לענין ווענדט דעם שאַרף פון זיין קריטיק קעגן די אָטזאָוויסטן, וועלכע זעען נישט אָט דאָס נייע, וועלכע לייקענען אָפּ דאָס נייע. „דאָס איז — האָט לענין געשריבן וועגן דער סטאָליפּינשטשינע, — אַן אינערלעך־ווידערשפּרעכלעכער, אוממעגלעכער פּרווו, דורך וועלכן די זעלבסטהערשונג גייט ווידעראַמאָל, גייט אומפאַרמיידלעך צום קראַך, פירט אונדז ווידעראַמאָל צו דער איבערחזרונג פון דער רומפולער עפּאָכע און פון די רומפולע שלאַכטן פון 1905 יאָר. זי גייט אָבער נישט אַזוי, ווי זי איז געגאַנגען אין די יאָרן 1897—1903, זי פירט דאָס פאָלק צו רעוואָלוציע נישט אַזוי, ווי זי האָט געפירט ביזן 1905 יאָר, אָט דאָס דאָזיקע „נישט אַזוי" דאַרף מען קענען פאַרשטיין; מע דאַרף קענען ענדערן די אייגענע טאַקטיק"[1]

פון די באַזונדערקייטן פונעם געגעבענעם מאָמענט זיינען אַרויסגעדרונגען אויך די באַזונדערקייטן פון דער טאַקטיק, וואָס לענין האָט אָנגעמערקט, זי איז געווען אויסגערעכנט אויף עקשנותדיקן און סיסטעמאַטישן צוגרייטן די מאַסן צו אַ נייער רעוואָלוציע, און אָט וויאַזוי: מע דאַרף קאָמבינירן די אומלעגאַלע אַרבעט מיט דער לעגאַלער, די אומלעגאַלע פּאַרטיי דאַרף מיט אַלע מיטלען און אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן אויסנוצן די לעגאַלע שטיץ־באַזעס — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער מלוכה־דומע, די פּראָפאַריינען, די קראַנקן־קאַסעס, די אַרבעטער־קלובן אאַז"וו. „וואָס שטאַרקער עס איז די מעכאַנישע קראַפט פון דער רעאַק־

[1] לענין. ווערק, ב. XIV, ז. 147.

ציע, — האָט געשריבן לענין, — און וואָס מער עס איז אָפּגע־שוואַכט די פאַרבינדונג מיט די מאַסן, אַלץ מער רוקט זיך אַרויס אויפן טאָג־סדר די אויפגאַבע פון צוגרייטן דעם באַוווּסטזיין פון די מאַסן (און נישט די אויפגאַבע פון דירעקטע אַקציעס), אַלץ מער רוקט זיך אַרויס אויפן טאָג־סדר דאָס אויסנוצן די פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־וועגן, וועלכע די אַלטע מאַכט האָט געשאַפן (און נישט דער אוממיטלבאַרער אָנגריף פון די מאַסן קעגן דער דאָזיקער אַלטער מאַכט גופא)".[1]

כדי צו לייזן די דאָזיקע אויפגאַבן, האָט מען געמוזט פּאַנאַנ־דערוויקלען דעם סאַמע אָנרחמנותדיקן קאַמף קעגן די, וואָס האָבן געפּרוּווט ליקווידירן די פּאַרטיי: אָפן און דירעקט, ווי די ליקווי־דאַטאָרן, אָדער דורך אָפּזאָגן זיך פון אויסנוצן די לעגאַלע מעג־לעכקייט, ווי עס האָבן פאַרלייגט די אָטזאָוויסטן. מע האָט גע־מוזט אָננעמען אַלע מיטלען אויף איינצוהיטן און פאַרפעסטיקן די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אָט אַזוי האָט לענין פאָרמולירט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאָלי־טיק און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אינעם פּעריאָד פון דער סטאָ־ליפּינשטשינע.

שוין אין די ערשטע אַרויסטרעטונגען לענינס אין אויסלאַנד זיינען פאָרמולירט געוואָרן די דאָזיקע אויפגאַבן. אין מערץ 1908 יאָר האָט לענין געשריבן אין „פּראָלעטאַרי": „דער קריזיס איז אויפן גרונט פון די נישט־פאַרווירקלעכטע אָביעקטיווע אויפגאַבן פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אומפאַרמיידלעך. די ריין־עקאָנאָמישע, ספּעציעל־פינאַנסיעלע, אינערלעכע, פּאָלי־טישע און אויסערלעכע געשעענישן, אומשטענדן און פּעריפּעטיעס קאָנען אים מאַכן פאַר אַ שאַרפן קריזיס. און די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, — זייענדיק אַרויפגעטראָטן אויפן גלייכן וועג פון שאַפן אַ פעסטע אומלעגאַלע ס. ד.־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַר־מאָגט מער צאָלרייכע און מער פאַרשידנאַרטיקע געצייג פון לעגאַ־לער און האַלב־לעגאַלער ווירקונג, איידער פריער, וועט קאָנען באַגעגענען דעם דאָזיקן קריזיס מער צוגעגרייט צום אַנטשיידענעם קאַמף, איידער אין אָקטאָבער און דעצעמבער 1905 יאָר".[2]

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIV, ז. 144.
[2] לענין. ווערק, ב. XII, ז. 172.

מע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַן אַנרחמנותדיקן ווידער־שטאַנד די כלערליי ליקווידאַטאָרישע טענדענצן. מיט דעם ציל האָבן די באָלשעוויקעס אויפן פּלענום פון צ. ק. אין אויגוסט 1908 יאָר דורכגעפירט אַ באַשלוס וועגן צונויפרופן אַ קאָנפערענץ.

פירנדיק די צוגרייטונג צו דער קאָנפערענץ, איז לענין אין דעצעמבער 1908 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז — דעם דעמל־טיקן צענטער פון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע.

אין פּאַריז האָט לענין ווי שטענדיק, איינגעפירט אַ שטרענגן רעזשים: אויפשטיין פלעגט ער 8 אַזייגער אינדערפרי, אויף אַ ראָווער אַוועקפאָרן פון עק שטאָט, וווּ ער האָט געוווינט, צום צענ־טער, צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, פון דאָרטן פלעגט ער זיך אומקערן 2 אַזייגער און אין דער היים פאָרזעצן די אַרבעט זיינע. איינמאָל, אונטערוועגנס פון זשוויזי (אַ קליין שטעטל לעבן פּאַריז, וווהין ער פלעגט פאָרן זען, ווי אַזוי עס פליען אעראָפּלאַנען) איז אַ פאַרבייפאָרנדיקער אויטאָמאָביל אַרויפגעפאָרן אויף לענינס ראָווער. וולאַדימיר איליטש האָט קוים באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען. דער ראָווער איז אינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן.

אין פּאַריז נעמט לענין אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער אָרטיקער באָלשעוויסטישער גרופּע, לייענט רעפעראַטן אין קלוב פון „פּראָלעטאַרי", טרעט אַרויס אויף אַ מיטינג פון די עמיגראַנטן.

אינגיכן נאָך דעם, ווי לענין איז געקומען צו פאָרן קיין פּאַריז, איז דאָרט פאָרגעקומען די V קאָנפערענץ פון דער רסדאפּ. זי איז געווען, לויט לענינס אויסדרוק, „אַ קער־פּונקט" אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע.. לענין איז געווען דער גרונט־פאַרטרעטער אויף דער קאָנפערענץ. ער פירט אַן ענערגישן קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן די ליקווידאַטאָרן און קעגן די אָטזאָוויסטן. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען די לעניני־שע רעזאָלוציע, וואָס האָט אנטהאַלטן אַ קלאָרן אַנאַליז פונעם מאָ־מענט, האָט פאָרמולירט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי און פאַראור־טיילט די ליקווידאַטאָריי און דעם אָטזאָוויזם.

די קאָנפערענץ האָט באַטייט לענינס אַ גרויסן זיג אינעם קאַמף פאַר דער פּאַרטיי. אירע באַשלוסן האָבן נאָך מער פאַרביטערט די שונאים פונעם באָלשעוויזם. די ליקווידאַטאָרן, די דירעקטע קעגנער פון דער פּאַרטיי און די ליקווידאַטאָרישע דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן

זיי געשטיצט, — „די גאָלאָסאָווצעס" (די אָנהענגער פונעם מענשעוויסטישן אָרגאַן „גאָלאָס סאָציאַל-דעמאָקראַטאַ" — מאַרטאָוו א. א.), די טראָצקיסטן, וואָס האָבן מאַסקירט זייער ליקווידאַטאָרישן מהות מיט כלערליי הויכע „שלום-מאַכערישע" פראַזן, „די ליקווידאַטאָרן אויף דער לינקער זייט" — די אָטזאָוויסטן, די שלום-מאַכער פון אַלע שאַטירונגען, טראָצקיס באַהאַלטענע פאַרבינדעטע, — זיי אַלע האָבן מיט כלערליי מעטאָדן און מיטלען געפּרוווט שטערן דער קאָנסאָלידאַציע פון דער פּאַרטיי, געפּרוווט צו צעשטערן די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייאישקייט, ליקווידירן די רסדאפּ.

פירנדיק אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן די מענשעוויסטישע ליקווידאַטאָרן פון דער פּאַרטיי, האַלט לענין, אַז קודם-כל איז נייטיק אָפּרייניקן די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע פון די קליינבירגערלעכע מיטלויפער, באַפרייען זי פון די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, שטערנדיק די באָלשעוויקעס צו פירן דעם קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, אונטערדרייסנדיק זייערע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן. ער ווענדט זיינע קלעפּ קעגן די אָטזאָוויסטן. אין יוני 1909 יאָר איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע „פּראָלעטאַרי", וווּ לענין איז אַנטשידן ארויסגעטראָטן קעגן די אָטזאָוויסטן די גאָטבויער. לענין האָט געזיגט אויף דער באַראַטונג, זי האָט פאַראורטיילט די אָטזאָוויסטן און אויסגעשלאָסן זיי פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע.

לענינס קאַמף קעגן די אָטזאָוויסטן, אולטימאַטיסטן, מאַכיסטן און גאָטבויער געפינט אַ הייסע שטיצע אין רוסלאַנד. לענינס מיטקעמפער סטאַלין, וואָס אין יוני 1909 יאָר איז ער אַנטלאָפן פון דער סאָלוויטשעגאָדסקער פאַרשיקונג און האָט זיך אומגעקערט קיין קאַווקאַז, באַהעפט די קרעפטן פון די באָלשעוויקעס. דער באַקוער קאָמיטעט, וואָס אָנגעפירט מיט אים האָט חבר סטאַלין, האָט אין אויגוסט 1909 יאָר אין דער רעזאָלוציע זיינער גערופן צום אָנרחמנותדיקן אידעישן קאַמף קעגן באָגדאַנאָוון און די אָנהענגער זיינע און האָט דערקלערט, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז איינע פון די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי-אַרבעט.

שפּעטער האָט לענין געשריבן, אַז „פון אַלע צעקלאַפּטע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיינען די באָלשעוויקעס אָפּגעטרעטן אין דער גרעסטער אָרדנונג, מיט די קלענסטע פאַרלוסטן פון זייער „אַרמיי", מיטן גרעסטן איינהייטן דעם קערן אירן,

מיט די קלענסטע (לויט דער טיף און אומהיילבאַרקייט) שפּאַלטונ־גען, מיט דער קלענסטער דעמאָראַליזאַציע, מיט דער גרעסטער פעי־קייט צו באַנייען די אַרבעט אַמערסטן ברייט, ריכטיק און ענערגיש. און דערגרייכט האָבן עס די באָלשעוויקעס בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אָנרחמנות דעמאַסקירט און אַרויסגעטריבן די פראַזע־רעוואָ־לוציאָנערן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מע דאַרף אָפּטרעטן, אַז מע דאַרף קענען אָפּטרעטן, אַז מע מוז זיך אומבאַ־דינגט אויסלערנען צו אַרבעטן לעגאַל אין די סאַמע רעאַקציאָנערע פּאַרלאַמענטן, אין די סאַמע רעאַקציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָ־פּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, סטראַכיר־אָרגאַניזאַציעס און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס".[1]

אינעם קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן האָט לענין נישט געוווּסט פון קיין רחמנות. די ליקווידאַטאָרן האָט מיט אַלע כוחות פּאַרטיי־דיקט טראָצקי. זיין ליקווידאַטאָרישע מהות האָט טראָצקי געפּרוּווט פאַרמאַסקירן מיט שלום־מאַכעריי, מיט צענטריזם.

טראָצקי און זיינע באַהאַלטענע אַגענטן — קאַמעניעוו, זינאָ־וויעוו, ריקאָוו און אַנד. — האָבן קעגן לענינס ווילן צונויפגערופן אין יאַנואַר 1910 יאָר אַ פּלענום פון צ. ק., מיט קאַלאַסאַלער מי האָט זיך לענין דערשלאָגן, אַז אויפן פּלענום זאָלן באַשטעטיקט ווערן די באַשלוסן פון דער דעצעמבער־קאָנפערענץ פון 1908 יאָר. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט די ליקווי־דאַטאָרן און אָטזאָוויסטן, אַלס דורכפירער פונעם בורזשואַזן איינ־פלוס אויפן פּראָלעטאַריאַט. אין דער זעלבער צייט האָבן טראָצקי און זיינע באַהאַלטענע אַגענטן דורכגעפירט אויפן פּלענום אַ ריי אַנטילענינישע באַשטימונגען: פאַרמאַכן די באָלשעוויסטישע צייַ־טונג „פּראָלעטאַרי", געבן געלט־שטיצע דעם טראָצקיסטישן בלעטל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ווין. לענין האָט שפּעטער געזאָגט וועגן די באַשלוסן פונעם פּלענום, אַז דאָס זיינען געווען „אידיאָטישע" שלום־מאַכערישע באַשלוסן, וואָס האָבן טאָרמאָזירט אויף אַ גאַנץ יאָר די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי־אַרבעט.

נאָכן פּלענום פונעם צ. ק. האָט זיך דער קאַמף נאָך מער פאַר־שאַרפט. די ליקווידאַטאָרן, מאַרטאָווצעס, טראָצקיסטן, ווּפּעריאָ־דאָווצעס, שלום־מאַכער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף לענינען, האָבן פאַרצענפאַכט זייערע אָנפאַלן אויף דער פּאַרטיי. פון דעם

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 177.

דאָזיקן גאַנצן פּרינציפּלאָזן ערב־רב האָט דער יודאַש טראָצקי גענומען צונויפשטיקעווען דעם אַנטיפּאַרטייאישן אויגוסט־בלאָק קעגן די באָלשעוויקעס, קעגן לענינען. דער II אינטערנאַציאָנאַל איז געקומען צו הילף די מענשעוויקעס. די שפּאַלטן פון דער אייראָפּעישער סאָציאַליסטישער פּרעסע זיינען געווען גאַסט־פריינדלעך אָפן פאַר בלעדליי רכילותדיקע אָנפאַלן אויף די באָלשעוויקעס. אין דער רעדאַקציע פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט” האָבן זינאָוויעוו און קאַמיעניעוו געפלאָכטן אַ נעץ אינטריגעס, הינטער לענינס רוקן רעדן זיי זיך צונויף מיט זיינע קעגנער.

אין דער דאָזיקער אָנגעשטרענגטער סיטואַציע וויקלט לענין פאַנאַנדער אַ שטורמישע טעטיקייט און קאַמף פאַר דער פּאַרטיי. זיינע קרעפטן, זיין ענערגיע זיינען אומדערשעפּלעך, דער גלויבן אינעם זיג פון די באָלשעוויקעס איבער אַלע שונאים פון דער פּאַרטיי — גרענעצלאָז. לענין באַהעפט די רייען פון די באָלשעוויקעס, שאַפט אַ בלאָק פון די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס די פּאַרטייער (פּלעכאַנאָווצעס), אַ בלאָק פון די אָנהענגער פון איינהייט און פאַרפעסטיקן די אומלעגאַלע פּאַרטיי.

לענין שטעמפּלט טראָצקיס פּרווו צונויפצושטיקעווען אַ פּרינציפּלאָזן אַנטיפּאַרטייאישן בלאָק פון אַלע שונאים פונעם באָלשעוויזם. מיט פאָלגנדיקע ווערטער אַנטבלויזט ער ביז די וואָרצלען דעם אַנטיפּאַרטייאישן מהות פונעם טראָצקיזם: „טראָצקי פאַראייניקט די אַלע, וועמען עס איז טייער און ליב די אידעישע צעפאַלונג; די אַלע, וועמען עס גייט נישט אָן די פאַרטיידיקונג פונעם מאַרקסיזם; אַלע קליינבירגער, וואָס פאַרשטייען נישט אין וואָס עס גייט דער קאַמף און וואָס ווילן זיך נישט לערנען, טראַכטן, דערגרונטעווען זיך צו די אידעישע וואָרצלען פון די מיינונגס־פאַרשידנהייטן”.

לענין האָט טראָצקין אָוועקגעשטעלט צום שאַנד־סלופּ. אינעם אַרטיקל „וועגן דער שאַנד־פאַרב ביי יודאַש טראָצקי” האָט לענין אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון דעם דאָזיקן צבועק און היפּאָקריט און באַוויזן, וויאַזוי טראָצקי „האָט זיך אויפן פּלענום געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט קעגן דער ליקווידאַטאָריי און קעגן דעם אָטזאָוויזם”, וויאַזוי, „ער האָט זיך געהאַלטן אין איין שווערן, אַז ער איז פּאַרטייאיש”, און נאָכן פּלענום האָט ער אָנגעהויבן קריכן אויף אַלע פיר פאַר די ליקווידאַטאָרן און אָטזאָוויסטן און צוזאַמען מיט זיי אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג קעגן דער פּאַרטיי.

לענין האָט צונישט געמאַכט אַלע פּלענער פון די שונאים פון דער פּאַרטיי, האָט אויפגעדעקט זייערע שווינדלערישע מאַכינאַציעס, וואָס זייער ציל איז געווען — צעוואַלגערן די פּאַרטיי. „די פאַרשווערונג קעגן דער פּאַרטיי איז אויפגעדעקט, — האָט געשריבן לענין. — אַלע, וועמען עס איז טייער די עקזיסטענץ פון דער רסדאַפּ, שטעלט זיך צום פּאַרטיידיקן די פּאַרטיי!"[1].

אין זיין קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן האָט זיך לענין געשטיצט אויף די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. אין קאַמף קעגן דער ליקווידאַטאָריי האָט אים פולשטענדיק געשטיצט סטאַלין. ביים ווילדן ווידערשטאַנד מצד די מאַרטאָווצעס באַוויזן זיך אינעם צענטראַלן פּאַרטיי-אָרגאַן „סאָציאַל-דעמאָקראַט" סטאַלינס באַרימטע „בריוו פון קאַווקאַז", ווו עס איז געגעבן געוואָרן אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פון די ליקווידאַטאָרן און עס איז שאַרף פאַראורטיילט געוואָרן די פאַרעטערישע אויפפירונג פון די מיטהעלפער פונעם טראָצקיזם. אין די דאָזיקע אַרטיקלען און אויך אין דעם בריוו צו לענינען פון דער סאָלווישעגאָדסקער פאַרשיקונג (סוף 1910 יאָר) האָט חבר סטאַלין אַרויסגערוקט אַ פּלאַן וויאַזוי צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיי-אַרבעט אין רוסלאַנד: צונויפרופן אַן אַלגעמיין-פּאַרטייאישע קאָנפערענץ, אַרויסגעבן אַ לעגאַלע פּאַרטייאישע צייטונג, שאַפן אַן אומלעגאַלן פּראַקטישן פּאַרטיי-צענטער. דער דאָזיקער פּלאַן איז שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף דער פּראַגער פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

לענין האָט אַן רחמנות געפירט אַ מלחמה קעגן די אָפּאָרטוניסטן און צענטריסטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. ער פאָלגט אויפמערקזאַם נאָך די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אינעווייניק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג. אין זיינע אַרטיקלען באַווייזט ער, וויאַזוי עס וואַקסט אָן און עס פאַרשטאַרקט זיך דער אָפּאָרטוניזם אינעם II אינטערנאַציאָנאַל. ער דעקט אויף די גרונטקוואַלן זיינע — דאָס זיינען די קליינבירגערלעכע מיטלויפער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און דער אויבערשיכט פונעם אַרבעטער-קלאַס — די „אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע", וואָס איז אונטערגעקויפט דורך דער בורזשואַזיע. ער שטעלט פעסט, אַז די הויפּט-טרעגער פונעם אָפּאָרטוניזם זיינען די פּראָפעסיאָנעלע ביוראָקראַטיע און די פּאַרלאַמענט-פראַקציעס. לענין באַווייזט, וויאַזוי אין אַלע לענדער וואַקסט

---

[1] לענין, ווערק, ב. XIV, ז. 262.

אַן די אומפאַרמיידלעכע אַנטשײדענע פּאַנאַנדערגרענעצונג מיט די אָפּאָרטוניסטן, און קריטיקירט שאַרף די צענטריסטישע אָנפירונג פון די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל. ער שטיצט אין זיינע אַרויסטרעטונגען די לינקע עלעמענטן, קריטיקירנדיק גלייכצייטיק זייערע פעלערן, זייער נישט־קאָנסעקווענטקייט אינעם קאַמף קעגן דעם אָפּאָרטוניזם. אויף די זיצונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ (אין די יאָרן 1908, 1909 און 1911), וואָס זיינער אַ מיטגליד איז לענין געווען פון האַרבסט 1905 יאָר אָן, פּאַרטיידיקט ער די קאָנסעקווענט־רעוואָלוציאָנערע ליניע, קריטיקירט קאַוטסקיס צענטריזם, שטיצט די לינקע האָלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, טרעט אַרויס מיט אַ פּאַרטיידיקונג פון רויזע לוקסעמבורג, ווען אויף איר איז אָנגעפאַלן די אָנפירונג פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אין אויגוסט 1910 יאָר נעמט לענין אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דעם קאָפּענהאַגער קאָנגרעס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וווּ ער טרעט אַרויס קעגן די אָפּאָרטוניסטן. בעתן קאָנגרעס רופט לענין צונויף אַ באַראַטונג פון די לינקע, כדי צו אָרגאַניזירן און באַהעפטן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

סוף 1910 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די מאַסן די ערשטע סימנים פון אויפלעבונג, פונעם אַריבערגאַנג פון אַפּאַטיע און מידקייט צום וווּקס פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. מיט ענערגישע מיטלען דערשלאָגט זיך לענין, אַז אין אויסלאַנד זאָל אָנהייבן דערשיינען אַ נייער באָלשעוויסטישער אָרגאַן — „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", און אין רוסלאַנד — די לעגאַלע צייטונג „זוועזדאַ" און דער זשורנאַל „מיסל". „נעכטן, — האָט געשריבן לענין צו יעליזאַראָוון דעם 20 דעצעמבער 1910 יאָר, — האָב איך באַקומען פון רוסלאַנד דעם נומ. 1 „זוועזדאַ", און היינט דעם נומ. 1 „מיסל". אָט וואָס עס פרייט! איך האָף, אַז אויך איר האָט געזען. אָט דאָס איז אַ דערפרייונג!!"[1].

לענין גיט אָפּ פיל אויפמערקזאַמקייט דער „זוועזדאַ" און „מיסל". אין זיי דערשיינען אָפט זיינע אַרטיקלען. לענין האַלט אונטער אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די פּעטערבורגער באָלשעוויקעס. עס

[1] לענין. בריוו צו די קרובים. ז. 370.

שטעלט זיך איין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט סווערדלאָוון, וועלכער האָט דעמלט געאַרבעט אין פּעטערבורג אלס פאָרשטייער פון צ. ק.

מיט גרויס פרייד פלעגט לענין אָפּמערקן דאָס באַווייזן זיך פון נייע פּאַרטיי-טוער פון צווישן די אַרבעטער. ער האָט ענערגיש געשמידט פון זיי קאַדרען, איבערגעגעבענע דער פּאַרטיי. די אַרבעטער, וואָס פלעגן קומען קיין אויסלאַנד, פלעגט לענין זאָרגעוודיק איינאָרדענען, זיך אינטערעסירן, ווי ס'גייען ביי זיי די לימודים, קאָנטראָלירן זייערע קענטעניש. אויסנוצנדיק דעם דראַנג פון די אַרבעטער צו לערנען זיך, האָבן די אָטזאָוויסטן געשאַפן אויף קאַפּרי אַן אייגענע שול. לענין האָט גלייך דעמאַסקירט איר פראַקציאָנעלן כאַראַקטער. ער האָט זיך דערשלאָגן, אַז די צוהערער פון אָט דער שול זאָלן קומען צו פאָרן קיין פּאַריז, און אין נאָוועמבער—דעצעמבער 1909 יאָר האָט ער געלייענט פאַר זיי לעקציעס וועגן לויפנדיקן מאָמענט און וועגן סטאָליפּינס אַגראַר-פּאָליטיק. זומער 1911 יאָר האָט לענין אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיי-שול אין לאָנזשימאָ, הינטער פּאַריז. דאָ האָט ער געלייענט פאַר אַרבעטער באָלשעוויקעס לעקציעס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם, וועגן דער אַגראַר-פראַגע.

די ערשטע סימנים פון דעם זיך דערנענטערנדיקן אויפשטייג, וועלכן לענין האָט געהאַט פאָרויסגעזאָגט, דיקטירט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די נויטווענדיקייט ענדגילטיק צו צעקלאַפּן די ליקווידאַטאָרן און צוריק אויפשטעלן די פּאַרטיי. אין זיינע אַרטיקלען שטרייכט לענין אונטער, אַז עס נישט דערלאָזבאַר, די באָלשעוויקעס זאָלן זיך אויף ווייטער געפינען אין איין פּאַרטיי מיט די מענשעוויקעס, אַז די גרונט-אויפגאַבע פון די באָלשעוויקעס איז פולשטענדיק איינרייסן מיט די מענשעוויקעס, אַרויסטרייבן זיי פון דער פּאַרטיי, אָפּריייניקן זי פון די אָפּאָרטוניסטן.

לענין אַטאַקירט ענערגיש די ליקווידאַטאָרן און דאָס אויסלענדישע ביוראָ פון צ. ק., וועלכעס שטיצט זיי. ער דערשלאָגט זיך, אַז אין יוני 1911 יאָר זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ באַראַטונג פון צ. ק.-מיטגלידער און אַז אויף דער דאָזיקער באַראַטונג זאָל אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

לענין האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף צוגרייטן די קאָנפערענץ. דער קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן האָט זיך דערנענטערט צום אַנטשיידנדיקן פינאַל, און זיי האָבן געשאַפן כל-

ערליי מניעות פאר די באָלשעוויקעס. אַ באַזונדערס שעדלעכע ראָל האָבן אין אָט דעם מאָמענט געשפּילט די שלום-מאַכער, וועלכע האָבן געפּרוווט אראָפּרייסן דאָס צונויפרופן די קאָנפערענץ און דאָס אָפּ-רייניקן די פּראָלעטארישע פּאַרטיי פון די רענעגאַטן. לענין דעמאַס-קירט זיי שאַרף אַלס מיטהעלפער פון די ליקווידאַטאָרן. אין זיין אַר-טיקל „וועגן דער נייער פראַקציע שלום-מאַכער אָדער צדיקים" שרייבט ער: „די ראָל פון די שלום-מאַכער אין דער עפּאָכע פון קאָנטררעוואָלוציע קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן מיט אַזאַ בילד. די באָלשעוויקעס שלעפּן מיט גרויס מי אונדזער פּאַרטיי-וואָגן באַרג-אַרויף איבער אַ שטיילן באַרג. די ליקווידאַטאָרן, די גאָלאָסאָוועצעס שלעפּן אים מיט אַלע כוחות צוריק, באַרג-אַראָפּ. אויפן וואָגן זיצט אַ שלום-מאַכער. דער אויסזען איז ביי אים — הוילע לאַקרעץ; דאָס פּנים — זיסינקס, אַ זיסינקס, נאָר ווי ביי יעזוס קריסטוס. די גאַנצע פיגור — די צידקות אַליין. און באַשיידן אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף אַראָפּ, אויפגעהויבן די הענט צום הימל, רופט אויס דער שלום-מאַכער: „אַ דאַנק דיר, ריבונו של עולם, וואָס איך בין נישט ענלעך אויף אָט די — אַ ווונק אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און מענ-שעוויקעס — בייזוויליקע פראַקציאָנערן, וואָס שטערן יעטוועדער באַוועגונג פאָרויס". און דער וואָגן באַוועגט זיך צוביסלעך פאָרויס, און אויפן וואָגן זיצט דער שלום-מאַכער"[1].

עס צעפלאַקערט זיך דער קאַמף אַרום דער פראַגע פון צונויפ-רופן די קאָנפערענץ. לענין און די לעניניסטן טרעטן שאַרף אַרויס קעגן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע קאָמיסיעס, וואָס די יוני-באַראַטונג פון די צעקיסטן האָט זיי געשאַפן אויף צו-נויפרופן די קאָנפערענץ, נאָר פאַקטיש האָבן זיי זיך באַמיט אַראָפּ-צורייסן די קאָנפערענץ די ליקווידאַטאָרן צוליב.

דער קאַמף וועלכן חבר סטאַלין פירט אינטענסיוו קעגן די ליק-ווידאַטאָרן אין רוסלאַנד, באַקומט לענינס פולע באַוויליקונג. ער פאַרעפנטלעכט סטאַלינס אַרטיקל — „פונעם לאַגער פון דער סטאָ-ליפינישער „אַרבעטער-פּאַרטיי" און גיט אים אַזאַ אָפּשאַצונג: „די קאָרעספּאָנדענץ פון חבר ק. (סטאַלין — רעד.) פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט מצד די אַלע, וועמען עס איז טייער אונדזער פּאַר-טיי. אַ בעסערע דעמאַסקירונג פון דער „גאָלאָס"-פּאָליטיק (און פון דער גאָלאָס-דיפּלאָמאַטיע), אַ בעסערע אָפּלייקענונג פון די אָנשוויונ-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XV, ז. 242.

גען און האַפּענונגען פון אונדזערע „שלום-מאַכער און פּשרה-מאַכער" איז שווער זיך פאָרצושטעלן" [1].

לענין שיקט קיין רוסלאַנד דעם ח' אָרדזשאָניקידזע צו שאַפן די רוסלענדישע אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע אויף צונויפרופן די קאָנפערענץ. כאַווער אָרדזשאָניקידזעס ענערגישע אַרבעט גיט אירע רעזולטאַטן. די קאָמיסיע פירט דורך אירע באַראַטונגען, ווענדט זיך צו דער פּאַרטיי מיט אַן אויפרוף מכוח צונויפרופן די קאָנפערענץ.

מיט אַנטציקונג רופט זיך לענין אָפּ וועגן דער אַרבעט פון דער דאָזיקער קאָמיסיע. עס וואָלט נאַטירלעך געווען אומפאַרציילעך נאַיוו,— האָט געשריבן לענין, — אַריינצולאָזן זיך אין לייכטגלויביקן אָפּטימיזם; שווערקייטן שטייען נאָך פאַר גיגאַנטישע; די פּאָליציייִשע העצע האָט זיך פאַרצענפאַכט נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס ערשטע רוסישע פלוגבלעטל פונעם ס.-ד.-צענטער; עס איז מעגלעך פאַרוימצוזען לאַנגע און שווערע חדשים, נייע דורכפאַלן, נייע איבעררייסן אין דער אַרבעט. דאָס וויכטיקסטע איז שוין אָבער אָפּגעטאָן. די פאָן איז אויפגעהויבן; די אַרבעטער-קרייזלעך אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן זיך א ציי געטאָן צו איר. און קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַטאַקע איז נישט בכוח זי איצט אומצוואַרפן!" [2]

כדי צוגרייטן די קאָנפערענץ, באַזוכט לענין אין האַרבסט די באָלשעוויסטישע גרופּעס אין פּאַריז, ציריך, בערן, זשענעווע, בריסעל, אַנטווערפּן, לאָנדאָן, טרעט דאָרט אַרויס מיט רעפעראַטן. אין דעצעמבער 1911 יאָר פירט לענין דורך אין פּאַריז א באַראַטונג פון די אויסלענדישע באָלשעוויסטישע גרופּעס, טרעט אַרויס מיט א פאָרטראָג וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי.

בייקומענדיק אַלע שטערונגען, מאַכנדיק טיל-טעל פון אַלע שונאים, אָפּשליידערנדיק פון וועג אַלע זיך אַנטקעגנשטעלנדיקע, דערשלאָגט זיך לענין דעם צונויפרוף פון דער פּאַרטיי-קאָנפערענץ. אין יאַנואר 1912 יאָר איז פאָרגעקומען די אַלרוסלענדישע IV („פּראָגער") קאָנפערענץ. לענין האָט אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ: ער האָט געהאַלטן די גרונטפאָרטראָגן, איז אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס, האָט אָנגעשריבן די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס.

---

1 לענין. ווערק, ב. XV, ז. 217.

2 דאָרטן, ז. 293.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען האָט לענין אָנגעוויזן, אַז דער גאַנ־צער גאַנג פון די געשעענישן האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די באַשלוסן פון דער פּאַריזער, דער V קאָנפערענץ וועגן דעם רעזשים פון דריטן יוני און וועגן די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי. די סטאָלי־פּינשטשינע האָט באַנקראָטירט. אין די פאָלקס־מאַסן, אין דער ער־שטער ריי צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, מערקט זיך דער אָנהייב פון אַ פּאָליטישער אויפלעבונג, וואַקסן אָן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. אויפן טאָג־סדר שטייט, פּונקט ווי פריער, קודם־כל, די אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערן דערציען, אָרגאַניזירן און באַהעפטן די פאַרגעשרי־טענע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט; מע מוז פאַנאַנדערוויקלען די פּאָלי־טישע אַגיטאַציע, אַלזייטיק שטיצן די זיך אָנהייבנדיקע באַוועגונג פון די מאַסן, פאַרברייטערן זי אונטער דער פאָן פון די רעוואָלוציאָ־נערע לאָזונגען פון דער פּאַרטיי.

כדי צו לייזן די דאָזיקע אויפגאַבן, האָט לענין געזאָגט, איז נוי־טיק אַ פעסטע און צוזאַמענבאַהעפטע אומלעגאַלע פּאַרטיי, וועלכע זאָל נאָך ברייטער, איידער ביז איצט, אויסנוצן אַלע לעגאַלע מעג־לעכקייטן. די אויפגאַבן פונעם מאָמענט רוקן אַרויס נייע פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. דאָס שאַפן בייגעוודיקע, באַוועגלעכע, קליינע לויטן באַשטאַנד אומלעגאַלע פּאַרטיי־קעמערלעך, אַרומגערינגלטע מיט אַ נעץ לעגאַלע אָרגאַני־זאַציעס, וועט זיכערן די דורכפירונג פון דער פּאַרטיי־ליניע אויף יעדן געביט פון דער לעגאַלער אַרבעט. דערין באַשטייט טאַקע קודם־כל דער אַנטשיידענער קאַמף קעגן דער ליקווידאַטאָריי.

אַ גרויסן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר לענינס פאָרטראָג וועגן דער אַרבעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ. אינעם פאָרטראָג ווערט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם צו־שטאַנד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז אין די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל, און אין דער ערשטער ריי אין דער אויסערלעך „איינהייטלעכער" דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער דער קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע און רעפאָרמיסטישע עלעמענטן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען קומען צו צו אַ נייער עפּאָכע, — צו דער עפּאָכע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, פון אַנט־שיידנדיקע שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע. דער עקאָנאָמישער קריזיס, דער מלחמה־קריזיס, דאָס זיינען אַלץ

סימפטאָמען פון דעם, אַז די דאָזיקע נייע היסטאָרישע עפּאָכע דער־נענטערט זיך.

די פּראַגער קאָנפערענץ האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון לענינס גאַנצן פריערדיקן קאַמף פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלע־טאַרישער פּאַרטיי, דעם סך־הכל פונעם קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן דעם אָפּאָרטוניזם.

די קאָנפערענץ האָט אַרויסגעטריבן פון דער פּאַרטיי די מענשעוויקעס און האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין פון דער פּאַר־טיי פון נייעם טיפּ, פון דער פּאַרטיי פון לעניניזם, פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די באָלשעוויקעס האָבן געגרייט אַזאַ פּאַרטיי שוין פון די ציימן פון דער אַלטער „איסקראַ", זיי האָבן זיי געגרייט עקשנותדיק, ענערגיש, נישט געקוקט אויף קיין זאַך. די גאַנצע געשיכטע פונעם קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן", מענשעוויקעס, טראָצקיסטן, אָטזאָוויסטן, אי־דעאַליסטן פון אַלע קאָלירן, די עמפּיריאָקריטיקער איינגעשלאָסן, איז געווען אַ געשיכטע פון צוגרייטן גראָד אַזאַ פּאַרטיי. „אַ גרונ־טיקע און אַנטשיידנדיקע ראָל אין אָט דער צוגרייטונגס־אַרבעט האָבן געשפּילט אַזעלכע ווערק לענינס, ווי „וואָס דאַרף מען טאָן?", „צוויי טאַקטיקעס" א. א. וו. לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" איז געווען די אידעאָלאָגישע צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. לענינס בוך „אַ טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק" איז געווען די אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. לענינס בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטי־שער רעוואָלוציע" איז געווען די פּאָליטישע צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. ענדלעך, לענינס בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקרי־טיציזם" איז געווען די טעאָרעטישע צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי"[1].

לענין איז אַרויס אַלס זיגער קודם־כל דערפאַר, ווייל ער האָט פעסט און זיכער געפירט אַ פּרינציפּיעלע פּאָליטיק. און „די פּרינ־ציפּיעלע פּאָליטיק, — האָט ער געלערנט די פּאַרטיי. — איז די איינ־ציק ריכטיקע פּאָליטיק".

---

[1] „געשיכטע פון דער אַלקפּ(ב), קורצער קורס", ז. 166—167. מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

VII

די פראגער קאנפערענץ האט געשלאסן מיט זיך א גרויסן פעריאד אין לענינס לעבן און טעטיקייט. לאנגע יארן האט לענין עקשנותדיק געקעמפט קעגן פילצאליקע שונאים פאר שאפן די באלשעוויסטישע פארטיי, די פארטיי פון נייעם טיפ, און איז ארויס פון דעם דאזיקן קאמף אלס זיגער. דאס איז געווען דער גרעסטער יום־טוב, דער גרעסטער טריומף אין לענינס לעבן. „ענדלעך האט זיך איינגעגעבן, — האט ער געשריבן צו גארקין אנהייב 1912 יאר, — טראץ די ליקווידאטארישע אויסווורפן ווידער אויפצושטעלן די פארטיי און איר צענטראל־קאמיטעט. איך גלייב, איר וועט זיך פרייען דערמיט צוזאמען מיט אונדז"[1].

„די ליקווידאטארישע אויסווורפן" האבן אויפגעהויבן א ווילדן טומל אין אויסלאנד. „צווישן די אונדזעריקע, — האט געשריבן לענין צו די קרובים, — גייט דא אזא רייסעריי און אזא מין באגיסן איינער דעם אנדערן מיט פאמויניצעס, ווי עס איז שוין לאנג נישט געווען, און כ'צווייפל, צי ס'איז גאר אמאל אזוינס געווען. אלע גרופעס, סוב־גרופעס האבן זיך אנגעגורט קעגן דער לעצטער קאנפערענץ און אירע ארגאניזאטארן אזוי, אז אויף די היגע פארזאמלונגען איז דער־גאנגען בוכשטעבלעך ביז פעטש"[2]. די אויסלענדישע גרופקעס האבן זיך געווענדט נאך הילף צום II אינטערנאציאנאל. טראצקי האט אפגעדרוקט אין דער דייטשישער סאציאל־דעמאקראטישער צייטונג „פארווערטס" אן אנאנימען פאסקוויל אויף דער פראגער קאנפע־רענץ. לענין גיט אן אנטשידענעם ווידערשטאנד די דאזיקע אלע שמוציקע אינטריגעס. ער ווענדט זיך מיט א בריוו צו דעם אינטער־נאציאנאלן סאציאליסטישן ביורא, טרעט ארויס מיט אן ארטיקל „דער אנאנים פון „פארווערטס" און די זאכלאגע אין דער רסדאפ".

---

1 לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 19.

2 לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 377.

דעמאַסקירנדיק די דעזאָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט פון די אויסלענדישע גרופּקעס, וועלכע זיינען אבסאָלוט נישט פאַרבונדן געווען מיט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. דער „פאָרווערטס" האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצודרוקן דאָס דאָזיקע אַרטיקל. דעמלט האָט לענין עס אַרויסגעגעבן אַלס באַזונדערע בראָשור אויף דייטש און האָט זי אַוועקגעשיקט אויף 600 אַדרעסן (צו די רעדאַקציעס, פונקציאָנערן, אָרטיקע קאָמיטעטן, ביבליאָטעקן, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי).

אין אַלגעמיין גענומען האָט אָבער לענינען וויניק באַאומרויִקט דער דאָזיקער שדים־טאַנץ פון די עמיגראַנטישע „גענעראַלן אָן אַן אַרמיי": די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד זיינען פעסט דעראָבערט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, און די פּראָגער קאָנפערענץ האָט זיי נאָך מער באַהעפט. לענינס געדאַנקען זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף עפּעס אַנדערש. אַ ריי יאָרן זיינען די באָלשעוויקעס אונטער לענינס אָנפירונג אַלץ אָפּגעטרעטן, אָפּגעטרעטן אָרגאַניזירטערהייט, אין פולער אָרדענונג, שמעטערנדיק די אַלע, וואָס האָבן געפּרוווט פאַרוואַנדלען אָט דאָס אָפּטרעטן אין אַ פּאַנישער פּליטה און קאַפּיטולאַציע אָדער שטויסן די פּאַרטיי צו אַ פּאָליטישער אַוואַנטורע. איצט האָבן זיך גענומען באַווייזן אַלץ מער און מער סימנים פון אַ נייעם וווּקס פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די אַרבעטער־מאַסן, פון דער נאָענטקייט פון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, וועלכן לענין האָט געהאַט פאָרויסגעזען, און וועלכן ער איז געווען אַזוי שטאַרק זיכער. מען האָט געדאַרפט באַגעגענען אָט דעם אויפשטייג אין פולער קאַמפּס־גרייטקייט, פאַרפעסטיקן די רעזולטאַטן פון דער פּראָגער קאָנפערענץ, אויפן גרונט פון אירע באַשלוסן פאַנאַנדערוויקלען די פּאַרטיי־אַרבעט.

דערצו האָט מען קודם־כל באַדאַרפט אָרגאַניזירן די אַרבעט פון דעם רוסישן ביוראָ פון צ. ק. און שנעל אָרגאַניזירן דאָס אַרויסלאָזן אַ לעגאַלע טעגלעכע באָלשעוויסטישע צייטונג. לויט לענינס אויפטראַג פאָרט קיין אויסלאַנד דער ח' אָרדזשאָניקידזע. ער לאָזט זיך אַוועק קיין וואָלאָגדע, וווּ עס האָט זיך געפונען אין פאַרשיקונג סטאַלין, וועלכן די פּראָגער קאָנפערענץ האָט אונטער די אויגן אויסגעוויילט אין באַשטאַנד פון צ. ק. און וועלכער איז, לויט לענינס פאָרשלאָג, געשטאַנען בראַש פון דעם רוסישן ביוראָ פון צ. ק.; ער

אינפאָרמירט סטאַלינען וועגן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ. אינעם בריוו צו לענינען טיילט ח' אָרדזשאָניקידזע מיט: „איך בין געווען ביי איוואַנאָוויטשן. ענהגילטיק זיך מיט אים צונויפגערעדט. ער איז געבליבן צופרידן מיט די רעזולטאַטן. די מיטטיילונג האָט געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק".[1]

דעם 29 פעברואַר 1912 יאָר אַנטלויפט סטאַלין פון פאַרשיקונג און נעמט זיך ענערגיש צום רעאַליזירן די באַשלוסן פון דער קאָנ-פערענץ. אין הסכם מיט לענינס אָנווייזונג ווערט לויט דער איני-ציאַטיוו פון סטאַלינען אָרגאַניזירט אַ טעגלעכע באָלשעוויסטישע ציימונג „פּראַוודאַ". שוין דעם 22 אַפּריל (דעם 5 מאַי לויטן נייעם סטיל) איז אין פּעטערבורג דערשינען דער ערשטער נומער „פּראַוו-דאַ", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג. אין אַ טאָג אַרום איז סטאַלין אַרעסטירט געוואָרן.

„פּראַוודאַ" האָט געגומען דערשיינען אין אַ סיטואַציע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטייג. דעם 4 אַפּריל האָט זיך אָפּגע-שפּילט די בלוטיקע דראַמע אין דער ווייטער סיבירער טייגע — די צעשיסונג פון די אַרבעטער אין די לענער גאָלד-גרובן. „די לענער צעשיסונג האָט געגעבן אַ שטויס דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון די מאַסן, זאָלן אַריבער אין אַ רעוואָלוציאָנערן אויפ-שטייג פון די מאַסן",[2] — האָט געשריבן לענין. די פּראָטעסט-שטרייקן קעגן דער דאָזיקער צעשיסונג האָבן אַרומגעכאַפּט ביז 300 טויזנט אַרבעטער, אין די ערשטמאַיקע שטרייקן האָבן זיך באַטייליקט ביז 400 טויזנט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פונעם אויפשטייג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. לענינס פּראָגנאָזונג איז מקוים גע-וואָרן.

פון פּאַריז איז געוואָרן אַלץ שווערער אָנצופירן מיט דער „פּראַוודאַ", מיט דער זיך פאַנאַנדערוויקלענדיקער פּאַרטיי-אַרבעט, מיט דער וואַקסנדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. מען האָט געדאַרפט אַריבערפאָרן נעענטער צו דער רוסישער גרענעץ. לענין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף קראָקע. „איר פרעגט, ווי קום איך קיין עסט-רייך, — האָט לענין געענטפערט אויף גאָרקים אָנפראַגע, — דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט דאָ אָוועקגעשטעלט אַ ביוראָ (צווישן

---

[1] פון דער עפּאָכע פון „זוויעזדאַ" און „פּראַוודאַ" (די יאָרן 1911—1914), III העפט, ז. 233.

[2] לענין. ווערק, ב. XV, ז. 534.

אונדז זאָל עס בלייבן): עס איז נאָענט די גרענעץ, מיר וועלן זי אויס־נוצן, עס איז נעענטער צו פּיטער, אויפן דריטן טאָג באַקומען מיר פון דאָרט צייטונגען, שרייבן אין די דאָרטיקע צייטונגען איז גע־וואָרן פיל לייכטער. די מיטאַרבעט לאָזט זיך בעסער אָרגאַניזירן".[1]

דעם 19 יוני 1912 פאָרט לענין אַריבער קיין קראָקע. דאָ וווינט ער מער ווי צוויי יאָר, ביז דער סאַמע אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה פון 1914 יאָר, ווינטער־צייט — אין קראָקע גופא, זומער־צייט — אינעם דערפל פאָראָנינאָ. מיט זיין אַריבערפאָרן קיין קראָ־קע איז לענין געווען זייער צופרידן. „מיר לעבן דאָ בעסער, איידער אין פּאַריז, — האָט ער געשריבן צו די די קרובים, — עס רוען אָפּ די נערוון, מער ליטעראַרישע אַרבעט, ווייניקער רייסעריייען".[2] און דער עיקר — עס האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן אָן ענגערע פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד, שנעלער צו רעאַגירן אויף אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר, סיסטעמאַטישער צו פאַרווירקלעכן די טאָג־טעגלעכע אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי. „די קראָקעווער באַזע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נוצלעך: עס האָט זיך אינגאַנצן „באַצאָלט" (פון שטאַנדפּונקט פון דער אַרבעט) אונדזער אַריבערפאָר קיין קראָקע".[3] — האָט לענין געשריבן צו גאָרקין אין יאַנואַר 1913 יאָר.

ווען לענין איז זומער 1913 יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיט קרופּ־סקאַיאַס קראַנקהייט, געווען געצוווּנגען זיך צו באַזעצן אינעם דערפל פּאָראָנינאָ, האָט ער מיט עגמת־נפש געשריבן צו זיינע קרובים: „די טעג זיינען מיר אַריבערגעפאָרן... אויף זומער אין די בערג, אינעם דערפל פּאָראָנינאָ, 7 קילאָמעטער פון זאַקאָפּאַנע. דאָס איז לעבן די בערג טאַטרען, 6־8 שעה מיט דער אייזנבאַן דרום־צו פון קראָקע — די פאַרבינדונג אי מיט רוסלאַנד, אי מיט אייראָפּע דורך קראָקע. אַ ביסל וויטער פון רוסלאַנד — נאָר וואָס זאָל מען טאָן".[4] זיין באַטש מיט עטלעכע צענדליק קילאָמעטער נעענטער צו רוסלאַנד, מיט צוויי־דריי שעה פריער באַקומען ידיעות פון דאָרטן — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר לענינען; אַזוי שאַרף איז אין אים געווען די באַדערפעניש וואָס גיכער צו רעאַגירן אויף אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אין היימלאַנד.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 26.

[2] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 381.

[3] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 220.

[4] לענין. בריוו צו די קרובים, ז. 392.

דער חסרון פון קראַקע איז געווען דאָס, וואָס דאָרט זיינען נישט געווען קיין גוטע ביבליאָטעקן. „רייסערייען איז דאַ ווייניקער, דאָס איז אַ פּלוס. קיין גוטע ביבליאָטעקן איז נישטאָ, דאָס איז אַ מינוס, און ביכער איז שווער".[1] — האָט לענין געשריבן צו גאָרקין.

לענין פלעגט אָפּגעבן דער „פּראַוודאַ" זייער פיל אויפמערקזאַמקייט און כוחות. צווישן לענינען און דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ", וואָס איר סעקרעטאַר איז געווען חבר מאָלאָטאָוו, האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג, האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ. לענין האָט געפאָדערט, אַז די „פּראַוודאַ" זאָל אים צוגעשטעלט ווערן רעכטצייטיק און פּינקטלעך, און אים פלעגט באַאומרואיקן אַ פאַרשפּעטיקונג אפילו אויף עטלעכע שעה (די פּאָסט פלעגט קומען צוויי מאָל אַ טאָג). „איך דאַנק אייך זייער פאַרן צושיקן צוויי מאָל די צייטונג צו דער צייט, ד. ה. גלייכצייטיק מיט אַלע בורזשואַזע צייטונגען, — האָט ער געשריבן צו דער רעדאַקציע. — אָבער חוץ די דאָזיקע צוויי מאָל, קומט די צייטונג „זאַ פּראַוודו" אַלעמאָל אָן מיט אַ האַלבן טאָג שפּעטער פון די בורזשואַזע צייטונגען. צי קאָן מען דאָס נישט איבערמאַכן און שיקן אַלעמאָל צו דער צייט, אַז זי זאָל אָנקומען גלייכצייטיק מיט די בורזשואַזע צייטונגען".[2]

לענין פירט טאָג-טעגלעך אָן מיט דער „פּראַוודאַ", שפּירט אויפמערקזאַם נאָך איר טעטיקייט, ווייזט אָן אויף די טעותים, זעט, אַז זיי זאָלן אויסגעבעסערט ווערן, מערקט אָפּ מיט באַגייסטערונג די דערפאָלגן. לענין זאַמלט אַרום דער צייטונג די ליטעראַרישע קרעפטן פון דער פּאַרטיי, גלייכצייטיק שפּירט ער אָבער וואַכזאַם נאָך נאָכן באַשטאַנד פון אירע מיטאַרבעטער. ער זעט מיט אַלע מיטלען, אַז עס זאָל פאַרגרעסערט ווערן דער טיראַזש פון דער „פּראַוודאַ". „מע דאַרף דירעקט אין די זאַוואָדן פירן דעם קאַמף פאַר דער „פּראַוודאַ", פאָדערנדיק, אַז מע זאָל מער אויסשרייבן, אַז מע זאָל אָפּנעמען ביים „לוטש" יעדן זאַוואָד, עס זאָל זיין צווישן די זאַוואָדן אַ געווער אויף דער צאָל אַבאָנענטן פון דער „פּראַוודאַ". דער זיג פון דער פּאַרטייאישקייט איז דער זיג פון דער „פּראַוודאַ", און פאַרקערט. מע דאַרף אויפהייבן אַזאַ קאַמפּאַניע: דערפירן די

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 26.
[2] דאָרטן, ז. 103.

„פֿראַוודאַ“ פֿון 30.000 ביז 50—60.000, און די צאָל אַבאָנענטן פֿון 5.000 ביז 20.000, און גייען אין דער דאָזיקער ריכטונג כסדר. דעמלט וועלן מיר פֿאַרברייטערן און פֿאַרבעסערן די „פֿראַוודאַ“.[1]

לענין לאַדט איין אין דער „פֿראַוודאַ“ גאָרקין. לענין האָט אים הויך געשעצט אַלס גרעסטן וואָרט-מייסטער, אַלס גרויסן פּראָלע-טאַרישן שרייבער. נאָך אין דער אַלטער „איסקראַ“ איז ער אַרויס-געטראָטן מיט אַ הייסער פֿאַרטיידיקונג פֿון גאָרקין, וועלכן די צאַ-רישע פּאָליציי האָט געהאַט אַרויסגעשיקט פֿון ניזשני-נאָווגאָראָד. אין די יאָרן פֿון רעאַקציע האָט ער נישט געשאָנעוועט קיין כּוחות אויף אַרויסצורייסן גאָרקין פֿון די רייען פֿון די מאַכיסטישע פֿריינד זיינע, העלפֿן אים שטעלן זיך אויף פֿעסטע מאַרקסיסטישע פּאָזי-ציעס. לענינס בריוו צו גאָרקין — דאָס זיינען מערקווירדיקע דאָקו-מענטן, אין וועלכע עס ווייזט זיך דער לעבעדיקער לענין אינעם גאַנצן גלאַנץ פֿון זיין געני, אויסערגעוויינלעכער אינטעלעקטועלער קראַפֿט און רעוואָלוציאָנערער ליידנשאַפֿטלעכקייט. לענין און גאָרקי זיינען געווען פֿאַרבינדן מיט אַ גרויסער פֿריינדשאַפֿט. לענין האָט צערטלעך געזאָרגט וועגן גאָרקין, וועגן זיין געזונט, וועגן די באַדינ-גונגען פֿון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. און ווען לענין האָט זיך דער-וווּסט, אַז גאָרקים מאַכיסטישע סימפּאַטיעס גייען פֿאַרביי, האָט ער מיט קאָלאָסאַלער פֿרייד גענומען אים איינלאַדן אַקטיוו מיטצואַר-בעטן אין די באָלשעוויסטישע אויסגאַבן.

לענין האָט כמעט יעדן טאָג געשריבן אין דער „פֿראַוודאַ“. זיינע אַרטיקלען האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין דער אָנפֿירונג מיט דער פּאַרטיי און מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, אין אויפֿהייבן די סאָציאַליסטישע באַוווּסטזיניקייט און די קלאַסן-אָרגאַניזירטקייט פֿון די אַרבעטער. לענינס אַרטיקלען זיינען געווען פֿאַרשטענדלעך יעדן אַרבעטער: די סאַמע קאָמפּליצירטע פֿראַגן ווערן אין זיי דער-קלערט פּשוט און קלאָר. לענין דעמאַסקירט שאַרף און טרעפֿלעך די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, וואָס פּענטעט דעם אויפֿבלי פֿון דער טעכניק און קולטור, וואָס עקספּלואַטירט אַכזריותדיק דעם אַרבע-טער-קלאַס און דאָס אַרבעטנדיקע פּויערטום. ער באַווייזט, ווי עס פֿאַרשאַרפֿט זיך אַלץ מער דער קאַמף פֿון די פּראָלעטאַריער קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, ווי עס פֿלאַקערט זיך פֿאַנאַנדער דער קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין דער אַר-

[1] לענין-זאַמלונג XXV, ז. 333.

בעטער־באַוועגונג גופא. ער פאָלגט נאָך נאָך דעם דאָזיקן קאַמף אין פּאַרשידענע לענדער. ער דעמאַסקירט די בורזשואַזיע פון די גרויסע מלוכות, וועלכע איז אומעטום און איבעראַל אַ פאַרשטייער פון דער רעאַקציע, דער דערשטיקער פון דער באַפרייונג־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. ער טרעט אַרויס מיט אַ הייסער פּאַרטייאישקייט...

דיקונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע און פון די באַלקאַנישע פעלקער, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן אין קעסלגרוב פון מלחמה. לענין באַווייזט ווי עס מערן זיך די סימפּטאָמען דערפון, אַז עס דערנעענטערט זיך אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה.

אַ גרויסער פּאַטריאָט פון זיין היימלאַנד, שטעמפּלט לענין די אָפּגעשטאַנענקייט פונעם צאַרישן רוסלאַנד, וועקט דעם צאָרן און כעס פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דעם שולדיקן אין דער דאָזיקער אָפּגעשטאַנענקייט — קעגן דער לייבאייגנטימערישער זעלבסטהערשונג. אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרטיקלען לענינס פון אָט דעם דאָזיקן פּעריאָד זיינען געווידמעט דעם פּויערטום; אין זיי ווערט באַוויזן די שווערע לאַגע פון די פאַרשקלאַפטע פּויערים־מאַסן און עס ווערט אָנגעוויזן דער וועג, וויאַזוי צו באַפרייען זיך פון יאָך און נויט, — געמיינזאַם מיטן אַרבעטער־קלאַס און אונטער זיין אָנפירונג פירן אַ קאַמף קעגן דעם קייסער, קעגן די פּריצים, קעגן דער בורזשואַזיע. לענין איז געווען טיף איבערצייגט אינעם קומענדיקן זיג פון דער רעוואָלוציע, און אָט די איבערצייגטקייט און זיכערקייט האָט ער איבערגעגעבן דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס.

„מיר קעמפן בעסער, איידער אונדזערע פּאָטערס. אונדזערע קינדער וועלן קעמפן נאָך בעסער, און זיי וועלן זיגן.

דער אַרבעטער־קלאַס קומט נישט אום, נאָר ער וואַקסט, ווערט קרעפטיקער, רייפער, באַהעפט זיך, ווערט אויפגעקלערט און פאַרהאַרטעוועט זיך אין קאַמף. מיר זיינען פּעסימיסטן בנוגע דעם לייבאייגנטום, דעם קאַפּיטאַליזם און דער קליין־פּראָדוקציע, מיר זיינען אָבער הייסע אָפּטימיסטן בנוגע דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע צילן. מיר פאַרלייגן שוין דעם פונדאַמענט פון דעם נייעם בנין, און אונדזערע קינדער וועלן אים ענדיקן בויען".[1] — אַזוי האָט געשריבן לענין אין דער „פּראַוודאַ".

לענין האָט צוזאַמען מיט סטאַלינען געשאַפן די „פּראַוודאַ" — די מערקווירדיקע באָלשעוויסטישע צייטונג, וואָס האָט דערצויגן

---

[1] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 498.

הונדערטער טויזנטער פאָרגעשריטענע און מסירת-נפשדיקע קעמ-
פער פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר דער זאַך פונעם ארבעטער-קלאַס,
פאַר די אינטערעסן פונעם פאָלק.

באַגלייך מיטן פאַרפעסטיקן מיט אַלע מעגלעכקייטן די „פראַוו-
דאַ" האָט לענין געהאַלטן פאַר נויטווענדיק באַדייטנדיק צו פאַר-
גרעסערן דעם פאַרנעם פון דער לעגאַלער פאַרלאַג-ארבעט פון די
באָלשעוויקעס. ער אָרגאַניזירט דעם לעגאַלן באָלשעוויסטישן חודש-
זשורנאַל „פראָסוועשטשעניע" („אויפקלערונג"), וואָס דער ערשטער
נומער זיינער איז אַרויס אין פעטערבורג נאָך אין דעצעמבער 1911
יאָר; ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער ארבעט פון דער רעדאַק-
ציע, שרייבט כמעט אין יעדן נומער אַרטיקלען, זוכט אויס מיטלען
פאַרן זשורנאַל, נאָך דעם, ווי די „פראַוודאַ" איז אַוועקגעשטעלט
געוואָרן אויף פעסטע רעלסן, רוקט לענין אַרויס די אויפגאַבע אַרויס-
צוגעבן אַ לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונג אויך אין מאָסקווע.
„יעדער באַוווסטזיניקער ארבעטער פאַרשטייט, — האָט לענין גע-
שריבן אין דער „פראַוודאַ", — אַז פעטערבורג אָן מאָסקווע איז
אַלציינס ווי איין האַנט אָן דער צווייטער... מאָסקווע וועט, פאַר-
שטייט זיך, דאַרפן שאַפן ביי זיך אָן א י ג ע נ ע טעגלעכע צייַ-
טונג".[1] נאָך דעם, ווי עס זיינען בייגעקומען געוואָרן אָן אַ שיעור
שטערונגען, האָט זיך אין אויגוסט 1913 יאָר איינגעגעבן אַרויסצו-
לאָזן אין מאָסקווע די באָלשעוויסטישע צייטונג „נאַש פוט" („אונ-
דזער וועג"). לענין האָט אָפגעדרוקט אין דער דאָזיקער צייטונג
אַ ריי אַרטיקלען זיינע.

אין 1912 יאָר האָבן זיך געזאָלט ענדיקן די פולמאַכטן פון דער
מלוכה-דומע, און עס האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן צו דער II
דומע. באַגלייך מיט דער „פראַוודאַ" איז די סאָציאַל-דעמאָקראַ- IV
טישע פראַקציע אין דער דומע געווען דער גרונטיקער לעגאַלער
שטיצפונקט פאַר די באָלשעוויקעס אויף דורכצופירן רעוואָלוציאָ-
נערע ארבעט אין די מאַסן. לענין האָט געהאַלטן, אַז די וואַלן האָבן
אַ גרויסע באַדייטונג. ער שטעלט צונויף די וואַל-פּלאַטפאָרם פון
דער פּאַרטיי, מערקט אָן די אויפפירונג-ליניע פון די באָלשעוויקעס
אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע, שרייבט א סך אַרטיקלען אין דער
„פראַוודאַ", ווו ער גיט אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון דער III
מלוכה-דומע, פון די שוואַרצמאַהדיקע און בורזשואַזע פּאַרטייען אין

---

[1] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 50.

איר, דעמאַסקירט די טעטיקייט פון די קאַדעטן און ליקווידאַטאָרן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער IV דומע. אין בריוו צו דער רעדאַק־ציע פון „פּראַוודאַ" ווייזט ער אָן אויף דער נייטיקייט סיסטעמאַטיש צו באַלויכטן אין דער צייטונג דעם גאַנג פון די וואַלן, אַלץ מער צייט גיט לענין אָפּ דער צוגרייטונג צו זיי. אין סעפּטעמבער 1912 יאָר שרייבט ער צו גאָרקין: „מיר „זיצן" איצט איבערן האַלדז" אין די וואַלן... פונעם אויסגאַנג פון די וואַלן הענגט אָפּ זייער אַ סך פאַר דער בויונג פון דער פּאַרטיי".[1]

אין ברען פון דער וואַל־קאַמפּאַניע קאָמאַנדירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי קיין פּעטערבורג דעם חבר סטאַלין, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער נאַרימער פאַרשיקונג. ער נעמט אין זיינע הענט די אוממיטלבאַרע אָנפירונג מיט דער „פּראַוודאַ" און מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע פון די באָלשעוויקעס. וועגן סטאַלינס אַרבעט האָט חבר מאָלאָטאָוו מיט פרייד מיטגעטיילט לענינען: „ווי עס איז אייך געווים באַוווסט, זיינען אין דער רעדאַקציע פאָרגעקומען איניני־קע ענדערונגען, וואָס וועלן אייך זיין צום האַרצן". צווישן לענינען און סטאַלינען שטעלט זיך איין אַן ענגע פאַרבינדונג. סטאַלינס טעטיקייט, זיינע אַרויסטרעטונגען, די אַרטיקלען רופן אַרויס לענינס פולשטענדיקע באַוויליקונג. „איך קאָן אייך נישט נישט באַגריסן מיטן לייט־אַרטיקל אינעם נום. 146",[2] — טיילט ער מיט דער רע־דאַקציע זיין מיינונג וועגן סטאַלינס אַרטיקל, „ווער האָט געזיגט", וואָס גיט די סך־הכלען פון די וואַלן אין דער פּעטערבורגער אַרבע־טער־קוריע. באַקומען דעם „אָנזאָג פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צו זייער אַרבעטער־דעפּוטאַט", וואָס אָנגעשריבן האָט אים סטאַלין, האָט לענין, ביים איבערשיקן אים אין דרוקעריי, געשריבן: „אומ־באַדינגט אומקערן!! נישט איינפּאַטשקען. עס איז אויסערסט וויכטיק צו פאַרהיטן דעם דאָזיקן דאָקומענט". אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ" האָט לענין אָנגעוויזן „אומבאַדינגט דרוקט אָפּ דעם דאָזיקן אָנזאָג צום פּעטערבורגער דעפּוטאַט אויף אַן אָנגעזען אָרט מיט גרויסע אותיות".[3] די וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָלאָסאַלן זיג פון די באָלשעוויקעס: אין דער

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 27.
[2] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 76.
[3] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 78.

אַרבעטער-קוריע זיינען פון אַלע גרונטיקע אינדוסטריעלע גובערניעס אויסגעוויילט געוואָרן אין דער מלוכה-דומע באָלשעוויקעס.

מע האָט געדאַרפט אונטערציען די סך-הכלען פון כמעט אַ יאָר אַרבעט פון דער פּאַרטיי נאָך דער פּראָגער קאָנפערענץ, באַשטימען די אָרדנטלעכע אויפגאַבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפשטייג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, צוזאַמען מיט די דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס אויסאַרבעטן די ליניע פון זייער אויפפירונג אין דער מלוכה-דומע. לענין האָט זיך צונויפגערעדט מיט סטאַלינען וועגן צונויפרופן אַ באַראַטונג פונעם צ. ק. מיט די פּאַרטיי-טוער סוף 1912 יאָר, ווען עס וועט זיין אַן איבעררייס אין דער אַרבעט פון דער דומע און די דעפּוטאַטן וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו קומען קיין קראָקע.

די באַראַטונג האָט זיך געעפנט אין קראָקע דעם 22 דעצעמבער 1912 יאָר. לענין פירט אָן מיט דער באַראַטונג, טרעט אַרויס מיט פאָרטראַגן איבער די גרונט-פראַגן („דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג, די שטרייקן און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי", „די באַציונג צו דער ליקווידאַטאָריי און די פראַגע פון איינהייט"), שטעלט צונויף און רעדאַגירט די רעזאָלוציעס, רעדט זיך צונויף מיט סטאַלינען וועגן רעאָרגאַניזירן די אָנפירונג מיט דער „פּראַוודאַ". לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אין די באַדינגונגען פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. עס איז נייטיק כסדר און קאָנסעקווענט פּאַרטיידיקן די רעוואָלוציאָנערע גרונט-לאָזונגען פון דער פּאַרטיי, די אזוי גערופענע „דריי גרונט-זיילן" („mpu kuma“) — דעמאָקראַטישע רעפּובליק, קאָנפיסקאַציע פון דער גאַנצער פריצישער ערד, אַכט-שעהדיקער אַרבעטס-טאָג. די פּאַרטיי דאַרף אַלזייטיק שטיצן, אַנטוויקלען און אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די מאַסן — רעוואָלוציאָנערע שטרייקן, רעוואָלוציאָנערע גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, רעוואָלוציאָנערע מיטינגען אד״גל. די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז אַריינציען דאָס פּויערטום אין ווי וויים מעגלעך מער סאָלידאַרע, געמיינזאַמע און ברייטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. די באָלשעוויקעס דאַרפן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן טאָג-טעגלעך דורכפירן אין לעבן די איינהייט פון די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון אונטן. מיט דער באַראַטונג איז לענין געבליבן צופרידן. ער האָט געשריבן צו גאָרקין, אַז זי „האָט זיך זייער איינגעגעבן און וועט שפּילן אַ ראָל".[1]

[1] לענין, ווערק, ב. XVI, ז. 278.

די באַראַטונג האָט באַוויזן, ווי אויסגעוואַקסן און פאַרשטאַרקט עס האָט זיך די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ ריי גרויסע זיגן איבער די ליקווידאַטאָרן און שטויסט זיי כסדר אַרויס פון אַלע פּאָזיציעס אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. לענין האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט אויפן דערגרייכטן; מיט גרויס עקשנות באַמיט ער זיך צו דערשלאָגן, אַז די אומלעגאַלע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך נאָך מער פאַרפעסטיקן, אַז זייער לעגאַלע אַרבעט זאָל ווי ווייט מעגלעך פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן. „ווען מע שאַפט איצט אַ גוטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, אָן מניעות מצד די פאַרטער, די ליקווידאַטאָרן, — איז דער טייוול ווייסט וואָס פאַראַ זיגן מע קאָן דערמלט אָפּהאַלטן ביים וווקס פון דער באַוועגונג פון אונטן...", — האָט געשריבן לענין צו גאָרקין אין יאַנואַר 1913 יאָר און דאָ גלייך מיט עגמת-נפש צוגעגעבן: „עך, קיין געלט איז נישטאָ, אַ נישט וואָלטן מיר פון דער היגער באַזע דער טייוול ווייסט וואָס אויפגעטאָן!" [1]

אינגיכן נאָך דער באַראַטונג האָט די פאַרטיי באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. דעם 10 פעברואַר 1913 איז אַרעסטירט געוואָרן סווערדלאָוו, דעם 23 פעברואַר — סטאַלין. באַקומען די ידיעה וועגן סטאַלינס אַרעסט, האָט קרופּסקאַיאַ לויט לענינס אויפטראַג געשריבן קיין פּעטערבורג: „נאָר-וואָס באַקומען דעם בריוו מיט דער טרויעריקער ידיעה. די לאַגע איז אַזאַ, אַז עס פאָדערט זיך אַ גרויסע פעסטקייט און נאָך אַ גרעסערע סאָלידאַרקייט". [2]

באַגלייך מיט דער „פּראַוודאַ" האָט לענין אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דומע-פראַקציע. ער האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך איר טעטיקייט, האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון די דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס. לענין האָט אויסגעאַרבעט דירעקטיוון, וואָס האָבן באַשטימט די דעקלאַראַציע פון דער דומע-פראַקציע, האָט געשריבן פאַר די דעפּוטאַטן פּראָיעקטן פון די רעדעס וועגן דער פּאָליטיק פונעם מיניסטעריום פאַר פאָלקסבילדונג, וועגן בודזשעט פון דער צאַרישער רעגירונג, וועגן דער אַגראַר- און נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט צונויפגעשטעלט דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג אויף אַריינ-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 220, 222.

[2] „פון דער עפּאָכע פון „זוויעזדאַ" און „פּראַוודאַ"" (די יאָרן 1911—1914)", III העפט, ז. 919.

צוטראָגן אים אין דער IV דומע. צווישן לענינען און די דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג. אויפ־מערקזאַם און מיט ליבע האָט ער זיי געלערנט, ווי אַזוי אויף אַ רע־וואָלוציאָנערן אופן אויסנוצן די דומע־טריבונע.

די דעפּוטאַטן האָבן נישט איין מאָל באַזוכט לענינען און אין לאַנגע שמועסן מיט אים פלעגן זיי אויסקלאָרן די ליניע פון זייער אויפפירונג אין דער דומע. אין זיינע דערינערונגען שרייבט באַדאַ־יעוו, אַז פּונקט ווי די אַנדערע אַרבעטער־דעפּוטאַטן, האָט ער זיך נישט אינגאַנצן פאַרגעשטעלט זיינע אויפגאַבן אין דער דומע. לענין האָט אים געזאָגט: „קיין שום געזעצן, וואָס זאָלן פאַרלייכטערן די לאַגע פון די אַרבעטער, וועט די שוואַרצמאַהדיקע דומע קיינמאָל נישט אָננעמען. די אויפגאַבע פונעם אַרבעטער־דעפּוטאַט איז — טאָג־איין טאָג־אויס דערמאָנען פון דער דומע־טריבונע די שוואַרצ־מאַהניקעס, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז שטאַרק און מעכטיק, אַז עס איז נישט ווייט דער טאָג, ווען עס וועט זיך ווידער אויפהייבן די רעוואָלוציע, וואָס וועט צונישט מאַכן די גאַנצע שוואַרצע מאַה אינאיינעם מיט אירע מיניסטאָרן און מיט איר רעגירונג. מע קאָן, נאַטירלעך, אַרויסטרעטן אויך מיט אויסבעסערונגען און אַפילו מיט אַזעלכע נישט־איז געזעץ, אָט די אַלע אַרויסטרעטונגען דאַרפן אָבער אויסן זיין איינס: שטעמפּלען די צאַרישע אָרדענונג, באַווייזן דעם גאַנצן שוידערלעכן ווילקיר פון דער רעגירונג, רעדן וועגן דער רעכטלאָזיקייט און וועגן דער אכזריותדיקסטער עקספּלואַטאַציע, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט אויסצושטיין. אָט דאָס וועט ווירק־לעך זיין דאָס, וואָס די אַרבעטער דאַרפן הערן פון זייער דעפּו־טאַט".[1] און אָנגעפירט פון לענינען, האָבן די באָלשעוויסטישע דע־פּוטאַטן הויך געהאַלטן אין דער שוואַרצמאַהדיקער דומע די פאָן פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די דומע־פראַקציע איז געווען אַ פאַראייניקטע: אין איר זיינען אַריין אי די באָלשעוויקעס אי די מענשעוויקעס. באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ מערהייט פון איין שטים, פלעגן די מענשעוויקעס דורכפירן אין דער פראַקציע זייערע באַשלוסן. אין רע־זולטאַט האָט זיך געשאַפן אַן אַבסאָלוט אומנאָרמאַלע לאַגע: די מענ־שעוויסטישע דעפּוטאַטן, וואָס אויסגעוויילט זיי האָבן די קליינביר־

[1] אַ. באַדאַיעוו. די באָלשעוויקעס אין דער מלוכה־דומע, 1929, ז. 188—189.

געדלעכע שיכטן, האבן אויף אלערליי אופנים גענומען אפשטופן די באלשעוויקעס, וואס געשיקט זיי אין דער דומע האבן די ארבעטער-מאסן. לענין האט דורכגעפירט א גרויסע קאמפאניע אונטערן לאזונג — גלייכבארעכטיקונג אינעווייניק אין דער דומע-פראקציע; ער האט געפאדערט פון דער רעדאקציע „פראוודא” פארשטארקן די קאמפאניע פאר העלפן דעם זעקסלינג ארבעטער-רעפּוטאטן”[1]. לענינס ארטיקלען אין דער „פראוודא” האבן ארעפגעריסן די מאסקע פון דעם ליקווידאטארישן „זיבלינג” און האבן מאביליזירט די ארבעטער-מאסן ארום די דעפּוטאטן באלשעוויקעס. דער דאזיקער קאמף האט זיך פארענדיקט מיט א פולשטענדיקן זיג: געשטיצט דורך דער מערהייט ארבעטער, האבן די דעפּוטאטן באלשעוויקעס געבילדעט א זעלבשטענדיקע פראקציע אין דער דומע און האבן לויט לענינס עצה אנגענומען דעם נאמען: „רוסלענדישע סאציאל-דעמאקראטישע ארבעטער-פראקציע”.

אין לענינס פולזייטיקער טעטיקייט האט אין דעם דאזיקן פעריאד א באזונדערס באדייטנדיק ארט פארנומען די נאציאנאלע פראגע. אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן און פאליטיק האט געווילדעוועט דער שווארצמאהדיקער גרויסרוסישער שאוויניזם, צווישן דער בורזשואזיע און קליין-בורזשואזיע פון די אונטערדריקטע נאציעס האט זיך פארשטארקט דער נאציאנאליזם. די ליקווידאטארן זיינען ארויסגעטרעטן מיטן נאציאנאליסטישן לאזונג פון „קולטור-נאציאנאלער אויטאנאמיע”, אין מערב-אייראפע איז אנגעגאנגען א ווילדע פראפאגאנדע פון שאוויניזם, — דאס אלץ האט געשטעלט פאר די באלשעוויקעס אין דער גאנצער גרייס די אויפגאבע — צעקלאפן דעם נאציאנאליזם אין אלע זיינע אנטפלעקונגען און אויסארבעטן דעם מארקסיסטישן פראגראם אין דער נאציאנאלער פראגע.

לענין און סטאלין טרעטן צו צו לייזן די דאזיקע וויכטיקסטע פארטיי-אויפגאבע. נאך אויף דער קראקעווער בארעטונג פון די באלשעוויקעס האט לענין געהאט געשמועסט אויף דער דאזיקער טעמע מיט סטאלינען. דעמלט טאקע האט חבר סטאלין אנגעשריבן זיין בארימט ווערק „דער מארקסיזם און די נאציאנאלע פראגע”, וו ער האט פאנאנדערגעארבעט און באגרינדעט דעם מארקסיסטישן פראגראם אין דער נאציאנאלער פראגע. אנהייב 1913 יאר האט

---

[1] לענין-זאמלונג XXV, ז. 333.

לענין מיטגעטיילט גאָרקין: „ביי אונדז האָט איינער א וווּנדערבאַרער גרוזין זיך אַוועקגעזעצט און שרייבט פאַר דער „פּראָסוועשטשעניע“ א גרויסן אַרטיקל, האָבנדיק צונויפגענומען אַלע עסטרייכישע און איבעריקע מאַטעריאַלן“[1]. פאָדערנדיק, אַז חבר סטאַלינס אַרטיקל זאָל וואָס גיכער פאַרעפנטלעכט ווערן אינעם זשורנאַל „פּראָסוועשטשעניע“, האָט לענין אָנגעוויזן: „דאָס אַרטיקל איז זייער אַ גוטס. די פראַגע איז אַ קאַמפּס־פּראַגע, און מיר וועלן אויף קיין האָר נישט אָפּגעבן די פּרינציפּיעלע פּאָזיציע קעגן דער בונדישער פּאַסקודסטווע“. חבר סטאַלינס אַרבעט האָט לענין זייער הויך געשאַצט. ער האָט געשריבן וועגן איר: „אין דער טעאָרעטישער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור... זיינען די יסודות פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון דער ס. ד. לעצטנס שוין באַלויכטן געוואָרן (אין דער ערשטער ריי רוקט זיך דאָ אַרויס סטאַלינס אַרטיקל)“[2].

פון מיטן 1913 יאָר אָן אַרבעט לענין אינטענסיוו איבערן באַגרינדן דעם באָלשעוויסטישן פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. ער האָט אָנגעשריבן אַ סך אַרטיקלען, דערונטער אַזוינע פּראָגראַם־אַרבעטן, ווי „קריטישע נאָטיצן איבער דער נאַציאָנאַלער פּראַגע“ (אין 1913 יאָר) און „וועגן דעם רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג“ (אין פעברואַר 1914 יאָר). ער איז אַרויסגעטרעטן מיט פּאָרטראַגן אויף דער דאָזיקער טעמע אין קראָקע, פּאַריז, ליעזש, לייפּציק און אין שטעט פון דער שווייץ (ציריך, זשענעווע, בערן).

לענין פּאַלט צאָרנדיק אָן אויפן שוואַרצמאַהדיקן גרויסרוסישן שאָוויניזם, שטעמפּלט די צאַרישע פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, די קאַדעטן, וואָס קריכן אויף אַלע פיר פאַרן צאַריזם. ער קריטיקירט טרעפלעך די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן די לוקסעמבורגיאַנער, וועלכע האָבן געלייקנט אינעם רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג. ער פירט אַ קאַמף אָן רחמנות קעגן די בונדאָווצעס, קעגן די אוקראַאינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ענלעכע צו זיי נאַציאָנאַליסטישע קליינבירגער, וועלכע האָבן געפּרוווט פאַרסמען דעם אַרבעטער־קלאַס מיטן סם פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און צעשפּליטערן די איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 328.
[2] לענין־ווערק, ב. XVII, ז. 116.

„נ י י ן ד י מ י א ו ס ק י ם, ו ו א ס א י ן ע ס ט ר י י ך, וו ע ט ב י י א ו נ ד ז נ י ש ט ז י י ן. מיר וועלן נישט לאָזן!"[1], — האָט מיט צאָרן דערקלערט לענין, האָבנדיק אין זינען די צעשפּליטערטקייט פון דער עסטרייכישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. פּעסט און קאָנסעקווענט שמידט ער אוים און פּאַרטיידיקט דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם: זיינע אַרטיקלען — דאָס איז אַ פּלאַמיקע פּריידיקונג פון דעם, אַז די נאַציעס זאָלן זיך דערנענטערן צווישן זיך, אַז די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין דער געגעבענער מלוכה זאָלן זיך צונויפגיסן אין איינהייטלעכע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס. אויפמערקזאַם דערלערנט לענין די דערפאַרונג פון דער אַרבעט פון די טראַנסקאַווקאַזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס געשאַפן זיי און אָנגעפירט מיט זיי האָט סטאַלין. ער שטעלט זיי אַרויס אַלס ביישפּיל און מוסטער פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. „די אינטערעסן און די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, — האָט געשריבן לענין אין „פּראַוודאַ" אין מאַי 1913 יאָר, אַנטשפּרעכט בלויז יענע פולע איינהייט (אויף די ערטער, פון אונטן ביז אויבן) פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס, וועלכע מע האָט אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט און מיט אַזאַ דערפאָלג פאַרווירקלעכט אין קאַווקאַז"[2].

אין זיינע אַרבעטן קלערט לענין אויף דעם קאָנקרעט־היסטאָרישן אינהאַלט פון דעם לאָזונג — רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג אַלס רעכט אָפּצוטיילן זיך און צו בילדן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, ער פאָרמולירט די פּראַקטישע פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע: פולע גלייכבארעכטיקונג פון אַלע נאַציעס און שפּראַכן, ברייטע געגנט־אויטאָנאָמיע, זיכערונג פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אַזוי האָט לענין אַלזייטיק פאַנאַנדערגעאַרבעט און באַגרינדעט דעם מאַרקסיסטישן פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט זיך געהויבן אַלץ העכער. לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן, האָבן אין 1912 יאָר סך־הכל געשטרייקט 725 טויזנט מאַן, און לויט אַנדערע מער פולע אָנגאַבן — מער ווי אַ מיליאָן אַרבעטער, אין 1913 יאָר לויט די אָפיציעלע באַריכטן — 861 טויזנט, און לויט מער פולע אָנגאַבן —

[1] לענין. ווערק, ב. XVI, ז. 328.
[2] דאָרטן, ז. 386.

1272 טויזנט. אין דער ערשטער העלפט 1914 יאָר האָבן זיך שוין אין די שטרייקן באַטייליקט ביי אַנדערהאַלבן מיליאָן אַרבעטער. די שטרייקן גייען דורך אַלץ מער עקשנותדיק.

אין לענינס באַשיידענעם קראָקעווער דירהלע איז געווען אַן עכטער שטאַב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס איז גע־פירט געוואָרן אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאַנד, פּאַרטיי־טוער פון רוסלאַנד און עמיגראַנטן, וואָס פלעגן זיך אומקערן אַהיים, פלעגן אָפט קומען צו פאָרן נאָך אינסטרוקציעס קיין קראָקע, צו וולאַדימיר איליטשן.

אָפט פלעגט פאָרקומען באַראַטונגען פונעם צ. ק. מיט פּאַרטיי־טוער. אין משך פון די יאָרן 1913—1914 זיינען פאָרגעקומען עטלעכע אַזוינע באַראַטונגען. גאָר א גרויסע באַדייטונג האָט געהאַט די פּאָראָנינער באַראַטונג אין סעפּטעמבער 1913 יאָר. לענין האָט אָנ־געפירט מיט דער דאָזיקער באַראַטונג, איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פונעם צ. ק. און מיט אַ פאָרטראָג איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט זאָרגפעליק רעדאַגירט אַלע רעזאָלוציעס.

לענין האָט אומדערמידלעך געפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן, וופּעריאָדאָווצעס און עסערן, האָט אויפגעדעקט די בורזשואַזע מעטאָדן פון זייער קאַמף קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס און זיין פּאַרטיי. באַזונדערס פיל אויפמערקזאַמקייט גיט ער אָפּ אויף צו דעמאַסקירן און צעקלאַפּן דעם אַנטיפּאַרטייאישן אויגוסט־בלאָק. אין אַ ריי אַרטיקלען („וועגן ברעכן די איינהייט, פאַרשטעלט מיט געשרייען וועגן איינהייט" א. א.) שטעמפּלט ער טראָצקים ליקווי־דאַטאָרישע אידעעלעך, דעם פּאָליטישן אַוואַנטוריזם זיינעם.

לענין נעמט אין יענער צייט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער לעטי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, שרייבט אָן דעם „פּראָיעקט פון דער פּלאַטפאָרם צום IV צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון לעטישן קאַנט", טרעט אַרויס אין יאַנואַר 1914 יאָר אין בריסעל אויפן צוזאַמענפאָר גופא, דערשלאָגט זיך, אַז די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל אַרויסגיין פון דעם אויגוסט־בלאָק.

דערזען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן צעקלאַפּט אַלע אָפּאָרטוניס־טישע גרופּעס אין דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער II אינטערנאַציאָנאַל גלייך געקומען צו הילף די דאָזיקע גרו־פּעס. לענין איז אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן די פּרוּוון פון די אָפּאָר־

טוניסטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל — אונטערן פאָן פון „שלום מאַכן" און „איינהייט" — פאַקטיש צו ליקווידירן די זעלבשטענדיקע באָלשעוויסטישע פאַרטיי.

צוויי יאָר האָט לענין פאַרבראַכט אין קראָקע. דאָס זיינען געווען יאָרן פון אַ מעכטיקן אויפשטייג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, פון שנעלן וווּקס פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס, וואָס האָט דעראָבערט אַלע גרונט-פּאָזיציעס אינעם אַרבעטער-קלאַס. אין די דאָזיקע יאָרן איז פאַרלייגט געוואָרן דער פעסטער פונדאַמענט פון דער מאַסע-ווער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, וואָס קיין שום פאַרפאָלגונגען מצד דעם צאַריזם האָבן אים נישט געקאָנט צעשטערן.

אין יוני 1914 יאָר איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פונעם צ. ק. פון די באָלשעוויקעס איבער דער פראַגע וועגן צוגרייטן און צונויפ-רופן דעם אָרדנטלעכן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר. צונויפרופן דעם צוזאַ-מענפאָר איז אָבער נישט אויסגעקומען.

אין אויגוסט 1914 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אימפּע-ריאַליסטישע וועלט-מלחמה.

VIII

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז לענין געווען אין גאַ־ליציע (פּאָראָנינאָ). דעם 26 יולי (8 אויגוסט) 1914 יאָר האָט אים די עסטרייכישע פּאָליציי אַרעסטירט לויט אַ פאַלשער מסירה און פאַרשפּאַרט אין טורמע אין נאָווי טאַרג. דעם 6 (19) אויגוסט איז מען געצוווּנגען געווען ארויסצולאָזן אים פון טורמע, מחמת די מסירה איז געווען אַ בפירושער אבסורד. בלייבן אָבער ווייטער אין עסטרייך, אין אַ לאַנד, וואָס פירט מלחמה קעגן רוסלאַנד, איז געווען אוממעגלעך, חוץ דעם וואָלט עס געשאַפן אומגעהייערע שוועריקייטן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. לענין האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש ארויסצופאָרן אין דער נייטראַלער שווייץ. דאָ האָט ער פאַרבראַכט אַלע מלחמה־יאָרן, ביז אַפּריל 1917, צוערשט אין בערן און דערנאָך אין ציריך.

די צאַרישע אָכראַנקע האָט געהאָפט, אַז אַדאַנק דער מלחמה וועט זיך איר איינגעבן צו פאַקן לענינען. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט פאַרגעלייגט דעם קאָמאַנדיר פונעם דרום־מערבדיקן פראָנט תיכף, ווי נאָר דאָס רוסישע מיליטער וועט איינעמען קראָקע, אַרעסטירן לענינען און ברענגען אים קיין פּעטערבורג. דער דאָזיקער פּלאַן פון דער פּאָליציי איז אָבער דורכגעפאַלן, און פון דער קליינינקער שווייץ, וואָס איז געלעגן אין צענטער פון דער פלאַקערנדיקער אייראָפּעיִשער שׂרפה, האָט דורכגעהילכט אויף דער גאַנצער וועלט לענינס פלאַמיקער רוף צו די פאָלקס־מאַסן — דערקלערן אַ מלחמה דער מלחמה.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן ארויסגערופן די אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכן, דער קאַמף פאַר איבערפאַרטיילן די וועלט און די איינפלוס־ספערן, דער קאַמף פאַר פאַרשקלאַפן פרעמדע פעלקער און ראַבעווען די קאָלאָניעס, — אַ קאַמף צווישן צוויי גרופּעס גרעסטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות — דייטשלאַנד און עסטרייך־

אונגאַרן, פון איין זייט, און ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד, פון דער אנדערער זייט. דאָס איז געווען אן אימפּעריאַליסטישע, פאַר־כאַפּערישע, רויבערישע מלחמה פון ביידע צדדים.

די מלחמה איז געווען א הארבער עקזאַמען פאַר אַלע שטרע־מונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די מערב־אייראָפּעישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס נאָך אַ צייט פאַר דער מלחמה האָט זיי שוין געגומען פרעסן דער זשאַווער פון אָפּאָרטוניזם, האָבן פאַראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס און האָבן אָנגעהויבן העלפן די בור־זשואַזיע אָנצוהעצן די אַרבעטער און די פּויערים פון די קריגספירנדי־קע לענדער איינער אויף די צווייטע, לשם „פּאַרטיידיקן דאָס פאָטער־לאַנד”, דאָס בורזשואַזע פאָטערלאַנד. דער II אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צעפאַלן. די פירער און אָנפירער פונעם II אינטערנאַציאָ־נאַל און פון דער מערהייט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך גע־שטעלט אויף די פּאָזיציעס פון פאַרטיידיקן און שטיצן זייערע אימ־פּעריאַליסטישע רעגירונגען.

אינעם דאָזיקן שווערן היסטאָרישן מאָמענט, אין דער סיטואַציע פון א טיפן קריזיס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון פאַראַט און רענעגאַטישקייט פון די לידערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן בלויז לענין און די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וואָס ער האָט געשאַפן און אויסגעבאַוועט, אָן שום וואַקלונגען אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. לענין איז גלייך אַרויסגעטרעטן מיט א דייטלעכער און קלאָרער אָפּשאַצונג פון דער מלחמה, ער האָט אָנגעוויזן די אַרבעטער און פּויערים דעם איינציקן אויסוועג פון דער וועלט־שחיטה — דעם וועג פון קאַמף פאַר אַראָפּ־וואַרפן זייערע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען.

דעם 23 אויגוסט (5 סעפּטעמבער) 1914 יאָר איז לענין געקומען צו פאָרן קיין בערן. גלייך אויף מאָרגן איז ער הינטער דער שטאָט, אין וואַלד, אַרויסגעטרעטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער אָרטיקער גרופּע באָלשעוויקעס מיט א פאָרטראַג וועגן דער באַציונג צו דער מלחמה. די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען זיינע היסטאָרישע „טעזיסן וועגן דער מלחמה”.

אין אָט דער אַרויסטרעטונג, דער ערשטער פּראָגראַם־אַרויס־טרעטונג פונעם באָלשעוויזם אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט לענין געגעבן אַ געניאַלן ענטפער אויף אַלע גרונט־פראַגן, וואָס די עפּאָכע האָט געשטעלט, — וועגן דעם כאַראַקטער פון דער געגעבע־

נער מלחמה און וועגן די אויפגאבן פונעם ארבעטער-קלאס. די דאָזיקע מלחמה האָט לענין קוואַליפיצירט אַלס בורזשואַזע, אימפּעריאַליסטישע, רויבערישע מלחמה. לענין האָט שאַרף פאַראורטיילט דעם פאַראַט פון די פירער פונעם II אינטערנאַציאָנאַל קעגן פּראָלעטאַריאַט. דער קראַך פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער געזאָגט, איז נישט קיין צופעליקייט; די גרונט-סיבה פונעם דאָזיקן קראַך איז — די פרעוואַלירונג פונעם אָפּאָרטוניזם אינעם II אינטערנאַציאָנאַל. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דיווירקלעכע אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט ער אָנגעוויזן איז פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און די נויטווענדיקייט צו ווענדן דאָס געווער נישט קעגן די אייגענע ברידער, די ארבעטער און פּויערים פון די אַנדערע לענדער, נאָר קעגן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען און קעגן די בורזשואַזיע פון די אייגענע לענדער; לענין האָט פּראָקלאַמירט א קאַמף אָן רחמנות קעגן דעם שאָוויניזם — די פירער פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבן פאַראַטן דעם סאָציאַליזם. די טעזיסן האָבן אונטערגעשטראָכן, אז פונעם שטאַנדפּונקט פונעם ארבעטער-קלאַס און פון די ארבעטנדיקע מאַסן פון רוסלאַנדס אַלע פעלקער וואָלט דאָס קלענסטע בייז געווען — די מפּלה פון דער צאַרישער מאָנאַרכיע. אין די לענינישע טעזיסן איז געגעבן געוואָרן אַ קאָנקרעטע רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגס-פּראָגראַם פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

לענין שיקט תיכּף אַוועק זיינע „טעזיסן וועגן דער מלחה" קיין רוסלאַנד און פאַרשפּרייט זיי אין די באָלשעוויסטישע סעקציעס אין אויסלאַנד. די טעזיסן זיינען באַוויליקט געוואָרן דורך די אָנפירנדיקע פּאַרטיי-אָרגאַנען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן אין דער פראַגע וועגן דער מלחמה גלייך פאַרנומען אַ פעסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע.

די „טעזיסן וועגן דער מלחמה" זיינען געלייגט געוואָרן אין גרונט פונעם מאַניפעסט פונעם צ. ק. וועגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה: „די מלחמה און די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". דעם מאַניפעסט האָט אָנגעשריבן לענין סוף סעפּטעמבער 1914 יאָר. אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן דאָקומענט האָט לענין געגעבן דעם רוף: פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין א בירגערקריג, אין אַ מלחמה קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן די פּריצים. אַנשטאָט דער סאָציאַל-שאָוויניסטישער פּאָליטיק פון פּאַרטיידיקן דאָס בורזשואַזע פאָטערלאַנד האָט לענין אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון א מפּלה פון

די אייגענע אימפעריאליסטישע רעגירונגען. אַנשטאָט דעם צעפוילטן II אינטערנאַציאָנאַל, האָט לענין אָנגעוויזן, דאַרף מען שאַפן אַ נייעם, אַ III אינטערנאַציאָנאַל. דער מאַניפעסט ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„פאַרוואַנדלען די איצטיקע אימפעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגערקריג — דאָס איז דער איינציק ריכטיקער פּראָלעטאַרישער לאָזונג, אויף וועלכן עס ווייזט אָן די דערפאַרונג פון דער קאָמונע, וועלכן עס האָט אָנגעמערקט די באַזעלער (1912 יאָר) רעזאָלוציע און וועלכער דרינגט אַרויס פון אַלע באַדינגונגען פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה צווישן די הויך-אַנטוויקלטע בורזשואַזע לענדער. ווי גרויס די שוועריקייטן פון אַזאַ פאַרוואַנדלען זאָלן זיך נישט אויסווייזן אין דער אָדער אין יענער מינוט, וועלן זיך די סאָציאַליסטן קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון סיסטעמאַטישער, עקשנותדיקער, כסדרדיקער צוגרייטונגס-אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג, וויבאַלד די מלחמה איז געוואָרן אַ פאַקט.

בלויז אויף דעם דאָזיקן וועג וועט זיך דער פּראָלעטאַריאָט קאָנען אַרויסרייסן פון זיין אָפּהענגיקייט פון דער שאָוויניסטישער בורזשואַזיע און, אין דער אָדער יענער פאָרם, מער אָדער ווייניקער גיך מאַכן אַנטשיידענע טריט אויפן וועג צו דער ווירקלעכער פרייהייט פון די פעלקער און אויפן וועג צום סאָציאַליזם"[1].

לענין האָט מיט קאָלאָסאַלער ענערגיע אָנגעהויבן זאַמלען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי-קרעפטן. זייער שווער איז געווען צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די מלחמה-באַדינגונגען. די פּאָליציַיקע פראָנטן האָבן געהאַט אָפּגעשניטן לענינען פון רוסלאַנד. בריוו פון רוסלאַנד קיין שווייץ פלעגן צומאָל גיין מער ווי אַ חודש. רוסישע ציַיטונגען און זשורנאַלן פלעגן אָנקומען זייער נישט רעגלמעסיק, מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. די צאַרישע פּאָליציי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין גראַמירן די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. אַ סך אָנפירנדיקע טוער — סטאַלין, מאָלאָטאָוו, סווערדלאָוו, ספּאַנדאַריאַן, וואָראָשילאָוו, אָרדזשאָניקידזע און אַנדערע — האָבן זיך געפונען אין טורמע אָדער אין פאַרשיקונג. אין די מלחמה-באַדינגונגען האָט מען געמוזט אויסגעפינען ספּעציעלע מאָסמיטלען אַפילו אין דער „דעמאָקראַטישער" שווייץ, כדי צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט טראָץ דער פאַרשטאַרקטער אויפזיכט פון דער פּאָליציַיאישער און

[1] לענין. ווערק, ב. XVIII, ז. 66.

מיליטערישער מאַכט. חוץ דעם אַלעם איז די פּאַרטיי געבליבן אָן געלט-מיטלען; הארבסט 1914 יאָר, ווען עס האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט", איז אין דער פּאַרטיי-קאַסע געווען סך-הכל 160 פראַנק (ביי 60 רובל). „נישטאָ קיין געלט, נישטאָ קיין געלט!! די הויפּט-צרה שטעקט אין דעם!"[1], — האָט לענין געשריבן.

אין אויסשליסלעך שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט געלעבט לענין גופא. ער האָט שטענדיק געלעבט זייער באַשיידן. און גאַנץ אָפט אין גרויס החקות, באַזונדערס אין די יאָרן פון עמיגראַציע. נאָר קיינמאָל האָט ער זיך אַזוי שטאַרק נישט געמאַטערט, ווי בעת דער מלחמה. אין איינעם אַ בריוו העלפט 1916 יאָר האָט ער זיך געמוזט מודה זיין: „וועגן זיך פּערזענלעך וועל איך זאָגן, אַז אַ פאַרדינסט איז נייטיק. אַנישט איז — כאָטש לייג זיך און שטאַרב, ערנוואָרט!! דער יקרות איז אַ ווילדער, און לעבן איז נישטאָ פון וואָס". לענין בעט מיטהעלפן, אַז די פאַרלעגער זאָלן באַצאָלן פאַר זיינע מאַנוסקריפּטן. „אויב דאָס וועט זיך נישט איינרעגולירן, וועל איך, ערנוואָרט לאַנג נישט קאָנען ציען, דאָס איז פולקאָם ערנסט, פולקאָם, פולקאָם"[2].

נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן און געפאַרן פון מלחמה-צייט, האָט לענין אויף קיין איין רגע נישט איבערגעריסן די קאָלאָסאַלע פּאַרטיי-אַרבעט, ער האָט זי געפירט ווייטער מיט דער גרעסטער ענערגיע און אומגעהייערער מוט. ער באַהעפט די קליינע גרופּעס באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד, טרעט אַרויס אין לאָזאַנע, זשענעווע, קלאַראַן, ציריך און בערן מיט רעפעראַטן וועגן דער באַציונג פון דער פּאַרטיי צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זיך דערוווסט, אַז פּלעכאַנאָוו האַלט אין לאָזאַנע אַ רעפעראַט וועגן דער באַציונג פון די סאָציאַליסטן צו דער מלחמה, קומט לענין צו פאָרן אַהין און טרעט אַרויס אין די דעבאַטן, צעשמעטערנדיק פּלעכאַנאָווס סאָציאַל-שאָוויניסטישע פּאָזיציע.

אין דער שווייץ האָט זיך לענין פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דאָס דרוקן און פאַרשפּרייטן די באָלשעוויסטישע אויסגאַבן. דורך בריוו און פּערזענלעכע שמועסן האָט ער געזען אויסצוקלאָרן, וואָס פאַר אַ פאַרלאַג-מעגלעכקייטן עס זיינען פאַראַן אין זשענעווע, די פּאַר-

---

1 לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 195.
2 לענין-זאַמלונג II, ז. 279.

טיי־טוער פּלעגט ער געבן פּינקטלעכע, קאָנקרעטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו אַרבעטן, אָננעמענדיק די נייטיקע פאַרזיכט־מיטלען. לענינען איז געווען קלאָר, אַז אין די מלחמה־באַדינגונגען איז אַפילו אין דער „נייטראַלער" שווייץ און אַפילו אויף רוסיש געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע זאַך אָפּצודרוקן אַ דאָקומענט קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זייענדיק עקאָנאָמיש אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער בורזשואַזיע פון די „גרויסע" אימפּעריאַליסטישע מלוכות און קריכנדיק אויף אַלע פיר פאַר דער אייראָפּעישער רעאַקציע, האָט די שווייצאַרישע בורזשואַזע רעגירונג לייכט געקאָנט אָנהייבן צו פאַרפאָלגן פאַר דעמאַסקירן דיווירקלעכע צילן פון דער מלחמה, איר אימפּעריאַליסטישן מהות. „עס זיינען פאַראַן אַ ל ע גרונטן צו דערוואַרטן, — האָט לענין געשריבן אין סעפּטעמבער 1914 יאָר, — אַז די שווייצאַרישע פּאָליציי און מיליטער־מאַכט וועלן (נאָכן ע ר ש ט ן ווונק פון דעם רוסישן אָדער פראַנצויזישן אדג. געזאַנדטן) איבערגעבן אין קריגס־געריכט אָדער וועלן אַרויסשיקן פאַר ברעכן די נייטראַליטעט"[1]. דעריבער האָט לענין רעקאָמענדירט אָפּצוהיטן די קאָנספּיראַציע, זיין זייער פאָרזיכטיק, פירן די קאָרעספּאָנדענץ אומבאַדינגט מיט דער הילף פון „כימיע", אַלע כתב־ידן פאַרניכטן, די עקזעמפּליאַרן פון די געדרוקטע פלוג־בלעטלעך, צייטונגען אדג. האַלטן ביי אַן איינפלוסרייכן שווייצאַרישן בירגער. לענין האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיטן אַרויסגעבן די צייטונג, בייקומענדיק אַלע מניעות פון פּאָליצייאישן און מאַטעריעלן כאַראַקטער, פלעגט געבן אָנווייזונגען וועגן דרוק־טעכניק, שריפט און פאָרמאַט. אַדאַנק לענינס אומדערמידלעכער ענערגיע האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט", זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן דער זשורנאַל „קאָמוניסט" (1915) צוויי „זאַמלביכער פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַט" (1916), פלוגבלעטלעך און בראָשורן.

דעם 19־טן אָקטאָבער (1 נאָוועמבער) 1914 יאָר איז נאָך אַ יאָר איבעררייס דערשינען דער נומער 33 „סאָציאַל־דעמאָקראַט" מיטן לעניניסטן מאַניפעסט פונעם צ. ק. דער דאָזיקער נומער, וואָס איז אומלעגאַל אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד און איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די באָלשעוויסטישע אויסלענדישע סעקציעס, האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי און די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג האָבן באַקומען אַ ביז גאָר

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 130.

שאַרף געווער פון קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, קעגן דעם צאַריזם און דער בורזשואַזיע, פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דורך אַלע פאַרצוימונגען, דורך פלאַם און פייער פון די פראָנטן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה איז דאָס לעניניסטישע וואָרט דערגאַנגען צו די מאַסן.

די אַרבעט פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד איז געפירט געוואָרן, נישט געקוקט אויף אַלע רעפּרעסיעס פון דער צאַרישער רעגירונג. אין נאָוועמבער 1914 יאָר איז אַרעסטירט געוואָרן די באָלשעוויסטישע פראַקציע פון דער מלוכה-דומע, וועלכע האָט געפירט איר טעטיקייט אין גייסט פון לענינס דירעקטיוון. אין פעברואַר 1915 יאָר איז פאָרגעקומען דאָס געריכט איבער די פינף דעפּוטאַטן, מע האָט זיי פאַרמשפּט און פאַרשיקט קיין סיביר. דעם פּראָצעס האָבן זיי אויסגענוצט אַלס טריבונע, פון וועלכער עס האָט זיך ברייט צעטראָגן דער לענינישער רוף צו פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין טיפן אונטערערד, אין דעם האָט זי געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג, אָנגעזאַמלט אונטער לענינס אָנפירונג. אין משך פון די יאָרן 1912—1914 זיינען אַדאַנק דער לענינישער „פּראַוודאַ" אויסגעוואַקסן נייע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי-קאַדרעס. דורכפאַלן, אַרעסטן פון באָלשעוויקעס זיינען פאָרגעקומען, נאָר די אַרבעט איז פאָרגעזעצט געוואָרן. באַקומען די ידיעה וועגן דעם אַרעסט פון די דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס, האָט לענין געשריבן: „די אַרבעט פון אונדזער פּאַרטיי איז איצט געוואָרן 100 מאָל שווערער. און דאָך וועלן מיר זי פירן! די „פּראַוודאַ" האָט דערצויגן טויזנטער באַוווסטזיניקע אַרבעטער, פון וועלכע עס וועט טראָץ אַלע שוועריקייטן ווידעראַמאָל צוגעקליבן ווערן אַ קאָלעקטיוו אָנפירער — דער רוסישער צ. ק. פון דער פּאַרטיי"[1]. אין שוועדן, אין דעם צו רוסלאַנד נאָענטסטן נייטראַלן לאַנד, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס אויסלענדישע ביוראָ פונעם צ. ק., וואָס האָט, לויט לענינס אָנווייזונג און אונטער זיין אָנפירונג, אונטערגעהאַלטן אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט די טוער אין רוסלאַנד. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נייטיק אין צוויי-דריי וויכטיקסטע צענטערס פון רוסלאַנד באַהעפטן די אָנפירנדיקע גרופּעס, אויפשטעלן אין רוסלאַנד דאָס ביוראָ פון צ. ק. און דעם צ. ק. גופא, אָר-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 154.

גאַניזירן דאָס קומען פון איינעם־צוויי מענטשן פון רוסלאַנד קיין שוועדן אויף אַנצוהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיטן אויסלענדישן צענטער. „דאָס וויכטיקסטע איז, — האָט געשריבן לענין, — פעסטע, באַשטענדיקע פאַרבינדונגען“[1].

טראָץ אַלע שוועריקייטן האָט זיך לענינען איינגעגעבן אויפצושטעלן די פאַרבינדונג מיט די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. עס איז געפירט געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכעס האָט זיך געפונען אין פּעטראָגראַד. אין דעם ביוראָ האָט, לויט לענינס פאָרשלאָג, געאַרבעט חבר מאָלאָטאָוו, וועלכער איז אַנטלאָפן פון אירקוטסקער פאַרשיקונג. עס האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרבינדן זיך אויך מיט סטאַלינען, סווערדלאָוון, ספּאַנדאַריאַנען, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען פאַרשיקט אין די סאַמע פאַרוואָרפענע ערטער פון סיביר, צו שיקן זיי די „טעזיסן וועגן דער מלחמה“. אין פעברואַר 1915 יאָר האָט סטאַלין פון דער פאַרשיקונג געשריבן צו לענינען: „מיין גרוס אייך, טייערער איליטש, מיין הייסער־הייסער גרוס!... ווי לעבט זיך אייך, טייערער איליטש, וואָס מאַכט איר אין געזונט? איך לעב ווי פריער, כ'בין שוין באַלד אָפּגעקומען אַ האַלבן טערמין. אומעטיקלעך, נאָר וואָס זאָל מען טאָן. און ווי גייען אייערע געשעפטן? ביי אייך איז, געוויס פריילעכער... כ'האָב געלייענט נישט לאַנג קראָפּאָטקינס אַרטיקלען, — אַן אַלטער נאַר, אינגאַנצן עובר־בטל. כ'האָב אויך געלייענט פּלעכאַנאָווס אַרטיקלען אין „רעטש“, — אַן אַלטער, אייביקער פּלוידערזאַק! עכ־מאַ... און די ליקווידאַטאָרן מיט זייערע דעפּוטאַטן די אַגענטן פון דער פריי־עקאָנאָמישער געזעלשאַפט? ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי שלאָגן, דער טייוול זאָל עס נעמען! שוין־זשע וועלן זיי טאַקע אַזוי בלייבן אומבאַשטראָפט?! דערפרייט אונדז און טיילט מיט, אַז אינגיכן וועט זיך באַווייזן אַן אָרגאַן, וווּ מע וועט זיי שמייסן איבערן פּרצוף, און טאַקע ווי געהעריק, און טאַקע אָן אויפהער“[2].

אין פעברואַר 1915 יאָר האָט לענין דורכגעפירט אין בערן אַ קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע באָלשעוויסטישע סעקציעס. ער איז געווען דער פאַרטרעטער איבער דער צענטראַלער פראַגע — „די מלחמה און די אויפגאַבן פון דער פאַרטיי“. קעגן דער לענינישער

---

[1] לענין, ווערק, ב. XXIX, ז. 187.

[2] „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ“, 1936, נומ. 7, ז. 167.

רעוואלוציאנערער טאקטיק פון פארוואנדלען די אימפעריאליסטישע מלחמה אין א בירגער־קריג און קעגן דעם לאזונג פון א מפלה פון דער צארישער רעגירונג איז ארויסגעטרעטן בוכארין. שוין דעמלט איז אים אויסגעקומען צו דערפילן די גאנצע פארניכטנדיקע קראפט פון לענינס קריטיק. די קאנפערענץ האט אנגענומען די רעזאלוציעס, וואס לענין האט פארגעלייגט און וועלכע עס זיינען פארמולירט געווארן די באלשעוויסטישע גרונט־לאזונגען אין די מלחמה־יארן. אויפן גרונט פונעם מאניפעסט פון צ. ק. און פון די באשלוסן פון דער בערנער קאנפערענץ האבן זיך אלץ מער באהעפט די רייען פון די באלשעוויקעס.

די רעוואלוציאנערע ארבעט און די אומשטענדן פון מלחמה האט ארויסגערוקט פאר די פארטיי־קאדרען נייע טאג־פראגן. א פינקטלעכן און קלארן ענטפער אויף די פראגן האט געגעבן לענין אינעם ארטיקל „אייניקע טעזיסן”, פארעפנטלעכט אין „סאציאל־דעמאקראט” הארבסט 1915 יאר. אין 11 טעזיסן זיינען געווען פארמולירט די אויפגאבן פון דער פארטיי, זיינען געווען באשטימט די טאקטיק און די לאזונגען אין קאמף פאר דער בורזשואז־דעמאקראטישער רעוואלוציע אין רוסלאנד און פאר איר אריבערוואקסן אין א סאציאליסטישער רעוואלוציע. מיט אנדערהאלבן יאר פאר דער רעוואלוציע אין רוסלאנד האט לענין אנגעוויזן, וואס פאר א פאזיציע די פארטיי דארף פארנעמען אין דער אנקומענדיקער רעוואלוציע. די רעוואלוציע פון 1917 האט מערקווירדיק פינקטלעך באשטעטיקט די לענינישע טעזיסן.

די לענינישע לאזונגען האבן געפונען א דאנקבארן באדן אין די ארבעטער־מאסן פון רוסלאנד. לענינס ארבעט און די ארבעט פון די פארטיי־ארגאניזאציעס, מיט וועלכע ער האט אנגעפירט, האבן געגעבן ממשותדיקע רעזולטאטן. דער ארבעטער־קלאס אין זיין מאסע איז נישט אוועק נאך די סאציאל־פאטריאטן, האט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם טשאד פונעם בורזשואזן שאוויניזם, איז געבליבן טריי דער פאן פון אינטערנאציאנאליזם. א גרויסע רעוואלוציאנערע ארבעט האט זיך פאנאנדערגעוויקלט אין פלאט און אין דער ארמיי, באזונדערס אין די ארמייען פונעם צפון־פראנט, אין ראיאן פון דעם באלטיק.

אזוי האט לענין געגרייט די פארטיי צו די גרויסע שלאכטן, וואס זייער דערנענטערונג האט ער קלאר געזען.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטײ, אָנגעפירט פון לענינען, איז גע־וועזן די גרונטיקע אָרגאַניזירנדיקע קראַפט פון דער אָנוואַקסנדיקער רעוואָלוציע. נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין מערב. לענין, די באָלשעוויקעס, זיינען געווען די איינציקע קאָנסעקווענט אינ־טערנאַציאָנאַליסטישע און ביזן סוף רעוואָלוציאָנערע קראַפט אין דער צווישן־פעלקערלעכער אַרבעטער־באַוועגונג. חוץ די באָלשע־וויקעס איז נישט געווען ווער עס זאָל נעמען אויף זיך די איניציאַ־טיוו צו שאַפן אַ נייעם, אַ III אינטערנאַציאָנאַל. און לענין האָט מיט דער ענערגיע און עקשנות, וואָס זיינען פאַר אים כאַראַקטע־ריסטיש, גלייך פון די ערשטע טעג פון דער מלחמה אָנגעהויבן פאַר־לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל.

„דאָס איז געווען אַ פּעריאָד, — זאָגט חבר סטאַלין, — ווען דער II אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַרנייגט זיינע פענער פאַרן קאַפּי־טאַל, ווען קעגן דער שאָוויניסטישער כוואַליע זיינען נישט בייגע־שטאַנען אַפילו אַזעלכע מענטשן ווי פּלעכאַנאָוו, קאַוטסקי, געד און אַנדערע. לענין איז דאַן געווען דער איינציקער, אָדער כמעט דער איינציקער, וואָס האָט אויפגעהויבן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם סאָציאַל־שאָוויניזם און סאָציאַל־פּאַציפיזם, האָט דעמאַסקירט דעם פאַראַט פון די געדס און די קאַוטסקיס און האָט געשטעמפּלט די האַלביקייט פון די נישט־דערבאַקענע „רעוואָלוציאָנערן". לענין האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך אים גייט אַן אומבאַדייטנדיקע מינדער־הייט, דאָס האָט אָבער פאַר אים נישט געהאַט קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די איינציקע ריכטיקע פּאָלי־טיק, וואָס האָט פאַר זיך די צוקונפט, איז די פּאָליטיק פון קאָנסעק־ווענטן אינטערנאַציאָנאַליזם, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די פּרינצי־פּיעלע פּאָליטיק איז די איינציק ריכטיקע פּאָליטיק.

ס'איז באַוווּסט, אַז אויך אין אַט דעם שטרייט פאַר אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל איז לענין אַרויס אַלס זיגער".[1]

לענינס רוף צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער־קריג איז לכתחילה געבליבן איינזאַם אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. לענין איז אָבער דרייסט נעגאַנגען קעגן שטראָם, אויפדעקנדיק דיווירקלעכע צילן פון דער מלחמה, דעם ליגן פון די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, די סאָפּיז־

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 31, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 י.

מען פון די „סאָציאַליסטישע" לאַקייען פון דער בורזשואַזיע. פאַר באַזונדערס שעדלעך און פאַר באַזונדערס געמיין האָט לענין גע־האַלטן די באַהאַלטענע סאָציאַל־שאָוויניסטן, די צענטריסטן (קאַוט־סקי, טראָצקי און אַנד.), וואָס מיטן מויל האָבן זיי געשווירן טריי־הייט מאַרקסן געבאָטן, און אין דער פּראַקטיק נידערטרעכטיק זיי פאַרראַטן. „קאַוטסקין האָס איך און פאַראַכט איצט מער פון אַלע־מען — האָט געשריבן לענין: — אַ מין עקלהאַפטע, פּאַסקודנע און זעלבסטצופרידענע צביעות. ... נישטאָ איצט אויף דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל זיין מער שעדלעך און געפערלעך פאַר דער אידעיִשער זעלבשטענדיקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי די דאָזיקע פּאַסקודנע זעלבסטצופרידנקייט און עקלהאַפטע צביעות פון קאַוטסקין, וועלכער וויל אַלץ פאַרטושן און פאַרשמירן, באַרואיקן מיט סאָפיזמען און כלומרשט־וויסנשאַפטלעכער פּלוידעריי דעם אויפגעוועקטן געוויסן פון די אַרבעטער".[1] לענין האָט אָנגעוויזן, אַז יודאַ טראָצקים צענטריזם, דאָס, וואָס ער שטעקט אין דער בלאָטע פון דער קאַוטסקיאַנעריי, איז נישט קיין צופעליקער פאַקט. „טראָצ־קין האָט גאָט אַליין געהייסן אָנכאַפּן זיך אין קאַוטסקים און בערנ־שטיינס פּאָלדן", האָט לענין געשריבן אינעם אַרטיקל „וועגן דער לאַגע אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".[2]

לענין האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט די אָפּאָרטוניסטן. ער האָט פאַרגעלייגט אַרויסשטעלן זיי אַן אולטי־מאַטום: „אָט האָט איר אייך דעם מאַניפעסט... פון אונדזער צ. ק. וועגן דער מלחמה: איר ווילט אים אָפּדרוקן אויף אייער שפּראַך?? ניין? נו, איז זייט אייך געזונט, אונדזערע וועגן גייען זיך פונאַנ־דער!"[3]

לענין האָט גערופן צו אַ פולן איינרייס מיט די אָפּאָרטוניסטן. אינעם אַרטיקל „דער קראַך פונעם II אינטערנאַציאָנאַל" האָט ער באַוויזן, וויאַזוי דער אָפּאָרטוניזם איז בהדרגהדיק, אין משך פון צענדליקער יאָרן, רייף געוואָרן אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, טאָטשענדיק זיי פון אינעווייניק. לענין האָט דעמאַסקירט אַלע נעבעכדיקע דריידלעך פון די געלערנטע משרתים פון דער בורזשואַזיע — פון קאַוטסקי און זיינס גלייכן. „דער קריזיס,

---

[1] לענין, ווערק, ב. XXIX, ז. 143—144.
[2] לענין. ווערק, ב. XVIII, ז. 177.
[3] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 144.

וועלכן עס האָט געשאַפן די גרויסע מלחמה, — האָט ער געשריבן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, — האָט אַראָפּגעריסן דעם שלייער, האָט אָפּגעשליידערט די באַדינגלעכקייט, האָט געעפנט דעם געשוויר, וואָס האָט שוין לאַנג גענומען אָנרייסן, און האָט באַוויזן דעם אָפּאָרטוניזם אין זיין ווירקלעכער ראָל, אַלס פאַרבינדעטן פון דער בורזשואַזיע. פולקאָם, אָרגאַניזאַציאָנעל, אָפּטיילן פון די אַרבעטער־פּאַרטייען דעם דאָזיקן עלעמענט איז געוואָרן אומבאַדינגט נייטיק".[1]

ביי אָט די אַלע פאַרעטער פונעם סאָציאַליזם און רענעגאַטן פונעם אַרבעטער־קלאַס איז נישט געווען קיין מער גרויזאַמער און אָנרחמנותדיקער שונא, ווי לענין. זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן די דאָזיקע הערן באַגעגנט מיט אַן אויפריים פון ווילדער שנאה און האַס. לענין האָט זיך אָבער דערפאַר נישט דערשראָקן, איז נישט אָפּגעטראָטן. אין דעצעמבער 1916 יאָר האָט לענין געשריבן צו אינעסאַ אַרמאַנד: „אָט אַזאַ איז ער, דער גורל מיינער. איין קאַמפּאַניע נאָך דער צווייטער — קעגן פּאָליטישע נאַרישקייטן, באַנאַלקייטן, אָפּאָרטוניזם אאַוו. אָט אַזוי — פון 1893 יאָר אָן. און איבער דעם — די שנאה פון די געמיינע לייט. נו, און פונדעסטוועגן וואָלט איך נישט געביטן אָט דעם גורל אויף אַ „שלום" מיט די געמיינע לייט".

אומדערמידלעך און עקשנותדיק האָט לענין געזאַמלט די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין דער צווישנפעלקערלעכער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז נישט געווען קיין איין ווירקלעך לינקע גרופּע און אָרגאַניזאַציע, עס איז נישט געווען קיין איין אויפריכטיק לינקער סאָציאַליסטישער טוער, מיט וועלכע ער זאָל נישט האָבן איינגעשטעלט קיין פאַרבינדונג, אויף וועלכע ער זאָל נישט האָבן געפּרוווט אויפווירקן אידעיש, באַוועגנדיק זיי צו פאַרנעמען אַ מער קאָנסעקווענטע און אַנטשידענע פּאָזיציע קעגן דער מלחמה, קעגן דעם אָפּאָרטוניזם.

שוין פון די ערשטע טעג אָן, ווי נאָר ער האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ, נעמט זיך לענין ענערגיש צו פאַראייניקן די רעוואָלונערע קרעפטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אייראָפּע און אַמעריקע. ער אָרגאַניזירט די איבערזעצונג פונעם מאַניפעסט פון צ. ק. און פון אַנדערע באָלשעוויסטישע דאָקומענטן אויף אויסלענדישע שפּראַכן. נוצט אויס אַלע מעגלעכקייטן אויף צו באַקענען די אייראָ-

[1] לענין. ווערק., ב. XVIII, ז. 279.

פּײַשע אַרבעטער מיט דער באָלשעװיסטישער פּאָזיציע. דעם 14 (22) סעפּטעמבער 1914 יאָר איז אין לוגאַנאָ (שװייץ) לױט זײַן איני-ציאַטיװ פֿאָרגעקומען די איטאַליעניש-שװייצאַרישע סאָציאַליסטישע קאָנפֿערענץ. דאָרט זײַנען באַהאַנדלט געװאָרן לענינס „טעזיסן װעגן דער מלחמה", װעלכע האָבן געהאַט אַ געװיסע װירקונג אויף איר באַשלוסן.

אין פֿעברואַר 1915 יאָר איז צונױפֿגערופֿן געװאָרן אַ קאָנפֿע-רענץ פֿון די „סאָציאַליסטן" פֿון די אַנטאַנטע-לענדער. לענין האָט אויסגענוצט די דאָזיקע קאָנפֿערענץ אויף צו שטעמפּלען אין אַ ספּע-ציעלער דעקלאַראַציע דעם סאָציאַל-שאָװיניזם פֿון די לידערס פֿון דער צװישנפֿעלקערלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויף צו פֿאָרמו-לירן די פּרינציפּיעלע פּאָזיציע פֿון די באָלשעװיקעס און צו באַװײַזן, פֿאַרװאָס זיי קאָנען נישט אָנטײלנעמען אין דער קאָנפֿערענץ פֿון די „סאָציאַליסטן", װאָס האָבן פֿאַראַטן דעם סאָציאַליזם.

לױט דער איניציאַטיװ פֿון די באָלשעװיקעס האָט זיך אין מערץ 1915 יאָר פֿאַרזאַמלט אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פֿרויען-קאָנפֿערענץ. נישט געקוקט אויף די קלײנבירגערלעך-פּאַציפֿיסטישע שטימונגען פֿון דער מערהײט דעלעגאַטקעס, האָט די קאָנפֿערענץ געהאַט אַ געװיסע באַדײַטונג אַלס ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפֿאָר פֿון סאָציאַליסטן אין דער צײַט פֿון דער מלחמה. די באָלשעװיסטישע דעלעגאַציע, װאָס איז בײַגעװען אויף דער קאָנפֿערענץ, האָט אַרײַנגעטראָגן אירס אַ רעזאָלוציע, צונױפֿ-געשטעלט לױט לענינס דירעקטיװן. אין דער רעזאָלוציע איז אָנגעװיזן געװאָרן, אַז די מערהײט סאָציאַליסטישע פּאַרטײַען האָבן עובר געװען אויף די דירעקטע באַשלוסן פֿון די שטוטגאַרטער (1907), קאָפּענהאַגער (1910) און באַזעלער (1912) קאָנגרעסן פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל. שטעמפּלענדיק דעם פֿאַראַט קעגן סאָציאַ-ליזם, האָט די רעזאָלוציע גערופֿן צו „ברעכן דעם בירגער-פֿרידן".

אינגיכן איז אין בערן פֿאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע יוגנט-קאָנפֿערענץ. אָנפֿירנדיק מיט דער באָלשעװיסטישער דעלעגאַציע, האָט לענין אײַנגעשטעלט דירעקטע פֿאַרבינדונגען מיט אָנגעזעענע טוער פֿון דער יוגנט-באַװעגונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-באַװעגונג האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטװיקלט, אין איר האָט בהדרגהדיק גענומען רײַף װערן דער רעװאָלוציאָנערער פּראָטעסט קעגן דער מלחמה און קעגן דעם

סאָציאַל-שאָוויניזם. צו זומער 1915 יאָר, נאָכן ערשטן יאָר מלחמה, האָבן די פאָלקס-מאַסן אַליין שטאַרקער גענומען פילן אירע פּלאָגן, — דעם אומקום פון מיליאָנען מענטשן, די דעזאָרגאַניזאַציע פונעם אינדוסטריעלן לעבן, דער וווּקס פונעם יקרות אאַז"וו, — און דער שאָוויניסטישער טשאַד האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסווערן. די ריכטיקייט פון דער לענינישער ליניע איז געוואָרן אַלץ מער באַשיימפּערלעך, די אומצופרידנקייט מיט דער מלחמה איז געוואַקסן. עס איז צייטיק געוואָרן די באַדערפעניש צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ פון די לינקע סאָציאַליסטישע טוער פון אַלע לענדער.

לענין האָט דורכגעפירט אַ זאָרגפעליקע צוגרייטונגס-אַרבעט צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ. די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ — די איטאַליענישע און שווייצאַרישע סאָציאַליסטן — האָבן בדעה געהאַט צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ באַראַטונג פון כלערליי קליינבירגערלעכע פּאַציפיסטישע און צענטריסטישע אָרגאַניזאַציעס. לענין האָט אָנגענומען אַלע מיטלען נישט צו דערלאָזן צו דעם. ער האָט זיך דערשלאָגן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן באַקומען אַ פאַרשטייערשאַפט אויף דער פאָרבאַראַטונג אין יולי 1915 יאָר. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט בריוו צו די לינקע טוער, שטרעבנדיק צו זיכערן דעם אָנטייל פון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין דער קאָנפערענץ. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזען זיך צו דערשלאָגן די באַהעפטונג פון די לינקע אויפן יסוד פון דער פּרינציפּיעלער דעקלאַראַציע, וואָס דער צענטראַלער פונקט אירער איז געווען — שפּאַלטונג מיטן אָפּאָרטוניזם, מיטן סאָציאַל-שאָוויניזם. צו דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ האָט לענין אָרגאַניזירט אַ לינקע גרופּע. אָבער אין דער דאָזיקער גרופּע, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען צימערוואַלדער לינקע, האָט די איינציק ריכטיקע, ביזן סוף קאָנסעקווענטע פּאָזיציע אין דער פראַגע וועגן מלחמה און רעוואָלוציע פאַרנומען בלויז די פאַרטיי באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען.

שטרעבנדיק צו באַקענען די אייראָפּעישע אַרבעטער מיט דער באַציונג פון די באָלשעוויקעס צו דער מלחמה, האָט לענין צו דער קאָנפערענץ אַרויסגעגעבן אויף דייטש די בראָשור „סאָציאַליזם און מלחמה" און אויף פראַנצויזיש — די רעזאָלוציע פון דער בערנער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס. אין דער בראָשור זיינען אין אַ קלאָרער און פּאָפּולערער פאָרם פאָרמולירט געוואָרן לענינס אָנשויונגען וועגן מלחמה און די אויפגאַבן פונעם אַרבעטער-קלאַס.

דעם 23 אויגוסט (5 סעפּטעמבער) 1915 יאָר איז אינעם קליינעם שווייצאַרישן דערפל צימערוואַלד פאַרגעקומען די קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די פאַרשטייער פון דער מינדערהייט פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, נאָרוועגיע, שוועדן, האָלאַנד, און אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון איטאַליע, שווייץ, פוילן, לעטלאַנד און די רוסישע באָלשעוויקעס. אָנפירנדיק מיטן לינקן פליגל, האָט לענין געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער קאַוטסקיאַנישער מערהייט פון דער קאָנפערענץ און האָט זיך דערשלאָגן, אַז אין אירע רעזאָלוציעס זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אַ ריי פאַרשלאָגן זיינע.

דער מאַניפעסט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, איז געווען נישט קאָנסעקווענט און נישט אַלץ איז דאָ דעררעדט געוואָרן ביזן סוף. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע חסרונות, האָבן לענין און די לינקע, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, געשטימט פאַר דעם דאָזיקן מאַניפעסט, ווייל ער האָט באַטייט „אַ שריט צום אידעישן און פּראַקטישן איינרייס מיטן אָפּאָרטוניזם און מיטן סאָציאַל־שאָוויניזם“.[1]

לענין האָט געהאַלטן, אַז אָפּזאָגן זיך צו מאַכן דעם דאָזיקן טראָט פאַרויס צוזאַמען מיט די נישט־קאָנסעקווענטע און וואַקלדיקע עלעמענטן, וואָלט געווען סעקטאַנטיש. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער איינגעהיט די פולע פרייהייט צו קריטיקירן די נישט־קאָנסעקווענטקייט פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. בראָש מיט לענינען איז די צימערוואַלדער לינקע גרופּע אַרויסגעטרעטן מיט איר פּרינציפּיעלער דעקלאַראַציע „די וועלט־מלחמה און די אויפגאַבן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“ און מיט איר פּראָיעקט פון „מאַניפעסט“. אַלץ, וואָס ס׳איז פאַרשוויגן געוואָרן אין דעם צימערוואַלדער מאַניפעסט, — איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די דאָקומענטן פון דעם לינקן טייל פון דער קאָנפערענץ. לענין האָט געהאַלטן, אַז די זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונג פון דער צימערוואַלדער לינקער גרופּע האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. ער האָט געשריבן, אַז דאָס איז „די ערשטע אַרויסטרעטונג פון דעם ק ע ר ן ל י נ ק ע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון אַ ל ע לענדער, וועלכע האָבן אַ קלאָרן, פּינקטלעכן,

[1] לענין, ווערק, ב. XVIII, ז. 298.

פולן ע נ ט פ ע ר אויף דער פראַגע, וואָס דאַרף מען טאָן און וווּהין דאַרף מען גיין".[1]

לענין האָט אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ אָנשוילעך באַוויזן, וואָס איז אַזוינס עכטע רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק, פאַר וועלכע עס זיינען אין דער זעלבער מאָס פרעמד אי אידעישע קאָמפּראָמיסן מיט די אָפּאָרטוניסטישע, אי סעקטאַנטישקייט.

די רוסישע באָלשעוויקעס און די לינקע, וואָס זיינען נאָך זיי געגאַנגען, זיינען געווען אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פון יענעם פעריאָד. דאָס האָט אָבער נישט אַריינגעבראַכט לענינען אין פאַרלעגנהייט. נישט קיין בייז, וואָס מיר זיינען יחידים, האָט ער געזאָגט, מיט אונדז וועלן זיין מיליאָנען, ווייל די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס איז די איינציק ריכטיקע פּאָזיציע. לענינס אַרבעט, זיינע לאָזונגען האָבן באַהעפט מיליאָנען קאַמפּנדיקע קעמפער, געגרייט זיי צו שטורעמען דעם קאַפּיטאַליזם.

באַגלייך מיט דער קאָלאָסאַלער פּראַקטישער טעטיקייט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן און באַהעפטן די קרעפטן פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון די אייראָפּעישע לענדער האָט לענין אָנגעשטרענגט געאַרבעט אויפן געביט פון טעאָריע.

אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה האָט לענין אָנגעשריבן פאַרן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך אַן אַרטיקל „קאַרל מאַרקס". אין דעם אַרטיקל האָט לענין געגעבן אַ געפּרעסטע און באַגלייך דערמיט פאַרענדיקטע כאַראַקטעריסטיק און פאָרמולירונג פון מאַרקס לערע.

לענין האָט זיך דעמלט ווידער גענומען צו שטודירן העגעלס ווערק. און אין די יאָרן 1914—1915, בשעת ער האָט געוווינט אין בערן, האָט ער געמאַכט אַ סך אויסצוגן פון העגעלס אַרבעטן („די לאָגיק", „די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע", „די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע") און פון די אַרבעטן פון אַנדערע פילאָזאָפן (אַריסטאָטעלעס, פייערבאַך). פון די דאָזיקע אויסצוגן און נאָטיצן צו זיי באַשטייען לענינס באַוווּסטע „פילאָזאָפישע העפטן".

די „פילאָזאָפישע העפטן" זיינען אַ מוסטער פון לענינס וויסנשאַפטלעכער טעאָרעטישער אַרבעט. זאָרגפעליק אָפּקלייבנדיק אַלדאָס ווערטפולע, וואָס עס האָט געגעבן אין זיינע ווערק העגעל, דעקט לענין קאָנסעקווענט אויף די פאַלשקייט פון העגעלס אידעאַליסטישער פּאָזיציע. לענין האָט פאַרגעזעצט מאַרקס און ענגעלסעס

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 214—215.

אַרבעט אויפן געביט פון שאַפן און באַגרינדן די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק. בדעה־האָבנדיק אָנצושרייבן אַ קורצע פאָרמולירונג פון די יסודות פונעם מאַרקסיסטישן דיאַלעקטישן מעטאָד, האָט לענין אין זיינע „פילאָזאָפישע העפטן״ געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַלע עלעמענטן פונעם דיאַלעקטישן מעטאָד, האָט ווייטער אַנטוויקלט דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

אין דער זעלבער צייט האָט לענין נישט אויפגעהערט אינטענסיוו זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַגראַר־פראַגע, מיטן דערלערנען די לאַנדווירטשאַפט און די לאַגע פונעם פויערטום אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער. צוליב דעם האָט ער זאָרגפעליק שטודירט די מאַטעריאַלן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ציילונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער. אַ רעזולטאַט פון אָט דער אַרבעט איז געווען דאָס בוך, וועלכעס ער האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן 1914-1915, וועגן דעם קאַפיטאַליזם און וועגן דער לאַנדווירטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע (ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ערשט אין 1917 יאָר). דאָס איז געווען דער ערשטער טייל פון דער אַרבעט, וואָס לענין האָט געהאַט פאַרטראַכט, — „נייע אָנגאַבן וועגן די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפיטאַליזם אין דער ערדאַרבעט״. פאַרענדיקן די אַרבעט האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט גיט לענין אָפּ דער פאַנאַנדעראַרבעטונג פון די מאַרקסיסטישע אָנשויונגען וועגן מלחמה. ער שטודירט און אַרבעט איבער אויף אַ מאַטעריאַליסטישן אופן אַלדאָס בעסטע, וואָס עס האָט געשאַפן די בורזשואַזע קריגס־וויסנשאַפט. לענין שאַצט הויך אָפּ די ווערק פון אָנגעזעענעם קריגס־דענקער פון XIX יאָרהונדערט קלאַוזעוויץ. זיין הנחה: „מלחמה איז די פאָרזעצונג פון דער פּאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען״ (נעמלעך: געוואַלד־מיטלען) — האָט לענין געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון יעדער געגעבענער מלחמה. מע קאָן נישט פאַרשטיין דעם תוך פון מלחמה, אויב מע דערלערנט נישט די פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט צו דער מלחמה, וואָס האָט זי צוגעגרייט. מאַכנדיק אויסצוגן פון קלאַוזעוויצעס אָפּהאַנדלונגען וועגן דער קעגנזייטיקער באַציונג צווישן פאַרטיידיקונג און אָנגריף, באַמערקט לענין: „עס פאַרשווינדט דער אונטערשיד צווישן פאַרטיידיקונג און אָנגריף״, „אויף פרעמדער ערד פאַרטיידיקן די אייגענע

ערד". די דאָזיקע אָנווייזונגען לענינס האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג.

לענינס געניאַלער געדאַנק האָט אָנגעשטרענגט געאַרבעט אי־בערן גאַנצן קאָמפּלעקס אויסערסט קאָמפּליצירטע פראַגן פון דער נייער היסטאָרישער עפּאָכע — פונעם אימפּעריאַליזם. די דאָזיקע גיגאַנטישע אַרבעט איז געווען בכוח אָפּצוטאָן בלויז אַזאַ טיטאַן פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און ווילן, ווי לענין.

פון די ערשטע טעג מלחמה אָן, האָט זיך לענין גענומען צום דעטאַלן און טיפן שטודירן די וועלט־ליטעראַטור אויפן געביט פון עקאָנאָמיק, טעכניק, געשיכטע, געאָגראַפיע, פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, אַרבעטער־באַוועגונג, קאָלאָניאַלער פראַגע און אַנדערע געביטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פאַרשידענע לענדער אין דער עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם. די אויסצוגן, קאָנספּעקטן, נאָטיצן, טאַבעלעס, וועלכע לענין האָט געמאַכט אויפן גרונט פון דער דורכגעלייענטער ליטעראַטור און פון קוועלן, וועלכע ער האָט אויפגעזאַמלט אין 20 העפטן, — דאָס אַלץ מאַכט אויס אַ גרויסן בוך פון מער ווי 40 דרוק־בויגן; די דאָזיקע מאַטעריאַלן זענען שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס אַ באַזונדערע זאַמלונג אונטערן נאָמען „העפטן איבער אימפּעריאַליזם". יעדע הנחה און פּאַראַלגעמיינערונג, יעדער אויספיר און יעדע אָפּשאַצונג, האָט לענין געבויט אויפן פעסטן גרונט פון אַ קאָלאָסאַלן קאָנקרעטן מאַטעריאַל. די וועלט האָט געגעבן ווייניק אַזוינע אומדערמידלעכע פאָרשער, קריסטאַל־ריינע מענטשן אין דער וויסנשאַפט, ווי עס איז געווען לענין.

אין רעזולטאַט פון אָט דער קאָלאָסאַלער פאָרשונגס־אַרבעט איז געשאַפן געוואָרן לענינס באַרימטער בוך: „אימפּעריאַליזם אַלס העכסטער עטאַפּ פונעם קאַפּיטאַליזם". דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יוני 1916 יאָר. דאָס דאָזיקע בוך איז איינס פון די גרעסטע ווערק פון מאַרקסיזם־לעניניזם.

מאַרקס האָט געגעבן אין „קאַפּיטאַל" אַן אַנאַליז פון די יסודות פונעם קאַפּיטאַליזם. לענין האָט געניאַל פאַרגעזעצט דעם „קאַפּיטאַל". מייסטערהאַפט באַהערשנדיק דעם דיאַלעקטישן מעטאָד, האָט לענין דער ערשטער צווישן די מאַרקסיסטן געגעבן אין זיין אַרבעט אַן אַלזייטיקן און אויסשעפּנדיקן מאַרקסיסטישן אַנאַליז פונעם אימפּעריאַליזם אַלס העכסטער און אין דער זעלבער צייט לעצטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, האָט אויפ־

געדעקט זיינע מכות און די באַדינגונגען פון זיין אומפאַרמייד־לעכן אומקום, האָט דערוויזן, אַז דער אימפּעריאַליזם — דאָס איז דער שטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם, אַז „דער אימפּעריאַליזם איז דער ערב פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פונעם פּראָלע־טאַריאַט".[1]

לענין האָט געגעבן אַ קלאַסישע דעפיניציע פונעם אימפּעריאַ־ליזם: „אימפּעריאַליזם — דאָס איז דער קאַפּיטאַליזם אויף יענעם אַנטוויקלונגס־עטאַפּ, ווען ס'האָט זיך אויסגעבילדעט די הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָליעס און פונעם פינאַנס־קאַפּיטאַל, ווען ס'האָט באַ־קומען אַ גאָר גרויסע באַדייטונג דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל, ווען די צווישן־פעלקערלעכע טרעסטן האָבן אָנגעהויבן די צעטיילונג פון דער וועלט און ווען די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן פאַרענדיקט די צעטיילונג פון דער גאַנצער וועלט־טערי־טאָריע".[2]

אין פּאָליטישן געביט, האָט אָנגעוויזן לענין, איז פאַרן קאַפּי־טאַליזם כאַראַקטעריסטיש דער קער פון דעמאָקראַטיע צו פּאָלי־טישער רעאַקציע. די קאָלאָסאַלע מעכטיקייט פונעם פינאַנס־קאַ־פּיטאַל, דאָס באַהערשן דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט פון די בורזשו־אַזע מלוכות מצד דעם פינאַנס־קאַפּיטאַל, דער סיסטעם פון ליגנס און פּאָליטישע אָפּנאַרן די מאַסן, די „אַלגעמיינע" באַגייסטערונג מיט די פּערספּעקטיוון פון די אימפּעריאַליסטישע אַנעקסיעס רופן אַרויס „אַ מאַסנווייזן איבערגאַנג פון אַלע פאַרמעגלעכע קלאַסן אויף דער זייט פונעם אימפּעריאַליזם". די אימפּעריאַליסטישע אידעאָלאָגיע דרינגט אַריין אויך אינעם אַרבעטער־קלאַס, — זי צעלייגט דעם אויבערשיכט פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, פאַרוואַנדלט אים אין „אַרבעטער־משרתים" פון דער בורזשואַזיע.

לענין האָט ביזן סוף דעמאַסקירט די קאַוטסקיאַנישע אַנטי־מאַרקסיסטישע טעאָריע פון „אולטראַ־אימפּעריאַליזם", וועלכע האָט באַהויפּטעט, אַז ביים אימפּעריאַליזם איז כלומרשט מעגלעך אַ פרידלע־כע פאַרשטענדיקונג צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס וועט באַזייטיקן די מלחמות און וועט מאַכן דעם אָנהייב פון אַן אָר־גאַניזירטער וועלט־ווירטשאַפט. די דאָזיקע „טעאָריע" האָט גע־האַלטן, אַז ס'איז מעגלעך צו לייזן אַלע ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּי־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIX, ז. 77.

[2] דאָרטן, ז. 143.

טאַליזם מיט פרידלעכע מיטלען, מיט דער הילף פון רעפאָרמען, און דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. לענין האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע „טעאָריע" קאַוטסקיס איז „טויטע אַבסטראַקציע", אַ „נאַרישע בבא-מעשה", „אַ רעאַקציאָנערער פרווו פון אַן אַנגעשראָקענעם קליינבירגער צו באַהאַלטן זיך פון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט".[1] דעמאַסקירנדיק די ליגנס פון קאַוטסקין, וועלכער האָט באַהויפט, אַז דער אויפקום פון צווישנפעלקערלעכע קאַרטעלן פירט צו שלום צווישן די פעלקער, האָט לענין דערוויזן, אַז פאַקטיש פירן זיי, אָט די קאַרטעלן, צו אַן אויסערסטער פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפרוכן צווישן די קאַפיטאַליסטישע לענדער, אַז ביים אימפעריאַליזם זיינען מלחמות אומפאַרמיידלעך.

לענין כאַראַקטעריזירט דעם אימפעריאַליזם אַלס באַזונדערן היסטאָרישן עטאַפ פונעם קאַפיטאַליזם, וועלכער איז געזעצמעסיק צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם גאַנצן פריערדיקן אַנטוויקלונגסגאַנג. די באַזונדערקייט פון דעם דאָזיקן עטאַפ באַשטייט, לויט לענינען, דערין, וואָס דער אימפעריאַליזם איז: 1) אַ מאָנאָפאָליסטישער קאַפיטאַליזם, 2) אַ פאַראַזיטישער, אָדער אַ פוילנדיקער קאַפיטאַליזם און 3) דער שטאַרבנדיקער קאַפיטאַליזם. דאָס באַטייט, פאַרשטייט זיך, נישט אַז דער קאַפיטאַליזם וועט פון זיך אַליין פאַרשווינדן, אָן דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

לענין האָט אין זיין בוך באַוויזן, אַז אין דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם פאַרשאַרפן זיך אַלע ווידערשפרוכן פונעם קאַפיטאַליזם ביז דער העכסטער מדרגה. דעריבער טאַקע האָט לענין געהאַלטן, אַז דער אימפעריאַליזם איז דער ערב פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. עס פאַרשטאַרקט זיך די רויבערישע קאַפיטאַליסטישע עקספלואַטאַציע פון די מאַסן און צוגלייך דערמיט וואַקסט דער צאָרן פונעם פראָלעטאַריאַט קעגן דעם קאַפיטאַליזם, עס וואַקסן אָן עלעמענטן פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויפרייס אינעווייניק אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער. עס פאַרשטאַרקט זיך די סאַמע פרעכע עקספלואַטאַציע און די סאַמע אוממענטשלעכע אונטערדריקונג פון הונדערטער מיליאָנען אין די קאָלאָניאַלע און אָפהענגיקע לענדער און צוגלייך דערמיט וואַקסן אין די דאָזיקע לענדער די עלעמענטן פון אַ באַפרייונגס-מלחמה קעגן דעם אימפעריאַליזם.

לענינס ווערק וועגן אימפעריאַליזם האָט אַ וועלט-היסטאָרישע

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIX ז. 149.

באדייטונג. זי איז געווען א נייע שטופע אין דער אנטוויקלונג פון מארקס עקאנאמישער טעאריע. זי האט א רוק געטאן פארויס די מארקסיסטישע טעאריע, באררייכערט זי מיט נייעם אינהאלט, האט געהאלפן איבערקוקן און אויף א נייעם אופן לייזן די פראקטישע פראגן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע.

דערלערנענדיק דעם אימפעריאליזם, האט לענין אנטדעקט דאס געזעץ פון דער נישט-גלייכמעסיקייט פון דער פאליטישער און עקאנאמישער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. ער האט אנגעוויזן, אז די נישט-גלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג און די ווידערשפרוכן פונעם קאפיטאליזם פארשארפן זיך אין די באדינגונגען פונעם אימפעריאליזם. די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם באקומט א העכסט נישט-גלייכמעסיקן, שפרונגארטיקן כאראקטער, א קאנפליקט-כאראקטער. עס פארשטארקט זיך דער ווילדער קאמף צווישן די אימפעריאליסטישע רויבער פאר מערק אויף אפזעצן די סחורות און ארויספירן קאפיטאל, דער קאמף פאר קאלאניעס, פאר רוישטאף-קוואלן, און דאס ברענגט דערצו, אז פעריאדישע אימפעריאליסטישע מלחמות פאר א נייער איבערפארטיילונג פון דער וועלט ווערן אומפארמיידלעך. די אימפעריאליסטישע מלחמות שוואכן אפ די כוחות פון דעם אימפעריאליזם, מאכן מעגלעך א דורכרייס פונעם פראנט, פונעם אימפעריאליזם דארט, ווו ער וועט זיך ארויסווייזן אמשוואכסטן. דערפון איז לענין געקומען צום אויספיר, אז מארקס און ענגעלסעס אלטע פארמולע וועגן דעם, אז עס איז אוממעגלעך, דער סאציאליזם זאל זיגן אין איין לאנד, און וועגן דעם, אז דער סאציאליזם קאן זיגן בלויז ביים גלייכצייטיקן זיג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין אלע פארגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער,—אז אט די פארמולע אנטשפרעכט שוין נישט דער נייער היסטארישער סיטואציע, אז זי דארף פארביטן ווערן מיט א נייער פארמולע וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פונעם סאציאליזם אין איין, באזונדער גענומען, לאנד און דער אוממעגלעכקייט פון דעם גלייכצייטיקן זיג פונעם סאציאליזם אין אלע לענדער.

דאס איז געווען די גרעסטע אנטדעקונג פון אונדזער עפאכע. זי איז געווען דער אנפירנדיקער פרינציפ פון דער גאנצער ווייטערדיקער טעטיקייט לענינס, פון דער גאנצער ווייטערדיקער טעטיקייט פון דער באלשעוויסטישער פארטיי.

„דאס איז געווען א נייע, פארענדיקטע טעאריע פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע, א טעאריע וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פונעם סאציאליזם אין איינצלנע לענדער, וועגן די באדינגונגען פון זיין זיג, וועגן די פערספעקטיוון פון זיין זיג, א טעאריע, וואס די יסודות אירע האט לענין אנגעמערקט נאך אין 1905 יאר אין דער בראשור „צוויי טאקטיקעס פון דער סאציאל-דעמאקראטיע אין דער דעמאקראטישער רעוואלוציע".[1]

זיין געניאלע אנטדעקונג וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פונעם סאציאליזם אין איין לאנד, האט לענין צום ערשטן מאל פארמולירט אין אויגוסט 1515 יאר, אינעם ארטיקל „וועגן דעם לאזונג פאראייניקטע שטאטן פון אייראפע". „די נישט-גלייכמעסיקייט פון דער עקאנאמישער און פאליטישער אנטוויקלונג, — האט לענין געשריבן אין דעם דאזיקן ארטיקל, — איז אן אומבאדינגטער געזעץ פונעם קאפיטאליזם. פונדאנען איז געדרונגען, אז עס איז מעגלעך דער זיג פונעם סאציאליזם צוערשט אין א קליינער צאל אדער אפילו אין איין באזונדער גענומען קאפיטאליסטיש לאנד. דער זיגרייכער פראלעטאריאט פון דעם דאזיקן לאנד וואלט, נאכן עקספראפריאירן די קאפיטאליסטן און נאכן ארגאניזירן ביי זיך די סאציאליסטישע פראדוקציע, אויפגעשטאנען קעגן דער איבעריקער קאפיטאליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאסן פון אנדערע לענדער, אויפהייבנדיק צווישן זיי אן אויפשטאנד קעגן די קאפיטאליסטן, ארויסטרעטנדיק, אויב עס וועט נייטיק זיין אפילו מיט מיליטערישער קראפט קעגן די עקספלואטאטארישע קלאסן און זייערע מלוכות".[2]

אין א יאר ארום האט לענין אינעם ארטיקל „דער קריגס-פראגראם פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע" ווידעראמאל פארמולירט זיינע אנשויונגען מיט אויסשעפנדיקער פינקטלעכקייט און קלארקייט. „די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם קומט פאר העכסט נישט-גלייכמעסיק אין פארשידענע לענדער. און אנדערש קאן עס גאר נישט זיין ביי דער סחורה-פראדוקציע. דערפון קומט דער אומבאשטרייטבארער אויספיר: דער סאציאליזם קאן נישט זיגן גלייכ-

[1] „געשיכטע פון דער אלקפ(ב). קורצער קורס", ז. 200. מלוכה-פארלאג „דער עמעס", 1940 י.

[2] לענין. ווערק, ב. XVIII, ז. 232—233.

ציטיק אין אלע לענדער. ער וועט זיגן צוערשט אין איין לאַנד אָדער אין עטלעכע לענדער, און די איבעריקע וועלן אין פאַרלויף פון אַ גיץ וויסער צייט פאַרבלייבן בורזשואַזע אָדער פאַרבורזשואַזע. דאָס דאַרף אַרויסרופן נישט נאָר רייבונגען, נאָר אויך אַ דירעקטע שטרע־בונג פון דער בורזשואַזיע פון די אַנדערע לענדער צו צעשמעטערן דעם זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. אין די דאָזיקע פאַלן וואָלט אַ מלחמה פון אונדזער זייט געווען געזעצ־לעך און גערעכטיק״[1].

קלאַמערנדיק זיך אָן ענגעלסעס און מאַרקס אַלטער פאָרמולע, האָבן די אָפּאָרטוניסטן באַשולדיקט לענינען אין אָוועקגיין פון מאַרקסיזם.

זיי זיינען זיך אָבער דאָ באַגאַנגען ווי דאָגמאַטיקער און שונאים פונעם מאַרקסיזם, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען דער־מיט, אַז מאַרקס און ענגעלס פאָרמולע, וועלכע האָט אַנטשפּראָכן די באַדינגונגען פונעם פאַר־אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, — אַז אָט די פאָרמולע אַנט־שפּרעכט שוין נישט די נייע באַדינגונגען, די באַדינגונגען פונעם אימ־פּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ, האָבנדיק זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרבנדיקן קאַפּיטאַליזם. מען האָט געדאַרפט געפינען אַ נייע פאָרמולע, און נישט קלאַמערן זיך אין דער אַלטער און פאַרוואַנדלען זי אין אַ דאָגמע. די דאָזיקע נייע פאָרמולע האָט אַנטדעקט לענין. גראָד לענין איז געווען דער ווירקלעכער מאַרקסיסט, וואָס האָט דרייסט אַנטוויקלט די מאַרקסיסטישע טעאָריע אויפן גרונט פון טיפן דערלערנען די ווירק־לעכקייט. אָן אַזאַ אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט נישט געקאָנט זיגן און וואָלט נאָך אַלץ פאַרבליבן אין דער בורזשואַזער קנעכטשאַפט. לענינס טעאָריע וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד האָט געגעבן דעם פּראָלעטאַריאַט אַ פּערספּעקטיוו פון קאַמף, האָט צע־בונדן די ענערגיע און די איניציאַטיוו פונעם פּראָלעטאַריאַט פון איינצלנע לענדער פאַר אַן אָנגריף קעגן זיין נאַציאָנאַלער בורזשואַ־זיע, האָט געגעבן אַ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע זיכערקייט אין זיג.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIX, ז. 325.

לענין האָט מיט אַ קאָלאָסאַלער ענערגיע געאַרבעט אויף צו באַהעפטן די לינקע עלעמענטן פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווענדנדיק זייער אַרבעט אין דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. אינעם ערשטן יאָר מלחמה האָט לענין געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט דער עיקר אויף אויסצוגעפינען די לינקע עלעמענטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט זיי, אויף אָרגאַניזירן און פאַראייניקן זיי. נאָך דעם ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די צימערוואַלדער פאַראייניקונג און ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן די צימערוואַלדער לינקע גרופּע, טראָגט לענין אַריבער דעם שווערפּונקט אויפן קאַמף אינעווייניק אין צימערוואַלד, קעגן די צענטריסטישע, קליינבירגערלעכע פּאַציפיסטישע עלעמענטן, פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ליניע. און דער דאָזיקער קאַמף האָט געגעבן באַשטימטע רעזולטאַטן. דאָס לעבן גופא האָט באַשטעטיקט, אַז לענין איז גערעכט. דער יאָך פון דער מלחמה, וועלכע האָט זיך געצויגן שוין דאָס צווייטע יאָר, האָט זיך געלאָזט פילן אַלץ ממשותדיקער. אין רעזולטאַט דערפון, זיינען די צימערוואַלדער רעכטע, אונטערן איינפלוס פון דעם, וואָס די מאַסן זיינען פיל לינקער געוואָרן, געווען געצוווּנגען אויף דער II צימערוואַלדער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרזאַמלט אין אַפּריל 1916 יאָר אין דעם שווייצאַרישן דאָרף, קינטאַל, צו שטימען פאַר מער לינקע רעזאָלוציעס. די לינקע זיינען אין קינטאַל געווען שטאַרקער איידער אויף דער ערשטער קאָנפערענץ, און האָבן געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג אויף די באַשלוסן. לענין האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וווּ ס'ווערט שאַרף קריטיקירט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ. אָפּשאַצנדיק די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ, האָט לענין אין מאַי 1916 יאָר געשריבן: „אין אַלגעמיין גענומען איז עס דאָך, נישט געקוקט אויפן שלל חסרונות, אַ טראָט אויף איינצורייסן מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטן”.[1]

נאָך פאַר דער קאָנפערענץ האָט לענין אָנגעוויזן, אַז די פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג מיט די אָפּאָרטוניסטן, מיט די סאָציאַל־שאָוויניסטן איז די גרונט־פראַגע. „אַלע, וואָס קווענקלען זיך אין דעם פּרט — האָט לענין געשריבן אין מערץ 1916 יאָר — זיינען שונאים

[1] לענין, ווערק, ב. XXIX, ז. 251.

פונעם פראָלעטאַריאַט, בנוגע זיי טאָר נישט דערלאָזט ווערן קיין ש ו ם נאָכגיביקייט".[1]

נאָך דער קאָנפערענץ העלפט לענין נאָך מער מיט די לינקע עלעמענטן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פון מערב-אייראָפּע און אַמעריקע אויסצולעבן זייערע קליינבירגערלעכע אָנשווינגען און אָפּאָרטוניסטישע פעלערן. ער נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער לינק-סאָציאַליסטישער פּרעסע, בפרט אין דעם טעאָרעטישן אָרגאַן פון דער צימערוואַלדער לינקער „Vorbote" („דער אָנזאָגער"). באַזונדערס פיל אויפמערקזאַמקייט גיט ער אָפּ דער יוגנט, דערציענדיק זי אין רעוואָלוציאָנערן גייסט. לענין האָט געוויזן אויף זיין זייט די בעסטע עלעמענטן פון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט.

די פעלערן, די פאַרקריפלונגען, דער טעאָרעטישער פּלאָנטער, וואָס אייניקע לינקע פלעגן דערלאָזן אין די וויכטיקסטע פראַגן פון מלחמה, שלום און רעוואָלוציע, זיינען האַרב פאַראורטיילט און קריטיקירט געוואָרן אין אַ ריי אַרטיקלען לענינס.

באַזונדערס שאַרף האָט לענין קריטיקירט די פּאַציפיסטישע אילוזיעס פון אייניקע לינקע, דעם לאָזונג פון „אָנטוואָפענונג", וועלכן זיי האָבן אַרויסגערוקט. קעמפנדיק קעגן די פּאַציפיסטן, האָט לענין פאַנאַנדערגעאַרבעט זיין לערע וועגן גערעכטיקע און אומגערעכטיקע מלחמות. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די באָלשעוויקעס, די פּראָלעטאַריש רעוואָלוציאָנערן, דאַרפן קעמפן נישט קעגן יעטוועדער מלחמה. נאָר בלויז קעגן אַ פאַרכאַפּערישער, רויבערישער, אומגערעכטיקער מלחמה, וואָס דער ציל אירער איז פאַרכאַפּן און פאַרשקלאַפן פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער. וואָס איז שייך אַ באַפרייונגס-מלחמה: פּאַרטיידיקן דאָס פאָלק קעגן די פרוּוון צו פאַרשקלאַפן עס, באַפרייען דאָס פאָלק פון אונטערן יאָך פון קאַפּיטאַליזם, באַפרייען די קאָלאָניעס און די אָפּהענגיקע לענדער פון אונטער דער פאַרשקלאַפונג מצד די אימפּעריאַליסטן — אַזאַ מלחמה ווי אַ גערעכטיקע מלחמה דאַרפן די באָלשעוויקעס שטיצן.

עס איז נישטאָ קיין שעדלעכערע זאַך, האָט געזאָגט לענין, ווי די גלחישע, קליינבירגערלעכע, פּאַציפיסטישע דרשות וועגן דער מעגלעכקייט אָפּצושאַפן מלחמות ביים קאַפּיטאַליזם. דער אימפּעריאַליזם — דאָס איז אַ פאַרביטערטער קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטישע

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX ז. 228.

מלוכות פאַר פאַרטיילן און איבערפאַרטיילן די וועלט. דעריבער זיינען מלחמות ביים קאַפּיטאַליזם אוממפאַרמיידלעך. בלויז נאָך דעם, ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט אַראָפּגעוואָרפן ווערן און דער סאָציאַליזם וועט זיגן אין דער גאַנצער וועלט, וועלן מלחמות ווערן אוממעגלעך.

לעניִן האָט מיט פאַראַכטונג געשטעמפּלט די יעניקע, וואָס האָבן פאָרגעלייגט דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַנטוואָפענען זיך, אָפּזאָגן זיך פון געווער. „אַן אונטערדריקטער קלאַס, — האָט געשריבן לעניִן, — וואָס שטרעבט נישט אויסצולערנען זיך באַגיין זיך מיט געווער, צו האָבן געווער, אַזאַ אונטערדריקטער קלאַס וואָלט פאַרדינט בלויז דאָס, אַז מע זאָל זיך מיט אים באַגיין ווי מיט קנעכט". אין יעטוועדער קלאַסן-געזעלשאַפט איז דער אונטערדריקנדיקער קלאַס באַוואָפנט. ווער עס וויל זיך באַפרייען פון אונטערן יאָך פון עקספּלואַטאַציע, דאַרף זיך באַוואָפענען צו אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן. „אונדזער לאָזונג, — האָט דערקלערט לעניִן, — דאַרף זיין באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט, כדי צו באַזיגן, עקספּראָפּריאירן און אַנטוואָפענען די בורזשואַזיע"[1].

לעניִן האָט אָן רחמנות קריטיקירט די פּרוּוון אָפּצולייקענען די באַדייטונג פונעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דעמאָקראַטישע פאָדערונגען אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, — פּרוּוון, וואָס זיינען געווען צוגעדעקט מיט „לינקער" פראַזע און וואָס אין תוך גענומען זיינען זיי געווען טיף אָפּאָרטוניסטיש. בוכאַרין, פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק האָבן געפּרוּווט דורכשלעפּן די דעם מאַרקסיזם פיינטלעכע „אידעעלעך" פון אָפּזאָגן זיך פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פון אָפּזאָגן זיך פונעם לאָזונג — רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג. — לעניִן האָט אָנגערופן אַזוינע „אידעעלעך" — „קאַריקאַטור פון מאַרקסיזם", „אימפּעריאַליסטישער עקאָנאָמיזם". ער האָט דערוויזן זייער גאַנצע אומזיניקייט און שעדלעכקייט.

לענינען איז אויסגעקומען נישט ווייניק מלחמה צו האַלטן קעגן די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטן, פּלאָנטערער און אינטריגאַנטן, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס די נידערטרעכטיקסטע פאַררעטער און באַנדיטן. עס האָט זיך געפאָדערט גרויס וואַכזאַמקייט, גרויס

---

[1] לעניִן. ווערק, ב. XIX, ז. 326.

וויטזיכטיקייט, כדי נישט צו לאָזן אַזוינע עלעמענטן שעדיקן דער זאַך פון סאָציאַליזם.

לענין האָט געלערנט, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע — דאָס איז נישט איין אַקט, נישט איין שלאַכט, נאָר אַ גאַנצע עפּאָכע פון פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאָנפליקטן, אַ לאַנגע ריי שלאַכטן אויף אַלע פראָנטן, ד. ה. אין אַלע פראַגן פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. כדי צוצוגרייטן זיך צום זיג איבער דער בורזשואַזיע, כדי אימשטאַנד צו זיין געווינען די שלאַכט, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט פירן אַן אַלזייטיקן, קאָנסעקווענטן און רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע.

שוין דעמאָלט האָט זיך לענין קלאָר פאָרגעשטעלט דאָס ווירקלעכע בילד פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אינגיכן אָנגעהויבן אין רוסלאַנד. „די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין אייראָפּע, — האָט לענין געשריבן האַרבסט 1916 יאָר, — **קאָן נישט זיין** עפּעס אַנדערש, ווי אַן אויפרייס פון מאַסן־קאַמף פון אַלע און אַלערליי אונטערדריקטע און אומצופרידענע. טיילן פון דער קליין־בורזשואַזיע און פון די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער וועלן אומפאַרמיידלעך אָנטיילנעמען אין אים — אָן אַזאַ אָנטייל איז נישט מעגלעך קיין מאַסן־קאַמף, איז נישט מעגלעך קיין שום רעוואָלוציע — און פונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך וועלן זיי אַריינטראָגן אין דער באַוועגונג זייערע פאָראורטיילן, זייערע רעאַקציאָנערע פאַנטאַזיעס, זייערע שוואַכקייטן און פעלערן. **אָביעקטיוו** אָבער וועלן זיי אָנפאַלן אויפן **קאַפּיטאַל**, און דער באַוווסטזיניקער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, דער פאָרגעשריטענער פּראָלעטאַריאַט וועט קאָנען, אויסדריקנדיק דעם דאָזיקן אָביעקטיוון אמת פון דעם פאַרשידנקאָליריקן און פאַרשידנשטימיקן, בונטן און אויסערלעך־צעשפּליטערטן מאַסן־קאַמף, פאַראייניקן און ריכטן אים, דעראָבערן די מאַכט, פאַרכאַפּן די בענק, עקספּראָפּריאירן די ביי אַלעמען (הגם צוליב פאַרשידענע סיבות!) פאַרהאַסטע טרעסטן און פאַרווירקלעכן אַנדערע דיקטאַטאָרישע מאָס־מיטלען, דער סך־הכל פון וועלכע עס איז — דאָס אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע און דער זיג פונעם סאָציאַליזם, אַ זיג, וואָס וועט זיך ווייט נישט מיטאַמאָל „אָפּרייניקן“ פון די קליינבירגערלעכע שלאַקן“.[1]

[1] לענין. ווערק, ב. XIX, ז. 269.

לענין הערט נישט אויף זיך צו פּאַרנעמען מיטן ווייטערדיקן פאַנאַנדעראַרבעטן די נאַציאָנאַלע פּראַגע, טרעט אַרויס קעגן די אַנטי־מאַרקסיסטישע אָנשויונגען פון פיל לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. כדי צו פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פונעם באָלשעוויסטישן לאָזונג וועגן רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג, דאַרף מען זיך, האָט געזאָגט לענין, אַבסאָלוט קלאָר פאַרשטעלן, אַז אין דער עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם טיילט זיך איין די גאַנצע באַפעלקערונג פונעם ערד־קיילעך אויף צוויי אומגלייכע טיילן: פון איין זייט אַ קליינע גרופּע אונטערדריקערישע נאַציעס, פון דער אַנדערער זייט — די קאָלאָסאַלע מאַסן אונטערדריקטע פעלקער אין די קאָלאָניעס, האַלב־קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער.

לענין האָט צוריקגעשטעלט מאַרקס און ענגעלסעס לאָזונג, וועלכע די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל האָבן געהאַט פאַרגעסן: „עס קאָן נישט זיין פריי אַ פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעלקער". אין די אינטערעסן פון זיין אייגענער באַפרייונג, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט פאָדערן, די קאָלאָניעס זאָלן באַפרייט ווערן פון אונטערן יאָך פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, פּונקט ווי דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאָדערן, לויט מאַרקס עצה, די פולע זעלבסטבאַשטימונג פון אירלאַנד. די פאָדערונג צו באַפרייען די קאָלאָניעס, צו באַפרייען די אָפּהענגיקע נאַציאָנאַליטעטן דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אויפשטעלן קודם־כל קעגן זיין אימפּעריאַליסטישער רעגירונג, קעגן זיין אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע.

אין לענינס טעזיסן „די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און די רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג" (אָנגעשריבן האַרבסט 1916 יאָר) און אין זיין אַרטיקל „סך־הכלען פון דער דיסקוסיע וועגן זעלבסטבאַשטימונג (אָנגעשריבן האַרבסט 1916 יאָר), ווערט געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע קריטיק פון דער אַנטי־מאַרקסיסטישער פּאָזיציע פון די פּוילישע און לינקע האָלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין די דאָזיקע היסטאָרישע אַרבעטן האָט לענין אַנטוויקלט ווייטער דעם באָלשעוויסטישן פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. פון אַ באַשטאַנדטייל פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט אָנגעוויזן לענין, האָט זיך די נאַציאָנאַלע פּראַגע שוין פאַרוואַנדלט אין אַ באַשטאַנדטייל פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלע פּראַגע איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פּראַגע וועגן אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם,

די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע דאַרף ווי ווייט מעגלעך אונטער־האַלטן דעם קאַמף פון די קאָלאָניעס קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך. לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ האַרמאָנישע סיס־טעם אָנשווינגען וועגן דער נאַציאָנאַל־קאָ־לאָניאַלער פראַגע אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם.

וווינענדיק אין דער שווייץ, נעמט לענין אַן אַקטיוון אָנטייל אויך אין דער שווייצאַרישער אַרבעטער־באַוועגונג. די באַפעלקערונג פון דער נייטראַלער״ שווייץ איז באַשטאַנען פון דייטשן, פראַנצויזן און איטאַליענער, דאָס האָט געשאַפן צוגאַב־קאַנאַלן פאַר דער אויפוויר־קונג אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. לענין האָט פליסיק שטודירט די געשיכטע פון דער שווייץ. ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, האָט אונטערגעהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די לינקע טוער פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין נאָוועמבער 1916 יאָר, איז לענין אַרויסגעטרעטן אויפן צוזאַמענפאָר פון דער שווייצאַרי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין דעצעמבער האָט ער אָנגעשריבן טעזיסן וועגן די אויפגאַבן פון די לינקע צימערוואַלדיסטן אין דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער קאַמף צווישן די רעכטע און די לינקע אין דער צימערוואַל־דער פאַראייניקונג, האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט. די צימערוואַל־דער רעכטע האָבן זיך אָפּן אָנגעשלאָסן אָן די שאָוויניסטן אין פראַנק־רייך, אי אין דייטשלאַנד, אי אין איטאַליע. אין דער שווייץ האָט דער צענטריסט גרים, דער פאַרזיצער פון דער צימערוואַלדער פאַראיי־ניקונג, אָנגעהויבן מאַכן יד־אחת מיט די אָפּאָרטוניסטן.

לענין איז מיט דער גאַנצער ענערגיע אַרויסגעטרעטן קעגן די סאָציאַל־פּאַציפיסטן און צענטריסטן קאַוטסקי, גרים, מערהיים און אַנדערע, קעגן די, וועלכע האָבן געהאַט אונטערגעשריבן דעם מאַ־ניפעסט אין צימערוואַלד און אין קינטאַל און דערנאָך זיך אַ קער גע־טאָן צו שלום־מאַכעריי, צו אַ בונד מיט די אָפּאָרטוניסטן.

„צימערוואַלד״ האָט בפירוש באַנקראָטירט, — האָט לענין גע־שריבן, — און אַ גוט וואָרט דינט ווייטער אויף צוצודעקן צעפוילט־קייט! די צימערוואַלדער מערהייט — טוראַטי און קאַמפּ., קאַוטסקי מיט לעדעבורן, מערהיים — דאָס אַלץ איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער פּאָזיציע פון סאָציאַל־פּאַציפיזם, וואָס איז אַזוי פייערלעך (און אַזוי רעזולטאַטלאָז!) פאַראורטיילט געוואָרן אין קינטאַל... און דער

צימערוואלדער „צענטער" — ר. גרים, וועלכער האָט דעם 7 יאַנואַר 1917 יאָר געשלאָסן אַ בונד מיט די סאָציאַל-פּאַטריאָטן פון דער שווייץ אויף צו קעמפן קעגן די לינקע!! גרים, וועלכער זידלט די סאָציאַל-פּאַטריאָטן פון אַלע לענדער, אַ ח ו ץ די שווייצאַרישע, וועלכע ער ד ע ק ט צ ו! דאָס איז עקלהאַפט! איך בין מלא רציחה אויף די דאָזיקע נידערטרעכטיקע לייט; עס עקלט צו הערן זיי און וועגן זיי; עס עקלט נאָך מער צו טראַכטן וועגן אַרבעטן מיט זיי".[1]

נאָכן קראַך פון „צימערוואַלד", האָט מען דעם קאַמף פאַר אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל געדאַרפט אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדערן באָדן. לענין רופט צו שאַפן אַ נייעם, אַווירקלעך סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו אָרגאַניזירן אין אַלע לענדער פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען פון אַ נייעם טיפּ, וואָס זאָלן פולשטענדיק איינרייסן מיט די אַלטע באַנקראָטירטע פּאַרטייען, זאָלן זיין פעיק אָנצופירן מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן פאַרן סאָציאַליזם.

„איך זע נאָר און איך ווייס ביז גאָר פעסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז די פראַגע וועגן דעם פּראָגראַם און טאַקטיק פון דעם נייעם סאָציאַליזם, פון דעם ווירקלעך רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, און נישט פון דעם פאַסקודנעם קאַוטסקיזם, ש ט ייט אויפן טאָג-סדר אומעטום".[2]

לענין איז אַרויסגעטרעטן אַלס עכטער פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג, פאַרלייגנדיק די יסודות פון דעם נייעם, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָנהייב 1917 יאָר האָט לענין אָנגעוויזן, אַז אין דער וועלט-פּאָליטיק באַמערקט זיך אַ קער — פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה צו אַן אימפּעריאַליסטישן שלום. די מלחמה האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויסגעשעפּטקייט ביי ביידע קריגספירנדיקע קאָאַליציעס. די רעסורסן און די קריגס-מעגלעכקייטן פון יעדערער פון זיי זיינען אין גאַנג פון דער מלחמה אין אַ גענוגנדיקער מאָס געווען פעסטגעשטעלט, די קרעפטן פון די אַרמייען און פון די פלאָטן זיינען געווען אויסגעפּרוווט און אויסגעמאָסטן. אַלץ שאַרפער איז געוואָרן דער מאַנגל אין רויוואַרג און דערנערונג. ווייטער אָנלעבן זיך אויפן חשבון פון דער דאָזיקער מלחמה, האָט די בורזשואַזיע שוין

---

[1] לענין. ווערק, ב. XIX, ז. 401.

[2] דאָרטן, ז. 402.

נישט געקאנט. דער וווקס פונעם צארן און פון דער אומצופרידנקייט פון די מאסן, דער אויפשטייג פונעם רעוואלוציאנערן קאמף פון די ארבעטער, די יוירונג צווישן די סאלדאטן אויפן פראנט האבן באוויזן, אז אין אייראפע איז פאראן א רעוואלוציאנערע סיטואציע. מורא האבנדיק פאר דער אנקומענדיקער רעוואלוציע, האבן די קאפיטאליסטן זיך געאיילט צו שליסן אן אימפעריאליסטישן שלום. די פראזן פון די סאציאל־פאציפיסטן וועגן דער מעגלעכקייט פון א כלומרשט דעמאקראטישן שלום אן א סאציאליסטישער רעוואלוציע, זיינען געווען א באקוועמער דעק־מאנטל פאר די אימפעריאליסטן אויף נעמען צוגרייטן דאס שליסן א רויבערישן שלום. פון דעם פראלעטאריאט און זיין פארטיי האט זיך געפאדערט גרייטקייט און אנטשלאסנקייט צו גיין אויף רעוואלוציאנערע אקציעס.

לענינס גאנצע טעטיקייט איז טאקע געווען געווענדט אויף אידעיש, פאליטיש און ארגאניזאציאנעל צוגרייטן דעם ארבעטער־קלאס און זיין פארטיי צו די שלאכטן פאר דער סאציאליסטישער רעוואלוציע. א קאלאסאלע באדייטונג האט אין דער הינזיכט געהאט זיין ארבעט אין דעם פעריאד איבער דער פראגע וועגן מלוכה.

די פראגע וועגן דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט, די דאזיקע גרונט־פראגע פון דער מארקסיסטישער טעאריע, איז באלויכטן געווארן נאך אין לענינס פריערדיקע ארבעטן. די אימפעריאליסטישע מלחמה האט געשאפן א רעוואלוציאנערע סיטואציע; די פראגע וועגן דער פראלעטארישער רעוואלוציע, וועגן דעם, אז דער פראלעטאריאט זאל פארכאפן די מאכט, האט זיך געשטעלט אויפן טאג־סדר. און לענין האט זיך ווידער אנגעהויבן פארנעמען מיט דער דאזיקער פראגע. די פארעטער פונעם סאציאליזם — די אפארטוניסטן (סאציאל־שאוויניסטן, קאוטסקיאנער) האבן געזוכט מיט אלע מיטלען צו פארפלאנטערן די דאזיקע פראגע, צו פארהוילן מארקס ווירקלעכע אנשויונגען. זיי האבן אויף א געמיינעם אופן פארקריפלט און פארדרייט דעם מארקסיזם, ארויסגעווארפן פון אים זיין רעוואלוציאנערן אינהאלט און האבן אויף אזא אופן געפרווט צודעקן זייער אפזאגן זיך פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע, פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט.

לענין איז געווען אויפגעבראכט און דערצארנט, זעענדיק ווי געווויסנלאז די אפארטוניסטן פארקריפלען דעם מארקסיזם. פאר דער ריינקייט פונעם רעוואלוציאנערן מארקסיזם איז ער אלעמאל גרייט

געווען צו שלאָגן זיך ביזן לעצט. אין די דאָזיקע טעג פון אינטעליגענטסישער אַרבעט איבער דער פראַגע וועגן מלוכה, האָט לענין געשריבן צו אינעסאַ אַרמאַנד:

„איך בין נאָך אַלץ „פאַרליבט" אין מאַרקסן און ענגעלסן, און קיין שום לעסטערן זיי קאָן איך נישט רואיק איבערטראָגן. ניין, דאָס זיינען — אמתע מענטשן! ביי זיי דאַרף מען זיך לערנען. פון דעם דאָזיקן באָדן טאָרן מיר נישט אַראָפגיין, פון ד ע ם ד אָ ז י ק ן באָדן זיינען אַראָפ סיי די סאָציאַל-שאָוויניסטן, סיי די קאַוטסקיאַנער".

לענין האָט זאָרגפעליק צונויפגעזאַמלט און צוריק אויפגעשטעלט אַלץ, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געשריבן איבער דער פראַגע וועגן מלוכה. די לערע פונעם מאַרקסיזם וועגן מלוכה, האָט ער אָפגערייניקט פון די אָפּאָרטוניסטישע פאַרקריפּלונגען און האָט זי אַנטוויקלט ווייטער. באַרייכערט זי מיט דער נייער דערפאַרונג אין די נייע באַדינגונגען פונעם קלאַסן-קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. דער רעזולטאַט פון אָט דער אַרבעט לענינס איז געווען זיין געניאַל ווערק „מלוכה און רעוואָלוציע", וואָס די צוגרייטונגס-מאַטעריאַלן צו דעם האָט ער אין די מלחמה-יאָרן געהאַט צונויפגעזאַמלט אינעם „העפטל אין בלויען איינבונד", וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען „דער מאַרקסיזם וועגן מלוכה".

אויפגעשטעלט מאַרקס און ענגעלסעס אָנשויונגען וועגן דער גרונט-פראַגע פון דער רעוואָלוציע, ציט לענין אונטער די סך-הכלען פון דער נייער היסטאָרישער דערפאַרונג. ער מערקט אָפּ, אַז די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 יאָר האָט אַריינגעטראָגן פיל נייעס אין דער פראַגע וועגן מלוכה. לענין גיט אַ קורצע פאָרמולירונג, וואָס דריקט אויס דעם תוך פונעם ענין: „די אַלטע („פאַרטיקע") מלוכה-מאַשין און די פאַרלאַמענטן פאַרבייטן מיט סאָוויעטן פון אַ ר ב ע ט ע ר-דעפּוטאַטן און זייערע אָנגעטרויטע פּערזאָנען". אויף דער פראַגע: און ווי-זשע וועט זיין מיט דער נישט-אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג? ענטפערט לענין: „ווער עס אַרבעט נישט, דאַרף נישט עסן (שוין אָפּגערעדט פון אָנפירן מיט דער מלוכה)!!".[1] אַזוי מערקט לענין דאָ אָן די לערע פונעם מאַרקסיזם וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און די טעאָריע פון דער סאָוויעטישער מלוכה, וועל-

---

[1] לענין-זאַמלונג XIV, ז. 314, 315.

בע ער האָט שפּעטער פאַנאַנדערגעאַרבעט אויפן גרונט פון דער סאָוויעטישער דערפאַרונג פון די דריי רוסישע רעוואָלוציעס.

לענין האָט קלאָר געזען, אַז די אימפּעריאַליסטישע מלחמה דער־נענטערט מיט קאָלאָסאַלער שנעלקייט די רעוואָלוציע.

דעם 9 (22) יאַנואַר 1917 יאָר, איז לענין אַרויסגעטרעטן אין ציריך אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַרבעטער־יוגנט מיט אַ פאַר־טראַג וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. ער האָט געזאָגט:

„אונדז דאַרף נישט אָפּנאַרן די איצטיקע בית־עולם־שטילקייט אין אייראָפּע. אייראָפּע איז שוואַנגער מיט רעוואָלוציע. די אום־געהייערע גרוילן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, די ליידן פון יקרות רופן אומעטום אַרויס אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג. און די הערשנדיקע קלאַסן — די בורזשואַזיע, און זייערע משרתים — די רעגירונגען, גייען אַריין אַלץ מער און מער אין אַ העק, פון וועל־כן זיי קאָנען בכלל נישט געפינען קיין אויסוועג אָן די גרעסטע דער־שיטערונגען".[1]

עס איז אַוועק עטוואָס מער פון אַ חודש, און ס'האָט זיך אָנגע־הויבן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — אין דעם שוואַכסטן רינג פון דער אימפּעריאַליסטישער קייט.

די ידיעה וועגן דעם זיג פונעם אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד איז דערגאַנגען צו לענינען אָנהייב מערץ. פון דעם מאָמענט אָן זיינען אַלע געדאַנקען לענינס געווען קאָנצענטרירט אויפן דערלערנען און אָפּשאַצן די דאָזיקע קאָלאָסאַלע געשעעניש און אויף דעם, וויאַזוי ווי וויים מעגלעך שנעלער זיך אומקערן קיין רוסלאַנד.

אין די עסקיזן פון די טעזיסן פון 4 (17) מערץ 1917 יאָר, און דערנאָך אין די „בריוו פון דער ווייט", האָט לענין געגעבן אַן אַנאַ־ליז פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד. לענין האָט אָפּגעשאַצט די ציטווייליקע רעגירונג אַלס אַ בורזשואַזע רעגירונג. אַן אימפּעריאַליסטישע, וואָס האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט דעם ציל צו פירן די רויבערישע מלחמה ביזן סוף. דעם סאָוויעט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן האָט לענין כאַראַקטע־ריזירט אַלס „עמבריאָן פון דער אַרבעטער־רעגירונג, פאַרשטייער פון די אינטערעסן פון אַלע אָ ר ע מ ס ט ע מאַסן באַפעלקערונג, דה"..

[1] לענין. ווערק, ב. XIX, ז. 357.

פון ניין צענטל באַפעלקערונג, וועלכער באַמיט זיך צו דערשלאָגן שלום, ברויט, פרייהייט".[1] דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, האָט געשריבן לענין, איז בלויז דער ערשטער עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז — גרייטן דעם זיג פונם פּראָלעטאַריאַט אויפן צווייטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, פאַרלייכטערן און פאַרשנעלערן דאָס אַריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער האָט געהאַלטן אין איין אָנווייזן, אַז דער עיקר איז — די אָרגאַניזירונג פון די מאַסן, די פאַרפעסטיקונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איר פולשטענדיקע זעלבשטענדיקייט. ער האָט געשריבן אין יענע טעג: „זעלבשטענדיקייט און באַזונדערקייט פון אונדזער פּאַרטיי, קיין שום דערנענטערונג מיט אַנדערע פּאַרטייען — דאָס איז פאַר מיר אולטימאַטיוו. אָן דעם קאָן מען דעם פּראָלעטאַריאַט נישט העלפן גיין דורך דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש צו דער קאָמונע, און דינען אַנדערע צילן וואָלט איך נישט".[2]

לענין האָט זיך געריסן קיין רוסלאַנד, כדי דירעקט צו באַטייליקן זיך אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. לענין האָט זיך קיין אַרט נישט געקאָנט געפינען, ער האָט זיך געפילט, ווי אַ לייב אין אַן ענגער שטייג. „וואָס פאַר אַ פּיין עס איז פאַר אונדז אַלעמען צו זיצן דאָ אין אַזאַ צייט"[3] — האָט ער געשריבן. אַרויסרייסן זיך פון דער שווייץ איז אָבער געווען נישט לייכט. דורכקלייבן זיך דורך די אַנטאַנטע־לענדער, איז געווען אוממעגלעך. אַלע פּרוּוון אין דער דאָזיקער ריכטונג זיינען דורכגעפאַלן. עס איז קלאָר געווען, אַז ענגלאַנד וועט בשום־אופן נישט אַרויסלאָזן פון דער שווייץ אַזאַ אומקאָמפּראָמיסלעכן שונא פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווי ס'איז געווען לענין.

ביי לענינען אין קאָפּ זיינען אַנטשטאַנען פאַרשידענע פּלענער וויאַזוי אומצוקערן זיך אַהיים, נאָר פּראַקטיש האָט מען זיי נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן אָדער זיי זיינען געווען זייער ריזיקאַליש. לענין האָט באַשלאָסן אויסנוצן די ווידערשפּרוכן אינעם לאַגער פּו־

---

1 לענין. ווערק, ב. XX, ז. 18.

2 לענין־זאַמלונג, XXVI, ז. 40.

3 לענין־זאַמלונג II, ז. 369.

נעם אימפעריאליזם און דורכרייסן זיך קיין רוסלאַנד דורך דייטש־לאַנד. אין רעזולטאַט פון אונטערהאַנדלונגען, ביי דער פאַרמיטלונג פון טוער פון דער שווייצאַרישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער־לויבט געוואָרן דורכצופאָרן דורך דייטשלאַנד, לויט די באַ־דינגונגען, וואָס זיינען פאַרשריבן אין אַ ספּעציעלן פּראָטאָקאָל, איז דעם וואַגאָן, אין וועלכן עס איז געפאָרן לענין מיט נאָך פּאָליטישע עמיגראַנטן, גאַראַנטירט געוואָרן עקסטעריטאָריאַלקייט; די פּעסער און דעם באַגאַזש האָט מען נישט געטאָרט קאָנטראָלירן; קיינער האָט נישט געקאָנט אַריין אין וואַגאָן אָן דער דערלויבעניש פון די פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען אין אים געפאָרן; די אימיגראַנטן האָבן זיך פאַרפליכטעט נאָכן קומען אַהיים אַגיטירן פאַר דעם, אַז עס זאָל אָפּגעלאָזן ווערן פּונקט אַזאַ צאָל עסטרייכער און דייטשן, אינטער־נירטע אין רוסלאַנד.

פאַרלאָזנדיק שווייץ האָט לענין אָנגעשריבן אַ „געזעגענונגס־בריוו צו די שווייצאַרישע אַרבעטער", וואָס איז באַשטעטיקט גע־וואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די עמיגראַנטן באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך געקליבן אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד. אין דעם בריוו האָט לענין גערעדט וועגן די פאַרשטייענדיקע אויפגאַבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, וועגן דעם, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי וועט תיכף פאָרלייגן שלום, וועט תיכף פאָרלייגן באַפרייען אַלע קאָלאָניעס און אַלע אונטערדריקטע פעלקער, וועט תיכף אָנ־הייבן און וועט דערפירן ביזן סוף די באַפרייונג פון די פעלקער, וואָס די רוסישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן אונטערדריקן זיי.

„די פאַרוואַנדלונג פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אין אַ בירגער־קריג וו ע ר ט אַ פאַקט.

זאָל לעבן די זיך אָנהייבנדיקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין אייראָפּע"[1] — אַזוי האָט לענין פאַרענדיקט זיין בריוו.

דעם 27 מערץ (9 אַפּריל) 1917 יאָר, איז לענין מיט אַ גרופּע עמיגראַנטן אַרויסגעפאָרן פון בערן. דעם 1 (4) אַפּריל אינדערפרי, איז לענין אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם און דעם זעלבן טאָג אינאָוונט, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אויף קיין איין איבעריקער שעה, איז ער אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XX, ז. 70.

IX

ענדלעך, איז לענין ווידער אין דער היים — אין רוסלאַנד, ווו ס'פּלאַקערט די רעוואָלוציע. אין צוג, אויפן וועג פון פינלאַנד קיין רוסלאַנד, שמועסט לענין מיט סאָלדאַטן, פרעגט זיי זשעדנע אויס וועגן אַלץ. דאָ גופא, אין וואַגאָן טאַקע, מאַכט ער זיי אַ קורצע מיט־טיילונג „וועגן ערד, וועגן פרייהייט און וועגן פאַרענדיקן די מלחמה", — ווי עס דערמאָנט זיך איינער פון די סאָלדאַטן.

די ערשטע באַגעגעניש לענינס מיט די אַרבעטער, איז פאָרגעקומען פאַרנאַכט דעם 3 (16) אַפּריל אויף דעם וואָקזאַל בעלאָאָס־טראָוו. דאָ האָבן לענין באַגעגנט די סעסטראָרעצקער אַרבעטער און אַ דעלעגאַציע פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער צוזאַמען מיטן חבר סטאַלין.

איינער פון די אַרבעטער, וואָס האָט געהאַט באַגעגנט לענינען, דערמאָנט זיך:

„ווי נאָר איליטש האָט געוואָלט נעמען גיין, האָב איך גענומען שרייען: „נעמט אים אויף די הענט!" איך האָב אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ פוס, נאָר אַזוי, אז ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און האָט מיך אַרומגעכאַפּט פאַרן האַלדז. אַרום מיר זיינען געשטאַנען אַנדערע חברים — האָבן מיר אונטערגעכאַפּט איליטשן, און ער טענהט: „שטילער חברה, וואָס טוט איר..." און מיר האָבן אים אַוועקגעטראָגן. די, וואָס זיינען געקומען אים באַגעגענען, האָבן געמאַכט אַ וואַרע (חוץ אונדז איז אויף דעם באַן־הויף געווען אַ גרויסער פאַר־שיידענער עולם). האָבן מיר אַריינגעטראָגן איליטשן אין וואָקזאַל, אַוועקגעשטעלט אים, שטייט ער, און קיינער קאָן קיין וואָרט נישט אויסריידן... פון פרייד — עפּעס גאָר ווי געליימטע... איליטש שטייט און קוקט; אַלע אַרבעטער אַרום אים. איך געדענק עס ווי היינט — דאָס איז נישט אין חלום: וולאַדימיר איליטש אין אַ גרוינקן אָנצוג אויפן ברעטערנעם דיל פון בעלאָאָסטראָווער וואָקזאַל.

עס איז געווען עפּעס אַזוינס, ממש נישט צו דערקלערן. איך האָב געזען, אַז איליטש איז אויך שטאַרק גערירט. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר איין מאָמענט: ער איז תיכּף, ווי מע זאָגט עס, „געקומען צו זיך" — געכאַפּט אונדז, צעקושט זיך מיט איינעם, מיט אַ צווייטן, מיט אַ דריטן. עמעצער פון אונדזערע חברים האָט אָנגעהויבן אַ באַגריסונגס־רעדע אין נאָמען פון די סעסטראָרעצקער אַרבעטער".[1]

דעם 3 (16) אַפּריל 11 אַזייגער מיט 10 מינוט אין אָוונט, איז לענין אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד. דער פינלענדישער וואָקזאַל, דער וואָקזאַל־פּלאַץ און די דערנעבנדיקע גאַסן זיינען געווען פּיל געפּאַקט מיט טויזנטער אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן מיט רויטע פענער. ווען לענין איז אַרויס פון וואַגאָן, האָט די מאַסן באַהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע באַגייסטערונג, מיט לאַנגדויערדיקן „הוראַ" האָט דער פּראָלעטאַריאַט באַגעגנט זיין פירער. לענין איז געווען טיף גערירט. די אַרבעטער האָבן אים אונטערגעכאַפּט אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין גרויסן זאַל פונעם וואָקזאַל. דאָ האָבן די לידערס פון די מענשעוויקעס שוין גענומען האַלטן „באַגריסונגס־רעדעס", לענין האָט אָבער אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט, ער איז אַרויס אויפן פּלאַץ, וווּ עס האָבן אויף אים געוואַרט די אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן. אויפגעהויבן זיך אויף אַ פּאַנצער־אויטאָמאָביל, האָט לענין געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופן די מאַסן צום קאַמף פאַרן זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. „זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!" — אַזוי האָט לענין פאַרענדיקט די דאָזיקע אַרויסטרעטונג זיינע פאַר די פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריער און סאָלדאַטן, — די ערשטע אַרויסטרעטונג נאָך אַזויפיל לאַנגע יאָרן גלות.

פון וואָקזאַל איז לענין אויפן פּאַנצער־אויטאָמאָביל אַוועקגעפאָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. טויזנט־קעפּיקע קאָלאָנעס אַרבעטנדיקע האָבן באַגלייט לענינען. פּראָזשעקטאָרס האָבן מיט העלע פּאַסן ליכט באַלויכטן דעם וועג, וואָס איז געווען באַוואַכט פון אַ קייט אַרבעטער און אַרבעטערינס.

---

[1] וועגן איליטשן, מאָצעקגיז, 1934, ז. 13.

לענינס קומען האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פאַר דער רעוואָלוציע. דער רעוואָלוציע איז נייטיק געווען אַ קאָפּ פון אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט, כדי שנעל פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער אויסערסט קאָמפּליצירטער סיטואַציע און ריכטיק אָנווייזן די אַרבעטנדיקע מאַסן זייער נאָענטסטן ציל. עס איז נייטיק געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פעסטער ווילן, כדי צו פירן די מאַסן מיטן ריכטיקן וועג צו דעם דאָזיקן ציל און צו זיגן. אַזאַ גיגאַנט פון געדאַנק און ווילן איז געווען לענין, וואָס האָט געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך די דערפאַרונג פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער הייך פון וויסנשאַפטלעכן פאַרשטיין די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער פירער פון דער רעוואָלוציע האָט פאַרנומען זיין אָרט.

לענין האָט תיכף פאַנאַנדערגעוויקלט אַ טיטאַנישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. שוין אין דער זעלבער נאַכט, האָט לענין פאָרמולירט זיינע אָנשווינגען פאַר זיינע פריינד און נאָענטסטע מיטקעמפער.

אינדערפרי, דעם 4 (17) אַפּריל, איז לענין אַרויסגעטרעטן אין טאַווריִדער פּאַלאַץ אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אָנפירנדיקע פּאַרטייטוער מיט אַ פאָרטראַג וועגן מלחמה און רעוואָלוציע. די טעזיסן פון זיין פאָרטראַג האָט ער דערנאָך איבערגעחזרט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס — די דעלעגאַטן פון דער אַלרוסלענדישער באַראַטונג פון די סאָוויעטן.

דאָס זיינען געווען די באַרימטע אַפּריל-טעזיסן, וואָס האָבן געגעבן דער פּאַרטיי אַ נייע אָריענטירונג. אין זיי האָט לענין פאָרמירט די קאַמפס-דערפאַרונג פון דער פּאַרטיי און האָט געגעבן אַ גענילאַלן פּלאַן פון קאַמף פאַרן איבערגאַנג פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייט פון דעם געגעבענעם מאָמענט באַשטייט אין דער צווייכמאַכט: זייט ביי זייט מיט דער צייטווייליקער רעגירונג עקזיסטירט פאַקטיש אַ צווייטע רעגירונג — די סאָוויעטן. די צייטווייליקע רעגירונג איז אַן אָרגאַן פון דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, די סאָוויעטן — אַן אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. די צווייכמאַכט דריקט אויס

בלויז דעם איבערגאַנגס-מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער רע־וואָלוציע, לאַנג האַלטן זיך קאָן זי נישט, ווייל קיין צוויי מאַכטן אין אַ מלוכה קענען נישט זיין. „די אייגנאַרטיקייט פונעם לויפנדיקן מאָ־מענט אין רוסלאַנד, — האָט געזאָגט לענין, — באַשטייט אינעם אַריבערגאַנג פונעם ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, וועל־כער האָט געגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע מחמת דער נישט גע־נוגנדיקער באַוווּסטזיניקייט און אָרגאַניזירטקייט פונעם פּראָלע־טאַריאַט, — צום צווייטן עטאַפּ אירן, וועלכער דאַרף געבן די מאַכט אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די אָרעמסטע שיכטן פונעם פּויערטום".[1]

די גרונט-פאָדערונג פון די טעזיסן איז — די גאַנצע מלוכה־מאַכט דאַרף אַריבערגיין צו די סאָוויעטן, עס דאַרף איינגעשטעלט ווערן אַ רעפּובליק פון סאָוויעטן, ביז אַהער האָבן די מאַרקסיסטן געהאַלטן, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז די אַמערסטן צוועקמעסיקע פאָרם פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער געזעלשאַפט ביים אַריבערגיין פונעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. האָבנדיק דערלערנט און קריטיש איבערגעאַרבעט די דערפאַרונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, דיסקאָנטירנדיק די דער־פאַרונג פון די צוויי רוסישע רעוואָלוציעס — פון די יאָרן 1905 און 1917, — איז לענין געקומען צום אויספיר, אַז די נייע און העכערע פאָרם פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט ביים אַריבערגיין צום סאָציאַליזם איז אַ רעפּובליק פון סאָוויעטן.

אין די סאָוויעטן האָט לענין אַנטדעקט די מלוכה-פאָרם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען אַ גענִיאַלע אַנטדע־קונג אין דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפט. ווען לענין וואָלט די אַל־טע מאַרקסיסטישע הנחה וועגן דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק אלס פּאָליטישע פאָרם פון דער געזעלשאַפט אי־נעם איבערגאַנגס-פּעריאָד פונעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם נישט פאַרביטן מיט דער נייער הנחה וועגן אַ רעפּובליק פון סאָוויעטן, „וואָלט די פּאַרטיי געבליבן אין דער פינצטער, די סאָוויעטן וואָלטן דעזאָרגאַניזירט געוואָרן, מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין סאָוויעטן-מאַכט, די מאַרקסיסטישע טעאָריע וואָלט געליטן אַן

[1] לענין. ווערק, ב. XX, ז. 88.

ערנסטן שאָדן. פאַרשפּילט וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט, געווונען וואָלטן די שונאים פונעם פּראָלעטאַריאַט".[1]

אויך ביי די ציטוויליקע רעגירונג, איז געזאָגט געוואָרן אין די טעזיסן, פאַרבלייבט די מלחמה אַן אימפּעריאַליסטישע מחמת דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פון דער רעגירונג. דער פּראָלעטאַריאַט וועט נעמען פירן א רעוואָלוציאָנערע מלחמה בלויז ביי דעם תנאי, אז די מלוכה־מאַכט וועט איבערגיין אין זיינע הענט. די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי באַשטייט אין עקשנותדיקן און געדולדיקן אויפקלערן די מאַסן, אז ענדיקן די מלחמה מיט א דעמאָקראַטישן שלום איז אוממעגלעך, אויב מע זאָל נישט אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

בנוגע דער רעגירונג האָט לענין ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „קיין שום שטיצע דער ציטוויליקער רעגירונג!" לענין האָט אָבער געוואָרנט, אז איצט קאָן מען די רעגירונג נישט אַראָפּוואַרפן, ווייל זי ווערט געשטיצט מצד די סאָוויעטן. פריער פון אלץ דאַרף מען איבערצייגן די מאַסן דערין, אז די סאָוויעטן זיינען די איינציקע מעגלעכע פאָרם פון א רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אז צו די סאָוויעטן דאַרף אריבערגיין די גאַנצע מלוכה־מאַכט און אז אַנשטאָט דער ציטוויליקער רעגירונג פון דער בורזשואַזיע דאַרף געשאַפן ווערן א סאָוויעטן־רעגירונג.

ארויסגייענדיק פון דעם פאַקט, אז אין די סאָוויעטן האָבן די אויבערהאַנט געהאַט די מענשעוויקעס און עסערן, האָט לענין אוועקגעשטעלט פאַר די באָלשעוויקעס די אויפגאַבע: אויפקלערן די מאַסן דעם פאַרעטערישן תוך פון דער פּאָליטיק פון די פּשרהמאַכע־רישע פּאַרטייען, איזאָלירן די מענשעוויקעס און עסערן פון די מאַסן און דעראָבערן די מערהייט אין די סאָוויעטן, כדי דורך די סאָוויעטן ענדערן דעם באַשטאַנד און די פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דאָס איז געווען אַן איינשטעלונג אויף א פרידלעכער אַנט־וויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

די טעזיסן האָבן אָנגעמערקט קאָנקרעטע עקאָנאָמישע מאָס־מיטלען אויף אריבערצוגיין צום סאָציאַליזם: קאָנפיסקירן די פּריי־ציסע ערד און נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע ערד אינעם לאַנד, צונויפ־

---

[1] „געשיכטע פון דער אלקפּ(ב), קורצער קורס", ז. 418, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

גיסן אלע בענק אין איין נאַציאָנאַלן באַנק און איינשטעלן אַ קאָנטראָל איבער אים מצד די סאָוויעטן, איינפירן אַן ארבעטער-קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און איבער דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן.

אויפן פּאַרטייאישן געביט האָט לענין אוועקגעשטעלט די אויפגאַבן — ענדערן דעם פּראָגראַם און בייטן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי. ער האָט געפאָדערט אָפּזאָגן זיך פון דעם נאָמען סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווייל דעם דאָזיקן נאָמען האָבן פאַרשמוצט די פּאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל און די רוסישע מענשעוויקעס, וואָס האָבן נידערטרעכטיק פאַראַטן דעם סאָציאַליזם. ער האָט פאָרגעלייגט אָנצורופן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי — קאָמוניסטישע, ווי עס האָבן אָנגערופן זייער פּאַרטיי מאַרקס און ענגעלס, ווייל דער ענדציל פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז אויפבויען דעם קאָמוניזם.

ענדלעך, האָט לענין פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ דריטן, אַ קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

לענינס טעזיסן האָבן געעפנט גראַנדיעזע פּערספּעקטיוון. אין זייער יסוד איז געלעגן די לערע וועגן דער מעגלעכקייט אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין, באַזונדער גענומען, לאַנד. זיי האָבן געוועקט די ארבעטער צום קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. די גאַנצע פּאַרטיי, חוץ עטלעכע יחידים פונעם טיפּ קאַמעניעוו, ריקאָוו און אַנדערע מענשעוויסטישע אונטערבאַמקער, האָט מיט קאָלאָסאַלער באַפרידיקונג אָנגענומען די טעזיסן.

די וועלט-היסטאָרישע באַדייטונג פון לענינס טעזיסן באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן באַוואָפנט די פּאַרטיי מיט אַ טעאָרעטיש באַגרינדעטן קאָנקרעטן פּלאַן ווי אַזוי אָנצוהייבן אריבערגיין פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אונטער דער אָנפירונג פון איר פירער — לענין האָט די פּאַרטיי גענומען פירן אַ קאַמף פאַר דורכפירן אין לעבן דעם דאָזיקן פּלאַן.

די אַפּריל-טעזיסן באַווייזן בולט לענינען אלס קאָנסעקווענטן רעוואָלוציאָנער און געניאַלן געלערנטן, וואָס לייגט דרייסט דורך נייע וועגן אין דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפט.

חבר סטאלין האט אין זיין רעדע ביים אויפנעמען די טוער פון דער הויכשול אין מאי 1938 יאר געזאגט: „איך וואלט געוואלט אפשטעלן זיך אויף איינעם פון אזעלכע קאריפייען פון דער וויסנשאפט, וועלכער איז באגלייך דערמיט דער גרעסטער מענטש פון דער היינטיקער צייט. איך האב אין זינען לענינען, אונדזער לערער, אונדזער דערציער. דערמאנט זיך דאס יאר 1917. אויפן גרונט פון א וויסנשאפטלעכן אנאליז פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג פון רוסלאנד, אויפן גרונט פון א וויסנשאפטלעכן אנאליז פון דער צווישנפעלקערלעכער לאגע איז לענין דאן געקומען צום אויספיר, אז דער איינציקער אויסוועג פון דער לאגע איז דער זיג פונעם סאציאליזם אין רוסלאנד. דאס איז געווען א מער ווי אן אומגעריכטער אויספיר פאר פיל וויסנשאפט-לייט פון יענער צייט. פלעכאנאוו, איינער פון די אנגעזעענסטע וויסנשאפט-לייט, האט מיט פאראכטונג גערעדט דאן וועגן לענינען, באהויפטנדיק, אז לענין „רעדט פון היץ". אנדערע, נישט ווייניקער באוואוסטע וויסנשאפט-לייט, האבן באהויפטעט, אז „לענין איז אראפ פון זינען", אז מע וואלט אים געדארפט פארשטעקן וואס ווייטער. קעגן לענינען האבן דאן געוואיעט אלע און אלערליי מענטשן פון דער וויסנשאפט, ווי קעגן א מענטשן, וואס צעשטערט די וויסנשאפט. לענין אבער האט נישט מורא געהאט צו גיין קעגן שטראם, קעגן אינערטקייט. און לענין האט געזיגט"[1].

די בורזשואזיע, די מענשעוויקעס און די עסערן האבן באגעגנט די אפריל-טעזיסן מיט א ווילדן געברום. עס האט זיך אנגעהויבן א ווילדע העצע קעגן לענינען. עס האבן זיך אויף אים געשאטן כלערליי דראונגען. די בורזשואזע פרעסע האט גערופן פיזיש אפצורעכענען זיך מיט לענינען.

לענין האט זיך אבער נישט דערשראקן פאר די דראונגען פון דער בורזשואזיע און פון אירע לאקייען. ער האט פעסט געוווסט, אז די צוקונפט געהערט צו די באלשעוויקעס. די מאסן האבן זיך דערוווסט פון די לענינישע טעזיסן, אז די באלשעוויקעס זיינען פאר א תיכפדיקן דעמאקראטישן שלום, פארן תיכפדיקן אפנעמען די פריוואטע ערד, פאר אן אנטשידענעם קאמף קעגן הונגער און חורבן. און

[1] י. סטאלין. וועגן לענינען, ז. 55, מלוכה-פארלאג „דער עמעס", 1944 י.

דאָס איז געווען גראָד דאָס, וואָס עס האָבן געוואָלט אַלע אַרבעטנ־דיקע פון רוסלאַנד.

דערין טאַקע איז באַשטאַנען לענינס אומגעהויערע קראַפט, וואָס ער פלעגט געבן פּשוטע, קרישטאָל־קלאָרע לאָזונגען, פאַר־שטענדלעכע יעדן איינעם, אפילו דעם ווייניק אַנטוויקלטן אַרבעטס־מענטש. אין די דאָזיקע לאָזונגען זיינען געווען אויסגעדריקט די דרינ־גענדיקע פאַרלאַנגען און האָפענונגען פון די אַרבעטנדיקע, און דע־ריבער פלעגן זיי באַגייסטערן און אויפהייבן צום קאַמף קעגן קלאַסן־שונא.

גלייך נאָכן קומען האָט לענין גענומען אַקטיוו זיך באַטייליקן אינעם לעבן און אין דער אַרבעט פון דער פּעטראָגראַדער אָרגאַני־זאַציע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אונטער זיין דירעקטער אָנפירונג איז אין אַפּריל דורכגעגאַנגען די פּעטראָגראַדער אַל־שטאָטישע פּאַרטיי־קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ פון די פּעטראָגראַ־דער באָלשעוויקעס איז געגאַנגען מיט לענינען, זי האָט זיך באַהעפט אויף דער באַזע פון די אַפּריל־טעזיסן.

בעת דער קאָנפערענץ איז אויסגעבראָכן אַ מעכטיקע פּראָ־טעסט־באַוועגונג פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער ציישטווייליקער רעגירונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געבראַכט צום ערשטן קריזיס פון דער מאַכט פון דער בורזשואַזיע. אין אָט די טעג — דעם 20, 21 און 22 אַפּריל (3—5 מאַי) — האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען יעדן טאָג. לענין האָט געגעבן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד די אַוואַנטוריסטישע רופן פון אַ הייפל איבערבייגלער, מיטגלידער פון דער פּעטראָגראַדער אָרגאַניזאַציע, תּיכּף אָראָפּצוואַרפן די ציישטווייליקע רעגירונג, — די באַדינגונגען דערצו זיינען נאָך נישט געווען רייף. גלייכצייטיק האָט ער אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז די מאַסן זאָלן מאַכן אַן אויס־פיר פון די געשעענישן פון אָט די טעג, — געשעענישן, וואָס האָבן דעמאַסקירט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ציישטווייליקער רעגירונג.

אויף צו באַהעפטן די פּאַרטיי האָט מען געמוזט צונויפרופן אַ קאָנפערענץ. לענין האָט זיך זאָרגפעליק צו איר געגרייט. דעם 24 אַפּריל (7 מאַי) האָט זיך אין פּעטראָגראַד געעפנט די VII קאָנ־פערענץ („אַפּריל־קאָנפערענץ") פון די באָלשעוויקעס. די קאָנפע־

רענץ האָט אויסגעוויילט לענינען פאַרן פּאַרזיצער אירן. ער האָט געהאַלטן די דריי וויכטיקסטע פּאַרטראַגן, איז אַרויסגעטרעטן אי־בער אַלע פראַגן.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען האָט לענין געגעבן אַן ענטפער אויף אַלע גרונט־פראַגן פון דער רעוואָלוציע און האָט אָנגעמערקט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער קורס אויף א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע מיינט א נייע פּאַנאַנדערשטעלונג פון די קלאַסן־קרעפטן, אַז צו דער נייער רעוואָלוציע וועט דער פּראָלעטאַריאַט גייען אין ענגן בונד מיט דער דאָרפישער אָרעמ־שאַפט, נייטראַליזירנדיק דאָס מיטלפויערטום און אָנטשידן קעמפנ־דיק קעגן דער בורזשואַזיע, דערונטער אויך קעגן דעם בעלי־גופנ־טום. אַלס נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי האָט לענין אַרויס־געשטעלט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן!”.

לענין האָט דעמאַסקירט די אַנטיפּאַרטייאישע פּאָזיציע פון קאַמעניעוון, ריקאָוון, פּיאַטאַקאָוון, בוכאַרינען און דער קליינינ־קער גרופּע אָנהענגער זייערע; נאָכזאָגנדיק די מענשעוויקעס, האָבן זיי געהאַלטן אין איין טענהן, אַז רוסלאַנד איז נאָך נישט רייף פאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די קאָנפערענץ האָט איינמוטיק אָנגענומען לענינס ליניע, אָנצילנדיק די פּאַרטיי צום קאַמף פאַר דעם, אַז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע זאָל איבער־וואַקסן אין א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אויפן גרונט פון די באַשלוסן פון דער אַפּריל־קאָנפערענץ האָט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס פּאַנאַדערגעוויקלט א קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף פּאָליטיש דערציען און אָרגאַניזירן די מאַסן. אין צענטער פון דער דאָזיקער אַרבעט איז געשטאַנען לענין מיט זיינע טרייע מיט־קעמפער — סטאַלין, סווערדלאָוו, מאָלאָטאָוו, אָרדזשאָניקידזע, דזשערזשינסקי און אַנדערע.

לענינס ענערגיע איז געווען באמת אומדערשעפּלעך. כמעט יע־דן טאָג פלעגן זיך אין דער „פּראַוודאַ” באַווייזן זיינע אַרטיקלען, אָפט עטלעכע אין איין נומער. אפילו אין די טעג, ווען לענינען איז אויס־געקומען צו פירן א קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף אָנצופירן מיט דער אַפּריל־קאָנפערענץ — אפילו דעמלט פלעגט די „פּראַוודאַ” אַרויס־גיין מיט זיינע אַרטיקלען. זינט ער איז געקומען קיין רוסלאַנד און ביז די יולי־טעג האָט לענין געהאַט אָנגעשריבן מער ווי 150 אַרטיק־לען און בראָשורן.

לענין פלעגט אָפט ארויסטרעטן פאַר די מאַסן, אויף ארבעטער- און סאָלדאַטן-מיטינגען. עס האָבן אים געזען ביי זיך די פוטילאָווצעס און די אָבוכאָווצעס, די סעמיאַניקאָווצעס און די ארבעטער פונעם זאַוואָד „טרעוגאָלניק", די ארבעטער פון אָכטער פולווער-זאַוואָד און רערן-זאַוואָד, פונעם אלעקסאַנדראָווער מעכאַנישן זאַוואָד און פונעם זאַוואָד „אייוואַז", אי ארבעטער פון דער פאַבריק „סקאָראָכאָד" און פונעם זאַוואָד פאַר וואַגאָן-בוי, פון די הויפּט-וואַגאָן-וואַרשטאַטן פון דער ניקאָלייעווער אייזנבאַן (איצט אָקטאָבער-אייזנבאַן) און פון אנדערע פעטראָגראַדער אינדוסטריעלע גיגאַנטן. ער איז ארויסגעטרעטן אויפן I אלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די פויערים-דעפּוטאַטן, אויף דער פעטראָגראַדער קאָנפערענץ פון די פאַבריק-זאַוואָדישע קאָמיטעטן, אויפן I אלרוסלענדישן סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר.

אומגעהייער גרויס איז געווען די ווירקונג פון לענינס רעדנער-קראַפט אויף די מאַסן. די קראַפט פון זיינע רעדעס האָט געשטעקט אין דער אייזערנער לאָגיק, אינעם אַבסאָלוטן גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון זיין זאַך, אין דער פשוטקייט, קלאָרקייט, אמתדיקייט. ווי גאָרקי האָט געזאָגט וועגן לענינען, „זיינע רייד פלעגן שטענדיק ארויסרופן דעם פיזישן געפיל פון אומבאַשטרייטבאַרן עמעס".[1]

איינער אַן ארבעטער דערמאָנט זיך וועגן לענינס ארויסטרעטונג אין פוטילאָווער (איצט קיראָווער) זאַוואָד:

„עפּעס ווי אומגעריכט, פונעם עולם ארויס, פון דער פערציקטויזנטיקער מאַסע האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף דער טריבונע... איך ווייס נישט, צי וועלן זיך געפינען אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען איבערגעבן יענעם גרויסן מיטרייס, יענע באַזונדערע קראַפט, מיט וועלכער ער האָט באַהערשט אלע, וואָס האָבן אים געהערט... דאָס וואָס עס האָט גערעדט איליטש, האָט מיטגעריסן און אָנגעצונדן, עס ווערט אויס שרעק, עס גייט אוועק די מידקייט. און עס האָט זיך געדוכט, אז עס רעדט נישט איין איליטש, נאָר עס רעדן אלע פערציק טויזנט ארבעטער, זיצנדיק, שטייענדיק, הענגענדיק אין דער לופט, זאָגן זיי ארויס פאַרבאָרגענע געדאַנקען. עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס אלץ, וואָס ס'איז געווען אינעם ארבעטער, האָט

[1] מ. גאָרקי. וו. אי. לענין, 1932, ז. 29.

אַנגעהויבן רעדן מיט דער אייגענער שטים אילייטשס. דאָס אַלץ, וואָס יעדער איינער האָט געטראַכט, איבערגעלעבט פאַר זיך, נאָר האָט נישט געפונען די געלעגנהייט און די ווערטער פול און קלאָר איבערגעבן דאָס דעם חבר, — דאָס אַלץ האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ פאָרם און האָט אָנגעהויבן רעדן.

עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט די גאַנצע מאַסע האָט געוואָלט עפּעס אַ געשריי טאָן מיטן גאַנצן כוח"[1].

דאָס פּשוטע און אמתדיקע לענינישע וואָרט פלעגט אַריינדרינגען טיף אינעם באַוווּסטזיין פון די פאָלקס-מאַסן.

אין לענינס אַרטיקלען, פאָרטראַגן, רעדעס פלעגט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס באַקומען קלאָרע און דייטלעכע דירעקטיוון פאַר איר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-מאַסן האָבן געפונען אין זיי אַ קלאָרע און פאַרשטענדלעכע דערקלערונג פון דער באָלשעוויסטישער ליניע, אַ דעמאַסקירונג פון דער אַנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג און פון דעם מענשעוויסטיש-עסערישן בלאָק.

די מענשעוויקעס און עסערן זיינען שטאָל-און-אייזן געשטאַנען פאַר דער בורזשואַזער מאַכט. אויפן I אַלרוסלענדישן סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר (יוני 1917 יאָר) האָט דער פירער פון די מענשעוויקעס צערעטעלי דערקלערט, אַז אָן דער בורזשואַזער מאַכט און אָן אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע וועט די רעוואָלוציע אומקומען. ער האָט עקשנותדיק געטענהט, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ אַזאַ פּאַרטיי, וואָס זאָל מסכים זיין צו נעמען די מאַכט איינגאַנצן. דעמלט האָט לענין פון אָרט אַ געשריי געטאָן: „פאַראַן אַזאַ פּאַרטיי!" די דאָזיקע ווערטער האָבן אַ הילך געטאָן, ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. די פּאַרטיי באָלשעוויקעס, האָט לענין דערקלערט, איז יעדע מינוט „גרייט צו נעמען די מאַכט איינגאַנצן... ווייזט אונדז אַרויס צוטרוי, און מיר וועלן אייך געבן אונדזער פּראָגראַם"[2].

לענין האָט דערקלערט פאַרן צוזאַמענפאָר די פּלאַטפאָרם פון די באָלשעוויקעס אין די גרונט-פראַגן פון דער רעוואָלוציע.

דער איינפלוס פון די באָלשעוויקעס אויף די מאַסן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן גרייטן אַ דע-

---

[1] „דערציילונגען פון ארבעטער וועגן לענינען", 1934, ז. 37.
[2] לענין. ווערק, ב. XX, ז. 482.

מאַנסטראַציע פון זייערע כוחות, צופּאַסנדיק זי צו דער צייט פונעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן. די דעמאָנסטראַציע איז געווען באַשטימט אויפן 10 (23) יוני. אַלץ איז געווען גרייט. אָבער דעם 9 (22) יוני האָט דער סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די מענשעוויקעס און עסערן, פאַרווערט די דעמאָנסטראַציע. גיין קעגן דעם דאַזיקן באַשלוס האָט באַדייט אַוועקשטעלן די אייגענע קאַדרען אין געפאַר פון צעגראָמירט ווערן. אין דער נאַכט אויפן 10 יוני נעמט דער צ. ק. פון די באָלשעוויקעס אָן אַ באַשלוס וועגן אָפּשאַפן די דעמאָנסטראַציע. דער דאָזיקער באַשלוס ווערט תיכף און אָרגאַניזירטערהייט דורכגעפירט אין לעבן; אַזוי גרויס איז געווען די בייגעוודיקייט און אָרגאַניזירטקייט פון דער פּאַרטיי, וואָס לענין האָט דערצויגן.

די מענשעוויסטיש־עסערישע אָנפירונג פונעם סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר און דער אויספירקאָם פונעם פעטראָגראַדער סאָוויעט זיינען אונטערן דרוק פון די מאַסן געווען געצוווּנגען אַליין צו באַשטימען אַ דעמאָנסטראַציע אויפן 18 יוני (1 יולי). אין דעם טאָג איז אַ האַלבמיליאָניקע מאַסע פעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן אַרויס אויף די גאַסן, אָבער נישט אונטער די מענשעוויסטיש־עסערישע, נאָר אונטער די באָלשעוויסטישע פענער.

פון אַלע עקן לאַנד, פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, פון די שאַכטעס און אַרצגרובן, פון די דערפער און שוצגראָבנס זיינען צו לענינען געגאַנגען ווערטער פון סימפּאַטיע, שטיצע און הייסע ליבע. צו אים פלעגט מען זיך ווענדן מיט די פראַגעס: „ווי אַזוי־זשע ענדיקט מען די מלחמה", מע פלעגט אים בעטן מיטטיילן זיין „מיינונג וועגן דער אַגראַר־פראַגע און וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט", צושיקן „דעם פּראָגראַם מיט דערקלערונגען" אאַוו. אַ גרופּע סאָלדאַטן האָט געשריבן צו לענינען: „די גאַנצע צייט האַלט מען אין איין טענהן צו אונדז, אַז איר זייט אַ שונא פון פאָלק און פון רוסלאַנד אאַוו. אָבער די סאָלדאַטן גלייבן נישט אין דעם אַלעם און סימפּאַטיזירן מיט אייך". און אָט איז אַ צווייטער בריוו פון פראָנטאָוויקעס: „חבר, פריינד, לענין. געדענקט, אַז מיר סאָלדאַטן (פון דעם און דעם פאָלק) זיינען אַלע, ווי איינער, גרייט צו גיין נאָך דיר אומעטום און אַז דיינע דריקט ווירקלעך אויס דעם ווילן פון די פּויערים און אַרבעטער".[1]

[1] ד. אי. און מ. אי. אוליאַנאָווס. וועגן לענינען, 1934, ז. 81, 82.

לענין האָט עקשנותדיק און אומדערמידלעך געשמידט די פּאָליטישע אַרמיי פון דער רעוואָלוציע, זאָרגפעליק גרייטנדיק זי צו די פאַרשטייענדיקע שלאַכטן, געניט אויסמיידנדיק אַ פריצייטיקן צוזאַמענשטויס. ווען די אַרבעטער און סאָלדאַטן זיינען אין פעטראָגראַד דעם 3־4 (16־17) יולי אַרויסגעטרעטן מיט דער פאָדערונג, די גאַנצע מאַכט זאָל אַריבערגיין צו די סאָוויעטן, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צוצוגעבן דער באַוועגונג אַ פרידלעכן און אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. דאָס האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן. מייסטערהאַפט מאַנעוורירנדיק, האָבן לענין און סטאַלין נישט דערלאָזן צו קיין פריצייטיקער שלאַכט אין אומגינסטיקע באַדינגונגען, זיי האָבן נישט געלאָזט די בורזשואַזיע דערטרונקען אין בלוט די באַוועגונג פון די אַרבעטער און פויערים.

אויסגענוצט די יולי־געשעענישן, איז די קאָנטררעוואָלוציע אַריבער אין אָנגריף. די פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט מען אָנגעהויבן גראָמירן, אירע אַקטיווע טוער — אַרעסטירן. אויפן נעווסקי־פּראָספּעקט האָבן די יונקערס דערהרגעט דעם אַרבעטער, דעם באָלשעוויק וואָינאָוו, וואָס האָט פאַרשפּרייט דעם "ליסטאָק פּראַוודאַ". אין דער נאַכט אויפן 5 (18) יולי, האָבן די יונקערס צעגראָמירט די רעדאַקציע פון דער „פּראַוודאַ". בלויז צופעליק איז לענין געבליבן גאַנץ: ער האָט פאַרלאָזן די רעדאַקציע מיט אַ האַלבער שעה פריער פאַרן באַנדיטישן אָנפאַל.

קעגן דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס און אירע אָנפירער האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדע העצע. קעגן לענינען האָט מען אַרויסגעשטעלט אַ רכילותדיקע באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד, צוגויפגעשטוקעוועט אויפן גרונט פון „באַווייזן" פון פּראָוואָקאַטאָרן. אין דעם דאָזיקן געברום פון די שונאים פון דער רעוואָלוציע, האָט אָבער לענין געזען בלויז אַ באַווייז פון דעם, אַז ער איז גערעכט. ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן נעקראַסאָווס ווערטער:

אונדז טוט דערפרייען און באַלוינען
נישט זיסער רויש פון לויב־געזאַנג,
נאָר ווילדער האַס־געשריי פון שונא!

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן אַרעסטירן לענינען. פאַר לענינס קאָפּ האָט מען צוגעזאָגט אַ גרויסע סומע געלט. נאָך אין יוני האָט די בורזשואַזיע „ליגע פון קאַמף קעגן באָלשעוויזם" אַרויסגעטראָגן אַ באַשטימונג: דערהרגענען לענינען.

און איצט האָבן יונקערס, אָפיצירן, שפּיקעס און פּראָוואָקאַטאָרן אַ־מעטום געגישטערט, זוכנדיק לענינען.

די פּאַרטיי אָבער, וואָס איז אַליין אַריבער אין אונטערערד, האָט באַהאַלטן אויך איר פירער לענין אין טיפן אונטערערד.

אין איינהייטן לענינס לעבן איז באַזונדערס גרויס דער פאַר־דינסט פון סטאַלינען און סווערדלאָוון. ווען די יונקערס האָבן זיך דעם 7 (20) יולי אַריינגעריסן אין דער דירה, ווו עס האָט געוווינט לענין, איז ער שוין דאָרט נישט געווען. דעם 5 (18) יולי, האָט אים סווערד־לאָוו געוואָרנט וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. דעם זעלבן פרי־מאָרגן איז לענין פאַרשווינדן. אין משך פון צוויי טעג פלעגט ער כסדר אַריבערגיין פון איין דירה אין אַ צווייטער. דעם 6 (19) יולי האָט ער זיך באַטייליקט אין דער זיצונג פונעם פעטראָגראַדער פּאַר־טיי־קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם וועכטער־ביידל פון זאַוואָד רענאָ.

דעם 7 (20) יולי איז שוין לענין געווען אין אַ מער זיכער אָרט—אין דער דירה פונעם אַלטן באָלשעוויק, דעם אַרבעטער אַלילויעוו. לענינען האָט מען באַזעצט אין דעם זעלבן צימער, ווו עס האָט שפּע־טער, פון אויגוסט ביז אָקטאָבער 1917 יאָר, געוווינט סטאַלין.

אָבער דאָ איז שוין נישט געווען קיין זיכער אָרט. אין דער נאַכט פון 11 (24) אויפן 12 (25) יולי, האָט חבר סטאַלין אַריבערגעשיקט לענינען אויף דער סטאַציע ראַזליוו צו אַ צווייטן אַרבעטער. פאַרן אַריבערפאָרן, האָט לענין אינגאַנצן זיך אָפּגעגאָלט די באָרד, און־טערגעשוירן די וואָנצעס און די האָר, אַזוי, אַז מע האָט אים נישט געקאָנט דערקענען. אויף דער סטאַציע ראַזליוו, האָט זיך לענין צו־ערשט אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם פון אַ שטאַל. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך באַזעצט אין אַ ביידל הינטער דער אָזיערע ראַז־ליוו. סוף אויגוסט, ווען ס'איז געוואָרן קאַלט, האָב חבר סטאַלין אָר־גאַניזירט, אַז לענין זאָל אַריבערפאָרן קיין פינלאַנד. אין אַ פאַבריק, מיט אַ דאָקומענט אויפן נאָמען פון אַן אַרבעטער, איז לענין, פאַר־שטעלט פאַר אַ הייצער, אַריבערגעפאָרן אויף אַ לאָקאָמאָטיוו די פינ־לענדישע גרענעץ און האָט זיך באַזעצט צוערשט אינעם דערפל יאַל־קאַלאַ און דערנאָך אין העלסינגפאָרס. באַוואַכן זיין לעבן איז אָנגע־טרויט געוואָרן די פינישע באָלשעוויקעס.

נאָך די יולי־געשעענישן איז די רעוואָלוציע אַריבער אין אַ ניי־ער פאַזע. דער פרידלעכער פעריאָד פון דער רעוואָלוציע האָט זיך גע־

ענדיקט. די גאַנצע מאַכט איז אַריבער צו דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער ציטווייליקער רעגירונג אין די הענט. די סאָוויעטן זיינען געוואָרן אַ צוגאָב צו דער דאָזיקער רעגירונג. די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס ביי זיי אין די הענט האָבן זיך געפונען די סאָוויעטן, האָבן זיך ענדגילטיק פאַרוואַנדלט אין אָפענע מיטהעלפער פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

דער גרויסער מייסטער פון רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק — לענין — האָט פאַרגעלייגט ציטווייליק אַראָפּנעמען דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן!" נאָכן 4-3 יולי, האָט ער געזאָגט, וואָלט דער דאָזיקער לאָזונג אָביעקטיוו באַדייט — אָפּנאַרן דאָס פאָלק, איינבילדן אים אילוזיעס, אַז די מענשעוויסטיש-עסערישע סאָוויעטן קאָנען כלומרשט נאָך איצט אויך נעמען די מאַכט. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז נאָך דער דערפאַרונג פון יולי 1917 יאָר, „דאַרף" דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט „זעלבשטענדיק נעמען אין זיינע הענט די מלוכה-מאַכט — אָן דעם קאָן נישט זיין קיין זיג פון דער רעוואָלוציע"[1].

פאַרלייגנדיק ציטווייליק אַראָפּנעמען דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטן!", האָט לענין געוואָרנט, אַז דאָס באַדייט כלל נישט אָפּזאָגן זיך פון קאַמף פאַר דער מאַכט פון די סאָוויעטן.

„סאָוויעטן — האָט געשריבן לענין, — קאָנען און וועלן מוזן אויפקומען אין אָט דער נייער רעוואָלוציע, אָבער נישט די איצטיקע סאָוויעטן, נישט די אָרגאַנען פון פּשרה-מאַכעריי מיט דער בורזשואַזיע, נאָר אָרגאַנען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן איר. אַז מיר וועלן אויך דעמלט זיין פאַר אויפבויען די גאַנצע מלוכה לויטן טיפּ פון סאָוויעטן, איז אָן שום ספק, דאָ איז נישט קיין פראַגע פון סאָוויעטן בכלל, נאָר אַ פראַגע וועגן קאַמף קעגן דער איצטיקער קאָנטררעוואָלוציע און קעגן דעם פאַראַט פון די איצטיקע סאָוויעטן"[2].

כדי אויסצואַרבעטן אַ נייע טאַקטיק און נייע לאָזונגען, איז אין פּעטראָגראַד זיך צונויפגעקומען דער VI צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, ער האָט זיך געעפנט דעם 26 יולי (8 אויגוסט). לענינען, וואָס האָט זיך געפונען אין אונטערערד, האָט דער צוזאַמענ-

---

1 לענין. ווערק, ב. XXI ז. 38.

2 דאָרטן.

פאַר אויסגעוויילט פאַר זיין ערן־פּאַרזיצער. לעניז האָט פון אונטער־ערד אָנגעפירט מיטן צוזאַמענפאָר דורך זיינע מיטקעמפער — סטאַלין, סווערדלאָוו, מאָלאָטאָוו, אָרדזשאָניקידזע. ער האָט אָנגעמערקט די טעזיסן איבער די גרונט־פראַגן פונעם צוזאַמענפאָר. דירעקט אָנגעפירט מיטן צוזאַמענפאָר האָט דער חבר סטאַלין. חבר סטאַלין האָט אין זיינע פאַרטראַגן קלאָר, אויף אַ לענינישן אופן פאָרמולירט די אויפגאַבן און די טאַקטיק פונעם קאַמף, וואָס די פּאַרטיי דאַרף פירן אויפן נייעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט אַראָפּגענומען דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן!" און האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג — צוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, דעם לאָזונג — דער פּראָלעטאַריאַט אין בונד מיטן אָרעמסטן פויערטום דאַרף נעמען די מאַכט מיט געוואַלד.

דער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן אַן אַנטשידענעם ווידערשטאַנד די טראָצקיסטישע אַרויסטרעטונגען פון די אָפּאָרטוניסטן. זיי זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן דעם קורס פון דער פּאַרטיי אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און קעגן דער לענינישער לערע וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעפילט די אָנווייזונגען פון זיין פירער, — ער האָט אָנגעצילט די פּאַרטיי אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אויף אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אויפן סמך פון באַווייזן פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, איז נישט לאַנג פאַרן VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר מצד דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער צייטווייליקער רעגירונג פאַבריצירט געוואָרן קעגן וולאַדימיר איליטשן אַן אומגעלומפּערטע פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונג אין „מלוכה־פאַראַט". די רעגירונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרעסטירן לענינען און איבערגעבן אים צום געריכט. דער דאָזיקער שריט פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון צאָרן און פּראָטעסט מצד די ברייטע מאַסן און רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן.

קאַמיעניעוו, טראָצקי, ריקאָוו און אַנדערע האָבן נאָך פאַרן צוזאַמענפאָר געהאַלטן, אַז לענין דאַרף זיך שטעלן צום געריכט, הגם עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס דאָזיקע „געריכט" וועט ברענגען דערצו, אַז מע וועט זיך פיזיש אָפּרעכענען מיטן פירער פון דער רע־

וואָלוציע. חבר סטאַלין האָט קאַטעגאָריש דערוווידערט קעגן דעם, אַז לענין זאָל זיך שטעלן צום געריכט.

דער VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט ספּעציעל באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז לענין זאָל זיך שטעלן צום געריכט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס וועט זיין נישט קיין געריכט, נאָר אַ מאָרד. דער צוזאַמענפאָר האָט דער־קלערט אַ פּראָטעסט קעגן דער בורזשואַז־פּאָליצייאישער העצע, וואָס האָט זיך געפירט קעגן די פירער פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט, און האָט געשיקט אַ באַגריסונג לענינען.

אין אונטערערד האָט לענין אויף קיין איין מינוט נישט איבער־געריסן זיין קאַמפּס־טעטיקייט. ער האָט אונטערגעהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיטן צק פון דער פּאַרטיי. ער האָט געשריבן אַ סך אַר־טיקלען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. אין משך פון דער צייט, וואָס ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין אונטערערד — פון יולי ביז אָקטאָבער — האָט לע־נין אָנגעשריבן מער ווי 60 אַרטיקלען, בראָשורן און בריוו. דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט געהערט די שטים פון זיין פירער, האָט געפילט זיין אָנפירונג.

לענין איז געווען אייזנפעסט איבערצייגט אינעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אין דעם, אַז די מאַכט וועט אינגיכן אַריבערגיין צום פּראָלעטאַריאַט אין די הענט. אָרדזשאָניקידזע, וואָס האָט באַזוכט לענינען, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אינעם ביידל, דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק עס האָבן אויף אים געמאַכט לענינס ווערטער, אַז נישט שפּעטער פון סעפּטעמ־בער—אָקטאָבער וועט זיין אַן אויפשטאַנד. „נאָך מער האָט מיך אי־בערראַשט דאָס, — דערציילט סערגאָ, — וואָס, ווען איך האָב אי־בערגעגעבן די ווערטער פון איינעם אַ חבר... אַז נישט שפּעטער פון אויגוסט־סעפּטעמבער וועט די מאַכט איבערגיין צו די באָלשעווי־קעס און אַז דער פאָרזיצער פון דער רעגירונג וועט זיין לענין, האָט לענין מיט אַבסאָלוטער ערנסטקייט געענטפערט: „יאָ, אַזוי וועט עס זיין".[1]

אין אונטערערד, געפינענדיק זיך אין שטענדיקער געפאַר, אַז עס וועלן אים פּאַקן די שפּיר־הינט פון דער צייטווייליקער רעגירונג,

---

[1] ג. ק. אָרדזשאָניקידזע. אויסגעוויילטע אַרטיקלען און רעדעס, 1939, ז. 214.

האָט לענין טיף דורכגעטראַכט און אַלזייטיק פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגן מלוכה, וועגן די יסודות פון דער פּאָליטיק פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די ערשטע פּראַקטישע מאָסמיטלען. דער רעזולטאַט פון לענינס גיגאַנטישער טעאָרעטישער אַרבעט זיינען געווען זיינע ווערק: „מלוכה און רעוואָלוציע", „די דראָענדיקע קאַטאַסטראָפע און וויאַזוי מע דאַרף קעמפן קעגן איר", „צי וועלן די באָלשעוויקעס איינהאַלטן די מלוכה־מאַכט?".

אינעם גענייאַלן בוך „מלוכה און רעוואָלוציע", האָט לענין פריער פון אַלץ אויפגעשטעלט די אמתע לערע פון מאַרקס און ענגעלס וועגן מלוכה. לענין האָט זיך אָבער דערמיט נישט באַגרענעצט. שטיצנדיק זיך אויף דער דערפאַרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס פון די יאָר 1905 און 1917, האָט ער אין אָט דער אַרבעט און אין אַנדערע אַרבעטן ווייטער אַנטוויקלט דעם מאַרקסיזם אין די פראַגן פון מלוכה און דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט זיין קיין דעמאָקראַטיע פאַר אַלעמען, אי פאַר די רייכע, אי פאַר די אָרעמע. די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין אַ „מלוכה אויף אַ *נייעם אופן* אַ דעמאָקראַטישע (פאַר די פּראָלעטאַריער און פאַר די אומפאַרמעגלעכע בכלל) און אויף אַ *נייעם אופן* אַ דיקטאַטאָרישע (קעגן דער בורזשואַזיע)".[1] ווייטער האָט לענין באַוויזן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט אַנטשטיין אַלס רעזולטאַט פון פרידלעכער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — זי קאָן אַנטשטיין נאָר אַלס רעזולטאַט פון *צעברעכן* די בורזשואַזע מלוכה־מאַשין. ער האָט פאָרמולירט די אויפגאַבן פונעם אַרבעטער־קלאַס אויפן געביט פון שאַפן זיין מלוכה־אַפּאַראַט, האָט פעסטגעשטעלט די עקאָנאָמישע יסודות פונעם אָפּשטאַרבן פון דער מלוכה, האָט אויפגעדעקט די גרונט־שטריכן פון די צוויי פאַזעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

לענין האָט געהאַלטן, אַז זיין אַרבעט וועגן מלוכה האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, האָט ער אָנגענומען מיטלען אויף איינצוהיטן פאַר דער פּאַרטיי די דאָזיקע אַרבעט. ער האָט געשריבן צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג, אַז אויב די אַגענטן פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועלן אים דערהרגענען, דאַרף מען אָננעמען אַלע מיטלען צו פאַר־

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 393.

עפנטלעכן דעם העפט „מאַרקסיזם וועגן מלוכה", וואָס איז געווען אי־בערגעלאָזן אין שטאָקהאָלם. ווען לענין איז אומלעגאַל אַריבערגע־פאָרן קיין פינלאַנד, האָט ער דעם מאַנוסקריפּט פונעם בוך „מלוכה און רעוואָלוציע" איבערגעגעבן דעם חבר, וואָס האָט אים באַגלייט, און אין פאַל, אויב לענין וועט אַרעסטירט ווערן, איז אָט דער חבר מחויב געווען איבערצוגעבן דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט סטאַלינען.

לענין האָט זיך געגרייט אָנצושרייבן דעם צווייטן טייל פון זיין בוך, ווו ער האָט בדעה געהאַט אונטערצוציען די הויפּט־סך־הכלען פון דער דערפאַרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס אין די יאָרן 1905 און 1917, פאַראַלגעמיינערן די דערפאַרונג פון דער סאָוויעטנמאַכט. דער פּלאַן פון אָט דער אַרבעט איז שוין געווען צונויפגעשטעלט. „אָבער חוץ דעם קעפּל, — האָט לענין געשריבן אינעם נאָכוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע פונעם בוך, — האָב איך נישט באַוויזן אָנצושרייבן קיין שורה פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל: „געשטערט" האָט דער פּאָליטישער קריזיס, דער ערב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 יאָר. מיט אַזאַ „שטערונג" קאָן מען זיך נאָר פרייען. אָבער דער צווייטער העפט פון דער בראָשור (געווידמעט דער „דערפאַרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס פון די יאָרן 1905 און 1917") וועט, ווייזט אויס, אויסקומען אָפּצולייגן אויף לאַנג; ס'איז אָנגענעמער און נוצלעכער דורכצומאַכן „די דערפאַרונג פון אַ רעוואָלוציע", איידער צו שרייבן וועגן איר".[1] דער טויט האָט לענינען נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די אָנגעמערקטע אַרבעט.

לענין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט די עקאָנאָמישע פּלאַטפאָרם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אויפן ערשטן פּעריאָד פון איר עקזיסטענץ. ער האָט זי פאָרמולירט אין דער בראָשור: „די דראָ־ענדיקע קאַטאַסטראָפע און וויאַזוי מע דאַרף קעמפן קעגן איר". די זעלבסטהערשונג און די בורזשואַזיע, האָט לענין געשריבן, האָבן געבראַכט דאָס לאַנד צום ראַנד פון אָפּגרונט. דאָס ראַטעווען ס'לאַנד פונעם אומקום, די פאַרפעסטיקונג פון זיין שוצפעיקייט, די בויונג פון סאָציאַליזם — דאָס אַלץ איז ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן צווישן זיך. ראַטעווען דאָס לאַנד קאָן מע נאָר מיט רעוואָלוציאָנערע מיט־לען, און אַזוינע זיינען: איינפירן אַן אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און איבער דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן, נאַציאָ־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 455.

נאַליזירן די בענק און פאַראייניקן זיי אין איין מלוכה-באַנק, נאַציאָ־נאַליזירן די סינדיקאַטן און אויף אַ צוואַנגס-אופן סינדיצירן די אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען, אָפּשאַפן די קאָמערציעלע סודות, פאַראייניקן די באַפעלקערונג אין געברויך-געזעלשאַפטן. דאָס זיינען די ערשטע טריט אויפן וועג צו סאָציאַליסטישער בווונג. מע קאָן נישט גיין פאָרויס, אויב מע האָט מורא צו גיין צום סאָציאַליזם.

די דאָזיקע מאַסמיטלען, האָט געזאָגט לענין, וועלן ווירטשאַפט־לעך באַנייען, ראַדיקאַל ענדערן רוסלאַנד, וועלן שאַפן די מאַטעריע־לע באַזע פאַרן מאַסן-הערויזם פונעם פאָלק, אָן דעם גרעסטן הע־ראָיזם פונעם פאָלק, וואָס פאַרווירקלעכט דרייסט און אַנטשיידן די גרויסע און עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונגען, קאָן מען נישט מאַכן דאָס לאַנד שוצפעיק. מע קאָן אָבער נישט אַרויסרופן קיין העראָיזם אין די מאַסן, אויב מע רייסט נישט איין מיטן אימפּעריאַליזם, מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. בלויז אַזאַ אַנטשידענער איינ־רייס איז אימשטאַנד צו ראַטעווען די רעוואָלוציע און דאָס לאַנד, וואָס איז פאַרקלעמט אין די אייזערנע צוואַנגען פונעם אימפּעריאַ־ליזם. אויף אַזוינע רעוואָלוציאָנערע מאַסמיטלען איז פעיק בלויז דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט ביי דער מאַכט. און לענין וואַרפט דרייסט דעם לאָזונג:

„די רעוואָלוציע האָט אָפּגעטאָן דאָס, אַז אין משך פון עטלעכע חדשים האָט רוסלאַנד לויט זיין פּאָליטישער אָרדענונג דעריאָגט די פאָרגעשריטענע לענדער.

דאָס איז אָבער ווייניק. די מלחמה איז אומדערבאַרעמדיק, זי שטעלט די פראַגע מיט אומברחמנותדיקער שאַרפקייט: אָדער אומ־קומען, אָדער דעריאָגן די פאָרגעשריטענע לענדער און איבעריאָגן זיי אויך עקאָנאָמיש...

אומקומען, אָדער מיטן גאַנצן אימפּעט זיך לאָזן פאָרויס. אַזוי איז די פראַגע געשטעלט דורך דער געשיכטע".[1]

דאָס איז געווען אַ פּראָגראַם וויאַזוי צו ראַטעווען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע פון אומקום, אַזאַ פּראָגראַם פון איינשטעלן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און בויען דעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 19.

אינעם אַרטיקל „צי וועלן די באָלשעוויקעס איינהאַלטן די מלוכה־מאַכט?״, האָט לענין פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ פּלאַן פון די ערשטע מאַסמיטלען פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אויפן געביט פון בויען און פאַרפעסטיקן די סאָוויעטישע מלוכה. ער האָט געמאַכט טיל־טעל פון אַלע שונאים פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן געוואָלט אָנשרעקן דאָס פאָלק דערמיט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך נישט איינהאַלטן ביי דער מאַכט אַפילו קיין צוויי וואָכן. לענין האָט אויסגעדריקט זיין אַבסאָלוטע זיכערקייט אין דעם, אַז „עס וועט זיך נישט געפינען יענע קראַפט אויף דער ערד, וואָס וואָלט געקאָנט שטערן די באָלשעוויקעס איינצוהאַלטן די מאַכט ביזן זיג פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, *אַז ביז זיי וועלן זיך נישט לאָזן אָנשרעקן* און וועלן קאָנען נעמען די מאַכט״.[1]

לענין האָט וואַכזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, ער האָט געוואָרנט די מאַסן, אַז עס גרייט זיך אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג. ער האָט גערופן די אַרבעטער און פּויערים צו אויסגעהאַלטנקייט, וואַכזאַמקייט און מאָביליזיר־גרייטקייט. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די מאַכט איז אַריבער צו אַ מיליטערישער באַנדע, אַז די בורזשואַזיע זוכט אינטענסיוו אַ מיליטערישן דיקטאַטאָר „צו ראַטעווען רוסלאַנד״, דה. צו ראַטעווען איר מאַכט, איר אייגנטום און אירע פּריווילעגיעס.

לויט דער אָנווייזונג פון די רוסלענדישע און אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, האָט דער גענעראַל קאָרנילאָוו אויפגעהויבן דעם 25 אויגוסט אַ בונט, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע און אויפשטעלן אין לאַנד דעם צאַריזם. דער צ.ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיט וועלכן עס האָט אין דעם פּעריאָד אוממיטלבאַר אָנגעפירט חבר סטאַלין, האָט זיך געווענדט צו די אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן מיט אַ רוף צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. קאָרנילאָוו איז צעקלאַפּט געוואָרן.

די אַרבעטנדיקע האָבן זיך נאָך מער איבערצייגט, אַז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פונעם פאָלק. די פאָלקס־מאַסן האָבן שאַרף אַ קער געטאָן צו די באָלשעוויקעס. דאָס מיטל־פּויערטום, וואָס אי-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 279.

נעם פעריאָד פון אַפּריל ביז אויגוסט האָט עס זיך נאָך געוואַקלט, האָט בענומען אַנשליסן זיך צו דער דאָרפישער אָרעמקייט. די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אָנגעוווירן זייער איינפלוס אויף די מאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די באָלשעוויזירונג פון די סאָוויעטן. אַזוינע אַנטשידנדיקע סאָוויעטן, ווי דער פּעטראָגראַדער און מאָסקווער, זיינען אָנהייב סעפּטעמבער שוין געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. מיט דער צעגראָמירונג פון דער קאָרנילאָווטשינע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע — דער פּעריאָד פון אָרגאַניזירן דעם שטורעם.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט פונקט אַזוי, ווי עס האָט פאָרויסגעזען לענין.

לענין האָט קלאָר געזען דעם גאַנצן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, די באַוועגונג פון די קלאַסן, די כוונות פון די שונאים, וואָס האָבן געגרייט אַ צווייטע קאָרנילאָווישע פאַרשווערונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די רעוואָלוציע איז אין איר אַנטוויקלונג צוגעקומען האַרט צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

צווישן דעם 12-14 (25-26) סעפּטעמבער שרייבט לענין די היסטאָרישע בריוו צום צענטראַל-קאָמיטעט, צום פּעטראָגראַדער און צום מאָסקווער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס: „די באָלשעוויקעס דאַרפן נעמען די מאַכט" און „מאַרקסיזם און אויפשטאַנד". אין זיי לייגט ער פאָר דעם צ.ק. „שטעלן אין טאָג-סדר דעם ב אַ וואָפנטן אויפשטאַנד". ער ווייזט אָן, אַז די מאַסן האָבן זיך אויף זייער אייגענער דערפאַרונג איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון די באָלשעוויסטישע לאָזונגען. איצט, זאָגט ער, „איז אויף אונדזער זייט די מערהייט פונעם פאָלק". איצט איז גאַראַנטירט אַ „זיכערער נצחון". ער ווייזט אָן, אַז „האָבנדיק באַקומען די מערהייט אין די סאָוויעטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן אין די ביידע הויפּט-שטעט, קאָנען און דאַרפן די באָלשעוויקעס נעמען די מלוכה-מאַכט אין זייערע הענט".[1]

לענין לערנט באַציען זיך צום אויפשטאַנד, ווי צו אַ קונסט, גוט צוגרייטן אים אָרגאַניזאַציאָנעל און טעכניש, קאָנען אויסנוצן די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, צונויפזאַמלען די אַנטשידנדיקע קרעפטן אינעם אַנטשיידנדיקן אָרט און ריכטיק אויסקלייבן דעם מאָמענט

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 194, 196, 197, 193.

אויף צו דערלאַנגען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ, כדי אויף זיכער צו צעקלאַפּן דעם שונא און זיגן.

דעם 15 (28) סעפּטעמבער האָט חבר סטאַלין אַוועקגעשטעלט לענינס בריוו צו דער באַהאַנדלונג פונעם צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און האָט פאָרגעלייגט פאַנאַנדערצושיקן זיי די אָרטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אַלס דירעקטיוון. דער נידערטרעכטיקער פאַרעטער קאַמעניעוו האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו פאַרברענען לענינס בריוו. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט מיט אויפרעגונג אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג און אָנגענומען חבר סטאַלינס פאָרשלאַג.

קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן עקשנותדיק געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס זאָל אָנטיילנעמען אינעם מענשעוויסטיש-עסעריש-קאַדעטישן פאַרלאַמענט, דעם דאָזיקן „מפּיל-קינד פון דער קאָרנילאָוושטשינע", ווי עס האָט אים אָנגערופן חבר סטאַלין. זיי האָבן געשטרעבט אָפּצוווענדן דערמיט די פּאַרטיי פון צוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

לענין און סטאַלין זיינען געווען אַנטשידענע קעגנער אָפילו פון אַ צייטווייליקן אָנטייל פון די באָלשעוויקעס אינעם פאָרפאַרלאמענט, כדי דערמיט נישט צו פאַרשפּרייטן אין די מאַסן קיין אילוזיעס בנוגע דעם פאָרפאַרלאַמענט און נישט פאַרדעקן זיין קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרבעט. די באָלשעוויסטישע פראַקציע פונעם פאַרלאַמענט אין וועלכן עס זיינען געזעסן אַזוינע מענטשן, ווי קאַמעניעוו, טעאָדאָראָוויטש, האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם פאַרלאַמענט. דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט אויסגעבעסערט די ליניע פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן באָיקאָטירן דעם פאָרפאַרלאַמענט און געצוווּנגען די פראַקציע אָוועקצוגיין פון פאָרפאַרלאַמענט. אין דער זעלבער צייט, האָבן די באָלשעוויקעס ענערגיש געגרייט דעם צונויפקום פונעם 2 סאָוויעטןצוזאַמענפאָר, ווו זיי האָבן גערעכנט צו באַקומען די מערהייט.

לויט לענינס אָנווייזונג האָט די פּאַרטיי קאָנצענטרירט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף צוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן פונדאַסניי אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט — די סאָוויעטן!". איצט האָט דער דאָזיקער לאָזונג באַדייט — די רעוואָלוציע גייט צו דירעקט צו דער דיקטאַ-

טור פונעם פראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון אַן אויפשטאַנד, ער האָט באַדייט — אָרגאַניזירן און מלוכהש אויספורעמען די דיקטאַ־טור פונעם פראָלעטאַריאַט, ער האָט באַדייט, אַז די מאַכט דאַרף דורך אַן אויפשטאַנד אַריבערגיין צו די באָלשעוויזירטע סאָוויעטן.

לענין שטרעבט צו זיין וואָס נעענטער צו פעטראָגראַד, ווו די באָלשעוויקעס גרייטן ענערגיש דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד לויט זיינע דירעקטיוון. ער וויל אָנהאַלטן אַן ענגערע פאַרבינדונג מיטן צ.ק. פון דער פאַרטיי. מיט דעם ציל פאָרט לענין אַריבער דעם 17 (30) סעפּטעמבער פון העלסינגפאָרס קיין וויבאָרג. ער ווייזט אָן דערויף, אַז די ציטעווייליקע רעגירונג האָט אַריינגעפירט קאָנטררע־וואָלוציאָנערע מיליטער־טיילן אין די אָנטשידנדיקע אינדוסטריעלע צענטערס, אַז זי פּרוווט אַרויספירן פון דער הויפּט־שטאָט און פון אַנדערע גרויסע שטעט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקן און שיקן זיי אויפן פראָנט און דערמיט גופא אָפּשוואַכן די קרעפטן פון דער רע־וואָלוציע. דעריבער איילט לענין צו די פאַרטיי מיטן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד. ער ווייזט אָן דערויף, אַז די בורזשואַזיע אָרגאַניזירט אין די אָנטשיידנדיקע פונקטן פונעם לאַנד שטאָבן פון דער קאָנטררע־וואָלוציע, אַז זי גרייט זיך אָפּגעבן פעטראָגראַד די דייטשן, אַז זי פּרוווט צונויפצורעדן זיך מיט די דייטשישע אימפּעריאַליסטן, כדי מיט געמיינזאַמע קרעפטן, האָבנדיק אַראָפּגענומען דאָס מיליטער פון פראָנט, דערשטיקן די רעוואָלוציע.

אין משך פון פיל חדשים האָט לענין געפירט אַ זאָרגזאַמע און פּאָרזיכטיקע צוגרייטונג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט ער געדולדיק אויפגעקלערט די מאַסן די לעק־ציעס פון דער רעוואָלוציע, די אויפפירונג פון דער בורזשואַזיע און פונעם מענשעוויסטיש־עסערישן בלאָק, דעם זיג פון דער באָלשע־וויסטישער פּאָליטיק. ער האָט אַנטשידן געקעמפט קעגן די מענטשן, וואָס האָבן פרילינג 1917 יאָר אַוואַנטוריסטיש גערופן תיכף אַראָפּ־וואַרפן די ציטעווייליקע רעגירונג און זיינען דערמיט באַגאַנגען אַ פעלער אַ פאַטאַלן פאַר פּאָליטישע אָנפירער — פאַרלויפן פאָרויס, אָפּרייסן פון די מאַסן דעם אַוואַנגאַרד. איצט, ווען דער מאָמענט איז געקומען, האָט לענין מיט אַ קאָלאָסאַלער קראַפט געפאָדערט אַנט־שידן, ענערגיש און גיך צוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דעם 29 סעפּטעמבער (12 אָקטאָבער), האָט לענין אינעם בריוו צום צ. ק. פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס געשריבן: „דער קריזיס איז

ציטיק געוואָרן. עס שטייט אין קאָן די גאַנצע צוקונפט פון דער רו-סישער רעוואָלוציע. עס שטייט אונטער אַ פראַגע די גאַנצע ערע פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס. עס שטייט אין קאָן די גאַנצע צוקונפט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-רעוואָלוציע פאַרן סאָציאַ-ליזם".[1]

אָנהייב אָקטאָבער האָט לענין אינעם בריוו צום צענטראַל-קאָ-מיטעט, צום מאָסקווער, פּעטראָגראַדער קאָמיטעטן און צו די באָל-שעוויקעס, די מיטגלידער פון די סאָוויעטן פון פּעטערבורג און מאָס-קווע ווידעראַמאָל אָנגעוויזן: „די באָלשעוויקעס האָבן קיין רעכט נישט צו וואַרטן אויפן סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר, זיי דאַרפן נ ע מ ע ן די מ אַ כ ט ת י כ ף", „וואַרטן — איז אַ פאַרברעכן, לגבי דער רעוואָלוציע".[2]

אָנהייב אָקטאָבער פירט אָן לענין פון אונטערערד מיט דער פּעטראָגראַדער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס, ער שרייבט אָן פּאָר זיי טעזיסן, אָן אָנזאָג די דעלעגאַטן צום פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר און אַ בריוו איבערצולייענען אויף דער פאַרמאַכטער זיצונג. אין אָט דעם בריוו דעם 7 (20) אָקטאָבער דערקלערט ער נאָכאַמאָל: „מע דאַרף אָנערקענען, אַז די רעוואָלוציע איז פאַרפאַלן, אויב אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די פּראָלעטאַריער און סאָלדאַטן נישט אַראָפּוואַרפן קערענסקיס רעגירונג. די פראַגע וועגן אויפשטאַנד ווערט געשטעלט אין טאָג-סדר".[3]

אויף מאָרגן דעם 8 אָקטאָבער, אינעם בריוו צו די באָלשעווי-קעס די דעלעגאַטן פונעם סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר פון דער צפון-געגנט, ווייזט לענין ווידעראַמאָל אָן מיט דער גאַנצער קראַפט: „פאַר-זאַמען הייסט אַ טויט".

לענין דערמאָנט דער פּאַרטיי מאַרקס און ענגעלסעס אָנווייזונג, אַז אָן אויפשטאַנד איז אַ קונסט, פּונקט ווי מלחמה. לענין האַלט, אַז די טעכנישע זייט פון אויפשטאַנד, זיין טיף דורכגעטראַכטע אָרגאַ-ניזירונג, אַ זאָרגפעליק פאַראַנדערגעאַרבעטער פּלאַן האָבן אָן אַנט-שיידנדיקע באַדייטונג. מאַרקס און ענגעלס געניאַלע אַרויסזאָגונגען וועגן אויפשטאַנד אַלס קונסט, פאַראַלגעמיינערט לענין אין אַ האַר-

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 239.
[2] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 294, 293.
[3] דאָרטן, ז. 290.

מאַנישער סיסטעם. ער אַרבעט קריטיש איבער די בורזשואזע טעאָריע פון קריגס־קונסט, נעמט פון איר אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט און טויג פאַרן פּראָלעטאַריאַט, און בויט זיין אייגענע לערע וועגן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די קונסט פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט ער פאָרמולירט אין קאָנקרעטע, דייטלעכע כללים, וואָס זיינען אַ קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער דערפאַרונג פון אַלע באַוואָפנטע אויפשטאַנדן, וואָס זיינען נאָר באַוווּסט אין דער געשיכטע.

לענין גיט דער פּאַרטיי פאָלגנדיקע הויפּט־כללים פון דער קונסט פון אויפשטאַנד:

„1) קיינמאָל נישט שפּילן זיך מיט קיין אויפשטאַנד, און הייבט מען אים אָן, דאַרף מען וויסן פעסט, אַז מע מוז גיין ביזן סוף.

2) מע מוז צונויפזאַמלען אַ גרויסן איבערוואָג פון כוחות אינעם אַנטשיידנדיקן אָרט, אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט, ווייל אַנישט וועט דער שונא, וועלכער פאַרמאָגט אַ בעסערע צוגרייטונג און אָרגאַניזאַציע, פאַרניכטן די אויפשטענדלער.

3) איז שוין דער אויפשטאַנד אָנגעהויבן, דאַרף מען האַנדלען מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט און דורכויס, אומבאַדינגט אַריבערגיין אין אָנגריף. „פאַרטיידיקונג איז אַ טויט פאַר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד”.

4) מע דאַרף זיך באַמיען צו פאַרכאַפּן דעם שונא אומגעריכט, כאַפּן דעם מאָמענט, ווען זיין מיליטער איז צעוואָרפן.

5) מע דאַרף זען דערשלאָגן זיך יעדן טאָג כאָטש קליינינקע דערפאָלגן (מע קאָן זאָגן: יעדע שעה, אויב עס רעדט זיך וועגן איין שטאָט), אונטערהאַלטנדיק פאַר יעדן פּרייז די „מאָראַלישע איבערוואָג”.

דעם סך־הכל פון די לעקציעס פון אַלע רעוואָלוציעס בנוגע אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָט מאַרקס אונטערגעצויגן מיט די ווערטער פונעם „גרעסטן אין דער געשיכטע מייסטער פון רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק — פון דאַנטאָן: דרייסטקייט, דרייסטקייט און נאָכאַמאָל דרייסטקייט”.[1]

לענין גיט אַ פּלאַן פון אויפשטאַנד: „אַרומרינגלען און אָפּשניידן פּיטער, איינגעמען איר דורך אַ קאָמבינירטער אַטאַקע פונעם פלאָט,

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 319—320.

פון די אַרבעטער און פונעם מיליטער", קאָמבינירן די דאָזיקע דריי הויפּט־קרעפטן אַזוי, „אַז עס זאָלן אומבאַדינגט פאַרנומען ווערן און, וועלכע פּאַרלוסטן דאָס זאָל נישט קאָסטן, אייגנגעהאַלטן ווערן: א) דער טעלעפאָן, ב) דער טעלעגראַף, ג) די אײַזנבאַן־סטאַציעס, ד) די בריקן אין דער ערשטער ריי". אויף אַנטייל צו נעמען אין אַלע וויכטיקע אָפּעראַציעס דאַרפן פאַר די קאַמפּס־אָטריאַדן אויסגעטיילט ווערן „די סאַמע אַנטשלאָסענע עלעמענטן" — די בעסטע אַרבעטער, די אַרבעטער־יוגנט, די בעסטע מאַטראָסן, דרייסטע מענטשן, וואָס זאָלן גיין מיטן לאָזונג „אומקומען אַלע, אָבער נישט דורכלאָזן דעם שונא".

כדי דער אויפשטאַנד זאָל האָבן דערפאָלג, איז נייטיק קונסט און דרייפאַכע דרייסטקייט. „דער דערפאָלג פון דער רוסישער, סיי פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע הענגט אָפּ פון צוויי — דריי טעג קאַמף".[1]

לויט אָט דעם לענינישן פּלאַן איז טאַקע געגאַנגען דער באַוואָפנטער אָקטאָבער־אויפשטאַנד.

דעם 7 (20) אָקטאָבער איז לענין, לויט אַ באַשלוס פונעם צ.ק., אומלעגאַל אַריבערגעפאָרן פון וויבאָרג קיין פּעטראָגראַד. אויף מאָרגן האָט ער זיך ביי אַן אַרבעטער פון זאַוואָד „אייוואַז" אין דער היים באַגעגנט מיטן חבר סטאַלין. עטלעכע שעה האָט געדויערט די דאָזיקע באַגעגעניש. חבר סטאַלין האָט פאָרמולירט דעם קאָנקרעטן פּלאַן פונעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועלכן ער האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אויפן גרונט פון לענינס אָנווייזונגען. לענין האָט דעם דאָזיקן פּלאַן באַוויליקט.

דעם 10 אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע זיצונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס. מיט אַ פאָרטראַג וועגן דער נויטווענדיקייט פונעם אויפשטאַנד איז אַרויסגעטרעטן לענין. נאָך זיין פאָרטראַג האָט דער צ.ק. אָנגענומען די באַרימטע רעזאָלוציע, וואָס לענין האָט פאַרגעלייגט און אין וועלכער עס איז געשטעלט געוואָרן „אין טאָג־סדר דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד". דער דאָזיקער באַשלוס וועגן אויפשטאַנד איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף דער פאַרברייטערטער זיצונג פונעם צ.ק. דעם 16 אָקטאָבער, ווו לענין איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ צווישנה־

---

[1] לענין. ווערק. ב. XXI, ז. 320.

דיקן פאָרטראַג. לויט לעגינס פאָרשלאָג איז אויף אַט דער זיצונג אויף אָנצופירן מיטן אויפשטאַנד, אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּאַרטיי-צענטער בראש מיטן חבר סטאַלין. אַט דער פּאַרטיי-צענטער איז געווען דער אָנפירנדיקער קערן פון קריגס-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט ביים פּעטראָגראַדער סאָוויעט און האָט פּראַקטיש אָנגעפירט מיטן גאַנצן אויפשטאַנד.

מע האָט געדאַרפט האָבן לעגינס געניאַלע וויטזיכטיקייט, זיין מערקווירדיקע רעוואָלוציאָנערע מייסטערשאַפט, זיין קאָלאָסאַלע מוטיקייט, כדי צו באַשליסן זיך צו גיין אויף אַן אויפשטאַנד. לעגין האָט געוווסט, אַז אויפהייבן די מאַסן צום אויפשטאַנד אין דער דעמלטיקער סיטואַציע — הייסט שטעלן אַלץ אין קאָן. „לעגין האָט אָבער נישט מורא געהאַט צו ריזיקירן, ווייל ער האָט געוווסט, ער האָט געזען מיט זיין נביאישן קוק, אַז אַן אויפשטאַנד איז אומפאַרמיידלעך, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיגן, אַז אַן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד וועט צוגרייטן דעם סוף פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אַז אַן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד וועט אויפהייבן די אויסגעמאַטערטע מאַסן פון מערב, אַז אַן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד וועט פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער-קריג, אַז דער אויפשטאַנד וועט געבן אַ סאָוויעטנרעפּובליק, אַז די סאָוויעטנרעפּובליק וועט דינען אַלס פעסטונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

עס איז באַוווסט, אַז אַט דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָרויסזען לעגינס איז נאָכדעם מקוים געוואָרן מיט אומגעזעענער פּינקטלעכקייט".[1]

קעגן דעם באַשלוס וועגן אויפשטאַנד האָבן אויף ביידע זיצונגען פונעם צ.ק. געשטימט די פאַרעטער פון דער רעוואָלוציע קאַמעניעוו און זינאָוויעוו. באַקומען אַן אַנטשידענעם ווידערשטאַנד, זיינען די דאָזיקע פאַרעטער דעם 18 אָקטאָבער אַרויסגעטרעטן אין דער מענשעוויסטישער צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן" מיט אַ מעלדונג, אַז די באָלשעוויקעס גרייטן אַן אויפשטאַנד. דערמיט האָבן זיי דעם שונא אַרויסגעגעבן די גרעסטע געהיימעניש פון דער פּאַרטיי — דעם באַשלוס פונעם צ.ק. וועגן אָרגאַניזירן אין דער נאָענטסטער צייט אַן אויפשטאַנד. לעגינס שונאים, די שונאים פון דער פּראָלעטאַרישער

---

[1] י. סטאַלין. וועגן לעגינען, ז. 33—34, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944.

רעוואלוציע — קאמעניעוו, זינאוויעוו, טראצקי און דאס הייפל אנהענגער זייערע האבן מיט אלע מיטלען געזען ארויסצורייסן דעם אויפשטאנד. טראצקי האט פארגעלייגט נישט אויפהייבן דעם אויפשטאנד פאר דער דערעפענונג פונעם II סאוויעטן-צוזאמענפאר. לענין האט זיי אנגערופן פארעטער. ער האט געשריבן, אז ווארטן אויפן סאוויעטן-צוזאמענפאר „איז פולשטענדיקער אידיאטיזם אדער פולשטענדיקער פאראט".[1]

מיט דער גרעסטער אויפגעבראכטקייט און פאראכטונג האט לענין געשטעמפלט קאמעניעוון און זינאוויעוון אלס פארעטער פון דער רעוואלוציע. לענין, וואס האט נישט געוווסט פון קיין רחמנות צו אלע שונאים פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע, האט געפאדערט אויסצושליסן פון דער פארטיי די דאזיקע נידערטרעכטיקע מיטהעלפער פון דער קאנטררעוואלוציע.

די פארעטער האט זיך נישט איינגעגעבן ארויסצורייסן דעם אויפשטאנד. די פארטיי האט זיך אינטענסיוו געגרייט צו אים. מיט דער גאנצער ארבעט פון צוגרייטן דעם אויפשטאנד האט אנגעפירט אוממיטלבאר דער פארטיי-צענטער, וואס האט קאנצענטרירט אין זיינע הענט אלע פעדעם פונעם אויפשטאנד.

לענין האט דעמאלט געוווינט אומלעגאל אין וויבארגער ראיאן; פון דארט האט ער כסדר אנגעפירט מיט דער ארבעט פונעם צ.ק. איינמאל איז ער שיעור נישט אריינגעפאלן אין די הענט פון דער צייטווייליקער רעגירונג. ביינאכט, ווען ער איז ארויס אויף שפאציר, האט ער באגעגנט א פאטרול. דורכקאנטראלירט לענינס דאקומענטן, האט דער פאטרול אים אפגעלאזן.

די צייטווייליקע רעגירונג האט געפרוווט פארלויפן דעם וועג די באלשעוויקעס, זי האט פלאנירט דעם 24 אקטאבער (6 נאוועמבער) אטאקירן סמאלני, ווו עס האט זיך געפונען דער שטאב פונעם אויפשטאנד, און דערלאנגען א טויט-קלאפ דער רעוואלוציע. דעם 24 אקטאבער באגינען, האט די צייטווייליקע רעגירונג פארמאכט דעם צענטראל-ארגאן פון דער פארטיי „ראבאטשי פוט". ביים לאקאל פון דער רעדאקציע און פון דער דרוקעריי זיינען אוועקגעשטעלט געווארן סאלדאטן מיט פאנצער-אויטאמאבילן. חבר סטאלין האט אפגעגעבן א פארארדענונג — אפטרייבן די פאנצער-אויטאמאבילן;

---

[1] לענין, ווערק, ב. XXI, ז. 240.

און זיכערן דאס דערשיינען פון דער צייטונג. די רויטגווארדייער און די סאלדאטן האבן אויסגעפירט די דאזיקע פאראָרדענונג. 11 אזייגער אינדערפרי איז „ראבאטשי פוט" ארויס פון דרוק. דאס לייטארטיקל „וואס דארפן מיר?", וואס אנגעשריבן האט אים סטאלין האט גערופן די מאסן אראפצווארפן די צייטווייליקע רעגירונג. גלייכצייטיק זיינען לויט דער אנווייזונג פונעם פארטיי־צענטער דרינגנד מאביליזירט געווארן צו סמאלני אטריאדן רויטגווארדייער און רעוואלוציאנערע סאלדאטן.

דער אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבן.

לענין, וואס האט זיך געפונען אין א קאנספיראטיווער דירה, האט זיך געריסן צו סמאלני. אן דער הסכמה פונעם צ. ק., האט ער אבער נישט געוואלט פארלאזן זיין באהעלטעניש. אין אוונט האט קרופסקאיא איבערגעגעבן דעם צ.ק. זיין „בריוו צו די מיטגלידער פון צ.ק.". לענין האט אין דעם בריוו געשריבן:

„די לאגע איז ביז גאר א קריטישע... איצט הענגט אלץ אויף א האר... אין קיין פאל נישט איבערלאזן די מאכט ביי קערענסקין און קאמפאניע אין די הענט ביזן 25־טן, בשום אופן נישט; אנטשיידן די זאך היינט אומבאדינגט אין אוונט אדער באנאכט.

די געשיכטע וועט נישט מוחל זיין קיין פארזאמונג די רעוואלוציאנערן, וואס האבן געקאנט זיגן היינט (און וועלן זיכער זיגן היינט), ריזיקירנדיק צו פארלירן א סך מארגן, ריזיקירנדיק צו פארלירן אלץ...

פארזאמען מיט דער ארויסטרעטונג איז געגליכן צו טויט".[1]

לענין האט געאיילט דעם צ.ק. פון דער פארטיי, ווייל ער האט מורא געהאט, אז טראצקי און זיינע אנהענגער קאנען פארטארמאזירן דעם אויפשטאנד.

חוץ דעם האט לענין געזען, אז קערענסקים רעגירונג גרייט זיך צו דערטרינקען די רעוואלוציע אין בלוט, האט ער געוואלט צעשטערן קערענסקים פלאן. אין אוונט און באנאכט דעם 24 אקטאבער האט קערענסקי געווארט אויפן מיליטער, וואס ער האט ארויסגערופן פון פראנט קיין פעטערבורג.

לויט סטאלינס ענערגישער פאדערונג האט דער צענטראל־קאמיטעט שפעט אין אוונט ארויסגערופן לענינען קיין סמאלני, ער זאל

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXI, ז. 362, 363.

איבערנעמען די אַלגעמיינע אָנפירונג מיטן אויפשטאַנד. ווען לענין איז געקומען אין סמאָלני, האָט חבר סטאַלין אים אויספירלעך מיטגעטיילט וועגן די אָנגענומענע מאָסמיטלען און וועגן דעם גאַנג פון אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן. גלייך אויפן אָרט איז באַשטעטיקט געוואָרן דער פלאַן, וויאַזוי צו פאַרכאַפּן דעם ווינטער-פּאַלאַץ. דער פירער פון דער רעוואָלוציע האָט גענומען אין זיינע הענט די אוממיטלבאַרע אָנפירונג מיטן אויפשטאַנד.

דעם 25 אָקטאָבער (7 נאָוועמבער) אינדערפרי איז די טעלעפאָן-סטאַציע, דער טעלעגראַף, די ראַדיאָסטאַציע, די בריקן איבער דער ניעווע, די וואָקזאַלן, די וויכטיקסטע אַנשטאַלטן—גאַנץ פעטראַגראַד געווען אין די הענט פונעם אויפגעשטאַנענעם פּראָלעטאַריאַט. דער אויפשטאַנד האָט געזיגט.

10 אַזייגער אינדערפרי האָט דער קריגס-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ארויסגעלאָזן די היסטאָרישע ווענדונג „צו די בירגער פון רוסלאַנד“, וואָס אָנגעשריבן האָט זי לענין. די דאָזיקע ווענדונג האָט געגעבן צו וויסן די פאָלקס-מאַסן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז אַראָפּגעוואָרפן און די מלוכה-מאַכט איז אריבער אין די הענט צו די סאָוויעטן.

באַטאָג איז לענין ארויסגעטרעטן אויף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון פעטראָגראַדער סאָוויעט. לענין איז באַגעגנט געוואָרן מיט א שטורעם פון אָוואַציעס און באַגריסונגס-אויסרופן. לענין האָט געהאַלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט מיטגעטיילט וועגן דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און האָט אויסגעדריקט די אבסאָלוטע זיכערקייט אין דעם, אַז דער סאָציאַליזם אין רוסלאַנד וועט זיגן. „זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!“ — אַזוי האָט לענין פאַרענדיקט זיין רעדע.

דעם 25 אָקטאָבער 10 אַזייגער מיט 45 מינוט אין אָוונט האָט זיך אין סמאָלני געעפנט דער I אַלרוסלענדישער סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם אריבערגאַנג פון דער גאַנצער מלוכה-מאַכט אין צענטער און אויף די ערטער אין די הענט פון די סאָוויעטן.

די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן טאָג דעם 25 אָקטאָבער האָט לענין פאַרבראַכט אין סמאָלני. צוזאַמען מיט סטאַלינען האָט ער אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט די קרעפטן, דורכגעפירט די ערשטע דרינגנדע מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטנמאַכט.

במעט צוויי מעת-לעת האָט לענין נישט צוגעמאַכט קיין אויג. ערשט שפּעט אין דער נאַכט פון 25 אויפן 26 אָקטאָבער, נאָך דעם, ווי דער ווינטער-פּאַלאַץ איז געשטורעמט און איינגענומען גע-וואָרן און די צייטווייליקע רעגירונג איז ארעסטירט געוואָרן, איז לענין אוועק אויף עטלעכע שעה זיך אָפּרוען צו איינעם א פּאַרטיי-טוער, וואָס זיין דירה האָט זיך געפונען לעבן סמאָלני. עס האָט זיך אים אָבער נישט געשלאָפן. שטילינקערהייט, קיינעם נישט אויפצוועקן, האָט ער זיך געזעצט צום טיש און האָט אָנגעשריבן דעם דעקרעט וועגן ערד.

דער גאַנצער טאָג דעם 26 אָקטאָבער איז דורכגעגאַנגען פונקט אַזוי אָנגעשטרענגט, ווי דער פאַריקער טאָג. מע האָט געדאַרפט דרינגנד אָרגאַניזירן די פּאַרטיידיקונג און באַזאָרגן די באַפעלקע-רונג פון פּעטראָגראַד מיט ברויט. חוץ דעם איז לענין געוועזן פאָר-זיצער אויף דער זיצונג פונעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, וועלכע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם באַשטאַנד פון דער סאָוויעטן-רעגירונג, דערנאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג וועגן שאַפן אַן ארבעטער-קאָנטראָל.

דעם 26 אָקטאָבער אין אָוונט האָט זיך געעפנט די צווייטע זיצונג פונעם סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר. אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך באַוויזן לענין. מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג האָט דער צוזאַ-מענפאָר באַגעגנט דעם גרויסן פירער פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. א מעכטיקער, לאַנגדויערנדיקער „הורא" האָט פאַר-הילכט דעם דונער אַפּלאָדיסמענטן, מע האָט א לאַנגע צייט נישט געגעבן לענינען די מעגלעכקייט אָנצוהייבן זיין רעדע. ערשט נאָך דעם, ווי לענין האָט עטלעכע מאָל ענערגיש געגעבן צו פאַרשטיין מיט זשעסטן, אַז ער בעט פאַרענדיקן מיט די באַגריסונגען, האָט דער שטורעם אָוואַציעס ענדלעך אויפגעהערט. און דעמלט האָט זיך איבער דער גאַנצער וועלט געלאָזט הערן די שטים פונעם פי-רער פון די פּראָלעטאַריער און אונטערדריקטע פון אַלע לענדער, וואָס האָבן געגעבן צו וויסן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן א נ יי ע ר ע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — די ערע פון פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלע-טאַריאַט.

דער II סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די ערשטע דעקרעטן פון דער סאָוויעטן-מאַכט, וואָס לענין האָט זיי פאָרגע-

לייגט, — וועגן שלום און וועגן ערד. די דאָזיקע דעקרעטן פֿון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין פּערספּעקטיוו פֿון דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און אין דער בויונג פֿונעם סאָציאַליזם. אויפֿן II סאָוועטן־צוזאַמענפֿאָר איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט גע־שאַפֿן געוואָרן אַן אַרבעטער־פּויערישע, אַ סאָוועטישע רעגי־רונג — דער ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן. פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿונעם ראַטפֿאָלקאָם איז אויסגעוויילט געוואָרן לענין.

X

זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער סאָוויעטישער רעגי־רונג, האָט זיך לענין מיט דער גאַנצער ענערגיע גענומען צום בויען און באַפעסטיקן די סאָוויעטישע מלוכה, צום בויען דעם סאָציאַליזם.

עס האָבן זיך אַנטפּלעקט נייע זייטן פון לענינס געני. דער גרינ־דער און אָנפירער פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, דער פּאָליטי־שער פירער פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער מייסטער פון רעוואָלוציאָ־נערער סטראַטעגיע און טאַקטיק, דער אָנגעזעענסטער טעאָרעטי־קער — אַלס אַזאַ האָט מען געקענט לענינען ביז דער גרויסער סאָ־ציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. נאָך אָקטאָבער האָט זיך מיט אויסערגעוויינלעכער בולטקייט אַנטפּלעקט זיין מלוכה־געני. די וועלט האָט נאָך נישט געוווּסט פון אַזאַ מלוכה־אָנפירער, ביי וועלכן טעאָרעטישע מעכטיקייט, פּאָליטישע חכמה און וויטזיכטיקייט איי־זערנער ווילן און אומגעהייערע מוטיקייט זאָלן זיך אַזוי פאַראייניקן מיט טיפן קענען דאָס פאָלק, דאָס לעבן, די טיפסטע פאַרלאַנגען און דרינגנדע נויטן פונעם פאָלק. קיין איין מלוכה־טוער ביז לענינען איז נישט געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן פאָלק און האָט אַזוי טיף נישט געגלייבט אינעם פאָלק, ווי לענין. דאָס פאָלק ווידער האָט גרענעצ־לאָז געגלייבט לענינען. ער איז געווען דער אמתער פירער פון די טיפסטע „אונטערשטע שיכטן" פונעם פאָלק, וואָס די גרויסע רעוואָ־לוציע האָט זיי אויפגעהויבן צו זעלבשטענדיקער היסטאָרישער שאַפונג.

עס איז כמעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן די גיגאַנטישע אָנ־שטרענגונגען פון די ערשטע טעג רעוואָלוציע,די שוועריקייטן, מיט וועלכע עס האָט זיך פון דער ערשטער מינוט באַגעגנט די סאָוויעטנ־מאַכט. מע האָט געדאַרפט פאַרפעסטיקן דעם זיג, דערשטיקן דעם ווילדן ווידערשטאַנד פון די אָראָפּגעוואָרפענע עקספּלואַטאַרישע

קלאַסן, צעשטערן דעם אַלטן, בורזשואַזן מלוכה־אַפּאַראַט, איינ־ברעכן דעם פּאַרביסענעם סאַבאָטאַזש פון די באַאַמטע און אַנגע־שטעלטע. מע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן די באַזאָרגונג פון די שטעט מיט דערנערונג, די נאָרמאַלע ארבעט פון די אונטערנעמונ־גען, שאַפן א ניי לעבן, א נייע מלוכה — די מלוכה פון די ארבעטער און פּויערים. לעניגען האָבן אָבער אָט די אַלע שוועריקייטן נישט געשראָקן. ער האָט געוווּסט, אַז מיט די באָלשעוויקעס גייען טריי און איבערגעגעבן די אַרבעטער, אַז די אַרבעטער וועט היים שטיצן דאָס פאָלק — די אָרעמשאַפט אין די שטעט, די סאָלדאַטן אין די שוצגרובנס, די פּויערים אין די דערפער. ער האָט געזאָגט: „נאָר יענער וועט זיגן און וועט אײַנהאַלטן די מאַכט, וועמען עס גלייבט אין פאָלק, וועמען עס וועט זיך אײַנטונקען אינעם קוואַל פון לעבעדיקער פאָלקס־שאַפונג"[1].

אין סמאָלני האָט אין יענע טעג געקאָכט און געזודערט. ביי־טאָג און ביינאַכט האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו־ברויזן אין זיינע ווענט אַן אַנגעשטרענגט רעוואָלוציאָנער לעבן. איינ־גאַנצן פאַרטאָן אין דער גיגאַנטישער פּילזייטיקער מלוכהשער אר־בעט, האָט זיך לענין באַזעצט אין סמאָלני. מע האָט געדאַרפט לייזן די פאַרשידנאַרטיקע פראַגן, פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע מיליטע־רישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, אַדמיניסטראַטיווע, פּעדאַגאָגישע, קול־טור־אויפקלערערישע, אַגיטאַציאָנעלע, קיין דערפאַרונג פון מלוכה־אַרבעט האָבן די פּאַרטיי, די אַרבעטער און פּויערים נישט געהאַט. און פונוואַנען האָבן זיי זי געזאָלט האָבן. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט מע געדאַרפט דערוואָרבן.

לענין האָט זיך פאַרנומען מיט אַלץ, נאָכגעשפּירט נאָך אַלץ, אַלץ געגעבן א ריכטונג, קיין זאַך נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג. ער אַרבעט פאַנאַנדער די יסודות פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין אַלע פּראַגן פונעם פאָלקס־לעבן. ער שטעלט צונויף דעקרעטן און באַשטימונגען, שרייבט אויפרופן און אַרטיקלען. ער פירט אָן מיטן ראַטפאָלקאָם, וואָס האָט פון סוף נאָוועמבער אָן אָנגעהויבן אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען יעדן טאָג, און אין דער זעלבער צייט האַלט ער אָן אָן אוממיטלבאַרן פאַרקער מיט די מאַסן, אין משך פון די ערשטע צוויי חדשים סאָוויעטנמאַכט איז אים אויסגעקומען מער ווי 20 מאָל

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 48.

ארויסצוטרעטן אויף מיטינגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען. ער נעמט אָן אקטיוון אָנטייל אין די פּילצאָליקע צוזאַמענפאָרן, וועלכע זיינען אין יענע אָנגעשטרענגטע טעג פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד; ער מאַכט פאָרטראַגן, האַלט רעדעס, שרייבט רעזאָלוציעס און ווענדונגען.

אָן א שיעור ארבעטער־דעלעגאַציעס פון פאַבריקן און זאַוואָדן, פאָרשטייער פון דער סאָלדאַטישער פראָנט־מאַסע, פויערים־כאָדאָקעס פלעגן זיך לאָזן קיין סמאָלני, צו לענינען, מיט זייערע צווייפלען, פראַגן, פאָרשלאַגן, פאָדערונגען, נויטן. ארומגעשטעלט זיך ארום לענינען פון אלע זייטן, פלעגן זיי זיך זשעדנע צוהערן צו זיינע רייד און פלעגן דערנאָך פאַנאַנדערטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד לענינס רוף צו די מאַסן: נעמען אין זייערע אייגענע הענט די בויונג פון א נייעם לעבן.

די סיטואַציע פון די ערשטע טעג אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען אָן אומרואיקע. לענינס אויפמערקזאַמקייט איז געווען צוגעשמידט צו די מיליטערישע פראַגן. קערענסקי מיט די קאָזאַקן האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער צו פּעטראָגראַד: אין שטאָט גופא איז געווען אומרואיק — דעם 29 אָקטאָבער (11 נאָוועמבער) האָבן אויפגעהויבן אַ בונט די יונקערס. אין מאָסקווע איז נאָך געגאַנגען אַ באַוואָפנטער קאַמף. „די פּאָליטישע פראַגע גייט איצט האַרט צו צו דער מיליטערישער", האָט לענין געזאָגט אויף דער באַראַטונג פון די פאָלקן־פאָרשטייער פונעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן אינעם טאָג פונעם בונט פון די יונקערס. און ער האָט גענומען אין זיינע הענט די אָנפירונג מיט ליקווידירן די ערשטע פּרוּוון פון די אָראָפּגעוואָרפענע עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אין דער נאַכט פונעם 27 אויפן 28 אָקטאָבער, זיינען לענין און סטאַלין געקומען אין שטאַב פונעם מיליטערישן קרייז. לענין האָט געפאָדערט פון די טוער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די קריגס־אָפּעראַציעס, זיי זאָלן אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער זאַכלאַגע. חבר פּאָדוויאָסקי דערציילט: „אויף מיין פראַגע, וואָס באַדייט דער דאָזיקער באַזוך — אומצוטרוי צו אונדז צי עפּעס אַנדערש, האָט וואָלדימיר איליטש פּשוט, אָבער פעסט געענטפערט:

— נישט קיין אומצוטרוי, נאָר פּשוט, די רעגירונג פון די אַרבעטער און פויערים וויל וויסן, וויאַזוי עס אַרבעטן אירע מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען.

אין אָט דעם מאָמענט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ביי אונדז איז דיקטאַטור, אַז ביי אונדז איז אַ שטאַרקע, פעסטע אַרבעטער-מאַכט".

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך לענין כמעט אָן אויפהער געפונען אין שטאַב, פונוואַנען ער האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיטן צעקלאַפּן קערענסקים — קראַסנאָווס מיליטער. צוליב דעם האָט ער מאָביליזירט און אָרגאַניזירט אַלע כוחות. זיין אייזערנע פעסטקייט און רואיקע זיכערקייט אין זיג, האָבן באַגייסטערט און באַהעפט די מאַסן. דער שונא איז צעקלאַפּט געוואָרן.

לענינען איז גלייכצייטיק אויסגעקומען צו קעמפן קעגן די, וואָס האָבן פון די ערשטע טעג רעוואָלוציע געפּרוווט אַרויסרופן צווייפל און וואַקלונגען אין די מאַסן. קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו און אַנדערע פאַרעטער האָבן גענומען פאָדערן, מע זאָל שאַפן אַ „אייגנאַרטיק-סאָציאַליסטישע רעגירונג" מיטן אָנטייל פון די מענשעווי־קעס און עסערן, וואָס די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיי נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן. דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט אָנגענומען לענינס רעזאָלוציע, וואָס האָט געשטעמפּלט זייער אָנפירונג אַלס „פאַראַט בנוגע דעם לאָזונג סאָוויעטן-מאַכט". קאַמעניעוו, ריקאָוו און אַנדערע זיינען אַרויסגעטרעטן פונעם צ.ק. און פונעם ראַטנפאָלקאָם. דאָס, וואָס אַ נישטיק הייפל פּחדנים האָט געמאַכט פּליטה פונעם צ. ק. און ראַטנפאָלקאָם, האָט נישט אָפּגעשראָקן לענינען. די פאַרעטער און רענעגאַטן זיינען אָפּגעשליידערט געוואָרן פון וועג. אין דער ווענדונג צו אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער און צו אַלע אַרבעטנדיקע האָט לענין געשריבן: „זאָלן אַלע אַרבעטנדיקע זיין רואיק און פעסט! אונדזער פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון דער סאָוויעטישער מערהייט, שטייט סאָלידאַר און באַהאַפטן אויף דער וואַך פון זייערע אינטערעסן, און אויף דער זייט פון אונדזער פּאַרטיי שטייען ווי פריער מיליאָנען אַרבעטער אין די שטעט, סאָלדאַטן אין די שוצגרובנס, פויערים אין די דערפער, וואָס זיינען גרייט פאַר יעדן פּרייז פאַרווירקלעכן דעם זיג פונעם שלום און דעם זיג פונעם סאָציאַליזם!"[1].

פון די ערשטע טעג, ווי ס'האָט געזיגט די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע, שטעלט לענין אַרויס אין פאָדערגרונט די אויפגאַבע פון פּאַרטיידיקן דאָס סאָוויעטן-לאַנד. „עס איז נישטאָ וואָס צו

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 61.

טראכטן, אז עס וועט נישט זיין קיין פארטיידיקונגס־מלחמה, וועלכע מע קאן אונדז אנבינדן".[1] — ווארנט לענין די פארטיי און די ארבעטנדיקע מאסן. ער שטעלט ארויס דעם קאמפס־לאזונג — פארטיידיקן דאס סאציאליסטישע פאטערלאנד. „נאכן 25־טן אקטאבער 1917 יאר זיינען מיר באשיצלער — זאגט לענין, — מיר האבן דעראבערט דאס רעכט אויף צו פארטיידיקן דאס פאטערלאנד... מיר זיינען באשיצלער פונעם סאציאליסטישן פאטערלאנד".[2] לענין דערקלערט אינעם נאמען פון די פעלקער פונעם סאוויעטן־לאנד, אז אויב עס וועט פארקומען א קריגס־אנפאל אויף אונדזער היימלאנד, וועלן אלע ארבעטנדיקע זיך אויפהייבן צו הייליקער פארטיידיקונגס־מלחמה. „מיר, ארבעטער און פויערים, זאגן זיך און דער גאנצער וועלט, און מיר וועלן עס קאנען דערווייזן, אז מיר וועלן ווי איין מענטש זיך שטעלן צו פארטיידיקן די סאוויעטן־רעפובליק".[3]

די ערשטע וואכן רעוואלוציע איז לענין געווען אינגאנצן פארנומען מיט בויען די נארוואס אויפגעקומענע, סאוויעטישע מלוכה, א נייע מלוכה, וואס אזא איז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע נישט געווען. אונטער זיין אנפירונג האבן די פאלקס־מאסן אפגעריניקט דעם באדן פאר דער בויונג פון דעם פראכטפולן בנין פונעם סאציאליזם. עס איז צעשטערט געווארן דער גאנצער אפאראט פון דער אלטער בורזשואזער מאכט, עס איז איינגעבראכן געווארן דער סאבאטאזש פון די באאמטע, עס איז צעטריבן געווארן די קאנטררעוואלוציאנערע גרינדונגס־פארזאמלונג. עס זיינען פולשטעדיק פארניכטעט געווארן די רעשטלעך לייב־אייגנטום פון אלע געביטן פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן: דער פריצישער ערד־באזיץ, די שטאנדן, די נישטגלייכבארעכטיקייט פון די פרויען, די נאציאנאלע אונטערדריקונג, די פריווילעגירטע לאגע פון דער קירך. דעמלט טאקע זיינען אויך פארלייגט געווארן די ערשטע ווינקל־שטיינער פונעם סאציאליזם: עס איז איינגעפירט געווארן אן ארבעטער־קאנטראל איבער דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע און דער פארטיילונג פון די פראדוקטן, עס זיינען נאציאנאליזירט געווארן די בענק, מע איז צוגעטרעטן צו נאציאנאליזירן די אייזנבאנען און די גרויס־אינדוסטריע.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 34.

[2] דארטן, ז. 13—14.

[3] דארטן, ז. 16.

לעניו איז דער איניציאטאָר פון אַלע גרונט־דעקרעטן פון דער סאָוויעטן־מאַכט, דער אויטאָר פון אַ באַדייטנדיקן טייל זייערן. צעשטערנדיק ביזן גרונט דאָס אַלטע, האָבן איינִיקע פון די דאָזיקע דעקרעטן דורכגעלייגט אַ ברייטן וועג אין דער ליכטיקער צוקונפט אַריין; די אַנדערע ווידער האָבן אָנגעמערקט די קאָנטורן פון דער דאָזיקער צוקונפט. „אונדזער דעקרעט, — האָט געזאָגט לענין, — איז אַ רוף, אָבער נישט קיין רוף אין פריערדיקן גייסט: „אַרבעטער, הייבט זיך אויף, וואַרפט אַראָפּ די בורזשואַזיע!". ניין, דאָס איז אַ רוף צו די מאַסן, אַ רוף צו פּראַקטישער אַרבעט. *די דעקרעטן — דאָס זיינען אינסטרוקציעס, וואָס רופן צו פּראַקטישער מאַסן־אַרבעט.* אָט דאָס איז וויכטיק".[1]

אַלע אָרגאַנען פון דער סאָוויעטן־מלוכה, אַלע פאָלקאָמאַטן זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער לענינס דירעקטער אָנפירונג, לויט זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן די אַלרוסלענדישע אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע אויף צו קעמפן קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע (ווע־טשעקאַ)[2] — די שאַרפע שווערד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. בראָש פון אָט דער קאָמיסיע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דזשערזשינסקי. לענינען געהערט די אידעע צו שאַפן דעם העכסטן ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט — דעם ערשטן פּראָלעטאַרישן אָרגאַן ־י פירן און פּלאַנירן די סאָציאַליסטישע פאָלקס־ווירטשאַפט.

לויט לענינס פאָרשלאַג האָט דער II אַלרוסלענדישער סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר געשאַפן אַן אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אַן אָרגאַן, וואָס איז נישט בנמצא אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, — דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אָנגעלעגנהייטן פון די נאַציאָנאַליטעטן (פאָלקאָמנאַץ). בראָש פונעם פאָלקאָמנאַץ איז געשטעלט געוואָרן לענינס בעסטער מיטקעמפער — חבר סטאַלין. דעם 3 (16) נאָוועמבער 1917 יאָר, איז מיט לענינס און סטאַלינס אונטערשריפטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד", אין וועלכער עס זיינען מיט אויסשעפּנדיקער קלאָרקייט פאָרמולירט געוואָרן די פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן־מאַכט. די דעקלאַראַציע האָט

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 166.

[1] ВЧК (ראשי־תיבות — אַלרוסלענדישע אויסערגעוויינלעכע קאָמיסיע צום קאַמף מיט דער קאָנטררעוואָלוציע).

אויפגעהויבן צו אַ נייעם לעבן די פילמיליאָניקע מאַסן פון די פריִער אונטערדריקטע פעלקער, האָט פאַרלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פון דער אייזנפעסטער פריינדשאַפט פון די סאָוועטישע פעלקער.

אַזוי האָט זיך געבויט די מלוכה פון נייעם טיפ, אַ מלוכה, וועלכע איז בלוטיק פאַרבונדן מיטן פאָלק, וועלכע אַנטשפרעכט אינגאַנצן די אינטערעסן פונעם פאָלק, אַ מלוכה, וואָס דאָס פאָלק אַליין שאַפט זי. די ערשטע טריט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, דער אָנהייב פון דער סאָוועטישער אָרגאַניזירונג פון דער פאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג האָבן, נאַטירלעך, געפאָדערט פון לענינען — דעם גרינדער פון דער סאָוועטישער מלוכה — אַן אָנגעשטרענגטע טעאָרעטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, האָט געפאָדערט צו זוכן, און פיל מאָל איבערמאַכן, אויספרווון און דורכקאָנטראָלירן פאַרשידענע פאָרמען און אינסטיטוציעס, פאַרשידענע מעטאָדן און אופנים פון אָרגאַניזירן די מאַסן. לענין האָט אויפמערקזאַם דערלערנט און וויסנשאַפטלעך פאַראַלגעמיינערט די פראַקטישע דערפאַרונג פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע אויפן געביט פון בויען דאָס נייע לעבן. ער האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אין די פאָלקס-מאַסן דאָס געפיל פון זיכערקייט אין די אייגענע קרעפטן, געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז מע קאָן זיך באַגיין אָן די אַלטע באַלעבאַטים פונעם לעבן, אַז איצט איז באַלעבאָס דאָס פאָלק זעלבסט. וועגן די איניציאַטיוו פון די מאַסן אויף צו בויען דאָס נייע לעבן — דאָס איז די אידעע, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין לענינס גאַנצער מלוכה-טעטיקייט, אין זיינע דעקרעטן, אויפרופן, אַרטיקלען, רעדעס און פאָרטראַגן. „סאָציאַליזם — האָט געזאָגט לענין אויף דער זיצונג פון וציק דעם 4 (17) נאָוועמבער 1917 יאָר, — ווערט נישט געשאַפן לויט אוקאַזן פון אויבן. דעם גייסט פון סאָציאַליזם איז פרעמד דער קאַזיאָנער-ביוראָקראַטישער אויטאָמאַטיזם; דער לעבעדיקער סאָציאַליזם, דער שעפערישער, איז אַ שאַפונג פון די פאָלקס-מאַסן גופא".[1]

לענין איז געווען איבערצייגט, אַז די איניציאַטיוו פון די מאַסן, די שעפערישקייט פון די אַרבעטער און פויערים וועט אַרויסרוקן פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען און מעטאָדן, וואָס זיינען נייטיק אויף אָנצופירן מיט דער מלוכה, אויף אויפצוהייבן די אַרבעטס-פראָדוקטיווקייט, אויף צו דערציען פאָליטיש און קולטורעל דאָס פאָלק. אין דער

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 45.

ווענדונג „צו די באַפעלקערונג" דעם 5 (18) נאָוועמבער, האָט לענין גערופן: „חברים אַרבעטנדיקע! געדענקט, אַז איר אַליין פירט איצט אָן מיט דער מלוכה. קיינער וועט אייך נישט העלפן, אויב איר אַליין וועט זיך נישט פאַראייניקן און וועט נישט נעמען אַלע ע נ י נ י ם פון דער מלוכה אין א י י ע ר ע הענט. א י י ע ר ע סאָוויעטן זיינען פון היינט אָרגאַנען פון דער מלוכה-מאַכט, פולמעכטיקע, אַנטשיידנדיקע אָרגאַנען".[1]

לענין האָט געפאָדערט פון די אָרטיקע סאָוויעטן, זיי זאָלן זעלבשטענדיק לייזן די אָרטיקע פראַגן, ער האָט געוועקט אין זיי איניציאַטיוו, האָט זיך געזען צו דערשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך פירן ווי פאַרשטייער פון דער מלוכה-מאַכט.

סוף דעצעמבער 1917 יאָר האָט לענין זיך אָפּגערוט עטלעכע טעג אין פינלאַנד, נישט ווייט פון פעטראָגראַד. אין די טעג פון דעם קורצווייליקן „אורלויב", האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן די וועגן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, ער האָט אָנגעשריבן דעם באַוווסטן אַרטיקל „וויאַזוי דאַרף מען אָרגאַניזירן דעם געוועט?".

די סאָציאַליסטישע מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטישער רעגירונג האָבן אַריינגעבראַכט אין אַ ווילדן צאָרן די בורזשואַזיע און איר לאַקייען — די מענשעוויקעס און עסערן. אַלע שונאים פונעם פאָלק, דערמוטיקט און געשטיצט פון די רעגירונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, האָבן אָנגעהויבן פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דער סאָוויעטנמאַכט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנטררעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען און טעראָריסטישע אַקטן קעגן די אָנפירער פון דער פאַרטיי און פון דער רעגירונג, אין דער ערשטער ריי קעגן לענינען. דעם 1 (14) יאַנואַר 1918 יאָר, איז אויף לענינען געמאַכט געוואָרן אַן אַטענטאַט: די טעראָריסטן האָבן באַשאָסן דעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן ער איז געפאָרן. דער אויטאָמאָביל איז אין עטלעכע ערטער דורכגעלעכערט געוואָרן. אָבער לענין איז געבליבן גאַנץ.

אויף אַראָפּצוואַרפן די סאָוויעטנמאַכט האָט די קאָנטררעוואָלוציע געוואָלט אויסנוצן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. די באָלשעוויקעס האָבן זי צונויפגערופן מיט אַזאַ ציל: אָדער זי וועט זיך לאָזן שטעלן צו דינסט די אינטערעסן פונעם פאָלק, אָדער, אויב זי וועט דערויף נישט איינגיין, באַווייזן די פאָלקס-מאַסן, אַז דאָס איז אַן אינסטי-

---

[1] לענין. ווערק ב. XXII, ז. 55.

ציע, וואָס גייט קעגן פאָלק. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — זי איז געע־עפנט געוואָרן דעם 5 (18) יאַנואַר 1918 יאָר — האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די סאָוויעטנמאַכט און צו באַשטעטיקן די סאָוויעטי־שע דעקרעטן. אַזוי־אַרום האָבן די מאַסן מיט די אייגענע אויגן דערזען איר קאָנטררעוואָלוציאָנערן פּרצוף און האָבן זיך איבערצייגט דערין, אַז מע דאַרף זי צעטרייבן. דאָס צעטרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז לויט לענינס אויסדרוק, געווען אַ קלאַפּ איבער די פּעטישן פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, דער דעמאָקראַטיע פאַר די רייכע — אַ קלאַפּ, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין דער גאַנצער וועלט.

דעם 10 (23) יאַנואַר 1918 יאָר, האָט זיך געעפנט דער III אַל־רוסלענדישער סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר. די יונגע סאָוויעטנמאַכט איז דעמלט אַלט געווען 2 חדשים מיט 15 טעג. לענין איז אַרויסגעטרעטן אויפן צוזאַמענפאָר מיט אַ פאַרטראַג וועגן דער טעטיקייט פונעם ראַטפאָלקאָם; ער האָט געשילדערט אַ קלאָר בילד פון דעם, וויאַזוי ס'ווערט געשאַפן אַ נייער טיפּ מלוכה־מאַכט — די סאָציאַליסטישע סאָוויעטן־רעפּובליק. „אונדזער סאָציאַליסטישע סאָוויעטן־רעפּובליק, — האָט געזאָגט לענין, — וועט שטיין פעסט, ווי אַ פאַקעל פונעם אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַרבעטנ־דיקע מאַסן".[1] דער סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פונעם אַרבעטנדיקן און עקספּלואַטירטן פאָלק", וועלכע לענין האָט פאַרגעלייגט. אָט די היסטאָרישע דעק־לאַראַציע — דער עסקיז פון דער ערשטער סאָוויעטישער קאָנסטי־טוציע — האָט אויף אַ געזעצגעבערישן אופן פאַרפעסטיקט די ערשטע טריט פון דער סאָוויעטישער אָרדענונג.

לענין האָט פאַרשטאַנען, אַז כּל־זמן רוסלאַנד געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון מלחמה מיט דייטשלאַנד, קאָן מען נישט האַלטן די לאַגע פון דער סאָוויעטנמאַכט פאַר פולשטענדיק פאַרפעסטיקט. כּדי צו פאַרפעסטיקן די סאָוויעטנמאַכט, האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. האָט טאַקע לענין פון די ערשטע טעג אָן, ווי נאָר ס'האָט געזיגט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַמף פאַר שלום. אינעם היסטאָרישן דעקרעט וועגן שלום האָט לענין דעם 26 אָקטאָבער (8 נאָוועמבער) 1917 יאָר, אין נאָמען פון דער סאָוויעטן־רעגירונג פאַרגעלייגט „אַלע מלחמה־האַלטנדיקע

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 218.

פעלקער און זייערע רעגירונגען תיכף אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ גערעכטן דעמאָקראַטישן שלום".[1]

די בורזשואַזיע און אירע אַגענטן — די מענשעוויקעס און עסערן האָבן געפּרוּווט אַראָפּרייסן די שלום-אונטערהאַנדלונגען מיט דייטש-לאַנד, פּראָוואָצירן אַן אָנגריף פון די דייטשן און אוועקשטעלן די סאָוועטנמאַכט, וואָס האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרפעסטיקט. אונטער די קלעפּ פון דער דייטשישער קריגס-מאַשין. פונקט אַזאַ פּאָזיציע האָט פאַרנומען אויך די אויבער-קאָמאַנדשאַפט פון דער אַלטער אַרמיי, וועלכע האָט סאַבאָטירט די פאַראָרדענונגען פון דער סאָוועטישער רעגירונג. דעם 9 (22) נאָעוומבער ביינאַכט, האָט לענין און סטאַלין געפירט טעלעפאָניש אונטערהאַנדלונגען מיטן הויפּט-קאָמאַנדיר גענעראַל דוכאָנין, זיי האָבן אים פאַרגעלייגט אָפּצושטעלן די קריגס-אָפּעראַציעס און אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן וועגן אַ וואָפנשטילשטאַנד. „אַ מינוט איז עס געווען אַ שווידערהאַפטע, דערציילט דער חבר סטאַלין, — דוכאָנין און די הויפּט-קוואַרטיר, האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל פונעם ראַטספאָלקאָם. דער קאָמאַנדירן-באַשטאַנד פון דער אַרמיי האָט זיך געפונען אינגאַנצן אין די הענט פון דער הויפּט-קוואַרטיר. וואָס איז שייך די סאָלדאַטן, איז געווען אומבאַוווסט, וואָס וועט זאָגן די 12-מיליאָניקע אַרמיי, וואָס איז אונטערגעוואָרפן די אַזוי-גערופענע אַרמייאישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געשטימט קעגן דער סאָוועטנמאַכט. אין פּיטער גופא האָט דאַן, ווי באַוווסט, געהאַלטן ביי אויסברעכן אַן אויפשטאַנד פון די יונקערס... ס'געדענקט זיך, ווי נאָך אַ געוויסער פּויזע, ביים טעלעפאָן, האָט לענינס פּנים אויפגעהעלט מיט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער שיין. ס'איז קאַנטיק געווען, אַז ער האָט שוין אָנגענומען אַ באַשלוס".[2]

לענין האָט פאָרגעלייגט תיכף, ביינאַכט, גיין צו דער ראַדיאָ-סטאַציע, דורך אַ ספּעציעלן באַפעל אַראָפּזעצן דעם גענעראַל דוכאָנין און זיך ווענדן צו די סאָלדאַטן איבער די קעפּ פון דעם קאָמאַנדירן-באַשטאַנד מיט אַ רוף — „אַרומרינגלען די גענעראַלן, אָפּשטעלן די קריגס-אָפּעראַציעס, פאַרבינדן זיך מיט די עסטרייכיש-דייטשישע סאָלדאַטן און נעמען די זאַך פון שלום אין די אייגענע הענט".

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 13.

[2] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 34, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944.

„דאָס איז געווען אַ „שפּרונג אין דער אומבאַוווּסטקייט". לענין האָט אָבער נישט מורא געהאַט פאַר אָט דעם „שפּרונג", פאַרקערט, ער איז אים געגאַנגען אַנטקעגן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די אַרמיי וויל שלום, און זי וועט דעראָבערן דעם שלום, אָפּרוימענדיק פונעם וועג צום שלום אַלע און אַלערליי שטערונגען, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אַזאַ אופן פון איינשטעלן דעם שלום וועט נישט דורכגיין אומזיסט פאַר די עסטרייכיש-דייטשישע סאָלדאַטן, אַז ער וועט צעבינדן דעם דראַנג צו שלום אויף אַלע פראָנטן אָן אויסנאַם.

ס'איז באַוווּסט, אַז דאָס דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע פאָרויסזען לענינס איז נאָך דעם אויך מקוים געוואָרן מיט דער גאַנצער פּינקט-לעכקייט".[1]

לענין האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ מלחמה פון דער יונגער סאָוויע-טישער רעפּובליק, וואָס האָט נאָך קיין אַרמיי נישט, קעגן דעם פון קאָפּ ביז צו פיס באַוואָפנטן דייטשישן אימפּעריאַליסטישן רויבער, קאָן ברענגען צום אומקום פון דער סאָוויעטנמאַכט. ער האָט געוווּסט, אַז פאַר דער סאָוויעטישער רעפּובליק איז אַ שלום מעגלעך, ווייל אין איר פּאָליטיק שטיצט זי זיך אויף די טיפסטע ווידערשפּרוכן, וואָס צעפּליקן דעם וועלט-אימפּעריאַליזם, ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן די צוויי אימפּעריאַליסטישע גרונט-גרופּעס — די ענגליש-פראַנצויזישע און די דייטשישע געוואָרפן אין אַ טויט-געראַנגל. אינעם קאַמף פאַר שלום האָט לענין אויסגעאַרבעט די גרונט-פּרינציפּן פון דער אויסערן-פּאָליטיק פונעם סאָוויעטן-לאַנד, וואָס געפינט זיך אין אַ קאַפּי-טאַליסטישער אַרומרינגלונג. דאָס שליסן שלום, האָט אָנגעוויזן לענין, וועט נישט אָפּשוואַכן, נאָר פאַרקערט, וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן די אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון אונדזער רעוואָלוציע. „דער ביישפּיל פון דער סאָציאַליסטישער סאָוויעטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד וועט זיין אַ לעבעדיקער מוסטער פאַר די פעלקער פון אַלע לענדער, און די פּראָפּאַגאַנדיסטישע, רעוואָלוציאָניזירנדיקע ווירקונג פון דעם דאָזיקן מוסטער וועט זיין אַ גיגאַנטישע. דאָ — בורזשואַזע אָרדענונג און די ביזן סוף אַנטבלויזטע פאַרכאַפּערישע מלחמה פון צוויי גרופּעס רויבער. דאָרטן — שלום און סאָציאַליסטישע סאָוויעטן-רעפּובליק".[2]

---

[1] י סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 34—35, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944.

[2] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 198.

לענין האָט טיף געגליבט אין די אומדערשעפּלעכע קרעפטן פון אונדזער רעוואָלוציע, אין איר קלאַסאַלער אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. אין דער סאָוויעטישער רעפּובליק האָט לענין געזען די פעסטונג און די באַזע פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און האָט פאַר יעדן פּרייז געשטרעבט איינצוהאַלטן איר עקזיסטענץ. ווי שווער עס זיינען נישט געווען די שלום-באַדינגונגען, „קאָן נישט אומקומען אַ פאָלק, וואָס האָט געקאָנט שאַפן סאָוויעטנמאַכט".[1] אזא פאָלק וועט פון אַלע נסיונות אַרויס אַלס זיגער.

ווען יעדן טראָט אין קאַמף פאַר שלום, האָט זיך לענין אַן עצה געהאַלטן מיט סטאַלינען. לענין און סטאַלין האָבן אינאיינעם אויסגעאַרבעט די דירעקטיוון פאַר דער סאָוויעטישער שלום-דעלעגאַציע אין בריסק. ווען די דעלעגאַציע האָט געבעטן ביי לענינען ווייטערדיקע דירעקטיוון, האָט ער געענטפערט: „סטאַלין איז נישטאָ און איך האָב אים נאָך נישט געקאָנט ווייזן... פריער איידער איך וועל ענטפערן אויף אייער פראַגע, וואָלט איך מיך וועלן באַראַטן מיט סטאַלינען". אין אַ שטיקל צייט אַרום, האָט לענין מיטגעטיילט דער דעלעגאַציע: „אָט איז געקומען צו פאָרן סטאַלין, וועלן מיר מיט אים באַטראַכטן און אייך באַלד געבן אַ געמיינזאַמען ענטפער", די דירעקטיוו אונטערצושרייבן דעם שלום איז געשיקט געוואָרן קיין בריסק מיט לענינס און סטאַלינס אונטערשריפטן.

צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, מיט די עסערן און מענשעוויקעס, האָבן זיך קעגן שליסן שלום מיט דייטשלאַנד פאַרביסן קעגנגעשטעלט אויך טראָצקי און זיין מיטהעלפער בוכארין. אונטער דער מאַסקע פון לינקע פראַזן האָבן די טראָצקיסטן און בוכאַרינאַוועצעס געפירט אַ פּראָוואָקאַטאָרישע פּאָליטיק, — זיי האָבן געפאָדערט פאַרזעצן די מלחמה, כּדי פאַקטיש צו שטעלן די סאָוויעטישע רעפּובליק אונטער די קלעפּ פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. דעם 28 יאַנואַר (10 פעברואַר) 1918 יאָר האָט טראָצקי, וואָס איז געווען פאָרזיצער פון דער סאָוויעטישער שלום-דעלעגאַציע אין בריסק, זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן שלום מיט דייטשלאַנד און האָט אַזוי אַרום פאַררעטעריש געבראָכן די בפירושע דירעקטיוון פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דעם 18 פעברואַר איז די דייטשישע אַרמיי אַריבער אין אָנגריף. אַ גרויזאַמע געפאַר האָט זיך אָנגערוקט אויפן סאָוויעטןלאַנד.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 401.

דעם 18 פעברואר אינדערפרי האָט זיך פאַרזאַמלט דער צ.ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. לענין האָט ענערגיש געפאָדערט תיכף צו שיקן די דייטשן אַ טעלעגראַמע וועגן שליסן שלום. טראָצ־קי און בוכאַרין האָבן עקשנותדיק פאַרגעזעצט זייער פּראָוואָקאַציאָ־נעלע ליניע פון מלחמה־אונטערצינדער, זיי האָבן געטענהט, אַז „דער דייטש וועט נישט וואַגן אָנגרייפן". מיט דער מערהייט פון איין שטים איז לענינס פאָרשלאַג וועגן שלום אָפּגעוואָרפן געוואָרן. עט־לעכע שעה זיינען אַוועק, און דאָס לעבן האָט אויף פּיין־פּיצלעך צע־קלאַפּט די ליגנערישע טענות פון די פאַרעטער: דאָס דייטשישע מי־ליטער איז אויפן גאַנצן פראָנט אריבער אין אָנגריף, די רעשטלעך פון דער אַלטער אַרמיי האָבן נישט געקאָנט ביישטיין די פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטע דייטשישע חילות. די אַרמיי פון די דייטשישע אימפּעריאַליסטן האָט נישט באַגעגנט קיין ערנסטן ווידערשטאַנד און האָט שנעל מאַרשירט פאָרויס. אין געפאַר איז געשטאַנען פּעט־ראָגראַד. מער האָט מען נישט געטאָרט זאַמען קיין איין רגע.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, האָט זיך אַ צווייט מאָל פאַרזאַמלט דער צ. ק. פון די באָלשעוויקעס. לענין און סטאַלין זיינען אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן טראָצקין און בוכאַרינען. זיי האָבן אויפגע־דעקט דעם פּאַרעטערישן כאַראַקטער פון זייער ליניע. פאַר לענינס פאָרשלאַג — מיטטיילן דער דייטשישער רעגירונג וועגן דער הסכמה תיכף צו שליסן שלום — האָט זיך אַרויסגעזאָגט די מערהייט מיט־גלידער פון צ. ק.

אין דער נאַכט פון 18 אויפן 19 פעברואר, האָט לענין אין נאָמען פונעם ראַטפאָלקאָם געשיקט אַ ראַדיאָגראַמע דער דייטשישער רע־גירונג וועגן דער הסכמה אונטערצושרייבן שלום. די דייטשישע אימ־פּעריאַליסטן האָבן זיך אָבער נישט געאיילט צו געבן אַן ענטפער און האָבן פאָרגעזעצט דעם אָנגריף. ערשט דעם 22 פעברואר, האָבן זיי געגעבן זייער הסכמה אונטערצושרייבן שלום, דערביי האָבן זיי אָבער אַרויסגעשטעלט נאָך שווערערע באַדינגונגען, איידער די פריערדיקע.

די דאָזיקע טעג זיינען פול מיט לענינס אומדערמידלעכן קאַמף פאַר שלום. דעם 29 פעברואר טרעט ער צוויי מאָל אַרויס מיט רע־דעס וועגן מלחמה און שלום, צוערשט אויף דער זיצונג פונעם ראַט־פאָלקאָם, דערנאָך אויף דער פאַראייניקטער באַראַטונג פון די באָל־שעוויקעס און „לינקע" עסערן — מיטגלידער פון וציק, פון די דע־לעגאַטן פון דער פּעטראָגראַדער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס

און פונעם אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די פויערים-דעפּוטאַטן. צוויי מאָל טרעט לענין אַרויס אויך אויף מאָרגן אין אָוונט — אויף דער פאַראייניקטער זיצונג פון די פראַקציעס באָלשעוויקעס און „לינקע" עסערן — מיטגלידער פון וציק. דעם 21 פעברואַר באַווייזט זיך אין דער „פּראַוודאַ" זיין ערשט אַרטיקל קעגן די טראָצקיסטיש-בוכאַרינישע מלחמה-אונטערצינדער — „וועגן דער רעוואָלוציאָנערער פראַזע", אויף מאָרגן באַווייזט זיך אַ צווייט אַרטיקל — „וועגן קרעץ"

אַריינגעריסן זיך אין סאָוועטן-לאַנד, האָט זיך דער דייטשישער אימפּעריאַליזם געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוװאַרפן די סאָוויעטנמאַכט און פאַרוואַנדלען אונדזער היימלאַנד אין זיינער אַ קאָלאָניע. מע האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד קעגן די דייטשישע אינטערווענטן. לענין אָרגאַניזירט דרינגנד פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד. זיין נאָענטסטער געהילף איז געווען חבר סטאַלין. ווען לענין און סטאַלין האָבן באַקומען די ערשטע ידיעות וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אַן אָנגריף פונעם דייטשישן מיליטער, האָבן זיי גלייך אָנגענומען עקסטרע מיטלען. דעם 18 פעברואַר אינדערפרי האָבן זיי געהאַט אַ שמועס דורכן דירעקטן קאַבעל מיט די מיטגלידער פונעם דווינסקער סאָוויעט און האָבן געגעבן פּינקטלעכע און קלאָרע דירעקטיוון, וואָס צו טאָן, כדי צו פאַרשווערן די דייטשן זייער מאַרש פאָרויס און נישט לאָזן זיי פאַרכאַפּן די קאָלאָסאַלע רעזערוון קריגס-פאַרמעגן.

דעם 21 פעברואַר 1918 יאָר האָט זיך לענין אין נאָמען פון ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן געווענדט מיט אַ דעקרעט — אַן אויפרוף „דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר". יעדע שורה פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן דאָקומענט איז דורכגעדרונגען מיטן טיפסטן געפיל פון דעם סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם.

„דער הייליקער חוב פון די אַרבעטער און פויערים פון רוסלאַנד, — האָט גערופן לענין, איז מסירת-נפשדיק פאַרטיידיקן די סאָוויעטן-רעפּובליק קעגן די חילות פון דעם בורזשואַז-אימפּעריאַליסטישן דייטשלאַנד". דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיידיקונג דאַרפן איינגאַנצן אָפּגעגעבן ווערן אַלע קרעפטן און מיטלען פונעם לאַנד. אַלע אָרטיקע סאָוויעטן, אַלע אַרבעטער און פויערים האָט לענין גערופן „פאַרטיידיקן יעדע פּאָזיציע ביזן לעצטן טראָפּן בלוט", מיט אַלע כוחות שטערן דעם שונא אויסצונוצן אונדזער גוטס; ביים אָפּטרעטן פאַרניכטן די וועגן, אויפרייסן און פאַרברענען די אייזנבאַן-

געביידעס; דעם גאַנצן אייזנבאַן־פּאַרק — די וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון — תיכף אַוועקשיקן אויף מזרח טיף אין לאַנד. אַלע תבואה־זאַפּאַסן און בכלל די דערנערונג־זאַפּאַסן, אַלדאָס ווערטפולע האָב־און־גוטס, וואָס זיי דראָט די געפאַר אַריינצופאַלן צום שונא אין די הענט און זיי קאָנען נישט אַרויסגעפירט ווערן, דאַרף מען פאַרניכטן.

די אַרבעטער און פּויערים פון פּעטראָגראַד און קיעוו, פון אַלע שטעט, שטעטלעך און דערפער ביי דער ליניע פונעם נייעם פראָנט האָט לענין גערופן צו שאַפן באַטאַליאָנען אויף צו גראָבן שוצ־גרובנס אונטער דער אָנפירונג פון מיליטערישע ספּעציאַליסטן.

„דעם שונאס אַגענטן, ספּעקוליאַנטן, פּאַגראָמשטשיקעס, כוליגאַנעס, קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרן, דייטשישע שפּיאָנען ווערן דערשאָסן אויפן אָרט פונעם פאַרברעכן.

דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר! זאָל לעבן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד!".[1]

אונטער לענינס פּערזענלעכער אָנפירונג און ביים נאָענטסטן אָנטייל פונעם חבר סטאַלין איז געשאַפן געוואָרן דער אויסעראָרדנטלעכער שטאַב ביים פּעטראָגראַדער מיליטערישן קרייז. זיין אויפגאַבע איז געווען דירעקט און אָפּעראַטיוו אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד, ווו ס'איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

לענינס רוף צו פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד קעגן דער באַוואָפנטער אינטערווענץ פון די דייטשישע אימפּעריאַליסטן האָט אַרויסגערופן אַ מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין לאַנד. אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן אָטריאַדן פון דער נייער אַרמיי פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק — פון דער רויטער אַרמיי. די יונגע רויטע אַרמיי האָט העלדיש אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף פונעם דייטשישן רויבער. דעם 23 פעברואַר 1918 יאָר האָט די סאָוויעטישע אַרמיי דערלאַנגט אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ די דייטשישע אָקופּאַנטן הינטער פּסקאָוו און נאַרעוו. דער מאַרש פון די דייטשן צו פּעטראָגראַד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. „דער טאָג, ווען ס'איז געגעבן געוואָרן אַ ווידערשטאַנד דעם מיליטער פונעם דיי־

[1] „איזוועסטיאַ וציק", נומ. 31 פון 22 פעברואַר 1918 י.

טשישן אימפעריאליזם — דער 23 פעברואר — איז געוואָרן דער געבורטס-טאָג פון דער יונגער רויטער אַרמיי".[1]

דעם 23 פעברואר אינדערפרי זיינען דערהאַלטן געוואָרן די נייע דייטשישע שלום-באַדינגונגען. צו געבן אַן ענטפער איז פּאַקטיש געבליבן בלויז דער איינער טאָג — דער 23 פעברואר. דאָס איז געווען אַ טאָג פון לענינס סאַמע שאַרפסטן און אָנגעשטרענגטן קאַמף פאַר שלום. אויף דער היסטאָרישער זיצונג פונעם צ.ק., האָט לענין אין אַ שאַרפער אולטימאַטיווער פאָרם געפאָדערט אָנצונעמען די דייטשישע באַדינגונגען, דערקלערנדיק, אַז „די פּאָליטיק פון רעוואָלוציאָנערער פראַזע איז געענדיקט". לענינס ליניע האָבן פולקאָם מיט דער גאַנצער קראַפט פאַרטיידיקט סטאַלין און סווערדלאָוו. „אָדער אַן אָטעם-איבערכאַפּ, אָדער דער אומקום פון דער רעוואָלוציע — קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ", — האָט געזאָגט סטאַלין. די טראָצקיסטן און בוכאַרינצעס האָבן געשטעלט אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד. לענינס ליניע האָט אָבער געזיגט. מיט אַ מערהייט שטימען האָט דער צ.ק. אָנגענומען לענינס פאָרשלאָג וועגן דער נייטיקייט איינצוגיין אויף די דייטשישע שלום-באַדינגונגען.

וועגן זיין פּאָזיציע האָט לענין תיכף געגעבן צו וויסן דער פּאַרטיי און דעם לאַנד. יעדער פּאַרטיי-מיטגליד, יעדער אַרבעטער האָט מיט רעגונג געלייענט לענינס צאָרנדיקע ווערטער אין אָוונטיקן נומער „פּראַוודאַ" פון 23 פעברואר:

„ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אינעם געגעבענעם מאָמענט קאָן בלויז גרענעצלאָזע פראַזן-טרייבעריי שטויסן רוסלאַנד צו מלחמה, און איך פערזענלעך וואָלט, נאַטירלעך, אויף קיין איין מינוט נישט פאַרבליבן נישט אין דער רעגירונג נישט אינעם צ.ק. פון אונדזער פּאַרטיי, אויב די פּאָליטיק פון פראַזע וואָלט באַקומען די איבערהאַנט...

זאָל וויסן יעדער איינער: ווער עס איז קעגן תיכפדיקן, זאָל זיין אַפילו זייער-שווערן שלום, דער ברענגט אום די סאָוועטנמאַכט".[2]

דעם 23 פעברואר אין אָוונט איז נאָך דער זיצונג פון צ.ק. פאָרגעקומען אַ פאַראייניקטע פאַרזאַמלונג פון דער פראַקציע באָלשע-

[1] „געשיכטע פון דער אלקפ(ב). קורצער קורס", ז. 256, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1940 י.

[2] לענין. ווערק, ב. XXII, 276.

זויקעס מיט דער פראַקציע „לינקע" עסערן — מיטגלידער פון וציק. לענין האָט געהאַלטן אַ רעדע צו פאַרטיידיקן דעם שלום. קעגן זיך האָט ער געהאַט אַן איינהייטלעכן פראָנט פון די טראָצקיסטן, בוכאַרינאָווצעס און „לינקע" עסערן. גלייך נאָך דעם איז פאָרגעקומען אַ באַזונדערע זיצונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון וציק, וועלכע האָט נאָך לענינס ארויסטרעטונג מיט אַ מערהייט שטימען באַוויליקט זיין פאָרשלאַג. ענדלעך, 3 אַזייגער אין דער נאַכט (פון 23 אויפן 24 פעברואַר) האָט זיך געעפנט די זיצונג פון וציק. לענין האָט געגעבן אַ באַריכט וועגן די דייטשישע שלום-באַדינגונגען. נאָך אַ פאַרביטערטן קאַמף, האָט דער וציק, האַלב פינף אַזייגער אינדערפרי מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן אָנצונעמען לענינס רעזאָלוציע.

די וואָך פון די גרעסטע נסיונות פון 18 ביזן 24 פעברואַר — זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון די דייטשן און ביז עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די דייטשישע שלום-באַדינגונגען — האָט זיך געענדיקט. לענין האָט דעמלט געשריבן, אַז זי וועט אריינגיין אַלס איינע פון די גרעסטע היסטאָרישע איבערברוכן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער — און אינטערנאַציאָנאַלער — רעוואָלוציע".[1] טראָצקיס און בוכאַרינס פראָוואָקאַציע האָט געשטעלט אין געפאַר די עצם-עקזיסטענץ פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק. דער דירעקטער רעזולטאַט פון טראָצקיס פאַראַט אין בריסק איז געווען דאָס, וואָס מע האָט געמוזט איינגיין אויף אַ נאָך שווערערן שלום, און מע האָט פאַרלוירן קאָלאָסאַלע רעזערוון קריגס-מאַטעריאַלן, וועלכע די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט בעתן אָנגריף. די טראָצקיסטן און די בוכאַרינאָווצעס „האָבן פאַקטיש געהאָלפן די דייטשישע אימפּעריאַליסטן און געשטערט דעם וווקס און דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד".[2] מיט זייער פעסטער און קאָנסעקווענטער שלום-פּאָליטיק האָבן לענין, סטאַלין און סווערדלאָוו איינגעהיט די עקזיסטענץ פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק.

נאָכן באַשלוס פונעם צ.ק. און פונעם וציק וועגן אונטערשרייבן שלום, האָט דער קאַמף אָנגענומען נאָך אַ שאַרפערע, נאָך אַ מער פאַרביטערטע פאָרם. די טראָצקיסטן און בוכאַרינאָווצעס

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 290.

[2] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 307.

האָבן אָפן געפירט אַ צעיושעטע קאַמפּאַניע קעגן לענינען, קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער סאָוויעטישער רעגירונג. און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי צוזאַמען מיט די „לינקע" עסערן אין טיפן אונטערערד געגרייט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג קעגן דער סאָוויעטישער רעגירונג. די דאָזיקע אויסוואָרפן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — אָראָפּצורייסן דעם בריסקער שלום, אַראָפּוואַרפן די סאָוויעטישע רעגירונג, אַרעסטירן און דערהרגענען לענינען, סטאַלינען און סווערדלאָוון. ערשט אין 20 יאָר אַרום זיינען באַוווּסט געוואָרן די נידערטרעכטיקע פּלענער פון אָט דעם מענטשלעכן אָפּפאַל.

מיט אומגעהייערער קראַפט האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד צעטראָגן לענינס וואָרט. אין דער „פּראַוודאַ" פלעגן זיך כמעט טאָגטעגלעך באַווייזן לענינס פּאָלעמיקע אַרטיקלען; זיי פלעגן דערלאַנגען שווערע קלעפּ איבער די מלחמה-פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן געשטויסן די סאָוויעטנמאַכט אין אָפּגרונט אַריין. דאָס לעבן האָט מיט אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט איבערצייגט די מאַסן, ווי ווייט גערעכט עס איז געווען לענין; דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז ראַטעווען קאָן נאָר איין זאַך: צונויפזאַמלען דעם גאַנצן ווילן און די גאַנצע אַנטשלאָסנקייט און אונטערשרייבן דעם שווערן שלום, כדי תיכף ווי ס'געהער צו זיין נעמען זיך צום גרייטן די פּאַרטיידיקונג פונעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. די פּאַרטיי, דער אַרבעטערקלאַס, די פאָלקס-מאַסן האָבן זיך אַלץ ענגער באַהעפט אַרום לענינען.

דעם 6 מערץ 1918 יאָר, האָט זיך אין פּעטראָגראַד געעפנט דער אויסעראָרדנטלעכער VII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דעם פאָרטראַג וועגן בריסקער שלום האָט געהאַלטן לענין. אין משך פון אנדערהאַלבן טעג איז געגאַנגען אַן אַנטשידענער און עקשנותדיקער קאַמף קעגן די טראָצקיסטן און בוכאַרינאָווצעס. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון לענינס ליניע אין דער פראַגע וועגן שלום.

אינעם פאָרטראַג און אין דער רעזאָלוציע וועגן מלחמה און שלום, וועלכע איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם צוזאַמענפאָר, האָט לענין מיט אַ באַזונדערער קראַפט אונטערגעשטראָכן, אַז אויך אין דער צוקונפט זיינען קריגס-אַרויסטרעטונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות קעגן דעם סאָוויעטנלאַנד אומפאַרמיידלעך. דעריבער, זאָגט לענין, איז די גרונט-אויפגאַבע פון דער באָלשעוויסטישער

פאַרטיי און פון דער סאָוויעטישער מאַכט, דער הייליקער חוב פון אַלע אַרבעטנדיקע — מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרפעסטיקן די שוץ-פעיקייט פון אונדזער היימלאַנד. לעניך פאָדערט, עס זאָלן אָנגענו-מען ווערן די אַנטשיידנסטע מאָסמיטלען אויף איינצופירן רעוואָלו-ציאָנערע אָרדענונג און אייזערנע דיסציפּלין, אויף צוגרייטן די מאַסן צום מסירת-נפשדיקן פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָ-טערלאַנד, אויף צו פאַרפעסטיקן מיט אַלע מיטלען די רויטע אַרמיי. לענין שטעלט אַוועק די קאַמפס-אויפגאַבע — „אַלזייטיק סיסטעמאַ-טיש לערנען די גאַנצע דערוואַקסענע באַפעלקערונג, אָן אונטערשיד פון געשלעכט, קריגס-קענטענישן און קריגס-אָפּעראַציעס". מע דאַרף זיך דערשלאָגן, ווייזט ער אָן, אַז די אַרבעטער און פויערים זאָלן יעדן טאָג „זיך לערנען שלאָגן". אויף צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד איז נייטיק אַ שטאַרקע אַרמיי און אַ פעסטע הינטערלאַנד.

„אונדזער לאָזונג דאַרף זיין איינער, — דערקלערט לענין, — לערנען דאָס קריגס-וועזן ווי עס געהער צו זיין"[1].

חוץ דעם, האָט דער צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט די פראַגע וועגן ענדערן דעם פּראָגראַם פון דער פאַרטיי און וועגן בייטן דעם נאָמען פון דער פאַרטיי. דעם פאָרטראַג איבער דער דאָזיקער פראַגע האָט אויך געהאַלטן לענין. לויט זיין פאָרשלאַג האָט די פאַרטיי באַצייכנט דעם נאָמען — רוסלענדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי (באָלשעוויקעס). אַלס גרונט פאַר דעם פּראָגראַם האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען דעם פּראָיעקט, וועלכן עס האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט לענין, און האָט אויף צונויפצושטעלן דעם נייעם פּראָגראַם אויסגעוויילט אַ קאָמי-סיע, אין וועלכער עס זיינען אַריין לענין, סטאַלין און אַנדערע.

דעם 15 מערץ האָט דער 4-טער אויסעראָרדנטלעכער אַלרוס-לענדישער סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר לויט לענינס פאָרטראָג באַשטע-טיקט דעם בריסקער שלום-אָפּמאַך.

„איינשטימיק פאַראורטיילנדיק רויבערישע מלחמות, אָנער-קענט פון איצט אָן די רוסלענדישע סאָוויעטישע פעדעראַטיווע רע-פּובליק, — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע פונעם צוזאַמענ-פאָר, — איר רעכט און איר חוב צו פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטי-שע פאָטערלאַנד קעגן אַלע מעגלעכע אָנפאַלן מצד יעטוועדער איי-נער אימפּעריאַליסטישער מלוכה.

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 389, 330.

דער צוזאַמענפֿאַר אָנערקענט דעריבער, אַז עס איז אַן אומבאַדינגטער חוב פֿון אַלע אַרבעטנדיקע מאַסן אָנצושטרענגען אַלע כּוחות אויף אויפֿצושטעלן און העכערן די שוצפֿעיִקייט פֿון אונדזער לאַנד, אויף אויפֿצושטעלן זײַן קריגס-מעכטיקייט".[1]

אין יענע טעג איז געלייזט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דעם, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג פֿאָרט אַריבער פֿון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע. מע האָט געדאַרפֿט באַוואָרענען די סאָוויעטישע הויפּטשטאָט פֿון אינטערווענציאָניסטישע פּרווון, מע האָט געדאַרפֿט שאַפֿן רואיקערע אַרבעטס-באַדינגונגען פֿאַרן צענטראַלן אַפּאַראַט פֿון דער מלוכה-מאַכט, שאַפֿן בעסערע באַדינגונגען פֿאַר זײַן פֿאַרבינדונג מיטן לאַנד.

קאָנטררעוואָלוציאָנערע עסערישע פֿאַרשווערער האָבן בדעה געהאַט אויפֿצורייסן דעם צוג, אין וועלכן עס זײַנען געפֿאָרן לענין, דער צ.ק. פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און די רעגירונג. די סאָוויעטישע אויסשפּירונג-אָרגאַנען און די וואַכזאַמקייט פֿון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער האָבן אָבער צעשמעטערט די פּלענער פֿון די טעראָריסטן.

דעם 10 מערץ 1918 יאָר, האָט לענין פֿאַרלאָזט פּעטראָגראַד. דעם 11 מערץ איז ער אָנגעקומען קיין מאָסקווע. מאָסקווע איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. דער קרעמל איז געוואָרן דער מאַרך און דאָס האַרץ פֿונעם באַפֿרייטן פֿאָלק און דער וועגווײַזנדיקער שטערן פֿאַר די אונטערדריקטע מאַסן פֿון גאָר דער וועלט.

עס איז דערגרייכט געוואָרן די מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. אין קאַמף פֿאַר אָט דער מעגלעכקייט, אין קאַמף פֿאַרן שלום האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַנטפּלעקט די געניאַלקייט פֿון לענינס סטראַטעגיע, וואָס איר ציל איז געווען — געווינען צײַט, דעמאָראַליזירן דעם קעגנער און אָנזאַמלען כּוחות אויף אַריבערצוגיין אין אָנגריף.

„אויב ס'איז פֿאַרנים באַוווּסט, אַז כּוחות איז פֿאַראַן ווייניק, איז דאָס וויכטיקסטע מיטל פֿון פֿאַרטיידיקונג — אָ פּ ט ר ע ט ;

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 410—411.

ט י ף א י ן ל א נ ד א ר י י ן".[1] — די דאזיקע טיף־קלוגע אנווייזונג לענינס האט אינעם פעריאד פונעם בריסקער שלום געהאלפן ביז גאר ארגאניזירט פארווירקלעכן דעם צוריקטריט און צונויפזאמלען אינעם קורצסטן טערמין די כוחות, כדי צו געבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאנד די דייטשישע פארכאפער און די שונאים פונעם פאטערלאנד.

„אינעם פעריאד פון דער אקטאבער־רעוואלוציע האט לענין געלערנט די באלשעוויסטישע פארטיי, וויאזוי מע דארף שרעקלאז און אנטשידן אנגרייפן, ווען עס זיינען פאראן דערצו די נייטיקע באדינגונגען. אינעם פעריאד פונעם בריסקער שלום, האט לענין געלערנט די פארטיי וויאזוי מע דארף אין ארדענונג אפטרעטן אין א מאמענט, ווען דעם שונאס קרעפטן שטייגן בפירוש אריבער אונדזערע קרעפטן, כדי מיט דער גרעסטער ענערגיע גרייטן א נייעם אנגריף קעגן די שונאים.

די געשיכטע האט באוויזן די גאנצע ריכטיקייט פון דער לענינישער ליניע".[2]

לענין האט געהאלטן פאר נייטיק מאקסימאל אויסנוצן דעם אטעם־איבערכאפ אויף צו פארפעסטיקן די סאוועטנמאכט, פאנאנדערצוּוויקלען די סאציאליסטישע בויונג, צו שאפן די רויטע ארמיי.

אינגיכן נאכן שליסן דעם שלום האט לענין געשריבן אן ארטיקל „די הויפּט־אויפגאבע פון אונדזער צייט". דאס איז געווען א פלאמיקער רוף צום פאלק אומדערמידלעך צו שמידן די עקאנאמישע און מיליטערישע מעכטיקייט פונעם סאוועטנלאנד. „מע דארף זיך אליין נישט נארן, — האט געשריבן לענין. -- מע דארף האבן מוט צו קוקן גלייך אין פנים דעם נישט־צוגעפוצטן ביטערן אמת. מע דארף אויסמעסטן אינגאנצן, ביזן גרונט, דעם גאנצן תהום פון מפלה, צעגלידערונג, פארשקלאפונג, דערנידעריקונג, אין וועלכע מע האט אונדז איצט אריינגעשליידערט. וואס קלארער מיר וועלן דאס פארשטיין, אלץ פעסטער, פארהארטעוועטער, שטאלענער וועט ווערן אונדזער ווילן צו באפרייונג, אונדזער שטרעבונג אויפצוהייבן זיך ווידער פון פארשקלאפונג צו זעלבשטענדיקייט,

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 511.

[2] „געשיכטע פון דער אלקפ(ב). קורצער קורס", ז. 258—259, מלוכה־פארלאג „דער עמעס", 1940 י.

אונדזער אייזנפעסטע אנטשלאסנקייט צו דערשלאגן זיך פאר יעדן פרייז, אז רוסלאנד זאל אויפהערן צו זיין ארעם און שוואך, אז רוסלאנד זאל ווערן אין פולן זין פון ווארט מעכטיק און שפע-רייך.

רוסלאנד קאן ווערן אזא, ווייל ביי אונדז איז פארט געבליבן גענוג רחבות און נאטור-רייכטימער, כדי צו באזארגן אלעמען און יעטוועדן איינעם אויב נישט מיט קיין שפע, איז מיט א גענוגן סכום לעבנס-מיטלען. אי אין נאטור-רייכטימער, אי אין רעזערוון מענטשלעכע קרעפטן, אי אינעם הערלעכן שוווּנג, וועלכע די גרויסע רעוואלוציע האט געגעבן דער פאלקס-שאפונג, — האבן מיר מאטעריעל צו שאפן אווירקלעך מעכטיק רוסלאנד, פול מיט שפע".[1]

לענין צייכנט אן דעם וועג וויאזוי צו פארוואנדלען דאס ארעמע און מאכטלאזע רוסלאנד אין א מעכטיקער און רייכער סאוויעטישער סאציאליסטישער מלוכה. ער ארבעט פאנאנדער א פלאן פון צוטרעטן צו דער סאציאליסטישער בויונג. „מיר, די פארטיי באלשעוויקעס, האבן רוסלאנד איבערצייגט. מיר האבן רוסלאנד אויסגעקעמפט — ביי די רייכע פאר די ארעמע, ביי די עקספלואטאטארן פאר די ארבעטנדיקע. מיר דארפן איצט מיט רוסלאנד פארוואלטן".[2]

דעם גרונט-דינג אינעם ארגאניזירן דאס פארוואלטן מיטן לאנד האט לענין געזען אינעם שטרענגסטן אלפאלקישן דיסקאנט און קאנטראל איבער דער פראדוקציע און איבער דער פארטיילונג פון די פראדוקטן. מע דארף מיט אלע מיטלען זען צו העכערן די ארבעט-פראדוקטיווקייט ,שאפן א נייע, א סאוויעטישע, סאציאליסטישע ארבעטס-דיסציפלין. דערמיט איז, פון איין זייט, פארבונדן די אויפגאבע צו ארגאניזירן דעם סאציאליסטישן געוועט, און, פון דער צווייטער זייט — אן אנטשידענער, אנרחמנותדיקער קאמף קעגן דער קליינבירגערלעכער צעקראכנקייט, קעגן פוילאקעס, לײדיקגייער, ספעקוליאנטן. ביים קאפיטאליזם, האט געזאגט לענין, פלעגט די דיסציפלין געשאפן ווערן דורך הונגער, געוואלד, מושטרירונג. גאר אנדערש איז ביי דער סאוויעטישער ארדענונג. די נייע דיסציפלין, די דיסציפלין פון חברישער פארבינדונג, די סאוויעטישע דיס-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXII, 376.

[2] דארטן, ז. 441.

ציפּלין — אַרבעטן אויס מיליאָנען אַרבעטנדיקע אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט.

לענין האָט באַוויזן, אַז די פראַגן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן שטעלן זיך איצט אויף אַ נייעם אופן. „פיר אַקוראַט און געוויסנהאַפט אַ חשבון פונעם געלט, — האָט געשריבן לענין, — באַלעבאַטעווע שפּאָרזאַם, פוסטעפּאַסטעווע נישט, גנבע נישט, היט אָפּ די שטרענגע דיסציפּלין אין דער אַרבעט, — גראָד אַזוינע לאָזונגען, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער פלעגן מיט רעכט אויסלאַכן דעמאָלט, ווען די בורזשואַזיע פלעגט מיט אַזעלכע רייד מאַסקירן איר הערשאַפט, אַלס הערשאַפט פון אַ קלאַס עקספּלואַטאָרן, אַזוינע לאָזונגען ווערן איצט, נאָך דעם, ווי די בורזשואַזיע איז אַראָפּגעוואָרפן, די אָרדנטלעכע און צענטראַלע לאָזונגען פונעם מאָמענט”.[1]

לענין האָט געזאָגט, אַז די פּראַקטישע רעאַליזירונג פון די דאָזיקע לאָזונגען דורך דער *סאָוויעטישער* מאַכט, מיט *אירע* מעטאָדן, אויפן גרונט פון *אירע* געזעצן, איז נויטווענדיק און *גענוג* פאַרן זיג פונעם סאָציאַליזם.

אָנמערקנדיק דעם פּלאַן פון צוטרעטן צו דער סאָציאַליסטישער בויונג, האָט לענין באַטאָנט די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פון דער גרויסער מאַשין־אינדוסטריע ביי דער סאָציאַליסטישער איבערגעשטאַלטונג פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט. לענין האָט שוין דעמאָלט געשטעלט פאַר די וויסנשאַפטלעכע קרעפטן פונעם לאַנד די אויפגאַבע „ווי ווייט מעגלעך גיכער צונויפשטעלן אַ פּלאַן פון דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע און פונעם עקאָנאָמישן אויפשטייג פון רוסלאַנד”. דער גרונט־פּרינציפּ אין אויסאַרבעטן אָט דעם פּלאַן, דאַרף זיין די פאָדערונג *זעלבשטענדיק* באַזאָרגן זיך *מיט אַלע* וויכטיקסטע מינים רויוואַרג און אינדוסטריע”,[2] זען זיך צו דערשלאָגן די טעכניש־עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער לאַנד. די סאָציאַליסטישע פאָלקסווירטשאַפט, האָט אָנגעוויזן לענין, דאַרף זיך בויען אויף דער פאָרגעשריטענער טעכנישער באַזע פון עלעקטריפיקאַציע. לענינס אָנווייזונגען וועגן אינדוסטריאַליזירן און עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד זיינען געוואָרן דער גרונט־

[1] לענין. ווערק ,ב. XXII, ז. 443.

[2] דאָרטן, ז. 434.

פּרינציפּ אין דער גאַנצער בוי־אַרבעט און איבערגעשטאַלטונג־טע־טיקייט פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה.

שוין אין די ערשטע טעג נאָך דעם, ווי עס איז געשאַפן גע־וואָרן די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע מלוכה, האָט לענין אַרויס־געררוקט די אידעע פון אַן איינהייטלעכן מלוכהשן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן. לייגנדיק די ערשטע ציגל פון דער סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט, האָט לענין כּסדר אונטערגעשטראָכן, אַז כּדי די סאָציאַ־ליסטישע בויונג זאָל האָבן דערפאָלג, איז אונדז „נייטיק אַן איינ־הייטלעכער ווילן, אין יעדער פּראַקטישער פראגע איז נייטיק, אַז אַלע זאָלן האַנדלען ווי איינער"[1]. לענין האָט נישט איין מאָל אָנגע־וויזן, אַז „נישט די אייזנבאַנען, נישט דער טראַנספּאָרט, נישט די גרויסע מאַשינען און אונטערנעמונגען קאָנען בכלל נישט פונקציאָ־נירן ריכטיק, אויב עס איז נישטאָ קיין איינהייט פון ווילן, וועלכע בינדט צונויף דעם גאַנצן באַשטאַנד אַרבעטנדיקע אין איין ווירט־שאַפטלעכן אָרגאַן, וואָס אַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער־מעכאַניזם"[2]. אָט די איינהייט פונעם ווילן און פון דער אַר־בעט פון מיליאָנען בויער פונעם סאָציאַליזם דאַרף זיכערן דער סאָ־ציאַליסטישער מלוכה־פּלאַן. „פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן מלוכהשן עקאָנאָמישן מעכאַניזם אין אַן איינהייטלעכער גרויסער מאַשין, אין אַ ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם, וואָס זאָל אַרבעטן אַזוי, אַז מיט הונדערטער מיליאָנען מענטשן זאָל אָנפירן איין פּלאַן, — אָט דאָס איז די גיגאַנטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבע, וואָס האָט זיך געלייגט אויף אונדזערע אַקסלען"[3]. — האָט געזאָגט לענין אויפן VII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין מערץ 1918 יאָר.

אָט דאָס זיינען די אידעען, וועלכע לענין האָט אַנטוויקלט פרי־לינג 1918 יאָר אין דער פראגע וועגן די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער סאָוויעטנמאַכט. דעם 26 אַפּריל טרעט ער אַרויס וועגן דער דאָזיקער פראגע אין צ. ק., וואָס באַווילִיקט זיינע טעזיסן. דעם 28 אַפּריל באַווייזט זיך אין „איזוועסטיאַ" לענינס באַרימטע אַרבעט „די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער סאָוויעטנמאַכט". אויף מאָרגן

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 143.
[2] לענין. ווערק, ב. XXII, ז. 420.
[3] דאָרטן, ז. 316.

האָט ער אַ פאָרטראַג וועגן דער זעלבער פראַגע אויף אַ זיצונג פון וציק.

לענינס טעזיסן זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער גאַנצער פאַרטייאישער און מלוכהשער ארבעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויונג. עס האָט גענומען פארווירקלעכט ווערן דער איבערגאַנג פון ארבעטער-קאָנטראָל צו אַרבעטער-פאַרוואַלטונג. דעם 28 יוני האָט לענין אונטערגעשריבן דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע גרויס-אינדוסטריע.

אומדערמידלעך שמידט לענין די שוץ פונעם סאָוויעטן-לאַנד. ער רופט די מאַסן אין דער פולער מאָס אויסצונוצן דעם אָטעם-אָיבערכאַפּ אויף צו שאַפן אַ שטאַרקע רויטע ארמיי.

נישט געקוקט דערויף, וואָס צווישן סאָוויעטן-רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָט עקזיסטירט אַ שלום-אָפּמאַך, האָבן זיך די דייטשישע אימפעריאַליסטן מיט אלע מיטלען געסטאַרעט אָפּצושוואַכן און אומברענגען דאָס סאָוויעטנלאַנד, און אַזויאַרום געבראָכן דעם דאָזיקן אָפּמאַך. די דייטשישע חילות האָבן פארכאַפּט אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַנדערע ראַיאָנען, האָבן אויפגעשטעלט אין די אָקופּירטע ראַיאָנען די בורזשואַז-פּריצישע אָרדענונג, האָבן גענומען ראַבעווען און אונטערדריקן דאָס אוקראַאינישע און ווייסרוסישע פאָלק, פארניכטן די דערפער, צעשיסן טויזנטער ארבעטער און פויערים.

לענין האָט אָן רחמנות געשטעמפּלט די דייטשישע אָקופּאַנטן אלס רויבער און באַנדיטן. „די דייטשישע רוצחים האָבן געשלאָגן אַ רעקאָרד אין פּרט פון בעסטיאַלישקייט פון זייערע מיליטערישע שחיטות“.[1] — האָט לענין געשריבן אינעם „בריוו צו די אַמעריקאַנער ארבעטער“. דאָס אוקראַאינישע און ווייסרוסישע פאָלק האָבן זיך אויפגעהויבן צו אַ פאַטערלענדישער באַפרייונגס-מלחמה קעגן די אויסלענדישע פארכאַפּער. אין די אָקופּירטע ראַיאָנען האָט זיך צעפלאַקערט דער פּאַרטיזאַנער-קריג, אַלץ עפטער פלעגן אויסברעכן באַוואָפנטע אויפשטאַנדן פון ארבעטער און פויערים. די ארמיי פון די אינטערווענטן האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער זיך פאַנאַנדערוואַקסנדיקער פאַטערלענדישער מלחמה.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII ז. 180.

די דאָזיקע מלחמה האָט אָפּגעשוואַכט די דייטשישע קריגס-מאַשין און האָט פאַרגיכערט די דעמאָראַליזאַציע אין דער דייטשישער אַרמיי. די אַרמיי פון די דייטשישע אָקופּאַנטן, האָט געזאָגט לענין, האָט זיך פאַרוואַנדלט „אין אַ באַנדע רויבער, מענטשן, וואָס באַגייען גוואַלדטאַטן איבער פרעמדע פעלקער"[1].

ווען די פרעך-געוואָרענע דייטשישע רוצחים און אוקראַינישע ווייסגוואַרדייער האָבן געפּרוווט אַריבערשפּאַנען די גרענעץ פון אוקראַינע און זיך אַ רוק טאָן ווייטער, האָט לענין געגעבן דעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר קריגס-אָנגעלעגנהייטן אַ פאַראָרדענונג „תיכּף אָננעמען אַלע פון אים אָפּהענגיקע מיטלען אויף צו באַשיצן די מזרח-גרענעצן פון כאַרקאָווער גובערניע". די קאָנקרעטע אָנווייזונגען האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט חבר סטאַלין. „וועגן די דעטאַלן רעדט זיך דורך מיט סטאַלינען", האָט אָנגעוויזן לענין אין זיין פאַראָרדענונג דעם קריגס-קאָמיסאַריאַט.

דיסקאָנטירנדיק די דערפאַרונג פונעם קאַמף קעגן די דייטשישע אָקופּאַנטן אין אוקראַינע, האָט זיך לענין דעם 2-טן יוני 1918 יאָר געווענדט צו אַלע אָרטיקע אָרגאַנען פון דער סאָוויעטנמאַכט מיט אַ פעסטער דירעקטיוו — פירן אַן אַנרחמנותדיקע אויסראָטונגס-מלחמה קעגן די אינטערווענטן און ווייסגוואַרדייער, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן סאָוויעטן-לאַנד.

„אין אוקראַינע האָט פּאַסירט נישט איין מאָל, אַז די פּויערים און אַרבעטער האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן אַרויספירן אָדער פאַרניכטן דאָס פאַרמעגן, האָפנדיק איינצוהיטן עס פאַר זיך. זיינען זיי האַרב באַשטראָפט געוואָרן. די אָנגעקומענע האָבן פאַרכאַפּט אַלץ: די תבואה, דאָס פי, די קוילן, מעטאַלן, מאַשינען און האָבן אַוועקגעפירט צו זיך. דער ביישפּיל פון אוקראַינע דאַרף דינען אַלס אַ שרעקלעכע לערע פאַר גאַנץ רוסלאַנד"[2].

לענין האָט גערופן די גאַנצע באַפעלקערונג פון די באַדראָטע ראַיאָנען נישט איבערלאָזן דעם שונא קיין דערנערונג, באַצייטנס אַרויספירן אין הינטערלאַנד די תבואה, אַוועקפירן דאָס פי. אין דער ערשטער ריי אַרויספירן די קריגס-רעזערוון, די מאַשינען, די אויסשטאַטונג, אַוועקפירן די לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס, צענעמען די

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 80.
[2] „פּראַוודאַ" נומ. 54, 23 פעברואַר 1942 יאָר.

רעלסן, אויפרייסן די בריקן, פאַרברענען אַלץ, וואָס מע קאָן נישט אַרויספירן, פאַרניכטן די וועלדער און די פאַרזייען, פאַרגראָבן אין דער ערד די נישט אַרויסגעפירטע מעטאַלן.

„מיט אַלע כוחות און מיטלען באַשווערן דעם שונא גיין פאָרויס. איינאָרדענען לויערונגען. קעמפן מיט פייער־געווער און קאַלט געווער.

זיכערן זיך דאָס הינטערלאַנד. און מיט דעם ציל אויסראָטן אַלע ביז איינעם שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרן, ווייסגוואַרדייער, קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּאַרטעטער, וואָס העלפן דעם שונא דירעקט אָדער אומדירעקט"[1].

לענינס דירעקטיוון האָבן אויפגעהויבן די מאָבילוזיר־גרייטקייט פון די אַרבעטנדיקע. אויספילנדיק לענינס אָנווייזונגען, האָבן די אַרבעטער און פּויערים געשאַפן אין די אָקופּירטע ראַיאָנען אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַר די שונאים. דאָס באַוואָפנטע פאָלק האָט אינגיכן פאַרטריבן פון דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד די דייטשישע אַרמיי פון רויבער און פאַרגוואַלדיקער.

אַ סך כוחות גיט לענין אָפּ דער דערנערונגס־פראַגע. אין מאַי—יוני 1918 יאָר, האָט זי זיך געשטעלט אויפן ערשטן אָרט. אויפן לאַנד האָט זיך אָנגערוקט די געפאַר פון הונגער. די בעלי־גופים און ספּעקולאַנטן האָבן באַהאַלטן די תבואה, דורך הונגער האָבן זיי געהאָפט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. אין דאָרף האָט געפלאַקערט דער קאַמף פון דער אָרעמשאַפט קעגן בעלי־גופּנטום.

לענין ווענדט זיך מיט אַ הייסן רוף צום אַרבעטער־קלאַס, און דער ערשטער ריי צו די פּעטראָגראַדער אַרבעטער. כדי צו אָרגאַניזירן די אָרעמשאַפט און דערפאָלגרייך פירן אַ קאַמף קעגן בעלי־גופּנטום, דערקלערט ער אַ מאַרש פון די אַרבעטער אין דאָרף אַריין.

„חברים אַרבעטער! — האָט געשריבן לענין. — געדענקט, אַז די לאַגע פון דער רעוואָלוציע איז אַ קריטישע. געדענקט, אַז ראַטעווען די רעוואָלוציע קאָנט איר נ אָ ר — מער קיינער.

צענדליקער טויזנטער אָפּגעקליבענע, פאָרגעשריטענע, דעם סאָציאַליזם איבערגעגעבענע אַרבעטער, וואָס זיינען נישט פעיק איינצוגיין אויף כאַבאַר און גנבה, וואָס זיינען פעיק צו שאַפן אַן אייזער-

[1] „פּראַוודאַ" נומ. 54, 23 פעברואַר 1942 יאָר.

נע קראַפט קעגן די בעלי־גופים, ספעקוליאַנטן, מאַראָדערן, כּאַבאַר־ניקעס, דעזאָרגאַניזאַטאָרן, — אַט וואָס עס איז נייטיק".[1]

לענין האָט געפאָדערט אַ קאַמף אָן רחמנות קעגן דעם בעלי־גופנטום. „די בעלי־גופים — דאָס איז אַ צעיושעטער שונא פון דער סאָוויעטנמאַכט"; האָט ער געשריבן. „אָן אָנרחמנותדיקע מלחמה קעגן די דאָזיקע בעלי־גופים! אַ טויט זיי!"[2] לענין האָט דערקלערט פאַר שונאים פון פאָלק די אייגנטימער פון תבואה, וואָס האָבן מוסרות און גיבן זיי נישט אָפּ דער מלוכה צו פעסטע פרייזן. לויט זיין פאָרשלאָג ווערט אייגעפירט די האַרבסטע דערנערונגס־דיקטאַטור, וואָס פאַרווירקלעכט האָט זי דער אַפּאַראַט פון אַ ספּעציעלן פאָלקאָמאַט — דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דערנערונג (נאַרקאָמפּראָד). מיט לענינס און סווערדלאָווס אונטערשריפטן איז דעם 11 יוני פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער דעקרעט וועגן די אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן (קאָמבעדן).

דער גורל פון דער רעוואָלוציע איז געווען אָפּהענגיק פון דער לייזונג פון דער פראַגע וועגן ברויט. „דער קאַמף פאַר ברויט איז אַ קאַמף פאַרן סאָציאַליזם", — האָט געזאָגט לענין. דער אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן קאַמף איז אין דער ערשטער ריי געווען געלייגט אויף די רייכע תבואה־פעלדער פון דרום־רוסלאַנד. די פאַרטיי און די רעגירונג שיקן אַהין דעם חבר סטאַלין. דעם 29 מאַי 1918 יאָר, ווערט חבר סטאַלין באַשטימט פאַרן אָנפירער פונעם דערנערונגס־וועזן אין דרום־רוסלאַנד, ער באַקומט ספּעציעלע פולמאַכטן. דעם 6 יוני קומט ער צופאָרן קיין צאַריצין. לענין האַלט פאַר נייטיק מודיע צו זיין די אַרבעטער און פויערים וועגן די רעזולטאַטן פון סטאַלינס ענערגישער אַרבעט. אין דער ווענדונג פונעם ראַטפאָלקאָם צו אַלע אַרבעטנדיקע, האָט לענין דעם 10 יוני געשריבן: „די רוסישע, פראַנצויזישע און טשעכאָסלאָוואַקישע אימפּעריאַליסטן וועט זיך נישט איינגעבן צו נעמען די רעוואָלוציע מיט הונגער. צו הילף דעם הונגעריקן צפון קומט דער דרום־מזרח. דער פאָלקס־קאָמיסאַר סטאַלין, וואָס געפינט זיך אין צאַריצין און פירט אָן פון דאָרט מיט דער דערנערונגס־אַרבעט אויפן דאָן און אין קובאַן, טעלעגראַפירט אונדז וועגן קאָלאָסאַלע

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 25.

[2] דאָרטן, ז. 206, 207.

ברויט־דיזערזשן, וועלכע ער האָפט אין די נאָענטסטע וואָכן אַריבער־צושיקן קיין צפון".[1]

זשבר סטאַלין שיקט פון דרום צוגן מיט תבואה, פלייש, פיש פאַר די הונגעריקע אַרבעטער פון פּעטראָגראַד, מאָסקווע און אַנדערע אינ־דוסטריעלע צענטערס.

דער מאַרש פון די אַרבעטער אין דאָרף אַריין און די אָרגאַני־זירונג פון די אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן האָבן פאַרפעסטיקט די סאָ־וויעטנמאַכט אין דאָרף און האָבן געהאָלפן די מיטל־פּויערים זיך געמען פאַרטיידיקן די דאָזיקע מאַכט קעגן די בעלי־גופים, ווייס־גוואַרדייער און אינטערווענטן.

פאַרן בעלי־גופנטום האָבן זיך אָנגענומען די „לינקע" עסערן. זיי האָבן פונאַנדערגעוויקלט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן לעניגען און קעגן דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, קעגן דער סאָוועטישער רע־גירונג.

דעם 4 יולי 1918 יאָר האָט זיך געעפנט דער V סאָוועטן־צו־זאַמענפאָר.

געשטיצט פון די „לינקע קאָמוניסטן" האָבן די „לינקע" עסערן אויפן צוזאַמענפאָר געפאָדערט דערקלערן דייטשלאַנד מלחמה. זיי האָבן געפרוווט אָנשרעקן די באָלשעוויקעס דערמיט, אַז אויב דער ברעסקער שלום וועט תיכף נישט צעריסן ווערן, וועט אים דאָס „פאָלק" אַליין צערייסן. זיי האָבן געפאָדערט אויפהערן דעם קאַמף קעגן בעלי־גופנטום און אָפּזאָגן זיך פון שיקן די דערנערונגס־אָט־ריאַדן פון אַרבעטער אין דאָרף אַריין. לענין האָט זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן קיין שום באָדן נישט אין פאָלק, „זייער זאַך איז אין פאָלק האָפנונגסלאָז!", דער בונד פון אַרבעטער און פּויערים ווערט וואָס אַ טאָג פעסטער און „קיין שום היסטערישע קולות קעגן אונדזער פאַרטיי וועלן נישט צערייסן דעם דאָזיקן בונד".[2]

איבערצייגט זיך אין זייער פולשטענדיקן דורכפאַל אויפן צוזאַ־מענפאָר האָבן די „לינקע" עסערן דעם 6 יולי אויפגעהויבן אַ בונט קעגן דער סאָוועטנמאַכט. זיי האָבן געפרוווט פּראָוואָצירן אַ מלחמה פון דייטשלאַנד קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד און האָבן דעריבער אין מאָס־קווע דערהרגעט דעם דייטשישן געזאַנדטן מירבאַך. אין דער פאַר־

[1] „פּראַוודאַ" נומ. 116, 11 יוני 1918 י.
[2] לענין. ווערק, XXIII, ז. 116, 130.

שווערונג קעגן דער סאָוויעטישער רעגירונג האָבן צוזאַמען מיט די „לינקע" עסערן זיך באַטייליקט די בוכאַרינאָווצעס און טראָצקיסטן. זיי האָבן געוואָלט אַראָפּרייסן דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אומברענגען די סאָוויעטנמאַכט. לענין נעמט תיכּף אָן די סאַמע ענערגישע מיטלען צו ליקווידירן דעם בונט. צו אַלע ראַיאָנווע פּאַרטיי-קאָמיטעטן, צו אַלע ראַיאָנאָווע סאָוויעטן, צו אַלע שטאַבן פון דער רויטער אַרמיי שיקט ער פאַנאַנדער אַ טעלעפאָנאָגראַמע. לענין פאָדערט „מאָביליזירן אַלע קרעפטן, אויפהייבן תיכּף אויף די פיס אַלץ אויף צו פאַקן די פאַרברעכער".[1] דער בונט איז דערשטיקט געוואָרן בוכשטעבלעך אין משך פון עטלעכע שעה.

אין דער זעלבער צייט שפּירט לענין וואַכזאַם נאָך די אינטריגעס פון די דייטשישע אימפּעריאַליסטן, וואָס האָבן געפּרוּווט אויסנוצן דעם אינצידענט מיט מירבאַכן אויף מאַכן אַן אינטערווענץ. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דעם דייטשישן רויבער געגעבן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד. אויף דער פאָדערונג פון דער דייטשישער רעגירונג דורכלאָזן קיין מאָסקווע אַ באַטאַליאָן דייטשישע סאָלדאַטן כלומרשט אויף צו באַוואַכן די געזאַנדשאַפט, האָט לענין געענטפערט, אַז אַריינפירן דייטשיש מיליטער קיין מאָסקווע וואָלט געהייסן „אָנהייבן אָקופּירן רוסלאַנד דורך פרעמדלענדישן מיליטער" און ער האָט געוואָרנט די פרעך-געוואָרענע דייטשישע אימפּעריאַליסטן, אַז אויף אַזאַ טריט וועט די סאָוויעטישע רעגירונג ענטפערן מיט אַן „אינטענסיווער מאָביליזאַציע, מיט רופן אַלע ביז איינעם דערוואַקסענע אַרבעטער און פּויערים צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד... די אַרבעטער און פּויערים פון רוסלאַנד וועלן האַנט ביי האַנט מיט דער סאָוויעטנמאַכט פירן די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע מלחמה ביזן לעצטן אָטעם-צוג".[2]

וועגן דעם בונט פון די „לינקע" עסערן אינפאָרמירט לענין גלייך סטאַלינען, וועלכער האָט זיך געפונען אין צאַריצין. „מיר ליקווידירן נאָך היינט ביינאַכט אָן רחמנות און וועלן זאָגן דעם פאָלק דעם גאַנצן אמת: מיר זיינען ערב מלחמה... אומעטום מוז מען אָן רחמנות דערשטיקן די דאָזיקע נעבעכדיקע און היסטערישע אַוואַנטוריסטן, וואָס זיינען געוואָרן אַ געצייג אין די הענט פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערן".

---

1 לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 485.

2 לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 143.

דערויף האָט חבר סטאַלין געענטפערט: „וואָס איז שייך די היסטאָריקער — זייט זיכער, די האַנט ביי אונדז וועט קיין ציטער נישט טאָן. מיט די שונאים וועלן מיר האַנדלען ווי שונאים".[1]

דער V סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט. אויפן צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון רספסר — די ערשטע סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע, אין פאַנאַנדעראַרבעטן זי האָבן דעם סאַמע אַקטיוון אָנטייל גענומען לענין, סטאַלין און סווערדלאָוו. מיטן אָננעמען די קאָנסטיטוציע האָט זיך פאַרענדיקט אַ גאַנצער היסטאָרישער עטאַפּ אין דער בויונג פון דער סאָוויעטישער מלוכה. מיט דער גרעסטער פרייד און שטאָלץ, האָט לענין געשריבן צו קלאַרא צעטקין אין יולי 1918 יאָר: „מע האָט מיר נאָר וואָס געבראַכט דעם נייעם מלוכה־שטעמפּל. אָט איז אָן אָפּדרוק. די אויפשריפט איז אַזאַ: רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוויעטישע רעפּובליק. פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!".[2]

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אָנרוקן די באַוואָפנטע אינטערווענץ פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות קעגן דעם סאָוויעטנלאַנד. פון סוף מאַי אָנהייב יוני, האָבן זיך אַלץ שאַרפער געלאָזט מערקן די סימנים דערפון, אַז דער אַטעם־איבערכאַפּ ווערט איבערגעריסן. אין דעם זעלבן בריוו צו קלאַרא צעטקין, ווייזט לענין אָן: „מיר לעבן דאָ איצט, מעגלעך, איבער די שווערסטע וואָכן פון דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע. דער קלאַסנקאַמף און דער בירגערקריג זיינען אַריינגעדרונגען אין דער טיף פון דער באַפעלקערונג: אומעטום איז די דערפער איז אַ שפּאַלטונג — די אָרעמשאַפט איז פאַר אונדז, די בעלי־גופים ווילד קעגן אונדז. די אַנטאַנטע האָט געקויפט די טשעכאָסלאָוואַקן, עס בושעוועט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד, די גאַנצע בורזשואַזיע ווענדט אָן אַלע כוחות אונדז אַראָפּצוּוואַרפן. און פונדעסטוועגן גלייבן מיר פעסט, אַז מיר וועלן אויסמיידן דעם דאָזיקן „געוויינלעכן" (ווי אין די יאָרן 1794 און 1849) גאַנג פון דער רעוואָלוציע און מיר וועלן באַזיגן די בורזשואַזיע".

די סאָוויעטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט נישט געהאַט דעם „געוויינלעכן" גורל פון די אייראָפּעישע רעוואָלוציעס פון XVIII

[1] „באָלשעוויק", 1936, נר. 2, ז. 74.

[2] לענין־זאַמלונג XXI, ז. 249.

און XIX יאָרהונדערט. די רעוואָלוציע האָט עס אין דער ערשטער-
ריי צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס מיט איר האָט מיט אַ פֿעסטער-
האַנט אָנגעפֿירט די אויסגעפּרוווטע און אין שלאַכטן פֿאַרהאַרטעווע-
טע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי באָלשעוויקעס בראש מיט אַזאַ פֿירער,
ווי לענין.

XI

לענין האָט קלאָר געזען, אַז דער פרידלעכער אָטעם-איבערכאַפּ האָט זיך געענדיקט. אויף דער פאַראייניקטער זיצונג פון וציק, מאָסקווער סאָוועט, די פאַבריק-זאַוואָדישע קאָמיטעטן און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון מאָסקווע, איז ער דעם 29 יולי 1918 יאָר אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע, געווידמעט דער צווישנפעלקערלעכער און אינערלעכער לאַגע פון דער רעפּובליק. ער האָט געזאָגט: אַלס הויפּט-פראַגע, אַלס גרונט-פראַגע פון דער רעוואָלוציע האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט אויף דער סצענע די קריגס-פראַגע, די פראַגע וועגן די קריגס-געשעענישן... די גאַנצע פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטישער רעפּובליק, די גאַנצע פראַגע פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע ליגט איצט אין דער קריגס-פראַגע... מיר האַלטן מלחמה, און דער אויסגאַנג פון דער דאָזיקער מלחמה וועט לייזן דעם גורל פון דער רעוואָלוציע. דאָס דאַרף ווערן דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט פון אונדזער גאַנצער פּאָליטישער, רעוואָלוציאָנערער און איבערגעשטאַלטערישער טעטיקייט... מיר מוזן אָנשטרענגען אַלע אונדזערע כוחות און רופן אַלעמען צום געווער.[1]

זומער 1918 יאָר, איז די לאַגע פון דער סאָוועטישער רעפּובליק געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. די אויסלענדישע און אינערלעכע קאָנטררעוואָלוציע האָט זיך פאַראייניקט אין קאַמף קעגן דער סאָוועטנמאַכט. די אויסלענדישע אינטערווענטן — ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַן, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָט זיך דערמלט איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן דריי פערטל פון אונדזער לאַנד. צייטווייליק האָבן מיר געהאַט פאַרלוירן אוקראַינע און קאַווקאַז, סיביר און דעם ווייטן מזרח, אוראַל און מיטל-אַזיע. אין צענטער פונעם לאַנד האָבן

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 160, 161—162.

גענומען אויסברעכן בעלי־גופישע בונטן. אַ פייערדיקער רינג האָט אַרומגערינגלט סאָוויעטן־רוסלאַנד. אָפּגעשניטן פון זיינע גרונט־ראַיאָנען פון דערנערונג, רויוואַרג און הייצוואַרג, האָט רוסלאַנד איבערגעלעבט אַ שווערן הונגער און אַ קאָלאָסאַלן אינדוסטריעלן חורבן. עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר.

לענין נעמט זיך ענערגיש צום אָרגאַניזירן די לאַנד־שוץ. ער ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאַרטיי, פונעם אַרבעטערקלאַס, פון די פאָלקס־מאַסן אויף די פראַגן פון מלחמה. אין אַרטיקלען, ווענדונגען, פאַרטראַגן, רעדעס, שטעלט ער אַרויס דעם לאָזונג: „אַלץ פאַרן פראָנט"!, און ער רופט די מאַסן אָנשטרענגען אַלע קרעפטן אין קאַמף קעגן די ענגליש־פראַנצויזישע אינטערווענטן און קעגן די ווייסגוואַרדייער. ער דערמוטיקט די אַרבעטער צו העלדנטאַטן אין קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן היימלאַנד. ער באַזוכט אָפט די זאַוואָדן, עס טרעפט, אַז אין משך פון טאָג טרעט ער אַרויס אויף דריי־פיר מיטינגען. און דאָס אַלץ — חוץ די כמעט טאָג־טעגלעכע זיצונגען פונעם ראַטפאָלקאָם און אַ ריי זיצונגען פונעם צ.ק., חוץ דער קאָלאָסאַלער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון אָנפירן מיט דער פאַרטיי און מיט דער מלוכה.

מיט אַבסאָלוטער ריכטיקייט האָט לענין אַלעמאָל געקענט באַשטימען די הויפט־געפאַר, וואָס האָט געדראָט דער פראָלעטאַרישער מלוכה, דעם הויפט־פראָנט, וו עס ווערט געלייזט דער גורל פונעם לאַנד, רעכטצייטיק מאָביליזירן אַלע מענטשן־רעזערוון און מאַטעריעלע מיטלען צו ליקווידירן די געפאַר, צו באַזיגן דעם שונא.

די שעפער פון דער רויטער אַרמיי, אירע דערציער זיינען געווען לענין און סטאַלין, פרונזע און וואָראָשילאָוו. לענין און סטאַלין, פרונזע און וואָראָשילאָוו האָבן אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט דער לאַנד־שוץ צוזאַמען מיט די בעסטע טוער פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. אומעטום, וו עס פלעגט זיך אויף די פראָנטן לייזן דער גורל פון דער רעוואָלוציע, פלעגט לענין, די פאַרטיי שיקן די חברים סטאַלין, פרונזע, וואָראָשילאָוו — די אָרגאַניזאַטאָרן פון די וויכטיקסטע זיגן פון דער רויטער אַרמיי.

דעם 15 (28) יאַנואַר 1918 יאָר, האָט לענין אונטערגעשריבן דעם דעקרעט וועגן שאַפן די אַרבעטער־פויערישע רויטע אַרמיי לויטן

פּרינציפּ פון פּריווילעגירטקייט. אַצינד ווערט, לויט לענינס אָנווייזונג, די רויטע אַרמיי איבערגעבויט אין אַ רעגולערער אַרמיי מיט אַ פעסטער מיליטערישער דיסציפּלין, עס ווערט דערקלערט אָבליגאַטאָרישע מיליטער-פּליכט, עס ווערט אָפּגעשאַפט די געוויילטקייט פונעם קאָמאַנדירן-באַשטאַנד, עס ווערן צוגעצויגן אַלטע מיליטערישע ספּעציאַליסטן, עס ווערן געעפנט די ערשטע קורסן פאַר רויטע קאָמאַנדירן פון צווישן די אַרבעטער און פּויערים, עס ווערט איינגעפירט די אינסטיטוציע פון מיליטערישע קאָמיסאַרן.

לענין האָט געגרייט דאָס לאַנד צו אַ דויערנדיקן און ערנסטן בירגערקריג קעגן די אויסערלעכע שונאים פון דער סאָוויעטנמאַכט. אין אָקטאָבער 1918 יאָר, האָט ער געשטעלט אַן אויפגאַבע: צו פרילינג 1919 יאָר האָבן אַן אַרמיי פון 3 מיליאָן מאַן. און די דאָזיקע אויפגאַבע איז דערפאָלגרייך געלייזט געוואָרן: אין 1919 יאָר, האָט זיך אונטער דער ביקס געפונען ביז דריי מיליאָן רויט-אַרמייער.

אַלע כוחות און מיטלען זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף דער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ זיגרייכע מלחמה. „וויבאַלד מלחמה, איז זאָל זיין ווי ס'פּאַסט אויף מלחמה", — די דאָזיקע פאָדערונג לענינס ווערט פעסט און קאָנסעקווענט דורכגעפירט אויף אַלע געביטן פונעם לעבן. דאָס לאַנד איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ קריגס-לאַגער, דאָס גאַנצעווירטשאַפטלעכע און קולטור-פּאָליטישע לעבן איז איבערגעבויט געוואָרן אַנטשפּרעכיק צו די מלחמה-באַדערפענישן. חוץ דער קאָנטראָל איבער דער גרויס-אינדוסטריע, איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאָנטראָל איבער דער מיטלער און קליינער אינדוסטריע, עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ ברויט-מאָנאָפּאָל, עס איז פאַרבאָטן געוואָרן די „פּראָדראַזוויאָרסטקע", עס איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע אַרבעטס-פּליכט לויטן פּרינציפּ: „ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט".

צו מאָביליזירן אַלע רעסורסן פאַר דער לאַנד-שוץ איז געשאַפן געוואָרן דער ראַט פאַר אַרבעטער- און פּויערים-שוץ. בראש פונעם ראַט איז געשטאַנען לענין. זיין פאַקטישער פאַרטרעטער איז געווען סטאַלין.

לענינס אַבסאָלוטע זיכערקייט אין זיג, זיין אייזערנער ווילן און גיגאַנטישע ענערגיע האָבן באַהעפט די מאַסן אין אַן אומבאַזיגבאַרער און אַלץ-צעשמעטערנדיקער קראַפט. אָנגעפירט פון לענינען, האָט די פּאַרטיי באַלשעוויקעס אויפגעהויבן דאָס פאָלק צו אַ פּ אַ-

ט ע ר ל ע נ ד י ש ע ר מ ל ח מ ה קעגן די אויסלענדישע אינטערווענטן און קעגן די בורזשואז-פריצישע ווייסגווארדייער. „אונדזער מלחמה איז א גערעכטע, א געזעצלעכע און אומפארמיידלעכע פארטיידיקונג“[1] — האט לענין געזאגט.

אלע זיינע כוחות גיט לענין אפ דער ארבעט פון ארגאניזירן די לאנד-שוץ. ער זעט איין, אז באגלייך מיטן באוואפענען די ארמיי איז נייטיק אין דער ערשטער ריי „ארגאניזירן ווי געהעריק דאס דערנערונגס-וועזן“. דער דערנערונגס-פראגע גיט לענין אפ קאלאסאל פיל אויפמערקזאמקייט.

די גאנצע ארבעט פונעם פאלקס-קאמיסאריאט פאר דערנערונג, אנגעהויבן פון אויסארבעטן די אלגעמיינע פרינציפן און ביזן געבן קאנקרעטע און דעטאלע אנווייזונגען פאר באזונדערע ראיאנען און באזונדערע טוער, האט זיך געפונען אונטער לענינס שטרענגער אויפזיכט. ער האט אוממיטלבאר מיט איר אנגעפירט.

די לאגע מיט דער דערנערונג איז געווען אן אויסשליסלעך אנגעשטרענגטע. דער הונגער האט געפייניקט די ארבעטער. אין א שמועס דורכן דירעקטן קאבעל מיט סטאלינען, וואס האט זיך געפונען אין צאריצין, האט לענין דעם 24 יולי געזאגט: „וועגן דערנערונג דארף איך זאגן, אז היינט גיט מען בכלל נישט ארויס נישט אין פעטראגראד, נישט אין מאסקווע. די לאגע איז גאר א ביטערע. טיילט מיט, צי קאנט איר אננעמען עקסטרע מיטלען, ווייל חוץ פון אייך איז נישטא פון וואנען צו באקומען“. דעם זעלבן טאג שיקט ער סטאלינען א טעלעגראמע: „שיקט פיש, פלייש, גרינס, בכלל אלע פראדוקטן, וואס מע קאן נאר, און וואס מער“[2]. און אט זיינען קיין צפון — קיין מאסקווע, פעטראגראד, איוואנאווא-וואזנעסענסק און אין אנדערע ארבעטער-צענטערס אוועק צענדליקער מארשרוט-צוגן מיט דערנערונג, ארגאניזירט פון חבר סטאלין.

לענין האט אנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט צו דער לאגע אין צאריצין. אויב די ווייסע וואלטן גענומען צאריצין, וואלט עס אפגעשניטן די רעפובליק פון די לעצטע ברויט-רעסורסן און פונעם באקוער נאפט, די דאנער קאנטררעוואלוציע וואלט זיך פאראייניקט מיט דער טשעכאסלאוואקישער, כדי אין איין געמיינזאמען פראנט

---

1. לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 221.
2. לענין-זאמלונג XVIII ז. 193, 196.

צו גיין אויף מאָסקווע. באַגלייך מיטן אָרגאַניזירן די באַזאָרגונג פון די הונגערנדיקע הויפּט־שטעט מיט דערנערונג, האָט זיך חבר סטאַלין באַשעפטיקט מיט דער פאַרטיידיקונג פון צאַריצין. דעם 31 אויגוסט 1918 יאָר האָט חבר סטאַלין געשיקט צו לענינען פאָלגנדיקן בריוו:

„טייערער חבר לענין! עס גייט אַ קאַמף פאַרן דרום און פאַרן קאַספּישן ים. כדי דער דאָזיקער גאַנצער ראַיאָן זאָל בלייבן ביי אונדז (און ער קאָן בלייבן ביי אונדז!), מוז מען האָבן עטלעכע לייכטע מינענטרעגער און אַ צוויי אונטערוואַסער־שיפן. איך בעט אייך זייער צונישט מאַכן אַלע שטערונגען און דערמיט פאַרלייכטערן — אַ רוק טאָן פאָרויס די פראַגע וועגן באַקומען תיכף דאָס, וואָס מיר פאָדערן. באַקו, טורקעסטאַן, צפון־קאַווקאַז וועלן זיין (אומבאַדינגט) אונדזערע, אויב די פאָדערונגען וועלן תיכף באַפרידיקט ווערן. אונדזערע געשעפטן אויפן פראָנט גייען גוט. איך צווייפל נישט, אַז זיי וועלן גיין נאָך בעסער (דאָס קאָזאַקנטום ווערט ענדגילטיק דעמאָראַליזירט). איך דריק די האַנט מיין טייערן און ליבן איליטש. אייער סטאַלין“.[1]

באַקומען חבר סטאַלינס בריוו, האָט וולאַדימיר איליטש אויסגעשטראָכן די ווענדונג און די לעצטע שורה, וואָס האָבן אַ שייכות צו אים פּערזענלעך, האָט איבערגעמאַכט דעם אַדרעס, האָט אַוועקגעשטעלט אונטער דעם דאָזיקן בריוו זיין אונטערשריפט און האָט אים תיכף אָפּגעשיקט אַלס באַפעל וועגן איבערגעבן דער שטאָט צאַריצין מינענטרעגער און אונטערוואַסער־שיפן. דערמוטיקטע, אָרגאַניזירטע און אָנגעפירטע פונעם חבר סטאַלין, האָבן די אַרבעטער און פויערים איינגעהאַלטן דעם רויטן צאַריצין, וואָס טראָגט איצט מיט רעכט דעם נאָמען — סטאַלינגראַד.

ווען לענין האָט באַקומען חבר סטאַלינס בריוו, איז ער געלעגן אַ שווער פאַרווונדעטער. דער גאַנצער האַס און די גאַנצע שנאה פון די אימפּעריאַליסטן און פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף לענינען. די קאָנטררעוואָלוציאָנערן האָבן געגרייט אַ גרויסע פאַרשווערונג, וואָס איר צענטראַלער פונקט איז געווען — דערמאָרדן לענינען. די צעיושעטע מערדער די טעראָריסטן האָבן אומעטום נאָכ־

---

[2] „באָלשעוויק“, 1938, נומ. 2 ז. 70.

געשפּירט, געטשאַטעוועט אויף לענינען. דעם 30 אויגוסט 1918 יאָר איז לענין ארויסגעטרעטן פאַר די ארבעטער פונעם באַסמאַנער ראַיאָן, און דערנאָך איז ער אוועקגעפאָרן צו מיכעלסאָנס זאוואָד (איצט זאוואָד אויף וולאַדימיר איליטשעס נאָמען) אין זאַמאָסקוואָרעטשער ראַיאָן. ווען לענין איז נאָכן ארויסטרעטן אויפן מיטינג צוגעגאַנגען צו זיין אויטאָמאָביל, האָט די עסערקע — די טעראָריסטקע קאַפּלאַן אויסגעשאָסן אין אים. לענין האָט באַקומען צוויי שווערע וואונדן, די קוילן זיינען געווען אויסגעקארבט און אָפּגעסמט. ווי עס איז קלאָר געוואָרן שפּעטער, אויף די געריכטס־פּראָצעסן איבער דער רעכט־טראָצקיסטישער „באַנדע" שונאים פון פאָלק, האָבן זיך צוזאמען מיט די עסערן אין דעם דאָזיקן רוצחישן אַטענטאַט אויף לענינען באַטייליקט טראָצקי, בוכארין און זייערע נאָכטענצער. אין משך פון עטלעכע טעג איז לענינס לעבן געווען אין גרויס געפאַר. יעדן טאָג האָבן זיך אין די צייטונגען געדרוקט ביולעטינען וועגן זיין געזונט־צושטאַנד. די ארבעטער און פּויערים פון סאָוויעטנרוסלאַנד, די ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט האָבן מיט גרויס אומרו נאָכגעשפּירט נאָך דער קראַנקייט פון זייער פירער. אין די פאַבריקן און זאוואָדן, אין די דערפער, אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד — אומעטום זיינען ארויסגעטראָגן געוואָרן צאָרנדיקע רעזאָלוציעס מיט דער פאָדערונג אָן רחמנות אָפּצורעכענען זיך מיט די טעראָריסטן, מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערן, מיט דער בורזשואַזיע. „אויפן ווייסן טעראָר ענטפערן מיט רויטן טעראָר!" — דאָס איז געווען די פאָדערונג און דער ווילן פונעם פאָלק.

דעם 2 סעפּטעמבער האָט דער וּציק לויט סווערדלאָווס פאָרשלאָג וועגן דעם אַטענטאַט אויף לענינען אָנגענומען א באַשלוס וועגן רויטן טעראָר קעגן דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע און אירע אַגענטן. די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען צעשמעטערט געוואָרן.

גרויס איז געווען די ליבע פונעם פאָלק צו לענינען. בעת לענין איז געווען קראַנק, האָבן זיך די ארבעטער, פּויערים, רויטאַרמייער באַאומרואיקט, צי האָט ער אַלץ, וואָס ער דאַרף, צי הונגערט ער נישט און האָבן אים צוגעשיקט פּראָדוקטן פון זייערע אָרעמע פּאַרציעס. פיל האָבן פאָרגעלייגט זייער בלוט אויף איבערצוגיסן דעם קראַנקן לענין. אין זייערע רירנדיקע בריוו האָבן די ארבעטנדיקע געבעטן ביי לענינען, אז ער זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן די שונאים צו דערצערענען, אַלע אַרבעטנדיקע צו דערקוויקן.

אין די טעג, ווען לענין איז געלעגן קראַנק, אַנטוויקלט זיך דער־פאַלגרייך דער אַנגריף פון דער יונגער רויטער ארמיי אין מזרח.די שלאַכט־לייט, וואָס האָבן פארנומען סימבירסק, האָבן געשיקט לע־נינען א טעלעגראַמע:

„טייערער איליטש! דאָס איינגענומען דיין היים־שטאָט סימ־בירסק איז אן ענטפער פאר איין ווונד דיינער, און פאר דער צוויי־טער זאָגן מיר צו סאמארע".

לענין האָט זיי געענטפערט:

„דאָס איינגענומען סימבירסק — מיין היים־שטאָט — איז די טייערסטע, די בעסטע רפואה פאר מיינע ווונדן. איך פיל אן אומ־גערעגעלטע צופלוס פון מונטערקייט און פון כוח. איך באַגריס די רויטאַרמייער מיטן זיג און אין נאָמען פון אלע ארבעטנדיקע דאַנק איך זיי פאר אלע זייערע קרבנות".

אין דריי וואָכן ארום איז איינגענומען געוואָרן אויך סאמארע.

טראָץ די שווערע ווונדן, האָט לענינס מעכטיקער ארגאניזם שנעל, אין משך פון צוויי וואָכן, גובר געווען די קראַנקייט, דעם 16 סעפּטעמבער האָט שוין לענין אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פון צ. ק. פון דער פאַרטיי. דעם 17 סעפּטעמבער איז ער געווען פאָרזיצער אויף דער זיצונג פון ראַטפאָלקאָם.

גרויס איז געווען די שמחה פון פאָלק, ווען לענין איז געזונט געוואָרן. טויזנטער באַגריסונגען פון ארבעטער, פויערים, רויטאַר־מייער האָט לענין באַקומען פון אלע עקן לאַנד.

דער פירער איז ווידער ביים רודער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ער פירט אָן מיט דער לאַנד־שוץ, צוזאַמען מיט סטאַלי־נען ארבעט ער פאַנאַנדער די פּלענער פון די קריגס־אָפּעראַציעס, שיקט דירעקטיוון אויפן פראָנט, קאָנטראָלירט, ווי עס ווערן אויס־געפילט די באַשלוסן פון דעם שוצראַט. ער שפירט נאָך נאָך דעם, ווי עס גייען די צוגן מיט דערנערונג, רוּיוואַרג, הייצוואַרג, ווי עס ווערן באַזאָרגט די ארמיי און די אינדוסטריעלע צענטערן, ווי עס ארבעט די אינדוסטריע און דער מלוכה־אַפּאַראַט.

אָנפירנדיק מיט דער סאָוועטישער מלוכה, פאַראַלגעמיינערט לענין טעאָרעטיש איר גיגאַנטישע פּראַקטישע דערפאַרונג. אין אָק־טאָבער—נאָוועמבער 1918 יאָר שרייבט ער דאָס בוך „די פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי". די פאַרניכטנ־דיקע קראַפט פון זיין צאָרן און פאַראַכטונג ווענדט לענין קעגן דעם

„האַפּינירטן לאַקיי" פון דער בורזשואַזיע — קאַוטסקי און קעגן אַנ־דערע לידערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל — די טרייע הינט פו־נעם אימפּעריאַליזם. ער באַרייכערט דעם מאַרקסיזם מיט דער לע־רע וועגן דער סאָוויעטישער מלוכה, גיט אַ מייסטערהאַפטן אַנאַליז פון דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, באַווייזט דעם גרונט־אונטערשיד צווישן דער פּראָלעטאַרישער דע־מאָקראַטיע און דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, באַווייזט, אַז די „סאָוויעטנמאַכט איז אין אַ מיליאָן מאָל דעמאָקראַטישער פון דער באַמע דעמאָקראַטישער בורזשואַזער רעפּובליק"[1]. לענינס בוך איז אַ העכסט ווערטפולער ביישטייער אינעם אוצר פונעם מאַרקסיזם.

דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן די אַרבעטנדיקע געפייערט אין שווערע באַדינגונגען. דריי פערטל פון אונדזער לאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אין די הענט פון די אויס־לענדישע אינטערווענטן. די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן און ווייס־גוואַרדייער האָבן אויף קיין איין רגע נישט געלאָזט צו רו די סאָוויעטישע רעפּובליק. זי האָט געקעמפט קעגן די שונאים אויף אַ סך פראָנטן, נישט האָבנדיק קיין פאַרבינדעטע. די רויטע אַרמיי האָט ערשט געהאַלטן אין געשאַפן ווערן, עס האָט געפעלט ברויט, דרויוואַרג, הייצוואַרג, באַוואָפענונג, אַמוניציע. אָבער די פּאַרטיי באָלשעוויקעס און דער אַרבעטער־קלאַס, מיט וועלכן זי האָט אָנ־געפירט, זיינען נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. לענין האָט דערמונטערט די מאַסן צום קאַמף קעגן די אינטערווענטן.

ביים ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ציט לע־נין אונטער די סך־הכלען פון דער דורכגעמאַכטער אַרבעט. פון דער אַרבעטער־קאָנטראָל צו דער אַרבעטער־פאַרוואַלטונג מיט דער אינ־דוסטריע. פון דעם אַלגעמיין־פעלקערישן קאַמף פאַר ערד צו דער אויסטיילונג פון דער דאָרפישער אָרעמשאַפט און צו דער באַהעצ־טונג אירער אין קאַמף קעגן די בעלי־גופים. פון דער זיך צעפאַלנ־דיקער אַלטער אַרמיי און איינצלנע רויטגוואַרדייאישע אָטריאַדן צו דער רעגולערער רויטער אַרמיי, וואָס האָט שוין אָפּגעהאַלטן די ערשטע זיגן אויף די פראָנטן. פון די ערשטע טריט פון סאָוויעטי־שער אָרגאַניזירונג צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוויעטנמאַכט אינעם גאַנצן לאַנד, צו דער ערשטער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע.

[1] לענין, ווערק, ב. XXIII, ז. 350.

אַזוינע זיינען די דאָזיקע סך־הכלען, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין רעזולטאַט פון דער העלדישער און מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון די באָלשעוויקעס, אין רעזולטאַט פון דער אָנגעשטרענגטער טעטיקייט פון לענינען און פון זיינע נאָענטסטע מיטקעמפער. מיט רעכט שטאָלצירט דאָס סאָוויעטנלאַנד מיט די דאָזיקע סך־הכלען, וואָס גיבן נייע מונטערקייט און זיכערקייט אינעם ענדגילטיקן זיג.

אינעם אָקטאָבער־יאָרטאָג האָט לענין דערמאָנט דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז כדי צו צעשמעטערן די שונאים, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויפן סאָוויעטנלאַנד, פאָדערט זיך מסירת־נפש, געוואַגטקייט און העלדישקייט; מוסטערן פון אָט די אייגנשאַפטן האָבן באַוויזן די קעמפער פון אָקטאָבער, די אָנטיילנעמער פונעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דעם 7 נאָוועמבער 1918 יאָר אין דער רעדע ביי דער עפענונג פון דעם מעמאָריאַל־ברעט פון די אָקטאָבער־קעמפער האָט לענין געזאָגט: „...חברים! לאָמיר באַערן דעם אָנדענק פון די אָקטאָבער־קעמפער דערמיט, וואָס מיר וועלן ביי זייער דענקמאָל געבן זיך אַ שבועה צו גיין אין זייערע וועגן, נאָכטאָן זיי אין זייער שרעקלאָזיקייט, אין זייער העלדישקייט. זאָל זייער לאָזונג ווערן אונדזער לאָזונג, דער לאָזונג פון די אויפגעשטאַנענע אַרבעטער פון אַלע לענדער. דער דאָזיקער לאָזונג איז „נצחון אָדער טויט"[1].

סוף 1918 יאָר האָט זיך געשאַפן אַ קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע אויפן פּערמער פראָנט. שטרעבנדיק צו פאַראייניקן זיך מיט די אינטערווענטן, וואָס זיינען געגאַנגען פון צפון, כדי צו דערלאַנגען אַ געמיינזאַמען קלאַפּ איבער מאָסקווע, האָט קאָלטשאַק געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אונדזערע טיילן אויפן לינקן פליגל פונעם מזרח־פראָנט. דעם 24 דעצעמבער איז געפאַלן פּערם, דער שונא האָט זיך גערוקט צו וויאַטקע.

לענין נעמט אָן ענערגישע מיטלען צו געבן הילף דעם מזרח־פראָנט. דעם 25 און 29 דעצעמבער שטעלט לענין אין שוץ־ראַט די פראַגע פון שיקן תיכף מיליטער צוהילף דעם מזרח־פראָנט. לויט לענינס פאָרשלאַג קאָמאַנדירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אויפן פּערמער פראָנט סטאַלינען, — דעם אָרגאַניזאַטאָר פון די זיגן איבער די ווייסגוואַרדייער ביי צאַריצין, — און דזיערזשינסקין. זיי האָבן געדאַרפט אויספאָרשן די סיבות פון דער קאַפּיטו-

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 275.

לאַציע פון פערדס און אָננעמען אַלע נייטיקע מיטלען אויף אויפצו־שטעלן דעם גאַנצן מזרח־פראָנט.

אויף סטאַלינס און דזיערזשינסקיס מיטטיילונג וועגן די מיטלען, וואָס זיי נעמען אָן, האָט לענין געענטפערט: „כ'האָב באַקומען און איבערגעלייענט די ערשטע שיפרירטע דעפעשע. איך בעט אייך זייער ביידן פערזענלעך אָנפירן מיטן אויספירן די אָנגעמערקטע מאַסמיטלען אויפן אָרט, ווייל אַנדערש איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע פון דערפאָלג".[1] חבר סטאַלין האָט צוזאַמען מיט דזיערזשינסקין אויפגעשטעלט די שלאַכט־פעיקייט פון דער III אַרמיי, און זי איז אַריבער אין אָנגריף קעגן קאָלטשאַקן.

אָנפירנדיק מיט דער לאַנד־שוץ, קוקט זיך לענין אין דער זעל־בער צייט צו צו דער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע, דערלערנט אויפמערקזאַם די אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג.

אָנהייב צווייטע העלפט 1918 יאָר איז אינעם גאַנג פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה פאָרגעקומען אַן איבערברוך לטובת דער אַנטאַנטע. די קרעפטן פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם האָבן זיך גענומען אויסשעפּן. אין דער דייטשישער אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעמאָראַליזאַציע. אינעם הינטערלאַנד פון דייטש־לאַנד האָט געקאָכט דער פאָלקס־צאָרן קעגן די מלחמה־שוועריקייטן. אָנהייב נאָוועמבער 1918 יאָר האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציע. דייטשלאַנד איז געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז זי איז באַזיגט און בעטן שלום ביי דער אַנטאַנטע.

רעדנדיק וועגן דייטשלאַנדס קריגס־מפּלה, האָט לענין אין זיין רעדע אויפן VI סאָוועטן־צוזאַמענפאָר דעם 8 נאָוועמבער 1918 יאָר געזאָגט וועגן דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם: „צוערשט האָט ער זיך אומגעהייער פאַנאַנדערגעבלאָזן אויף דריי פערטל אייראָפּע, איז פאַרלאָפן מיט פעטס און דערנאָך גלייך געפּלאַצט, איבערלאָזנ־דיק אַ שרעקלעכן עיפוש". די דייטשישע אימפּעריאַליסטן האָט דער־שטיקט די קריגס־מאַשין, וואָס זיי אליין האָבן געשאַפן. „זיי זיינען פאַרזונקען, זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַ לאַגע פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך איבערגעפרעסן און גייט אַזוי־אַרום צו זיין אייגענעם אומקום".[2]

---

[1] אַרכיוו פון „אימעל".

[2] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 266, 265.

דיסקאַנטירנדיק די פאַרענדערטע סיטואַציע, האָט לענין גע־שטעלט די פראַגע פון אַנולירן דעם רויבערישן ברעסטער אָפּמאַך. דעם 13 נאָוועמבער 1918 יאָר האָט דער וציק אַנולירט דעם ברעס־טער אָפּמאַך. אין דער ווענדונג „צו אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, צו דער באַפעלקערונג פון אַלע אָקופּירטע געגנטן און טעריטאָריעס", וואָס אונטערגעשריבן האָט זי לענין און סווערדלאָוו, איז געזאָגט גע־וואָרן, אַז דער גוואַלדטעטיקער און רויבערישער שלום איז געפאַלן „אונטער די פאַראייניקטע קלעפּ פון די דייטשישע און רוסישע פּראָ־לעטאַריער — די רעוואָלוציאָנערן". די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אָפּפרייען פון דעם דייטשישן מיליטער די טעריטאָריעס, וואָס האָבן געהערט צום סאָוועטן־רוסלאַנד און זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דייטשלאַנד. אונטערן דרוק פון די רעגולערע טיילן פון דער רוי־טער אַרמיי און פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, זיינען די צעקלאַפּ־טע און צו שאַנד געמאַכטע דייטשישע חילות מיט חרפּה געלאָפן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און באַלטיק.

דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג אין אייראָפּע, די רעוואָלו־ציע אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן האָבן געבראַכט צו דער אויסבילדונג פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע. עס האָט זיך געשאַפן אַ רעאַלער באָדן צו פאַראייניקן זיי אינעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס צו אָרגאַניזירן אים האָט אַזוי פיל און אַזוי עקשנותדיק געאַרבעט לענין. לויט לענינס איניציאַטיוו איז נאָך אין יאַנואַר 1918 יאָר צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג, אויף וועלכער עס זיינען בייגעווען די פאָרשטייער פון די לינקע גרופּעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַ ריי לענדער. די דאָזיקע באַראַטונג האָט באַשלאָסן צונויפצורופן דעם ערשטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל. אין יאַנואַר 1919 יאָר האָט זיך לענין גע־ווענדט צו די אַרבעטער פון אייראָפּע און אַמעריקע מיט אַ בריוו — אַ רוף צו גרינדן דעם III אינטערנאַציאָנאַל.

דעם 2 מערץ 1919 יאָר האָט זיך אין קרעמל געעפנט דער I קאָנ־גרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויף וועלכן עס זיינען בייגעווען דעלעגאַטן פון די וויכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. אָנגעפירט מיטן קאָנגרעס האָט לענין.

ער האָט געמאַכט דעם גרונטיקן פּראָגראַם־פּאָרטראַג וועגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און דער דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט. אין דעם דאָזיקן פּאָרטראַג האָט לענין אָנגעוויזן אויף דעם

גרונט־אונטערשיד צווישן דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און דער דיקטאַטור פֿון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן. דער ציל פֿון דער דיקטאַטור פֿון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן איז מיט געוואַלד דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פֿון די אַרבעטנדיקע צוליב די אינטערעסן פֿון אַ נישטיקער מינדערהייט. דער ציל פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט איז מיט געוואַלד דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פֿון די עקספּלואַטאַטאָרן צוליב די אינטערעסן פֿון דער גיגאַנטישער מערהייט פֿונעם פֿאָלק, צוליב אויפֿבויען דעם קאָמוניזם. די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַבסאָלוט נויטווענדיק פֿאַר דער גאַנצער מאַסע אַרבעטנדיקע, ווייל נאָר דורך איר וועט די מענטשהייט קומען צום קאָמוניזם. די פּאָליטישע פֿאָרם פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט זיינען די סאָוויעטן. די סאָוויעטנמאַכט — דאָס איז די ווירקלעכע דעמאָקראַטיע פֿאַר די אַרבעטנדיקע. אָט די לענינישע הנחות זיינען געלייגט געוואָרן אין יסוד פֿון דעם פּראָגראַם פֿונעם קאָמינטערן.

אַזוי איז לויט לענינס איניציאַטיוו געשאַפֿן געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע פֿון אַ נייעם טיפּ — דער מאַרקסיסטיש־לענינישער אינטערנאַציאָנאַל.

אינגיכן נאָכן קאָנגרעס פֿונעם קאָמינטערן האָט זיך אין מערץ 1919 יאָר אין מאָסקווע פֿאַרזאַמלט דער VIII צוזאַמענפֿאָר פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דעם צוזאַמענפֿאָר האָט געעפֿנט לענין, וואָס איז באַגעגנט געוואָרן מיט שטורמישע אויסרופֿן: „זאָל לעבן איליטש!‟.

זיין ערשט וואָרט האָט לענין געווידמעט דעם אָנדענק פֿון סווערדלאָוון — איינעם פֿון די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געשטאָרבן ערב דער דערעפֿענונג פֿונעם צוזאַמענפֿאָר.

לענין איז אַרויסגעטרעטן מיט פֿאָרטראָגן איבער אַלע גרונטפֿראַגן: באַריכט פֿון צ. ק. וועגן דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם, וועגן דער אַרבעט אין דאָרף.

אין דעם פֿאָרטראָג פֿון פּאָליטישער טעטיקייט פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט לענין געוווענדט די באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פּאַרטיי אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג פֿון דער סאָוויעטן־רעפּובליק און האָט אונטערגעשטראָכן די נויט־

וועגדיקייט כסדר צו פּאַרפּעסטיקן די קריגס־קרעפטן פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. „...מיר לעבן נישט בלויז אין אַ מלוכה, נאָר אויך אין אַ סיסטעם מלוכות, — האָט געזאָגט לענין, — און די סאָוויעטן־רעפּובליק זאָל אַ דויערהאַפטע צייט עקזיסטירן בשכנות מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות איז אוממעגלעך. סוף־כל־סוף וועט אָדער איינס, אָדער דאָס צווייטע זיגן. און ביז דער דאָזיקער סוף וועט קומען, איז אומפאַרמיידלעך אַ רײ אומגעהייער שרעקלעכע צוזאַמענשטויסן צווישן דער סאָוויעטן־רעפּובליק און די בורזשואַזע מלוכות. דאָס הייסט, אַז דער הערשנדיקער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, אויב נאָר ער וויל און ער וועט הערשן, דאַרף דאָס דערווייזן אויך מיט זיין מיליטער־אָרגאַניזאַציע...“[1]

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ נייעם פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס פאַנאַנדערגעאַרבעט האָט זי אַ ספּעציעלע פּראָגראַם־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי בראש מיט לענינען. ביים באַהאַנדלען דעם פּראָגראַם האָט לענין שאַרף פאַראורטיילט די אַנטיבאָלשעוויסטישע אָנשויונגען פון בוכאַרינען, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אויסצושליסן פון דעם פּראָגראַם די פּונקטן וועגן קאַפּיטאַליזם, וועגן דער קליינער סחורה־ווירטשאַפט, וועגן דער ווירטשאַפט פונעם מיטל־פּויער. בוכאַרין האָט געזען צו פאַרשמירן דעם פאַקט, אַז די בעלי־גופישע עלעמענטן אַנטשטייען און וואַקסן פון דער קליין־סחורישער פּויערים־ווירטשאַפט, בוכאַרינס אָנשויונגען האָבן באַדייט — מענשעוויסטיש־טראָצקיסטישע אָפּלייקענונג פון דער ראָל פונעם מיטל־פּויער אין דער סאָוועטישער בויונג. לענין האָט אויך געגעבן אַ ווידערשטאַנד די ביז גאָר שרעקלעכע, גרויסמעכטיקע, שאָוויניסטישע אָנשויונגען פון בוכאַרינען און פּיאַטאַקאָוון, וועלכע זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן דעם רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג און קעגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די נאַציעס.

דעם פאָרטראָג וועגן דער אַרבעט אין דאָרף האָט לענין געווידמעט דער פראַגע וועגן דעם מיטלפּויערטום. פון האַרבסט 1918 יאָר האָט דער מיטלפּויער אָנגעהויבן זיך אויסקערעווען צו דער סאָוויעטנמאַכט, און לענין האָט געגעבן דעם לייטנדיקן לאָזונג אין וועלכן ער האָט פאַראייניקט אין איין אַלגעמיינער פאָרמול די „ד ר ײ ־ א י י נ י ק ע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דאָרף“ (סטאַלין), און נעמלעך: „קאָנען דערגרייכן אַ פאַרשטענדי-

[1] לענין, ווערק, ב. XXIV, ז. 122.

קונג מיטן מיטלפויערטום — אויף קיין איין מינוט נישט אפזאגנדיק זיך פונעם קאמף קעגן דעם בעל־גוף און פעסט אנשפארנדיק זיך בלויז אויף דער ארעמשאפט"[1].

מיט אט דער פארמול האט לענין באַרייכערט דעם ארסענאל פון דער פאליטיק פון דער פארטיי אין דארף, ער האט באַרייכערט די לערע פון מארקסיזם אין דער פויערים־פראגע מיט א נייעם לאזונג אויפן גרונט פון דער נייער דערפארונג פונעם קלאסן־קאמף.

אויפן VIII פארטיי־צוזאמענפאר האט לענין אנגעוויזן, אז מע דארף „בנוגע דעם מיטל־פויער זיך שטעלן אויפן באדן פון א פעסטן בונד", אז דאס איינארדענען לאנדווירטשאפטלעכע ארטעלן און קאמונעס דארף דורכגעפירט ווערן אויפן גרונט פון איבערצייגן. נאר בשום אופן נישט ביגוואלד. „עס איז נישטא קיין נארישערע זאך, — האט ער געזאגט, — ווי דער עצם געדאנק וועגן גע וואלד אין געביט פון ווירטשאפטלעכע באציונגען פונעם מיטלפויער"[2]. די פארטיי און די רעגירונג, האט געזאגט לענין, דארפן ווענדן זייער אויפמערקזאמקייט אויף איינארדענען דאס לעבן פון מיטלפויער. אויף באזארגן דאס דארף מיט לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען. „אויב מיר וואלטן מארגן געקאנט געבן 100 טויזנט ערשטקלאסיקע טראקטארן, באזארגן זיי מיט בענזין, באזארגן זיי מיט מאשיניסטן (איר ווייסט אויסגעצייכנט, אז דערווייל איז עס א פאנטאזיע) וואלט דער מיטל־פויער געזאגט: „איך בין פאר דער קאמונע" (ד. ה. פארן קאמו־ניזם)"[3].

איבער לענינס פארטראג האט דער צוזאמענפאר ארויסגע־טראגן א באשלוס וועגן דורכפירן א פאליטיק פון א פעסטן בונד מיטן מיטלפויער ביי איינהיטן אין דעם דאזיקן בונד די אנפירנדיקע ראל פונעם פראלעטאריאט. דאס איז געווען א קער אין דער פאלי־טיק פון דער באלשעוויסטישער פארטיי בנוגע דעם מיטלפויער, אן אריבערגאנג פון דער פאליטיק פון נייטראליזירן דעם מיטלפויער צו א פעסטן בונד מיט אים, — א קער, וואס האט געשפילט אן אנט־שיידנדיקע ראל אין דעם דערפאלגרייכן אויסגאנג פון דעם בירגער־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIII, ז. 294.
[2] לענין ווערק, ב. XXIV, ז. 114, 168.
[3] דארטן, ז. 170.

קריג קעגן די אינטערווענטן און ווייסגווארדייער, אין דער בוינג פונעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

לענין און סטאַלין האָבן דעמאַסקירט אויפן צוזאַמענפאָר טראָצקים אַנטיפּאַרטייאישע מיליטער-פּאָליטיק און די אַזוי גערופענע „מיליטערישע אָפּאָזיציע”, וועלכע האָט געקעמפט קעגן שאַפן א דיסציפּלינירטע רעגולערע רויטע אַרמיי. לענינס רעדע, אין וועלכער ער האָט פארטיידיקט די מיליטער-פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, האָט געמאַכט אויף די דעלעגאַטן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. נאָך לענינס אַרויסטרעטונג האָט דער צוזאַמענפאָר איינשטימיק אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן דער מיליטער-פראגע, וועלכע עס האָט פאָרגעלייגט דער צענטראַל-קאָמיטעט.

אין זיין רעדע ביים פאַרמאַכן דעם VIII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט לענין נאָכאַמאָל דערמאָנט דער פּאַרטיי וועגן דער קריגס-סיטואַציע און וועגן אירע שוועריקייטן און אָנגעוויזן אויפן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון די קרעפטן פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק אין איר קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטישע רויבער. מיר ווייסן אַלע, האָט געזאָגט לענין, ווי שווער עס איז די דאָזיקע מלחמה. ווי זי צערט אונדז אויס. אָבער מיר זיינען פעסט ביי זיך. דאָס, וואָס מיליאָנען אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז זייער קאַמף איז א גערעכטער, פלאַנצט און מערט דעם מאַסן-העראָיזם. „צום ערשטן מאָל אין דער וועלט, — ווייזט אָן לענין, — איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרמיי, א באַוואָפנטע קראַפט, וועלכע ווייסט, פאַר וואָס זי האַלט מלחמה, און צום ערשטן מאָל אין דער וועלט פאַרשטייען די אַרבעטער און פּויערים, וואָס ברענגען אומגעהייער שווערע קרבנות, אַז זיי פאַרטיידיקן די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק...”[1]. דערין איז די גאַראַנטיע פון דער אומבאַזיגבאַרקייט פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק.

באַזיגט דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבן די אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנטע קאָנצענטרירט זייערע קרעפטן קעגן דעם סאָוויעטנלאַנד. זיי האָבן דערקלערט א בלאָקאַדע פונעם סאָוויעטנפאַרבאַנד. עס איז פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן א פּלאַן פון צעקלאַפּן די רויטע אַרמיי און פאַרניכטן די סאָוויעטן-רעפּובליק. פון מזרח איז

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 170.

געגאַנגען קאָלטשאַקס אַרמיי, פֿון דרום האָט אַנגעגריפֿן דעניקין, פֿון צפֿון־מערב האָט זיך געלאָזט אויף פּעטראָגראַד יודעניטש.

דער פֿיינטלעכער קלעם ארום דער סאָוויעטן־רעפּובליק האָט זיך צונויפֿגעדריקט אַלץ פֿעסטער און פֿעסטער. דער סאָוויעטנמאַכט האָט געדראָט א טויט־געפֿאַר.. לענין האָט אָבער אייזנפֿעסט גע־גלייבט אין די כוחות פֿון די פֿעלקער פֿון דער סאָוויעטן־רעפּובליק, אין דער אומדערשעפּלעכער מעכטיקייט פֿון דעם גרויסן רוסישן פֿאָלק. „רוסלאַנד האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אין דער שווערסטער צייט פֿלעגן זיך דאָרטן אַלעמאָל געפֿונען מאַסן, וועלכע מע קאָן וואַרפֿן פֿאָרויס אַלס רעזערוו, אין וועלכן עס פֿלעגן זיך גע־פֿונען נייע קרעפֿטן, ווען די אַלטע פֿלעגן אַנהייבן זיך אויסלאָזן"[1], — האָט געשריבן לענין.

די הויפּט־האָפֿענונג האָט די אַנטאַנטע געלייגט דעמאָלט אויפֿן אַדמיראַל קאָלטשאַק. ער איז דערקלערט געוואָרן פֿאַרן „אויבער־רעגירער פֿון רוסלאַנד". אים האָט זיך אונטערגעוואָרפֿן די גאַנצע קאָנטררעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פֿרילינג 1919 יאָר איז קאָלטשאַקס אַרמיי דערגאַנגען כמעט ביז דער וואָלגע. דער מזרח־פֿראָנט איז געוואָרן דער הויפּט־פֿראָנט.

לענין נעמט אָן אַלע מיטלען שנעל און אַנטשידן צו צעקלאַפּן קאָלטשאַקן. דעם 11 אַפּריל 1919 יאָר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטעטיקט די „טעזיסן פֿון דעם צ. ק. רקפּ(ב) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע אויפֿן מזרח־פֿראָנט". די דאָזיקע טעזיסן, וואָס האָבן גערופֿן „נעמען זיך פֿאַר דער אַרבעט אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופֿן" האָבן געשפּילט אַן אויסשליסלעכע ראָל אין מאָביליזירן די פּאַרטיי, די פּראָפֿאַריינען, די אַרבעטער־מאַסן צום קאַמף קעגן קאָלטשאַקן. דעם זעלבן טאָג האָט דער ראַטפֿאָלקאָם דערקלערט אַ מאָביליזאַציע.

לענין גיט אַ דירעקטיוו דעם רעוואָלוציאָנערן קריגס־ראַט פֿון דעם מזרח־פֿראָנט — צעשמעטערן קאָלטשאַקס קרעפֿטן. ער וואָ־רנט: „אויב מיר וועלן ביז ווינטער נישט דעראָבערן אוראַל, האַלט איך, אַז די רעוואָלוציע וועט אומפֿאַרמיידלעך אומקומען".

לענין רופֿט די רויטע אַרמיי אַנשטרענגען אַלע כוחות און צע־שמעטערן די פֿאַראייניקטע חילות פֿון דעם צווישנפֿעלקערלעכן אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אויף דער סאָוויעטי־

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 212.

שער ערד. ער פֿאָדערט שנעל מאָביליזירן אַלע קרעפֿטן צום קאַמף קעגן קאָלטשאַקן. לענין דערציט אין די סאָוויעטישע מענטשן דרייסטקייט, נישט ווײכן פֿון שרעק אין קאַמף, גרייטקייט צו שלאָגן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן די שונאים פֿון אונדזער היימלאַנד. די פֿאַראַכטונג צום טויט דאַרף זיך פֿאַרשפּרייטן אין די מאַסן און זיכערן דעם זיג, האָט לענין געזאָגט. ער שטעלט די אויפֿגאַבע געבן צו פֿאַרשטיין יעדן אַרבעטער און פּויער, יעדן קאָמאַנדיר און שלאַכטמאַן „באַזונדער גענומען, אַז פֿון זיין דרייסטקייט, אַנטשיידנקייט און איבערגעגעבנקייט הענגט אָפּ דער סוף פֿון מלחמה”[1]. לענין פֿאָדערט, אַז אין די רייען פֿון די קעמפֿער פֿאַרן היימלאַנד זאָל אייַנגעשטעלט ווערן אַן אייזערנע דיסציפּלין, אַז מע זאָל זיך אָן רחמנות אָפּרעכענען מיט די קלאָגמוטערס און פּאַניק-מאַכער, מיט די דעזערטירן און פּחדנים. „דערשאָסן ווערן — דאָס איז דער געזעצלעכער גורל פֿון אַ פּחדן אויף דער מלחמה”[2], האָט געזאָגט לענין.

אין די מלחמה-באַדינגונגען האָט זיך לענין באַמיט צו דערשלאָגן, אַז אין דער אַרבעט פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, אין דער אַרבעט פֿון אַלע אָנפֿירער — קליינע און גרויסע, זאָל אייַנגעשטעלט ווערן אַ מיליטערישע אָרדענונג. ער האָט געפֿאָדערט „פֿאַר יעדן פּרייַז תּיכּף אויפֿהערן צו מיטינגירן. אַריבערפֿירן די גאַנצע און יעטוועדע אַרבעט אויף קריגסצושטאַנד, באַשטימען אומבאַדינגט באַזונדערע פּערזאָנען, וואָס זאָלן זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אויספֿילן אַ פּינקטלעכע באַשטימטע אַרבעט. די דיסציפּלין דאַרף אומעטום זיין אַ מיליטערישע”[3].

לענין האָט צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג דער פּאַרטייאישמאַסנוועער און אָרגאַניזאַציאָנעל-פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפֿירט אין דער רויטער אַרמיי און אינעם הינטערלאַנד. די רויטע אַרמיי האָט געהאַט אויסגעצייכנטע אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרן אין דער פּערזאָן פֿון די מיליטער-קאָמיסאַרן, וואָס האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין פֿאַרפֿעסטיקן די רויטע אַרמיי, אין איר פּאָליטישער אויפֿקלערונג, אין פֿאַרשטאַרקן איר

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 261.

[2] דאָרטן, ז. 316.

[3] אַרכיוו פֿון „אימעל”.

שלאַכט־פעיקייט און דיסציפּלין. לענין האָט געזאָגט, אַז „אָן דעם מיליטער־קאָמיסאַר וואָלט מיר נישט געהאַט די רויטע אַרמיי".

די אויפגאַבע פון דער פּאָליטישער אַרבעט צווישן די מאַסן אין די שווערע מאָמענטן אינעם לעבן פונעם סאָוויעטנפאַרבאַנד האָט לענין געזען אין „איינפלאַנצן מונטערקייט אין די הערצער, רופן צו דער פעסטקייט פון גייסט, פאַרמערן די באַוווּסטזיניקייט און פעסטיקן די חברישע דיסציפּלין"[1].

לענין ווענדט זיך צום אַרבעטער־קלאַס. ער טרעט אַרויס מיט פאַרטראַגן אויף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פונעם פּלענום פון מאָסקווער סאָוויעט, אויפן פּלענום פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן ראַט פון די פּראָפאַריינען, אויף דער קאָנפערענץ פון די אייזנבאַנער פונעם מאָסקווער קנופּ, אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן און פּראָפאַריינען. ער רופט די אַרבעטער צו געבן הילף דעם מזרח־פראָנט, צו שיקן אויף אַט דעם פראָנט די בעסטע זין פונעם אַרבעטער־קלאַס. דעם 10 אַפּריל שרייבט ער אַ בריוו צו די פּעטראָגראַדער אַרבעטער, אין וועלכן ער רופט זיי וויזן אַ ביישפּיל גאַנץ רוסלאַנד, שטעלן אויף די פיס אַלץ און אַלמעגלעך העלפן דעם מזרח־פראָנט.

„צו הילף דעם מזרח־פראָנט!" — וואַרפט לענין אַ רוף.

אויף לענינס ווענדונג רופט זיך אָפּ דאָס גאַנצע לאַנד. קעגן קאָלטשאַקן ווערן געשיקט די בעסטע באָלשעוויקעס, קאָמוניסטן, אומפּאַרטייאישע אַרבעטער. באַקומען אַזאַ מעכטיקע הילף, האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן טרייבן קאָלטשאַקן איבערן גאַנצן פראָנט.

ווען די רויטע אַרמיי איז צוגעגאַנגען צו אוראַל, האָט טראָצקי פאָרגעלייגט אַ פאַרעטערישן פּלאַן — אָפּשטעלן זיך פאַר אוראַל און איבערוואַרפן דאָס מיליטער פון מזרח־פראָנט אויפן דרום־פראָנט. לענין און סטאַלין האָבן זיך אַנטשידן אַרויסגעזאָגט קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן און האָבן געפאָדערט צו דערפירן ביזן סוף דאָס צעקלאַפּן קאָלטשאַקן.

„אָפּשוואַכן דעם אָנגריף אויף אוראַל און אויף סיביר, — האָט געשריבן לענין — וואָלט באַדייט זיין פאַרעטער פון דער רעוואָלוציע, פאַרעטער פון דער באַפרייונג פון די אַרבעטער און פויע־

[1] לענין, ווערק, ב. XXIV, ז. 222.

רים פון קאַלטשאַקס יאָך"[1]. לענין האָט געלערנט, אַז אין קאַמף קעגן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן, קעגן די שונאים, וואָס פאַרמעסטן זיך אויף דער סאָציאַליסטישער מלוכה, איז נייטיק אַנטשיידנקייט און קאָנסעקווענטקייט. „מע דאַרף נישט קלאַפּן דעם קעגנער, נאָר פאַרניכטן אים. נישט באַגרענעצן זיך מיט קיין האַלבע מיטלען"[2]., האָט אָנגעוויזן לענין.

לויט לענינס פאָרשלאַג האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי באַזייטיקט טראָצקין פון דער אָנפירונג מיטן מזרח־פראָנט. אונטער פרונזעס און קויבישעווס אָנפירונג האָט דאָס רויטע מיליטער דערלאַנגט קאָלטשאַקן אויף אוראַל אַן אַנטשיידנדיקן קלאַפּ און האָט אים אָפּגעוואָרפן קיין סיביר. צום סוף יאָר האָט די רויטע אַרמיי ביי דער אונטערשטיצונג פון דער מעכטיקער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג פאַרניכטעט די רעשטלעך פון קאָלטשאַקס אַרמיי.

כדי אָפּצושוואַכן דעם אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט און ראַטעווען קאָלטשאַקן, האָט דער גענעראַל יודעניטש אין מאַי 1919 יאָר אָנגעהויבן אָנגרייפן אויף פּעטראָגראַד. דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן פון פּעטראָגראַד, דער וויג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אויף צו ראַטעווען פּעטראָגראַד שיקט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, לויט לענינס פאָרשלאַג, דעם חבר סטאַלין. לויט אייניקע סימנים האָט לענין דערזען, אַז אין פּעטראָגראַד גופא און אויפן פראָנט זיינען טעטיק פאַרעטער און שפּיאָנען. ער טעלעגראַפירט צו סטאַלינען:

„אַלע אומשטענדן פון דעם ווייסגוואַרדייאישן אָנגריף אויף פּעטראָגראַד צווינגען צו טראַכטן, אַז ביי אונדז אין הינטערלאַנד, און קאָן זיין אויפן פראָנט גופא, איז פאַראַן אָרגאַניזירטער פאַראַט... מיין ביטע — ווענדן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף אָט די אומשטענדן, אָננעמען עקסטרע מיטלען אויפצודעקן די פאַרשווערונגען"[3].

לענינס אָפּשאַצונג פון דער לאַגע האָט זיך פולקאָם באַשטעטיקט. אין פּעטראָגראַד און אין שטאַב פונעם פראָנט זיינען געזעסן שפּיאָנען און ווייסגוואַרדייאישע פאַרשווערער. אונטער חבר סטאַ־

---

[1] לענין, „אַלע צום קאַמף קעגן דעניקינען!", 1939, ז. 12.

[2] „פּראַוודאַ" נומ. 54, 23 פעברואַר 1942 י.

[3] „באָלשעוויק", 1938, נומ. 2, ז. 71.

לינס אַנפירונג זיינען זיי אויפגעדעקט געוואָרן און ליקווידירט געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַראַט ביי פּעטראָגראַד האָט זיך לענין צוזאַמען מיט דזיערזשינסקין געווענדט צו דער באַפעלקערונג מיט אַן אויפרוף — קעמפן קעגן שפּיאָנען און פאַרשווערער, אויסבאַפן זיי, פאַרצווייפאַכן די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט אויף אַלע אַרבעטס-באַצירקן, באַזונדערס אין דער רויטער אַרמיי, שטרענג אָפּהיטן קריגס-סודות.

„היט זיך פאַר שפּיאָנען! א טויט די שפּיאָנען!" ווערט געזאָגט אין דער דאָזיקער ווענדונג. — „אַלע באַוווסטזיניקע אַרבעטער און פּויערים דאַרפן מיט לייב-און-לעבן פאַרטיידיקן די סאָוויעטנמאַכט, דאַרפן זיך אויפהייבן צום קאַמף קעגן די שפּיאָנען און ווייסגוואַרדייאישע פאַרעטער. זאָל יעדערער שטיין אויפן וואַך-פּאָסטן — אין בסדרדיקער, אויף א מיליטערישן אופן אָרגאַניזירטער, פאַרבינדונג מיט די פאַרטיי-קאָמיטעטן, מיט דער טשעקאַ, מיט די זיכערסטע, מיט די דערפאַרנסטע חברים פון צווישן די סאָוויעטישע טוער".[1]

קיין שום ווייסגוואַרדייאישע פאַרשווערונגען האָבן נישט געראָטעוועט יודעניטשן. לענין האָט אונטערגעהאַלטן סטאַלינס אַלע פאָרשלאָגן אין פּרט פון פאַרפעסטיקן דאָס הינטערלאַנד און צעקלאַפּן די שפּיאָנישע נעסטן, אין פּרט פון אָרגאַניזירן דעם פראָנט. חבר סטאַלין האָט שנעל געשאַפן אַן איבערברוך אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד. אונטער זיין אָנפירונג האָט די רויטע אַרמיי ביי דער אונטערשטיצונג פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און דעם רויטן פלאָט צעקלאַפּט יודעניטשעס אַרמיי.

דעמלט באַאויפטראָגט די פאַרטיי דעם חבר סטאַלין זיך פאַרנעמען מיטן מערב-פראָנט און אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנגריף פון די ווייספּאָליאַקן. לענין שרייבט צו אים: „איך בעט אייך צופאָרן אויפן מערב-פראָנט, וועלכער איז שרעקלעך אָפּגעשוואַכט אין פּרט פון קאָמיסאַרן. עס איז אַבסאָלוט נייטיק אונטערצוהאַלטן דעם פראָנט אינגאַנצן גענומען".

אין אויגוסט 1919 יאָר, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט פון קאָלטשאַקן גאַנץ אוראַל און האָט אָנגעהויבן באַפרייען סיביר, האָט לענין פאַרעפנטלעכט אין דער „פּראַווּדאַ" א „בריוו צו די אַר-

[1] „פּראַווּדאַ" נומ. 16, 31 מאַי 1919 יאָר.

בעטער און פויערים וועגן דעם זיג איבער קאָלטשאַקן". לעניִן
האָט געוואָרנט קעגן גרויס-האַלטעריי און באַרואיקטקייט, ווייל
„דער שונא איז נאָך ווייט נישט פאַרניכטעט". די שווערע דערפאַ-
רונג פון דער מלחמה, האָט געשריבן לענין, דאַרף נישט גיין פאַר
אונדז לאיבוד. די אַרבעטער און פויערים, אַלע אַרבעטנדיקע דאַרפן
פון דער דאָזיקער דערפאַרונג מאַכן אויספירן פאַרן קומענדיקן
קאַמף.

דער ערשטער אויספיר. „אונדז איז נייטיק א מעכטיקע רויטע
אַרמיי. מיר האָבן דערוויזן נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים,
אַז מיר קאָנען זי שאַפן", מיר האָבן זיך אויסגעלערנט באַזיגן נישט
נאָר די צאַרישע גענעראַלן, נאָר אויך די גענעראַלן פון אויסלענדישע
אַרמייען. „העלפן דער רויטער אַרמיי מיט אַלץ, מיט וואָס נאָר יע-
דער איינער קאָן העלפן, — דאָס איז דער ערשטער גרונט-חוב און
הויפּט-חוב פון יעדן באַוווסטזיניקן אַרבעטער און פויער...

ווער עס העלפט נישט מיטן גאַנצן האַרצן און מיט מסירת-
נפש דער רויטער אַרמיי, האַלט נישט אונטער מיט אַלע כוחות די
אָרדענונג און דיסציפּלין אין איר, יענער איז אַ פאַרעטער און אַ רענע-
גאַט. יענער איז אַן אָנהענגער פון דער קאָלטשאַקאָווטשינע, יע-
נעם דאַרף מען פאַרטיליקן אָן רחמנות".

דער צווייטער אויספיר. „די רויטע אַרמיי קאָן נישט זיין שטאַרק
אָן גרויסע מלוכה-רעזערוון פון ברויט, ווייל אָן דעם קאָן מען נישט
פריי באַוועגן די אַרמיי, נישט גרייטן זי ווי געהעריק. אָן דעם קאָן
מען נישט אויסהאַלטן די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פאַר דער אַר-
מיי", פּראָדוצירן וואָס מער ברויט, אָפּגעבן דער סאָוועטן-מלוכה
אַלע ברויט-מותרות — דאָס איז די פליכט פון די פויערים, וואָס ווילן
נישט, אַז עס זאָל זיך אומקערן די מאַכט פון די פּריצים און קאַפּי-
טאַליסטן.

דער דריטער אויספיר. „עס איז נייטיק אָפּצוהיטן די שטרענג-
סטע רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג", הייליק אָפּהיטן און אויספילן
די סאָוועטישע געזעצן. „די קלענסטע אומגעזעצלעכקייט, דאָס מינ-
דסטע עובר זיין אויפן סאָוועטישן סדר איז שוין אַ לאָך, וועלכע
די שונאים נוצן תיכף אויס".

דער פערטער אויספיר. דער קאָלטשאַקאָווטשינע „האָבן גע-
האָלפן געבוירן צו ווערן אויף דער וועלט און האָבן זי דירעקט אונ-
טערגעשטיצט די מענשעוויקעס און עסערן („סאָציאַליסטן-רעוואָ-

לוציאנערן"). צייט זיך אויסלערנען אפצושאצן די פאליטישע פארטייען לויט זייערע מעשים, און נישט לויט זייערע ווערטער... די מענשעוויקעס און עסערן זיינען מיטהעלפער פון די ווייסגווארדייער".

דער פינפטער אויספיר. „נידער מיט די זיך קווענקלדיקע, כאראקטערלאזע, מיט די, וואס לאזן זיך אויפן וועג פון העלפן דעם קאפיטאל, וואס לאזן זיך פאנגען פון די לאזונגען און הבטחות פונעם קאפיטאל! קאמף אן רחמנות קעגן דעם קאפיטאל און א בונד פון די ארבעטנדיקע, א בונד פון די פויערים מיטן ארבעטער-קלאס — דאס איז דער לעצטער און וויכטיקסטער אויספיר פון דער קאלטשאקאווטשטשינע".[1]

צעקלאפטע אויף מזרח און הינטער פעטראגראד, האבן די אויסלענדישע אינטערווענטן און ווייסגווארדייער אריבערגעטראגן דעם צענטער פונעם קאמף קעגן דעם סאוויעטנלאנד אויף דרום. זומער און הארבסט 1919 יאר, האבן זיי ארגאניזירט א צווייטן מארש קעגן דער סאוויעטן-רעפובליק — דעם אזויגערופענעם „מארש פון 14 מלוכות". די וויכטיקסטע שלאג-קראפט איז דאס מאל געווען די דעניקין-ארמיי. כאראקטעריזירנדיק דעניקינס באנדעס, האט לענין געשריבן, אז דאס איז א שונא, וואס איז „אויסערגעוויינלעך פעיק צו שנעלע אנפאלן, צו אוואנטורעס, צו פארצווייפלטע אונטערנעמונגען, וואס זייער ציל איז שפרייטן פאניק, וואס זייער ציל איז צעשטערן צוליב צעשטערן.

אין קאמף קעגן אזא שונא איז נייטיק א מיליטערישע דיסציפלין און מיליטערישע וואכזאמקייט, דערפירט ביז דער העכסטער מדרגה. פארזען אדער פארלירן זיך — הייסט פארלירן אלץ".[2]

גוט באוואפנט דורך די אימפעריאליסטן, האט דעניקינס ארמיי זומער 1919 יאר, אנגעהויבן צוריקדרענגען די רויטע ארמיי. די סיבה פון דעם, וואס די רויטע ארמיי איז אפגעטרעטן, איז געווען די פארעטערישע ארבעט פון טראצקין, וועלכער האט צעוואלגערט דעם דרום-פראנט. די דעניקינצעס האבן גענומען אריאל, זיינען צוגעגאנגען צו טולע, האבן באדראט מאסקווע. קיינמאל איז נאך קיין איין שונא נישט געווען אזוי נאענט צום הארץ פון דער רעוואלוציע. די

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 431—436.

[2] לענין. „אלע צום קאמף קעגן דעניקינען", 1939, ז. 12.

גאַנצע אַלוועלטלעכע און רוסלענדישע קאָנטררעוואָלוציע האָבן שוין טריומפירט איבער דעם „אומפאַרמיידלעכן" אומקום פון דער זאָ־וויעטנמאַכט.

לענין האָט זיך געווענדט צום גאַנצן פאָלק מיט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער האָט אָפן און קלאָר געמאָלדן, אַז עס איז אָנגעקומען „דער סאַמע קריטישער מאָמענט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע". לענין ווענדט זיך ווידעראַמאָל צום גרונט־קוואַל פון די כוחות פון דער רעוואָלוציע — צום אַרבעטער־קלאַס. ער האָט געוווסט, אַז נאָך די אַרבעטער וועלן נאָכגיין די פּויערים, אַז די אַרבעטער וועלן צוּ־מענטירן די טיילן פון דער רויטער אַרמיי און וועלן זי מאַכן פאַר אַן אומבאַזיגבאַרע.

„אַ ל ע צ ו ם ק אַ מ ף ק ע ג ן ד ע נ י ק י נ ע ן — האָט גערופן לענין.

„די מאַסן אַרבעטנדיקע זיינען פאַר אונדז, — האָט לענין גע־שריבן אין די דאָזיקע אומרואיקע טעג פון האַרבסט 1919 יאָר.— דע־רין איז אונדזער קראַפט. דערין איז דער קוואַל פון דער אומבאַזיג־באַרקייט פונעם אַלוועלטלעכן קאָמוניזם. מער נייע טוער פון צווישן דער מאַסע אין די רייען פון דער פּאַרטיי, כדי זעלבשטענדיק אָנטייל־צונעמען אין דער בויונג פונעם נייעם לעבן, — דאָס איז אונדזער מעטאָד פון קאַמף מיט אַלע שוועריקייטן, דאָס איז אונדזער וועג צום זיג".[1]

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט דערקלערט אַ „פּאַרטיי־וואָך". אין די רייען פון דער פּאַרטיי זיינען אַריינגעטרעטן צענדלי־קער טויזנטער אַרבעטער, פּויערים און רויטאַרמייער, וואָס זיינען גרייט געווען אָפּצוגעבן זייער לעבן פאַר דער סאָוויעטנמאַכט. די בעסטע באָלשעוויקעס, די פאַרגעשריטענע אַרבעטער זיינען אַוועק אויפן פראָנט. אין דעם כסדרדיקן וווקס פון נייע קרעפטן, אינעם וווקס פונעם מאַסן־העראָיזם פון די אַרבעטער און פּויערים, אין די אומדערשעפּלעכע רעזערוון, האָט לענין געזען דעם אָנטשיידנדיקן פאַקטאָר, וואָס זיכערט פאַר די אַרבעטנדיקע דעם זיג איבערן שונא. „אויף דער מלחמה זיגט דער, וואָס האָט מער רעזערוון, מער קוואַלן פון קרעפטן, מער אויסגעהאַלטנקייט ביי די פאָלקס־מאַסן".[2] די דאָ־זיקע הנחה לענינס איז אַ לייטנדיקער סטראַטעגישער פּרינציפּ.

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 485.

[2] דאָרטן, ז. 493.

אויף צו אָרגאַניזירן דעם זיג איבער דעניקינען האָט דער צ.ק געשיקט אויפן דרום-פראָנט די חברים סטאַלין, וואָראָשילאָוו, אָרדזשאָניקידזע, בודיאָני. טראָצקי איז באַזייטיקט געוואָרן פון אָנפירן מיטן דרום-פראָנט. אָנשטאָט טראָצקיס פאַרברעכערישער פּלאַן, לויט וועלכן עס איז געווען אָנגעמערקט צו דערלאַנגען דעניקינען דעם הויפּט-קלאַפּ פון צאַריצין אויף נאָוואָראָסייסק, דורך די דאָנער סטעפּעס, ווו עס האָט געוווינט דאָס פיינטלעך-געשטימטע קאָזאַקנטום, האָט חבר סטאַלין פאָרגעלייגט זיין פּלאַן צו צעקלאַפּן דעניקינען. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט דער הויפּט-קלאַפּ געדאַרפט דערלאַנגט ווערן לויט דער ליניע כאַרקאָוו—דאָנבאַס—ראָסטאָוו, ווו עס איז געווען אַ רייכע נעץ אייזנבאַנען, ווו די באַפעלקערונג — די אַרבעטער און פּויערים — האָט סימפּאַטיזירט מיט דער סאָוויעטנמאַכט. לענין האָט באַוויליקט דעם דאָזיקן פּלאַן און האָט אָפּגעגעבן דער הויפּט-קוואַרטיר אַ פאַראָרדענונג וועגן דורכפירן אין לעבן סטאַלינס פּלאַן.

אין די טעג פון שווערע קריגס-נסיונות דאַרף פאַר יעדן אַרבעטנדיקן, האָט געלערנט לענין, שטיין איין פראַגע: „צי האָבן מיר געטאָן אַלץ אויף צו העלפן דער מלחמה, צי זיינען גענוג אָנגעשטרענגט אונדזערע כוחות, צי איז גענוג הילף אָוועקגעשיקט אויפן פראָנט?... פאַר אים — אַלע קרבנות, פאַר אים — די גאַנצע הילף; אָפּוואַרפנדיק אַלע וואַקלונגען. אויב מיר וועלן קאָנצענטרירן אַלע כוחות, און ברענגען אַלע קרבנות, וועלן מיר זיכער זיגן אויך דאָס מאָל“.[1]

לענין נעמט אָן אַלע מיטלען צו באַזאָרגן די רויטע אַרמיי און די הונגעריקע אַרבעטער מיט דערנערונג. ער פאָדערט, אַז דער אייזנבאַן-טראַנספּאָרט זאָל אַרבעטן פּינקטלעך, אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווענדט ער אויף טראַנספּאָרטירן די דערנערונג-פראַכטן מיטן וואַסער. אין אָקטאָבער 1919 יאָר, שיקט לענין אין קאַזאַן, סאַמאַרע, סאַראַטאָוו, סימבירסק, אופאַ, פּערם און וויאַטקאַ אַ טעלעגראַמע, ווו ער פאָדערט פּינקטלעך אויספילן די אויפגעבונגען פון טראַנספּאָרטירן ברויט:

„קיין איין טאָג, קיין איין שעה, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן, דאַרפט איר נישט דורכלאָזן, ביז דער לעצטער מינוט פון נאַוויגאַציע, ביז דאָס אייז וועט אינגאַנצן זיך אָוועקשטעלן, וויזט אַרום די סאַמע

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 261.

עקשנותדיקע ארבעט, שטייט אויף דער וואך פון דער רעוואלוציע, ווי א רויטארמייער מיט דער ביקס אויפן פאסטן, לייגט נישט א־יעק אייער ווערטפול געווער, ביז דאס אייז וועט נישט שמידן די וואלגע".

לענין פאדערט, אז די קריגס־צענטערס זאלן ארבעטן אפערא־טיווער. זיי זאלן שנעל און פינקטלעך אויספילן סטאלינס פאדערונגען, זיי זאלן באזארגן דעם דרום־פראנט מיט די נייטיקע קאמפס־מאטעריאלן. לענין און סטאלין האבן די גאנצע צייט אנגעהאלטן פארבינדונג איינער מיטן צווייטן, געשיקט טעלעגראמעס און גערעדט דורכן דירעקטן קאבעל.

דער פלאן פון די אויסלענדישע אינטערווענטן איז אויך דאס מאל ארויפגעריסן געווארן. דער צווייטער קריגס־מארש קעגן דער סאוויעטנמאכט איז דורכגעפאלן. די רויטע ארמיי האט צעשמעטערט דעניקינען.

סוף דעצעמבער 1919 יאר, האט לענין פארעפנטלעכט אין דער „פראוודא" א „בריוו צו די ארבעטער און פויערים פון אוקראינע וועגן די זיגן איבער דעניקינען". לענין האט דא אונטערגעשטראכן איינעם פון די וויכטיקסטע באלערנדיקע אויספירן פונעם בירגער־קריג, צו וועלכע עס ברענגט די דערפארונג פונעם קאמף קעגן קאלטשאקן און דעניקינען. די ארבעטנדיקע פון סאוויעטנלאנד שטייט נאך פאר א לאנגער און שווערער קאמף פאר זייער מלוכהשער אומאפהענגיקייט. „אין דעם דאזיקן לאנגן און שווערן קאמף, — האט געשריבן לענין, — דארפן מיר, גרויסרוסישע און אוקראינישע ארבעטער, גיין אין דעם ענגסטן בונד, ווייל איינציקווייז וועלן מיר זיך געוויס קיין עצה נישט געבן".[1] די גאראנטיע פארן דערפאלג אינעם קאמף פאר איינהייטן די פראלעטארישע מלוכה און פאר איר אומאפהענגיקייט, איז דער ענגער בונד פון די פעלקער פונעם סאוויעטנלאנד, די ברידערלעכע איינהייט פון די אוקראינער און פון די אנדערע נאציאנאליטעטן מיטן גרויסן רוסישן פאלק. די פעלקער־פריינדשאפט, וואס איז אויסגעפרוווט געווארן אינעם פייער פונעם בירגערקריג, איז איינער פון די אנטשיידנדיקע פאקטארן פון דער עקאנאמישער און מיליטערישער מעכטיקייט פון פססר.

בעת די אנשיידנדיקע שלאכטן אויפן דעניקין־פראנט, האט זיך אויף פעטראגראד ווידער אווארף געטאן יודעניטשעס ארמיי, כדי

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 659.

אָפּצוציען דאָס מיליטער פון דרום-פראָנט. ווען יודעניטשעס מיליטער האָט פאַרנומען קראַסנאָיע סעלאָ און גאַטשינאַ, האָט לענין אָנגעשריבן אַ ווענדונג צו די אַרבעטער און רויטאַרמייער פון פּעטראָגראַד.

„חברים! עס ווערט געלייזט דער גורל פון פּעטראָגראַד!... שלאָגט זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, חברים, האַלט זיך פאַר יעדן שפּאַן ערד, זייט פעסט ביזן סוף, דער זיג איז נישט ווייט! דער זיג וועט זיין אונדזערער!".[1]

אויף לענינס רוף מאָביליזירן די אַרבעטער פון פּעטראָגראַד זייערע קרעפטן און וואַרפן זיי קעגן יודעניטשן. און ווען יודעניטשעס מיליטער האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן, האָט לענין אין דער צווייטער ווענדונג צו די אַרבעטער און רויטאַרמייער פון פּעטראָגראַד געשריבן: „שלאָגט זיי, גיט זיי נישט קיין שעה, קיין מינוט אָפּרו".[2]
דאָס מאָל האָט די רויטע אַרמיי צעקלאַפּט יודעניטשעס אַרמיי ענדגילטיק.

צעקלאַפּט דורך דעם רויטן מיליטער, זיינען די דעניקינצעס אָפּגעטרעטן צו דרום. לענין נעמט אָן אַלע מיטלען, אַז די דעניקינצעס זאָלן אינגאַנצן צעקלאַפּט ווערן, ענדגילטיק ליקווידירט ווערן. אָנהייב 1920 יאָר, איז דער דרום-פראָנט רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין דעם דרום-מערבדיקן פראָנט, עס איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער קאַווקאַזער פראָנט. אין אַ טעלעגראַמע צו סטאַלינען האָט לענין אָנגעוויזן, אַז ס'איז נייטיק „דורכשלעפּן אייליק הילף פאַרן קאַווּפראָנט — דאָס איז דאָס סאַמע, סאַמע וויכטיקע".
דעם 19 פעברואַר 1920 יאָר, האָט לענין ווידער טעלעגראַפירט צו סטאַלינען, אַז ער האַלט „פאַר דער וויכטיקסטער און דרינגענדיקער אויפגאַבע צעקלאַפּן ביזן סוף דעניקינען, דערצו דאַרפט איר מיט אַלע כוחות פאַרסירן די הילף פאַרן קאַווּפראָנט".[3] אויף מאָרגן האָבן לענין און סטאַלין געהאַט אַ געשפּרעך דורכן דירעקטן קאַבעל. לענין האָט געזאָגט: „די לאַגע אויפן קאַווקאַזער פראָנט באַקומט אַן אַלץ ערנסטערן כאַראַקטער. לויט דער היינטיקער סיטואַציע איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון פאַרלירן ראָסטאָוו און נאָוואָ-

[1] לענין, ווערק, ב. XXIV, ז. 488.
[2] דאָרטן, ז. 516.
[3] "באָלשעוויק", 1940, נומ. 3, ז. 36.

טשערקאַסק, עס זיינען אויך נישט אויסגעשלאָסן פּרוּוון פֿונעם קעגנער צו אַנטוויקלען דעם דערפֿאָלג ווייטער אויף צפֿון און באַדראָען דעם דאָנעצער ראַיאָן. נעמט אָן אויסעראָרדנטלעכע מיטלען אויף צו פֿאַרשנעלערן די טראַנספּאָרטירונג פֿון דער צוויי-און-פֿערציקסטער דיוויזיע און פֿון דער לעטישער דיוויזיע אויף צו פֿאַרשטאַרקן זייער קאַמפּס-פֿעיִקייט. איך רעכן אויס דערויף, אַז אָפּשאַצנדיק די אַלגעמיינע סיטואַציע, וועט איר אַנטוויקלען אייער גאַנצע ענערגיע און וועט דערגרייכן ערנסטע רעזולטאַטן". דערויף האָט חבר סטאַלין געענטפֿערט קורץ און שאַרף. „איר קענט זיין זיכער, אַז עס וועט געטאָן ווערן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך".[1] דעניקין איז צעקלאַפּט געוואָרן ביזן סוף.

די מפּלה פֿונעם צווייטן מאַרש פֿון דער אַנטאַנטע איז געווען נישט בלויז קיין קריגס-נצחון פֿון דער סאָוועטן-רעפּובליק. דאָס איז געווען לענינס אַ ביז גאָר גרויסער זיג אויפֿן פֿראָנט פֿון דער אויסערן-פּאָליטיק, אויפֿן פֿראָנט פֿון דיפּלאָמאַטיע. די אימפּעריאַליסטן פֿון דער אַנטאַנטע האָבן אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, כּדי צו צווינגען עסטאָניע, לעטלאַנד און אַנדערע באַלטישע מלוכות אַרויסצוטרעטן קעגן דעם סאָוועטנלאַנד. די אַלע באַמיִונגען זייערע האָבן זיך אָבער געענדיקט מיט אַ קראַך. אין דעם שאַרפֿסטן מאָמענט, ווען יודעניטש איז געווען ביי פּעטראָגראַד און דעניקינס חילות האָבן זיך געריסן קיין מאָסקווע, האָבן די דאָזיקע קליינע מלוכות נישט געגעבן קיין באַוואָפֿנטע הילף די ווייסגוואַרדייער. די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע, וואָס אָנגעפֿירט מיט איר האָט לענין, האָט מייסטערהאַפֿט אויסגענוצט די ווידערשפּרוכן צווישן די דאָזיקע לענדער און די גרויסע אימפּעריאַליסטישע רויבער. יעדעס פֿון די דאָזיקע קליינע לענדער האָט שוין פּראַקטיש אויסגעפּרוּווט אויף זיך די פּאָליטיק פֿון די גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס טרעטן מיט די פֿיס די נאַציאָנאַלע ווירדע און מלוכהשע זעלבשטענדיקייט פֿון די קליינע מלוכות. אין דער זעלבער צייט האָבן די דאָזיקע לענדער געוווּסט, אַז דער זיג פֿון קאָלטשאַקן, יודעניטשן, דעניקינען און פֿון אַנדערע צאַרישע גענעראַלן באַדייט דעם סוף פֿון זייער זעלבשטענדיקייט, די רעסטאַוראַציע פֿון דעם אַלטן רוסלאַנד — דער פֿעלקער-טורמע. דער אויסערן-פּאָליטיק פֿונעם אימפּעריאַליזם, דער פּאָליטיק פֿון גזילה און געוואַלד

[1] „פּראַוודאַ", נומ. 21, 21 יאַנואַר 1935 יאָר.

האָט לענין קעגנגעשטעלט די סאָוויעטישע אויסערן־פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון שלום און אכטונג צו דער אומאָפּהענגיקייט פון אַלע פעלקער. און די סאָוויעטן־רעפּובליק האָט געזיגט אינעם דאָזיקן אָנגעשטרענגטן קאַמף קעגן די מעכטיקע אימפּעריאַליסטישע מלוכות.

לענין האָט אויפמערקזאַם און אָן אויפהער נאָכגעשפּירט נאָך אַלע אָפּעראַציעס פון דער רויטער אַרמיי. ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען דורכן דירעקטן קאַבעל מיט די אָנפירער פון די פראָנטן, האָט אָפּגעגעבן באַפעלן, פאָראָרדענונגען און האָט געפאָדערט מיטטיילונגען וועגן דעם, ווי אַזוי זיי ווערן אויסגעפירט. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זענען לעניניסטן אויף דער טריבונע, הערן זיינע פלאַמיקע רופן העלדיש צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם אויפן קריגס־פראָנט און אויפן אַרבעטס־פראָנט. לענינס רופן האָבן געבראַכט אַ צופלוס פון נייע כוחות אינעם קאַמף קעגן די שונאים, האָבן געהעכערט די באַוווסטזיניקייט פון די אַרבעטנדיקע, האָבן געפעסטיקט דאָס סאָוויעטישע הינטערלאַנד. לענין האָט געהאַלטן, אַז דאָס הינטערלאַנד האָט אַן אויסשליסלעכע באַדייטונג. „די מלחמה איז אַן עקזאַמען פאַר אַלע עקאָנאָמישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קרעפטן פון יעטוועדער נאַציע... מיר זיגן און וועלן זיגן, ווייל מיר האָבן אַ הינטערלאַנד, און אַ פעסטן הינטערלאַנד, ווייל די פּויערים און אַרבעטער זיינען, נישט געקוקט אויפן הונגער און קעלט, באַהאַפטן, זיי זיינען פעסטער געוואָרן, און אויף יעדן שווערן קלאַפּ ענטפערן זיי מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער קרעפטן־באַהעפטונג און עקאָנאָמישער מעכטיקייט...“.[1]

און גלייכצייטיק האָט זיך אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט די קאָלאָסאַלע לויפנדיקע אַרבעט אין געביט פון אָנפירן מיט דער פּאַרטיי און מלוכה. כמעט יעדן טאָג זיינען פאָרגעקומען זיצונגען פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן אָדער פון דעם שוץ־ראַט, וווּ לענין איז געווען פאָרזיצער, פון טאָג־סדר זיינען נישט אַראָפּ אַזוינע פאַר דער לאַנד־שוץ וויכטיקע פראַגן, ווי די פראַגע וועגן דערנערונג, הייצוואַרג, טראַנספּאָרט. „ביי אונדז קומען נישט פאָר קיין זיצונגען פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן אָדער שוץ־ראַט, — האָט געזאָגט לענין, — וווּ מיר זאָלן נישט טיילן די לעצטע מיליאָנען פּודן קוילן אָדער נאַפט, און מיר געפינען זיך אין אַ פּיינלעכן צושטאַנד,

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 544.

װען אַלע קאָמיסאַרן נעמען זיך די לעצטע רעשטלעך און יעדן איינעם פֿעלט אויס, און מע דאַרף לייזן: פֿאַרמאַכן פֿאַבריקן דאָ אָדער דאָרטן, דאָ לאָזן די אַרבעטער אָן אַרבעט אָדער דאָרטן — אַ פּיינלעכע פּראַגע. מע מוז אָבער טאָן, ווייל קיין קוילן איז נישטאָ".[1] לייזנדיק פֿאַרשידענע מלוכה־ענינים פֿון גרויסע מאַסשטאַבן, פֿלעגט לענין אויך אַריינדרינגען אין דעטאַלן און פֿלעגט ענערגיש קעמפֿן פֿאַר דעם, אַז די אָנגעמערקטע פּלענער און אָנגענומענע באַשלוסן זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן. יעדעס מאָסמיטל זיינס, וואָס האָט אויפֿן ערשטן קוק אויסגעזען אומבאַדייטנדיק, האָט געשלאָגן אין איין פּונקט, איז געווען געווענדט צו איין ציל — צום זיג פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. הינטער די דאָזיקע „קלייניקייטן" האָט לענין געזען גרויסע זאַכן — די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער סאָוויעטנמאַכט, די מפּלה פֿון אירע שונאים, דעם זיג פֿונעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

זיין מערקווירדיקע אָרגאַניזירטקייט אין לעבן און אין דער אַרבעט האָט לענין אַריינגעטראָגן אויך אין די זיצונגען פֿון צ.ק., ראַטפֿאָלקאָם, שוץ־ראַט. די צייט איז ביי אים געווען פּינקטלעך איינגעטיילט. עס איז ביי אים נישט געגאַנגען לאיבוד קיין איין מינוט. די זיצונגען פֿלעגט ער עפֿענען פּינקטלעך אין דער אָנגעמערקטער צייט. פֿון די פּאַרטרעגער און רעדנער פֿלעגט ער פֿאָדערן געוואַלדיקע געפּרעסטקייט, זאַכלעכקייט, ער האָט געפֿאָדערט, אַז די פֿאָרשלאָגן זאָלן זיין פּינקטלעך קלאָר, די אינפֿאָרמאַציע אַ גענויע. ניין מאָס רייד האָט ער פֿיינט געהאַט. פֿראַגן פֿון גרויסער מלוכהשער און פּאַרטייאישער באַדייטונג פֿלעגט אין לענינס קעגנוואַרט געלייזט ווערן שנעל. מיט זיין מונטערקייט, לעבנסלוסטיקייט, ברויזנדיקער ענערגיע פֿלעגט לענין אָנשטעקן אַלע ביייוועזנדיקע. ער האָט ליב געהאַט זיך חכמען, שפּאַסן, לאַכן און פֿלעגט דערמיט אָנשטעקן אויך די אַרומיקע. איינער אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער אין ענגלאַנד, וואָס איז געווען אויף אַ זיצונג פֿון ראַטפֿאָלקאָם און האָט געזען, ווי אָנשטעקנדיק עס לאַכט לענין, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געלעכטער פֿון ק ר אַ פֿ ט.

אויפֿמערקזאַם צוהערנדיק זיך צו די פּאַרטרעגער און רעדנער, פֿלעגט לענין באַווייזן דאָ אויף אַן אָרט, בעת דער זיצונג, איבערצו-

[1] לענין. ווערק. ב. XXIV, ז. 297.

שרייבן זיך מיט די בייוועזנדיקע און לייזן אזוי אַרום אַ ריי וויכטיקע פראַגן.

לענין האָט געשטעלט גרויסע פאָדערונגען, ער האָט געקעמפט דערפאַר, אַז אַלץ זאָל דערפירט ווערן ביזן סוף, האָט קאָנטראָלירט די אויספירונג, האָט נישט געוווּסט פון קיין רחמנות צו ביוראָקראַטן, שווינדלער, פוילער, צעפאָרענע טוער.

לענין האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע זאָרג וועגן די אַרבעטער, פויערים, וועגן די געלערנטע, וועגן די פּאַרטייאישע און מלוכהשע קאַדרען. אַ שטייגער, ווען די לאַגע אויפן אייזנבאַן־טראַנספּאָרט איז געווען אַ שווערע, האָט לענין פאַרגעלייגט פאַרגרעסערן דעם ראַציאָן פאַר די אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען.

לענין האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז די געלערנטע זאָלן זיין מאַטעריעל געזיכערט, זיי זאָלן האָבן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, ער האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן באַדינגונגען פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. לויט זיין אָנווייזונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן די צענטראַלע קאָמיסיע אויף צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די געלערנטע.

ווי אַ פאָטער, האָט ער געזאָרגט וועגן דעם געזונט, וועגן דער גוטער דערנערונג פון די קינדער, וועגן באַזאָרגן זיי מיט מילך, פוטער.

באַמערקט אויף דער זיצונג פון דעם ראַטפאָלקאָם, אַז דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר דערנערונג ציורופּאַ איז קראַנק, האָט אים לענין גלייך אָנגעשריבן אַ צעטעלע, אַז מע דאַרף זאָרגזאַם זיך באַציִען צום געזונט, ווי צו „מלוכהש פאַרמעגן”: „טייערער אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש! איר הייבט זיך אָן אַבסאָלוט אומדערלאָזבאַר באַציִען צו מלוכהש פאַרמעגן. מיין פאַראָרדענונג: דריי וואָכן זיך היילן!...

ערנוואָרט, ס'איז אומדערלאָזבאַר אַזוי אַרומוואַרפן זיך מיט אַ שוואַכן געזונט. מע דאַרף עס צורעכט מאַכן!”.[1]

אויפן פראָנט איז דערהרגעט געוואָרן דער זון פון דעם שרייבער א. ס. סעראַפימאָוויטש. סעראַפימאָוויטש האָט שווער אַריבערגעטראָגן דעם טויט פון זיין באַליבטן זון. לענין האָט זיך דערוווּסט

---

[1] לענין־זאַמלונג XXI, ז. 280.

וועגן דעם פון זיין שוועסטער און האָט תיכף אָנגעשריבן סעראפימאָוויטשן א בריוו: „די שוועסטער האָט מיר נאָרוואָס איבערגעגעבן וועגן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס האָט אייך געטראָפן. דערלויבט מיר פעסט, פעסט דריקן אייך די האַנט און ווונטשן מונטערקייט און פעסטקייט פון גייסט"[1]. לענין זעט צו איבערצייגן סעראפימאָוויטשן, „ער זאָל זיך צ ו ו י נ ג ע ן נעמען זיך ווייטער צו דער ארבעט", ווייל זיינע קונסט-ווערק זיינען נייטיק די ארבעטער, זיינען נייטיק דעם גאַנצן לאַנד.

פיל אויפמערקזאמקייט האָט לענין אָפּגעגעבן די פרויען — די ארבעטערינס און פויערטעס. ער איז נישט איין מאָל ארויסגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן פון אַרבעטערינס און פויערטעס, האָט זיך געווענדט צו זיי מיטן רוף נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג און אין דער בויונג פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. ווען אין דער בויונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן אָנהייבן אָנטיילנעמען מיליאָנען פרויען, האָט געזאָגט לענין, „וועט די סאָציאַליסטישע בויונג, זיינען מיר זיכער, פאַרפעסטיקט ווערן". לענין האָט געהאַלטן, אז א באַזונדערע באַדייטונג אין די באַדינגונגען פון מלחמה האָט די ארבעט פון די פרויען צו הילף דער רויטער אַרמיי, די זאָרג זייערע וועגן די פאַרוווּנדעטע, דאָס פאַרבייטן אין די אונטערנעמונגען און אין די אַנשטאַלטן די מענער, וואָס זיינען אוועק אין דער אַרמיי.

לענין איז געווען דער בעסטער פריינד פון דער יוגנט, דער פאָטער און דערציער פון די יונגע ארבעטער און פויערים, ער פלעגט העלפן מיט אַן עצה, מיט אָנווייזונגען די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. דער דעלעגאַציע פון דעם I אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די יוגנט-פאַרבאַנדן, וועלכע האָט אים מיטגעטיילט, אז דער פאַרבאַנד האָט געענדערט זיין נאָמען און הייסט איצט קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד, האָט לענין געגעבן צו פאַרשטיין, אז עס האַנדלט זיך נישט אין נאָמען, נאָר אין דער ארבעט: מע דאַרף זיין א קאָמוניסט אין אַלץ, אין דיין גאַנצן לעבן און אין דיין גאַנצער טעטיקייט.

אויפן III צוזאַמענפאָר פונעם קאָמיוג אין 1920 יאָר איז לענין ארויסגעטרעטן מיט א רעדע „די אויפגאבן פונעם יוגנט-פאַרבאַנד". ער האָט גערופן די יוגנט אקטיוו אָנטייל צו נעמען אין דער

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 518.

גאַנצער אַרבעט פון דער סאָוויעטישער מלוכה, ערנסט און טיף צו באַהערשן אַלע אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור. ער האָט געזאָגט, אַז אַ קאָמוניסט קאָן מען ווערן נאָר דאַן, ווען מע באַרייכערט דעם זכרון מיט דעם וויסן פון אַלע אוצרות, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט די מענטשהייט. די אַרבעטער און פּויערים דאַרפן זיין באַהעפט און באַוווּסטזיניק דיסציפּלינירט, מחמת אָן אַט דער באַהעפטקייט און דיסציפּלין קאָן מען נישט באַזיגן די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים פון דער גאַנצער וועלט, קאָן מען נישט אויפבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. דער קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד דאַרף דערציען יונגע בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. מ׳דאַרף האָט געזאָגט לענין, אַז די גאַנצע דערציונג און בילדונג פון דער היינטצייטיקער יוגנט זאָל זיין געווענדט אויף צו דערציען אין איר די קאָמוניסטישע מאָראַל. עס עקזיסטירט נישט קיין מאָראַל, וואָס איז גענומען אויסער דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; דאָס איז אָפּנאַרעריי. קאָמוניסטישע מאָראַל — דאָס איז נישט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אָפּגעריסן פונעם קלאַסן-קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט; זי איז אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון אָראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און אויפבויען דעם קאָמוניזם. דער קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד וועט ערשט דאַן באַרעכטיקן זיין נאָמען, ווען די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד וועלן יעדן טראָט פון זייער לערע, דערציונג, בילדונג פאַרבינדן מיטן אָנטייל אין אַלגעמיינעם קאַמף פון די אַרבעטנדיקע פאַרן קאָמוניזם. דער קאָמיוג דאַרף אין יעדער אַרבעט געבן זיין הילף, אַרויסווייזן זיין איניציאַטיוו. אין לענינס רעדע איז געגעבן געוואָרן אַן אַרבעטס-פּראָגראַם פאַר די פאַרבאַנדן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, אַן אַרבעטס-פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער סאָוויעטישער יוגנט.

איבערגעלאָדן מיט דער קאָלאָסאַלער מלוכהשער און פּאַרטייאישער אַרבעט, האָט לענין געפונען צייט צו לייענען לעקציעס אין דעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אויף סווערדלאָווס נאָמען, צו אינטערעסירן זיך מיט דער נייער ליטעראַטור, צו פאַרנעמען זיך מיט פראַגן פון פילאָזאָפיע. דאָס פאָלגנדיקע צעטל זיינס, אַדרעסירט צו דער ביבליאָטעק פון דעם רומיאַנצעוו-מוזיי, זאָגט עדות וועגן לענינס טיפן אינטערעס צו די פראַגן פון פילאָזאָפיע אַפילו אין דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגטן פּעריאָד און גלייכצייטיק כאַראַקטעריזירט עס לענינס גוואַלדיקע באַשיידנקייט. לענין בעט:

„צוליב ספּראַוּוקעס אויף 1 טאָג:

I. צוויי ב ע ס ט ע, אמערסטן פולע, ווערטערביכער פון גריכיש אויף ד י י ט ש, פראַנצויזיש, רוסיש אָדער ענגליש.

II. די בעסטע פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע ווערטערביכער, ווערטערביכער פון פילאָזאָפישע טערמינען: אַ דייטשישן, דוכט זיך, אייסלערס; אַן ענגלישן, דוכט זיך, באַלדווינס, (Baldwin) אַ פראַנצויזישן, דוכט זיך, פראַנקס (אויב עס איז נישטאָ קיין נייערער), אַ רוסישן, וועלכער ס'איז דאָ פון די נייע. ראַדלאָווס און אַנדערע.

III. די געשיכטע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע:

1) צ ע ל ע ר, די פולע און נייעסטע אויפלאַגע.

2) ה אַ מ פ ע ר ץ (אַ ווינער פילאָזאָף); „Griechische Denker";

„אויב די אינפאָרמאַטיווע אויסגאַבעס ווערן, לויט די כללים, נישט אַרויסגעגעבן אַהיים, צי קאָן מען נישט באַקומען אויף אינאָונט, אויף בייטאָג, ווען די ביבליאָטעק איז פאַרמאַכט. א י ך וועל אומקערן אינדערפרי"[1].

אָרגאַניזירנדיק די לאַנדשוין, האָט לענין גערופן די אַרבעטער און אַלע אַרבעטנדיקע צו העכערן מיט אַלע מיטלען די אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט. ער האָט נישט איין מאָל געזאָגט, אַז די אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט — דאָס איז אין לעצטן סך־הכל דאָס סאַמע וויכטיקע, סאַמע עיקרדיקע פאַרן זיג פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פאַרן זיג פונעם סאָציאַליזם.

לענין האָט געהאַט, ווי קיינער נישט, דאָס געפיל פאַר אָפּשאַצן דאָס נייע. ווי אַ געניטער גערטנער, פלעגט ער זיך אויפמערקזאַם צוקוקן צו דעם אויפקום פונעם נייעם און פלעגט עס מיט ליבע אויסכאָוועז. אינעם ערשטן סובאָטניק, וואָס די אַרבעטער פון דער קאַזאַנער אייזנבאַן האָבן דעם 10 מאַי 1919 יאָר אָרגאַניזירט אַלס ענטפער אויף לענינס רוף צו „אַרבעטן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן", האָט ער תיכף דערזען אַ געשעעניש, וואָס האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג.

אינעם אַרטיקל „דער גרויסער אָנהייב" האָט לענין געשריבן:

„ממש אַ גיגאַנטישע באַדייטונג האָט אין דער דאָזיקער הינזיכט דאָס, וואָס די אַרבעטער אָרגאַניזירן, לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, קאָמוניסטישע סובאָטניקעס... דאָס איז

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 519.

אן אנהייב פון אן איבערקערעניש, א מער שווערע, א מער וועזנטלעכע, א מער ראדיקאלע, א מער אנטשידנדיקע, ווי דאס אראפווארפן די בורזשואזיע".[1]

לענין האט געזען אין די סובאטניקעס דעם „פאקטישן אנהייב פונעם קאמוניזם". ער האט געשריבן: אז די קאמוניסטישע סובאטניקעס „באווייזן אונדז די באוווסטזיניקע און פרייוויליקע איניציאטיוו פון די ארבעטער אין אנטוויקלען די ארבעטס־פראדוקטיוויקייט, אין אריבערגיין צו דער נייער ארבעטס־דיסציפלין, אין שאפן סאציאליסטישע באדינגונגען פון ווירטשאפט און לעבן".[2] ער האט געהאלטן, אז דער ארבעטס־העראיזם פון די ארבעטער אין הינטערלאנד פארדינט נישט ווייניקער אויפמערקזאמקייט און סטימולירונג, ווי די העלדישקייט אויפן פראנט.

לענין האט מיט אלע מיטלען מיטגעווירקט דער דאזיקער „גרויסער איניציאטיוו" פון די ארבעטער־מאסן. דעם 1 מאי 1920 יאר, ווען אינעם גאנצן לאנד איז דורכגעפירט געווארן א סובאטניק, האט לענין אנטיילגענומען אין דער ארבעט פון אפרייניקן דעם קרעמל־פלאץ.

איינער פון די אנטיילנעמער פון דעם דאזיקן סובאטניק א קורסאנט פון דער קרעמל־שול, דערמאנט זיך: „מיר זעען — אויפן רעכטן פלאנג, לעבן דעם קורס־פאן, שטייט נישט קיין הויכער מענטש אין אן ארבעטס־אנצוג. דאס איז געווען איליטש. דער ארקעסטער האט אנגעהויבן שפילן דעם אינטערנאציאנאל.

פלוצים א סיגנאל — עס דונערן הארמאטן, און צוזאמען מיט איליטשן טרעטן מיר צו צו דער ארבעט. צוזאמען מיט אים האבן מיר אפגערייניקט פון פארשידענעם מיסט דעם קרעמל־פלאץ. איליטש האט געטראגן אויף זיינע אקסל קלעצער, ער האט זיך איינגעשפאנט אין א וועגעלע און געשלעפט שטיינער".[3]

ווען קאלטשאק און דעניקין זיינען צעקלאפט געווארן און ס'איז געקומען א שטיקל צייט, ווען מע האט געקאנט רואיקער אפכאפן דעם אטעם אין פרידן, האט לענין זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט קאנצענטרירט אויף דער ארבעט פון דער אינדוסטריע,

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 329.

[2] דארטן, ז. 342. 339.

[3] „ארבעטער און פויערים וועגן לענינען", ז. 105.

פונעם טראַנספּאָרט, פון דער לאנדווירטשאפט. א טייל פון דער רויטער ארמיי איז אריבערגעפירט געוואָרן אויפן ארבעטס-פראָנט. דער ראַט פאר ארבעטער- און פּויערים-שוץ איז רעקאָנסטרואירט געוואָרן אינעם ראַט פאר ארבעט און שוץ. לענין שטעלט פאָר דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, פאר דער סאָוויעטנמאַכט דריי דרינגנדיקע אויפגאַבן, וואָס לייזן דעם גורל פון אויפשטעלן די ביז גאָר רואינירטע אינדוסטריע: שאַפן א גרויסן מלוכהשן דערנערונג-רעזערוו, זיכערן מיט הייצוואַרג די אינדוסטריע, אויפשטעלן דעם טראַנספּאָרט און איינרעגולירן זיין ארבעט.

לענין האָט געוואָרנט, אז באזיגן קאָלטשאַקן, יודעניטשן, דעניקינען איז געווען פיל לייכטער, ווי זיגן אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט, ווייל דאָ דארף מען בייקומען די קליינבירגערלעכע געוווינהייטן, פארהעלטענישן, רגילותן, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אין משך פון יאָרהונדערטער, און אז אויף דעם דאָזיקן פראָנט שטייט פאָר א דויערנדיקער און אויסערגעוויינלעך-עקשנותדיקער קאַמף. ער האָט גערופן די ארבעטער ארויסווייזן אויפן פראָנט פון פרידלעכער ארבעט „נאָך גרעסערע וואונדער פון העלדישקייט און זיג, ווי אויפן געביט פון מלחמה קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן!"[1] לענין האָט טיף געגלייבט אין די שעפערישע קרעפטן פונעם ארבעטער-קלאַס, אין זיין פעיקייט זיך אן עצה צו געבן מיט אלע שוועריקייטן. ער האָט געהאלטן, אז אויך אויפן ארבעטס-פראָנט איז די באוווסטזיניקייט און פעסטקייט פונעם ארבעטער-קלאַס, זיין אנטשלאָסנקייט און „אייזנפעסטער ווילן צו פארווירקלעכן זיין לאָזונג — מיר וועלן גיכער אומקומען, איידער זיך אונטערגעבן" — נישט בלויז א היסטאָרישער פאַקטאָר, נאָר אויך אן אנטשיידנדיקער, א זיגנדיקער פאַקטאָר".[2]

סוף מערץ 1920 יאָר, האָט זיך געעפנט דער IX פּאַרטיי-צוזאמענפאָר. אין דעם באריכט-פאַרטראָג וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פונעם צענטראַל-קאָמיטעט האָט לענין באזונדערס אונטערגעשטראָכן די אָרגאניזירנדיקע ראָל פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין דער פאַטערלענדישער מלחמה. דער קאַמפּס-לאָזונג פון דער פּאַרטיי: „אלץ פארן זיג", „אלץ פאר דער מלחמה!" האָט

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 25.

[2] דאָרטן, ז. 103.

באהעפט און ארגאניזירט מיליאנען מאסן אויפן פראנט און אין הינטערלאנד. די באלשעוויסטישע פארטיי האט געזיכערט די איינהייט פון ווילן און די איינהייט פון טאט פון מיליאנען ארבעטער און פויערים.

„בלויז אדאנק דעם, — האט געזאגט לענין, — וואס די פארטיי איז געווען אויף דער וואך, וואס די פארטיי איז געווען אויפן שטרענגסטן אופן דיסציפלינירט און ווייל דער אויטאריטעט פון דער פארטיי האט פאראייניקט אלע אמטן און אינסטיטוציעס, און נאכן לאזונג, וועלכן עס האט געגעבן דער צ. ק. זיינען געגאנגען ווי איין מענטש צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער און אין לעצטן סך־הכל מיליאנען, און בלויז דערפאר, וואס עס זיינען געבראכט געווארן אומדערהערטע קרבנות, — בלויז דערפאר האט דער וואונדער, וואס איז געשען, געקאנט געשען. בלויז אדאנק דעם זיינען מיר, נישט געקוקט אויפן צוויימאליקן, דריימאליקן און פירמאליקן מארש פון די אנטאנטע־אימפעריאליסטן און פון די אימפעריאליסטן פון גאר דער וועלט אימשטאנד געווען צו זיגן”.[1]

לענין האט פארשארפט די אויפמערקזאמקייט פון דעם צוזאמענפאר פון דער פארטיי באלשעוויקעס אויף די פראגן פון דערווירטשאפטלעכער בוזונג. וועגן דעם האט ער געשריבן אינעם „בריוו צו די ארגאניזאציעס פון דער רקפ וועגן דער צוגרייטונג צום פארטיי־צוזאמענפאר”, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן אין נאמען פונעם צ. ק. וועגן דעם האט ער אויך גערעדט אי אויף דער דערעפענונג פונעם צוזאמענפאר, אי אין זיין באריכט־פארטראג וועגן דער ארבעט פון צ. ק., אי אין דער רעדע וועגן דער ווירטשאפטלעכער בוזונג, אי אין דער רעדע ביים שליסן דעם צוזאמענפאר. לענין האט גערופן די פארטיי, די ארבעטער און פויערים ווענדן די גאנצע ענערגיע „אויף אויפשטעלן דעם טראנספארט, און אין דער צווייטער ריי — אויף אויפשטעלן די דערנערונגס־לאגע”.[2]

אויפן צוזאמענפאר איז לענין אנטשידן ארויסגעטרעטן קעגן דער אנטיפארטייאישער גרופע פון „דעמאקראטישן צענטראליזם”, וועלכע עס האבן געשטיצט ריקאוו און טאמסקי. די דאזיקע גרופע האט פארטיידיקט אומבאגרענעצטע „קאלעגיאלקייט” און אומפאר־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 96

[2] דארטן, ז. 128.

אַנטוואָרטלעכקייט אין פאַרוואַלטן מיט דער אינדוסטריע קעגן דעם פּרינציפּ, וועלכן עס האָט אַרויסגערוקט לענין און וועלכן עס האָט געשטיצט די גאַנצע פּאַרטיי — דעם פּרינציפּ פון איינפּערזאָניקייט און פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די דירעקטאָרן אין דער אינדוסטריע און אינעם טראַנספּאָרט.

אויפן גרונט פון לענינס אָנווייזונגען האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט דעם איינהייטלעכןווירטשאַפט־לעכן פּלאַן, אין וועלכן דאָס הויפּט־אָרט האָט פאַרנומען די פּראַגע וועגן עלעקטריפיצירן די גאַנצע פאָלקסווירטשאַפט.

דער IX צוזאַמענפאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן צוטרעטן אַרויסצוגעבן וו. אי. לענינס געזאַמלטע ווערק.

אין אַפּריל 1920 יאָר האָט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס אָפּגע־מערקט דעם 50־יאָריקן געבורטס־טאָג פון איר פירער און גרינדער — וולאַדימיר איליטש לענין. אויפן אָוונט, וועלכן עס האָט אָרגאַניזירט דעם 23 פעברואַר דער מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, זיינען אַרויס־געטרעטן לענינס נאָענטסטע מיטקעמפער און פריינד — סטאַלין, גאָרקי און אַנד. צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט לענין געהאַלטן אַ קליינע רעדע. זיין רעדע האָט לענין געווידמעט דער פּאַרטיי באָל־שעוויקעס — איר הויכער לאַגע אַלס פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיט אַ קאָלאָסאַל לאַנד, איר געוואַלדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט בנוגע דעם פאָלק און דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט גע־רעדט וועגן דעם, ווי געפערלעך עס איז דער קאָפּשווינדל פון דער־פאָלגן, ווי אָפט עס האָבן אין דער געשיכטע געהאַט אַ דורכפאַל און אַ מפּלה יענע פּאַרטייען, וואָס זיינען געוואָרן ביי זיך גרויס־האַלטעריש. אָנווייזנדיק, אַז די גרונט־שוועריקייטן — די שוועריקייטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג — שטייען נאָך פאָר, האָט לענין געוואָרנט די פּאַרטיי פון דער געפאַר פון גרויס־האַלטעריי. ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע געפאַר „דאַרפן זייער ערנסט נעמען אין אַכט אַלע באָלשעוויקעס — יעטוועדער באַזונדער, און די באָל־שעוויקעס אַלס גאַנצע פּאָליטישע פּאַרטיי“[1]. אין סוף פון זיין רעדע, האָט לענין אויסגעדריקט די פולע זיכערקייט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן קיינמאָל נישט זיין אין דער לאַגע פון אַ פּאַרטיי, וואָס איז געוואָרן ביי זיך גרויסהאַלטעריש.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 163.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען האָט לענין אומדערמידלעך פּראָפּאַ־גאַנדירט די אויפגאַבע פון העכערן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, די אויפגאַבע פון שאַפן אַ נייע, אַ סאָציאַליסטישע אַרבעט־דיסציפּלין. ער האָט גערעדט און געשריבן: „בויען אַ נייע אַרבעט־דיסציפּלין, בויען נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער פאַרבינדונג צווישן מענטשן, בויען נייע פאָרמען און מעטאָדן פון צוציען מענטשן צו אַר־בעט, דאָס איז אַן אַרבעט פון אַ סך יאָרן און יאָרצענדליקער.

דאָס איז אַ ביז גאָר דאַנקבאַרע און ביז גאָר נאָבעלע אַרבעט"[1].

פאַר אַ ביז גאָר וויכטיקער זאַך האָט לענין געהאַלטן די אַר־בעט פון אָרגאַניזירן דעם קאָנטראָל, אַריינציען אין דעם די אַר־בעטער און פּויערים, באַזונדערס די פרויען. בראָש פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר מלוכה־קאָנטראָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן חבר סטאַלין. אין אַפּריל 1919 יאָר האָט לענין געשריבן צו סטאַ־לינען, אַז אין דער קאָנטראָל־אַרבעט רוקן זיך אַרויס אויפן פאָדער־גרונט אַזוינע אויפגאַבן: אומגעריכטע רעוויזיעס לויט די אָנקלאַ־געס פון די בירגער, רעוואָלוציאָנערע מיטלען פון קאַמף קעגן מיס־ברויכן און ביוראָקראַטיזם, העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט און פאַרגרעסערן דעם סכום פּראָדוקטן. לענין האָט געהאַלטן, אַז דער קאָנטראָל־אַפּאַראַט איז אַ מעכטיק מיטל פאַר אַריינציען די אַרבעטנדיקע אין דער מלוכה־אַרבעט. צוליב דעם טאַקע איז דער קאָמיסאַריאַט פון מלוכה־קאָנטראָל אין 1920 יאָר רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין דער אַרבעטער־פּויערישער אינספּעקציע. לענין האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט סטאַלינען, האָט צו אים געשריבן: „דער ציל: די **גאַנצע** אַרבעטנדיקע מאַסע, אי די מענער, אי די **פרויען באַזונדערס**, דורכפירן דורכן אָנטייל אין דער אַרבעטער־פּויערישער אינספּעקציע"[2].

רופנדיק די פּאַרטיי באָלשעוויקעס און דעם אַרבעטער־קלאַס צום קאַמף פאַר אויפשטעלן דיווירטשאַפט, האָט לענין רעכטצייטיק געוואָרנט, אַז דער שונא זאַמלט קרעפטן, אַז ער וועט פּרוּוון נאָכאַמאָל מיט באַוואָפנטער קראַפט אַראָפּוואַרפן די סאָוויעטנ־מאַכט. די דאָזיקע פאָרויסזעונגען זיינען מקוים געוואָרן. די אימפּער־יאַליסטן האָבן אינגיכן אונטערגענומען אַ נייעם פּרוּוו פון אַן אינ־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 151.

[2] לענין. ווערק, ב. XXIX, ז. 387.

טערוועניץ און האָבן אָנגעהויבן זייער דריטן קריגס־מאַרש קעגן דעם סאָוויעטן־לאַנד. אין אַפּריל 1920 יאָר, האָבן זיי אַ וואָרף געטאָן קעגן דער סאָוויעטן־רעפּובליק די מיליטערישע קרעפטן פון דעם פּריצישן פּוילן און ווייס־גוואַרדייער פון דעם באַראָן ווראַנגעל, וועלכער האָט אָנגעגריפן פון קרים. לענין האָט געזאָגט, אַז פּוילן און ווראַנגעל זיינען צוויי הענט פון דעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם, וואָס פּרוווט צו דערשטיקן די סאָוויעטן־רעפּובליק.

די מלחמה האָט ווידער געפאָדערט קרבנות, ליידן, קאָלאָסאַלע קרעפטן־אָנשטרענגונג פונעם גאַנצן לאַנד. דער אַרבעטער־קלאַס און דאָס אַרבעטנדיקע פּויערטום האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז זייער קאַמף איז אַ גערעכטער און זיינען דעריבער דרייסט געגאַנגען אַנטקעגן די שוועריקייטן, האָבן מוטיק בייגעקומען זיי און זיינען געווען זיכער אין זייער זיג. „מיר, — האָט דערקלערט לענין, — פאַרטיידיקן נישט דאָס רעכט פון ראַבעווען פרעמדע פעלקער, נאָר מיר פאַרטיידיקן אונדזער פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און וועלן זי פאַרטיידיקן ביזן סוף. יענע רוסלאַנד, וואָס האָט זיך באַפרייט, וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָר אין ליידן דורכגעמאַכט זיין סאָוויעטישע רעוואָלוציע, דאָס דאָזיקע רוסלאַנד וועלן מיר פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!“[1].

די לאַנדשוץ איז ווידער אין צענטער פון לענינס אויפמערקזאַמקייט. ער רופט דאָס לאַנד נאָכאַמאָל אָנשטרענגען אַלע קרעפטן, שטעלן אַלץ צו דינסט דעם פראָנט. ער האָט געזאָגט: „עס דאַרף גילטן דער לאָזונג — אַלץ פאַר דער מלחמה! אָן דעם וועלן מיר נישט פאַרטיק ווערן מיט דער פּוילישער שליאַכטע און מיט דער בורזשואַזיע, ווי דאָס איז נייטיק, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, אָנלערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל די לעצטע פון די שכנישע מלוכות, וואָס וואַגט נאָך זיך צו שפּילן דערמיט. מיר דאַרפן זיי אָפּגעוווינען דערפון אַזוי, אַז זיי זאָלן זייערע קינדער און קינדס־קינדער אָנזאָגן מער אַזוינע שטיק נישט צו מאַכן“[2]. צו אָרגאַניזירן די צעגראָמירונג פון די פּוילישע פּאַנעס שיקט דער צ. ק. אויפן דרום־מערב־פראָנט, לויט לענינס איניציאַטיוו, דעם חבר סטאַלין. אַלס ענט־

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 59.

[2] דאָרטן, ז. 299.

פער אויף לענינס רוף גייען אוועק אויפן פראנט טויזנטער בעסטע קאמוניסטן און קאמיוגיסטן.

אין דער זעלבער צייט פירט לענין א גרויסע צוגרייטונגס־אר־בעט ארום צונויפרופן דעם II קאנגרעס פון קאמינטערן. פאר דעם יאר, וואס איז פארביי זינט דעם ערשטן קאנגרעס, איז די אינטערנאציאנאלע קאמוניסטישע באוועגונג אויסגעוואקסן, האט זיך פארפעסטיקט און רייפער געווארן. לענין האלט פאר דער וויכ־טיקסטער אויפגאבע איבערגעבן די יונגע ברידערלעכע קאמפאר־טייען די ביז גאר רייכע דערפארונג פון די באלשעוויקעס, וואס איז אנגעזאמלט געווארן אין משך פון יארצענדליקער קלאסן־שלאכטן, אין פייער פון דריי רעוואלוציעס, די דערפארונג, וואס האט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט.

אין אפריל־מאי 1920 יאר האט לענין געשריבן דאס מערק־ווירדיקע בוך „די קינדער־קראנקייט פון „לינקייט" אינעם קאמו־ניזם". זיין בוך האט ער אנגערופן: „א פרווו פון א פאפולערן שמועס וועגן דער מארקסיסטישער סטראטעגיע און טאקטיק". און ווירק־לעך — דאס איז דאס בעסטע האנטבוך פון דער סטראטעגיע און טאקטיק פונעם לעניניזם; אין דעם דאזיקן בוך ווערט געגעבן די לערע פון אנפירן מיט דעם רעוואלוציאנערן קאמף פונעם פראלע־טאריאט, עס איז פאראלגעמיינערט די דערפארונג פון די גרויסע רעוואלוציעס. פאר א רעוואלוציע, האט געשריבן לענין, איז נישט גענוג, אז די עקספלואטירטע און אונטערדריקטע מאסן זאלן פאר־שטיין, אז עס איז אוממעגלעך צו לעבן אויף אן אלטן שטייגער און זאלן נעמען פאדערן ענדערונגען; פאר א רעוואלוציע איז אומבא־דינגט נייטיק, אז די עקספלואטאטארן זאלן נישט קענען לעבן און פארוואלטן אויפן אלטן שטייגער; א רעוואלוציע איז אוממעגלעך אן אן אלגעמיין־נאציאנאלן קריזיס, (א קריזיס, וואס זאל אנרירן אי די עקספלואטירטע, אי די עקספלואטאטארן). און צוויטנס, כדי דער גאנצער ארבעטער־קלאס, די ברייטע מאסן ארבעטנדיקע זאלן דערגיין צו א רעוואלוציע, איז ווייניק בלויז פראפאגאנדע און אגיטאציע. דערצו איז נייטיק, אז די דאזיקע מאסן זאלן האבן אן אייגענע פאליטישע דערפארונג.

לענין קריטיקירט אן רחמונות די „לינקע" דאקטרינערישקייט, דעם דאגמאטישן, שאבלאנעם צוגאנג צו רעוואלוציאנערע אויפ־גאבן, דאס נישט וועלן פירן אן ארבעט צווישן די ברייטסטע מאסן.

קודם-כל דאַרף מען דערזעבערן דעם אַוואַנגאַרד אויפֿן צד פֿונעם קאָ-מוניזם, האָט געלערנט לענין, מיטן אַוואַנגאַרד אַליין קאָן מען אָבער נישט זיגן. דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פֿונעם פּראָלעטאַר-יאַט, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען דאַרפֿן דערזעבערן אויף זייער צד די מערהייט פֿונעם ארבעטער-קלאַס, די ארבעטנדיקע מאַסן. מען דאַרף קענען צופֿירן די מאַסן צו דער רעוואָלוציע, מייסטערהאַפֿט לערנען זיי אויף זייער אייגענער פּאָליטישער דערפֿאַרונג, דיסקאַנ-טירן די קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל-מלוכהשע אייגנטימ-לעכקייטן. די סטראַטעגיע און די טאַקטיק פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען דאַרפֿן זיין מאַקסימאַל בייגעוודיק. די פּאַרטייען דאַרפֿן באַהערשן אַלע מיטלען און מעטאָדן פֿון קאַמף: די קונסט פֿון באַ-וואָפֿנטן אויפֿשטאַנד און אויף א רעוואָלוציאָנערן אופֿן אויסנוצן די סאַמע רעאַקציאָנערע פּראָפֿאַריינען און פּאַרלאַמענטן; געניט קאָמ-בינירן די לעגאַלע און אומלעגאַלע ארבעט; דרייסט און שרעקלאָז אָנגרייפֿן און רואיק, אָרגאַניזירט צוריקטרעטן, לאַווירן, שליסן פּראַקטישע קאָמפּראָמיסן „אַפּילו מיטן טייוול און מיט זיין באָבען"; קענען אויסנוצן אַלע און יעטוועדע רייבונגען, קאָנפֿליקטן, רייסע-רייען, מיינונגס-פֿאַרשידנהייטן אין דעם שונאס לאַגער; שנעל און אומדערוואַרט בייטן די פֿאָרמען פֿון קאַמף, ווען דאָס פֿאָדערט די סיטואַציע.

לענין האָט אויך צוגעגרייט פּראָיעקטן פֿון די וויכטיקסטע באַ-שלוסן פֿונעם II קאָנגרעס. ער האָט אין זיי פֿאַראַלגעמיינערט די פּראַקטישע דערפֿאַרונג פֿון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ער האָט אָנגעשריבן די טעזיסן וועגן די גרונט-אויפֿ-גאַבן פֿונעם קאָמינטערן, וועגן דער אַגראַר-פֿראַגע, וועגן דער נאַ-ציאָנאַל-קאָלאָניאַלער פֿראַגע. ער האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט די אויפֿ-נעם-באַדינגונגען אינעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבן געדאַרפֿט אויסהיטן די קאָמפּאַרטייען דערפֿון, אַז אין זיי זאָלן נישט אַריינדרינגען קיין אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.

אויפֿן II קאָנגרעס, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען זומער 1920 יאָר, האָט לענין געמאַכט עטלעכע פּאָרטראַגן, און נישט איין מאָל אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס. אויף איינער פֿון די זי-צונגען, ווען ער האָט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן דער דייטשישער פּאַרטיי, איז ער אַרויסגעטרעטן אויף דייטש, דערנאָך, ווען ער איז אַריבער צו דער פֿראַנצויזישער פּאַרטיי, האָט ער גערעדט אויף

פראַנצויזיש. דער תוך פון אַלע זײַנע אַרויסטרעטונגען איז באַשטאַנען דערין: די ברידערלעכע קאָמפּאַרטייען דאַרפן זײַן אָרגאַניזירט אויף די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, זיי דאַרפן זײַן ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן, זיי דאַרפן אַנטשידענער באַהערשן די מאַרקסיסטישע סטראַטעגיק און טאַקטיק אין געביט פון צוגרייטן די זיגרייכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

אָנפירנדיק מיט דער אַרבעט פונעם II קאָנגרעס, האָט לענין נישט אָפּגעשוואַכט זײַן אויפמערקזאַמקייט צו די פראַגן פונעם קאַמף אויף די פראָנטן פונעם בירגער־קריג און האָט געטאָן אַלץ צו זיכערן דעם זיג איבערן שונא.

די אָפּשאַצונג פון דער נײַער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דעם, ווי עס האָט זיך געענדיקט די סאָוויעטיש־פּוילישע מלחמה, האָט לענין געגעבן אין זײַן פאָרטראַג אויף דער IX פאַרטיי־קאָנפערענץ אין סעפּטעמבער 1920.

„ביז איצט פלעגן מיר אַרויסטרעטן, — האָט געזאָגט לענין, — ווי די איינציקע קראַפט קעגן דער גאַנצער וועלט פון אימפּעריאַליסטן, און האָבן געטרוימט בלויז וועגן דעם, וויאַזוי צו געפינען אַ שפּעלטל צווישן זיי, אַז דער קעגנער זאָל אונדז נישט קאָנען דערשטיקן. און איצט האָבן מיר געזאָגט: איצט זײַנען מיר שטאַרקער געוואָרן, און אויף יעדן פּרווו אייערן אָנצוגרײַפן, וועלן מיר ענטפערן מיט אַ קאָנטער־אָנגריף, אַזוי, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איר ריזיקירט נישט בלויז דערמיט, אַז איר וועט אַרויסוואַרפן עטלעכע הונדערט מיליאָן, וועלכע איר האָט אַרויסגעוואָרפן אויף יודעניטשן, קאָלטשאַקן און דעניקינען, נאָר איר ריזיקירט דערמיט, אַז בײַ יעדן אָנגריף אייערן וועט זיך פאַרברייטערן די טעריטאָריע פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן".[1]

לענין האָט געוואָרנט דאָס סאָוויעטישע פאָלק קעגן באַרואיקטקייט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז כּל־זמן אין קרים געפינט זיך דאָס מיליטער פון באַראָן וורַאַנגל, עקזיסטירט ווייטער די געפאַר. „כּל־זמן מע האָט נישט צעקלאַפּט וורַאַנגלען ב י ז ן ס ו ף, כּל־זמן מע האָט נישט אײַנגענומען גאַנץ קרים, שטייען די קריגס־אויפגאַבן אויפן ע ר ש ט ן אָרט, דאָס איז אַבסאָלוט אומבאַשטרייטבאַר" — האָט ער דערקלערט. לויט לענינס פאָרשלאָג איז אויסגעטיילט גע־

[1] אַרכיוו פון „אימעל".

וואָרן אַ זעלבשטענדיקער דרום־פראָנט, פאַרן אָנפירער פונעם פראָנט איז באַשטימט געוואָרן דער חבר פרונזע.

לענין פאָדערט טיכטיק צוגרייטן די קריגס־אָפּעראַציעס קעגן וראַנגלען, אַלזייטיק דיסקוטירן די קרעפטן און די סיטואַציע. ער גיט אַן אָנווייזונג: „פאַר יעדן פּרייז אויף דעם קעגנערס אַקסלען אַריינגיין אין קרים. גרייט זיך גרינטלעכער. קאָנטראָלירט דורך, צי זיינען אויסגעפאָרשט אַלע ערטער, ווו מע קאָן איבערן וואַסער דורכגיין און איינגעמען קרים". לענינס אָנווייזונג איז אויסגעפילט געוואָרן. אינעם דריטן אָקטאָבער־יאָרטאָג, האָבן די פּאָלקן פון דער רויטער אַרמיי אָנגעהויבן דעם שטורעם פון פּערעקאָפּ, זיינען אַרי־בערגעגאַנגען צופּים סיוואַש און האָבן צעקלאַפּט וראַנגעלן. דעם 16 נאָוועמבער 1920 יאָר, האָט דער פּראָלעטאַרישער אַרמיי־פירער פרונזע טעלעגראַפירט לענינען: „היינט האָט אונדזער קאַוואַלעריע פאַרנומען קערטש. דער דרום־פראָנט איז ליקווידירט".

ווענדנדיק זיך צו די דעלעגאַטן פונעם VIII אַלרוסלענדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר, האָט לענין געזאָגט, אַז אין קאַמף קעגן וראַנגעלן, האָט די רויטע אַרמיי אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן העראָיזם „האָבנדיק בייגעקומען אַזוינע שטערונגען און אַזוינע פאַר־פעסטיקונגען, וואָס אַפילו מיליטערישע ספּעציאַליסטן און אויטאָ־ריטעטן האָבן זיי געהאַלטן פאַר אומצוטריטלעכע. איינס פון די גלענצנדיקסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער רויטער אַר־מיי — איז יענער פולער, אַנטשידענער און מערקווירדיק שנעלער זיג, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבער וראַנגעלן. אַזוי־אַרום איז די מלחמה, וואָס די ווייסגוואַרדייער און אימפּעריאַליסטן האָבן אונדז אָנגעבונדן, ליקווידירט געוואָרן.[1]

דאָס צעגראָמירן וראַנגעלן האָט באַדייט, אַז עס האָט גענומען אַ סוף צו דער אויסלענדישער אינטערווענץ און צום בירגער־קריג.

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די אימפּעריאַליסטן אָרגאַניזירט איין מאַרש נאָכן צווייטן קעגן דעם סאָוויעטן־לאַנד. קאָלטשאַק אין מזרח, יודעניטש ביי פּעטראָגראַד, דעניקין אין דרום, וראַנגעל אין קרים, דאָס פּריצישע פּוילן אין מערב — אַלע האָבן זיי זיך גע־האַט אַרויפגעוואָרפן אויף אונדזער לאַנד. לענין איז אָבער שטענ־דיק געווען אויף דער וואַך, ער פלעגט באַצייטנס טרעפן די פּלענער

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 25.

פון די שונאים, פלעגט מייסטערהאַפט אויפדעקן די גרונט־דיכטונג פון דעם קעגנערס קלאַפּ, פלעגט שנעל איבערבויען די קרעפטן, פלעגט באַהעפטן די פאָלקס־מאַסן אין אַן אייזנפעסטער קראַפט און פלעגט אויסקעמפן דעם זיג.

דערקלערנדיק די סיבות פון די זיגן פון דער סאָוועטנמאַכט, האָט לענין נישט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס סאָוועטנלאַנד איז נישט געווען איינזאַם אין קאַמף קעגן דער ווייסגוואַרדייאישער קאָנטררעוואָלוציע און אויסלענדישער אינטערווענץ. דער קאַמף פון דער סאָוועטנמאַכט און אירע דערפאָלגן האָבן אַרויסגערופן סימפּאַטיע און הילף ביי די אַרבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט. די אַרבעטער פון די אויסלענדישע מלוכות האָבן אָרגאַניזירט שטרייקן, זיי פלעגן זיך אָפּזאָגן צו לאָדן קריגס־מאַטעריאַל פאַר די אינטערווענטן און ווייסגוואַרדייאישע גענעראַלן, זיי פלעגן שאַפן „קאָמיטעטן פון טאַט” אונטערן לאָזונג — „די הענט אַוועק פון רוסלאַנד!”. לענין האָט געזאָגט: „ווי נאָר די צווישנפעלקערלעכע בורזשואַזיע פאַרמעסט זיך אויף אונדז, כאַפּן זי אָן ביים האַנט אירע אייגענע אַרבעטער”.[1]

באַגייסטערט דורך לענינען, האָבן די אַרבעטער און פּויערים צעקלאַפּט די אינטערווענטן און די ווייסגוואַרדייער, געראַטעוועט די סאָוועטנמאַכט און די מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט פון זייער היימלאַנד.

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 405.

XII

לענין האָט מייסטערהאַפט דורכגעפירט די סאָוויעטישע שיף דורך דעם שטורעם פונעם בירגער־קריג. אויף דער רעוואָלוציע האָבן אָבער געלויערט נייע גרויזאַמע געפאַרן. ביים אריבערגיין פון מלח־מה צו שלום האָט זיך די פּאַרטיי באַלשעוויקעס צונויפגעשטויסן מיט נייע גיגאַנטישע שוועריקייטן. די פיליאַריקע מלחמות און די אינטערווענץ האָבן רואינירט דאָס לאַנד. די אינדוסטריע, דער טראַנספּאָרט און די לאַנדווירטשאַפט זיינען געווען צעשטערט. די פאָלקס־מאַסן זיינען געווען מיד. דאָס פויערטום האָט זיך געוואַקלט, אומצופרידן מיט דער פּראָדראַזוויאָרסטקע. פון הונגער און מידקייט האָט זיך געלאָזט פילן אַן אומצופרידנקייט אויך צווישן אַ טייל אַר־בעטער. דער קלאַסן־שונא האָט געפּרוווט אויסנוצן צוליב קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע צילן די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאגע פונעם פאָלק און די אומצופרידנקייט פון די פויערים. דער ארבעטער־קלאַס האָט געמוזט אָנשטרענגען אלע כוחות, כדי בייצוקומען די שוועריקייטן. לענין האָט געניאַל אָנגעמערקט דעם פּלאַן פון ליקווידירן דעם חורבן, פון אויפשטעלן און איבערגעשטאַלטן אויף א סאָציאַ־ליסטישן אופן די פאָלקסווירטשאַפט.

אין די יאָרן פון בירגער־קריג זיינען אין צענטער פון לענינס אויפמערקזאַמקייט געשטאַנען מלחמה־פראַגן. גאַנצע טעג, און אָפט אויך נעכט, פלעגט ער זיין פאַרנומען מיט די פראַגן פון לאַנד־שוץ. איצט, פון נאָוועמבער 1920 יאָר, ארבעט לענין אָנגעשטרענגט פאַנאַנדער די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק. אין דעם פאַקט, וואָס די סאָוויעטן־מלוכה האָט באַזיגט די אינטערווענטן און ווייסגוואַר־דייער, האָט ער איינגעזען נאָך איין באַשטעטיקונג דערפון, אַז ס׳איז מעגלעך דער זיג פונעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד. אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון די באַלשעוויקעס אין נאָוועמבער 1920 יאָר האָט לענין אָנגעוויזן, אַז „די קאָמוניסטישע אָרדענונג,

די סיסטעם, קאָן געשאַפן ווערן דורכן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געזיגט אין מלחמה"[1].

אין דעצעמבער 1920 יאָר האָט לענין פון דער טריבונע פון VIII אַלרוסלענדישן סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר אַרויסגערוקט דעם פּלאַן פון אויפשטעלן און איבערגעשטאַלטיקן די פאָלקסווירטשאַפט פונעם לאַנד, דעם פּלאַן פון שאַפן דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פונעם סאָציאַליזם. ער שטעלט די אויפגאַבע: אויפשטעלן און אַלמעגלעך אַנטוויקלען די שווערע אינדוסטריע, שאַפן פאַר דער גאַנצער ווירטשאַפט, דערונטער אויך פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, אַ נייע טעכנישע באַזע פון דער גרויסער מאָדערנער מאַשין-פּראָדוקציע. אַזאַ באַזע איז די עלעקטריפיקאַציע. „קאָמוניזם דאָס איז סאָוויעטנמאַכט פּלוס עלעקטריפיקאַציע פונעם גאַנצן לאַנד... — האָט לענין געזאָגט אויפן צוזאַמענפאָר. — בלויז דעמלט, ווען דאָס לאַנד וועט זיין עלעקטריפיצירט, ווען פאַר דער אינדוסטריע, פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און פאַרן טראַנספּאָרט וועט געשאַפן ווערן אַ טעכנישע באַזע פון דער מאָדערנער גרויס-אינדוסטריע, ערשט דעמלט וועלן מיר זיגן ענדגילטיק"[2].

דאָס איז געווען דער היסטאָרישער פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד — דער פּלאַן פון ג אָ ע ל ר אָ[3], וואָס איז פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן לויט לענינס איניציאַטיוו און אונטער זיין אָנפירונג, ביים אָנטייל פון קרוב צוויי הונדערט בעסטע פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. אין אים האָט לענין מיט העלער שיין באַלייכטן די צוקונפט. ער האָט געלערנט, אַז די גרויסע מאַשין-אינדוסטריע, איז די איינציק-מעגלעכע עקאָנאָמישע באַזע פונעם סאָציאַליזם. בלויז אַ מעכטיקע אינדוסטריע, וואָס באַזירט זיך אויף דער עלעקטריפיקאַציע פונעם לאַנד, איז פעיק צו זיכערן די איבערבויונג פון דער צעדריבלטער אינדיווידועלער פויערישער ווירטשאַפט און דאָס אריבערפירן זי אויף רעלסן פון גרויסער סאָציאַליסטישער ערד-אַרבעט.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXV, ז. 490.

[2] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 46, 47.

[3] גאָעלראָ — מלוכהשע קאָמיסיע צו עלעקטריפיצירן רוסלאַנד. Государственная Комиссия по электрификации России.

„לויט מיין מיינונג, — האָט לענין געזאָגט וועגן דעם פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד, — איז דאָס אונדזער צווייטער פּאַרטיי־פּראָגראַם"[1].

דאָס איז געווען א גראַנדיעזער פּלאַן פון רעקאָנסטרואירן די גאַנצע פאָלקסווירטשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פאַרן פּראָלעטאַריאַט איז געשטעלט געוואָרן אַן אויפגאַבע — א גיגאַנטישע לויט איר פאַרנעם און אומגעהערטע לויט דער דרייסטקייט, ברייטקייט און גאַנצקייט פון דער אידעע. און גלייכצייטיק איז עס געווען א וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע און פּראַקטיש אַבסאָלוט אויספירבאַרע אויפגאַבע. זי איז באַשטאַנען אין דעם: אין משך פון 10—20 יאָר לחלוטין ענדערן דאָס פנים פון אונדזער רחבותדיק היימלאַנד, אויף אַ ראַדיקאַלן אופן איבערמאַכן די פאָלקסווירטשאַפט, אויפבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אין די באַדינגונגען פון דער דעמלטיקער אָרעמקייט און רואינירונג האָט זיך א סך מענטשן געדאַכט, אז דער פּלאַן, וואָס לענין האָט אָנגעמערקט, איז א טרוים, וועלכער וועט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. בלויז לענין האָט געקאָנט אזוי דרייסט קוקן אין דער צוקונפט, גלייבנדיק אין די כוחות פון די מאַסן און אין זייער פעיקייט צו שאַפן וואונדער. דאָס לעבן האָט באַשטעטיקט לענינס געניאַלע נביאות. אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג איז דער לענינישער פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד אויסגעפירט געוואָרן מיט אַן עודף.

לענין האָט פאָרויסגעזען, אַז די דערפאָלגן פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג וועלן דינען אלס ביישפיל און מוסטער פאַרן זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט פון יעטוועדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד. ער האָט געזאָגט: „אויב רוסלאַנד וועט באַדעקט ווערן מיט א געדיכטער נעץ עלעקטרישע סטאַנציעס און מעכטיקע טעכנישע אינסטאַלאַציעס, וועט אונדזער ווירטשאַפטלעכע בויונג ווערן אַ מוסטער פאַר דער אָנקומענדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע און אין אַזיע"[2].

לענין און סטאַלין האָבן צעקלאַפּט די פּרוּוון פון די טראָצקיסטן און פון די ריקאָווצעס אראָפּצורייסן דעם פּלאַן פון עלעק-

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 45.

[2] דאָרטן, ז. 48.

טריפיצירן דאָס לאַנד. אין אַ בריוו צו לענינען אין מערץ 1921 יאָר האָט סטאַלין געגעבן אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דער פּאָזיציע פון די טראָצקיסטן און ריקאָווצעס און באַגלייך דערמיט האָט ער געגעבן אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פונעם פּלאַן גאָעלראָ. „אַ מייס־טערהאַפטער עסקיז פון אַ ווירקלעך אײנהײטלעכן מלוכהשן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן אַן געגנדזן־פּיסלעך. אין אונדזער צייט — דער איינציקער מאַרקסיסטישער פּרווו צו שאַפן אונטער דעם סאָוועטישן איבערגעבוי פון דעם ווירטשאַפטלעכן אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד אַ ווירקלעך רעאַלע און ביי איצטיקע באַדינגונגען איינציק מעגלעכע טעכניש־פּראָדוציר־באַזע[1].

נאָך דעם, ווי עס האָט זיך געענדיקט דער בירגער־קריג און מע האָט אָנגעהויבן אריבערגיין צו דער פרידלעכער ווירטשאַפטלעכער בויונג, האָט זיך פאַר דער פאַרטיי געשטעלט די פראַגע וועגן אויס־אַרבעטן אַ נייע איינשטעלונג אין אַלע פראַגן פון דעם ווירטשאַפט־לעכן לעבן פונעם לאַנד. דעם צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען קלאָר, אַז די סיסטעם פונעם קריגס־קאָמוניזם האָט זיך אַליין אויסגעשעפּט. עס איז אָפּגעפאַלן די נייטיקייט אין דער פּראָדראַזווערסטקע: מע האָט געדאַרפט געבן די פּויערים די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַ גרויסן טייל פון דעם עודף פון זייער פּראָדוקציע. דאָס וואָלט דערלויבט אויפצולעבן די לאַנדווירטשאַפט, דעם סחורה־אומזאַץ, אויפהייבן די אינדוסטריע, פאַרבעסערן די פאַרזאָרגונג פון די שטעט, שאַפן אַ נייע ווירטשאַפטלעכע באַזע פונעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים.

לענין האָט געהאַלטן, אַז איבערבויען די יסודות פון דער עקאָ־נאָמיק פונעם לאַנד אויף סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, פאַרהיילן די שווערע וואונדן, וואָס די מלחמות און די אינטערווענץ האָבן דער־לאַנגט דער פאָלקס־ווירטשאַפט, איז מעגלעך בלויז אויפן גרונט פון אַריינציען אין דער דאָזיקער אַרבעט אויפן ברייטסטן אופן דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אונטערגעשטראָכן, ווי נייטיק עס איז זיך צו דערשלאָגן, אַז די אַר־בעטער און פּויערים זאָלן פאַרשטיין, אַז לעבן אויפן אַלטן אופן איז אוממעגלעך, אַז מע מוז ענדערן די אַלטע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ־באַדינגונגען און דורכפירן אין לעבן דעם גרויסן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן. אויפן ערשטן אָרט האָט זיך אַרויסגערוקט די אויפגאַבע פון

---

[1] „פּראַוודאַ" נום. 351, 22 דעצעמבער 1930 י.

אויפקלערערישער, דערציערישער אַרבעט. מיר דאַרפן, האָט געזאָגט לענין „אַ ברייטע און סאָלידע באַזע פון איבערצייגונג אונטער אַלע נייע פראָדוציר-אויפגאַבן".[1]

אין אָט דעם אָנגעשטרענגטן מאָמענט, אין דעם מאָמענט, ווען דאָס לאַנד האָט געהאַלטן אין דורכמאַכן דעם שאַרפן קער פון מלחמה צו פרידלעכערווירטשאַפטלעכער בויונג, זיינען קעגן לענינען און קעגן דער פאַרטיי אַרויסגעטרעטן די טראָצקיסטן. די טראָצקיסטישע פּאָליטיק פון „איבערטרייסלען די פראָפאַריינען" און תיכף פאַרוואַנדלען זיי אין מלוכה-אָרגאַנען, אַ פּאָליטיק פון הוילן צוואַנג און קאָמאַנדעווען בנוגע די מאַסן, האָט געשאַפן איין איינציקן ציל: אויפשטעלן די אַרבעטער קעגן דער פאַרטיי, שפּאַלטן דעם אַרבעטער-קלאַס. אַזאַ פּאָליטיק וואָלט געווען קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט. נאָך די טראָצקיסטן זיינען אַרויסגעטרעטן אויך די אַנדערע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּעס: די „אַרבעטער-אָפּאָזיציע", די „דעמאָקראַטישע צענטראַליסטן", די „לינקע קאָמוניסטן". זיי האָבן אָנגעבונדן דער פאַרטיי די אַזוי-גערופענע דיסקוסיע וועגן די פראָפאַריינען.

מיט דער ענערגיע און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, האָט לענין גראָמירט די דאָזיקע שונאים פון דער פאַרטיי, די צעשטערער פון דער פאַרטיי-איינהייט. די אַרויסטרעטונגען פון די טראָצקיסטן און פון די אַנדערע אַנטי-פאַרטייאישע גרופּעס, האָט לענין געהאַלטן פאַר אַ מאַרש קעגן דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט, פאַר אַ פּרוּוו צו צערייסן דעם בונד פון דעם אַרבעטער-קלאַס מיטן פּויערטום.

קעגן דער פּאָליטיש שעדלעכער און געפערלעכער טראָצקיסטישער פּלאַטפאָרם איז לענין תיכף אַרויסגעטרעטן אויפן פּלענום פון צ.ק. אין נאָוועמבער 1920 יאָר. דעם 30 דעצעמבער 1920 יאָר האָט לענין געהאַלטן אַ רעדע וועגן די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די באָלשעוויקעס, די דעלעגאַטן פונעם VIII סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר און אַקטיווע טוער פון דער פראָפאַריינישער באַוועגונג. ער האָט באַוויזן, אַז די טראָצקיסטן באַטראַכטן די פראָפאַריינען אַלס מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, ער האָט דעמאַסקירט זייער פּרוּוו קעגנצושטעלן די פראָפאַריינען דער פאַרטיי, ער האָט

[1] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 74.

באוויזן, ווי געפערלעך עס זיינען פאר דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט די טראצקיסטישע פלאטפארם און די אנדערע אנטיפארטייאישע פלאטפארמעס. דעם הויפט-קלאפ האט לענין געווענדט קעגן די טראצקיסטן, וואס זיינען געווען די גרונט-קראפט פון די אנטי-פארטייאישע גרופירונגען.

אין יאנואר 1921 יאר, איז לענין ארויסגעטרעטן קעגן די אפאזיציאנעלע גרופעס מיט אן ארטיקל „דער קריזיס פון דער פארטיי" און מיט דער בראשור „נאכאמאל וועגן די פראפאריינען". אין זיי האט לענין פארטיידיקט און פאנאנדערגעוויקלט דעם מארקסיסטישן קוק אויף די פראפאריינען אין דער עפאכע פון דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט: די פראפאריינען — דאס איז דער רעזערוואר פון דער מלוכה-מאכט, א שול פון פאראייניקונג און סאלידארישקייט, א שול פון פארוואלטונג און ווירטשאפט-פירונג, א שול פון קאמוניזם. ער האט אויפגעדעקט דעם אנטימארקסיסטישן, טעארעטישן און פאליטיש-פעלערהאפטן צוגאנג פון די טראצקיסטן און אויך פון די בוכארינצעס און שליאפניקאווס צו דער פראגע וועגן די פראפאריינען, ער האט באוויזן, אז זיי פארבייטן די דיאלעקטיק מיט עקלעקטיזם. לענין האט גערופן די פארטיי צו געבן אן ענערגישן ווידערשטאנד אלע אנטיבאלשעוויסטישע גרופעס.

לענינס קאלאסאלער פארדינסט אין דער פראפאריינישער דיסקוסיע באשטייט דערין, וואס ער האט אויפגעדעקט דעם ווירקלעכן זין פון דעם אינערלעך-פארטייאישן קאמף. ער האט באוויזן, אז דער קאמף פון אלע אנטיפארטייאישע גרופעס איז געווענדט קעגן דער אנפירנדיקער ראל פון דער פארטיי, קעגן דעם בונד פונעם ארבעטער-קלאס מיטן פויערטום, קעגן דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט. לענינס אנשפאר אין דעם דאזיקן קאמף איז געווען סטאלין. לענין און סטאלין האבן אויסגעקעמפט די איינהייט פון דער פארטיי קעגן די אטאקעס פון די שונאים פונעם לעניניזם.

אין מערץ 1921 יאר, האט זיך געעפנט דער X צוזאמענפאר פון דער באלשעוויסטישער פארטיי. דעם צוזאמענפאר האט צוגעגרייט און מיטן צוזאמענפאר האט אנגעפירט לענין. ער איז געווען דער פארטרעגער איבער אלע גרונט-פראגן: וועגן דער פאליטישער טעטיקייט פון צ.ק. רקפ(ב), וועגן דעם נאטור-שטייער, וועגן דער איינהייט פון דער פארטיי און וועגן דעם אנארכא-סינדיקאליס-

טישן אָפּנייג. ער האָט צוגעגרייט די פּראָיעקטן פון די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרזאַמלט אין איינעם פון די קריטישסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. אין פעברואר—מערץ, איז אין לאַנד מיט דער גאַנצער קראַפט אויסגעבראָכן אַ קריזיס אין געביט פון דערנערונג, הייצוואַרג און טראַנספּאָרט. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די וואַקלונגען אינעם פויערטום. אַ וואָך פאַרן צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער קראָנשטאַטער בונט — אַ נייער פרווו פון דער קאָנטררעוואָלוציע אַראָפּצוואַרפן די סאָוויעטנמאַכט. די פאַרטיי באָלשעוויקעס האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ פאַרביטערטע דיסקוסיע.

אָנגעפירט דורך לענינען, איז דער צוזאַמענפאָר געווען דער קער-פונקט אי אין פרט פון באַהעפטן די פאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס אי אין פרט פון אויסאַרבעטן אַ נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

אינעם פאָרטראַג און אין די אַרויסטרעטונגען איבער דער פראַגע וועגן דער איינהייט פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי האָט לענין שאַרף קריטיקירט אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, זייערע אַנטי-מאַרקסיסטישע אָנשויונגען און פּרינציפּלאָזע פּאָליטיקאַנעריי, האָט אויפגעדעקט זייער אידעישע פאַרבינדונג מיט דער קליינבירגערלעכער קאָנטררעוואָלוציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער הויפּט-סך-הכל און וויכטיקסטער אויספיר פון דער דיסקוסיע איז: עס דאַרף געפירט ווערן דער ענערגישסטער קאַמף קעגן פראַקציאָנעלקייט, פאַר דער איינהייט פון דער פאַרטיי, דער צוזאַמענפאָר דאַרף מאַכן דעם דאָזיקן אויספיר און פאַרוואַנדלען אים אין אַ התחייבות פאַר די מיטגלידער פון דער פאַרטיי, אין אַ געזעץ. ער האָט באַוויזן דער פאַרטיי, וואָס עס לערנט אונדז די דערפאַרונג פון אַלע פריערדיקע רעוואָלוציעס. ער האָט באַוויזן, אַז די מינדסטע אָפּשוואַכונג פון דער איינהייט פון דער פאַרטיי — דעם אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַרלייכטערט צו רעסטאַווורירן די מאַכט און דאָס אייגנטום פון די קאַפּיטאַליסטן און פריצים. מיט אַ וווּנדערבאַרער וויטזיכטיקייט האָט לענין דעמאַסקירט די נייע טאַקטיק פון די קלאַסן-שונאים, וואָס האָבן אויסגערעכנט אויפן קאַמף אינעווייניק אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבן אויסגערעכנט אויסצונוצן די פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס. „די דאָזיקע שונאים, — האָט אָנגעוויזן לענינס רעזאָלוציע,—האָבנדיק זיך איבערצייגט אין דער האָפענונגסלאָזיקייט

פון אַ קאָנטררעוואָלוציע אונטער אַן אָפן ווייסגוואַרדייאישער פאָן, שטרענגען איצט אַן אַלע כוחות, אויסצונוצן אַלע מיינונגס-פאַרשידנ־הייטן אין דער רקפּ, און אַזוי צי אַנדערש אַ רוק טאָן די קאָנטררע־וואָלוציע דורך דעם, וואָס די מאַכט וועט איבערגעגעבן ווערן יענע פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס זיינען אויסערלעך מער נוטה צו אָנער־קענען די סאָוועטנמאַכט".[1]

לויט לענינס פאָרשלאַג האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע „וועגן דער איינהייט פון דער פאַרטיי". איר באַדיי־טונג אין צעקלאַפּן די אַנטילענינישע גרופּירונגען, אין פאַרפעסטיקן די איינהייט פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי איז אויסשליסלעך גרויס.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע „וועגן דעם סינדיקאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן אָפּנויג אין אונדזער פאַר־טיי". די דאָזיקע רעזאָלוציע איז פאַרגעלייגט געוואָרן דורך לענינען און איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער רעזאָלוציע „וועגן דער פאַר־טיי-איינהייט". אין איר האָט דער צוזאַמענפאָר פאַראורטיילט די אַזוי־גערופענע „אַרבעטער-אָפּאָזיציע" און האָט אָנערקענט, אַז דאָס פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פונעם אַנאַרכיסטיש-סינדיקאַליסטישן אָפּ־נויג פאַרט זיך נישט מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר האָט גערופן די פאַרטיי צו קעמפן קעגן דעם דאָזיקן אָפּנויג.

לענין האָט אָנגענומען אַנטשידענע מיטלען צו פאַרפעסטיקן דעם שטאַב פון דער רעוואָלוציע — דעם צענטראַל-קאָמיטעט. אין צ.ק. זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די פעסטע און אויסגעפּרוווטע באָלשע־וויקעס: לענין, סטאַלין, מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, קאַלינין, דזשער־זשינסקי, אָרדזשאָניקידזע, פרונזע, קיראָוו, קויבישעוו און אַנדערע.

צעקלאַפּט די אָפּאָזיציע, האָט לענין באַהעפט די פאַרטיי, גריי־טנדיק זי צו נייע שלאַכטן קעגן די שונאים, צום נייעם קאַמף קעגן די שוועריקייטן. דאָס האָט געזיכערט דעם דערפאָלג פון דעם שאַרפן קער, וואָס די פאַרטיי האָט געמאַכט אין דער עקאָנאָמישער פּאָ־ליטיק.

---

[1] „אַלקפּ(ב) אין רעזאָלוציעס", ט. 1, 1940, ז. 365.

לענין איז געווען דער שעפער און איניציאַטאָר פון דעם היסטאָרישן באַשלוס פונעם X צוזאַמענפאָר וועגן דעם אַריבערגיין צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

נאָך אַ צייט פאַרן צוזאַמענפאָר האָט לענין אויפמערקזאַם און אַלזייטיק דורכגעטראַכט די פראַגע וועגן די וועגן און פאָרמען פון בויען דעם סאָציאַליזם אין אַ קליינפּויעריש לאַנד, וועגן די קאָנקרעטיקע באַציונגען צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם פּויערטום, וועגן דער נייער עקאָנאָמישער באַזע פון זייער בונד. אַרויסטרעטנדיק אויף אַ דיסקוסיע־פאַרזאַמלונג דעם 30 דעצעמבער 1920 יאָר, האָט ער אָנגעוויזן, אַז אין רעזולטאַט פון דעם אַריבערגאַנג פון מלחמה צו ווירטשאַפטלעכער בויונג „ענדערט זיך די באַציונג פונעם קלאַס פּראָלעטאַריאַט צו דעם קלאַס פּויערטום", אַז „דערצו דאַרף מען זיך אויפמערקזאַם צוצוקוקן", אַז, „ביז מיר האָבן זיך נישט צוגעקוקט, דאַרף מען קענען אויסוואַרטן".[1] און לענין האָט זיך אויפמערקזאַם און פאַרשעריש צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעם פּויערטום, ער האָט שטודירט מאַטעריאַלן, בריוו פון פּויערים, האָט נישט איין מאָל געשמועסט מיט פּויערים. אין דעצעמבער 1920 יאָר האָט לענין אָנטיילגענומען אין אַ באַראַטונג פון אומפּאַרטייאישע פּויערים — דעלעגאַטן פון דעם אַלרוסלענדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די הייסע דעבאַטן, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אויף דער באַראַטונג. דאָס זיינען געווען דעבאַטן וועגן די סאַמע אָנגעווייטיקסטע פראַגן פונעם פּויערישן לעבן. ער האָט זאָרגזאַם פאַרשריבן די אַרויסטרעטונגען פון די אומפּאַרטייאישע פּויערים, זיינע נאָטיצן האָט לענין פאַנאַנדערגעשיקט די מיטגלידער פון צ.ק. און די פאָלקס־קאָמיסאַרן, כדי צו באַקענען זיי מיט די באַדערפענישן פון די פּויערים.

דעם 8 פעברואַר, האָט לענין צונויפגעשטעלט דעם „פאָרלויפיקן, ערשטן עסקיז פון די טעזיסן וועגן די פּויערים". אין אים זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן פאָלגנדיקע מאָמענטן:

„1. באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג פון די אומפּאַרטייאישע פּויערים צו פאַרבייטן די ראַזוויאַרסטקע (אין זין פון צונעמען דעם עודף) מיט תבואה־שטייער.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 73.

2. פאַרקלענערן דעם דאָזיקן שטייער אין פאַרגלייך מיט דער פּראָיאָריקער ראַזוויאָרסטקע.

3. איינשטימען מיטן פּרינציפּ, אַז די גרייס פונעם שטייער זאָל אָפּהענגיק זיין פון דער פליסיקייט פונעם ערד-אַרבעטער אין זין פון פאַרקלענערן דעם פּראָצענט שטייער, ווען עס ווערט גרעסער די פליסיקייט פונעם ערד-אַרבעטער.

4. געבן די ערד-אַרבעטער מער פרייהייט אויסצונוצן אין דעם אָרטיקן ווירטשאַפטלעכן אומזאַץ זיין עודף, וואָס בלייבט ביי אים איבער נאָכן שטייער, ביי דעם באַדינג, אַז ער זאָל שנעל און אין דער פולער מאָס אַריינטראָגן דעם שטייער".[1]

אַזוי איז אין דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז באַשיידן אָנגעַ־רופן געוואָרן „פאַרלויפיקער, ערשטער עסקיז", אָנגעמערקט געוואָרן דער אַריבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

אין לענינס פאָרטראַג „וועגן נאַטור-שטייער", וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, איז אַלזייטיק טעאָרעטיש באַ־גרינדעט געוואָרן דער אַריבערגאַנג צום נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָ־ליטיק), עס איז קלאָר און דייטלעך פאָרמולירט געוואָרן די פּאָליטי־שע אויפגאַבע — די נייטיקייט פון איינשטעלן אַן עקאָנאָמישן בונד פונעם אַרבעטער-קלאַס מיטן פּויערטום אין דער בויונג פונעם סאָ־ציאַליזם.

די אויפגאַבע פון לענינס פּלאַן פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז געווען — אויפבויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַ־ליסטישער עקאָנאָמיק מיט די קרעפטן פון די אַרבעטער און פּויערים. דער ערשטער שריט פונעם נעפּ איז געווען דאָס, וואָס די פּראָדראַז־וויאָרסטקע איז פאַרביטן געוואָרן מיטן דערנערונגס-שטייער, וועל־כער איז געווען קלענער איידער די ראַזוויאָרסטקע. די פּויערים האָבן באַקומען די מעגלעכקייט פריי צו שאַפן זיך מיט זייער עודף. די פריי־הייט פון האַנדל וועט פון אָנהייב ברענגען, האָט אָנגעוויזן לענין, צו אַ געוויסער אויפלעבונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד, מע דאַרף זיך אָבער נישט שרעקן דערפאַר. לענין האָט געהאַלטן, אַז אַ געוויסע פרייהייט פון סחורה-אומזאַץ וועט פאַראינטערעסירן די פּויערים, וועט העכערן די פּראָדוקטיווקייט פון זייער אַרבעט און וועט ברענ־

---

[1] לענין-זאַמלונג XX, ז. 57—58.

גען צו אַ שנעלן אויפשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט. אויף דער דאָזיקער באַזע וועט מיט שנעלע טעמפּן גיין די אויפשטעלונג פון דער מלוכה־אינדוסטריע — וועט גיין די אַרויסשטויסונג פונעם פּרי־וואַט־קאַפּיטאַל. אָנגעזאַמלט כוחות און מיטלען, וועט מע קאָנען שאַפן אַ מעכטיקע אינדוסטריע — די עקאָנאָמישע באַזע פונעם סאָ־ציאַליזם, און דערנאָך וועט מע קאָנען אַריבערגיין צום אַנטשידע־נעם אָנגריף, כדי צו פאַרניכטן די רעשטלעך פונעם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די פּאָליטיק פון קריגס־קאָמוניזם, צו וועלכער עס האָבן אונדז געצוואונגען די מלחמה און דער חורבן, איז נישט געווען און האָט נישט געקאָנט זיין קיין פּאָליטיק, וואָס אַנטש־פּרעכט די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די גרונט־מאַסן פויערטום אין די נייע באַדינגונגען. דאָס איז געווען אַ צייטווייליק מאָסמיטל.

דער קריגס־קאָמוניזם איז געווען אַ פּרווו צו איינגעמען די פעס־טונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף דורך אַ שטורעם־אַטאַקע. אין אָט דעם אָנגריף איז די פּאַרטיי פאַר־לאָפן ווייט פאָרויס, ריזיקירנדיק אָפּצורייסן זיך פון איר באַזע. לענין האָט פאָרגעלייגט אָפּצוטרעטן אויף אַ געוויסער צייט אַ ביסל נעענטער צום אייגענעם הינטערלאַנד, אַריבערגיין פון שטורעם צו אַ מער דויערנדיקער באַלאַגערונג פון דער פעסטונג, כדי אָנצוזאַמ־לען כוחות און ווידער אָנהייבן דעם אָנגריף. די טראָצקיסטן און אַנ־דערע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּירונגען, וואָס זייער ליניע איז געווען רעסטאַוורירן דעם קאַפּיטאַליזם ביי אונדז אין לאַנד, האָבן געפּרווט פאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז דור־כויס בלויז אַ צוריק־מאַרש. לענין האָט געגעבן ביז אַ גאָר אַנטשידע־נעם ווידערשטאַנד דער דאָזיקער טיף שענדלעכער אַנטיפּאַרטייאי־שער אויסטייטשונג פונעם נעפּ.

אַזוי האָט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס אונטער לענינס אָנפירונג אין אַ ביז גאָר אָנגעשטרענגטער סיטואַציע געמאַכט אַ שאַרפן קער פון קריגס־קאָמוניזם צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און האָט געזיכערט אַ פעסטן עקאָנאָמישן בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פויערטום, כדי צו בויען דעם סאָציאַליזם. אין אָט דעם קער האָט זיך אַרויסגעוויזן לענינס געניאַלע רעוואָלוציאָנערע פאָרויסזעונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן די קלוגשאַפט פון דער לענינישער פּאָליטיק.

נאכן x צוזאמענפאר האט דאס הויפט-ארט אין לענינס טע־טיקייט פארנומען די נייע עקאנאמישע פאליטיק — טעארעטיש פאנאנדערארבעטן און אויפקלערן זי, פראקטיש דורכפירן זי אין לעבן, איבערבויען די גאנצע ווירטשאפטלעכע בווונגען אויף די יסודות פון נעפ.

גלייך נאכן צוזאמענפאר האט לענין אנגעהויבן שרייבן און אין אפריל האט ער פארענדיקט זיין באוווסטע בראשור „וועגן דעם דערנערונגס-שטייער". אין דער בראשור האט לענין באוויזן, ווי־אזוי די נייע עקאנאמישע פאליטיק איז פארבונדן מיטן פלאן פון צו־טרעטן צו דער סאציאליסטישער בויונג, וועלכע ער האט פאנאנ־דערגעארבעט נאך פרילינג 1918 יאר, ער האט אין איר געגעבן אן אלזייטיקע און אויסשעפנדיקע באגרינדונג פון נעפ אלס פאליטיק, וואס זיכערט די אויפבויונג פונעם סאציאליזם. לענין האט אנגעוויזן, אז די סאוויעטישע עקאנאמיק פון יענעם פעריאד איז אן איבער־גאנגס-עקאנאמיק, אין איר באהעפטן זיך די עלעמענטן פון פינף פארשידענע סאציאל-עקאנאמישע סטרוקטורן: פאטריארכאלע, ד.ה. אין א באדייטנדיקער מאס פרימיטיווע פויערים-ווירטשאפט (אהער געהערט די מערהייט פויערים פון די, וואס פארקויפן תבואה); פרי־וואט-ווירטשאפטלעכער קאפיטאליזם; מלוכה-קאפיטאליזם; סאציא־ליזם. עס איז נייטיק אזא פארם פונעם איבערגאנג צום סאציאליזם, וואס זאל זיך רעכענען מיט דער פויערישער עקאנאמיק, וואס זאל זי נעמען אלס אויסגאנגס-פונקט. די נייע עקאנאמישע פאליטיק איז אויסגערעכנט אויפן זיג פונעם סאציאליזם, אויף ארײנצוציען די גרונט-מאסן פויערטום אין דער סאציאליסטישער בויונג. די גרונט־אויפגאבע פונעם נעפ איז אויפבויען די עקאנאמישע באזע פונעם סאציאליזם, אויפבויען דעם פונדאמענט פון דער סאציאליסטישער עקאנאמיק, אריבערפירן די קליינסחורהדיקע פויערים-ווירטשאפט אויפן וועג פון גרויסער סאציאליסטישער פראדוקציע.

אין אפריל איז לענין ארויסגעטרעטן מיט א פארטראג אויף א פארזאמלונג פונעם מאסקווער פארטיי-אקטיוו, אין מאי — אויף דער x אלרוסלענדישער קאנפערענץ פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, זומער — אויפן III קאנגרעס פון קאמינטערן, הארבסט — מיט פארטראגן אויפן II אלרוסלענדישן צוזאמענפאר פון פא־ליט-אויפקלערערישע טוער און אויף דער מאסקווער גובערניאלער פארטיי-קאנפערענץ. אין יענער צייט האט ער אויך אנגעשריבן די

באוווסטע אַרטיקלען „צום פערטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע״ און „וועגן דער באַדייטונג פון גאָלד איצט און נאָכן פולן זיג פונעם סאָציאַליזם״. אין די דאָזיקע אַלע אַרויסטרעטונגען, פאַר־טראַגן, אַרטיקלען — האָט לענין אויפגעקלערט דעם זין פון דער נייַ־ער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, אירע אויפגאַבן, די וועגן און מעטאָדן פון דורכפירן זי. האָט כסדר זיך באַמיט צו דערשלאָגן, אַז זי זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

דער נעפּ באַדייט, האָט כסדר אונטערגעשטראָכן לענין, פאַרבי־טערטער קאַמף אויף לעבן און טויט צווישן דעם קאַפּיטאַליזם און דעם סאָציאַליזם, אַ קאַמף לויטן פּרינציפּ „ווער — וועמען״. לענין האָט געלערנט די פּאַרטיי מיט אַלע מיטלען פּאַרפעסטיקן די דיקטאַ־טור פונעם פּראָלעטאַריאַט און איר באַזע — דעם בונד פון די אַרבע־טער און פויערים, פירן אַ כסדרדיקן קאַמף קעגן די אינטריגעס פון די קלאַסן־שונאים.

לענין האָט גערופן די פּאַרטיי ענערגיש צו פעסטיקן די קריגס־מעגלעכקייטן פון אונדזער מלוכה: „זייט אויף דער וואַך, — האָט ער נישט איין מאָל געזאָגט, — היט אָפּ די שוצפעיקייט פון אונדזער לאַנד און פון אונדזער רויטער אַרמיי, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און געדענקט, אַז קיין אָפּשוואַכונג... האָבן מיר נישט קיין רעכט צו דערלאָזן אויף קיין רגע״.[1] מע טאָר אונדז נישט טרעפן נישט צוגע־גרייטע, „מיר האָבן געענדיקט איין פּעריאָד פון מלחמות, מיר דאַרפן זיך גרייטן צו אַ צווייטן; נאָר ווען ער וועט קומען, ווייסן מיר נישט, און מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז ווען ער וועט קומען, זאָלן מיר שטיין אויף דער געהעריקער הייך״.[2]

לענין האָט באַוויזן, אַז די נייַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. „פּאַקטיש איז דאָס אַן אויפגאַבע, וועלכע וועט שטיין פאַר אַלע סאָציאַליסטן... די נייַע געזעלשאַפט, וועלכע וועט זיך באַזירן אויפן בונד פון די אַרבעטער און פויערים, איז אומפאַרמיידלעך. פריער צי שפּעטער, מיט צוואַנציק יאָר פריער, אָדער מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, וועט זי קומען, און פאַר איר, פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט, העלפן מיר אויסאַרבעטן די פאָרמען פו־

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 120.

[2] לענין. ווערק, ב. XXVI, ז. 35.

נעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים, ווען מיר האָרעווען איבערן לייזן אונדזער נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק״.[1]

די מלוכה-טעטיקייט פון לענינען אַלס ראש פון דער רעגירונג פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָוויעטן-רעפּובליק, איז געווען אין דעם פּעריאָד אויסערגעוויינלעך פילזייטיק און פאַרשידנאַרטיק. בוי-אונג פון עלעקטראָסטאַנציעס און קאָאָפּעראַציע; פאַרזיי-קאַמפּאַניע און פישפאַנג; טראַנספּאָרט און עלעקטרישע אַקער-אייזנס; קאַמף מיט הונגער און דער אויסערן-האַנדל; פינאַנסן און פאַרבעסערונג פו-נעם לעבנס-שטייגער פון די געלערנטע; בויער-מאַשינען פאַר דאָנ-באַס און ראַדיאָ; שולן און נאַפט-ציסטערנעס; באַזאָרגונג פון די מאַס-קווער און פּעטראָגראַדער אַרבעטער און אַ געאָגראַפישער לערן-אַט-לאַס; הידראָ-טאָרף און אַ ווערטער-בוך פון דער מאָדערנער רוסישער שפּראַך ״פון פּושקין ביז גאָרקי״. אין די אַלע פראַגן, פּונקט ווי אין פיל אַנדערע, איז לענין דעטאַל אַריינגעדרונגען, האָט זיך מיט זיי אַלע פאַרנומען. ער האָט דיסקאָנטירט אַלע נייעסטע דערגרייכונגען פון דער פאָטערלענדישער און אויסלענדישער וויסנשאַפט און טעכ-ניק, האָט אָנגענומען מיטלען מאַקסימאַל אויסצונוצן און איינגלידערן אין אונדזער ווירטשאַפט דאָס אַלץ, וואָס האָט געקאָנט העלפן דער שנעלער ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג פונעם לאַנד.

אין צענטער פון לענינס גאַנצער אַרבעט איז אָבער געשטאַנען די ליקווידאַציע פונעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, דאָס אויספילן דעם פּלאַן פון סאָציאַליסטישער בויונג אויף די רעלסן פון דער נייער עקאָ-נאָמישער פּאָליטיק.

לענין האָט פעסט און קאָנסעקווענט אָנגעפירט מיטן צוריק-טריט, וועלכן די פּאַרטיי באַלשעוויקעס האָט פאַרגענומען אין אָנהייב נעפּ. ער האָט קלאָר פאָרויסגעזען, אַז דער דאָזיקער צוריקטריט וועט געבן „אַ בריייטערן פראָנט פאַרן אָנגריף אין דער נאָענטסטער צוקונפט״ און וועט מאַכן **דעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים— די באַזע פון אונדזער גאַנצער פאָוויעט-שער רעוואָלוציע**, פון אונדזער גאַנצער סאָוויעטישער רעפּובליק, **אומבאַזיגבאַר**״. דער דאָזיקער אָנגריף האָט לויט לע-נינס אידעע געדאַרפט זיכערן דעם צוזאַמענשלוס מיט דער פּויע-

[1] לענין, ווערק, ב. XXVII, ז. 140—141.

רים-ווירטשאַפט, ער האָט געדאַרפט באַפרידיקן אירע דרינגנדיקע ווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן, זיכערן דעם פעסטן עקאָנאָמישן בונד מיט איר, „דאָס העכערן די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אין דער ערשטער ריי, דאָס אויפשטעלן די גרויס־אינדוסטריע"[1]. דער דאָזיקער פראַגע האָט לענין אָפּגעגעבן א סך כוחות, אויפמערקזאַמקייט, ענערגיע.

א סך אויפמערקזאַמקייט גיט לענין אָפּ דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די פּלאַנירונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט. „מע קאָן נישט אַרבעטן, נישט האָבנדיק קיין פּלאַן, וואָס איז אויסגערעכנט אויף א לענגערן פּעריאָד און אויף אַן ערנסטן דערפאָלג"[2]. — האָט ער געזאָגט. לויט זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן די פּלאַן-קאָמיסיע (מלוכה-פּלאַן). די גרונט-אויפגאַבע פונעם מלוכה-פּלאַן איז געווען פאַנאַנדעראַרבעטן אַן איינהייטלעכן מלוכהשן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן און אַכטונג געבן נאָך דעם, ווי אַזוי ער ווערט פאַרווירקלעכט. ער האָט געדאַרפט פּלאַנירן דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן פונעם לאַנד, אַזוי, אַז עס זאָל וואַקסן דאָס געזעלשאַפטלעכע רייכטום, עס זאָל כסדר שטייגן דער מאַטעריעלער און קולטורעלער ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע, עס זאָל זיך פאַרפעסטיקן די אומאָפּהענגיקייט און פאַרשטאַרקן די שוצפעיקייט פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק. כדי דער פּראָגראַם פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם, וועלכן לענין האָט אָנגעמערקט, זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, האָט געדאַרפט שטייגן און זיך פאַרשטאַרקן די ראָל פונעם פּלאַן-פּרינציפּ אין אונדזער ווירטשאַפט און עס האָט געדאַרפט אַלץ גרעסער ווערן די ווירקונג פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אויפן גאַנצן גאַנג פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פונעם לאַנד.

לענין האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דער אַרבעט פונעם מלוכה-פּלאַן, ער האָט איר כסדר געגעבן א ריכטונג, האָט אָנגעמערקט קאַדרען-טוער, געגעבן זיי אָנפירנדיקע אָנווייזונגען, ער האָט ענערגיש זיך באַמיט צו דערשלאָגן, אַז די פּלאַנירונג זאָל נישט זיין אָפּגעריסן פונעם רעאַלן באָדן. ער האָט געפאָדערט אַז באַגלייך מיטן פּערספּעקטיוו-פּלאַן, וואָס איז אויסגערעכנט אויף א ריי יאָרן, זאָלן צונויפגעשטעלט ווערן פּלענער אויף א יאָר און אויף עטלעכע

[1] לענין-זאַמלונג, ב. XXVII, ז. 286, 287.

[2] לענין, ווערק, ב. XXVI, ז. 43.

חדשים. אויספילן און איבערשטייגן די פּלענער, האָט ער אָנגעוויזן, הייסט „פאַרקירצן דעם פּעריאָד פון הונגער, קעלט און אָרעמקייט".

לענין האָט איבערגענומען די טאָגטעגלעכע אָנפירונג מיטן אויספילן דעם פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד. ער האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דעם, ווי עס גייט די בויונג פון די עלעקטראָסטאַנציעס, וואָס זיינען געווען אָנגעמערקט לויטן פּלאַן, באַזונדערס, פון דער קאַשירער און פון דער וואָלכאָווער סטאַנציע — וואָס זיינען געבויט געוואָרן לויטן פּלאַן פון גאָעלראָ. ער האָט זיך פאַרנומען מיט די פראַגן פון מאַטעריעל-טעכנישער באַזאָרגונג און דערנערונגס-באַזאָרגונג פון די ניי-בויונגען. ער האָט געזען, אַז די בויונגען זאָלן צו דער צייט באַקומען אויסשטאַטונג, מאַטעריאַלן און אַפּאַראַטור. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער קוואַליטעט פון די בויונגס-אַרבעטן, קאָנטראָלירט צי זיינען די אונטערנעמונגען גרייט צום אויפנעמען דעם שטראָם פון די נייע סטאַנציעס. לענין האָט מאָביליזירט די פּאַרטיי און די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף פאַרן דערפאָלגרייכן אויספילן דעם ערשטן פאָלקס-ווירטשאַפטלעכן פּלאַן.

אַנטשפּרעכיק צום פּלאַן פון אויפהייבן די לאַנדווירטשאַפט, פון אויפשטעלן די אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אויך דער ווירטשאַפטלעכער אַפּאַראַט פונעם לאַנד. אַ גרויסע באַדייטונג אין פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבע האָט געהאַט דער „אָנזאָג פונעם ראַט פאַר אַרבעט און שוץ צו די אָרטיקע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס" וועגן די גרונט-אויפגאַבן אין געביט פון דער ווירטשאַפטלעכער בויונג. פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם דאָזיקן „אָנזאָג" האָט לענין.

לענין האָט געהאַלטן, אַז דער „אָנזאָג" האָט אַן אויסשליסלעכע באַדייטונג, און האָט דעריבער מיט זיין גאַנצער ענערגיע געזען צו פאַרשנעלערן די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע. דער „אָנזאָג" איז באַהאַנדלט געוואָרן אויפן IV אַלרוסלענדישן פּראָפאַריינען-צוזאַמענפאָר, אויפן IV צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פאַר פאָלקס-ווירטשאַפט און אויף דער X אַלרוסלענדישער פּאַרטיי-קאָנפערענץ. לענין האָט אָנגעשריבן אַ ריי בריוו וועגן דעם „אָנזאָג". ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע אויף דער סעסיע פון וציק.

מיט אַ געוואַלדיקער אויפמערקזאַמקייט האָט לענין קאָנטראָלירט, וויאַזוי דער „אָנזאָג" — ווערט דורכגעפירט אין לעבן אויף

די ערטער. ער האָט געהאַלטן, אז דער „אָנזאָג" — דאָס איז דער אָנהייב פון פאַרווירקלעכן זיין אידעע פון מאַסן-קאָנטראָל מצד די ערטער איבער דער ארבעט פון צענטער, א מעטאָד פון צוציען די אומפּאַרטייאישע, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער סאָציאַליסטישער בויונג, אין די אָרגאַנען פון דער מלוכהשער אָנפירונג מיטן לאַנד.

צוציען די מאַסן צו דער פאַרוואַלטונג מיט דער מלוכה, האָט לענין געהאַלטן, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן. ער האָט כסדר געלערנט, אז די סאָוויעטנמאַכט שטרעבט צוצוציען אלע אַר-בעטנדיקע, פאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע מענער און פרויען צום אַקטיוון אָנטייל אין דער מלוכהשער אוןווירטשאַפטלעכער בויונג.

דערציענדיק די מאַסן, האָט לענין גלייכצייטיק זיך געלערנט ביי די מאַסן. לענין האָט אָן רחמנות געשטעמפּלט די אלע, וואָס באַ-ציען זיך צו די מאַסן פון אויבן אראָפּ, וואָס פּרוּוון בלויז לערנען זיי, פאַרגעסנדיק וועגן דער נויטווענדיקייט אליין זיך צו לערנען ביי די מאַסן, באַזייַטיקן דאָס, וואָס זיי טוען, זאָרגזאַם שטודירן און פאַר-אַלגעמיינערן די פּראַקטישע קאַמפּס-דערפאַרונג פון די מאַסן.

מיט טויזנטער פעדעם איז לענין געווען פאַרבונדן מיט די ברייטסטע מאַסן ארבעטער און פּויערים און האָט ענערגיש גע-זוכט און זיך באַמיט איינצושטעלן נייע פאַרבינדונגען. אין יאַנואַר 1921 האָט לענין געשריבן צום רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „בעד-נאָטאַ": „צי וועט איר מיר נישט אָנשרייבן קורץ (צוויי-דריי זייט-לעך מאַקסימום), וויפל בריוו פון פּויערים באַקומט די „בעדנאָטאַ"? וואָס איז פאַראַן וויכטיקס (באַזונדערס וויכטיקס) און נייעס אין די דאָזיקע בריוו? שטימונגען? טאָג-פראַגן? צי קאָן מען נישט איין מאָל אין צוויי חדשים באַקומען אויך די בריוו"[1].

באַגעגענישן, שמועסן מיט ארבעטער און פּויערים, ארויס-טרעטונגען אויף מיטינגען, אויף ברייטע פּראָדוציר-קאָנפערענצן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אויף קאָנפערענצן פון אומפּאַר-טייאישע ארבעטער און פּויערים, אויף באַראַטונגען פון אומפּאַר-טייאישע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָרן, אויף פילצאָליקע פאַרזאַמ-לונגען, שמועסן מיט ארבקאָרן און דאָרפקאָרן, דאָס שטודירן די

---

[1] לענין, ווערק, ב. XXIX, ז. 522.

באַקומענע בריוו, דאָס זיינען די קוואַלן פון לענינס פאַרבינדונג מיט די מאַסן.

דער טיפסטער גלויבן אין די מאַסן איז געווען לענינס כאַראַק־טעריסטישער שטריך. פעסטיקן די פאַרבינדונג מיט די מאַסן — וועגן דעם הערט לענין נישט אויף צו דערמאָנען דער פּאַרטיי. „מיר קאָנען פאַרוואַלטן בלויז דעמלט, ווען מיר דריקן ריכטיק אויס דאָס, וואָס דאָס פאָלק באַזיניקט".[1] — האָט לענין געזאָגט פרילינג 1922 יאָר אויפן XI צוזאַמענפאָר. דאָס פאָלק האָט גע־ווּסט וועגן לענינס ליבע צו אים און האָט אים גרענעצלאָז גע־גלייבט. די אַרבעטער האָבן געזאָגט: „לענין — דאָס זיינען מיר אַליין".

אין זיין רעדע אויפן אָוונט פון די קרעמל־קורסאַנטן האָט חבר סטאַלין אַזוי כאַראַקטעריזירט לענינס גלייבן אין די מאַסן: „איך קען נאָך נישט א צווייטן רעוואָלוציאָנער, וואָס זאָל אַזוי טיף גלייבן אין די שעפערישע קרעפטן פונעם פּראָלעטאַריאַט און אין דער רע־וואָלוציאָנערער צוועקמעסיקייט פון זיין קלאַסן־אינסטינקט, ווי לענין... פונדאַנען שטאַמט דאָס אומדערמידלעכע פרייִדיקן לענינס: לערנען זיך ביי די מאַסן, באַזיניקן זייערע טאַטן, זאָרגזאַם דערלער־נען די פּראַקטישע דערפאַרונג פונעם קאַמף פון די מאַסן.

דאָס גלייבן אין די שעפערישע קרעפטן פון די מאַסן, — דאָס איז יענע באַזונדערקייט אין לענינס טעטיקייט, וואָס פלעגט אים געבן די מעגלעכקייט צו באַזיניקן די סטיכיע און ריכטן איר באַ־וועגונג אין שטראָם פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע".[2]

לענין, וואָס האָט פיינט געהאַט טומל, וואָס האָט געפּאָדערט אין אַלץ פשוטקייט און באַשיידנקייט, איז אַליין געווען א מוסטער פון אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייט. די אַרבעטער האָבן אַזוי כאַראַקטעריזירט לענינס פשטות: „ער איז פשוט, ווי דער אמת". „אָט די פשוטקייט און באַשיידנקייט לענינס, אָט די שטרעבונג צו פאַרבלייבן אומבאַמערקט אָדער, יעדנפאַלס, נישט וואַרפן זיך אין די אויגן און נישט אונטערשטרייכן זיין הויכע לאַגע, — דער דאָ־זיקער שטריך איז איינע פון די שטאַרקסטע זייטן ביי לענינען, אַלס

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 256.

[2] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 32, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס" 1944 יאָר.

נייעם פירער פון נייע מאַסן, פשוטע און געוויינלעכע מאַסן פון די טיפסטע „אונטערשטע שיכטן" פון דער מענטשהייט"[1].

לענין האָט געהאַלטן, אז דער מלוכה-אַפּאַראַט שפּילט אַן אויסשליסלעך וויכטיקע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער איבערגעשטאַלטיקונג פונעם לאַנד און אין פאַרפעסטיקן דעם בונד פונעם אַרבעטער-קלאַס מיטן פּויערטום.

לענין איז געווען א שונא פון יעדער פאַרשלעפּעניש, ביוראָקראַטיזם. ער האָט אָנגענומען די סאַמע אַנטשידנדיקסטע מיטלען קעגן די ביוראָקראַטן. ער האָט נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אז א פאָרמעלע באַציונג צו אוועלכער-נישט-איז פראַגע מצד די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען באַרופן צו קעמפן קעגן ביוראָקראַטיזם, איז אומדערלאָזבאַר. ער האָט געפאָדערט איבערצוגעבן צום געריכט די ענינים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט פאַרשלעפּעניש און ביוראָקראַטיזם, ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, אז די ריכטער זאָלן האַרב באַשטראָפן פאַר פאַרשלעפּעניש, האָט אָנגעוויזן, אז „דער צ. ק. דאַרף געבן וועגן דעם שטרענגע אָנווייזונגען די ריכטער".

אין סעפּטעמבער 1921 יאָר האָט לענין אין א ספּעציעלן בריוו צו דעם פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ פאָרגעלייגט: אומבאַדינגט איבערגעבן אין מאָסקווע צום געריכט אין משך פון האַרבסט און ווינטער 4—6 ענינים וועגן מאָסקווער פאַרשלעפּעניש, צוקלייבן פאַלן וואָס מער בולטע און מאַכן פון יעטוועדן פּראָצעס א „פּ אָ ל י ט י ש ן" ענין. געפינען עטלעכע קלוגע „עקספּערטן" אין די ענינים וועגן פאַרשלעפּעניש, וועלכע דאַרפן באַזונדערס געניט „העצן פאַר פאַרשלעפּעניש"; אַרויסגעבן א גוטן בריוו וועגן קאַמף קעגן פאַרשלעפּעניש.

לענין האָט פיינט געהאַט אָפּנאַרעריי, באַזונדערס שטרענג איז ער געווען צו די, וואָס צעשלעפּן דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום. ער פלעגט אָננעמען די אַנטשידנסטע מיטלען אין אלע פאַלן, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צום צעטרענצלען מלוכהש געלט, צעשלעפּן מלוכהש פאַרמעגן. לענינען האָט מען נישט געקאָנט אָפּנאַרן. ער האָט אין אלץ געפאָדערט אויפריכטיקייט און אמת.

---

[1] י. סטאַלין, וועגן לענינען, ז. 32, מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס", 1944 יאָר.

אין 1921 יאָר איז קיין מאָסקווע געקומען צו פאָרן א רויט־אַרמייער און האָט אינפאָרמירט לענינען וועגן דעם, אז אייניקע טוער אין דער דאָנער געגנט שטייגן איבער זייערע פולמאַכטן, פאַרנעמען זיך מיט גנבה. אינעם בריוו צו לענינען האָט דער דאָזיקער חבר אָנגעוויזן, אז אָט די מעשים זייערע רופן ארויס גרויס אומצופרידנקייט ביי די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פויערים. לענין האָט תיכף אַריבערגעשיקט א קאָפּיע פונעם בריוו דעם סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט חבר מאָלאָטאָוו; ער האָט פאָרגעלייגט ארויסצושיקן אויפן דאָן א ספּעציעלע קאָמיסיע פון מיטגלידער פון וציק און 10—20 סטודענטן פונעם סווערדלאָוו־אוניווערסיטעט; מיטנעמען מיט זיך דעם אויטאָר פונעם בריוו; צעשיסן אויפן אָרט די יעניקע, וואָס וועלן געכאַפּט ווערן ביי גזילה. בנוגע דעם, וואָס האָט געשיקט דעם בריוו, האָט לענין אין א צעטל צום סעקרעטאַר געשריבן: „1) געפינט דרינגענדיק דעם אויטאָר, נעמט אים אויף, באַרואיקט אים, זאָגט אים, אז איך בין קראַנק, נאָר מיט זיין ענין וועל איך זיך פאַרנעמען”[1].

אפילו אין די סאַמע אָנגעשטרענגטע מאָמענטן פון קאַמף קעגן די אינטערווענטן און ווייסגוואַרדייער פלעגט לענין אָנווייזן אויף דער נייטיקייט אַלמעגלעך אויפצוהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די פאָלקס־מאַסן. ווען די פּאַרטיי איז אַריבערגעגאַנגען צו פרידלעכער אַרבעט — צום אויפשטעלן די פאָלקס־ווירטשאַפט, האָבן זיך די פראַגן פון קולטור געשטעלט נאָך שאַרפער, נאָך דרינגענדיקער.

דערפון שטאַמט די אויסשליסלעכע באַדייטונג, וואָס לענין האָט צוגעגעבן די פראַגן פונעם קולטורעלן אויפשטייג פון די מאַסן און אין דער ערשטער ריי — דער ליקווידאַציע פון דעם אַנאַלפאַבעטיזם. ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן, אז אַן אַנאַלפאַבעט קאָן זיך נישט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, מע דאַרף אים צוערשט אויסלערנען לייענען און שרייבן.

לענין האָט אויסגעדריקט די טיפסטע זיכערקייט דערין, אז אויב צום ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם וועלן זיך נעמען די מאַסן אַליין, וועט מען צו דער דאָזיקער צרה גיך מאַכן א סוף. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעוויזן אויף דער הויערהאַפטיקייט און שווערקייט פון

[1] לענין־זאַמלונג ב. XX, ז. 333.

לייזן די אויפגאַבן פון דער קולטור־רעוואָלוציע און האָט גערופן די מאַסן זיך לערנען, לערנען און לערנען.

לענין האָט געהאַלטן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע באַדינגען פאַרן דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע איז אָנשליסן די ברייטסטע מאַסן צו דער קולטור. דאָס אויפהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די מאַסן האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די וויסנשאַפט, די טעכניק, די קונסט, אַלזייטיק אָנווענדן די וויסנשאַפט אין דער בויונג פון דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט און מלוכה.

לענין האָט ארויסגערוקט אַן אויפגאַבע פון קאָלאָסאַלער פּאָליטישער וויכטיקייט: דערשלאָגן זיך, אַז די „וויסנשאַפט זאָל ביי אונדז נישט בלייבן קיין פּוסטער קלאַנג אָדער קיין מאָדערנע פראַזע (און דאָס לאָמיר זיך נישט שעמען און זאָגן דעם אמת, טרעפט ביי אונדז באַזונדערס אָפט), אַז די וויסנשאַפט זאָל ווירקלעך אריין אין בלוט און אין פלייש, זאָל אינגאַנצן און אויפן געהעריקן אופן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַשטאַנד־עלעמענט פונעם שטייגער".[1]

די קלייַנבירגערלעכע סטיכיע אינעם לאַנד און די שוועריקייטן פונעם אריבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָבן די רעשטלעך פון די פיינטלעכע קלאַסן געפּרוווט אויסנוצן נישט נאָר אויפן ווירטשאַפטלעכן, נאָר אויך אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט. לענין איז אַנטשידן ארויסגעטרעטן צום קאַמף פאַר דער ריינקייט פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע.

אין דער ערשטער העלפט מערץ 1922 יאָר האָט לענין אָנגעשריבן פאַרן זשורנאַל „פּאָד זנאַמענעם מאַרקסיזמאַ" („אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם") זיין באַוווסטן ארטיקל „וועגן דער באַדייטונג פונעם קריגערישן מאַטעריאַליזם". דאָס דאָזיקע ארטיקל איז אַ פּראָגראַם פון דער ארבעט פון די קאָמוניסטן אויפן טעאָרעטישן פראָנט, און באַזונדערס אין געביט פון פילאָזאָפיע.

לענינס אידעע וועגן דער פאַרבינדונג פון דער פּאַרטיי מיט די מאַסן און וועגן דער באַדייטונג פון דער פּאַרטיי אַלס אַוואַנגאַרד אין דער בויונג פונעם קאָמוניזם האָט געפונען אין אָט דעם ארטיקל איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. לענין האָט געשריבן:

„איינער פון די גרעסטע און געפערלעכסטע פעלערן פון די קאָמוניסטן (ווי אויך בכלל פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן מיט

[1] לענין, ווערק, ב. XXVII, ז. 407.

דערפֿאָלג דורכגעמאַכט דעם אָנהייב פֿון א גרויסער רעוואָלוציע) איז די פֿאָרשטעלונג, אז די רעוואָלוציע קאָן מען כלומרשט מאַכן בלויז מיט די הענט פֿון די רעוואָלוציאָנערן אליין. פֿאַרקערט, פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון יעדער ערנסטער רעוואָלוציאָנערער ארבעט איז נייטיק פֿארשטיין און קענען דורכפֿירן אין לעבן דעם געדאַנק, אז די רעוואָלוציאָנערן זיינען אימשטאַנד צו שפּילן א ראָל בלויז אלס אוואַנגאַרד פֿון א ווירקלעך לעבנספֿעיקן און פּראָגרעסיוון קלאַס. אָן אוואַנגאַרד פֿילט בלויז דעמלט אויס די אויפֿגאבן פֿון אן אוואַנגאַרד, ווען ער קאָן נישט אָפּרייסן זיך פֿון דער מאַסע, מיט וועלכער ער פֿירט אָן, נאָר ווירקלעך פֿירן פֿאָרויס די גאַנצע מאַסע. אָן א בונד מיט די נישט-קאָמוניסטן אין די פֿארשידנסטע טעטיקייט-געביטן, קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אוועלכער-נישט-איז דערפֿאָלגרייכער קאָמוניסטישער בויונג.[1]

לענין האָט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט איינצושטעלן א בונד פֿון די קאָמוניסטן מיט די מאַטעריאליסטן נישט-קאָמוניסטן, מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט, באַזונדערס פֿון דער נאַטור-וויסנשאַפֿט. אין דעם דאָזיקן בוך דאַרף די העגעמאָניע געהערן צום דיאלעקטישן מאַטעריאליזם. בלויז דער דיאלעקטישער מאַטעריאליזם איז פֿעיק צו פֿירן א דערפֿאָלגרייכן קאַמף קעגן דעם אָנגריף פֿון די בורזשואַזע אידעען, קעגן יעדן מין אידעאַליזם און טעאָלאָגיע. אין אָט דעם צוזאמענהאַנג האָט לענין אָנגעוויזן אויף דריי וויכטיקסטע אויפֿגאַבן: 1) פֿירן אָן אומדערמידלעכע אַטעיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אויסנוצנדיק דעם פֿארשידנאַרטיקן מאַטעריאל אויף צו פֿירן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן אַלע פֿאָרמען פֿון טעאָלאָגיע; 2) באַלייכטן מיט דער שיין פֿון דיאלעקטישן מאַטעריאליזם דעם שאַרפֿן איבערברוך אין די טראַדיציאָנעלע פֿאָרשטעלונגען, וועלכן עס לעבט איבער די מאָדערנע נאַטורוויסנשאַפֿט און וועלכן די בורזשואַזיע פֿילאָזאָפֿן נוצן אויס אויף דורכצושלעפּן דעם אידעאַליזם; 3) אַלזייטיק אַנטוויקלען ווייטער די מאַטעריאַליסטישע דיאלעקטיק אלס פֿילאָזאָפֿישע וויסנשאַפֿט. „אויב מע זאָל פֿאַר זיך אזא אויפֿגאַבע נישט שטעלן, אויב מע זאָל נישט דורכפֿירן זי סיסטעמאַטיש, קאָן דער מאַטעריאַליזם נישט ווערן קיין קריגערישער מאַטעריאַליזם“.[2]

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 180.

[2] דאָרטן, ז. 188.

דאָס אַרטיקל „וועגן דער באַדייטונג פונעם קריגערישן מאַ־טעריאַליזם" איז אַ מין צוואה לענינס אין די פראַגן פון פילאָזאָפיע. דאָס איז אַ מוסטער פון פאַרטייאישער קריגערישקייט אין געביט פון טעאָריע. דאָס אַרטיקל ווייזט אָן דעם וועג, אין וועלכן עס דאַרף גיין די אַנטוויקלונג פון דער טעאָרעטישער אַרבעט ביי אונדז אין לאַנד.

לענין האָט געהאַלטן, אַז די אָרגאַניזירטע און דיסציפלינירטע אַרבעט, די אַרבעט אויף אַ נייעם שטייגער האָט אַ קאָלאָסאַלע באַ־דייטונג. לענינס גאַנצע פאַרטייאישע און מלוכהשע אַרבעט איז אַ מוסטער פון באָלשעוויסטישן באַהעפטן דעם רוסישן רעוואָלוציאָ־נערן שוווּנג מיט דער אַמעריקאַנישער פראַקטישקייט.

לענין איז אַן אויסשליסלעכער מוסטער פון פראָלעטאַרישער אָרגאַניזירטקייט און דיסציפלין. די זעלבע פאָדערונגען האָט ער אויך געשטעלט צו אַנדערע. אין דעם, שטרענגסטן אָפּהיטן די פאַר־טייאישע און מלוכהשע דיסציפלין האָט ער געזען די גאַראַנטיע פון זיג.

מער פון אַלץ האָט לענין ליב געהאַט די לעבעדיקע אַרבעט. ער האָט אָן רחמנות געשטעמפלט צעפאָרנקייט, אָפּגעלאָזנקייט, די טענדענץ צו פאַרבייטן שעפערישע אַרבעט, בווּנג־אַרבעט מיט פוסטע רייד. ער האָט געשטעמפלט די יעניקע, וואָס נעמען זיך פאַר אַלץ און פאַרענדיקן גאָרנישט. ער האָט טיף געהאַסט די אומניי־טיקע זיצונג־טומלעריי, די אומאָרדענונג, די אָבלאָמאָווטשינע. „עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף אונדז, וויאַזוי מיר האַלטן אָפּ אונדזערע זיצונגען, וויאַזוי מיר אַרבעטן אין די קאָמיסיעס, כדי צו זאָגן, אַז דער אַלטער אָבלאָמאָוו איז געבליבן און מע דאַרף אים לאַנג וואַשן, רייניקן, פוצן און שמייסן, אַז עס זאָל פון אים אַרויסקומען אַ שטיקל תכלית"[1].

לענין האָט געלערנט, אַז קאָנטראָלירן די אויספירונג און ריכ־טיק צוקלייבן מענטשן איז די וויכטיקסטע זאַך אין דער אַרבעט פו־נעם אַפּאַראַט פון דעם נייעם טיפ מלוכה. אין אַ ריי אַרויסטרע־טונגען זיינע אין אָנהייב 1922 יאָר האָט ער ענערגיש אַרויסגע־

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 177.

רוקט די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר די פּאַרטייאישע און סאָוויעטישע קאַדרען.

לענין הערט נישט אויף צו זאָרגן וועגן דער איינהייט און פעסטקייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פאַר פאַרגרעסערן אירע פאַרבינדונגען מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן. די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט ארויסגעוויזן א ווידערשטאַנד ביי די נישט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי. דער דאָזיקער ווידערשטאַנד איז געגאַנגען פון צוויי זייטן. די פּאָליטישע קריפּלען, די „לינקע" שרייער האָבן געפּרווט „דערווייזן", אז דער נעפּ באַדייט רעסטאַוראַציע פון קאַפּיטאַליזם, אז דער נעפּ איז א טויט פאַר דער סאָוויעטנמאַכט. די אָפענע קאַפּיטולאַנטן — טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, ראַדעק, בוכאַרין, ריקאָוו, סאָקאָלניקאָוו און אַנדערע, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד, וואָס האָבן פאַרהערלעכט די „מעכטיקייט" פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער סאָוויעטן־רעפּובליק, האָבן זיך געפּרווט דערשלאָגן גרויסע הנחות פאַרן פּריוואַט־קאַפּיטאַל. זיי האָבן געפּאָדערט אָפּגעבן דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל א ריי קאָמאַנדע־הייכן פון דער פאָלקסווירטשאַפט, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער סאָוויעטנמאַכט אין די הענט. אונטער לענינס אָנפירונג האָט די פּאַרטיי דעמאַסקירט און איזאָלירט סיי די סיי יענע און האָט זיי געגעבן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד.

דאָס, וואָס האָט עקזיסטירט א ווידערשטאַנד קעגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, האָט אָנגעוויזן דערויף, אז עס איז נייטיק אָפּצוריייניקן די פּאַרטיי־רייען פון די נישט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן.

לענין האָט כסדר אָפּגעהיט די ריינקייט פון דער פּאַרטיי, כסדר געזאָרגט וועגן פאַרבעסערן איר באַשטאַנד. „קיין פּאַרטיי־מיטגלידער נאָר לפּנים וועגן דאַרפן מיר נישט אפילו אומזיסט, — האָט ער געשריבן נאָך אין 1919 יאָר. — די איינציקע רעגירונגס־פּאַרטיי אין דער וועלט, וועלכע זאָרגט נישט וועגן פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער, נאָר וועגן העכערן זייער קוואַליטעט, וועגן אָפּריייניקן די פּאַרטיי פון אזעלכע, וואָס האָבן זיך „צוגעשמירט", די

איינציקע פאַרטיי אזא איז אונדזער פאַרטיי — די פאַרטיי פון דעם רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־קלאַס"[1].

לענין האָט געהאַלטן, אז די פאַרטיי־רייניקונג, וואָס דער צ. ק. האָט דערקלערט אין 1921 יאָר, האָט א קאָלאָסאַלע באַדייטונג. ער האָט געוועגדט א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פון אלע פאַרטיי־מיטגלידער אויף דער נייטיקייט גרינטלעך אָפּצורייניקן די פאַר־טיי „פון זשוליקעס, פון פאַרביוראָקראַטעוועטע, פון נישט קיין ער־לעכע, פון נישט קיין פעסטע קאָמוניסטן און פון די מענשעוויקעס, וואָס האָבן איבערגעפאַרבט דעם „פאַסאַד", נאָר זיינען אין האַרצן געבליבן מענשעוויקעס". ער האָט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון צוציען צו דער רייניקונג די אומפאַרטייאישע. „עס זיינען פאַ־ראַן ערטער, ווו מע רייניקט די פאַרטיי, שטיצנדיק זיך הויפּטזעכ־לעך אויף דער דערפאַרונג, אויף די אָנווייזונגען פון די אומפּאַר־טייאישע ארבעטער, האַלטנדיק זיך ביי זייערע אָנווייזונגען, רע־כענענדיק זיך מיט די פאָרשטייער פון דער אומפאַרטייאישער פּראָ־לעטאַרישער מאַסע. אָט דאָס איז דאָס סאַמע ווערטפולע, דאָס סאַ־מע וויכטיקע. אויב עס וואָלט זיך אונדז ווירקלעך איינגעגעבן אויף אזא אופן אָפּצורייניקן די פאַרטיי פון אויבן ביז אונטן, „נישט שוינענדיק קיינעם", וואָלט דאָס בפירוש געווען א גרויסע דערגרייכונג פון דער רעוואָלוציע"[2].

לענין איז באַשטאַנען אויף דעם, אז מע זאָל באַזונדערס אויפ־מערקזאַם צוגיין ביים אָננעמען א מענטשן אין דער פאַרטיי. ער האָט אַנטשידן געפאָדערט אָפּוואַרפן זינאָוויעווס פאָרשלאָג וועגן פאַרקירצן דעם פּראָדוציר־סטאַזש פאַר אלע, וואָס טרעטן אריין אין דער פאַרטיי. אין א ספּעציעלן צעטל צום סעקרעטאַר פון צ.ק. פון דער פאַרטיי חבר מאָלאָטאָוו האָט לענין באַגרינדעט די נייטי־קייט פון פאַרקירצן דעם קאַנדידאַטן־סטאַזש ביז א טערמין פון א האַלב יאָר בלויז פאַר די ארבעטער, וואָס האָבן פּאַקטיש אָפּגע־אַרבעט נישט ווייניקער פון 10 יאָר אין גרויסע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. ביים אָננעמען אין דער פאַרטיי אַנדערע קאַטעגאָריעס האָט ער רעקאָמענדירט איינשטעלן לענגערע טערמינען פון פּראָ־דוציר־סטאַזש. מיט זיינע ענערגישע פאָרשלאָגן האָט לענין גע־

[1] לענין. ווערק, ב. XXIV, ז. 484.

[2] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 13, 12.

שטרעבט צו באשיצן די פארטיי, אז אין אירע רייען זאלן נישט אריינדרינגען קיין קליינבירגערלעכע און פיינטלעכע עלעמענטן, וועלכע האבן זיך צופעליק און אויף א קורצן טערמין פארוואנדלט אין ארבעטער. די דאזיקע געפאר איז געווען באזונדערס גרויס אין די באדינגונגען פון נעפ.

לענין האט געפאדערט, אז ביים אויפנעמען אין דער פארטיי קאמוניסטן זאל מען קאנטראלירן, צי „האבן זיי זיך ווירקלעך ערנסט געלערנט און עפעס-וואס זיך אויסגעלערנט" און אויך צי „האבן זיי דורכגעמאכט א לענגערן סטאזש פון ערנסטער פראקטישער ארבעט (ווירטשאפטלעכער, קולטורעלער אדגל.)".

די גאנצע ארבעט פון אנפירן מיט דער פארטיי און מיטן לאנד, די גאנצע ארבעט פון פאנאנדערוויקלען די סאציאליסטישע בויונג האט לענין דורכגעפירט צוזאמען מיט סטאלינען, כסדר זיך באראטנדיק מיט אים. פונקט ווי פריער, אין די יארן פון דער אינטערווענץ און פונעם בירגער-קריג, פלעגט די פארטיי שיקן דעם חבר סטאלין אויף די סאמע פאראנטווארטלעכע און אנטשיידנדיקע פראנט-באצירקן, שיקט אויך איצט די פארטיי דעם חבר סטאלין אהין, ווו עס ווערט געלייזט דער זיג פון ווירטשאפטלעכן פראנט. דער גורל פון אויפשטעלן די פאלקס-ווירטשאפט ווערט געלייזט אין דאנבאס, דעמלט — די איינציקע קוילן-מעטאלורגישע באזע פונעם לאנד, נעמט חבר סטאלין דאנבאס אונטער זיין ספעציעלער אויפזיכט. מע דארף איינרעגולירן די ארבעט פונעם טראנספארט, דעם דאזיקן עקאנאמישן גרונט-נערוו פונעם לאנד, — ווערט חבר סטאלין מיטגליד פון דער קאמיסיע פון צ. ק. אויף אויפשטעלן דעם טראנספארט. עס שאפט זיך אן אנגעשטרענגטע לאגע אין סיביר — שרייבט לענין צו סטאלינען: „איך בעט ווענדן די אויפמערקזאמקייט אויף דזיערזשינסקיס מיטטיילונג וועגן סיביר. די געפאר, אז אונדזערע וועלן נישט קענען אדורכקומען מיט די סיבירער פויערים, איז אויסערגעוויינלעך גרויס און גרויזאם". אויפן IV אלרוסלענדישן צוזאמענפאר פון די פראפאריינען האבן די אנטיפארטייאישע עלעמענטן, ביי טאמסקים פארברעכערישער מיטהילף, דעזאריענטירט די באלשעוויסטישע פראקציע — דעלעגירט דער צ. ק. אויפן צוזאמענפאר לענינען און סטאלינען, און די מאנעווערן פון די שונאים פון דער פארטיי ווערן דעמאסקירט. מע דארף צעגראמירן די אנארכיסטיש-סינדיקאליסטישע עלעמענטן אינעם מעטאל-פאריין — שיקט דע-

צ. ק. אויפן צוזאמענפאר פון די מעטאל־ארבעטער לענינען און סטא־לינען. לענין גרייט זיך צום XI צוזאמענפאר. ער טראכט דורך די פראגע — וויאזוי ארגאניזירט מען די קאנטראל פון דער אויס־פירונג און דעם אפקלייב פון מענטשן, ער מערקט אן צוציען צו אט דער ביז גאר וויכטיקער ארבעט די ארבעטער־פויערישע אינספעק־ציע, ער באראט זיך וועגן דעם מיטן חבר סטאלין. „עס זיינען ניי־טיק געהילפן, — האט געשריבן לענין צו סטאלינען. — בלויז דער אפאראט פון דער פארוואלטונג פונעם ראטפאלקאם איז דערצו ווי־ניק, און פארגרעסערן אים איז נישט ראציאנעל. איך האב אויסגע־דריקט דעם געדאנק, אז מע דארף דערצו אויסנוצן... די ארבעטער־פויערישע אינספעקציע. איך וויל וויסן, צי וועט איר באגיטיקן"[1].

אין ענגער מיטארבעט האבן לענין און סטאלין פאנאנדערגע־ארבעט די יסודות פון דער סאוויעטישער נאציאנאלער פאליטיק, האבן אנגעפירט מיטן דורכפירן זי אין לעבן. א באזונדערע אויפ־מערקזאמקייט האט לענין אין 1921 יאר אפגעגעבן טראנסקאווקאז. זיין ערשטן בריוו — די דירעקטיוון צו די קאמוניסטן פון גרוזיע, נאך דעם, ווי דארט איז איינגעשטעלט געווארן סאוויעטנמאכט, האט לענין צוערשט געשיקט דעם חבר סטאלין. „איך בעט אוועק־שיקן, און אויב איר דערוויידערט, דורכשמועסן זיך טעלעפאניש[2], — האט לענין געשריבן צו סטאלינען. לענין און סטאלין זיינען די איני־ציאטארן פון שאפן די טראנסקאווקאזער פעדעראציע, די ארגאני־זאטארן פון דער ברידערלעכער מיטארבעט פון די טראנסקאווקא־זער פעלקער. אנגעשריבן דעם פראיעקט פון דעם פארשלאג וועגן אויסבילדן די פעדעראציע פון די טראנסקאווקאזער רעפובליקן, האט אים לענין געשיקט צו סטאלינען. חבר סטאלין האט אריינגעטראגן אן אויסבעסערונג אין לענינס פראיעקט. לענין האט די אויסבעסע־רונג אנגענומען, לענין האט עקשנותדיק און אומקאמפראמיסלעך געקעמפט קעגן דעם גרויסרוסישן שאוויניזם. אויף איינער פון די זיצונגען פון פאליטביורא האט ער אנגעשריבן צו סטאלינען: „דעם גרויסרוסישן שאוויניזם דערקלער איך א קאמף נישט אויף לעבן, נאר אויף טויט, ווי נאר איך וועל פטור ווערן פון דעם פארשאלטע־נעם צאן, וועל איך אים אויפעסן מיט אלע געזונטע ציין.

[1] לענין, ווערק, ב. XXIX, ז. 422.
[2] לענין, ווערק, ב. XXVI, ז. 189.

מע מוז א ב ס אָ ל ו ט באַשטיין אויף דעם, אז אינעם פאַר־באַנדישן ווציק זאָלן זיין פ אָ ר ז י צ ע ר ס לויט דער ריי
א רוס
אַן אוקראַינער
א גרוזינער אאוו.
אַבסאָלוט!

אייער ל ע נ י ן".

אויף דעם דאָזיקן צעטל האָט סטאַלין געענטפערט: „ריכטיק"[1].

לענין האָט ארויסגעוויזן אויסשליסלעכע זאָרג וועגן דעם חבר סטאַלין. באַקומען אין יולי 1921 יאָר פון צפון־קאַווקאַז א מיטטייַלונג וועגן דעם, אז סטאַלין איז קראַנק, האָט לענין תיכף טעלעגראַפיש אָנגעפרעגט ביים חבר אָרדזשאָניקידזע: „ערשטנס: איך בעט מיטטיילן וועגן סטאַלינס געזונט־צושטאַנד און וואָס זאָגן וועגן דעם ד דאָקטוירים"[2]. אין עטלעכע טעג ארום האָט לענין ווידער טעלעגראַפירט: „טיילט מיט דער פאַמיליע און דעם אַדרעס פון דעם דאָקטאָר, וואָס היילט סטאַלינען, און אויף וויפל טעג האָט מען אָפּגעריסן סטאַלינען"[3]. לענין האָט ווידער און ווידעראַמאָל דערמאָנט אָרדזשאָניקידזען: „עס וואונדערט מיך וואָס איר רייסט אָפּ סטאַלינען פון אָפּרו. סטאַלין וואָלט נאָך געדאַרפט אָפּרוען נישט ווייניקער פון 4 אָדער 6 וואָכן".

לענין האָט זיך אינטערעסירט אויך מיטן חבר סטאַלינס שטייער־באַדינגונגען. אין א צעטל צו דעם קאָמענדאַנט פון קרעמל (אין נאָוועמבער 1921 יאָר) האָט ער געשריבן, אז ביים חבר סטאַלין איז אזא דירה, אז מע לאָזט אים נישט שלאָפן (בשכנות האָט זיך געפונען א קיך, ווו מע האָט געטומלט פון גאנצפרי אָן). ער האָט געבעטן אַריבערפירן דעם חבר סטאַלין אין אַ רואיקערע דירה, און טאַקע וואָס גיכער און אָנשרייבן, ווען דאָס וועט געמאַכט ווערן.

אין דעצעמבער 1921 יאָר האָט לענין אין אַ צעטל צום סעקרעטאַר געשריבן: „ווען סטאַלין וועט אויפשטיין (נישט וועקן אים), זאָגן אים, אז איך בין פון 11 אויף דער קאָמיסיע (ביי מיר) און אז

---

[1] „פראַווּדאַ" נומ. 2, 21 יאַנואַר 1937 יאָר.

[2] לענין־זאַמלונג XX, ז. 74.

[3] דאָרטן, ז. 263.

איך בעט סטאַלינען געבן מיר זיינע טעלעפאָנען (אויב סטאַלין וועט אַוועקגיין), ווייל איך דאַרף זיך טעלעפאָניש דורכשמועסן מיט אים"[1].

אין מערץ 1922 יאָר איז פאָרגעקומען דער XI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דאָס איז געווען דער לעצטער צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס האָט אָנטיילגענומען לענין. די ביז גאָר אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך געלאָזט פילן אויפן צושטאַנד פון זיין געזונט. נישט געקוקט אויף דער קראַנקייט, האָט זיך לענין, ווי אַלעמאָל, אויפן זאָרגזאַמסטן אופן געגרייט צום צוזאַמענפאָר און, ווי ווייט עס האָבן דערלויבט זיינע כּוחות, אָנגעפירט מיט זיין צוגרייטונג.

אויפן צוזאַמענפאָר איז לענין אַרויסגעטרעטן מיטן פּאָליטישן באַריכט פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אין זיין פּאָרטראַג האָט לענין אַנטשידן קריטיקירט די פּאַראַנענע פעלערן, מאָביליזירנדיק די פּאַרטיי אויף ליקווידירן זיי; ער האָט אונטערגעצויגן די סך-הכּלען פונעם ערשטן יאָר נעפּ. שוין דאָס ערשטע יאָר פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט באַוויזן, ווי ווייט ריכטיק זי איז. אויף דער נייער עקאָנאָמישער באַזע האָט זיך פאַרפעסטיקט דער בונד פון די אַרבעטער און פּויערים. עס איז כּמעט פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן דער בעליגופישער באַנדיטיזם. די גרויס-אינדוסטריע, דער טראַנספּאָרט, די בענק, די ערד, דער אינערן-האַנדל און אויסערן-האַנדל, דאָס הייסט אַלע קאָמאַנדע-הייכן זיינען געבליבן ביי דער סאָוויעטנמאַכט אין די הענט. די פּאַרטיי האָט זיך דערשלאָגן אַן איבערברוך אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגזאַמער, נאָר אַ זיכערער אויפשטייג אויף אַלע געביטן פון דער ווירטשאַפטלעכער בוויונג.

די דאָזיקע סך-הכּלען האָבן געגעבן לענינען אַ מעגלעכקייט צו דערקלערן:

„אַ יאָר צייט זיינען מיר אָפּגעטרעטן. מיר דאַרפן איצט זאָגן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי: — גענוג! דער ציל, וועלכן דער צוריקטריט האָט געהאַט, איז דערגרייכט. דער דאָזיקער פּעריאָד ענדיקט זיך, אָדער האָט זיך געענדיקט. איצט ווערט אַרויסגערוקט אַן אַנדער ציל — איבערגרופּירן די כּוחות"[2] אַזאַ איבערגרופּירונג פון

---

[1] לענין-זאַמלונג XXIII, ז. 329.

[2] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 238.

די כוחות איז געווען נייטיק, כדי צו אָרגאַניזירן אַ נייעם אָנגריף אויף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין לאַנד. לענין האָט געזאָגט וועגן אָט דער איבערגרופּירונג, אַז דאָס איז „די צוגרייטונג צום אָנגריף **אויף דעם פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן קאַפּיטאַל**"[1].

לענין האָט געלערנט די פּאַרטיי צו פאַרשטיין די צווייענדיקע נאַטור פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז צוגעלאָזט געוואָרן, נאָר אַז אַלע קאָמאַנדע־הייכן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט זיינען געבליבן ביי דער פּראָלע־טאַרישער מלוכה אין די הענט. צווישן די קאַפּיטאַליסטישע און די סאָציאַליסטישע עלעמענטן גייט אַ פאַרביטערטער קאַמף. אין גאַנג פון אָט דעם קאַמף וועט כסדר וואַקסן די ראָל פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע וועלן באַזיגן די עלעמענטן פונעם קאַפּיטאַליזם. דער נעפּ איז טאַקע אויסגערעכנט אויף דעם דאַזיקן זיג פונעם סאָ־ציאַליזם איבערן קאַפּיטאַליזם, ער איז אויסגערעכנט אויף דער פאַר־ניכטונג פון די קלאַסן, אויף דער אויפבויונג פונעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק. לענין האָט געזאָגט אויפן צוזאַ־מענפאַר: „דאָס, וואָס די עקאָנאָמישע קראַפט געפינט זיך אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה פון רוסלאַנד, איז אַבסאָלוט גענוג אויף צו פאַרזיכערן דעם אריבערגאַנג צום קאָמוניזם"[2].

אַ יאָר נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט באַוויזן דעם פּויערטום, אַז די סאָוועטנמאַכט פירט דורך מאַסמיטלען, וועלכע זיינען פאַר־שטענדלעך, צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן פּויערטום. דער נעפּ האָט באַוויזן דעם פּויערטום, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי זאָרגט וועגן די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן זיינע און העלפט אים אין דער פּראַקטיק; דער נעפּ האָט באַוויזן, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַר־טיי גייט פעסט און קאָנסעקווענט צו איר ציל — צום אויפבויען דעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד, אויף דער באַזע פונעם בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום אונטער דער אָנפירונג פונעם אַר־בעטער־קלאַס.

לענין האָט אויפן צוזאַמענפאָר ענערגיש אָנגעוויזן דערויף, אַז כדי דער סאָציאַליזם זאָל זיגן, איז נייטיק צו זיכערן דעם בונד צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם פּויערטום, זיכערן דעם צוזאַמענשלוס

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 238.

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 244.

צווישן דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און דער פּויערישער עקאָנאָמיק. ער האָט געלערנט, אַז, צוזאַמענגעשלאָסן זיך מיט דער פּויערים־מאַסע, מיטן פּשוטן אַרבעטס־פּויערטום, וועלן מיר אָנהייבן גיין פאָרויס, הגם לאַנגזאַם, נאָר „דערפאַר אַזוי, אַז מיט אונדז וועט זיך ווירקלעך באַוועגן די גאַנצע מאַסע. דעמלט וועט אויך די פאַרשנעלערונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג זיינער־צייט זיין אַזאַ, וועגן וועלכער מיר קאָנען איצט אפילו נישט טרוימען"[1].

קיינער האָט אַזוי נישט געקאָנט ווי לעניִן געפונען אין דער קייט אויפגאַבן דעם גרונט־רינג, די צענטראַלע אויפגאַבע, אַרויסערסט געפּרעסט און קלאָר פאָרמולירט זי, קאָנצענטרירן די גאַנצע כּוחות פון דער פאַרטיי אויף אויסצופילן זי. פאַר אַזאַ צענטראַלער אויפגאַבע האָט לעניִן דעמלט געהאַלטן דעם האַנדל צווישן שטאָט און דאָרף, ווייל דער וועג צום פאַרווירקלעכן דעם צוזאַמענשלוס צווישן דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און דער פּויערישער עקאָנאָמיק איז געלעגן דורך דער אַנטוויקלונג פון דעם סחורה־אויסטויש צווישן שטאָט און דאָרף. און לעניִן האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג — לערנען זיך האַנדלען, האַנדלען קולטורעל.

לעניִן האָט אָנגעוויזן, אַז דער עיקר, וואָס עס פעלט די קאָמוניסטן, — דאָס איז קולטורעלקייט, דאָס איז קענען פאַרוואַלטן אין די באַדינגונגען פון נעפּ, וועלכער זיכערט סיי עקאָנאָמיש סיי פּאָליטיש די מעגלעכקייט צו שאַפן דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק. ער האָט געזאָגט: „קאָנטראָלירן די מענטשן און קאָנטראָלירן די פאַקטישע אויספירונג פון דער אַרבעט — דערין, נאָכאַמאָל דערין, בלויז דערין איז איצט דער עיקר פון דער גאַנצער אַרבעט, פון דער גאַנצער פּאָליטיק"[2].

לעניִן איז אויפן צוזאַמענפאָר שאַרף אָנגעפאַלן אויף די טראָצקיסטן (שליאַפּניקאָוו, פּרעאָבראַזשענסקי און אנד.), וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דורכפירן די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק און האָבן געזייט פּאַניק אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

זיין רעדע ביים שליסן פונעם צוזאַמענפאָר האָט לעניִן געווידמעט דער פּאַרטיי, איר גרעסערער באַהעפטקייט און איינמוטיקייט,

---

[1] לעניִן. ווערק, ב. XXVII, ז. 231—232.

[2] דאָרטן, ז. 179.

דער גרעסערער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער איינהייט, וועלכע די פּאַרטיי האָט דערגרייכט אינעם פּעריאָד פון x צוזאַמענפּאָר.

העכער פון אלץ האָט לענין געשטעלט די פּאַרטיי אלס אוואַנגאַרד פון די מאַסן, אלס אָנפירנדיקע קראַפט פון דער סאָוויעטישער מלוכה. ער האָט געהאַלטן, אז איר איינהייט, מאָנאָליטקייט, באַהעפטקייט האָבן אן אויסשליסלעכע באַדייטונג. „דאָס עיקרדיקע און וויכטיקסטע, וואָס מיר האָבן באַקומען „נייעס" אויף דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר, דאָס איז דער לעבעדיקער באַווייז פון דעם, ווי ווייט נישט גערעכט עס זיינען אונדזערע שונאים, וועלכע האָבן אָן אויפהער געטענהט און טענהן, אז אונדזער פּאַרטיי פאַלט אריין אין עלטער-שוואכקייט, פאַרלירט די בייגעוודיקייט פונעם געדאַנק און די בייגעוודיקייט פון איר גאַנצן אָרגאַניזם.

ניין. די דאָזיקע בייגעוודיקייט האָבן מיר נישט פאַרלוירן"[1].

מע האָט געדאַרפט דורכפירן אין לעבן די היסטאָרישע אויפגאבן, וועלכע לענין האָט אוועקגעשטעלט אויפן צוזאמענפּאָר, מע האָט געדאַרפט אויף די רעלסן פון נעפּ צוגרייטן דעם זיגרייכן אָנגריף פונעם סאָציאַליזם.

לויט לענינס פאָרשלאַג האָט דער פּלענום פון צ. ק. נאָכן צוזאַמענפּאָר אויסגעוויילט אלס גענעראַל-סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט לענינס טרייען שילער און מיטקעמפער — דעם חבר סטאַלין. פון דעמלט אָן ארבעט חבר סטאַלין כסדר אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן.

דאָס פאַרוואונדן לענינען זומער 1918 יאָר און די אויסשליסלעך אָנגעשטרענגטע ארבעט האָבן אונטערגעריסן זיין געזונט. שוין אָנהייבנדיק פון ווינטער 1921 יאָר האָט ער געמוזט אָפּט איבעררייַסן זיין ארבעט.

אין מאי 1922 יאָר האָט זיך לענינס געזונט-צושטאַנד באַדייטנדיק פאַרערגערט. לענין האָט זיך דעמלט געפונען הינטער מאָסקווע אין גאָרקי, וווהין ער איז ארויסגעפאָרן לויט דער פאָדערונג פון די דאָקטוירים. סוף מאי איז פאָרגעקומען א שאַרפער אָנפאַל פון דער קראַנקייט און דער אַפּאָפּלעקסיע-שלאַג. דאָס האָט געבראַכט צו א טיילווייזן פּאַראַליזש. לענין האָט צייטווייליק אויפגעהערט צו באַוועגן מיט דעם רעכטן פוס און מיט דער רעכטער האַנט, ס'איז ביי אים

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 271.

קאַליע געוואָרן דאָס לשון. אין מיטן יוני האָט זיך אין וולאַדימיר איליטשס געזונט געלאָזט מערקן א געוויסע פאַרבעסערונג. אין יולי האָבן אים די דאָקטוירים דערלויבט אויפצונעמען נאָענטע חברים, נאָר מיטן באַדינג נישט צו פירן קיין געשעפטלעכע געשפרעכן.

אָט וואָס חבר סטאַלין שרייבט וועגן איינער פון די דאָזיקע באַגעגענישן אין גאָרקי:

„דער חבר לענין האָט בעת מיין ערשטער זעונג מיט אים סוף יולי, נאָך אַן אַנדערהאַלבן־חדשימדיקן איבעררייס, געמאַכט אויף מיר גראַד אַזאַ איינדרוק פון אַן אַלטן קריגער, וואָס האָט באַוויזן אָפּצורוען נאָך די אויסצערנדיקע כסדרדיקע שלאַכטן און וואָס איז פרישער געוואָרן נאָכן אָפּרו. אַ פרישער און אַ באַנייטער, נאָר מיט שפורן פון מידקייט, פון איבערגעמאַטערטקייט.

— „איך טאָר נישט לייענען קיין צייטונגען, — באַמערקט איראָניש דער חבר לענין, — איך טאָר נישט רעדן וועגן פּאָליטיק, איך מייד זאָרגזאַם אויס יעטוועדער שטיקל פּאַפּיר, וואָס וואַלגערט זיך אויפן טיש, מורא האָבנדיק, אַז דאָס זאָל זיך נישט אַרויסווייזן פאַר אַ צייטונג און פון דעם זאָל חלילה נישט אַרויסקומען קיין דיסציפּלין־ברוך”.

איך קייך פון געלעכטער און לויב אין הימל אַריין דעם חבר לענינס דיסציפּלינירטקייט. באַלד טאַקע לאַכן מיר אויך פון די דאָקטוירים, וואָס קאָנען נישט פאַרשטיין, אַז פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער, ווען מען האָט זיי געלאָזט צונויפקומען זיך, קאָנען נישט רעדן וועגן פּאָליטיק.

עס איבערראַשט אינעם חבר לענין די זשעדנעקייט צו פראַגן און דער דראַנג, דער מוראדיקער דראַנג צו אַרבעט. ס'איז קאָנטיק, אַז ער האָט זיך אויסגעהונגערט. דער פּראָצעס פון די עסערן, גענוע און האַאַג, די גרעטעניש־אויסזיכטן, די אינדוסטריע און די פינאַנסן — די פראַגן שווענבן דורך איינע נאָך דער אַנדערער”.[1].

בעת לענין איז געווען קראַנק פלעגט אים באַזוכן סטאַלין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער ארבעט פון דער פּאַרטיי. לענין פלעגט

[1] י. סטאַלין. וועגן לעניגען, ז. 16—17, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס”, 1944 י.

אַרויסרופֿן צו זיך סטאַלינען צו שמועסן וועגן דער לאַגע, צו באַהאַנדלען געמיינזאַם א ריי פֿראַגן.

לענינס געזונט האָט זיך שנעל גענומען פֿאַרבעסערן, ער האָט ווייטער געפֿירט געשעפֿטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, האָט געפֿאָדערט צושיקן ביכער קיין גאָרקי. ער האָט געשריבן צו זיינע סעקרעטאַרן: „איר קאָנט מיר גראַטולירן מיטן געזונט ווערן. א באַווייז: די האַנטשריפֿט, וועלכע הייבט אָן צו ווערן מענטשלעך. הייבט אָן צוגרייטן פֿאַר מיר ביכער (און שיקן מיר צעטלען) 1) וויסנשאַפֿטלעכע, 2) בעלעטריסטיק, 3) פּאָליטיק (די לעצטע שפּעטער פֿון אַלע, ווייל זי איז נאָך נישט דערלויבט)". לענין האָט זיך געריסן צום אָנטייל אין דער פּאַרטייאישער און מלוכהשער ארבעט, אָן וועלכער ער האָט זיך זיין לעבן נישט פֿאַרגעשטעלט.

אין מיטן יולי האָט חבר סטאַלין טעלעגראַפֿירט צו סערגאָ אָרדזשאָניקידזע:

„נעכטן האָבן די דאָקטוירים דערלויבט איליטשן נאָך אַנדערהאַלבן חדשים איבעררייס באַזוכן פֿריינד און פֿאַרנעמען זיך צו עטלעכע שעה מיט ארבעט.

איך בין געווען ביי איליטשן און כ'האָב געפֿונען, אַז ער האָט זיך ענדגילטיק פֿאַרריכט. היינט האָבן מיר שוין באַקומען פֿון אים א בריוול מיט דירעקטיוון וועגן די לויפֿנדיקע פּאָליטישע פֿראַגן.

די דאָקטוירים גלייבן, אַז אין א חודש ארום וועט ער קאָנען אריין אין דער ארבעט ווי פֿריער"[1].

אין אויגוסט 1922 יאָר האָט די XII אַלרוסלענדישע פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ געשיקט א באַגריסונג דעם פֿירער פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועלכער האָט צוליב זיין קראַנקייט נישט געקאָנט בייזיין אויף דער קאָנפֿערענץ. זיין ענטפֿער האָט לענין איבערגעגעבן דורך סטאַלינען.

„חברים — האָט סטאַלין מיטגעטיילט אויף דער קאָנפֿערענץ,— איך האָב צו מעלדן, אַז היינט בין איך ארויסגערופֿן געוואָרן צו דעם חבר לענין, און ער האָט אלס ענטפֿער אויף דער באַגריסונג פֿון דער

---

[1] „זאַריא וואָסטאָקאַ" נומ. 25, 18 יולי 1922 י.

קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט מיך איבערצוגעבן אייך, אז ער דאַנקט פאַר דער באַגריסונג. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז עס איז נישט אַזוי ווייט דער טאָג, ווען ער וועט זיך אומקערן אין אונ־דזערע רייען צו דער אַרבעט".

דעם 2 אָקטאָבער 1922 יאָר איז לענין אַריבערגעפאָרן פון גאָרקי קיין מאָסקווע און האָט זיך ווירקלעך אומגעקערט צו דער אַרבעט. שוין אויף מאָרגן האָט ער געפירט די זיצונג פונעם ראַטפאָלקאָם. דעם 5 אָקטאָבער האָט ער זיך באַטייליקט אין דער זיצונג פונעם פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס, וואָס לענין האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט איז געווען אַ גרויסע שמחה פאַר דער פאַרטיי, פאַר אַלע אַרבעטנדיקע.

די דאָקטוירים האָבן פאַרגעשריבן לענינען אַ שטרענגן רעזשים, זיי האָבן געפּרוווט באַגרענעצן זיין אַרבעט מיט פינף שעה אַ טאָג: פון 11 ביז 2 און פון 6 ביז 8 אַזייגער. חוץ זונטיק איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָך איין טאָג פון אַבסאָלוטער רו (וולאַדימיר איליטש האָט אויסגעקליבן מיטוואָך). לענין פלעגט אָבער עובר זיין אויף די פאַרשריפטן פון די דאָקטוירים. פון דעם ערשטן טאָג אָן איז ער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אין איר גאַנצן פאַרנעם. אין זיין קאַבינעט פלעגט ער קומען 9 אַזייגער מיט 30 מינוט אינדערפרי און פלעגט דורכקוקן אַ קאָלאָסאַלע צאָל צייטונגען. 10 אַזייגער מיט 45 מינוט פלעגט לענין אַרויסרופן צו זיך דעם סעקרעטאַר. פון 11 אַזייגער אָן פלעגט זיך אָנהייבן אָן אָנגעשטרענגטע אַרבעט. 2 אַזייגער, ווען ער פלעגט אַוועקגיין אַהיים, פלעגט ער מיטנעמען אַ גאַנצן באַרג פּאַפּירן און פלעגט זיך אומקערן 6 אַזייגער מיט אַ שלל אויפגאַבן פאַר די סעקרעטאַרן. דעם צוגאָבלעכן אָפּרו־טאָג פלעגט וולאַדימיר איליטש אָפט אויך פאַרברענגען ביי דער אַרבעט. אָט וואָס לענינס סעקרעטאַרן האָבן פאַרשריבן וועגן איינעם פון אַזוינע „אָפּרו"־טעג: „1 נאָוועמבער ביי־טאָג. אַ באַראַטונג מיט סטאַלינס אָנטייל. אינאַוונט: פון 7 ביז אַכט אַזייגער צוויי איטאַליענישע חברים. 8 אַזייגער מיט 30 מינוט איז וולאַדימיר איליטש אַוועק אַהיים".

דעם 31 אָקטאָבער האָט לענין געהאַלטן אַ רעדע אויף דער סעסיע פון וציק. דאָס איז געווען די ערשטע אַרויסטרעטונג נאָך דעם, ווי ער איז געזונט געוואָרן. אַלע האָבן געוואַרט אויף דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג מיט גרויס אומגעדולד. וולאַדימיר איליטש האָט זיך

אויך דענערווירט. ער האָט גערעדט וועגן גלענצנדיקן זיג, וועלכן די רויטע אַרמיי און די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטיע האָבן אָפּגעהאַלטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַפרייען פון די יאַפּאַנישע אינטערווענטן דאָס לעצטע שטיקל סאָוויעטישע ערד — וולאַדיוואָסטאָק. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס סאָוויעטן-לאַנד איז נאָך באַדייטנדיק אָרעמער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, עס וועט זיי אָבער דעריאָגן מיט אַזאַ שנעלקייט, וועגן וועלכער זיי קענען אַפילו נישט טרוימען. „אין אַ פאַנטאַסטישער שנעלקייט פון וועלכע-נישט-איז ענדערונגען וועט קיינער ביי אונדז נישט גלייבן, אָבער דערפאַר אין דער ווירקלעכער שנעלקייט, אין דער שנעלקייט, אין פאַרגלייך מיט יעטוועדן פעריאָד פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, גענומען, ווי ער איז געווען, — אין אַזאַ שנעלקייט ,אויב מיט דער באַוועגונג פירט אָן אַ ווירקלעך רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי, אין אַזאַ שנעלקייט גלייבן מיר און אַזאַ שנעלקייט וועלן מיר זיך אומבאַדינגט דערשלאָגן.[1]

דעם 13 נאָוועמבער איז לענין אַרויסגעטרעטן מיט אַ פאָרטראַג אויפן VI קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל „פינף יאָר רוסלענדישע רעוואָלוציע און די פערספעקטיוון פון דער וועלט-רעוואָלוציע”. כאָטש די לאַגע פונעם רואינירטן סאָוויעטן-לאַנד אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג איז געווען אַ ביז גאָר שווערע, איז לענין געווען איבערצייגט אין זיג, ער האָט גערעדט וועגן די אויסגעצייכנטע פערספעקטיוון פון די ערשטע סך-הכלען פונעם נעפּ.

„די פאַרגאַנגענע אנדערהאַלבן יאָר באַווייזן פאָזיטיוו און אַבסאָלוט, אַז מיר האָבן... דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן”, — האָט ע־דערקלערט מיט שטאָלץ. מיר, האָט געזאָגט לענין, האָבן זיך דערשלאָגן אַן אַלגעמיינעם אויפשטייג אויף די רעלסן פון נעפּ: מיר האָבן פאַרפעסטיקט דעם בונד פון די אַרבעטער און פויערים, פאַרבעסערט די לאַגע פונעם אַרבעטער-קלאַס, סטאַביליזירט דעם רובל, פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון דער לייכטער אינדוסטריע. „שוין איצט האָבן מיר אַ באַווייז דערפון, אַז מיר, אַלס מלוכה, זיינען אימשטאַנד צו פירן האַנדל, איינהאַלטן אין אונדזערע הענט פעסטע פּאָזיציעס אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע און גיין פאָרויס” אין זייער אַ שווערע לאַגע געפינט זיך נאָך די שווערע אינדוסטריע.

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 318.

„די שווערע אינדוסטריע נייטיקט זיך אין מלוכה־סובסידיעס", האָט געזאָגט לענין. — „אויב מיר וועלן זיי נישט געפינען, וועלן מיר אַלס ציוויליזירטע מלוכה — שוין אָפּגערעדט, אַלס סאָציאַליסטישע — אומקומען". דאָס סאָוויעטן־לאַנד האָט אָבער מעכטיקע קוואַלן פון אײַנערלעכער אָנזאַמלונג. און לענין טיילט מיט מיט פרייד די פּאַרשטייער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אַז די סאָוויעטנמאַכט האָט אין רעזולטאַט פון נעפּ שוין אָנגעזאַמלט די ערשטע 20 מיליאָן רובל גאָלד און אַז די אַלע מיטלען וועט זי אָפּגעבן אויף אויפשטעלן און אַנטוויקלען די שווער־אינדוסטריע, זי וועט שפּאָרן אויף אַלץ, אַפילו אויף די שולן. „דאָס דאַרף זיין, — האָט געזאָגט לענין, — ווייל מיר ווייסן, אַז אויב מיר וועלן נישט ראַטעווען די שווער־אינדוסטריע, אויב מיר וועלן זי נישט אויפשטעלן, וועלן מיר נישט קאָנען אויפבויען קיין שום אינדוסטריע, און אָן איר וועלן מיר בכלל אומקומען אַלס זעלבשטענדיק לאַנד". מיט דער גרעסטער פעסטקייט און האַרטנעקיקייט האָט לענין דערקלערט: „מיר האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט פאַר די אַרבעטער און מיר האָבן פאַר זיך אַ ציל — שאַפן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג מיט דער הילף פון דער דאָזיקער מאַכט".[1]

לענין איז אַרויסגעטרעטן אויף דייטש. דער פּאָרטראַג האָט געדויערט אַ שעה צייט. דער קאָנגרעס האָט אים אויסגעהערט מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט. לענינען איז אָבער שוין געווען שווער צו האַלטן דעם פאָרטראַג. ער האָט גערעדט מיט בפירושער אָנשטרענגונג. נאָכן פאָרטראַג איז ער געווען זייער מיד. עס האָט זיך געלאָזט פילן די קראַנקייט.

אין אַ וואָך אַרום, דעם 20 נאָוועמבער 1922 יאָר, איז לענין אַרויסגעטרעטן אויפן פּלענום פון מאָסקווער סאָוויעט. אונטערציענדיק די סך־הכלען פון פינף יאָר עקזיסטענץ פון דער סאָוויעטנמאַכט, האָט ער זיין רעדע פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר האָבן דעם סאָציאַליזם דורכגעשלעפּט אין טאָג־טעגלעכן לעבן און דאָ דאַרפן מיר זיך פאַנאַנדערקלייבן. אָט אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע פון אונדזער היינט, אָט אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע פון אונדזער עפּאָכע. דערלויבט מיר צו ענדיקן דערמיט, וואָס איך וועל אויסדריקן די זיכערקייט, אַז ווי די אויפגאַבע זאָל נישט זיין שווער, ווי ניי זי זאָל נישט זיין אין פאַרגלייך

---

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 345, 349, 350.

מיט אונדזער פריערדיקער אויפגאַבע, און וויפל שוועריקייטן זי זאָל אונדז נישט פאַרשאַפן, — ווען מיר אַלע צוזאַמען, נישט מאָרגן, נאָר אין משך פון עטלעכע יאָר, לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָס עס זאָל אונדז נישט קאָסטן, אַזוי אַז פונעם נעפּישן רוסלאַנד וועט ווערן אַ סאָציאַליסטיש רוסלאַנד".[1]

דאָס איז געווען לענינס לעצטע אַרויסטרעטונג פאַרן לאַנד.

[1] לענין ווערק, ב. XXVII, ז. 366.

XIII

לענינס געזונט־צושטאַנד איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. עקשנותדיק קעמפנדיק מיט דער קרענק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. ער פירט די זיצונגען פונעם ראַטפאָלקאָם. ער אינטערעסירט זיך פונקט ווי פריער מיט פאַרשידנאַרטיקסטע פראַגן: פינאַנסן, עלעקטרי־אינדוסטריע, קאָנצעסיעס, שיף־רעמאָנט, פאָלקסציילונג און אַן אַ שיעור אַנדערע פראַגן. ער נעמט אויף מענטשן, שמועסט ,שרייבט בריוו, גיט אַ שלל אויפטראַגן, שיקט באַגריסונגען דעם III קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, דעם אַלאוקראַינישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר, די צוזאַמענפאָרן פון די פראָפפאַריינען, פון די סאָוויעטן־טוער און פון די בילדונגס־טוער, ער זאָרגט וועגן אַ פאָפולערער אויסגאַבע פון מאַרקס און ענגעלסעס בריוו. ער טראַכט ערנסט דורך די פראַגן פון דער אויסערן־פּאָליטיק, פונעם קאַמף קעגן דער קריגס־געפאַר, שרייבט נאָטיצן וועגן דער אויפגאַבע פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע אויף דעם האַאַגער שלום־קאָנגרעס.

אין אַט די לעצטע וואָכן פון זיין אַרבעט, האָט זיך לענין אַ סך פאַרנומען מיט די פראַגן פון דער ווייטערדיקער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוויעטישער מלוכה. אַלע יאָרן פון דער רעוואָלוציע האָט לענין געשמידט די פריינדשאַפט פון די סאָוויעטישע פעלקער, האָט אומנמיטלבאַר אָנגעפירט מיטן שאַפן די סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע רעפובליקן. די לאַנדשוץ, די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער בוינג, די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון אַלע סאָוויעטישע נאַציאָנאַליטעטן — די אַלע פראַגן האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט ,אַז דער בונד פון די פעלקער פונעם סאָוויעטנלאַנד זאָל וואָס מער פאַרפעסטיקט ווערן. אינעם טאָג־סדר האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אַן ענגערער פאַראייניקונג פון די סאָוויעטישע רעפובליקן אין אַן איינהייטלעכער פאַרבאַנדישער מלוכה. אין זיין באַגריסונג צו דעם

אַלאוקראַאינישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר דעם 10 דעצעמבער 1922 יאָר, האָט לענין געשריבן, אַז איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן, איז די פראַגע וועגן פאַראייניקן די רעפובליקן, אַז „פונעם ריכטיקן לייזן די דאָזיקע פראַגע הענגט אָפּ די ווייטערדיקע אָרגאַניזירונג פון אונדזער מלוכהשן אַפּאַראַט"[1].

סוף דעצעמבער 1922 יאָר, איז אויפן X אַלרוסלענדישן און I אַלפאַרבאַנדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר לויט לענינס און סטאַלינס פאָרשלאַג, אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס וועגן אַ פרייוויליקער מלוכהשער פאַראייניקונג פון די סאָוויעטישע פעלקער אינעם פאַרבאַנד סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן — פספר.

לענין איז אויף די צוזאַמענפאָרן נישט געווען. ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוטרעטן אויפן אַלרוסלענדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר, ער האָט אָנגעשריבן דעם פּלאַן פון זיין באַריכט־פאָרטראַג וועגן דער טעטיקייט פון דער רעגירונג, האָט געפירט די געשעפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ. אינגיכן האָט אָבער זיך לענינס געזונט־צושטאַנד ווידער פאַרערגערט.

דעם 12 דעצעמבער 1922 יאָר, האָט לענין צום לעצטן מאָל געאַרבעט אין זיין קאַבינעט אין קרעמל.

אין די נאָטיצן פון די סעקרעטאַרן וועגן אָט דעם טאָג ווערט אָנגעוויזן: „דעם 12 דעצעמבער אינדערפרי איז וולאַדימיר איליטש געקומען צו פאָרן פון גאָרקי און איז געקומען צו זיך אין קאַבינעט 11 אַזייגער מיט 15 מינוט. געווען איז ער דאָ נישט לאַנג און איז אַוועק אַהיים. 12 אַזייגער האָט ער זיך אומגעקערט און האָט אויפגענומען ציורופּאַן, וועלכער איז ביי אים געווען ביז 2 אַזייגער. ער איז אַוועק פון קאַבינעט 2 אַזייגער ביי טאָג און האָט קיין שום אויפטראַגן אויף אינאָוונט נישט געגעבן. אינאָוונט: וולאַדימיר איליטש איז געקומען אין קאַבינעט 5 אַזייגער מיט 30 מינוט. ער האָט געשמועסט טעלעפאָניש עטלעכע מינוט. 6 אַזייגער מיט 45 מינוט איז געווען דזיערזשינסקי. 7 אַזייגער מיט 45 מינוט — א טוער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־האַנדל; וולאַדימיר איליטש איז אַוועק אַהיים 8 אַזייגער מיט 15 מינוט".

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 378.

די קרענק האָט נישט אָפגעשוואַכט לענינס ווילן, זיין ענערגיע. זיין אומגעזעטיקטן דורשט צו אַרבעט. עס האָבן אים געערגט אַ ריי פראַגן. דעם 13 דעצעמבער האָט ער דיקטירט אַ בריוו צו סטאַלינען פאַרן פלענום פון צ.ק. אין אָט דעם בריוו איז ער קאַטעגאָריש באַשטאַנען אויפן אָפהיטן דעם מאָנאָפאָל פון אויסערן-האַנדל. בוכאַרינען, וואָס האָט פאָרגעלייגט ליקווידירן דעם מאָנאָפאָל פונעם אויסערן-האַנדל, האָט לענין דעמלט געשטעמפלט אַלס פאַרטיידיקער פון ספעקוליאַנטן, נעפליים, בעלי-גופים.

דער פלענום פון צ.ק., וואָס איז דורכגעגאַנגען אונטער חבר סטאַלינס אָנפירונג, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אין הסכם מיט לענינס אָנווייזונגען און האָט ענערגיש אָפגעוואָרפן אַלע פרוון צו ליקווידירן דעם מאָנאָפאָל פונעם אויסערן-האַנדל.

לענינס געזונט-צושטאַנד האָט זיך אַזוי ווייט פאַרערגערט, אַז די דאָקטוירים האָבן אים פאָרגעשריבן פולע רו. אין משך פון די לעצטע 2-3 טעג פאַר זיין פלאַנירטן אָוועקפאָר פון מאָסקווע, האָט לענין אויפגענומען ביי זיך אין דער היים חברים, ער האָט דיקטירט בריוו, געגעבן אויפטראַגן, האָט פאַראָרדנט, וווהין וועלכע ביכער שיקן. לענין האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין קרענק און האָט זיך כמעט קיינמאָל נישט באַקלאָגט. דאָס מאָל האָט ער געזאָגט, אַז ער פילט זיך ערגער, ער איז נישט געשלאָפן די נאַכט.

לענין האָט פאַרשטאַנען, ווי ערנסט עס איז זיין לאַגע. דעם 15 דעצעמבער, האָט לענין געשריבן צו סטאַלינען: „איך האָב איצט געענדיקט ליקווידירן מיינע ענינים און קאָן רואיק אָוועקפאָרן... עס איז געבליבן בלויז איין אומשטאַנד, וואָס באַאומרואיקט מיך אויסערגעוויינלעך שטאַרק — דאָס איז די אוממעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אויפן סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר. דינסטיק וועלן ביי מיר זיין די דאָקטוירים, און מיר וועלן באַטראַכטן, צי עס איז פאַראַן כאָטש אַ קליינער שאַנס פאַר אַזאַ אַרויסטרעטונג. ווען איך דאַרף זיך אָפזאָגן פון איר, וואָלט מיר געווען זייער אומבאַקוועם, נישט צו זאָגן שטאַרקער. דער קאָנספעקט פון דער רעדע איז שוין ביי מיר געווען אָנגעשריבן מיט עטלעכע טעג צוריק. איך לייג דעריבער פאָר, נישט אויפהערנדיק צוצוגרייטן עמעצן אַנדערש אַרויסצוטרעטן אָנשטאָט מיר, איבערלאָזן פונדעסטוועגן ביז מיטוואָך די מעגלעכקייט, אַז איך זאָל אַרויסטרעטן אַליין מיט אַ רעדע, וואָס וועט זיין מעגלעך פיל קירצער ווי געוויינלעך, צום ביישפיל, מיט אַ רעדע אויף דריי פערטל

שעה. אזא רעדע וועט אבסאָלוט נישט שטערן די רעדע פון מיין פּאַר־טרעטער (ווענען איר זאָלט נישט האָבן באַפּולמעכטיקט דערצו), זי וועט אָבער, מיין איך, זיין נוצלעך סיי אין פּאָליטישן, סיי אין פּער־זענלעכן זין, ווייל זי וועט באַזייטיקן די סיבה פון אַ גרויסער דע־נערווירטקייט".

אַ נייער אָנפאַל פון די קרענק האָט נישט געגעבן לענינען די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אויפן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר. לענינס אָפּפאָר קיין גאָרקי איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

די גאַנצע פּאַרטיי, אַלע אַרבעטנדיקע האָבן איבערגעלעבט לע־נינס קרענק, ווי זייערן אַן אייגענעם גרויסן אומגליק. אַלע האָבן גע־לעבט אין אומרו פאַרן לעבן פונעם באַליבטן פירער.

נאָר אויך אַ שווער קראַנקער, האָט לענין נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן לטובת דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, וואָס ער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלע זיינע כוחות, זיין גאַנץ לעבן.

אין די ערשטע צוויי חדשים פון 1923 יאָר, האָט זיך לענינס געזונט־צושטאַנד אַ ביסל פאַרבעסערט. אין אָט דער צייט האָט לענין אָנגעשריבן אַ ריי העכסט וויכטיקע אַרטיקלען. דעם 2 יאַנואַר האָט ער דיקטירט די „בלעטלעך פונעם טאָגבוך"; דעם 4 און דעם 6 יאַנו־אַר — „וועגן קאָאָפּעראַציע"; דעם 9, 13, 19, 22 און 23 יאַנו־אַר — „וויאַזוי דאַרפן מיר רעאָרגאַניזירן דעם ראַבקרין"; דעם 16, און דעם 17 יאַנואַר — „וועגן אונדזער רעוואָלוציע"; דעם 2, 4, 5, 6, 7 און 9 פעברואַר — „בעסער ווייניקער, אָבער בעסער".

לענין איז געווען געוווינט אַליין צו שרייבן זיינע אַרטיקלען. די סטענאָגראַפיסטקע, וועלכער לענין האָט דיקטירט דעם אַרטיקל „בעסער ווייניקער, אָבער בעסער", האָט טאַקע דערמלט, דעם 6 פעב־רואַר פאַרשריבן: „דורכקוקנדיק דעם אַרטיקל, פלעגט זיך לענין אָפּ־שטעלן, פלעגט רעדן וועגן זיין אַלטער געוווינהייט שרייבן, און נישט דיקטירן; אַז איצט פאַרשטייט ער, פאַרוואָס די סטענאָגראַפן פלעגן אים נישט באַפרידיקן; אַז ער איז געוווינט צו זען זיין כתב־יד פאַר די אויגן, זיך אָפּשטעלן, באַטראַכטן די שווערע ערטער, ווי ער איז געבליבן „שטעקן", אַרומגיין איבערן צימער, אַפילו פשוט און פראַסט אַנטלויפן ערגעץ שפּאַצירן; אַז אויך איצט ווילט זיך אים אָפט כאַפּן אַ בלייפעדער און שרייבן אָדער אַליין אַריינטראָגן אויס־בעסערונגען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, ווי ער האָט געפּרוווט דיקטירן זיינעם אַן אַרטיקל אַ סטענאָגראַף נאָך אין 1918 יאָר, און אַז ווען ער פלעגט פילן, אַז ער בלייבט „שטעקן", פלעגט ער

אוים פאַרלעגנהייט „יאָגן" אַלץ ווייטער און ווייטער מיט „אומגע־הייערער" שנעלקייט, און ווי אַזוי דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פאַרברענען דעם גאַנצן כתב־יד. נאָכדעם, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט שרייבן און האָט אָנגעשריבן „דער רענעגאַט קאַוטסקי", מיט וועלכן ער איז געבליבן צופרידן".

אין זיינע לעצטע אַרטיקלען האָט לענין אונטערגעצויגן די סך־הכלען פון דער אַרבעט, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן פאַר די יאָרן רעוואָלוציע. אַלע גרונט־פראַגן פון דער רעוואָלוציע — דיקטאַ־טור פונעם פּראָלעטאַריאַט, מלוכה־אַפּאַראַט, ווירטשאַפטלעכע פּאָ־ליטיק, פאַרהעלטענישן מיטן פּויערטום, לאַנדשוץ, אויסערן־פּאָלי־טיק, איינהייט פון דער פּאַרטיי — אָט די אַלע פראַגן האָט לענין נאָכאַמאָל דורכגעטראַכט.

מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפט שטרייכט לענין נאָכאַמאָל אונטער אין זיינע אַרטיקלען די מעגלעכקייט פונעם זיג פון סאָציאַ־ליזם ביי אונדז אין לאַנד. די סאָוועטן־רעפּובליק, דערקלערט ער, האָט „אַלדאָס נייטיקע אויף אויפצובויען די פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט". ער האָט ווידער און ווידעראַמאָל אָנגעוויזן אויף דער באַדייטונג פון דער שווער־אינדוסטריע אַלס עיקרדיקע מאַטעריעלע באַזע פונעם סאָציאַליזם. די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז איבער־זעצן זיך „פונעם פּויערישן, מוזשיקישן, פאַראָרעמטן פערד, פונעם פערד פון עקאָנאָמיעס, וואָס זיינען אויסגערעכנט אויף אַ רואינירטע פּויעריש לאַנד, — אויפן פערד, וואָס אים זוכט פאַר זיך און קאָן נישט נישט זוכן דער פּראָלעטאַריאַט ,אויפן פערד פון דער גרויסער מאַשין־אינדוסטריע, פון עלעקטריפיקאַציע, פון וואָלכאָווכוי אאוו."[1]

לענין האָט געלערנט, אַז נאָר אַ מעכטיקע שווערע אינדוסטריע קאָן זיין אַ זיכערע באַזע פאַרן פאַרפעסטיקן די אומאָפּהענגיקייט און פאַרשטאַרקן די שוצפעיקייט פון דער סאָוויעטישער מלוכה.

לענין האָט נישט איין מאָל אָנגעוויזן, — און אָט ביי דער אָנ־ווייזונג לענינס האָט זיך שטענדיק געהאַלטן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, — אַז בויען דעם סאָציאַליזם קאָן און דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס אין בונד מיטן פּויערטום. דער נעפּ איז דערצו טאַקע איינגע־פירט געוואָרן, כדי צו זיכערן דעם אָנטייל פונעם פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. עס איז געבליבן צו לייזן אַ ביז גאָר וויכ־

[1] לענין, ווערק, ב. XXVII, ז. 417.

טיקע אויפגאַבע, לייזן טעאָרעטיש און פראַקטיש, ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען קאָן מען אין בונד מיטן פויערטום אויפבויען דעם סאָציאַליזם, און וואָס דאַרף מען זיך אָנכאַפן, כדי אַריינצוציען דאָס פויערנטום אין דער בויונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אין זיינע לעצטע אַרטיקלען האָט לענין געגעבן אַ געניאַלע לייזונג פון אָט דער אויפגאַבע — ער האָט אַרויסגערוקט דעם *קאָאָפע־ראַטיוון פלאַן פון אַנשליסן דאָס פויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויונג.*

אין דער קאָאָפעראַציע אין אַלגעמיין גענומען, און אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוציר־קאָאָפעראַציע באַזונדערס, האָט לענין אין די באַדינגונגען פונעם סאָוועטן־לאַנד, איינגעזען דעם וועג צום אַריבערגיין פון דער אינדיווידועלער פויערישער ווירטשאַפט צו גרויסע געמיינשאַפטלעכע פראָדוציר־פאַראייניקונגען פון די פוי־ערים.

איינגלידערן די פרינציפן פון קאָאָפעראַציע צוערשט אין געביט פון אָפזאַץ, און דערנאָך אין געביט פון אויסאַרבעטן די לאַנדווירט־שאַפטלעכע פראָדוקטן — אָט דאָס איז דער וועג פון אַריינציען מיל־יאָנען פויערים אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, אַ וועג, וואָס איז זיי צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך.

„די מאַכט פון דער מלוכה אויף אַלע גרויסע פראָדוציר־מיטלען, די מאַכט פון דער מלוכה אין די הענט פונעם פראָלעטאַריאַט, דער בונד פון אָט דעם פראָלעטאַריאַט מיט פיל מיליאָנען קליינע און קלענסטע פויערים, דאָס זיכערן די אָנפירונג פונעם פראָלעטאַריאַט בנוגע דעם פויערטום אאַוו., — צי איז עס דען נישט אַלץ, — האָט געשריבן לענין, — וואָס עס איז נייטיק, כדי פון דער קאָאָפעראַציע, בלויז פון דער קאָאָפעראַציע אַליין, וועלכע מיר האָבן פריער באַטראַכט, אַלס הענדלערישע, און וועלכע מיר האָבן רעכט אין אַ געוויסן זין צו באַטראַכטן פונקט אַזוי אויך איצט בעתן נעפ, צי איז עס נישט אַלדאָס נייטיקע אויף אויפבויען די פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, דאָס איז נאָך נישט די אויפבויונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס איז אָבער אַלדאָס נייטיקע פאַר אָט דער אויפבויונג".[1]

[1] לענין. ווערק, ב. XXVII, ז. 392.

דער לענינישער קאָאָפּעראַטיווער פּלאַן איז אַ ביז גאָר וויכטיקער שריט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער לענינישער טעאָריע וועגן דעם זיג פֿונעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט האָט לענין אין זיינע לעצטע אַרטיקלען אָפּגעגעבן דער צווישנפֿעלקערלעכער לאַגע און דער אויסערן-פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטן-רעפּובליק. ער האָט פֿאַרלייגט די יסודות פֿון דער אויסערן-פּאָליטיק פֿון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. נישט איין גלענצנדיקן זיג האָט אָפּגעהאַלטן די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע אונטער לענינס אָנפֿירונג. אונדזער אויסערן-פּאָליטיק, האָט ער געלערנט, דאַרף זיין אַן אומאָפּהענגיקע און אַ זעלבשטענדיקע — זי דאַרף אַרויסגיין פֿון די אינטערעסן פֿון דער סאָוועטישער מלוכה, פֿון די אינטערעסן פֿונעם סאָציאַליזם. אויפֿן גאַנצן פּעריאָד ביזן ענדגילטיקן זיג פֿונעם סאָציאַליזם אין גאָר דער וועלט, דאַרף דער גרונט-פּרינציפּ פֿון דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע זיין — אויסנוצן די ווידערשפּרוכן אינעם לאַגער פֿון די אימפּעריאַליסטן, כדי צו שטערן זיי צו שאַפֿן אַן איינהייטלעכן פֿראָנט קעגן דעם סאָוועטנלאַנד. אין דער זעלבער צייט דאַרף די סאָוועטנמאַכט אויף קיין איין רגע נישט אָפּשוואַכן דעם קאַמף פֿאַר פֿאַרפֿעסטיקן די שוצפֿעיקייט פֿון דער סאָציאַליסטישער מלוכה.

אין מערץ 1923 יאָר, האָט זיך לענינס געזונט-צושטאַנד ווידער פֿאַרערגערט. דעם 9 מערץ האָט זיך איבערגעחזרט אַן אָנפֿאַל פֿון דער קרענק, דאָס מאָל אין זייער אַ שווערער פֿאָרם. לענין האָט זיך מער נישט געקאָנט אויפֿהייבן פֿון בעט.

ער האָט נישט געקאָנט נעמען קיין אָנטייל אין דער אַרבעט פֿונעם XII פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אַפּריל 1923 יאָר. פֿון זינט די באָלשעוויקעס האָבן גענומען די מאַכט, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס לענין האָט נישט געקענט בייזיין אויף אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר.

דער XII פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר האָט אין זיינע באַשלוסן גענומען אין אַכט אַלע אָנווייזונגען, וואָס לענין האָט געגעבן אין זיינע לעצטע אַרטיקלען און בריוו. לויט לענינס פֿאָרשלאָג, וועלכן ער האָט צוגעשיקט דעם צוזאַמענפֿאָר אין אַ שריפֿטלעכער פֿאָרם, האָט דער XII צוזאַמענפֿאָר געשאַפֿן אַ פֿאַראייניקטן אָרגאַן—צקק—אַפּאַ-ЦКК РКИ (צענטראַלע קאָנטראָל-קאָמיסיע — אַרבעטער-פּויערישע אינספּעקציע). פֿאַר אָט דעם אָרגאַן זיינען געשטעלט געוואָרן פֿאַראַנט-

וואָרטלעכע אויפֿגאַבן: אָפּהיטן די איינהייט פֿון אונדזער פּאַרטיי, פֿאַרפֿעסטיקן די פּאַרטייאישע און מלוכהשע דיסציפּלין, מיט אַלע מיטלען פֿאַרבעסערן דעם אַפּאַראַט פֿון דער סאָוויעטן-מלוכה.

ביז מײַ האָט זיך נישט געלאָזט מערקן קיין שום פֿאַרבעסערונג אין לענינס געזונט-צושטאַנד. אינמיטן מײַ האָט מען לענינען אַריבערגעפֿירט קיין גאָרקי. דאָרט האָט זיך אין דער צווייטער העלפֿט יולי לענינס געזונט-צושטאַנד ווידער אָנגעהויבן פֿאַרבעסערן.

דעם 19 אָקטאָבער 1923 יאָר, איז לענין אויף עטלעכע שעה געקומען צו פֿאָרן קיין מאָסקווע. ער איז אַרײַן צו זיך אַהיים, האָט אַרײַנגעקוקט אינעם זיצונגס-זאַל, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן אַרבעטס-קאַבינעט אין קרעמל, איז דורכגעפֿאָרן איבער די צענטראַלע גאַסן פֿון דער הויפּטשטאָט, איז געווען אויף דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויסשטעלונג און האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין גאָרקי.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען לענין איז געווען אין מאָסקווע.

דעם 21 יאַנואַר 1924 יאָר, 6 אַזייגער אינאָוונט, האָט זיך אינגאַנצן אומגעריכט אָנגעהויבן אַ שאַרפֿער אָנפֿאַל פֿון דער קרענק. לענין האָט פֿאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. 6 אַזייגער מיט 50 מינוט אינאָוונט, איז לענין געשטאָרבן אין גאָרקי פֿון אַ בלוט-אויסגוס אין מאַרך.

עס איז געשטאָרבן דער, „וואָס האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע, דער, וואָס האָט זי אויסגעטראָגן אין זײַן מוח, צוגעגרייט, פֿאַרווירקלעכט, געראַטעוועט. לענין, דער גרעסטער און אין אַלע הינזיכטן ריינסטער צווישן אַלע, וואָס האָבן געשאַפֿן געשיכטע; אַ מענטש, וואָס מער פֿון אים האָט פֿאַר מענטשן קיינער נישט געטאָן” (באַרבוס).

דער טויט פֿון לענינען, דעם פֿירער, דעם לערער, איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פֿאַר דער פּאַרטיי, פֿאַרן אַרבעטער-קלאַס, פֿאַר די פֿאָלקס-מאַסן פֿון אונדזער לאַנד, פֿאַר די אַרבעטנדיקע פֿון גאָר דער וועלט.

לענינס טויט האָט אַרויסגערופֿן אַ ווילדע פֿרייד אינעם לאַגער פֿון די אימפּעריאַליסטן: זיי האָבן געהאַלטן, אַז אָן לענינען, וועט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אומקומען. לענינס טויט האָט באַפֿליגלט אויך די, וואָס האָבן געוואָלט אַראָפּפֿירן די פּאַרטיי פֿון לענינס וועג:

זיי האָבן געהאַלטן, אַז אָן לענינען וועט זיך איינגעבן אַנטבאַלשעוויזירן די לענינישע פּאַרטיי.

די שונאים האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות אין חשבון. זיי האָבן נישט געגומען אין אַכט, אַז לענין האָט געגעבן זיין פּאַרטיי דאָס אומבאַזיגבאַרע געווער פון זיין שרעקלאָזן און קלאָרן געדאַנק — דאָס געווער פון לעניניזם. לענין האָט אַריינגעהויכט אין דער פּאַרטיי זיין פלאַמיקע שנאה צו דער בורזשואַזער אָרדענונג, זיין אייזערנעם ווילן, וואָס איז געווענדט צו צעשטערן די דאָזיקע אָרדענונג, צום שאַפן דעם קאָמוניזם. לענין האָט אויסגעלערנט די פּאַרטיי נישט מורא האָבן פאַר שוועריקייטן, נישט דערלאָזן קיין מידקייט, קיין וואַקלונגען, נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך.

אין דער נאַכט פון 21 אויפן 22 יאַנואַר האָט זיך פאַרזאַמלט דער פּלענום פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַלשעוויקעס.

דעם 22 יאַנואַר, האָט זיך דער צענטראַל-קאָמיטעט געווענדט צו דער פּאַרטיי, צו אַלע אַרבעטנדיקע מיט אַ מיטטיילונג וועגן לענינס טויט.

אין דער מיטטיילונג איז געשטאַנען:

„דעם 21 יאַנואַר האָט געענדיקט זיין לעבנס-וועג דער חבר לענין.

עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וועלכער האָט געגרינדעט אונדזער שטאָלענע פּאַרטיי, געבויט זי יאָר-אויין, יאָר-אויס, געפירט זי, נישט געקוקט אויף די קלעפּ פונעם צאַריזם, געלערנט זי און פאַרהאַרטעוועט אין פאַרביטערטן קאַמף קעגן די שונאים פונעם אַרבעטער-קלאַס, קעגן האַלבע, קעגן זיך וואַקלדיקע, קעגן אָפּטרינניקעס. עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וואָס אונטער זיין אָנפירונג האָבן די אייזנפעסטע רייען פון די באַלשעוויקעס זיך געשלאָגן אין 1905 יאָר, זייגען אָפּגעטרעטן אין די ציטן פון רעאַקציע, האָבן ווידער אָנגעגריפן, זייגען געווען אין די ערשטע רייען קעמפער קעגן דער זעלבסטהערשונג, האָבן באַוויזן צו צעקלאַפּן, דעמאַסקירן, אַראָפּוואַרפן די אידעיישע הערשאַפט פון די מענשעוויקעס און עסערן. עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וואָס אונטער זיין קאַמפס-אָנפירונג האָט אונדזער פּאַרטיי, איינגעהילט אין שלאַכט-רויך, אויפגעהויבן די רויטע פאָן פון אָקטאָבער איבעם גאַנצן לאַנד, האָט צעשטערט דעם ווידער-

שטאַנד פון די ישונאָרם האָט פעסט אײַנגעפונדעוועט די הער־
שאַפט פון די אַרבעטנדיקע אינעם געוועזענעם צאַרישן רוס־
לאַנד. עס איז געשטאָרבן דער גרינדער פונעם קאָמוניסטישן
אינטערנאַציאָנאַל, דער פירער פונעם וועלט־קאָמוניזם, די לי־
בע און דער שטאָלץ פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַ־
ריאַט, דער פאָן פונעם אונטערדריקטן מזרח, דער ראש פון דער
אַרבעטער־דיקטאַטור אין רוסלאַנד.

נאָך מאַרקסן האָט די געשיכטע פון דער גרויסער באַ־
פרייונגס־באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט נאָך קיינמאָל נישט
אַרויסגערוקט אַזאַ גיגאַנטישע פיגור, ווי אונדזער פאַרשטאָר־
בענער פירער, לערער, פריינד. אַלץ, וואָס אין פּראָלעטאַריאַט
איז פאַראַן ווירקלעך גרויס און העלדיש — שרעקלאָזער גע־
דאַנק, אײַזנפעסטער, עקשנותדיקער, אַלץ בײַקומענדיקער
ווילן, הייליקע שנאה, שנאה ביז אין טויט אַריין צו קנעכט־
שאַפט און אונטערדריקונג, רעוואָלוציאָנערע לײַדנשאַפטלעכ־
קייט, וואָס מאַכט באַוועגן בערג, גרענעצלאָזער גלויבן אין די
שעפערישע כוחות פון די מאַסן, קאָלאָסאַלער אָרגאַניזאַציאָ־
נעלער געני, — דאָס אַלץ האָט געפונען אַ פּרעכטיקע פאַר־
קערפערונג אין לענינען, וואָס זײַן נאָמען איז געוואָרן דער
סימבאָל פון דער נייער וועלט פון מערב ביז מזרח, פון דרום
ביז צפון.

לענין האָט געקאָנט, ווי קיינער נישט, זען אי דאָס גרוי־
סע, אי דאָס קליינע, פאָרויסזאָגן די גראַנדיעזסטע היסטאָרי־
שע איבערברוכן און אין דער זעלבער צייט נעמען אין אַכט
און אויסנוצן יעדן קלענסטן דעטאַל; ער האָט געקאָנט, ווען
מע האָט באַדאַרפט, פאַרביטן אָנגרייפן און ווען מע האָט באַ־
דאַרפט צוריקטרעטן, כדי צו גרייטן אַ נייעם אָנגריף. ער האָט
נישט געוווסט פון קיין שום פאַרגליווערטע פאָרמולעס, קיין
שום שאָרעם האָט ער נישט אויף זײַנע קלוגע, אַלץ זעענדיקע
אויגן. ווײַל ער איז געווען אַן אײַנגעבוירענער פירער פון דער
פּראָלעטאַרישער אַרמיי, דער געני פונעם אַרבעטער־קלאַס".[1]

דעם 23-21 יאַנואַר זײַנען קיין גאָרקי געקומען די מיטגלידער
פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי בראש מיטן חבר

---

[1] „אַלקפ(ב) אין רעזאָלוציעס", ט. I, ז. 557.

סטאַלין, די מיטגלידער פון דער רעגירונג, דעלעגאַציעס פונעם II אַלפאַרבאַנדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר און פון די מאָסקווער אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען געקומען פויערים פון די אַרומיקע דערפער.

דעם 23 יאַנואַר 10 אַזייגער אינדערפרי, איז דער אָרון מיט לע־נינס קערפער אויף די הענט אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון גאָרקי אויף דער סטאַציע געראַסימאָוואַ, און איינס אַזייגער ביי טאָג, איז דער טרויער־צוג געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע.

פאַרביי רייען פענער פון הונדערטער טויזנטער מענטשן, האָבן די נאָענטסטע פריינד און חברים אַריבערגעטראָגן דעם אָרון אינעם קאָלאָנען־זאַל פונעם פאַריינען־הויז. נישט געקוקט אויפן ברענענדיקן פראָסט, זיינען אין משך פון פיר טעג, פון 23 ביזן 27 יאַנואַר, הונ־דערטער טויזנטער אַרבעטער און פויערים, רויטאַרמייער און אָנגע־שטעלטע, דעלעגאַציעס פון מאָסקווע און פון פיל אַנדערע שטעט, דעלעגאַציעס פון די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דורכגעגאַנגען דורכן קאָלאָנען־זאַל, האָבן זיך געזעגנט מיטן פירער.

דעם 27 יאַנואַר, ניין אַזייגער אינדערפרי, איז דער אָרון מיט לענינס קערפער אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון פאַריינען־הויז אויפן רויטן פלאַץ, וווּ עס איז פאָרגעקומען די געזעגענונג פונעם פאָלק מיטן פירער. פיר אַזייגער ביי טאָג איז לענינס אָרון אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין מאַוזאָליי. עס האָבן אים באַגלייט קלאַנגען פון טרויער־מוזיק, טויזנטער פאַבריקס־סירענעס און האַרמאַטן־זאַלפן.

אַהער, אויפן רויטן פלאַץ, אינעם מאַוזאָליי קומען איצט מיל־יאָנען מענטשן פון אַלע עקן וועלט, כדי איינצוקריצן אויף אייביק אין זייער זכרון און אין זייער האַרץ די גרויסע געשטאַלט פון דעם גאוני פון דער מענטשהייט — לענין.

אינעם טאָג פון לענינס לוויה, האָט די אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט דערקלערט אַ פינפמינוטיקע הפסקה אין אַלע אַר־בעטן. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויטאָמאָבילן און צוגן, עס איז איבערגעריסן געוואָרן די אַרבעט פון די פאַבריקן און זאַוואָדן. מיט ביפן צער האָבן די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט באַגלייט אין קבר זייער פאָטער און לערער, זייער בעסטן פריינד און פאַר־טיידיקער — לענין.

אויף לענינס טויט האָט דער אַרבעטער־קלאַס פונעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט נאָך פעסטער באַהעפט זיינע רייען אַרום דער לענינישער פאַרטיי.

דעם פירערס טויט האָט באַוויזן, ווי נאָענט עס איז אונדזער פאַרטיי די אַרבעטער־מאַסן און ווי די אַרבעטער האַלטן טייער די לענינישע פאַרטיי. אין דער פאַרטיי זיינען אַריין נייע צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. אין אַ קורצן טערמין זיינען העכער צוויי הונדערט פערציק טויזנט אַרבעטער אַריינגעטרעטן אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. אין דער פאַרטיי זיינען געגאַנגען די, וואָס זיינען גרייט געווען אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר דער פאַרטיי, פאַר לענינען. דאָס איז געווען דער לענינישער פריזיוו אין דער פאַרטיי.

לענינס פאָן האָט אויפגעהויבן און טראָגט ווייטער סטאַלין — דער בעסטער זין פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, דער ווירדיקער יורש און דער גרויסער פאָרזעצער פון לענינס זאַך.

דעם 26 יאַנואַר 1924 יאָר, האָט זיך געעפנט די טרויער־זיצונג פונעם II אַלפאַרבאַנדישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר. עס איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער די אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער דער צוזאַמענפאָר האָט זיך צוגעהערט צו סטאַלינס ווערטער. נאָך אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די בויונג פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, האָבן זיך לענינס און סטאַלינס לעבן און טעטיקייט ענג צונויפגעפלאָכטן אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. סטאַלין — דער טרייער שילער און מיטקעמפער לענינס — זעצט פאָר לענינס אומשטערבלעך ווערק.

חבר סטאַלינס רעדע איז געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק. אין נאָמען פון דער פאַרטיי האָט סטאַלין געגעבן אַ דערהויבענע שבועה. ער האָט געזאָגט:

„מיר, קאָמוניסטן, זיינען מענטשן פון אַ באַזונדערן שניט. מיר זיינען אויסגעקנאָטן פון אַ באַזונדער מאַטעריאַל. מיר זיינען יענע, וואָס בילדן די אַרמיי פון דעם גרויסן פראָלעטאַרישן סטראַטעג, די אַרמיי פונעם חבר לענין. ס'איז נישטאָ קיין העכערע זאַך, ווי דער כבוד צו געהערן צו דער דאָזיקער אַרמיי. ס'איז נישטאָ קיין העכערע זאַך, ווי דער נאָמען פון מיטגליד פון דער פאַרטיי, וואָס איר גרינדער און אָנפירער איז דער חבר לענין...

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט צו האַלטן הויך און אָפּהיטן אין ריינקייט דעם גרויסן נאָמען פאַרטיי־מיטגליד. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן דעם דאָזיקן געבאָט דיינעם!...

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט אָפּצוהיטן די אייגהייט פון אונדזער פאַרטיי, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן אויך דעם דאָזיקן געבאָט דיינעם!...

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט אָפּצוהיטן און פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן נישט שאַנעווען אונדזערע כוחות, כדי אויסצופילן מיט ערע אויך דעם דאָזיקן געבאָט דיינעם!...

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט צו פאַרפעסטיקן מיט אַלע כוחות דעם בונד פון די אַרבעטער און פויערים. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן אויספירן מיט ערע אויך דעם דאָזיקן געבאָט דיינעם!...

דער חבר לענין האָט אומדערמידלעך גערעדט צו אונדז וועגן דער נייטיקייט פון אַ פרייוויליקן בונד צווישן די פעלקער פון אונדזער לאַנד, וועגן דער נייטיקייט פון זייער ברידערלעכער מיטאַרבעט אין די ראַמען פון דעם פעלקער־פאַרבאַנד פון די רעפּובליקן.

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין, אונדז פאַרזאָגט צו פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן דעם פאַרבאַנד פון די רעפּובליקן. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן אויספילן מיט ערע אויך דעם דאָזיקן געבאָט דיינעם!...

לענין האָט אונדז נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז די פאַרפעסטיקונג פון דער רויטער אַרמיי און די פאַרבעסערונג פון איר צושטאַנד איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אונדזער פאַרטיי... איז לאָמיר שווערן, חברים, אַז מיר וועלן נישט שאַנעווען קיין קרעפטן אויף צו פאַרפעסטיקן אונדזער רויטע אַרמיי, אונדזער רויטן פלאָט...

אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט דער חבר לענין אונדז פאַרזאָגט טריי זיין די פּרינציפּן פונעם קאָמוניסטישן אינטער־

נאַציאָנאַל. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן נישט שאַנעווען אונדזער לעבן, כדי צו פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן דעם בונד פון די אַרבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט — דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!".[1]

דאָס איז געווען די שבועה פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי צו איר פירער, לענינען, וועלכער וועט לעבן דורות. אַרומקוקנדיק זיך אויפן דורכגעגאַנגענעם וועג, קאָנען די באָלשעוויקעס מיט שטאָלץ דערקלערן: די דאָזיקע שבועה ווערט מיט ערע אויסגעפילט.

* * *

זיין גאַנץ לעבן האָט לענין אָפּגעגעבן צו באַפרייען די אַרבעטער און פּויערים פון אונטערן יאָך פונעם קאַפּיטאַל, פון אונטער דער מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, אויפצובויען דעם סאָציאַליזם.

לענינס לעבן און טעטיקייט גיסט זיך צונויף מיט דער טעטיקייט פון דער גרויסער און העלדישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי וואָס ער איז געווען דער שעפער אירער.

לענין איז געווען דער געני פון דער רעוואָלוציע. אין די שאַרפסטע קלאַסן-שלאַכטן פון דער נייער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע פון מלחמות און רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען, איז לענין געגאַנגען בראש פון די פֿאָלקס-מאַסן. אונטער זיין אָנפירונג האָט געזיגט די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין ססר. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט באַדייט אַ ראַדיקאַלן איבערברוך אין דער וועלט-געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַ קער פון דער אַלטער, דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט צו דער נייער, צו דער סאָציאַליסטישער וועלט.

פון די קלעמען פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מלחמה, פון דעם גיהנום פונעם אימפּעריאַליזם, האָט די ערשטע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אַרויסגעריסן די ערשטע הונדערט מיליאָן אויף דער ערד. די פֿאָלגנדיקע רעוואָלוציעס, האָט אָנגעוויזן לענין, וועלן אַרויסרייסן פון די צוואַנגען פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און פון דער וועלט פונעם קאַפּיטאַליזם די גאַנצע מענטשהייט.

[1] י. סטאַלין. וועגן לענינען, ז. 19—24. מלוכה-פאַרלאַג „דער אמת" 1944 י.

„מיר האָבן דאָס רעכט צו שטאַלצירן און האַלטן זיך פאַר גליק־לעך דערמיט, — האָט געשריבן לענין, — וואָס אונדז איז די ערשטע אויסגעפאַלן אָראָפּצוּוואַרפן אין איין ווינקל פון דעם ערד־קײלעך יענע חיה־רעה, דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט פאַרגאָסן די וועלט מיט בלוט, דערפירט די מענטשהייט ביז הונגער און פאַרווילדעוועטקייט, און וואָס וועט אומקומען אומפאַרמײדלעך און אינגיכן, ווי געוואַל־דיק בעסטיאַליש עס זאָלן נישט זיין די אַנטפּלעקונגען פון פאַרביסה־דיקן ווילדעווען".

לענין איז דער געניאַלער אָנפירער פון דער פּאַרטיי באָלשע־וויקעס, דער פירער און לערער פונעם אַרבעטער־קלאַס. ער איז אַ פירער פון אַ נייעם טיפּ — אַ פּשוטער און באַשיידענער, ענג פאַר־בינדן מיט די מאַסן דורך טויזנטער פעדעם, אַ פירער פון נייע מאַסן — פּשוטע און געוויינלעכע טיפּסטע „אונטערשטע שיכטן" פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צום קאַמף פאַר זייער באַ־פרייונג. און אין דער זעלבער צייט איז ער דער גרעסטער געני פון אַלע צייטן און פעלקער, אַ געני, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַלע אוצ־רות פון מענטשלעכן וויסן און קולטור, וואָס באַהערשט פולקאָם דאָס אַלץ באַזיגנדיקע געווער פונעם פּראָלעטאַריאַט — דעם רעוואָלוציאָ־נערן מאַרקסיזם.

זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין געביט פון איבערגע־שטאַלטיקן די מענטשלעכע געזעלשאַפט, האָט לענין געבויט אויף דער גראַניט־באַזע פון מאַרקסיזם. ער האָט באַהערשט דעם גאַנצן אוצר פון מאַרקסיזם. „לענין איז געווען און בלייבט, האָט געזאָגט דער חבר סטאַלין, — דער טרייעסטער און קאָנסעקווענטסטער שי־לער פון מאַרקסן און ענגעלסן, וואָס שטיצט זיך אינגאַנצן אויף די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם".

מיט קאָלאָסאַלער ליבע האָט זיך לענין באַצויגן צו יעדן וואָרט און צו יעדן געדאַנק פון די גרונט־לייגער פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָ־מוניזם. מיט גרויסער קראַפט און ליידנשאַפט האָט ער געשטעמפּלט די יעניקע, וואָס האָבן געפּרוּווט פרוּוודיקן „פרייהייט פון קריטיק" בנוגע דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און דורכשלעפּן אויף אַזאַ אופן די בורזשואַזע אידעען. ער האָט אָן רחמנות דעמאַסקירט די אַלע, וואָס האָבן מיטן מויל געשוווירן טרייהייט מאַרקסן און ענגעלסן, און פאַקטיש האָבן זיי פאַראַטן דעם מאַרקסיזם. לענין האָט פאַרטיידיקט און אויפגעשטעלט די ווירקלעכע אָנשויונגען פון מאַרקסן און ענ־

געלסן. ער האָט אָפּגערייניקט דעם מאַרקסיזם פון פאַרשידענערליי אָפּאָרטוניסטישע פאַרקריפּלונגען.

באַגלייך דערמיט, האָט לענין פיל מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דער מאַרקסיזם, — דאָס איז נישט קיין דאָגמע, נאָר אַ ריכטליניע פאַר דער טעטיקייט, אַז די מאַרקסיסטישע טעאָריע דאַרף מען באַוועגן פאָרויס, אַנטוויקלען זי אין אַלע ריכטונגען. ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז „מע דאַרף זעלבשטענדיק פאַנאַנדעראַרבעטן מאַרקס טעאָריע, ווייל די דאָזיקע טעאָריע גיט בלויז אַלגעמיינע אָנפירנדיקע פּרינציפּן, וואָס ווערן אָנגעווענדט בפרט צו ענגלאַנד אַנדערש, ווי צו פראַנקרייך, צו פראַנקרייך אַנדערש, ווי צו דייטשלאַנד, צו דייטשלאַנד אַנדערש, ווי צו רוסלאַנד". מע טאָר נישט פאַרטיידיקן די אַלטע באַשלוסן פונעם מאַרקסיזם, האָט ער געלערנט, ווען די סיטואַציע האָט זיך געענדערט און פאָדערט נייע באַשלוסן. מע דאַרף זיך קענען באַנוצן מיט די מעטאָדן פון מאַרקסיסטישער פאָרשונג צו אַנאַליזירן די נייע היסטאָרישע באַדינגונגען, די נייע סיטואַציע.

און לענין — דער קאָריפיי פון וויסנשאַפט, דער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער פון מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק — האָט שרעקלאָז געבראָכן די אַלטע און אָפּגעלעבטע אָנשויונגען, האָט אַרויסגערוקט און געלייזט נייע פראַגן, וועלכע דאָס לעבן האָט געשטעלט.

עס איז נישטאָ קיין איין געביט אין דער וויסנשאַפט און אין דער פּראַקטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פונעם אַרבעטערקלאַס פאַר זיין באַפרייונג — עס איז נישטאָ קיין איין געביט אַזאַ, וועלכן לענין זאָל נישט האָבן באַרייכערט מיט די גרעסטע אידעען. מע קאָן נישט אָנרופן קיין איין מער אָדער ווייניקער גרויסע געשעעניש אינעם לעבן פון די פעלקער אין סוף XIX און אינעם ערשטן פערטל XX יאָרהונדערט, קיין איין מער אָדער ווייניקער דערשיינונג אין געביט פון וויסנשאַפט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטער-מאַסן, וועלכע זאָלן נישט האָבן באַקומען קיין גענויע באַלייכטונג אין לענינס ווערק.

לענין האָט באַרייכערט דעם אידעישן אוצר פונעם מאַרקסיזם אויפן גרונט פון דער דערפאַרונג פון דער נייער עפּאָכע. לענין האָט אַנטוויקלט דעם מאַרקסיזם ווייטער, אויפגעהויבן אים אויף אַ נייע, העכערער

ש ט ו פ ע. ער איז דער שעפער פונעם לעניניזם. חבר סטאַלין האָט געגעבן אַ קלאַסישע דעפיניציע פונעם לעניניזם: „לעניניזם דאָס איז מאַרקסיזם פון דער עפאָכע פון אימפעריאַליזם און פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע בכלל, די טעאָריע און די טאַקטיק פון דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט באַזונדערס". חבר סטאַלין האָט באַוויזן די איינהייט און די קאָנטינויִטעט פון מאַרקס און לענינס לערע, האָט געניאַל באַלויכטן דאָס נייע, וואָס לענין האָט אַריינגעטראָגן אינעם אידעישן אוצר פונעם מאַרקסיזם.

לענינס לערע איז אַ לייכט-טורעם, וואָס באַלייכט דעם וועג פונעם זיגרייכן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע פאַר זייער באַפרייונג. האָבנדיק באַהערשט די מאַסן, זיינען לענינס אידעען געוואָרן אַ גרויסע קראַפט פון איבערגעשטאַלטן די געזעלשאַפט אויף די יסודות פונעם סאָציאַליזם. דער לעניניזם — דאָס איז די פאָן פון מיליאָנען פראָלעטאַריער און אַרבעטנדיקע אין גאָר דער וועלט.

לענין איז געווען אַ טרייער זון פונעם רוסישן פאָלק. ער איז געווען פול מיטן געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ פאַרן פאָלק, וואָס האָט געשאַפן אַ מעכטיקע, לעבנספעיקע מלוכה, האָט זי פאַרטיידיקט אין דורות-לאַנגן קאַמף קעגן פרעמדלענדישע פאַרכאַפער. האָט געשאַפן אַ רייכע, בליענדיקע קולטור, אַ פראָגרעסיווע וויסנשאַפט און קונסט. לענין איז געווען פול מיט געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ פאַרן רוסישן פאָלק, וואָס האָט אויסגעטיילט פון זיך דעם רעוואָלוציאָנערסטן אַרבעטער-קלאַס אין דער וועלט, וואָס האָט דערצויגן אין זיך דעם טיפסטן האַס צו יעדן מין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, וואָס האָט געשאַפן די ערשטע אין דער וועלט סאָציאַליסטישע מלוכה — דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן, וואָס באַזירט זיך אויף דער ברידערלעכער מיטאַרבעט פון אַלע פעלקער.

האַלטנדיק זיך ביי לענינס לערע, האָט די באָלשעוויסטישע פאַרטיי באַהעפט אירע רייען, האָט אויפגעהויבן דעם אַרבעטער-קלאַס און דאָס פויערטום צום קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דעם קאַפיטאַליזם. אונטער לענינס פאָן איז דער אַרבעטער-קלאַס פון אונדזער לאַנד געגאַנגען שטורעמען די פעסטונגען פונעם קאַפיטאַל און האָט געזיגט אין די שלאַכטן פאַר דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אונטער לענינס פאָן האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק גראָמירט און פאַרניכטעט די חילות פון ווייסגוואַרדייער און אינטערווענטן אין די יאָרן פונעם בירגער-קריג. מיט לע-

נינם נאָמען זיינען פאַרבונדן די זיגן פונעם סאָוועטישן פאָלק אויף אַלע קאַמפּס־פראָנטן — אויפן מיליטערישן, ווירטשאַפטלעכן, דיפּלאָמאַטישן, קולטורעלן. מיט לענינס נאָמען איז פאַרבונדן די שאַפונג און פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטישער מלוכה, די שאַפונג און פאַרווירקלעכונג פון גרויסן פּלאַן פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם ביי אונדז אין לאַנד. מיט זיין נאָמען גייען די אַרבעטנדיקע פון פעסער צו די לייכטנדיקע הייכן פונעם קאָמוניזם, בייקומענדיק אויף זייער וועג אַלע שטערונגען און אָפּשליידערנדיק אַלע שונאים פונעם סאָציאַליזם.

דאָס לעבן, די טעטיקייט און די גרויסע ווערק לענינס לערנען אונדז דערפאָלגרייך צו קעמפן פאַרן קאָמוניזם. „געדענקט, האָט ליב, שטודירט איליטשן, אונדזער לערער, אונדזער פירער", — רופט חבר סטאַלין. חבר סטאַלין לערנט אונדז „עצה האַלטן זיך" מיט לענינען, ווענדן זיך צו אים ביים לייזן גרויסע און קליינע פראַגן.

אַ גרויסע געשטאַלט פון אַ טוער פון לענינישן טיפּ האָט געשילדערט חבר סטאַלין אין זיין אַרויסטרעטונג אויף דער פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג פון די וויילער דעם 11 דעצעמבער 1937 יאָר.

דאָס פאָלק דאַרף פאָדערן פון זיינע דעפּוטאַטן, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, „אַז זיי זאָלן בלייבן אויפן פּאָסטן פון פּאָליטישע טוער פונעם לענינישן טיפּ, אַז זיי זאָלן זיין אויך אַזעלכע קלאָרע און פּעסטע טוער, ווי לענין, אַז זיי זאָלן זיין אויך אַזוי שרעקלאָז אין שלאַכט און אַנרחמנותדיק צו די שונאים פון פאָלק, ווי עס איז געווען לענין, אַז זיי זאָלן זיין פריי פון יעטוועדער פּאַניק, פון יעטוועדן סימן פון פּאַניק, ווען די זאַך הייבט אָן ווערן קאָמפּליצירט און אויפן האָריזאָנט מערקט זיך אָן עפּעס אַ געפאַר, אַז זיי זאָלן זיין אויך אַזוי פריי פון יעטוועדן סימן פון פּאַניק, ווי ס'איז פריי געווען לענין, אַז זיי זאָלן אויך זיין אַזוי קלוג און נישט איילִיק ביים לייזן קאָמפּליצירטע פראַגן, וווּ עס איז נייטיק אַן אַלזייטיקע אָריענטאַציע און אַן אַלזייטיקער דיסקאָנט פון אַלע פּלוסן און מינוסן, ווי עס איז געווען לענין, אַז זיי זאָלן זיין אויך אַזוי אמתדיק און ערלעך, ווי ס'איז געווען לענין, אַז זיי זאָלן אויך אַזוי ליב האָבן זייער פאָלק, ווי ס'האָט עס ליב געהאַט לענין".

אונדזער רומפולע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען בירושה פון לענינען זיין געניאַלע לערע, זיין מעכטיקן, אומבאַזיגבאַרן ווילן, זיין הייסע ליבע צום פאָלק. מיר האָבן געזיגט אַדאַנק דער טרייהייט צו לענינס זאַך, צום לעניניזם!

לעגינס נאָמען, זיינע מעשים און זיין לערע וועלן איבערלעבן יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער.

לעגינס אידעען האָבן באַקומען אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג אין גאַנצן פאַרבאַנד סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, אין דער העלדישער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, אין די ווערק און אין דער טעטיקייט פון לעגינס גרויסן מיטקעמפער, דעם טרייען פאָרזיצער פון זיין זאַך — חבר סטאַלין.

לענין לעבט אין די מוחות און אין די הערצער פון די אַרבעטנדיקע פון פּסטר און פון די אונטערגעדריקטע פון גאַר דער וועלט. לעגינס נאָמען קלינגט פאַרן אַרבעטער-קלאַס און פאַר די אַרבעטנדיקע פון גאַר דער וועלט ווי אַ פלאַמיקער רוף צום אַנבאַרעמדיקן קאַמף קעגן די אונטערדריקער, פאַר אַ פרייע, גליקלעכע לעבן, פאַרן קאָמוניזם.

אין די טעג פון גרויזאַמע ניסיונות, ווען אונדזער היימלאַנד פירט אַ טויט-געראַנגל מיטן רויבערישן היטלערישן אימפּעריאַליזם, באַגייסטערט די גרויסע מוטיקע געשטאַלט פון לעגינען די העלדישע פעלקער פונעם סאָוויעטנפאַרבאַנד צו אומשטערבלעכע העלדנטאַטן פאַר דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. דאָס גאַנצע סאָוויעטישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן צו דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן די דייטשיש-פאַשיסטישע פאַרכאַפּער, וואָס זיינען פאַרעטעריש אָנגעפאַלן אויף אונדזער פרידלעך לאַנד. אונטער לעגינס פאָן, אונטער דער אָנפירונג פונעם גרויסן סטאַלין, פאַרטיידיקט דאָס סאָוויעטישע פאָלק מיט לייב-און-לעבן זיין היימלאַנד קעגן די פרעמדלענדישע האָרדעס, עס פאַרטיידיקט די דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, די סאָציאַליסטישע קולטור.

דורות סאָוויעטישע העלדן זיינען אויפגעצויגן און דערצויגן געוואָרן אויף לעגינס אַלץ-באַזיגנדיקע אידעען, זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט זיין גרויסן גייסט. גייענדיק אויף אומשטערבלעכע העלדנטאַטן, אויף העלדישע אויפטוען אין דער פאָטערלענדישער מלחמה, טראָגן אין זייער האַרצן מיליאָנען זין און טעכטער פונעם סאָוויעטישן פאָלק, מסירת-נפשדיק איבערגעגעבענע זייער מוטער — דעם היימלאַנד — די געשטאַלטן פונעם גרויסן לענין.

לעגינס זאַך איז אומבאַזיגבאַר!

באַמערקטע דרוק-פעלערן

זייט	שורה	איז	דאַרף זיין
109	8 פון אויבן	פּאַטריי-מיטגלידערשאַפט	פּאַרטיי-מיטגלידערשאַפט
123	אין דער הערה	לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 833	לענין. ווערק, ב. VIII, ז. 384
221	4 פון אונטן	דעם 1(4) אַפּריל	דעם 1(14) אַפּריל